STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05377

SPARTAKUS

Howard Fast

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

האַוואַרד פֿאַסט

ספּאַרטאַקוס



יידיש: פּ. קאַץ

פֿאַרלאַג איקוף
בוענאָס איירעס

IMPRESO EN LA ARGENTINA — PRINTED IN ARGENTINA
Hecho el Depósito que marca la ley

HOWARD FAST

ESPARTACO

NOVELA

Trad.: P. KATZ

★

Editorial "ICUF"
BUENOS AIRES, 1955

* *
*

די אויסערגעוויינלעכע פּאָפּולאַריטעט פון האָוואַרד פאַסט און זיַין „ספּאַרטאַקוס", און דער ספּעציעלער פאָרוואָרט פון דעם מעכאַבער גופא פאַרשפּאָרן אונדז אונטערצושטרייַכן די וויכטיקייט פון דער דאָזיקער ייִדישער אויסגאַבע פון דעם וועלט־באַרימטן בוך. מיר ווילן נאָר צוגעבן, אַז „ספּאַרטאַקוס" האָט געליטן פון דעם טעראָר וואָס דער פּעראָניסטישער רעזשים האָט אָנגעווענדעט באַ אונדז אין לאַנד קעגן פּראָגרעסיווע ביכער, פאַרלאַגן און דרוקערייַען, און צוליב דעם האָט דאָס בוך אַ לאַנגע צייַט ניט געקענט דערשייַנען, אַ סימען, אַז אַזוי ווי אין די רוימישע צייַטן, שרעקט נאָך אַלץ די טיראַנען דער רעוואָלטירנדיקער גייַסט פון ספּאַרטאַקוסן... אָבער, ווי זאָגט פאַסט אין זיַין פאָרוואָרט: „טיראַניע קען קיינמאָל ניט טריומפירן זייער לאַנג". און אָט איז „ספּאַרטאַקוס" ענדלעך דערשינען. זאָל דאָס פאַרצייכנט ווערן ווי נאָך אַ דערגרייכונג פון אונדזער אַקשאָנעסדיקן קאַמף און פון דער פאַרלעגערישער טעטיקייט פון „איקוף", וואָס דער לייענער וועט זיכער וויסן ווי אָפּצושאַצן.

באַ דער געלעגנהייט האַלטן מיר אויך פאַר אונדזער כּיוו אויסצודריקן דאַנק און אָנערקענונג דעם מעכאַבער, האָוואַרד פאַסט, פאַר זיַין פריַינטלעכן איבערגעבן אין אונדזערע הענט די רעכט אַרויסצוגעבן דאָס ווערטפולע בוך אין ייִדיש; דעם כּי פּיניע קאַץ — פאַר זיַין, ווי שטענדיק, ערנהאַפטער איבערזעצונג, און דעם פריַינט כאַיִם ראָזענוואַסער — פאַר זיַין מאַטעריעלן בייַטראָג צו דער אויסגאַבע.

פאַרלאַג „איקוף"

דאָס בוך דערשײַנט מיט דער מיטהילף פֿון פֿרײַנט

כאַים ראָזענוואַסער

צום אָנדענק פֿון זײַן פֿאַרשטאָרבענער פֿרוי

ליבע פֿראַווער דע ראָזענוואַסער

אָנשטאָט אַ מאַצײווע — אַ ציגל אין אונדזער
ייִדישן קולטור־בנין.



פֿאָרוואָרט פּון מעכאַבער צו דער ייִדישער אויסגאַבע פּון „ספּאַרטאַקוס"

עס פאַרשאַפט מיר אַ באַזונדערע באַפרידיקונג צו זען מײַן ראָמאַן „ספּאַרטאַקוס" אין אַ ייִדישער איבערזעצונג, ניט נאָר דערפאַר, ווײַל די ייִדישע שפּראַך איז מיר טײַער און נאָענט, נאָר ווײַל איך פיל אין אַ געוויסן זינען, אַז „ספּאַרטאַקוס" איז דאָס בעסטע און וויכטיקסטע פון מײַנע ביכער.

לאָמיר אײַך דערציילן, ווי „ספּאַרטאַקוס" איז געשאַפן געוואָרן. איך האָב אים אָנגעהויבן שרײַבן אין אַ קורצער צײַט נאָך מײַן באַפרײַונג פון טורמע, אין 1950, אָבער איך האָב שוין געהאַט אויסגעפאָרמירט בײַ זיך אין קאָפּ גרויסע טיילן פון אים אין די שטונדן פון שווערער אַרבעט אַלס פּאָליטישער געפאַנגענער. מײַן געדאַנק און מײַן האָפענונג איז געווען צו געבן אַ בײַשפּיל פון קלאַס־אונטערדריקונג דורך דער גאַנצער געשיכטע פון קלאַסן, און זוכנדיק ווי אײַנצופאַסן די געשיכטע, האָב איך אויסגעקליבן דעם פאַרצײַטיקן רויִם אַלס פּיליַכט דעם פּאַסיקסטן אָרט, ספּאַרטאַקוסן אַלס דעם נאָבלסטן פירער פון די אונטערדריקטע און דעם ייִדן, דאָוויד, אַלס סימבאָל פון די אומצאָליקע מוטיקע און ערלעכע ייִדישע מענטשן, וואָס האָבן געקעמפט און קעמפן פאַר פּאָליטישער גערעכטיקייט. ס'איז ניט געווען גרינג צו שרײַבן אַזאַ בוך, און ווי אַ סאַך פון די אַנדערע ביכער, וואָס כ'האָב אָנגעשריבן, איז דער פאַרענדיקטער פּראָדוקט אַרויסגעקומען שוואַכער ווי דער אָריגינעלער געדאַנק. ס'האָט זײַנע פעלערן, זײַנע שוואַכקייטן, — אָבער דאָך איז עס אַ בוך, וואָס האָט אויפגערודערט מענטשן מער, איידער כ'האָב געקענט האָפן.

ווי איך זאָג אין דער ווידמונג פון בוך צו מײַנע קינדער, האָב איך עס געשריבן, קעדיי מענטשן, וואָס וועלן עס לייענען, זאָלן באַקומען האָפענונג און אינספּיראַציע פון געשעענישן פון דער לאַנגער פאַרגאַנגענהייט, — און דערהויפּט, אַז מענטשן זאָלן אַ ביסל בעסער פאַרשטיין די אומאונטערגעבראָכנקייט פון דעם קאַמף קעגן אונטערדריקונג, — דעם קאַמף וואָס האָט געמאַכט דעם מענטשן נאָבעלער

און רײנער, אײדער יעדער אַנדער מין קאַמף, און װאָס װעט דערמאָנט און געאַכטעט װערן אין אַ קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט אין די אומצאָליקע קומענדיקע דורות.

דער דערפאָלג פון דעם בוך האָט איבערגעשטיגן מײַנע גרעסטע דערװאַרטונגען. אין די פאַראײניקטע שטאַטן, װוּ איך האָב געמוזט אַלײן אַרױסגעבן דעם בוך, װײַל קײן שום קאָמערציעלער פאַרלאַג האָט זיך ניט דערװעגט אים צו פאַרעפנטלעכן, איז דאָס בוך אין ענגליש געװאָרן אַ „בעסט־סעלער״; און נאָכדעם איז עס איבערגעזעצט געװאָרן אין שפּראַך נאָך שפּראַך, אין רוסיש, פראַנצױזיש, כינעזיש, בענגאַליש, אונגאַריש, פּויליש, — בעסאַכאַקל, גלײב איך, אין איבער דרײַסיק שפּראַכן. ס'איז שוין אױך אַרױס אין העברעיִש און איצט דערשײַנט עס אין ײִדיש.

װי שטאָלץ און צופרידן איך בין דערמיט קען איך קוים אַרױסזאָגן. איך האָף, אַז די דאָזיקע איבערזעצונג װעט געלײענט װערן פון טױזנטער ײִדן איבער גאָר דער װעלט, און אַז דורך דעם לײענען װעלן זײ באַגרײַפן אַפּסנײַ, װי גוט און געטרײַ ײִדן צוזאַמען מיט אַנדערע האָבן געקעמפט פאַר דער פרײַהײט פון אַלע מענטשן.

מיר לעבן איצט דורך שװערע צײַטן אין מײַן אײגן לאַנד. פון אַ לאַנד פון פרײַהײט און האָפענונג איז עס געװאָרן אַ לאַנד פון מוירע און טעראָר, אַ לאַנד װוּ אָליגאַרכן און מאַסרים הערשן בעיאַד רמאָ, — אַ לאַנד, װוּ מענטשן היטן זיך מיט אַ װאָרט, װאָרעם מען באַצאָלט טײַער פאַר אַן אָפנהאַרציקער מײנונג. איך גלײב אָבער, אַז איר װעט אין דעם בוך געפינען אָפנהאַרציקע רײד און אױך אַ באַװײַז, אַז טיראַניע — אַן אַלטע, אַלטע זאַך — קען קײנמאָל ניט טריומפירן זײער לאַנג.

האָװאַרד פאַסט

ניו־יאָרק 1954.

דאָס בוך איז פֿאַר מײַן טאָכטער, ראָכל, און פֿאַר מײַן זון, יאָנאַטאַן. ס׳איז אַ געשיכטע וועגן מוטיקע מענער און פֿרויען, וואָס האָבן געלעבט מיט יאָרן לאַנג צוריק, נאָר זייערע נעמען זײַנען ביז הײַנט ניט פֿאַרגעסן. די העלדן פֿון דער געשיכטע האָבן הויך געהאַלטן דעם מענטשלעכן אידעאַל פֿון פֿרײַהייט און ווירדע און האָבן געלעבט אַ ריין און אָרנטלעך לעבן. דאָס בוך האָב איך געשריבן קעדיי זיי — מײַנע און אַנדערע קינדער — זאָלן עס לייענען און ציִען דערפֿון קויעך פֿאַר אונדזער שטורמישער צוקונפֿט און פֿאַר דעם קאַמף קעגן אונטערדריקונג און אומרעכט, אַזוי אַז ספּאַרטאַקוסעס כּאָלעם זאָל מעגלעך ווערן אין אונדזער צײַט.

די דאָזיקע געשיכטע הייבט זיך אָן אין יאָר 71
פאַר קריסטוסן.

ערשטע טייל

וויאַזוי קאַיוס קראַסוס איז געפאָרן איבערן וועג צווישן רוים און קאַפּוּאַ, אינעם כוידעש מײַ

I

ס'איז פעסטגעשטעלט, אַז בעערעך נאָך אינעם כוידעש מאַרץ איז שוין ווידער פרײַ געווען דער וועג, וואָס גייט פון דער אייביקער שטאָט, רוים, צו דער שטאָט קאַפּוּאַ, וואָס איז אַפילע ניט אַזוי גרויס ווי רוים, אָבער אויך אַזוי שיין. דאָס מיינט ניט, פאַרשטייט זיך, אַז דער פאַרקער אַף דעם וועג זאָל שוין דעמאָלט געווען זײַן רעגולער אײַנגעשטעלט. ווארעם אין דער עמעסן איז אין די לעצטע פיר יאָר ניט געווען קיין איין וועג אין דער רע־פּובליק, וואָס זאָל פרײַ זײַן פאַר אַ פרידלעכן און פּראָקטיקן פאַרקער פון מענטשן און האַנדל, ווי עס איז געווען צו דערוואַרטן פון אַ רוימישן וועג. ווו מער, ווו ווייניקער, זײַנען נאָך אומעטום פאַרגעקומען אומרוען און עס איז גאַרניט אַזוי פאַלש צו זאָגן, אַז דער וועג צווישן רוים און קאַפּוּאַ איז געווען דער קענצייכן פון די דאָזיקע אומרוען. מען פלעגט זאָגן — און מיט רעכט — אַזוי ווי עס גייט אַף די וועגן, אַזוי גייט עס אין רוים; האָט געהערשט רו און גליק אַף די וועגן, האָט דאָס אייגענע געהערשט אויך אין שטאָט.

ווו נאָר מען האָט געשטעלט אַ פוס אין רוים, האָט מען געזען אַפּישן אויפגעקלעפּט, אַז בירגער וואָס האָבן געשעפטן אין קאַפּוּאַ קענען אַהין פאָרן, נאָר ניט ראַטזאַם איז דערווײַל צו מאַכן אַהין לוסט־רײַזעס. מיט דער צײַט, פונדעסטוועגן, וואָס ווײַטער דער ליבער שטילער פרילינג האָט זיך אויסגע־שפּרייט איבער דער איטאַליענישער ערד, האָט מען זיך אויפגעהערט האַלטן בײַ די באַשרענקונגען און די פּרעכטיקע קאַפּוער לאַנדשאַפטן האָבן צו זיך געצויגן די רוימער.

אַכוץ דער נאַטירלעכער צוציִונגס־קראַפט פון קאַמפּאַניער פעלדער, האָבן די ליבהאָבער פון גוטן פאַרפום, ניט געקוקט אַף די דאָרטיקע איבערגעטריבן הויכע פרײַזן, געפונען אין קאַפּוּאַ דאָס פאַרווײַלנדיקע אינאיינעם מיט דעם נוצלעכן. געווען זײַנען דאָרט די גרעסטע פאַרפום־ פאַבריקן, וואָס האָבן צו זיך קיין גלײַכן ניט געהאַט אין דער גאַרער וועלט; קיין קאַפּוּאַ פלעגט מען

פירן די זעלטנסטע געווירצן און זאַלבן, די פײַנסטע בסאָמים, רויזן־אייל פון מיצרײַם, ליליען־פאַרפומען אויסן לאַנד פון דער מאַלקע שוואָ, מאַנ־בלומען פונעם גאָליל, גרויען בורשטין־אייל, זאַלבן פון ציטרינען־ און אָראַנזשן־שאָלעכץ, שאַלפיי־בלעטער און מיאַטע, רויזנבוים און סאַנדלבוים, און אַזוי אָן אַ שיר. אין קאַפואַ האָט מען געקענט קויפן די פאַרפומען קימאַט פאַר העלפט פרײַז ווי מען פלעגט פאַר זיי צאָלן אין רוים, און ווען מען נעמט אין אַכט ווי פאַרשפרייט עס איז דעמאָלט געווען דער געברויך פון פאַרפומען צווישן מענער ווי צווישן פרויען — ווי אויך די באַדערפעניש דערין — קען מען זיך פאָרשטעלן אַ רײַזע קיין קאַפואַ צוליב דער איינער זאַך.

II

דער וועג איז פרײַ געוואָרן אין כוידעש מאַרץ און מיט צוויי כאַדאָשים שפעטער, שוין אין מײַ, האָט קאַיוס קראַסוס, מיט זײַן שוועסטער העלענע און איר כאַווערטע קלאַודיאַ מאַריאַ, זיך פאָרגענומען צו פאַרברענגען אַ וואָך מיט קאַפוער קרויווים.

פון רוים זײַנען זיי אַרויסגעפאָרן אינעם פרימאָרגן פון אַ ליכטיקן, לויטערן און קילן טאָג, אַן אויסגעצייכנטער טאָג פאַר רײַזעס. און אַזוי ווי געווען זײַנען זיי אַלע דרײַ יונג, האָבן זיי מיט צעגלאַנצטע אויגן פאַרגעפילט דעם פאַרגעניגן פון דער רײַזע און פון די אַוואַנטורעס וואָס זיי וועלן זיכער האָבן אין וועג. קאַיוס קראַסוס, אַ פינף און צוואַנציק־יעריקער באָכער, מיט טונקעלע האָר, וואָס זײַנען אים געפאַלן אין ווייכע גערינגלטע לאָקן, און מיט פערפעקטע פּאָנעם־שטריכן, וואָס האָבן אים צוגעגעבן דעם אויסזען פון אַ סימפּאַטישן און וווּיל־דערצויגענעם יונגנמאַן, איז געריטן אויף אַ ווײַסן אַראַבישן פערד, דעם פאָטערס אַ געשאַנק צו זײַן פאַראַיאָריקן געבורטסטאָג, און די צוויי מיידלעך האָבן די רײַזע געמאַכט אין אָפענע טראָג־בעטלעך. יעדער בעטל האָבן געטראָגן פיר שקלאַפן, ספעציעל אויסגעשולטע פאַר די וועגן, זיי האָבן געקענט מאַכן פופצן קילאָמעטער מיט געמאָסטענעם שפאַן אָן אָפרו. זיי האָבן גערעכנט זײַן פינף טעג אין וועג, און אויף באַנאַכט זיך אָפשטעלן אויף איבערנעכטיקן אין אַ ווילע פון דעם אָדער יענעם קאָרעוו. אַזוי אַרום זאָלן זיי מיט לײַכטע און אָנגענעמע עטאַפן צוקומען ביז קאַפואַ. איידער זיי זײַנען אַרויסגעפאָרן האָבן זיי געוווּסט, אַז דער וועג איז באַצייכנט מיט די קענצייכנס פון טויט־שטראָף, נאָר זיי האָבן זיך געטראַכט, אַז דאָס וועט זיי צום האַרצן ניט דערגיין. דעם עמעס געזאָגט, איז דער געמיט באַ די מיידלעך געווען היפש גערייצט פון אַלץ וואָס מען האָט זיי אָנדערציילט, און וואָס שײַעך קאַיוסן, פלעגט ער אין אָנבליק פון אַזוינע סצענעס באַקומען יעיצערהאָרעדיקע געדאַנקען, שטאָלץ ווערן אויף זײַן מאָגן און אויך דערויף וואָס די דאָזיקע זאַכן רירן אים ניט צו שטאַרק.

— נאָך אַלעמען — האָט ער זיך דעמאָלט אויסגעדריקט פאַר די מיידלעך — איז בעסער צו קוקן אויף אַ קרייץ איידער צו הענגען אויף אים.

— מיר וועלן קוקן פאַר זיך, — האָט העלענע געזאָגט.

זי איז געווען שענער פון קלאַוודיען. קלאַוודיאַ איז געווען אַ בלאָנדע, נאָר אַ נאַכלעסיקע, מיט אַ בלייכן פּאָנעם און אָפּגעקראָכענע אויגן. זי האָט ליב געהאַט צו מאַכן אַ מינע פון פאַרמאַטערטקייט. איר קערפּער איז געווען פול און רייצנדיק, נאָר אין קאַיוסעס אויגן גענוג נאַריש, און ער האָט זיך געפרעגט וואָס אַזוינס האָט זײַן שוועסטער אין איר דערזען. און אָף אָט דער פראַגע איז ער אַנטשלאָסן געווען צו געפינען אַ באַשייד בעיס דער רײַזע. נאָך פריִער האָט ער זיך באַ געוויסע געלעגנהייטן פאָרגענומען זײַן שוועסטערס כאַווערטע צו פאַרפירן, נאָר ער פלעגט זיך שטענדיק אָפּלאָזן פון דעם געדאַנק, ווי נאָר ער פלעגט זיך אָנשלאָגן אַף איר נאַכלעסיקער גלײַכגילטיקייט, וואָס זי פלעגט אַרויסווײַזן ניט נאָר צו אים, נאָר צו יעדן איינעם. אַ ניט גערנדיקע איז זי געווען און קאַיוס איז זיכער געווען, אַז נאָר איר לאַנגווײַליקייט האָט זי אויסגעהיט פון צו זײַן אינגאַנצן אומדערטרעגלעך. זײַן שוועסטער איז עפּעס אַנדערש. זי רייצט אים ביז פאַרלוירנקייט; זי איז אַזוי הויך ווי ער, מיט איר אויסזען געראָטן אין אים, שענער, ווען דאָס וואָלט מעגלעך געווען, און מענער וואָס פלעגן באָטל ווערן פאַר איר פעסטקייט און אַנטשלאָסנקייט, האָבן זי געהאַלטן פאַר אַ שיינהייט. זײַן שוועסטער רייצט אים, און ער האָט די געוויסקייט, אַז בעיס ער האָט געפּלאַנעוועט די רײַזע, האָט ער גערעכנט די גערייצטקייט צו לייזן. זײַן שוועסטער מיט קלאַוודיען האָבן צוגעטראַכט מאָדנע, נאָר גאַנץ צופרידנשטעלנדיקע קאָמבינאַציעס, און קאַיוס האָט געוואַרט אַף די אינצידענטן וואָס דאַרפן אים באַלוינען פאַר דער רײַזע.

עטלעכע מײַל הינטער רוים האָבן זיך גענומען ווײַזן די קענצייכנס פון דער שטראָף. געווען איז דאָרט אַן אָרט, ווו דער וועג האָט דורכגעשניטן אַ ניט־באַאַרבעט פעלד, פול מיט זאַמד און שטיינער, עטלעכע אַקער לאַנד די לענג. דער מענטש, וואָס אים האָט מען איבערגעגעבן צו מאַכן אָט די אויסשטעלונג, האָט מיט דעם פולן באַוווסטזײַן פון דער ווירקונג וואָס זי דאַרף מאַכן, אויסגעקליבן דאָס אָרט דאָ אַוועקצושטעלן דעם ערשטן קרייץ. דער ציילעם איז געמאַכט געווען פון פרישן סאָסנע־האָלץ, וואָס האָט געטריפט מיט סמאָלע, און האָט זיך, אַ געשטרעקטער און אַן איינזאַמער, געהויבן פון הינטער דעם פלאַץ מיט זײַן אײַנגעפּאַלענעם באָדן, גלײַך אין הימל אַרײַן. געהויבן האָט ער זיך אַזוי הויך און אײַנדרוקספול — אַ גרעסערער ווי געוויינלעך, מאַכמעס דער ערשטער — אַז מען האָט אָנגעזען דעם נאַקעטן מענטשן, וואָס איז אַף אים געהאַנגען. געשטאַנען איז ער אַ ביסל אָנגעבויגן, ווי עס טרעפט אָפט מיט אַ צו גרויסן ציילעם, און דאָס האָט אים צוגעגעבן מאָדנע ווילדע אייגנשאַפטן. קאַיוס האָט זײַן פערד אײַנגעהאַלטן און האָט אים פאַרקירעוועט צום ציילעם. העלענע האָט מיט אַ לײַכטן שמייך פון איר עלעגאַנטן בײַטשל באַפוילן די שקלאַפן אים נאָכגיין מיט די טראָג־בעטלעך.

— קענען מיר אָפּרוען, אָ, האַרנטע, אָ, האַרנטע? — האָט אַ פליסטער געטאָן דער שקלאַף, וואָס האָט מאַרקירט די טרעגער־טריט, ווען זיי זײַנען

שטיין געבליבן פאַרן ציילעם. געווען איז ער אַ שפּאַניער און זײַן לאַטײַן איז געווען אַ ניט פּערפעקטער און אַ געהיטער.

— איך מיין אַזוי — האָט העלענע געזאָגט. זי איז אַלט געווען ניט מער ווי דרײַ און צוואַנציק יאָר, נאָר אַרויסגעוויזן האָט זי שוין אַ שטאַרקן כאַראַקטער, ווי אַלע פרויען פון איר פאַמיליע, און עס איז איר דערווידער געווען אומזיניקע גרויזאַמקייט צו כאַיעס, אַלצאיינס צי זיי זײַנען שקלאַפן אָדער בעהיימעס. די טרעגער האָבן פאַמעלעך אַראָפּגעשטעלט די בעטלעך און האָבן זיך דאַנקבאַרע אַוועקגעזעצט לעבן זיי אַף די שפּיץ־פינגער.

עטלעכע מעטער פאַר דעם קרייץ איז אַף אַ שטרויענעם שטול, אינעם שאָטן פון אַ געלאַטעטן ברעזענט, געזעסן אַ דיקער און גוטמוטיקער מענטש, פול מיט כשיוועס און אָרעמקייט. זײַן כשיוועס איז באַשטאַנען אין יעדן איינעם פון די עטלעכע גוידערס זײַנע און אין זײַן ריזיקן בויך, און זײַן אָרעמקייט, ניט פרײַ פון נאַכלעסיקייט, האָט זיך אַרויסגעוויזן פון זײַנע אויסגעריבענע און קויטיקע בגאָדים, פון זײַנע שוואַרצע נעגל און שטעכיקער באָרד. זײַן גוטמוטיקייט איז געווען די אָפּגעטראָגענע מאַסקע פון אַ פּראָפעסיאָנעלן פּאָליטיקער; שוין פון ערשטן אויגנבליק האָט מען געקענט מערקן, אַז ער האָט זיך יאָרן לאַנג געגערט פון אַן אָפּט צוגעוואָרפענער גאָב אינעם פאָרום, אינעם סענאָט אָדער אין די שטאָט־באַצירקן. איצט זיצט ער דאָ, איין שטאָפּל בלויז פון ווערן אַ בעטלער, מיט אַ ראַגאַזשע ערגעץ אין אַ העקדעש; נאָר זײַן קאָל לאָזט זיך הערן מיט דער קרעפטיקער באַריידעוודיקייט פון אַ מאַרק־שרײַער. ס'איז אַ מאַזל־זאַך, אַזוי ווי מילכאָמע, ווי ער האָט קלאָר געגעבן צו פאַרשטיין. טייל גליקט עס אָפּ און זיי טרעפן אָן אַף דער געווינענדיקער פּאַרטיי. אים איז שוין אַזוי באַשערט געווען שטענדיק אויסצוקלײַבן די פאַרשפּילטע. ווער ווייס דען ניט, אַז ביידע זײַנען אַלצאיינס. אָט אַזוי איז ער געקומען צו דעם אָרט, ווו ער געפינט זיך איצט. נאָר בעסערע מענטשן פון אים פאַסירט נאָך ערגערס.

— איר וועט מיר מוכל זײַן וואָס איך שטעל מיך ניט אויף, מײַן איידעלער האַר און מײַנע איידעלע דאַמען, נאָר דאָס האַרץ... דאָס האַרץ — האָט ער די האַנט אַוועקגעלייגט אַף זײַן גרויסן בויך אין דער געהעריקער געגנט. — איך זע איר זײַט פרײַ אַרויסגעפאָרן, און פרײַ האָט איר באַדאַרפט אַרויספאָרן, וואָרעם דאָס איז די ריכטיקע צײַט צו פאָרן. קאַפּוּאַ ?

— קאַפּוּאַ. — האָט קאַיוס געזאָגט.

— קאַפּוּאַ, פאַרשטייט זיך, אַ קישעפדיקע שטאָט, אַ ברילּיאַנטענע שטאָט. מיסטאָמע צו קרוווים ?

— געטראָפן. — ענטפערט קאַיוס. די מיידלעך שמייכלען. ער איז ליבלעך; ער איז אַ גרויסער פאַיאַץ. זײַן כשיוועס האָט אויסגערונען. גלײַכער שפּילן פאַר די יונגעלײַט דעם פאַיאַץ. קאַיוס האָט פאַרשטאַנען אַז דעם דאָזיקן מענטשנס באַנעמונג קער זיך אָן מיט געלט, נאָר דאָס האָט אים ניט געאַרט. וואָרעם מען האָט אים קיינמאָל ניט געקאַרגט קיין געלט אַף זײַנע באַדערפענישן און קאַפּריזן. דערצו נאָך האָט ער געוואָלט מאַכן אַן אײַנדרוק

אָף די מיידלעך אַלס מענטש פון דער העכערער געזעלשאַפט, און וואָס דאַרף ער נאָך בעסערס ווי אויסנוצן דערצו דעם געריבענעם גראָבן פּאַיאַץ?

— איר זעט אין מיר אַ וועגווײַזער, אַ געשיכטן־דערציילער, אַ ליפעראַנט פון פּיצלעך שטראָף און גערעכטיקייט. טוט דען אַ ריכטער עפּעס מער פון מיר? מער ניט, די סאָציאַלע לאַגע איז אַן אַנדערע. דאָך איז בעסער אַנצונעמען אַ דענאַריוס, מיט דער בושע וואָס דאָס באַטײַט, איידער בעטלען...

די מיידלעך האָבן די אויגן ניט געקענט אַראָפּנעמען פון דעם טויטן מענטשן, וואָס איז געהאַנגען אַפן קרייץ. אין דעם מאָמענט איז ער געהאַנגען פּונקט איבער זיי, אַ נאַקעטער, אַ שוואַרץ־געוואָרענער פון דער זון, אַ צעפּיקטער פון די פייגל, און זיי האָבן ניט אויפגעהערט וואַרפן אַף אים שנעלע בליקן. די ראָבן האָבן אַף דעם טויטן זיך געלערנט שנעל אַראָפּצופאַלן; די פליגן האָבן זיך אַף זײַן הויט אָנגעזעצט. פון דעם ווי ער איז הענגען געבליבן, אַן אָפּגעשפּאַרטער פונעם קרייץ, האָט זיך באַקומען דער אײַנדרוק ווי ער וואָלט געהאַלטן אינמיטן פאַלן, אין שטענדיקער באַוועגונג, דעם טויטס אַ גראָטעסקער זשעסט. דער קאָפּ איז געהאָנגען אַף פאָרויס און די האָר, לאַנגע און זאַמדיקע, האָבן פאַרשטעלט דאָס וואָס אַף זײַן פּנים האָט געקענט פאַרבלײַבן פון שרעק.

קאַיוס האָט דעם גראָבן מענטשן געגעבן אַ מאַטבייע; דער דאַנק איז ניט געווען גרעסער ווי דאָס וואָס די מאַטבייע האָט פאַרדינט. די בעטן־טרעגער זײַנען נאָך אַלץ געזעסן אַף די שפּיץ־פינגער, האָבן געשוויגן און די אויגן געהויבן צום קרייץ. דעם בליק האָבן זיי געהאַלטן אײַנגעשטאָכן אין דער ערד; זיי זײַנען היימיש געווען מיט דעם וועג און גוט אויסגעשולט.

— דער איז אַ סימבאָלישער, אַזוי צו זאָגן. — האָט דער דיקער מענטש אויפגעקלערט. — קוקט ניט אַף אים, מײַנע האַרן, ווי אַף עפּעס מענטשלעכס און שרעקלעכס. רוים גיט און רוים נעמט, און די שטראָף, מער ווייניקער, גלײַכט זיך מיט דעם פאַרברעכן. דער הענגט איינער אַליין און ציט אײַער אויפמערקזאַמקייט צו די ווײַטערדיקע. פון דאַנען ביז קאַפּואַ, ווייסט איר וויפל?

זיי האָבן אַליין געוווסט, נאָר געוואַרט האָבן זיי, ער זאָל זיי דאָס זאָגן. ער האָט אין זיך פאַרמאָגט אַ מין גענויקייט, דער דיקער און יוגנטלעך־פלינקער מענטש, וואָס האָט פאַר זיי געעפנט אַ טיר צום אומבאַשרײַבלעכן. ער איז געווען דער באַווײַז, אַז דאָ האַנדלט זיך ניט פון עפּעס אומבאַשרײַבלעכע זאַכן, נאָר פון געוויינלעכע און נאַטירלעכע. אָט וועט ער זיי באַלד זאָגן אַ גענויע ציפער. זי קען זיך זײַן אַ ניט ריכטיקע, נאָר אַ גענויע.

— זעקס טויזנט פיר הונדערט מיט צוויי און זיבעציק, — האָט ער געזאָגט.

טייל בעטן־טרעגער האָבן זיך רעג־געטאָן. ניט גערוט האָבן זיי, נאָר געזעסן פאַרשטײַפטע. וואָלט עמעצער אַף זיי אַ קוק געטאָן, וואָלט ער עס באַמערקט, נאָר קיינער האָט צו זיי ניט געקוקט.

— זעקס טויזנט פיר הונדערט מיט צוויי און זיבעציק, — האָט דער גראָבער איבערגעכאַזערט. קאַיוס האָט געמאַכט דערצו די געהעריקע באַ־

מערקונג: „אַ היפּש ביסל האַלץ!" העלענע האָט געוווּסט, אַז דאָס איז פאַזע, נאָר דער גראַבער האָט מיט אָנערקענונג אָנגעבויגן דעם קאָפּ. זיי האָבן זיך איינער דעם צווייטן פאַרשטאַנען. דער גראַבער האָט פון צווישן די פאַלדן פון זײַן טוניק אַרויסגענומען אַ שטעקן און האָט מיט אים געוויזן אויפן קרייץ.

— דער... איז ניט מער ווי אַ סימבאַל. אַ סימבאַל פון סימבאַלן, אַזוי צו זאָגן.

קלאַוודיאַ האָט געלאָזט פאַלן אַ נערוועזיש געלעכטערל.

— פונדעסטוועגן, מיט אַ זין און מיט אַ באַדײַטונג. דעריקער מיט אַ זין. דער זין איז רוים און רוים איז באַזינט. — ער האָט ליב געהאַט ריידן מיט גרונטזאַצן.

— דער איז ספּאַרטאַקוס? — האָט קלאַוודיאַ אַ פרעג געטאָן גלאַט אין דער וועלט אַרײַן. — דער דיקער מענטש איז געוועזן צו איר געדולדיק. דער אויפן ווי ער האָט זיך די ליפּן באַלעקט, האָט געוויזן, אַז זײַן פאָטער־לעכע באַנעמונג איז ניט פרײַ פון אָנטציקונג, און קאַיוס האָט אַ טראַכט געטאָן: „דו אַלטער באַלטײַווע!"

— שווער צו גלייבן ער זאָל זײַן ספּאַרטאַקוס, טײַערינקע.

— זײַן גוף האָט מען נאָך ביז איצט ניט געפונען, — האָט קאַיוס זיך אָנגערופן אַן אומגעדולדיקער.

— צעפּיצלט, — האָט באַמבאַסטיש געזאָגט דער דיקער — צעפּיצלט, טײַער מיידל. שוואַכע מויכעס פאַר אַזוינע ניט אָנגענעמע געדאַנקען, נאָר דאָס איז דער עמעס...

קלאַוודיאַ האָט אַ שוידער געטאָן, נאָר מיט האַנאָע, און קאַיוס האָט באַ איר אין די אויגן דערזען אַ גלאַנץ, וואָס ער האָט באַ איר ביז דעמאָלט נאָך ניט געהאַט געזען. „היט דיך פאַר די אויבנאויפיקע מיינונגען", האָט אים אַמאָל זײַן פאָטער געזאָגט, און כאָטש זײַן פאָטער האָט דעמאָלט דער־מיט אין זינען געהאַט אַ סאַך וויכטיקערע זאַכן ווי שאַצן אַ פרוי, איז די וואָרענונג איצט געווען אין פּלאַץ. קלאַוודיאַ האָט אַף אים קיינמאָל אַזוי ניט געקוקט ווי זי קוקט איצט אַף דעם דיקן מענטשן. און דער דיקער האָט ווײַטער גערעדט:

— ...דער פּאַשעטער עמעס פון דעם פאַל. און איצט זאָגט מען, אַז ספּאַרטאַקוס האָט גאָר קיינמאָל ניט געלעבט. אַך! איך לעב? איר לעבט? הענגען זיי אָדער זיי הענגען ניט, די זעקס טויזנט פיר הונדערט מיט צוויי און זיבעציק גופים אויפגעהאָנגענע אַף די צלאָמים פון דאַנען ביז קאַפּוא, לענגויס דער וויאַ אַפּיאַ? איך גלייב אַז יאָ. און, דערלויבט מיר, יונגעלײַט, אײַך צו שטעלן נאָך איין פראַגע... צו וואָס אַזויפיל? אַ קענצייכן פון שטראָף איז אַ קענצייכן פון שטראָף. אָבער, צו וואָס זעקס טויזנט פיר הונדערט מיט צוויי און זיבעציק?

— די הינט האָבן עס פאַרדינט — האָט העלענע שנעל געענטפערט.

— זיי האָבן עס פאַרדינט? — דער דיקער מענטש האָט לײַכט אויפ־געצויגן זײַנע סאַפּיסטישע ברעמען ווי די בויגנס. ער איז אַ מענטש וואָס

האָט שוין געזען אַ וועלט. ער האָט זיי וועגן דעם קלאָר געגעבן אָנצוהערן, און אויב זיי געפינען זיך אין אַ בעסערן סאָציאַלן שטאַנד, זײַנען זיי אָבער צו יונג ער זאָל זיך לאָזן פון זיי באַווירקן. מעגלעך זיי האָבן עס פאַרדינט, נאָר צו וואָס אַזויפיל פלייש אָנשעכטן ווען מען קען עס ניט אויפעסן? וועל איך אײַך זאָגן. דאָס האַלט אויף די פרײַזן. דאָס סטאַביליזירט די אָרדענונג. און מער ווי אַלץ דעצידירט עס געוויסע דעליקאַטע אייגנטום־פראַגן. דאָ האָט איר אײַך דעם ענטפער אין דער שאָלעכץ פון אַ נוס. איצט, וואָס שײַעך דעם דאָזיקן — האָט ער אָנגעוויזן מיט דעם שטעקן — קוקט אים גוט אָן. פּערטראַקס, דער גאַל, זייער אַ וויכטיקער. אַ מענטש, אַ זייער נאָענטער צו ספּאַרטאַקוסן, יאָ, זייער נאָענט, און איך האָב אים געזען שטאַרבן. אָט דאָ טאַקע בין איך געזעסן און האָב געקוקט ווי ער איז אויסגעגאַנגען. פיר טעג האָט עס אים גענומען. שטאַרק ווי אַן אָקס. אײַ, אײַ! איר וואָלט אײַך גאָרניט געגלויבט אַ מענטש זאָל קענען זײַן אַזוי שטאַרק. איר וואָלט עס בעשום אויפן ניט געגלויבט. דעם שטול האָט מיר געגעבן סעקסטוס, סעקסטוס פון דער דריטער מילכאָמע. איר קענט אים? אַ ריטער... בעעמעס אַ גרויסער ריטער, און איז גוט גענויגט צו מיר. איר וועט איבעראַשט ווערן פון דער צאָל מענטשן וואָס זײַנען געקומען קוקן, און עס האָט די ווערט געהאַט צו זען. עס גייט ניט דערין וואָס איך האָב געקענט בעמען דערפאַר וויפל עס האָט די ווערט געהאַט... נאָר מענטשן צאָלן ווען מען גיט זיי עפּעס דערפאַר. אַ פינקטלעכע מאָס פאַר אַ פינקטלעכער מאָס. איך האָב מיך מאַטריִעך געווען און האָב מיך באַזאָרגט מיט די נייטיקע יעדיִעס. אָט, לעמאָשל, פרעגט מיך די יונגע דאַמע: „דער איז ספּאַרטאַקוס?" אַ נאַטירלעכע פראַגע. און עס וואָלט ניט געווען אַזוי אי־בערנאַטירלעך ווען עס איז טאַקע אַזוי. איר, מײַנע איידעלע פרײַנט, לעבט אײַך אַ געצערטלט לעבן, זייער אַ געצערטלטס, אַז ניט, וואָלט דאָך די יונגע דאַמע געקענט וויסן, אַז מען האָט ספּאַרטאַקוסן אַזוי צעפּיצלט, אַז ס'איז פון אים קיין איין האָר ניט געבליבן. גאָר אַנדערש איז מיט דעם... דעם האָט מען געכאַפּט. עמעס, אַ ביסל אַ צעקלאַפּטן... זעט אָט דאָ...

מיט דעם שטעקן האָט ער געוויזן אַ גרויסן שראַם אַף אַ זײַט פון דעם גוף, וואָס איז איבער אים געהאַנגען.

— אַ סאַך שראַמען... און זייער אינטערעסאַנט. אַף אַ זײַט אָדער פון פאָרנט. קיין איינער ניט פון הינטן אַפן רוקן. פאַר אײַך זײַנען ניט וויכטיק אַזעלכע פּראָטים, וואָס אַנטציקן דעם פעבל, נאָר דעם עמעס וועל איך אײַך זאָגן, אַז... — די בעטן־טרעגער האָבן געקוקט אַף אים און זיך אײַנגעהערט און די אויגן האָבן זיי געפינקלט פון אונטער די לאַנגע טשובעס.

— ...געווען זײַנען זיי די בעסטע זעלנער, וואָס האָבן ווען געטראָטן אַף איטאַליענישער ערד. ס'איז אַ ווייטיק ווען מען רעדט דערפון. נאָר, צוריק צו אָט דעם פרײַנט, וואָס הענגט דאָ. פיר טעג האָט געדויערט ביז ער איז אויסגעגאַנגען, און עס וואָלט נאָך לענגער געדויערט, ווען מען עפנט אים ניט אַן אָדער ער זאָל אָפּגיין מיט דעם בלוט. איר דאַרפט עס, נאַטיר־לעך, ניט וויסן, נאָר ווען מען הענגט זיי אויף, מוז מען עס טאָן. לאָזט מען

זיי ניט דאָס בלוט, ווערן זיי אָנגעבלאָזן ווי די פּענכערס. פאַרקערט, אַז מען לאָזט זיי אָפּבלוטן, טריקענען זיי אויס ווי געהעריק, און זיי קענען הענגען אַ גאַנצן כּוידעש און קיינעמס געפילן ניט באַליידיקן, סײַדן מיט דעם ביסל מ׳עסן רייעך וואָס טראָגט זיך פון זיי. פּונקט ווי פלייש רייכערן. מען דאַרף נאָר דערצו האָבן אַ סאַך זון. יאָ; איז אָט דער דאָ מיט אַן עמעסן געוועזן אַ ווילדער יונג; כוצפּעדיק, שטאָלץ... נאָר אַף לעצט האָט ער פאַר־שפּילט. דעם ערשטן טאָג הענגען דאָרט אויבן, האָט ער באַליידיקט יעדן אָנשטענדיקן רוימישן בירגער וואָס איז געקומען אַף אים אַ קוק טאָן. מיט אַ שרעקלעך מ׳עסער שפּראַך. קיינער וואָלט ניט וועלן דאַמען זאָלן הערן אַזאַ שפּראַך. אַ ניט־דערצויגענער מענטש. אַ שקלאַף איז אַ שקלאַף. נאָר איך בין ניט בייז אַף אים. אָט דאָ בין איך געשטאַנען און דאָרטן הענגט ער אַפן קרייץ, און איך זאָג אים: „דײַן אומגליק איז מײַן גליק און כאָטש דײַן אָרט שטאַרבן איז ניט פון די גאָר באַקוועמע, איז אויך מײַן אָרט לעבן בעשום אויפן ניט קיין באַקוועמער. כ׳מיין מיר וועט גאָר ווייניק צוקומען, אויב דו וועסט אַזוי ריידן". ער האָט זיך עס, קענטיק, גאָר ווייניק גענומען צום האַרצן. נאָר ווי דאָס איז, איז ער פאַרנאַכט צו, אַפן צווייטן טאָג, אײַנ־געשוויגן, האָט זיך אין זיך אײַנגעשלאָסן ווי אַן אויסטער. ווייסט איר וואָס זײַנע לעצטע ווערטער זײַנען געווען?

— וואָס? — האָט קלאַודיאַ אַ פּליסטער געטאָן.

— „איך וועל צוריקקומען און וועל זײַן מיליאָנען". אָט דאָס האָט ער געזאָגט. ס׳איז פײַן, האַ?

— וואָס האָט ער דערמיט געמיינט? — האָט קאַיוס געפרעגט. דער גראָבער האָט, קעגן זײַן ווילן, אַרום זיך אַ קישעף אויסגעוועבט.

— וואָס ער האָט דערמיט געמיינט, מײַן יונגער האַר? איך פאַרשטיי ניט מער ווי איר אַליין קענט פאַרשטיין. נאָר מער האָט ער ניט גערעדט. דעם אַנדערן טאָג האָב איך אים אַ רייץ געטאָן, נאָר ער האָט מער אַ וואָרט ניט גערעדט. ער האָט נאָר אַ קוק געטאָן אַף מיר מיט זײַנע בלוטיקע אויגן; אַ קוק געטאָן, ווי ער וואָלט מיך וועלן דערהאַרגענען, נאָר ער האָט שוין קיינעם ניט געקענט האַרגענען. אָט אַזוי, מײַן טײַערע — האָט ער זיך שוין ווידער געווענדט צו קלאַודיען — ניט ספּאַרטאַקוס איז ער געווען, נאָר איינער פון זײַנע שטעלפאַרטרעטער, אַ האַרטער מענטש. נאָענט צו ספּאַרטאַקוסן, נאָר ניט אַזוי האַרט. מיט אַן עמעסן האַרט איז געווען ספּאַר־טאַקוס; האַרט ווי קיינער ניט מער. אײַך וואָלט גאָרניט אָנגענעם געווען מיט אים זיך צו טרעפן אין וועג, און איר וועט אים זיכער ניט אָנטרעפן, וואָרעם ער איז שוין טויט און פוילט שוין ערגעץ. און איצט, וואָס נאָך ווילט איר וויסן?

— איך מיין, אַז מיר האָבן שוין גענוג געהערט, — האָט קאַיוסן שוין באַנג געטאָן דער דענאַריוס, וואָס ער האָט אים געגעבן — מיר דאַרפן שוין גיין.

III

רוים איז דעמאָלט געווען ווי אַ האַרץ וואָס באַפּײַכט מיט זײַן בלוט אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט איבער די רוימישע וועגן. אַן אַנדער מעלוכע וואָלט טויזנט יאָר געלעבט און וואָלט אין דער צײַט קיין דריט־כיילעך וועגן ניט אויסגעבויט, וואָס וואָלטן קוים פאַרבונדן צווישן זיך אירע הויפּטשטעט. אין רוים איז אַנדערש געווען. „בויט אונדז אויס אַ וועג!" פלעגט זאָגן דער סענאַט. זיי זײַנען דעריין געניט געווען. די אינזשעניערן פלעגן זיי אויספלאַנעווען, מען פלעגט דערנאָך געבן קאָנטראַקטן די בוי־אונטערנעמער און זיי פלעגן שוין דורכפירן; די אַרבעטער־קאַדרען פלעגן זיי לייגן ווי זיי וואָלטן פײַלן געשאָסן אין דער אָנגעוויזענער ריכטונג. האָבן זיי אָנגעטראָפן אַ באַרג אַף דער טראַסע, האָבן זיי אים אַראָפּגענומען; איז עס געווען אַ טאָל אַ טיפער, האָבן זיי איבער אים געצויגן אַ וויאַדוקט; איז עס געווען אַ טײַך, האָבן זיי געצויגן אַ בריק. קיין זאַך האָט ניט אָפּגעהאַלטן רוים און האָט ניט געשטערט די רוימישע וועגן.

דעם טראַקט, מיט וועלכן די דרײַ פריילעכע יונגעלײַט זײַנען געפאָרן פון רוים קיין קאַפּוא, האָט מען גערופן וויאַ אַפּיאַ. געווען איז עס אַ ברייטער, גוט געבויטער וועג אַף איבערגעלייגטע שיכטן וואָלקאַנישן אַש און זשוויר, באַדעקט מיט שטיין. מען האָט אים געמאַכט אַף לאַנגן דויער. אַז רוימער האָבן געבויט אַ וועג, האָבן זיי אים ניט געמאַכט אַף אַ יאָר אָדער צוויי, נאָר אַף יאָרהונדערטער. אַזוי האָט מען אויך אויפגעבויט די וויאַ אַפּיאַ. געווען איז ער אַ קענצייכן פון מענטשלעכן פאָרשריט, פון רוימס ווירקזאַמקייט און פון דעם רוימישן פאָלקס אייביקער פעיקייט צו אָרגאַניזאַציע. ער האָט ביז גאָר דײַטלעך געגעבן צו וויסן, אַז די רוימישע סיסטעם איז די בעסטע וואָס די מענטשהייט האָט ווען עס איז אויסגעפונען, אַ סיסטעם פון אָרדענונג, גערעכטיקייט און פאַרשטענדיקייט. די פאַרשטענדיקייט און די אָרדענונג האָט מען אומעטום אַרויסגעזען, און מענטשן וואָס זײַנען געפאָרן איבער די וועגן איז עס אַזוי באַקאַנט געווען, אַז זיי האָבן זיך דערויף אַפילע ניט אומגעקוקט.

די דיסטאַנצן, לעמאָשל, זײַנען אָפּגעמערקט געווען גענוי און ניט בעערעכדיק. אַף יעדער מײַל איז געשטאַנען אַ מעזשע און יעדע מעזשע האָט געגעבן דעם רײַזנדער אַלע ידיעס, אין וועלכע ער האָט זיך גענייטיקט אין וועג. אַף יעדן אָרט האָט מען גענוי געוווסט ווי ווײַט מען איז פון רוים, פון פאַרמיאַ, פון קאַפּוא. אַף יעדע פינף מײַל איז געווען אַ קרעטשמע מיט אַ שטאַל, ווו מען האָט געקענט באַקומען פערד צו בײַטן, אָפּצועסן און ווען נייטיק, אויך איבערצונעכטיקן. אַ סאַך פון אָט די הײַזער זײַנען געווען פרעכטיק אײַנגעאָרדנט; אַף די טעראַסעס האָט מען סערווירט געטראַנקען און עסן. טייל האָבן געהאַט בעדער, ווו אַ רײַזנדער האָט זיך געקענט אָפּפרישן און אַנדערע האָבן אויך געהאַט גוטע און באַקוועמע שלאָפצימערן. די נײַע עפנטלעכע אַנשטאַלטן האָט מען געבויט אינעם סטיל פון די גרי־

כישע טעמפּלען, וואָס דאָס איז געווען אַ צוגאָב צו דער נאַטירלעכער שיינקייט פון די לאַנדשאַפטן אַף ביידע זײַטן וועג.

ווו דער באָדן איז געווען אַ נידעריקער, אַ זומפּיקער אָדער אַ פלאַכער, האָט מען דעם וועג אויפגעהויבן פון דרײַ ביז פינף מעטער איבער דער אַרומיקער לאַנדשאַפט. ווו דער באָדן איז געווען געבראָכן אָדער באַרגיק, האָט דער וועג אים אײַנגעשניטן אָדער זיך געשניטן דורך העלדזער און שטיינערנע אַרקעס.

די וועגן האָבן אויסגעשריגן רוימס סטאַבילקייט און געפלאָסן האָבן איבער זיי אַלע עלעמענטן פון איר סטאַבילקייט. איבער די וועגן פלעגן די רוימישע זעלנער מאַכן דרײַסיק מײַל אַ טאָג און אַפן צווייטן טאָג ווידער דורכגיין דרײַסיק מײַל. קאָנוואָיען מיט פורן פלעגן זיך צונויפקומען אַף די וועגן, אָנגעלאָדן מיט די פּראָדוקטן פון דער רעפּובליק, מיט ווייץ און גערשטן, פרוכטן, קעז און גערויכערטע פליישן. איבער די וועגן האָט מען געזען אָרנטלעך באַשעפטיקטע בירגער, גוטבאַזיצער פאָרן פון איין הויף זייערן צום צווייטן, סאָכרים אומפאָרן האַנדלען און שפּאַצירן, קאַראַוואַנען שקלאַפן זיך ציִען צו די מערק און פון די מערק, מענטשן פון אַלערליי פעלקער און אַלערליי לענדער, אַלע האָבן זיי באַקומען דעם אײַנדרוק ווי פעסט און אײַנגעאָרדנט עס איז די רוימישע הערשאַפט.

און אין דער זעלבער צײַט האָט מען באַ די זײַטן וועג, אַף יעדע עטלעכע מעטער אַ קרייץ אײַנגעבראָכן, און אַף יעדן קרייץ איז געהאַנגען אַ טויט־באַשטראָפטער.

IV

דער פרימאָרגן האָט זיך אַרויסגעוויזן וואַרעמער ווי קאַיוס האָט גערעכנט און דער רייעך פון די טויטע איז געוואָרן גאָרניט אָנגענעם. די מיידלעך האָבן גענעצט די טיכלעך אין פאַרפום און אָפט אים אײַנגעאָטעמט, נאָר דאָס איז ניט גענוג געווען אַף אָפּצושלאָגן די פלוצעם צוגעטראָגענע שטראָמען איבלדיקן רייעך, וואָס האָט זיך געשפרייט איבערן וועג, און אויך ניט אַף אָפּצוהאַלטן די ווירקונג פון דעם רייעך. די מיידלעך האָט געאיבלט צום כאַלעשן און קאַיוס גופא האָט געמוזט בלײַבן פון הינטן אָדער אָפּגיין אָן אַ זײַט זוכן אַ דערלײַכטערונג פאַר זיך. דאָס האָט אים שיר ניט געפּאַטערט דעם פרימאָרגן.

צום גליק, איז אַף אַ גאַנצער האַלב מײַל וועג, ביז דער אַכסאַניע, ווו זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט מיטאָג עסן, קיין קרייצן ניט געווען. און כאָטש זיי האָבן שוין גאָר קיין אַפּעטיט ניט געהאַט, האָבן זיי, אַלנפאַלס, באַוויזן צו זיך צו קומען. די אַכסאַניע אַפן וועג איז געבויט געווען אינעם גריכישן סטיל; אַ געבויגענער איינשטאָקיקער ביניען מיט אַן אָנגענעמער טעראַסע. די טעראַסע, ווו מען האָט די טישן געגרייט, איז געשטאַנען באַ אַ קליינעם ריוו, ווו עס האָט געפלאָסן אַ טײַכל, און פונקט אַקעגן איז געווען אַ הייל, אַרומגעשטעלט מיט געזעמלעך גרינע שמעלעדיקע סאָסנעס. אַהין איז קיין

אַנדער רייעך ניט צוגעקומען אַ כוץ סאָסנע־רייעך, פּײַכטער, זיסער וואַלד־רייעך, און אויך קיין אַנדער גערויש ניט, אַ כוץ העפלעכער געפּליסטער פון די שמועסן בײַ די טישן און די מוזיק פונעם טײַכל. „אַן עמעס מעכאַיעדיק אָרט!", האָט קלאַודיאַ געזאָגט, און קאַיוס, וועלכער איז שוין דאָרט אַמאָל געהאַט געווען, האָט, ווי אַן אויטאָריטעט, גענומען באַשטעלן דעם מיטאָג. מען האָט באַצײַטנס דערלאַנגט דעם היימישן ווײַן, אַ שוימיקן און בורשטין־לויטערן, זויערן און שטאַרקן, וואָס האָט זיי דעם אַפּעטיט אויפגעוועקט ווי נאָר זיי האָבן פון אים אַ זופּ געטאָן. געזעסן זײַנען זיי אינעם הינטערשטן טייל הויז, אַן אָפּגעזונדערטן פונעם פאָדערשטן אַלגעמיינעם צימער, ווו עס האָבן געגעסן זעלנער, שמײַסער־יונגען און פרעמדע געסט. געווען איז דאָרט שאָטנדיק און קיל. און כאָטש דאָס איז ניט געווען אַזוי צו מערקן, האָט מען דערקענט, אַז דאָ באַדינט מען נאָר קאַוואַלירן און פּאַטריציער. קיין געשלאָסן אָרט איז עס, פונדעסטוועגן, ניט געווען, מאַכמעס די קאַוואַלירן זײַנען באַשטאַנען פון האַנדלס־רײַזנדע, הענדלער און באַלמעלאָכעס, שקלאַפן־הענדלער און שקלאַפן־מעקלער; דאָך אַן אַכסאַניע און ניט קיין פּריוואַטע שטוב. דערצו נאָך האָבן לעצטנס די קאַוואַלירן איבערגענומען די מאַנירן פון די פּאַטריציער און דאָס האָט זיי אַ ביסל געצוימט, זיי שרײַען ניט אַזוי, רוקן זיך ניט ווו מען דאַרף זיי ניט און זײַנען ניט אַזוי אומאָנגענעם.

קאַיוס האָט באַשטעלט קאַלטע געפּרעסטע קאַטשקע און געצוקערטע מאַראַנצן און דערווײַל האָט ער פאַרפירט אַ שמועס וועגן דעם לעצטן טעאַטער־שטיק, וואָס מען האָט געשפּילט אין רוים, אַ מער ווייניקער נאַיווע קאָמעדיע, איינע פון אַ סאַך נאָכמאַכונגען פון די גריכישע.

עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ מיעסער און וווּלגאַרער פרוי, וואָס האָט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט די געטער זיי אָוועקצוגעבן דאָס האַרץ פון איר מאַן פאַר איין טאָג כיין און שיינקייט. דער מאַן איז געשלאָפן מיט דער געליבטער פון איינעם פון די געטער, און דער אַרגומענט, אַ פאַרפּלאָנטערטער און אַ פאַלשער, איז באַזירט אַף אַ שוואַכער נעקאָמע־פּראָבלעם. אַזוי, אַלנפאַלס, האָט געהאַלטן העלענע, נאָר קאַיוס האָט זיך געשפּאַרט, אַז ניט געקוקט אַף דער אויבערפלעכלעכקייט פון דער קאָמעדיע, האָט זי געלונגען אויפגעכאַפּטע שטעלן.

— מיר איז זי געפעלן, — האָט קלאַודיאַ פּראָסט און פּאָשעט געזאָגט.

— מיר דוכט זיך אַז אונדז אינטערעסירט צופיל דאָס וואָס מען זאָגט, אַנשטאָט דעם וויאַזוי מען זאָגט — האָט קאַיוס אַ שמייכל געטאָן — וואָס שײַעך מיר, גיי איך אין טעאַטער זיך פאַרווײַלן מיט דאָס וואָס איז אָריגינעל. ווײַל מען זעט די דראַמע פון לעבן און טויט, קען מען גיין אין צירק זען ווי די גלאַדיאַטאָרן בראָקן זיך איינע די אַנדערע. פונדעסטוועגן מערק איך, אַז די געשלעגן ציִען צו זיך גראָד ניט די באַזונדערס געבילדעטע און טיפע פאַרשוינען.

— דו באַרעכטיקסט שלעכטן שרײַבן, — האָט העלענע פּראָטעסטירט.

— בעשום אויפן. איך האַלט נאָר, אַז דערין וואָס מען שרײַבט פאַר־

טעאַטער, איז ניט וויכטיק די קוואַליטעט. אַ גריכישן שרײַבער באַשטעלן קאָסט הײַנט ביליקער ווי אַ בעטל־טרעגער. און איך בין ניט פון די, ווייסטו דאָך, וואָס מאַכן פון די גריכן אַ קולט.

בעייס קאַיוס האָט דאָס געזאָגט, האָט ער דערזען אַ מענטשן שטיין באַ זייער טיש. די אַנדערע טישן זײַנען געווען פאַרנומען, און דער מענטש, קענטיק אַ רײַזנדיקער סוחר, האָט זיך געײַשעוועט צי זאָל ער זיך צו זיי צוזעצן.

— איך וועל נאָר עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן און וועל טייקעף אַוועקגיין, — האָט ער געזאָגט — אויב אײַך שטערט ניט מײַן אַרײַנרײַסן זיך צו אײַך. — געווען איז ער אַ הויכער, אַ מוסקולדיקער, אַ פעסטער, קענטיק, אַ פאַרמעגלעכער, רײַך געקליידט און אָן דערעכערעץ, אַ כוץ פאַר די מעיר־עסדיקע יונגעלײַט. אַמאָליקע צײַטן פלעגן קאַוואַלירן זיך גאָר אַנדערש באַנעמען מיט דעם גוטבאַזיצערישן אַדל; ערשט ווען די לײַט האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַ זייער רײַכן שטאַנד, האָבן זיי אויסגעפונען אַז ײַכעס איז אַ גאָר אויסטערלישער לוקסוס און זײַן כשיוועס איז געשטיגן. קאַיוס, ווי ביכלאַל זײַנע גוטע ברידער, פלעגן אָפט מערקן דעם ווידערשפּרוך צווישן די באַמבאַסטיש אויסגערימטע דעמאָקראַטישע געפילן פון אָט די לײַט און זייערע אימפּעטיקע קלאַסן־אַספּיראַציעס.

— מײַן נאָמען איז גאַיוס מאַרקוס סערוויוס, — האָט דער קאַוואַליר געזאָגט — שעמט אײַך ניט אויב מײַן אָנוועזנהייט איז אײַך ניט צום האַרצן.

— ביטע, זיצט, — האָט העלענע געענטפערט. קאַיוס האָט זיך אַליין פאַרגעשטעלט און האָט פאַרגעשטעלט די מיידלעך און אים האָט האַנאַע געטאָן פונעם אײַנדרוק וואָס ער האָט געמאַכט אַף יענעם.

— איך האָב מיט אײַערע קרויווים געשעפט געמאַכט, — האָט דער קאַוואַליר אונטערגעשטראָכן.

— געשעפט ?

— אַ פיך־געשעפט, אַזוי צו זאָגן. איך בין אַ פאַבריקאַנט פון ווורשטלעך. איך האָב איין פאַבריק אין רוים און אַ צווייטע אין טאַראַטשינאַ ; פון דאָרטן פאַר איך איצט. אויב איר האָט געגעסן ווורשטלעך, האָט איר געגעסן מײַנע ווורשטלעך.

— איך בין זיכער, — האָט קאַיוס אַ שמייכל געטאָן און געטראַכט האָט ער זיך : — „ער האָסט מײַן שטאַם, קוקט אים נאָר אָן, און דאָך טוט אים האַנאָע וואָס ער זיצט דאָ מיט אונדז. סאַראַ כאַזיירים זיי זײַנען !”

— אַ מיסכער מיט כאַזיירים, — האָט סערוויוס געזאָגט, ווי ער וואָלט געלייענט יענעמס געדאַנקען.

— עס פרייט אונדז וואָס מיר האָבן זיך מיט אײַך באַקאַנט און מיר וועלן איבערגעבן אונדזער פאָטער אײַערע גרוסן, — האָט העלענע ליבלעך געזאָגט. זי האָט אַ שמייכל געטאָן צו סערוויוסן און ער האָט ווידער אַ קוק געטאָן אַף איר, ווי ער וואָלט געזאָגט : „נאָך אַלעמען, אַ פרוי, טײַערע, אַ פאַטריציערן צי ניט קיין פאַטריציערן”. און קאַיוס האָט עס אַזוי אויס־

געטײַטשט: „וואָלסט דיך וועלן לייגן מיט מיר, קורוועלע?” ביידע האָבן זיך איבערגעשמייכלט און קאַיוס האָט אים זיכער געוואָלט דערהאַרגענען. נאָר נאָך גרעסער איז זײַן האַס געווען צו דער שוועסטער.

— איך האָב ניט געוואָלט איבערשלאָגן אײַער געשפּרעך — האָט סערוויוס געזאָגט — שמועסט, ביטע.

— מיר האָבן זיך געלאַנגווײַליקט מיט אַ שמועס איבער אַ טעאַטערשטיק.

דערבײַ האָט מען דערלאַנגט דאָס עסן און דער מיטאָג האָט זיך אָנגעהויבן. מיטאַמאָל האָט קלאַוודיאַ פאַרהאַלטן אין האַנט דאָס שטיקל קאַטשקע, וואָס זי האָט געטראָגן צום מויל און האָט געזאָגט עפּעס אַזוינס וואָס האָט קאַיוסן שפּעטער מאַמעש דערשטוינט:

— אײַך האָבן אַוואַדע געערגערט די קענצייכנס.

— וואָסערע קענצייכנס?

— איך מיין די געהאַנגענע אויף די קרייצן.

— געערגערט?

— וואָס אַזויפיל פּריש פלייש איז געגאַנגען לעיבעד, — האָט קלאַוודיאַ גאַנץ רויִק געזאָגט. ניט מיט קיין געמאַכטער רויִקייט, נאָר גאַנץ פאַרשעט רויִק, און האָט ווײַטער געגעסן די קאַטשקע. קאַיוס האָט געמוזט מאַכן אַ פּאַנעם אַף ניט אויסצושיסן אַ געלעכטער, און סערוויוס איז צוערשט רויט געוואָרן און דערנאָך בלייך. נאָר קלאַוודיאַ, אַן דעם מינדסטן כשאַד וואָס זי האָט דאָ אָפּגעטאָן, האָט ניט מער ווי ווײַטער געגעסן. העלענע בלויז האָט דערשפּירט, אַז דער וווּרשט־מאַכער איז געוואָרן שטײַפער ווי געוויינלעך, און עס האָט איר גענומען בײַסן די דערוואַרטונג פון עפּעס וואָס דאַרף אויסברעכן. זי האָט געוואָלט ער זאָל איר אָפּענטפערן און עס האָט איר האַנאָע געטאָן וואָס ער טוט עס.

— געערגערט איז ניט דאָס פּאַסיקע וואָרט, — האָט סערוויוס סאָפּקאָלסאַף זיך אָנגערופן, — איך פאַרלײַד ניט קיין פאַרשווענדערישקייט.

— פאַרשווענדערישקייט? — האָט קלאַוודיאַ געפרעגט. זי האָט דערבײַ צענומען אַף פּענעצלעך דעם געצוקערטן מאַראַנץ און דעליקאַט זיי אַרײַנגעלייגט צווישן די ליפּן. „פאַרשווענדערישקייט?” קלאַוודיאַ האָט צו טייל מענטשן געפילט ראַכמאָנעס און אַנדערע האָבן זי געררייצט. עס האָט געפעלט יענער אויסערגעוויינלעכער מענטש, וואָס זאָל זי פירן ווײַטער.

— פעסטע מענטשן, ספּאַרטאַקוסעס מענטשן — האָט מאַרקוס סערוויוס געזאָגט — און אויך גוט געשפּײַזטע. לאָמיר רעכענען אין דורכשניט פינף און זיבעציק קילאָ יעדער איינער. פאַראַן דאָרט העכער זעקס טויזנט אויפגעהאַנגענע, ווי געשטאָפּטע גענדז. דאָס מאַכט אויס פיר הונדערט פופציק טויזנט קילאָ פריש פלייש... אָדער, אַלנפאַלס געווען פריש.

„אָ, ניין! ער מיינט עס ניט ערנסט”, האָט העלענע געטראַכט. דער גאַנצער גוף האָט איר ווי מיט שפּילקעס געשטאָכן פון דערוואַרטונג. נאָר קלאַוודיאַ, וואָס האָט ניט אויפגעהערט לייגן אין מויל אַרײַן די פּענעצלעך

געצוקערטן מאַראַנץ, האָט געוווּסט, אַז יענער זאָגט עס ערנסט. און קאַיוס האָט אַ פרעג געטאָן:

— פאַרוואָס האָט איר ניט געמאַכט אַן אָנבאָט?

— איך האָב געמאַכט.

— און מען האָט זיי אײַך ניט געוואָלט פאַרקויפן?

— איך האָב גערעכנט קויפן בלויז הונדערט מיט פינף און צוואַנציק טויזנט קילאָ.

„וואָס איז ער דערמיט אויסן?", האָט זיך קאַיוס געטראַכט: ער וויל אונדז איבעראַשן. ער וויל מיט זײַנע פלעבעיִשע מאַנירן, מיט זײַנע כאַזער־רישע מאַנירן, אָפּשלאָגן דאָס וואָס קלאַוודיאַ האָט געזאָגט". העלענע, פאַר־קערט, האָט אין זײַנע רייד דערגרונטעוועט דעם עמעס, און קאַיוס האָט געהאַט די סאַטיספאַקציע אויפצוכאַפּן וואָס באַ איר אונטער דער הויט פונעם פּאָנעם האָט זיך באַוויזן.

— מענטשן? — האָט קלאַוודיאַ אַ פליסטער געטאָן.

— געצײַגן, — האָט דער וווּרשט־פאַבריקאַנט געענטפערט מיט גע־נויקייט — לויט אַ ציטאַט פון דעם ווונדערלעכן יונגן פילאָזאָף ציצעראָן. — אומנוצלעכע געצײַגן. איך האָב זיי צוגערייכערט, צעהאַקט און אויס־געמישט מיט כאַזער, מיט זאַלץ און געווירצן. אַ העלפט גייט קיין גאַליע; די צווייטע העלפט קיין עגיפּטן. און דער פּרײַז איז אַ גאַנץ ווילער.

— מיר דוכט זיך, אַז איר מאַכט אַ צו שווערן שפּאַס, — האָט קאַיוס אַ מורמל געטאָן. — ער איז צו יונג און קען ניט פאַרטראָגן די רײַפע בײַ־סיקייט פון דעם וווּרשט־פאַבריקאַנט. דער קאַוואַליר קען ניט פאַרגעסן קלאַוודיאַס באַליידיקונג און האַלט אַז אויך ער האָט אים באַליידיקט מיט דעם בלויזן כעס וואָס ער איז באַגאַנגען און איז געזעסן דערבײַ...

— איך מיין ניט צו שפּאַסן, — האָט סערוויוס גאַנץ נאַטירלעך גע־זאָגט — דאָס פרײַלן האָט מיר געשטעלט אַ פראַגע און איך האָב איר געענטפערט. איך האָב געקויפט אַ פערטל מיליאָן קילאָ שקלאַפן צו מאַכן פון זיי וווּרשטלעך.

— דאָס איז דאָס שוידערלעכסטע און דאָס עקלדיקסטע וואָס איך האָב אַף מײַן לעבן געהערט, — האָט העלענע געזאָגט, — אײַער נאַטירלעכע גראָבקייט, מײַן האַר, האָט זיך פאַרנומען אַף אַ שלעכטן וועג.

דער קאַוואַליר האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט זיי איינס נאָכן אַנ־דערן אָנגעקוקט. „מיט אײַער אַנטשולדיקונג", האָט ער זיך אָנגערופן און צו קאַיוסעס זײַט צוגעגעבן: „פרעגט עס באַ אײַער אָנקל סיליוס. ער האָט געשלאָסן מיט מיר דעם אָפּמאַך און האָט דערפון באַקומען אַ היפּשן ריעווער".

ער האָט דאָס געזאָגט און איז טייקעף אַרויסגעגאַנגען. קלאַוודיאַ האָט ווײַטער רויִק געגעסן די פעגעצלעך געצוקערטן מאַראַנץ, און האָט זיך בלויז אָפּגעשטעלט אַף אַ זאָג צו טאָן: „סאַראַ אוממעגלעכער מענטש ער האָט זיך אַרויסגעוויזן!"

— דאָך האָט ער געזאָגט דעם ריינעם עמעס, — האָט העלענע איר געזאָגט.

— וואָס ?

— זיכער ! וואָס וווּנדערסטו זיך אַזוי ?

— ס'איז אַ נאַרישער ליגן, — האָט קאַיוס געזאָגט, — ער האָט עס אויסגעטראַכט קעדיי אונדז צו ערגערן.

— דער כילעק צווישן אונדז ביידן, טײַערער, איז דאָס וואָס איך ווייס ווען עמעצער זאָגט דעם עמעס.

קלאַוודיאַ איז געוואָרן בלייכער ווי שטענדיק. זי האָט זיך אויפגעהויבן און מיט אויסגעשולטער כשיוועס זיך געלאָזט גיין צום טואַלעט; העלענע האָט לײַכט אַ שמייכל געטאָן, קימאַט פאַר זיך, און קאַיוס האָט געזאָגט:

— אונדז שאָקירט קיין שום זאַך ניט. ניט וואָר, העלענע ?

— פאַרוואָס זאָל עס אונדז שאָקירן ?

— איך, ווייניקסטנס, וועל שוין קיינמאָל קיין וווּרשטלעך ניט עסן.

— איך האָב זיי קיינמאָל ניט געגעסן, — האָט העלענע געזאָגט.

V

אַפן וועג, אינעם פריִען פאַרנאַכט, האָבן זיי זיך אָנגעטראָפן מיט אַ סירישן בורשטיק־פאַרקויפער, מיט דעם נאָמען מוזעל שאַבאַאַל, וואָס זײַן טיכטיק־געקרײַזלטע באָרד האָט געגלאַנצט מיט שמעקעדיקן אייל און זײַן לאַנגער אויסגעהעפטער טוניק איז אַראָפּגעהאַנגען אַףביידע זײַטן שײַנעם ווײַסן פערד, אַף וועלכן ער איז געריטן. זײַנע פינגער האָבן געפינקלט מיט טײַערן צירונג. הינטער אים האָבן געשפּאַנט אַ טוץ שקלאַפן און יעדער איינער פון זיי האָט געטראָגן אַ שווערן פּאַק אַפן קאָפּ. אין דער רוימישער אימפּעריע איז דער וועג געווען אַ גרויסער אויסגלײַכער, און קאַיוס איז שוין געווען אַרײַן אין אַ לעבהאַפטיקן שמועס מיט דעם רײַכן סוחר, כאָטש דעם יונגמאַנס אָנטייל אין דעם שמועס איז באַשטאַנען בלויז אין געלעגנהייטלעכער צושטימונג. שאַבאַאַל האָט געהאַלטן פאַר אַ גרויסן קאָוועד באַקאַנט צו זײַן מיט אַ ליאַדע רוימער, מאַכמעס דער טיפער באַוווּנדערונג, וואָס זיי האָבן באַ אים אַרויסגערופן צו זיך, ביפראַט ווען דער רוימער איז פון בעסערן שטאַם און בעסערן שטאַנד, ווי דער פאַל איז גאַנץ קלאָר געווען מיט קאַיוסן. פאַראַן מיזרעך־מענטשן, וואָס באַנעמען ניט געוויסע רוימישע זאַכן, לעמאָשל, די פרײַהייט וואָס די פרויען האָבן באַ זיי; נאָר שאַבאַאַל איז ניט פון יענע. „גראָב טיף אינעם רוימער, וועסטו אין אים געפינען אַן אײַזן־אָדער, ווי דאָס איז צו זען פון די קענצייכנס אַפן וועג“, — האָט דער סירייער זיך געטראַכט און עס האָט אים האַנאָע געטאָן פון דער לעקציע וואָס זײַנע שקלאַפן האָבן באַקומען פון דעם פאָשעטן פאַקט, וואָס זיי זעען, איבעריקנס, די וואָרענעדיקע קרייצן.

דער יונגער האַר וועט עפשער ניט גלייבן, — האָט מוזעל שאַבאַאַל געזאָגט אין זײַן פליסיקן, כאָטש מאָדנע אַקצענטירטן לאַטײַן — נאָר פאַראַן באַ מיר אין לאַנד מענטשן, וואָס האָבן זיך געריכט, אַז רוים זאָל אומקומען קעגן ספאַרטאַקוסן און צווישן אונדזערע שקלאַפן איז אַפילע געווען

אַ קליינער אויפשטאַנד, וואָס מיר האָבן אים געמוזט דערשטיקן מיט דראַס־טישע מיטלען. ווי ווייניק איר קענט רוים! זאָג איך צו זיי. איר פאַרגלײַכט רוים מיט דער וואָס איר האָט געקענט אין דער פאַרגאַנגענהייט אָדער מיט דאָס וואָס איר זעט אַרום אײַך. איר פאַרגעסט אַז רוים איז עפּעס אַ נײַס אַף דער ערד. וויאַזוי, מיינט איר, שילדער איך זיי רוים? איך זאָג זיי „גראַוויטאַס". וואָס מיינט פאַר זיי דאָס וואָרט? נאָכמער, וואָס מיינט עס פאַר אַ מענטשן וואָס האָט רוים ניט געזען מיט זײַנע אייגענע אויגן און האָט זיך ניט געטראָפן מיט רוימישע בירגער און מיט זיי געשמועסט? „גראַוויטאַס": פאַר די גאָר ערנסטע, פאַר די וואָס באַזיצן דעם געפיל פון אַכראַיעס, מיינט עס, זײַן ערנסט און האָבן ערנסטע קאַוואָנעס. „לעווי־טאַס" פאַרשטייען מיר, דאָס איז אונדזער קלאָלע; מיר שפּילן זיך מיט די זאַכן, מיר יאָגן זיך נאָך פאַרגעניגס. דער רוימער שפּאָסט ניט; ער איז איבערגעגעבן די גוטע זיטן. „אינדוסטריאַ", „דיסציפּלינאַ", „פרוגאַליטאַס", „קלעמענטיאַ"... אָט די ספּעציעלע ווערטער מיינען פאַר מיר רוים. דאָס איז דער סאָד פונעם פרידן אַף די רוימישע וועגן און אין דער רוימישער מעלוכע. וויאַזוי אָבער דערקלערט מען דאָס, יונגער האַר? וואָס שײַעך מיר, קוק איך מיט ערנסטער באַפרידיקונג אַף אָט די שטראָף־צייכנס. רוים שפּאָסט ניט. לויט דעם פאַרברעכן אַזאַ שטראָף. און דערין באַשטייט די רוימישע גערעכטיקייט. די כוצפּע פון ספּאַרטאַקוסן איז געווען אַ קריגס־דערקלערונג צו דאָס אַלץ וואָס איז דערהויבן. ער האָט געבאָטן רויב און מאָרד און אומ־אָרדענונג; רוים איז אָרדענונג און רוים האָט אים דעריבער צוריקגעשטויסן...

קאַיוס האָט לאַנג געהערט ביז ער האָט מיט עפּעס אַרויסגעוויזן זײַן לאַנגווײַל און איבערדריסיקייט. דער סירייער האָט טייקעף, מיט אַ סאַך פאַרנייגונגען און אַנטשולדיקן זיך, געשאָנקען העלענען און קלאַודיען בור־שטינענע האַלדזבאַנדן. ער האָט זיך רעקאָמענדירט פאַר זיי און פאַר זייערע קרויווים און מעגלעכע פרײַנט סאָכרים און איז ווײַטער געפאָרן.

— איך דאַנק דיר, גאָט! — האָט קאַיוס געזאָגט.

— סאַראַ פײַנקייט! — האָט העלענע אַ שמייכל געטאָן.

VI

שפּעטער, אָוונט צו, פאַר דעם ווי זיי האָבן זיך פאַרנומען פון דער וויאַ אַפּיאַ אַף אַ שמאָלן וועג צום זומער־הויז, ווו זיי האָבן באַדאַרפט איבערנעכטיקן, איז געשען אַזוינס וואָס האָט איבערגעריסן די איינטאָני־קייט פון דעם פאַרלאָפענעם טאָג. אַן אָפּטייל פונעם דריטן לעגיאָן, וואָס האָט באַוואַכט דעם וועג, האָט גערוט אַף אַ וועג־סטאַנציע. געווען זײַנען דאָרט פּאַוועליאָנען פון „סקוטאַ", „פּילאַ" און „קאָסיס גאַלעאַע", אין רייען קליינע דרײַעקיקע פעלד־געצעלטן, די לאַנגע שילדן אַף די קורצע שפּיצן אָנגעהאַנגען, מיט דרײַ העלמען אַף יעדן סטויגל, ווי אַף אַ פעלד מיט סנאָ־פּעס אָנגעהויפנטע. די זעלנער האָבן זיך געדרענגט אַפן געמיינזאַמען פלאַץ, אינעם שאָטן פונעם בריזענט, זיי האָבן געטרונקען ביר פון האַלב־ליטער־

דיקע קרוגן, וואָס מען האָט זיי געוואָרפן קאַפּאַינעס, און האָבן געבעטן נאָך און נאָך. געווען איז עס אַ געזעמל מענטשן קרעפּטיקע, מיט האַרטע פּענעמער און בראָנדזענע גופים, דורכגעזאַפּטע מיט דעם ריח פון זייערע שווייסיקע לעדערנע הויזנס און קאַמזוילן, טומלדיקע און שרײַענדיקע, נאָך מיט דעם באַוווסטזײַן, אַז די שטראָף־צייכנס לענגאויס דעם וועג איז דער רעזולטאַט פון זייער לעצטער אַרבעט.

ווען קאַיוס און די מיידלעך האָבן זיך אָפּגעשטעלט קוקן אַף זיי, איז פונעם פּאַוועליאָן אַרויסגעקומען דער קאַפּיטאַן מיט אַ בעכער ווײַן אין איין האַנט און האָט מיט דער צווייטער האַנט געגריסט קאַיוסן, אַזוי ענטוזיאַסטיש ווי מעגלעך, שוין דערפאַר וואָס ער פאָרט מיט צוויי שיינע מיידלעך.

געווען איז ער קאַיוסעס אַן אַלטער גוטער־ברודער, מיט דעם נאָמען סעליוס קינטוס ברוטוס, וואָס איז אַרײַן אין דער זעלנער־פּראָפעסיע, אַ שלאָנקער און ניט קיין מיִעסער באָכער. העלענען האָט ער שוין געקענט און איז אַנטציקט געווען פון דער נײַער קאַנטשאַפט מיט קלאַוודיען. מיט אַ פּראָפעסיאָנעלן שטעל און אַן קאָמפּלימענטן, האָט ער געפרעגט וואָס זיי דענקען וועגן זײַנע יונגען.

— אַ באַנדע טומלדיקע כוצפּעניקעס, — האָט קאַיוס געזאָגט.

— אָט דאָס זײַנען זיי... אָבער ווילע.

— ווען איך האָב זיי מיט מיר, — האָט קלאַוודיאַ געזאָגט, — וואָלט איך פאַר קיינעם קיין מוירע ניט געהאַט, — און האָט צוגעגעבן: — אַ כוץ פאַר זיי אַליין.

— און איצט האָט איר זיי מיט אײַך; זיי זײַנען אײַערע שקלאַפן, — האָט ברוטוס גאַלאַנט געענטפערט. — ווּהין?

— אַף נאַכט בלײַבן מיר אין ווילאַ סאַלאַריאַ, — האָט קאַיוס געזאָגט.

— און אויב דו געדענקסט, געפינט זי זיך צוויי מײַל פון דאַנען מיט אַ זײַטיקן וועג.

— אויב אַזוי, האָט איר ניט וואָס מוירע צו האָבן אַף צוויי מײַל פאַר קיין זאַך אין דער וועלט, — האָט ברוטוס אויסגערופן און האָט זיך געזעגנט צו העלענען:

— זײַט איר שוין אַמאָל געפאָרן אונטער אַן ערד־וואַך פון לעגיאָנערן?

— איך בין ניט אַזאַ וויכטיקער פאַרשוין און בין עס קיינמאָל ניט געווען.

— דערמיט אַליין זײַט איר מיר וויכטיק, — האָט דער יונגער אָפיציר געזאָגט. — גיט מיר אַ געלעגנהייט. איר דאַרפט נאָר קוקן. איך לייג זיי צו אײַערע פיס. די ראָטע זעלנער איז אײַערע.

— זיי זײַנען דאָס לעצטע אַף דער וועלט, וואָס איך וואָלט וועלן האָבן צו מײַנע פיס, — האָט העלענע זיך אָפּגעזאָגט.

ער האָט אויסגעטרונקען דעם ווײַן און האָט דעם בעכער אַ וואָרף געטאָן צום שקלאַף בײַ דער טיר. מיט אַ קליינעם זילבערנעם פײַפל, וואָס איז אים געהאַנגען אַף אַ שנירל אַרום האַלדז, האָט ער אַ פײַף געטאָן און,

אַ געשפּענסטאַרטיקער געטרילער פון פיר שטײַגנדיקע און פיר אָפּ אַראָפּ גייענדיקע נאָטן איז באַפעלעריש אַרויסגעקומען פון דעם פײַפל און אַלס ענטפער דערויף, האָבן די זעלנער זייער ביר אויסגעטרונקען, זיך אויסגע־זידלט אין דער שטיל און פּאַרוויַנז זיך אַ לאָז געטאָן צו דעם אָרט ווו עס זיַינען געשטאַנען זייערע שפּיזן, שילדן און העלמען. ברוטוס האָט אַ צווייטן און אַ דריטן מאָל אַ פײַף געטאָן און די נאָטן האָבן זיך פּאַרוועבט אין אַ שאַרפער דורכדרינגלעכער מעלאָדיע. די ראָטע האָט זיך אָפּגערופן ווי די טענער וואָלטן דירעקט געווירקט אָף זייער נערוון־סיסטעם. די זעלנער זיַינען זיך צונויפגעגאַנגען, האָבן זיך גרופּירט אין פלוטאָנען, האָבן זיך אומגעדרייט, זיך אָפּגערוקט און ווידער צוגעשפּאַנט אין דער פאָרעם פון צוויי זײַלן, אָף ביידע זײַטן וועג צו איינער, מיט אַ בעעמעס ווונדערלעכער דיסציפּלינירטער דעפּיליע. די מיידלעך האָבן אַפּלאָדירט און אַפּילע קאַיוס, אַ ביסל אַ געערגערטער פון זיַין גוטן־ברודערס פּאַיאַצעריַי, האָט געמוזט באַוווּנדערן די געניקייט, וואָס די ראָטע האָט אַרויסגעוויזן.

— זײַנען זיי אויך אַזוי גוט אין דער שלאַכט? — האָט ער געפרעגט.

— פרעג ספּאַרטאַקוסן, — האָט ברוטוס געזאָגט, און קלאַוודיאַ האָט אויסגערופן.

— בראַוואָ!

ברוטוס האָט זיך פאַרנייגט און זיך אויסגעשטרעקט פאַר איר און זי האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט. ס'איז אַ זעלטנקייט געווען קלאַוודיאַ זאָל אַזוי רעאַגירן, נאָר יענעם טאָג האָט קאַיוס ביכלאַל געמערקט אין קלאַוודיען עפּעס אומגעוויינלעכס. זי האָט געהאַט פּרעכטיקע קאָלירן אין די באַקן און די אויגן האָבן איר געגלאַנצט פון באַגײַסטערונג בעייסן מושטער פון דער ראָטע. קאַיוס האָט זיך געפילט ניט אַזוי באַזײַטיקט ווי איבעראַשט פון דעם שמועס אירן מיט ברוטוסן, וועלכער האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן די צוויי טראָג־בעטן און איז געוואָרן הערשער איבער דער לאַגע.

— וואָס נאָך קענען זיי? — האָט קלאַוודיאַ געפרעגט.

— מאַרשירן, שלאָגן זיך, זידלען זיך...

— מאָרדן?

— מאָרדן... יאָ. זיי זײַנען דאָך מערדער. איז עס אָף זיי ניט קענטיק?

— מיר געפעלט זייער אויסזען, — האָט קלאַוודיאַ געזאָגט.

ברוטוס האָט זי קאַלט באַטראַכט און האָט שטיל געענטפערט: „עמעס, איך זע זיי געפעלן אײַך, טײַערע".

— וואָס נאָך?

— וואָס נאָך ווילט איר? — האָט ברוטוס געפרעגט. — איר ווילט זיי הערן? מאַרש צום טאַקט! — האָט ער אַ געשריי געטאָן און דאָס טיפע קאָל פון די זעלנער האָט גענומען באַגלייטן זייער טראָט.

— הימל, ערד און וועג און שטיין! ס'שנײַדט דער שטאָל אין האַרטן ביין!

דער רעפריין איז פון זייערע העלדזער אַרויסגעקומען מעגושעמדיק

און אָפּגעריבן און עס איז שווער געווען צו פאַרשטיין די ווערטער. „וואָס אַזוינס באַטײַט עס ?", האָט העלענע געוואָלט וויסן.

— אין דער עמעסן, גאָרניט. ס'איז גלאַט אַ מאַרשן־טעמפּ. פאַראַן אַזעלכע אין די הונדערטער, און זיי האָבן קיין שום באַדײַטונג ניט. מער ניט, זיי שפּאַנען דערמיט בעסער. דער רעפריין איז פונעם שקלאַפן־קריג. טייל זײַנען ניט פאַר קיין דאַמעס אויערן.

— טייל זײַנען פאַר מײַנע אויערן, — האָט קלאַודיאַ געזאָגט.

— איך וועל זיי אײַך זאָגן אַפן אויער, — און ער האָט זיך מיט אַ שמייכל צוגעבויגן צו איר, בעייס זי איז צו אים צוגעקומען. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעגלײַכט און קלאַודיאַ האָט דעם קאָפּ אומגעדרייט, איז שטיין געבליבן און האָט פון אים די אויגן ניט אַראָפּגענומען. ווידער האָבן די צלאָמים זיך פאַר איר אין אַ ריי אויסגעשטעלט און די טויטע זײַנען אַף זיי געהאַנגען ווי אַף אַ שנור אויפגעצײלעט לענגויס דעם וועג. ברוטוס האָט זיי איר אָנגעוויזן.

— וואָס האָט איר געוואָלט ? ער זאָל זײַן העפלעך ? דאָס איז זײַן פּראָפעסיע. מײַן ראָטע האָט געקרייציקט אַכט הונדערט. זיי זײַנען ניט דעליקאַט ; זיי זײַנען שטאַרק, מעגושעם און בלוטיק.

— און דאָס מאַכט זיי פאַר בעסערע זעלנער ? — האָט העלענע גע־פרעגט.

— אַזוי רעכנט מען.

קלאַודיאַ האָט זיך אָנגערופן : — „רופט מיר צו איינעם פון זיי".

— צו וואָס ?

— ווײַל איך וויל.

— נו, גוט, — האָט ער אַ הייב געטאָן די אַקסלען און אַ רוף געטאָן : „סעקסטוס ! שפּאַן אַרויס פון דער ריי און קום אַהער !"

פון די רייען האָט אַ זעלנער אַרויסגעשפּאַנט. צוויי מאָל האָט ער זיך אומגעדרייט, איינמאָל פאַר די בעטן און דעם צווייטן מאָל צווישן זיי. ער האָט געגריסט און זיך אויסגעשטרעקט פאַרן אָפיציר. קלאַודיאַ האָט זיך אויפגעזעצט אַף איר בעט, האָט די הענט פאַרלייגט און האָט אים שאַרף באַטראַכט. געווען איז ער פון מיטלער וווקס, מיט אַ טונקעלן מוס־קולדיקן פּאָנעם. זײַנע פּאָדער־אָרעמס, דער נאַקן, דער האַלדז, דאָס פּאָנעם, נאַקעטע, זײַנען געווען ברויך, קימאַט קאַאָבאַ־קאָליר. די מוסקולן פעסטע, אויפגעלאָפענע, ענג אָנגעצויגענע אונטער דער הויט, וואָס איז פײַכט גע־ווען פון שווייס. אַפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ מעטאַלענעם קיווער, און זײַן גרויסער שילד, העכער אַ מעטער די לענג, איז אים געהאַנגען אַפן רוקן איבערן רוק־זאַק. אין איין האַנט האָט ער געטראָגן דעם „פּילום", אַ דיקע שפּיז פון האַרטן האָלץ, צוויי מעטער די לענג און פינף צענטימעטער די גרעב, און אַף איין עק האָט זי געהאַט אַ דרײַעקיקן שווערן און דראָענדיקן אײַזערנעם שפּיץ פון צען צענטימעטער די לענג. געטראָגן האָט ער אַ שפּאַ־נישע שווערד, אַ קורצע און אַ שווערע, און צו זײַן לעדערנעם קאַמזויל מיט בענדלעך צוגעבונדן דרײַ אײַזערנע טאָוולען איבער דער ברוסט איבערגע־

קרייצט און אַנדערע דרײַ אָנגעהאַנגען אַף יעדן אַקסל. נאָך דרײַ, צום גאַרטל צוגעבונדן, האָבן אים איבער די פיס געקלאַפּט בעיסן גיין. די הויזן זײַנען געווען לעדערנע און לעדערנע אויך די הויכע שטיוול, און אונטער אַט דער שווערער מאַסע פון אײַזן און האָלץ, האָט ער גאַנץ לײַכט געשפּאַנט. עס האָט זיך, אַלנפאַלס, ניט געמערקט ער זאָל זיך געווען אָנשטרענגען. דער מעטאַל וואָס ער האָט געטראָגן, איז געווען מיט אייל באַשמירט, ווי די וואָפן ביכלאַל; דער געשטאַנק פון דעם אייל, פון דעם שווייס און פון דער לעדער האָט זיך צוזאַמענגעמישט און איז געוואָרן דער גערוך פון אַ פּראָפעסיע, פון אַ קויעך, פון אַ מאַשין.

פון זינט קאַיוס רײַט זיי נאָך, קוקט ער אַף קלאַוודיעס פּראָפיל, אַף אירע צעעפנטע ליפּן, וואָס זי באַלעקט אָפט מיט דער צונג, די אויגן צו די זעלנער אָנגעשטעלט.

— איך וויל אים האָבן לעבן מײַן טראָגבעט. — האָט קלאַוודיאַ אַ פליסטער געטאָן צו ברוטוסן.

ער האָט אַ הייב געטאָן די אַקסלען און האָט עס באַפוילן דעם זעלנער. באַם זעלנער האָבן זיך די ליפּן פאַרצויגן מיט אַן אומבאַמערקלעכן שמייכל בעיס ער האָט גענומען צוריקשפּאַנען, ביז ער איז צוגעקומען צו קלאַוודיעס טראָגבעט. איין מאָל נאָר האָט ער אַף איר אַ קוק געטאָן און דערנאָך האָבן שוין זײַנע אויגן געקוקט פאַר זיך. זי האָט זיך אַרויסגעבויגן פונעם טראָגבעט און האָט אים אָנגערירט באַם שענקל, קוים וואָס זי האָט זיך צוגערירט צו דעם אָרט ווו די מוסקולן זײַנען אָנגעשפּאַנט אונטער דער הויט, און האָט ווידער אַ זאָג געטאָן צו ברוטוסן:

— זאָגט אים, ער זאָל זיך גיין. ער שטינקט. ער איז שמוציק.

באַ העלענען איז דאָס פּאָנעם געווען שטײַף. ברוטוס האָט ווידער אַ הייב געטאָן מיט די אַקסלען און האָט דעם זעלנער באַפוילן צוריקגיין אין די רייען.

VII

דער נאָמען ווילאַ סאַלאַריאַ איז אין אַ היפּשער מאָס געווען אַן איראָנישער און האָט דערמאָנט יענע צײַטן, ווען אַ גרויסער טייל באָדן דאָרעמדיק פון רוים איז געווען אַ געזאַלצענער זומפּ און פאַרפּעסטעט מיט מאַלאַריע. נאָר שוין לאַנג אַז מען האָט אָט די ערד אָפּגעווונען באַ די זומפּן, און דער פּריוואַטער וועג, וואָס הייבט זיך אָן באַ דער וויאַ אַפּיאַ און פירט צו דעם גוט, איז קימאַט אַזוי גוט געבויט געווען ווי דער הויפּט־טראַקט. אַנטאָניוס קאַיוס, דער באַזיצער פון דעם גוט, איז אין קרויוועשאַפט מיט קאַיוס און העלענע פון דער מוטערס צאַד; און כאָטש זײַן לאַנדהויז איז ניט אַזוי גרויסאַרטיק געבויט ווי אַנדערע, מאַכמעס שוין נאָענט פון דער שטאָט, איז עס נאָך אַלץ אַ גרויסע פּלאַנטאַציע מיט גרויסע מײַלעס און צייכנט זיך אויס ווי אַן אָרט, וואָס קען צוגערעכנט ווערן צו דער „לאַטיפונדיע”.

ווען קאַיוס מיט די צוויי מיידלעך זײַנען אַראָפּ פון דער וויאַ אַפּיאַ,

איז זיי נאך פארבליבן פיר מײַל מיט דעם פריוואטן וועג ביזן סאמע הויז. דער אונטערשייד האט זיך באלד געמערקט; יעדער שפאן ערד דא איז אפגעהיט. די ביימער זײַנען באשניטן ווי אין א פארק. אף די רוקנס פון די בערגלעך זײַנען געמאכט טעראסעס און צווישן די טעראסעס זײַנען פארפלאנצט ווײַנשטאקן, וואס גיבן ארויס טרויבן א פינגער די גרייס און שטרעקן שוין איצט זייער פרילינגדיקע בלעטלעך. טייל פעלדער זײַנען פאר־זייט מיט גערשטן — אן אײַנפיר וואס איז פון זיך אפגעשטארבן, פון זינט די לאטיפונדיעס האבן פארשלונגען די קליינע ערד־כאלאקים — און אף אנדערע האבן זיך געצויגן שורעס איילבירט־ביימלעך ווי ווײַט דאס אויג כאפט. פון אלע זײַטן איז די לאנדשאפט געווען א פרעכטיקע. און דאס אלץ האט זיך געקענט באקומען נאר פון דעם קימאט אומאויסשעפלעכן פארגרייט פון שקלאפן־ארבעט. און די דרײַ יונגע מענטשן האבן ווידער דערזען די קליינע היילן, שיינע, מאכיקע גרינע און קילע, מיט מיניאטור־טיילן פון גריכישע טעמפלען אינעווייניק, מארמארנע בענק, פאנטאנען פון דורכזיכטיקן אלבאסטער און וועגלעך פון ווײַסן שטיין, וואס האבן געפירט צו באבוימטע לאנקעס. ווען מען קוקט אף דעם אלעמען אין דער שא, ווען עס הייבט אן פארנאכטיק קיל ווערן און די זון נעמט זיך זעצן הינטער די בערגלעך, האט דאס בילד א געוואלדיקן צויבער אין זיך. און קלאודיא, וואס איז נאך דארט קיינמאל ניט געווען, האט דאס געמוזט האנאעדיק אויסשרײַען. דאס, אגעוו, האט שוין באלאנגט צו דער „נײַער קלאודיא". און קאיוס האט געקלערט וועגן דעם וויאזוי דאס דעליקאטע, מען קען זאגן רײַפע, מיידל, האט זיך געקענט אזוי פארענדערן אונטער דער ווירקונג פון אט די שטראף־צייכנס, ווי מער מעיושעוודיקע מענטשן פלעגן זיי רופן.

אין דער שא פון טאג פלעגט מען ארײַנפירן דאס פיך. און געהערט האט זיך דאס זילבערנע קלינגען פון די גלעקלעך און טרויעריקע שאלן פון די הארנס. ציגן־פאסטעכער, טראציער און ארמענער, נאקעטע מיט בלויז שטיקער פעל אף די לענדן, זײַנען אין די וועלדער אומגעגאנגען און געשריגן צו די ווײַט אוועקגעגאנגענע בעהיימעס, און קאיוס האט זיך גע־פרעגט ווער האט דא מער מענטשלעכן אויסזען, די ציגן אדער די שקלאפן. איצט קלערט ער, ווי ער פלעגט עס פריער אפט טאן, וועגן זײַן פעטערס רײַכקייט. לויט א געזעץ, איז די אלטע אדעליקע פאמיליעס פארבאטן יע־דער מיסכער, נאר אנטאניוס קאיוס — ווי א סאך זײַנע צײַט־כאווירים — האט איבעם געזעץ געזען מער א באקוועמען דעקטוך איידער א קייט אף די הענט. מען זאגט, אז דורך זײַנע אגענטן, האלט ער אף פראצענט ארײַנ־געלייגט העכער צען מיליאן „סעסטערצן" (א „סעסטערציוס" האט באטראפן אן ערעך אונדזערע אכצן סענט. — איבערז.) און דער פראצענט פלעגט דערגייך ביז פולע הונדערט. אויך זאגט מען, אז ער איז א הויפט־שותף צו פערצן „קינקערעמעס" (פופצן־רייַיקע רודער־שיפן) פון עגיפטישן האנדל, און צו איינער פון די רײַכסטע שפאנישע זילבער־מינעס. כאטש קיינער א כויך קאוואלירן האבן ניט געקענט האלטן דעם דירעקטארן־אמט אין די גרויסע קאפיטאל־געזעלשאפטן, וואס זײַנען אויפגעקומען נאך די פונישע

מילכאָמעס, פלעגן אָבער די דירעקטאָרן געוויסנהאַפטיק אויספאָלגן אַנטאָניוס קאַיוסעס אַלע פאַרלאַנגען.

שווער געווען צו זאָגן ווי רײַך ער איז, און כאָטש ווילאַ סאַלאַריאַ, מיט אירע העכער צען טויזנט העקטאַרן לאַנד, דערין אויך וואַלד, איז באַקאַנט אַלס שיין און געשמאַקפול אײַנגעאָרדנט אָרט, איז זי, פונדעסטוועגן, בעשום אויפן ניט געווען פון די גרעסטע און אויך ניט פון די שענסטע לאַטיפונדיעס. אַנטאָניוס קאַיוס פלעגט זיך ניט באַרימעריש אויסשטעלעריש באַווײַזן מיט זײַן רײַכקייט, ווי דאָס פלעגן טאָן אַנדערע פריש־אויפגעקומענע אַדעליקע פאַמיליעס, וואָס זײַנען שטענדיק גרייט געווען צו נעמען אונטער זייער קוואַטערשאַפט גרויסע גלאַדיאַטאָרן־פאָרשטעלונגען, אָדער געבן אומבאַשרײַבלעך לוקסוסדיקע מאָלצײַטן און פאַרווײַלונגען אַפן אָריענטאַלישן שטייגער. אַנטאָניוסעס טיש איז געווען אַ פײַנער און אַ זאַטער, נאָר אָן דעם כיין פון אינדיק־ברוסט, קאָליברי־צינגלעך און געפילטע מעגעלעך פון ליביער מײַז. מען פלעגט נאָך דאָרט די ברעמען אָנרוקן, ווען מען האָט געהערט ריידן פון דעם מין מאָלצײַטן, און מיט פאַמיליען־סקאַנדאַלן פלעגט מען זיך דאָרט אויך ניט אויסשטעלן. אַנטאָניוס איז מיט זײַן כשיוועס געווען אַ רוימער פון אַלטן שניט, וואָס קאַיוס האָט אין אים רעספּעקטירט אָבער ניט שטאַרק ליב געהאַט. ער האָט זיך קיינמאָל ניט געפילט באַקוועם אין זײַן געזעלשאַפט.

אין אַ טייל פון דער אומבאַקוועמקייט איז שולדיק געווען דער מענטש גופא, מאַכמעס אַנטאָניוס קאַיוס איז ניט געווען פון די מענטשן, וואָס וואַרפן זיך מיט געלט; נאָר דעריקער אומבאַקוועמקייט האָט זיך גענומען דערפון, וואָס קאַיוס האָט שטענדיק געפילט, אַז דער פעטער זײַנער מעסט דעם כילעק צווישן דעם וואָס דער פלימעניק איז און וואָס אַנטאָניוס קאַיוס וואָלט וועלן דער יונגער רוימער זאָל זײַן. קאַיוס האָט געהאַט אַ פאַרדאַכט, אַז די לעגענדע וועגן דער זיטלעכער און שטרענגער רוימישער יוגנט, וואָס איז איבערגעגעבן אירע בירגער־פליכטן, וואָס הייבט אָן פון אַ מוטיקן זעלנער און שטײַגט טראָט בײַ טראָט צום אָפיצירנטום, וואָס האָט שפּעטער כאַסענע פאַר אַן אָרנטלעך רוימיש מיידל, פון אַזאַ פאַמיליע, ווי לעמאָשל, די גראַקוסעס וואָס דינט ערלעך און אומאייגננוציק און גייט פאַרויס פון אַמט צו אַמט, ביז ער גרייכט אַף לעצט צו קאָנסול, אַ געערטער און געאַכטעטער פון מענטשן פראָסט און פּאָשעט, גלײַך מיט די וואָס באַזיצן טיטלען און רײַכטימער, מאָראַל און הויכע באַגריפן, איז קיינמאָל ניט געווען אַזוי אומרעאַל ווי צו יענער צײַט; און קאַיוס גופא האָט ניט געהערט פון אַזוינע יונגע רוימער. די יונגעלײַט, וואָס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט קאַיוסעס געזעלשאַפט אין רוים, האָבן זיך אינטערעסירט מיט אַ סאַך זאַכן; טייל האָבן זיך פאַרנומען מיט געווינען דאָס האַרץ פון אַ וואָס גרעסערער צאָל מיידלעך; אַנדערע זײַנען נאָך אין זייער צאַרטער יוגנט קראַנק געוואָרן אַף געלט־דורשט און צו צוואַנציק יאָר זײַנען זיי שוין פאַרפלאָנטערט געווען אין אַ שיר שווינדלערישע מיסכאָרים; נאָך אַנדערע האָבן זיך אויסגעלערנט די פּראָפעסיע פון לײַבמענטשן, וואָס זינקען, פאַרדאַרבענע,

אינעם שמוץ פון קויפן און פאַרקויפן שטימען אין זייערע שטאָט־באַצירקן, מעקלערן כּאַבאַר, קויפן שטעלעס, ווערן שותּפים צו טונקעלע געשעפטלעך, לערנען זיך פּערפעקציאָנירן די פּראָפעסיע וואָס זייערע עלטערן האָבן מיט אַזאַ געניטקייט פּראַקטיצירט; פאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס מאַכן אַ קאַריערע באַ די מאַלצײַטן, פאַרוואַנדלען זיך אין פּיפּיקע שיק־ייִנגלעך און שילאַטן־שאַמאָסים, נאָר זייער ווייניק גייען אין דער אַרמיי, אַ פּראָפעסיע, וואָס ווערט באַ דער יוגנט אַלץ ווייניקער באַליבט. אַזוי איז קאַיוס, איינער פון דער גרויסער מערהייט, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דער לאַנגווײַליקער באַשעפטיקונג פון פאַרברענגען די צײַט מיט וואָס מער פאַרגעניגן און מיט וואָס ווייניקער אַרבעט, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גאַנץ אומשעדלעכן, אויב ניט פאַר אַ גאַנץ נוצלעכן בירגער פון דער גרויסער רעפּובליק, פלעגט זיך פילן באַליידיקט פון זײַן פעטער אַנטאָניוסעס אומצופרידנקייט מיט אים, וואָס ער פלעגט אים אָפט געבן אָנצוהערן. לעבן און לאָזן לעבן האָט באַ קאַיוסן געהייסן די גאַנגבאַרע פילאָזאָפיע פון דער ציוויליזאַציע.

אָט וועגן דעם האָט קאַיוס געטראַכט ווען זיי זײַנען אַרײַנגעקומען אין דער ראַכוועס פון גערטנער און לאַנקעס, וואָס האָט זיך געשפּרייט אַרום דער רעזידענץ גופא. די גרויסע שפּײַכלערס, סטאַדאָלעס און וווינונגען פאַר די שקלאַפן, וואָס זיי זײַנען געווען די אַרבעטס־באַזע פון דער פּלאַנטאַציע, זײַנען געשטאַנען ווײַט אָפּגעזונדערט פונעם הויז, און קיין שום שפּור פון זייער מי און האַרמידער, פון זייער אומשיינקייט, האָט בעשום אופן ניט געקענט שטערן די קלאַסישע רו פון דער שטוב. די רעזידענץ, אַ גרויס פּירעקיק געבײַ אַרום אַ הויף מיט אַ טײַך אינמיטן, איז געשטאַנען אַף אַ ביסל אַ העכערן אָרט. ווײַס געפאַרבט מיט דעכער פון רויטע דאַכלקעס, איז זי געווען ניט אומאָנגענעם און די האַרטקייט פון אירע פּאָשעטע ליניעס איז פאַרווייכט געווען מיט דעם געשמאַק ווי עס זײַנען צעשטעלט געווען די הויכע צעדערן און אולמען־ביימער אַרום דעם הויז. דאָס פּלאַץ איז באַדעקט געווען מיט גערטענער, באַקאַנטע אַלס יאַנישער סטיל: אַ סאַך קוסטעס, וואָס מען פלעגט לאָזן וואַקסן אין אַלערליי פאָרמען, איינפאָרמיקע לאַנקעס, גאָרטן־בײַדלעך פון קאַלירטן מאַרמאָר, אַלבאַסטרענע פאַנטאַנען פאַר טראָפּיקאַלישע פיש און אַן אַ שיר טראַדיציאָנעלע גאָרטן־סטאַטועס, דער גאָט פּאַן, נימפן, פאַונען און מאַלאָכים. אַנטאָניוס קאַיוס האָט שטענדיק געהאַט קויף־אָנבאָטן אַף די העכסטע פּרײַזן, פון די רוימישע מערק, ווו עס פלעגן זיך פאַרקויפן די פּעיקסטע גריכישע סקולפּטאָרן און גערטנערס; ער האָט קיינמאָל ניט געקאַרגט דערויף, כאָטש ער אַליין, פלעגט ער זאָגן, פילט ניט קיין שום געשמאַק דערין און פאָלגט נאָר אויס דעם ראָט פון זײַן פרוי, יוליע. קאַיוס האָט אים געגלויבט, וואָרעם ווען זײַן פעטער וואָלט געהאַט עפּעס געשמאַק, וואָלט מען עס אַף אים אָנגעזען. כאָטש עס זײַנען געווען נאָך אַנדערע פּרעכטיקע רעזידענצן ווי די ווילאַ סאַלאַריאַ, טייל ווי פּאַלאַצן פון אָריענטאַלישע הערשער, האָט קאַיוס מוידע געווען, אַז קיין איינער פון זיי גרייכט ניט צו ווילאַ סאַלאַריאַ מיט איר געשמאַק און דעקאָראַציע.

קלאַודיאַ האָט מיטגעשטימט. בעייס זיי זײַנען דורכגעגאַנגען דעם טויער און געשפּאַנט איבער דעם ציגל־וועג, וואָס האָט געפֿירט צום הויז, האָט קלאַודיאַ אַן איבעראַשטע זיך אָנגערופֿן צו העלענען:

— מיר האָט זיך נאָך קיינמאָל אַזוינס ניט געכאָלעמט! דאָס זעט אויס ווי פֿון אַ גריכישן מיטוס אַרויסגענומען.

— זייער אַן אָנגענעם פּלאַץ, — האָט העלענע צוגעשטימט.

אַנטאָניוס קאַיוסעס צוויי טעכטערלעך האָבן זיי די ערשטע דערזען און זײַנען איבערן גראָז זיי אַקעגנגעלאָפֿן. הינטער זיי, רויִקער, איז זיי אַקעגנגעגאַנגען די מוטער, יוליע, אַ פֿרוי מיט אַן אָנגענעמען אויסזען, אַ דיקלעכע, מיט אַ טונקעלן פּנים. אַ ביסל שפּעטער איז פֿון דער שטוב אַרויסגעקומען אַנטאָניוס און הינטער אים נאָך דרײַ מענטשן. געווען איז ער מינוציעז אין די איניאָנים פֿון באַנעמען זיך, אַזוי לעגאַבע זיך, ווי לעגאַבע אַנדערע, און האָט מיט ערנסטער העפֿלעכקייט געגריסט זײַן פּלימעניצע און זײַן פּלימעניק און זייער כאַווערטע, דערנאָך האָט ער מיט גרויס פֿאָרמאַליטעט גענומען פֿאָרשטעלן זײַנע געסט. צוויי פֿון זיי האָט קאַיוס גוט געקענט, לענטעלוס גראַקוס, אַ זייער כיטרער און באַגליקטער שטאַטישער פּאָליטיקער און ליסיניוס קראַסוס, דער גענעראַל, וואָס איז באַרימט געוואָרן אין דער מילכאָמע קעגן די שקלאַפֿן און איז אַ יאָר צײַט געווען דער ליבלינג און די באַליבטע טיש־טעמע פֿון דער שטאָט. דער דריטער פֿון דער גרופּע איז קאַיוסן אומבאַקאַנט געווען; געווען איז ער יינגער פֿון די אַנדערע, אָבער ניט קיין סאַך עלטער פֿון קאַיוסן, אַ באַשיידענער, מיט דער סובטעלער באַשיידנקייט פֿון אַזעלכן וואָס איז ניט געבוירן קיין פּאַטריציער, אַראַגאַנט, מיט דער ניט גאָר סובטעלער אַראַגאַנץ פֿון אַ רוימישן אינטעלעקטואַל; שאַצעריש בענעגייע די פֿריש־אָנגעקומענע און מיט אַ מעסיק אָנגענעמען אויסזען. גערופֿן האָט מען אים מאַרקוס טוליוס ציצעראָן, און ער האָט געגריסט קאַיוסן און די צוויי שיינע פֿרײַלנס, וואָס מען האָט אים פֿאָרגעשטעלט, מיט באַשיידענער צוריקגעהאַלטנקייט. ניט געקענט האָט ער נאָר צוימען זײַן אומרויִקע נײַגעריקייט. און אַפֿילע קאַיוס, וואָס איז ניט געווען פֿון די גאָר איבערגעשפּיצטע, האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ציצעראָן פֿאָרשט זיי, וועגט זיי און שאַצט זיי: זייער יִכעס, זייער רײַכקייט, זייער אינפֿלוענץ.

קלאַודיאַ האָט אין דער צײַט באַשלאָסן, אַז דער געווונטשנסטער פֿון אַלע דאָרט פֿאַראַנענע מאַנספּאַרשוינען איז אַנטאָניוס קאַיוס, דער באַלעבאָס פֿון דער גרויסאַרטיקער רעזידענץ און פֿון די אומענדלעכע גיטער. מיט איר בלויז נאָמינעלן כוש פֿאַר פּאָליטיק און אומקלאָרן באַגריף פֿון מילכאָמע, האָבן סײַ גראַקוס און סײַ קראַסוס אָף איר אַ קליינעם רושעם געמאַכט, און ציצעראָן, ניט נאָר איז ער איר אומבאַקאַנט — וואָס פֿאַר קלאַודיען האָט עס געמיינט אויך אומוויכטיק — נאָר זײַן אויסזען איז פֿון איינעם פֿון יענע געלט־גײַציקע קאַוואַלירן, וואָס מען האָט איר אײַנגעפּלאַנצט פֿאַראַכטונג צו זיי. יוליע האָט זיך שוין געהאַט צוגעקלעפּט צו קאַיוסן, איינער פֿון אירע פֿאַוואָריטן, און האָט שוין געמרוקעט לעבן אים ווי אַ ני־

מעס קעצל. און קלאַוודיאַ האָט אַזוי אָפּגעשאַצט אַנטאָניוסן, ווי קאַיוס וואָלט עס קיינמאָל ניט באַוויזן צו טאָן. זי האָט אין דעם באַגופֿטן און מוסקולדיקן גוטבאַזיצער מיט דער האָרבאַטער נאָז דערזען אַ מאַסע פֿון געצוימטע און אומבאַפֿרידיקטע אַפּעטיטן. זי האָט אויפֿגעכאַפּט דעם אויסבאַהאַלטענעם סענסועלן כוש אין זײַן אָפּן פֿאַלשער פּוריטאַנישקייט, און קלאַוודיען זײַנען ליבערשט געווען די גרויסע, מעכטיקע לײַט, מעגן זיי זײַן אימפּאָטענטן; אַנטאָניוס קאַיוס וואָלט אין קיין פֿאַל ניט געווען אומדיסקרעט אָדער לעסטיק. דאָס אַלץ האָט ער איר צו וויסן געגעבן מיט אַ פֿאַרשטעלטן און אומרויִקן שמייכל.

די גרופּע איז שוין געווען אין שטוב. קאַיוס איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿרנעם פֿערד און אַן עגיפּטישער שקלאַף האָט עס אַוועקגעפֿירט. די בעטןטרעגער, פֿאַרמאַטערטע פֿון די מײַלן וועג, פֿאַרשוויצטע, האָבן זיך אײַנגעקאַרטשעט לעבן די בעטן און האָבן געציטערט פֿון דער פֿאַרנאַכטיקער קילקייט. זייערע מאָגערע גופים זײַנען געווען אָפּגעכאַלעשט ווי באַ די בעהימעס, און זייערע מוסקולן האָבן זיך פֿון ווייטיק צוזאַמענגעצויגן אונטער דער הויט, ווי דאָס טרעפֿט אויך מיט דערשעפּטע בעהיימעס. קיינער האָט זיך אַף זיי ניט אומגעקוקט; קיינער האָט זיי ניט באַמערקט; קיינער האָט זיך מיט זיי ניט פֿאַרנומען. די פֿינף מענער, די דרײַ פֿרויען און די צוויי קינדער זײַנען אין שטוב אַרײַנגעגאַנגען און די בעטן־טרעגער זײַנען געבליבן זיצן אַף די שפּיץ־פֿינגער באַ די בעטן און האָבן געוואַרט. איינער פֿון זיי, אַ באָכער פֿון אַ יאָר צוואַנציק ניט מער, האָט גענומען זיפֿצן. וואָס ווײַטער אַלץ אומגעצוימטער, נאָר די אַנדערע האָבן אים אין אַכט ניט גענומען. אַזוי זײַנען זיי געזעסן אַן ערך צוואַנציק מינוט, ביז אַ שקלאַף איז צו זיי צוגעקומען און זיי צוגעפֿירט צו אַ באַראַק, וווּ אָפּצועסן און איבערשלאָפֿן די נאַכט.

VIII

קאַיוס האָט זײַן באָד גענומען אינאיינעם מיט ליסיניוס קראַסוס און עס איז אים לײַכטער געוואָרן צום געמיט ווען ער האָט זיך איבערצײַגט, אַז דער גרויסער מענטש איז ניט פֿון יענער שול מענטשן, וואָס זאָלן אים, קאַיוסן, נעמען קעדיי אים פֿערזענלעך נוצן צו די פֿאַרעלטערטע אייגנשאַפֿטן פֿון דער זײַנצײַטיקער ווילגעבוירענער יוגנט. ער האָט אין קראַסוסן דערזען אַן אָנגענעמען ליבן מענטשן, וואָס האָט די אײַנקויפֿנדיקע געוויינהייט צו פֿרעגן אַ מיינונג, מעג זײַן באַ ניט איבעריק וויכטיקע פֿאַרשוינען. אין באָד האָבן זיי זיך אויסגעצויגן, פֿויל געפּאָליושקעט אינעם וואַסער, געשווומען אַף צוריק און אַף פֿאָרויס און גענאָסן דאָס לעבלעכע פֿאַרפּומירטע וואַסער אַן אָנגעזאַפּטס מיט אַראָמאַטישע זאַלצן. קראַסוסעס קערפּער האָט אײַנגעהיט די פֿאָרעם; אָן דעם בויך פֿון אַ מיטליאָריקן, נאָר נעט און קרעפּטיק, און אַליין אַ יוגנטלעכער, אַ פֿלינקער. ער האָט געפֿרעגט קאַיוסן צי זיי זײַנען אָנגעקומען מיט דעם וועג פֿון רוים.

— יאָ, פון רוים, און מאָרגן לאָזן מיר זיך ווײַטער מיט דעם וועג קיין קאַפּואַ.

— האָבן אײַך ניט געשטערט די שטראָף־צייכנס?

— מיר זײַנען זייער נײַגעריק געווען זיי אָנצוקוקן, — האָט קאַיוס געענטפערט, — נאָר אין דער עמעסן האָבן זיי אונדז ניט איבעריק געשטערט. כּון צײַט צו צײַט נאָר, אַז אויפגעטרענטער בויך, איבער די פייגל, וואָס איז ניט אָנגענעם, ביפראַט ווען דער ווינט בלאָזט אַנטקעגן, נאָר דאָס קען מען דאָך ניט אויסמײַדן, און די מיידלעך פלעגן אַראָפּלאָזן די פאָרהענגלעך בײַ זייערע טראָג־בעטן. פונדעסטוועגן, ווייסט איר, האָבן זיך די בעטן־טרעגער געפילט געטראָפן און טייל מאָל זיך שלעכט געפילט.

— איך שטעל מיר פאָר, זיי האָבן זיך אַליין דערזען הענגען, — האָט דער גענעראַל אַ שמייכל געטאָן.

— מעגלעך. איר מיינט אַז צווישן די שקלאַפן איז פאַראַן אַזאַ מין געפיל? אונדזערע בעטן־טרעגער זײַנען מערסטנס געבוירענע אין די שטאַלן, און אַ סאַך זייערע זײַנען פון קינדווײַז געצוימט מיט דער בײַטש, בײַ אַפּיאַ מונדעליאַ אין דער שול, און אַזוי לאַנג זיי זײַנען שטאַרק, זײַנען זיי ניט ערגער ווי די בעהיימעס. קענען זיי אידענטיפיצירן? מיר גלייבט זיך ניט, שקלאַפן זאָלן האָבן אַזוינע אייגנשאַפטן. נאָר איר מוזט דאָך בעסער וויסן. גלייבט איר, אַז אַלע שקלאַפן האָבן עפּעס געפילט צו ספּאַרטאַקוסן?

— איך מיין, אַז דער גרעסטער טייל זייערער.

— מיט אַן עמעסן? האָס וועקט אומרו.

— ווען ניט, וואָלט איך ניט געווען פאַר אָט די קרייצונגען, — האָט קראַסוס אויפגעקלערט, — ס'איז אַ פאַרשווענדערישקייט און איך בין קעגן פאַרשווענדערישקייט צוליב פאַרשווענדערישקייט. אַ כּוץ דעם מיין איך, אַז מאָרד קען זיך אויסדרייען מיטן פּאָנעם צו די וואָס באַגייען... דעם עקסצעס פון מאָרדן. איך מיין אַז אונדז טוט עס עפּעס אַזוינס וואָס קען אונדז שפּעטער שאָדן ברענגען.

— דאָס זײַנען דאָך אָבער שקלאַפן! — האָט קאַיוס פּראָטעסטירט.

— ווי זאָגט ציצעראָן, און האָט עס אַזוי ליב איבערצוכאַזערן?... „אינסטרומענטום וואָקאַלע". דער שקלאַף איז אַ ריידנדיק געצײַג, וואָס צייכנט זיך דערמיט אויס פון דער בעהיימע, וואָס איז אַן „אינסטרומענטום סעמיוואָקאַלע", וואָס צייכנט זיך אויס פון דעם געוויינלעכן געצײַג, וואָס מיר קענען עס אָנרופן „אינסטרומענטום מוטום". ס'איז אַ זייער קונציקער אויפן ווי אַוועקצושטעלן די פראַגע, און איך בין זיכער, אַז ציצעראָן איז זייער אַ קלוגער פאַרשוין, נאָר אים איז ניט אויסגעקומען צו שלאָגן זיך קעגן ספּאַרטאַקוסן. ציצעראָן האָט ניט געמוזט שאַצן ספּאַרטאַקוסעס לאַגישע פּאַטענץ, ווײַל ער האָט ניט געמוזט וואַך זײַן גאַנצע נעכט, אַזוי ווי איך, און טרעפן וואָס ספּאַרטאַקוס טראַכט. ווען איר קעמפט קעגן די שקלאַפן, געפינט איר פּלוצעם אויס, אַז זיי זײַנען עפּעס מער ווי אַן „אינסטרומענטום וואָקאַלע".

— איר האָט אים געקענט... כ'מיין פּערזענלעך?

— אים ?

— איך פרעג וועגן ספארטאקוסן.

דער גענעראל האט רעפלעקטיוו א שמייכל געטאן. — „ניין, דעם עמעס געזאגט", — האט ער דערקלערט, — איך האב מיר געמאכט מיין אייגן געמעל וועגן אים. כ'האב צונויפגענומען דאס און יענץ, נאר איך קען ניט קיינעם, וואס זאל אים האבן גע קע נ ט. פארוואס זאל איך אים ניט געוועז קענען ? אויב איר האט א הינטל, וואס פאלט פלוצעם אן זייער בייז און טוט עס זייער קלוג, בלייבט עס אלץ א הינטל, ריכטיק ? שווער צו וויסן. איך האב מיר אליין געשאפן א בילד פון ספארטאקוסן, נאר איך וואלט מיך ניט אונטערגעשטעלט דאס ארויסצוברענגען אף פאפיר. איך גלייב ניט עמעצער זאל עס קענען טאן. די וואס וואלטן עס געקענט טאן, הענגען איצט איבער דער וויא אפיא און דער מענטש גופע איז שוין ווי א כאלעם. מיר וועלן אים איצט רעסטאווירן אין זיין אמאליקער לאגע ווי א שקלאף.

— וואס דאס איז ער געווען, — האט קאיוס געזאגט.

— יא... יא, איך רעכן אז יא.

קאיוסן איז שווער געווען זיך צו האלטן בא דער טעמע. און ניט דערפאר וואס ער איז צו ווייניק באקאנט געווען אין מילכאמע־איניאנים ; דער עמעס איז, אז ער האט זיך מיט מילכאמע ניט אינטערעסירט ; און דאך איז מילכאמע געווען די פליכט פון זיין קאסטע, פון זיין קלאס, פון זיינע לעבנס־באדינגונגען. וואס טראכט פון אים קראסוס ? זאל ער מיינען אויפריכטיק מיט זיין אכטונג צו אים און מיט זיין העפלעכקייט ? אלנפאלס קען מען די פאמיליע קאיוס ניט איגנארירן און אויך ניט אפזאגן איר אין וויכטיקייט, און קראסוס נייטיקט זיך אין פריינט ; ווארעם ווי אזוי איז דאס זאל ניט אויסזען, איז דער גענעראל, וועלכער האט געפירט די בלוטיקסטע שלאכטן אין דער רוימישער געשיכטע, ארויס פון זיי מיט גאר ווייניק גלאר. ער האט זיך געשלאגן קעגן שקלאפן און האט זיי צעשלאגן... דעמאלט ווען די שקלאפן האבן שוין געהאט קימאט צעשלאגן רוים. די גאנצע זאך איז א מין מאדנער ווידערשפרוך, און קראסוסעס אגיוועס קען זיך זיין אן אויפריכ־טיקע. וועגן קראסוסן קען מען קיין לעגענדעס ניט וועבן און קיין לידער ניט זינגען. די נויטווענדיקייט די דאזיקע מילכאמע צו פארגעסן האט אומ־גלויבלעך פארקלענערט זיינע ניצכוינעס.

זיי זיינען ארויס פון דער באד, און די שקלאפנס וואס האבן זיי אפגע־ווארט, האבן זיי ארומגעהילט מיט ווארעמע האנטעכער. קיין איין ארט, מיט רייבערן פוץ ווי די רעזידענץ פון אנטאניוס קאיוס, וואלט ניט אזוי באפרידיקט אדער צוגעטראפן דעם מינדסטן ווונטש פון זיינע געסט. קאיוס האט וועגן דעם געטראכט בעשאס מען האט אים אפגעטריקנט. אין די אל־טע צייטן, ווי ער האט געהערט דערציילן, איז געווען א וועלט פול מיט קליינע פירשטנשאפטן, פיצלעך קעניגרייכן און גראפשאפטן, נאר זייער ווייניק זייערע וואלטן געקענט אזוי לעבן און באדינען, ווי דאס האט בא־וויזן צו טאן אנטאניוס קאיוס, גארניט אזא מעכטיקער און וויכטיקער ערד־באזיצער אדער בירגער פון דער רעפובליק. זאל מען זאגן וואס מען וויל

זיך זאָגן, נאָר דער רוימישער שטייגער לעבן איז אַן אָפּשפּיגלונג פון די טאַלאַנטירטסטע און פעיִקסטע רעגירער.

— איך האָב מיך קיינמאָל ניט געקענט צוגעוווינען פרויען זאָלן מיך אָנטאָן און זיך אייסעקן אַרום מיר, — האָט קראַסוס געזאָגט, — איר האָט דאָס ליב?

— איך האָב דערויף קיינמאָל קיין גרויס אַכט ניט געלייגט — האָט קאַיוס געענטפערט, וואָס דאָס איז ניט אינגאַנצן עמעס געווען, וואָרעם ער פלעגט פילן אַ גאַנץ באַשטימטן פאַרגעניגן און אַ געוויסע גערייצטקייט ווען שקלאַפנס האָבן אים באַרירט. זיין פאָטער פלעגט עס ניט דערלאָזן און אין געוויסע קרייזן פלעגט מען עס אים פאָרוואַרפן; נאָר אין די לעצטע פינף אָדער זעקס יאָר האָט זיך קאַיוסעס באַציִונג צו די שקלאַפנס שטאַרק געענדערט און, ווי אַ סאַך גוטע ברידער זיינע, האָט ער זיי אָפּגעזאָגט די גרעסטע טייל מענטשלעכע עלעמענטן. געווען איז עס אַ זייער סובטעלער אויפן ווי דעם איניען באַדינגלעך צו מאַכן. אין דעם מאָמענט האָט ער בעעמעס ניט געוווּסט ווי עס האָבן אויסגעזען די דריי פרויען וואָס האָבן אים באַדינט, און ווען מען פרעגט אים דעמאָלט, וואָלט ער זיי ניט געקענט אָפּמאָלן. דעם גענעראַלס פרעג האָט אים געצוווּנגען אַ קוק צו טאָן אַף זיי. זיי האָבן באַלאַנגט צו עפּעס אַ שפּאַנישן שייוועט אָדער צו אַ געגנט אין שפּאַניע, קליין־געוויקסיקע מיידלעך, ניט קיין מיִעסע, אַף זייער שטילן און צאַרטן אויפן. באָרוועסע, אין קורצע גלאַטע טוניקעס, פייכטע פון דעם דאַמף, וואָס איז געשטאַנען אין באָד, און באַפלעקטע פון דעם שווייס וואָס איז געקומען פון זייער אַרבעט. זיי האָבן אים אַ ביסל אויפגערייצט צוליב זיין אייגענער נאַקעטקייט. נאָר קראַסוס האָט איינע פון זיי צו זיך צוגעצויגן, האָט זי אידיאָטיש געטאַפּט און געשמייכלט צו איר אין דער צייט וואָס זי האָט זיך אונטערטעניק געקרימט, נאָר ניט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד.

דאָס האָט קאַיוסן געוואַלדיק צעטומלט; ער האָט פלוצעם דערפילט אַ גריינגשעצונג צו דעם גרויסן גענעראַל, וואָס טאַפּט אַ מיידל אין באָד; ער האָט ניט געוואָלט קוקן. דאָס האָט אין זיינע אויגן אויסגעזען קליין און שמוציק און האָט אָוועקגענומען בא קראַסוסן זיין ווערדע. דערצו נאָך האָט קאַיוס געטראַכט, אַז ווען קראַסוס וועט זיך שפּעטער דערמאָנען, וועט ער זיך נעמען אויך צו אים, דערפאַר וואָס ער האָט עס צוגעזען.

ער איז צוגעגאַנגען צום מאַסאַזשן־טיש און האָט זיך אַף אים אויסגעצויגן און אין אַ ווייַלע אַרום איז צוגעקומען אויך קראַסוס. „אַ וויל שטיקעלע" — האָט קראַסוס געזאָגט — און קאַיוס האָט געטראַכט צי איז ניט דער מענטש אַ פולשטענדיקער אידיאָט אין פרויען־זאַכן. נאָר קראַסוס איז גאָרניט געווען צעטומלט. „ספּאַרטאַקוס" — האָט ער ווידער גענומען אָנקניפּן דעם פאָדעם פון זיין איבערגעריסענעם שמועס, — איז פאַר מיר געווען פונקט אַזאַ רעטעניש ווי פאַר אייך. איך האָב אים קיינמאָל ניט געזען... ניט געקוקט אַף די שיידים־טענץ, אין וועלכע ער האָט מיך אַריינגעפירט".

— אַזוי אַז איר האָט אים קיינמאָל ניט געזען ?

— קיינמאָל ניט. נאָר דאָס מיינט ניט צו זאָגן, אַז איך האָב אים ניט געקענט. שטיקלעכווײַז האָב איך אים מיר צונויפגעשטעלט. איך האָב עס ליב. אַנדערע שטעלן צונויף מוזיק אָדער קונסט. איך האָב צונויפגעשטעלט אַ בילד פון ספּאַרטאַקוסן.

קראַסוס האָט זיך אויסגעצויגן אונטער די געניטע הענט פון דער מאַסאַזשיסטן, וואָס האָט אים אײַנגעבויגן די געשפּאַנטקייט, מוסקול נאָך מוסקול. קראַסוס האָט זיך געדרייט ווי אַ ריזיקער קאָטער ווען מען קיצלט אים דעם רוקן און האָט געקרעכצט פון האַנאָע.

— ווי האָט ער אויסגעזען ?... זײַן בילד ? — האָט קאַיוס געפרעגט.

— איך פרעג מיך אָפּט וואָס פאַר אַ פאָרשטעלונג האָט ער געהאַט פון מיר, — האָט קראַסוס מיט אַ גרימאַסע דערויף געענטפערט. — אַף לעצט איז ער געקומען מיך זוכן. אַזוי דערציילט מען, אַלנפאַלס. איך קען ניט שווערן, אַז איך האָב עס געהערט, נאָר מען דערציילט, אַז ער האָט געשריגן: „וואַרט, קראַסוס, מאַמזער!” אָדער אין דעם ערעך. אינגאַנצן פערציק אָדער פופציק מעטער פון מיר איז ער געווען און האָט זיך שוין גענומען דערקלײַבן צו מיר מיט דער האַק. צום שטויגן איז עס געווען. ער איז ניט געווען קיין גאָר הויכער... אויך ניט קיין גאָר שטאַרקער, נאָר אַ בייזער שטורעם איז אין אים געזעסן. דאָס איז דאָס ריכטיקע וואָרט. ווען ער האָט זיך געשלאָגן, מיט זײַנע אייגענע הענט, איז ער געווען ווילדער צאָרן, גאַל. און ער איז שוין געווען האַלב וועג פון מיר. בעייס אָט דעם צעיושעטן געיעג האָט ער אַוואַדע צען אָדער צוועלף מענטשן אויסגעהאַרגעט און, איז ניט שטיין געבליבן ביז מען האָט אים צעהאַקט.

— איז עס, הייסט עס, עמעס, אַז מען האָט זײַן גוף ניט געפונען ? — האָט קאַיוס געפרעגט.

— אַזוי איז עס. מען האָט אים אַף שטיקלעך צעהאַקט און עס איז פון אים גאָרנישט ניט געבליבן. ווייסט איר וואָס דאָס הייסט אַ שלאַכטפעלד ? פאַראַן דאָרט פלייש און בלוט און מען קען ניט וויסן וועמענס פלייש דאָס איז און וועמענס בלוט. אַזוי אַז ער איז אַוועק אַהין פון וואַנען ער איז געקומען. פון גאָרניט צו גאָרניט, פונעם צוריק צום יאַטקע־קלאָץ. פון דער שווערד לעבן מיר און פון דער שווערד שטאַרבן מיר. אַזוי איז געווען ספּאַרטאַקוס. איך גריס אים.

דאָס וואָס דער גענעראַל האָט געזאָגט, האָט קאַיוסן דערמאָנט דעם שמועס מיט דעם וואָרשטן־מאַכער, און ער איז שוין גרייט געווען אים צו פרעגן, נאָר אָנשטאָט דעם, האָט ער געפרעגט:

— איר טראָגט גאָר קיין סינע ניט אַף אים ?

— פאַרוואָס אַ סינע ? ער איז געווען אַ גוטער זעלנער און אַ פאַרדאַמטער שמוציקער שקלאַף. וואָס האָב איך דאָ באַזונדערס צו האַסן ? ער איז טויט און איך לעב. מיר געפעלט עס, — האָט ער גערעדט אין דער צײַט ווען ער האָט זיך האַנאָעדיק געדרייט אונטער די פינגער פון דער מאַסאַזשיסטן. נאָר באַלד האָט ער פעסטגעשטעלט, אַז זײַנע ווערטער באַ־

ציִען זיך ניט צו איר, נאָר צו עפּעס ווײַטערס, — מײַן עקספּעריענץ איז אַ באַגרענעצטע. איר, מיסטאָמע, טראַכט אַנדערש. נאָר אײַער דאָר זעט אַנדערש. איך רייד ניט פון כאַזערײַען, נאָר פון פײַנקייטן, אָט אַזעלכע ווי די... ווי ווײַט מען קען דערגיין, קאַיוס ?

פון אָנהייב האָט דער יונגערמאַן זיך ניט געכאַפּט אַז דאָס רעדט דער גענעראַל און ער האָט אים מאָדנע נײַגעריק אָנגעקוקט. פון די לײַדנשאַפט־לעכע רייד זײַנען בײַ קראַסוסן אַפּן נאַקן די מוסקולן אויפגעלאָפן און דער גאַנצער גוף זײַנער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער לײַדנשאַפט. קאַיוס איז צעטומלט געוואָרן און האָט זיך אַ ביסל דערשראָקן ; אים האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער אַרויס פון דעם צימער, נאָר עס איז קיין אויפן ניט געווען ווי דאָס צו טאָן אָנשטענדיקערהייט ; און געשראָקן האָט ער זיך ניט אַזוי פאַר דעם וואָס וועט געשען, ווי פאַר זײַן מוזן צוזען וואָס עס גייט געשען.

— איר קענט זי פרעגן, — האָט קאַיוס געזאָגט.

— זי פרעגן ? איר מיינט דאָס בעהיימעלע פאַרשטייט לאַטײַן ?

— אַלע ריידן זיי צו ביסלעך.

— איר מיינט איך זאָל זי פרעגן דירעקט ?

— פאַרוואָס ניט ? — האָט קאַיוס שטיל אַ זאָג געטאָן און האָט זיך טייקעף איבערגעדרייט מיטן פּנים אַראָפּ און האָט פאַרמאַכט די אויגן.

IX

אין דער צײַט וואָס קאַיוס און קראַסוס זײַנען געווען אין באָד און די לעצטע שאָען פאַר זון־פאַרגאַנג האָבן זייער גאָלדענע שײַן צעגאָסן איבער די פעלדער און גערטנער פון ווילאַ סאַלאַריאַ, האָט אַנטאָניוס קאַיוס גענומען זײַן פלימעניצעס כאַווערטע אַף אַ שפּאַציר איבער די פעלדער צום רײַט־פּלאַץ. אַנטאָניוס קאַיוס האָט זיך ניט דערלויבט די באַרימערישע פּאַראַדן, ווי לענטולוס באַטיאַטוס... כאָשל, אַ פּריוואַטן פערד־געיעג אָדער פאַר זיך אַליין אַ צירק. געהאַט האָט ער זײַנע אַ טעאָריע, אַז אויב מען וויל פאַרבלײַבן מיט דעם פאַרמעגן וואָס מען האָט, דאַרף מען עס נוצן דיסקרעט. אים איז לאַכלוטן פרעמד געווען די שטאַנד־אומזיכערקייט, וואָס פאָדערט שרײַערישע אויסשטעלערישקייט, ווי מען זעט עס געוויינלעך בײַ דעם נײַעם קלאַס געשעפטסלײַט, וואָס זײַנען דעמאָלט אויפגעקומען אין דער רעפּובליק. אָבער, פּונקט ווי אַלע זײַנע גוטע ברידער, האָט ער ליב געהאַט פערד ; ער האָט געצאָלט פאַנטאַסטישע סומעס געלט פאַר אונטערגעקליבענע ראַסאָווע עקזעמפּלאַרן, און האָט זיך געשפּיגלט אין זײַנע שטאַלן. פאַר אַ גוט פערד פלעגט מען דעמאָלט צאָלן וויינטיקסטנס פינף מאָל אַזויפיל ווי פאַר אַ שקלאַף. לאָגיש איז געווען אַז מען זאָל האַלטן פינף שקלאַפן אַף צו באַדינען ווי געהעריק איין פערד. אַ פערד איז געלאָפן, איז איבער אַ באַריער אַריבערגעשפּרונגען און האָט זיך אויסגעצויגן איבערן ברייטן פעלד. און ניט ווײַט פון דאָרטן איז געווען אַ באַקוועמע פון שטיין געבויטע גאַלעריע פאַר אַן ערעך פופציק מענטשן.

פון דאָרטן האָט זיך אַנטפּלעקט דער סטאַדיום און אַ ראַכוועסדיקער פערד־הויף.

נאָענט פון די שטאַלן האָט זיך דערהערט דאָס דרינגלעכע הירזשען פון אַן אַגער; פאַר קלאַוודיען אַ גאַנץ נײַע נאָטע פון דראַנג און באַגער, אַ רירנדיקע אָבער מוירעדיקע נאָטע.

— וואָס איז עס? — האָט זי געפרעגט אַנטאָניוס קאַיוסן.

— אַ צערייצטער אַגער. איך האָב אים געקויפט אַפן מאַרק ערשט מיט צוויי וואָכן צוריק. טראַציער בלוט, אַ ברייט־ביינערדיקער, אַ ווילדער, נאָר אַ שיינקייט. איר ווילט אים אָנקוקן?

זיי זײַנען צוגעקומען צו דער שטאַל און אַנטאָניוס האָט באַפוילן דעם אויפזעער, אַ קליינעם, אײַנגעשרומפּענעם און אומאָנטשלאָסענעם עגיפּטער שקלאַף, ער זאָל אים אַרויספירן אַפן גרויסן אויסשטעלונגס־הויף. דערנאָך האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט אַף דער גאַלעריי, ווו מען האָט פאַר זיי אויסגעבעט אַ נעסט פון קישנס. קלאַוודיאַ האָט גוט געמערקט ווי געשולט און פלײַסיק עס זײַנען אַנטאָניוס קאַיוסעס שקלאַפן, און ווי זיי טרעפן פאָרויס אַ ליאַדע פאַרלאַנג זײַנעם און זײַן מינדסטע אָנווײַזונג. ער איז געוואַקסן צווישן שקלאַפן און ווייס וואָסערע שווערקייטן זיי קענען פאַרשאַפן. ווען מען האָט עס אים אַמאָל אָנגעמערקט, האָט ער געזאָגט:

— איך שמײַס ניט מײַנע שקלאַפן. קומט עס צו שווערקייטן, האַרגע איך איינעם פון זיי אַוועק. דאָס דיסציפּלינירט זיי, נאָר דעמאָראַליזירט זיי ניט.

— דוכט מיר גאַנץ פּעיִקע, — האָט קלאַוודיאַ צוגעשטימט.

— עס איז ניט אַזוי גרינג אומצוגיין מיט שקלאַפן און מיט פערד. גרינגער איז אומצוגיין מיט מענטשן.

דעם אַגער האָט מען אַרויסגעפירט אַפן הויף. געווען איז ער אַ ריזיקער געלער פערד מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן און אַ שוימיקן פּיסק. מען האָט אים אַרײַנגעלייגט אַ ציימל אין מויל, נאָר מיט דעם אַלעמען, איז די צוויי שקלאַפן, וואָס האָבן אים געפירט, שווער געווען אים אײַנצוהאַלטן ער זאָל זיך ניט שטעלן דיבאָם און הייבן דעם פּיסק. ער האָט זיך געאַקשנט דעם גאַנצן וועג ביזן מיטן הויף, און ווי גאָר די שקלאַפן האָבן אים אָפּגעלאָזט און געגומען אויסהיטן זיך פון אים, האָט ער זיך געוואָרפן אַף זיי און געבריקעט. קלאַוודיאַ האָט מיט האַנאָע געלאַכט און האָט אַפּלאָדירט.

— פּרעכטיק! — האָט זי אויסגערופן, — פאַרוואָס אָבער איז ער אַזוי ווילד?

— איר פאַרשטייט עס ניט?

— איך שטעל מיר פאָר, אַז ער וואָלט באַדאַרפט זײַן איבערגעוועלטיקט מיט ליבע און ניט מיט האַס.

— ביידע זאַכן מישן זיך. ער האַסט אונדז דערפאַר וואָס מיר לאָזן אים ניט טאָן וואָס ער וויל. איר וואָלט עס וועלן זען?

קלאַוודיאַ האָט צוגעשטימט. אַנטאָניוס האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן די שקלאַפן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן ניט ווײַט פון אים, און האָבן זיך געלאָזט

לויפן צו די שטאַלן. די שקאַפּע איז געווען פון טונקעלן קאַשטאַן־קאָליר; געווען איז זי נערוועזיש און אומאַנטשלאָסן. זי האָט דורכגאַלאָפּירט דעם הויף און דער אָגער האָט אַ הירזשע געטאָן און אַ לויף געטאָן איר דעם וועג פאַרשטעלן. נאָר אַנטאָניוס קאַיוס האָט ניט געקוקט צו דער שקאַפּע; ער האָט געהאַלטן די אויגן אָנגעשטעלט אַף קלאַוודיען, אַ פאַרכאַפּטע פון דער סצענע, וואָס האָט זיך פאַר אירע אויגן אויסגעוויקלט.

X

אַרויסגעקומען פון דער באָד, אַן אָפּגעראַזירטער, אַ פאַרפומירטער, די האָר באַשמירט מיט אַ קליין ביסל אייל און דעליקאַט צוגעקרויזט, מיט פרישן אָנטאָן צום נאַכטמאָל, האָט קאַיוס זיך געלאָזט גיין צום גאָרטן־בײַדל פון קלעטער־גראָזן אויסצוטרינקען אַ בעכער ווײַן איידער מען רופט צום טיש. דאָס גאָרטן־בײַדל פון ווילאַ סאַלאַריאַ איז געווען אַ קאָמבינאַציע פון ראָז־קאָלירטע פעניציער קאַכליעס מיט אַ דעליקאַט־געלבלעכן גלעזערנעם דאַך. אין דער פאַרנאַכטיקער שאָ האָט זיך פון דער קאָמבינאַציע באַקומען אַן אָנגענעמע האַלבשאָטנדיקע שײַן, וואָס האָט געמאַכט פון די טונקעלע קלעטער־גראָזן און טראָפּיקאַלישע געוויקסן מיט זייערע גרויסע בלעטער, אַ פאַנטאַזיע פון פאַרמען. ווען קאַיוס איז אַרײַנגעקומען איז יוליע שוין דאָרטן געווען. זי איז געזעסן אַף אַן אַלבאַסטערנער באַנק מיט אירע צוויי מיידעלעך, פון יעדער זײַט אַ מיידעלע, צופרידן מיט דער מילדער שײַן, וואָס איז אַף איר גינסטיק געפאַלן. אָט אַזוי ווי זי איז געזעסן, מיט איר לאַנגן ווײַסן טוניק, די האָר מיט געשמאַק פאַרקעמט אַף אַרויף, מיט אַן אָרעם אַף יעדן מיידעלע, איז זי געווען אַן עקזאַקטע מאָלערײַ פון דער רוימישער מאַטראָנע, איידל, שטיל און ווירדיק; און ווען ניט די קענטיק קינדישע פּאָזע, וואָס זי האָט אָנגענומען, וואָלט זי קאַיוסן זיכער דערמאָנט די געמעלן וואָס ער האָט געזען פון די גראַקוסעס מוטער. ער האָט זיך אײַנגעהאַלטן איר ניט צו אָפּלאָדירן אָדער אַ זאָג טאָן: „בראַוואָ, יוליע!" ס'איז זייער לײַכט געווען יוליען צו פאַרניכטן, וואָרעם אירע אָנשטעלן זײַנען שטענדיק געווען פאַטעטיש אָבער ניט פײַנטלעך.

— גוטן אָוונט, קאַיוס, — האָט זי צו אים אַ שמייכל געטאָן מיט אַן אָנגענעמער קאָמבינאַציע פון געמאַכטער איבעראַשונג און עמעסער האַנאָע.

— איך האָב ניט געוווּסט, אַז דו ביסט דאָ, יוליע, — האָט ער זיך אַנטשולדיקט.

— ניין, פאַרקערט, בלײַב דאָ. בלײַב דאָ און הייס דיר דערלאַנגען אַ בעכער ווײַן.

— אויסגעצייכנט, — האָט קאַיוס אײַנגעשטימט. און ווען זי האָט געהייסן די קינדער אַוועקגיין, האָט ער זיך קעגנגעשטעלט: לאָז זיי דאָ זיצן, זאָלן זיי בלײַבן...

— שויך צײַט מען זאָל זיי געבן נאַכטמאָל עסן, — האָט זי געזאָגט.

— און ווען די קינדער זײַנען שוין געהאַט אַוועק, האָט זי צוגעגעבן: קום

זעץ דיך אוועק לעבן מיר, קאיוס. ער האט זיך אוועקגעזעצט און זי האט דערלאנגט וויין פארביידן. זי האט אנגעקלאפּט איר גלאז אן זיינער און בעייסן טרינקען אים געקוקט אין די אויגן. „ביסט צו שיין אף צו זיין גוט, קאיוס".

— איך האב גאר קיין באגער ניט צו זיין גוט, יוליע.

— וואס־זשע איז דיין באגער, קאיוס, אויב דו באגערסט עפּעס?

— געשוס, — האט ער איר אפנהאַרציק געענטפערט.

— און ווי יונג דו ביסט, קומט דיר דאס אן וואס ווייטער אלץ שווערער, ניט וואר, קאיוס?

— האב איך טאקע אזא באזונדערס טרויעריקן אויסזען, יוליע?

— אדער א באזונדערס גליקלעכן.

— די ראל פון יונגפרוישער פריסטערן קליידט דיר ניט.

— דו ביסט א סאך קליגער פון מיר, קאיוס, איך בין ניט אזוי גרוי־זאם ווי דו.

— איך וויל ניט זיין גרויזאם, יוליע.

— ווילסט מיר א קוש טאן און דאס באווייזן?

— דא?

— אנטאניוס וועט ניט קומען. ער איז איצט פארנומען מיט לאזן באפרידיקן זיין נייעם אגער, פאר א ביישפּיל דער בלאנדינקער, וואס דו האסט געבראכט מיט זיך.

— וואס? קלאוודיען? א, ניין... ניין. — קאיוס האט גענומען לאכן אין זיך אריין.

— סארא כאיעלע דו ביסט. וועסט מיר געבן א קוש?

ער האט איר לייכט א קוש געטאן אף די ליפּן.

— דאס איז עס איינגאנצן? ווילסט... היינט באנאכט, קאיוס?

— דעם עמעס געזאגט, יוליע...

— מיר, קאיוס, זאלסטו ניט זאגן ניין, — האט זי אים ניט געלאזט ריידן. דאס ניט, בעט איך דיך. אלנפאלס, וועסטו די נאכט ניט האבן דיין קלאוודיען. איך קען מיין מאן.

— זי איז ניט מיין קלאוודיא און איך וויל זי ניט אף היינטיקער נאכט.

— אויב אזוי...

— גוט, — האט ער געזאגט, — גוט, יוליע. לאמיר איצט דערפון ניט ריידן.

— דו ווילסט ניט...

— עס גייט ניט דערין צי איך וויל צי איך וויל ניט, יוליע. פּאשעט, איצט וויל איך דערפון ניט ריידן.

XI

דער נאַכטמאָל אין ווילאַ סאַלאַריאַ האָט אַרויסגעוויזן, ווי דאָס האָבן שוין אַרויסגעוויזן אַנדערע פֿירעכצער אין דעם הויז, אַ געוויסן ווידערשטאַנד צו די ענדערונגען וואָס זײַנען געווען אַ געוויינלעכע זאַך אין דער קאָסמאָפּאָליטישער רוים. אַנטאָניוס קאַיוסן גייט עס ניט אַזוי אין זײַן אײַנגעפֿלאַנצטער קאָנסערוואַטאָרישקייט ווי אינעם וועלן זיך אויסטיילן פֿון דעם נײַעם קלאַס רײַכע סאָחרים, וואָס זײַנען רײַך געוואָרן אַפֿן כעשבן פֿון די מילכאָמעס און אַ דאַנק דער פּיראַטערײַ, דער מיגען־עקספּלואַטאַציע און דעם האַנדל, און וואַרפֿן זיך גיריק אָף אַ ליאַדע גריכישן אָדער עגיפּטישן אײַנפֿיר. וואָס שײַך עסן, האָט אַנטאָניוס קאַיוס קיין האַנאָע ניט פֿון אַ מאָלצײַט, זיצנדיק אַ צעלייגטער אָף אַ קאַנאַפּע; דאָס שטערט אים צו פֿאַרדײַען, און די קליינע ביסנס זיסע און געזאַלצענע דעליקאַטעסן, וואָס זײַנען דעמאָלט געווען אין דער מאָדע, צעשטרײַען אים נאָר פּונעם עסן גופֿע. זײַנע געסט זעצן זיך צום טיש און עסן באַם טיש, און ווײַל מען איז זיי מעכאַבעד מיט פֿאַנג און שטוביקע אויפֿעס, מיט אַ געשמאַקן בראָטן און באַטאַמטע פֿירעזשקעס, מיט די בעסטע זופּן און זאַפּטיקסטע פֿרוכטן, בלײַבט שוין קיין אָרט ניט פֿאַר די פֿאַנטאַסטישע געמישן, וואָס מען שטעלט הײַנט אָף די טישן פֿון אַזויפֿיל רוימישע אַדעליקע. אויך טענץ און מוזיק רעגן ניט די געסט באַם עסן; זײַנע מאָלצײַטן זײַנען: גוטע מײַכאָלים, גוטע ווײַנען און גוטער געשפּרעך. זײַן פֿאָטער און זײַן זיידע האָבן שוין געקענט געלויפֿיק לייענען און שרײַבן; ער גופֿע האַלט זיך פֿאַר אַ קולטור־מענטשן, און אויב זײַן זיידע פֿלעגט נאָך אַרויסגיין אין פֿעלד אַרבעטן אינאיינעם מיט זײַנע שקלאַפֿן, פֿירט שוין אַנטאָניוס קאַיוס זײַן „לאַטיפֿונדיום" אָף דעם אויפֿן ווי עס פֿירט אַן אָריענטאַלישער פּרינץ פֿון דער קלענערער האַנט זײַן קליינע אימפּעריע. דאָך האָט ער ליב זיך גופֿע צו באַטראַכטן פֿאַר אַן אויפֿגעקלערטן רעגירער, אַ באַהאַוונטן אין גריכישער געשיכטע, פֿילאָזאָפֿיע און דראַמע, און פֿאַר אַ פּאָליטיש טעטיקן מענטשן. זײַנע געסט זײַנען דער באַווײַז פֿון זײַנע גוסטן. אין דער צײַט וואָס זיי זײַנען נאָכן מאָלצײַט געזעסן צעלייגט אָף זייערע שטולן און געטרונקען דעסערט־ווײַן — די פֿרויען אָף דערווײַל אינעם גאָרטן־בײַדל — האָט קאַיוס אין זיי געזען די סמעטענע, וואָס רעגירט רוים און האָט זי געמאַכט קריגעריש־געניט און קריגעריש־פֿאַרהאַרטעוועט.

קאַיוס האָט זיי מער אָנערקענט ווי אָנגענומען. ער אַליין איז פֿרײַ פֿון דעם מין אַמביציעס. פֿאַר זיי איז ער ווערטלאָז, פֿאַר זיי איז ער ניט מער ווי אַן אומנוצלעכער יונגערמאַן פֿון אַ פֿײַנער פֿאַמיליע, אָן טאַלאַנט, אַ כוץ צום עסן און אָנטאָן זיך, וואָס דאָס איז, אין אַ געוויסער מאָס, אַ נײַע טענדענץ, אַ פּראָדוקט, וואָס איז נאָך מיט צוויי דורעס צוריק ניט באַקאַנט געווען. פֿונדעסטוועגן איז ער ניט אומוויכטיק; ער האָט גאַנץ געווונטשענע קרויווישע פֿאַרבינדונגען, און ווען דער פֿאָטער וועט שטאַרבן, וועט ער יאַרשענען אַ גרויס פֿאַרמעגן, עס איז אויך ניט אויסגעשלאָסן דאָס מאַזל

זאָל אים אַ שפּיל טאָן און ער זאָל ווערן אַ שטאַרקע פּאָליטישע פּערזענלעכקייט. דעריבער טאַקע ווערט ער מער ווי טאָלערירט און די באַציִונג צו אים איז מער ווי צו אַ פּאַרפומירטן שיינעם יונגערמאַנטשיק מיט מער מאַנדל־אייל אַפן קאָפּ ווי געהירן אין קאָפּ.

און קאַיוס האָט מוירע פאַר זיי. עפּעס קרענקלעכס פאַרמאָגן זיי אין זיך, כאָטש דאָס מאַכט זיי ניט אויסזען שוואַכער. אָט זיצן זיי דאָ אָנגעגעסענע מיט געשמאַקע מײַכאָלים און אָנגעטרונקענע מיט טײַערע ווײַנען, און די וואָס האָבן זייער מאַכט מילכאָמע דערקלערט העגגען דאָרט אַף די צלאָמים מײַלן לאַנג איבער דער וויַא אַפּיאַ. ספּאַרטאַקוס איז איצט פלייש, פּאָשעט פלייש, וואָס דער קאַצעוו האַקט עס אַפן קלאָץ; אַפילע ניט גענוג צום אויפהענגען אַפן קרייץ. נאָר קיינער וועט ניט נעמען אויפהענגען אַנטאָניוס קאַיוסן, וואָס זיצט זיך אַזוי זיכער און רויִק באַם טיש אויבנאָן און רעדט וועגן פערד און קומט צום עקסטרעם־לאָגישן אויספיר, אַז בעסער איז אײַנשפּאַנען אינעם אַקער צוויי שקלאַפן איידער איין פערד, וואָרעם אַ פערד וועט קיין העלפט ניט אויסהאַלטן אַזאַ באַהאַנדלונג ווי מען גיט דעם שקלאַף.

אַ לײַכטער שמייכל האָט באַלויכטן ציצעראָנס פּאָנעם בעייס ער האָט דאָס געהערט זאָגן: מער ווי ווער עס איז רעגט אויף קאַיוסן ציצעראָן. ווי קען דער ציצעראָן עמעצן געפעלן? וויל ער אים עפּשער ערגערן? באַ אַ געלעגנהייט האָט ציצעראָן אַף אים אַ קוק געטאָן, ווי ער וואָלט זיך געטראַכט: „אָ, איך קען דיך, באָכער, פון דער סאַמע טיפעניש ביז דער סאַמע אויבערפלאַך, פון אויבן ביז אַראָפּ, פון איבעווייניק און פון דרויסן”. און ער האָט זיך געפרעגט צי האָבן אויך די אַנדערע מוירע פאַר ציצעראָנען. פאַרענגדיקט האָט ער מיט דעם ווונטש צו זײַן וואָס ווײַטער פון אים און גאָט זאָל אים פאַרמײַדן צום גענעם. קראַסוס האָט זיך אײַנגעהערט מיט העפלעכן אינטערעס. קראַסוס מוז זײַן העפלעך. ער איז דער פּראָטאָטיפּ פון דעם רוימישן מיליטערמאַן, אַ געשטרעקטער, מיט אַ קוואַדראַטן פעסטן פּאָנעם, מיט האַרטע שטריכן, אַ בראָנדזענער הויט און זײַד־ווייכע שוואַרצע האָר... און קאַיוס האָט אַ טראַכט געטאָן פון אים, ווי ער האָט אים געזען אין באָד, און ער האָט אויפגעשפּרונגען. ווי האָט ער עס געקענט טאָן? פון דער אַנדער זײַט טיש, קעגנאיבער קאַיוסן, איז געזעסן דער פּאָליטיקער, גראַקוס, אַ ריזיקער מענטש מיט אַ דונערדיקן קאָל, דער קאָפּ פאַרזונקען אין האַלדזבאַנד פון שמאַלץ, די הענט גרויסע, דיקע, אָנגעשוואָלענע, קימאַט אַלע פינגער באַשטעקט מיט רינגען. ער ענטפערט מיט טיפע באַדינגיקע ענטפערס פון אַ פּראָפעסיאָנעלן פּאָליטיקער; זײַן שמייכל איז אַ ברייטער; ווען ער איז מאַסקים, טוט ער עס אַנטשלאָסן, נאָר ווען ער איז ניט מאַסקים, טוט ער עס ניט אַנטשלאָסן. זײַנע דערקלערונגען זײַנען באָמבאַסטישע, נאָר קיינמאָל ניט קיין נאַרישע. „דאָס הייסט, אַז מיט שקלאַפן אינעם אַקער באַקומט איר בעסערע רעזולטאַטן” — האָט ציצעראָן באַמערקט, נאָכדעם ווי גראַקוס האָט אויסגעדריקט אַ געוויסן אומגלויבן — „די בעהיימע וואָס קען דענקען, איז געוואונטשענער פון דער בעהיימע וואָס קען ניט דענקען.

דאָס איז פאַרשטענדלעך. דערצו נאָך, איז דאָס פערד אַ ווערט־זאַך. קיין פערד־שוואָטים זײַנען ניטאָ, וואָס מען זאָל קענען פירן קעגן זיי מילכאָמע און אַהיימפירן הונדערט מיט פופציק טויזנט צום פאַרקויפן אָפן מאַרק. און אויב איר ניצט פערד, וועלן די שקלאַפן פון זיי אַ טעל מאַכן".

— מיר זעט עס ניט אויס אַזוי, — האָט גראַקוס געזאָגט.

— פרעגט עס באַם באַלעבאָס.

— ריכטיק — האָט אַנטאָניוס געענטפערט — שקלאַפן וואָלטן אַ פערד אַוועקגעהאַרגעט. זיי שוינען ניט קיין זאַך, וואָס געהער די האַרן... אַ כוץ זיך אַליין. — ער האָט אָנגעגאָסן נאָך אַ גלאָז ווײַן און האָט אַ פרעג געטאָן: „וועלן מיר, הייסט עס, ריידן וועגן שקלאַפן?"

— פאַרוואָס ניט? — האָט ציצעראָן אַ קלער געטאָן, — זיי זײַנען שטענדיק מיט אונדז און מיר זײַנען דער איינציקער פראָדוקט פון די שקלאַפן און פון דער שקלאַפערײַ. אָט דאָס מאַכט אונדז פאַר רוימער, אויב מיר ווילן צוגיין צום איניען דירעקט. אונדזער מאַכנים־אוירעך לעבט אַף אָט דער גרויסער פלאַנטאַציע — און איך בין אים מעקאַנע דערויף — אַ דאַנק טויזנט שקלאַפן. גאַנץ רוים רעדט פון קראַסוסן אַ דאַנק דעם שקלאַפן־אויפשטאַנד, וואָס ער האָט דערשטיקט, און גראַקוס באַקומט האַכנאָסע פונעם שקלאַפן־מאַרק, וואָס געפינט זיך אין אַ געגנט, וווּ ער איז האַר און הערשער — און איך דערוועג מיך ניט זי צו שאַצן. און אָט דער יונגערמאַן — האָט ער זיך אַ בייג געטאָן און האָט אַ שמייכל געטאָן צו קאַיוסן — דער יונגערמאַן, בין איך כוישעד, איז אין אַ נאָך גרעסערער מאָס דער פראָדוקט פון די שקלאַפן, ווײַל איך בין זיכער, אַז זיי האָבן אים אויפגעכאָוועט, געהאָדעוועט, געלופטערט און דערצויגן...

קאַיוס איז רויט געוואָרן, נאָר גראַקוס האָט מיט אַ געלעכטער אויסגעפלאַצט און אַ זאָג געטאָן: „און איר, ציצעראָן?"

— פאַר מיר זײַנען זיי אַ פּראָבלעם. אַף צו קענען לעבן אָנשטענדיק באַ הײַנטיקער צײַט אין רוים, מוז מען האָבן ווייניקסטנס צען שקלאַפן. און קויפן זיי, שפּײַזן, אַ דירע געבן... נו, יאָ, אָט דאָס איז מײַן פּראָבלעם.

גראַקוס האָט נאָך אַלץ געלאַכט, נאָר קראַסוס האָט זיך אָנגערופן: „איך קען מיט אײַך ניט מאַסקים זײַן, אַז דאָס וואָס מאַכט אונדז פאַר רוימער, זײַנען די שקלאַפן". גראַקוסעס הילכיקער געלעכטער האָט נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן. ער האָט אַ לאַנגן זופּ געטאָן פונעם ווײַן און האָט גענומען דערציילן די געשיכטע פון אַ מיידל אַ שקלאַפן, וואָס ער האָט צוריק מיט אַ כוידעש געקויפט אָפן מאַרק. ער איז שוין געווען אַ ביסל אויסגעטרונקען. דאָס פּנים רויט, און דער פאַרשטיקטער געלעכטער איז מיט אַ טויבן געהילך געגאַנגען באַ אים פונעם בויך אַרויס און האָט צעצויגן זײַנע ווערטער. ער האָט דערציילט מיט אַלע פּראָטים ווי אַזוי ער האָט זי געקויפט. קאַיוסן האָט די געשיכטע אויסגעזען באַנאַל און זינלאָז, נאָר אַנטאָניוס האָט ערנסט צוגעשטימט און קראַסוס איז אַנטציקט געווען פון דער מאַטעריאַליסטישער באַשרײַבונג. ציצעראָן האָט בעייסן דערציילן דין און איבערקלערעריש געשמייכלט.

— איך אָבער פאָדער ציצעראָנס אַ דערקלערונג, — האָט קראַסוס זיך געאַקשנט.

— איך האָב אײַך באַליידיקט ? — האָט ציצעראָן געפרעגט.

— קיינער איז דאָ ניט באַליידיקט געוואָרן, — האָט אַנטאָניוס געזאָגט, — מיר זײַנען אין געזעלשאַפט פון ציוויליזירטע מענטשן.

— ניין... קיין באַליידיקונג, ניט... איר צעטומלט מיך, — האָט קראַסוס געזאָגט.

— מאָדנע, — איז ציצעראָן איינגעגאַנגען, — ווען די באַשײַנפּער־לעכקייט פון די זאַכן רינגלט אונדז אַרום, שטעלן מיר זיך, פונדעסטוועגן, קעגן דער לאָגיק פון אירע באַשטאַנדטיילן. די גריכן זײַנען אַנדערש. די לאָגיק איז פאַר זיי אַן אַטראַקציע, וואָס זיי קענען איר ניט בײַשטיין, אומ־אָפּהענגיק פון אירע קאָנסעקווענצן; אונדזער אייגנשאַפט אָבער, איז די אַקשאָנעס. גיט אַ קוק אַרום זיך: איינער פון די שקלאַפן, וואָס באַדינען דעם טיש, האָט אַראָפּגענומען די ליידיקע קיילים און געבראַכט פולע, און אַ צווייטער האָט צוגעבראַכט פרוכט און ניס פאַר די געסט. — וואָס איז דער טאָך פון אונדזערע לעבנס ? מיר זײַנען ניט פּאַשעט אַבי אַ פאָלק; מיר זײַנען דאָס רוימישע פאָלק און מיר זײַנען עס טאַקע דערפאַר וואָס מיר זײַנען געווען די ערשטע פולשטענדיק צו באַנעמען דעם שקלאַפן־געברויך.

— שקלאַפן זײַנען דאָך אָבער געווען נאָך איידער רוים האָט עקזיס־טירט, — האָט אַנטאָניוס אָנגעמערקט.

— עמעס, געווען; דאָ אַ ביסל, דאָרט אַ ביסל. עמעס, די גריכן האָבן שוין געהאַט פּלאַנטאַציעס... און אויך קאַרטאַגאָ. נאָר מיר האָבן כאַרעוו געמאַכט גריכנלאַנד און מיר האָבן כאַרעוו געמאַט קאַרטאַגאָ, קעדיי פּלאַץ צו מאַכן פאַר אונדזערע אייגענע פּלאַנטאַציעס. און פּלאַנטאַציעס און שקלאַפן זײַנען איינס און דאָס זעלבע. דאָרט ווו אַנדערע פעלקער האָבן געהאַט איין שקלאַף, האָבן מיר צוואַנציק... און איצט לעבן מיר אין אַ שקלאַפן־לאַנד און אונדזער גרעסטע שאַפונג איז ספּאַרטאַקוס. ווי געפעלט עס אײַך, קראַסוס ? איר האָט געהאַט אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיט ספּאַרטאַקוסן. האָט אַן אַנדער לאַנד, ניט רוים, אַזוינס געקענט האָבן אַרויסגעבראַכט ?

— האָבן מיר, הייסט עס, געשאַפן ספּאַרטאַקוסן ? — האָט קראַסוס זיך אַליין געפרעגט. דער גענעראַל איז געווען צעטומלט. קאַיוס האָט זיך גע־טראַכט, אַז ווי די אומשטענדן זאָלן ניט זײַן, איז אים דאָס טיפע דענקען לאַנגווײַליק... ביפראַט ווען ער טרעפט זיך אַן מיט אַזאַ מויעך ווי ציצע־ראָנס. וואָס אַן עמעס, זיי האָבן ניט געהאַט קיין געמיינזאַמען באַדן, אַף וועלכן זיי זאָלן זיך צוזאַמענטרעפן. איך דענק, — האָט קראַסוס געזאָגט, — אַז ספּאַרטאַקוסן האָט דער גענעם באַשאַפן.

— שווער צו גלייבן.

גראַקוס האָט זיך ניט געלאָזט באַאײַנפלוסן. ער האָט געמיטלען אַ מרו־קע געטאָן, האָט אויסגעטרונקען אַ גלאָז ווײַן און, ווי ער וואָלט געבעטן אַנטשולדיקונג, אָנגעמערקט ציצעראָנען, אַז ווײַל ער איז אַ גוטער רוימער,

איז ער אַן אָרעמער פילאָזאָף. אַלנפאַלס, אָט איז רוים און אָט זײַנען די שקלאַפן, איז וואָס־זשע שלאָגט פאַר ציצעראָן?

— מען זאָל עס פאַרשטיין, — האָט ציצעראָן געענטפערט.

— צו וואָס? — האָט אַנטאָניוס געוואָלט וויסן.

— וואָרעם אַז ניט וועלן זיי אונדז אומברענגען.

קראַסוס האָט זיך צעלאַכט און האָט אַ קוק געטאָן אָף קאַיוסן. דאָס איז געווען דער ערשטער סימפּאַטיע־באַנד, וואָס האָט זיך צווישן זיי אויסגע־צויגן. און דער יונגערמאַן האָט דערפילט אַ שוידער פון גערייצטקייט אים דורכלויפן איבערן רוקנביין. קראַסוס האָט אַ סאַך געטרונקען, נאָר ווען קאַיוס האָט באַקומען אָט דעם אײַנדרוק, האָט ער שוין קיין פאַרלאַנג ניט געהאַט צו טרינקען.

— איר זײַט אַהער געקומען מיט דעם טראַקט? — האָט קראַסוס גע־פרעגט.

ציצעראָן האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ; שווער איז אַ מיליטערישן מענטשן צו איבערצײַגן, אַז ניט אַלץ ווערט אַנטשיידן מיט דער שווערד. „איך רייד ניט וועגן פּאַשעטער יאַטקע־לאָגיק. דאָס איז אַ פּראָצעס. דאָ אָף דער ערד פון אונדזער ליבן מאַכניס־אוירעך זײַנען אַמאָל געזעסן וויניקסטנס דרײַ טויזנט פויערים־פאַמיליעס. רעכענען מיר פינף פאַרשוין אָף אַ פאַמי־ליע, מאַכט עס אויס פופצן טויזנט נעפאַשעס. און די דאָזיקע פויערים זײַנען אויך געווען זייער ווילדע זעלנער". וואָס זאָגט איר דערצו, קראַסוס?

— גוטע זעלנער געווען. האַלעווײַ האָב איך נאָך אַזעלכע.

— און גוטע ערד־אַרבעטער, — האָט ציצעראָן ווײַטער געזאָגט. — ניט פאַר טעראַסעס און גערטענער, נאָר פאַר געדישטן, פּאָשעטן גערשטן... און די רוימישע זעלנער מאַרשירן דאָך אַ דאַנק דעם גערשטן. צי דען גיט אײַך הײַנט אַרויס אַ העקטאַר ערד, אַנטאָניוס, אַזויפיל גערשטן וויפל ער פלעגט געבן די פויערים?

— קיין פּערטעלעך ניט, — האָט אַנטאָניוס נאָכגעגעבן.

פאַר קאַיוסן איז דאָס שוין געוואָרן צו שווער און לאַנגווײַליק. אָף זײַן פּאָנעם האָט מען געזען וואָס אינעווייניק באַ אים קומט פאָר. ער איז גע־וואָרן רויט און דערהיצט. אַרומגעכאַפּט האָט אים אַן אויפרעגונג און ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז אַזוי מוז פילן דער זעלנער ווען ער גייט אַרײַן אין שלאַכט. ער האָט שוין קוים געהערט וואָס ציצעראָן רעדט. ער האָט ניט אויפגעהערט וואַרפן בליקן צו קראַסוסן און האָט זיך געפרעגט צו וואָס האָט ציצעראָן זיך אָנגעזעצט אָף דער נודנער טעמע.

— פאַרוואָס־זשע?... פאַרוואָס? — האָט ציצעראָן געפרעגט — פאַר־וואָס קענען אַזויפיל ניט אַרויסברענגען אײַערע שקלאַפן? דער ענטפער איז אַ פּאַשעטער.

— ווײַל זיי ווילן ניט, — האָט אַנטאָניוס קאַטעגאָריש געזאָגט.

— אָט, אָט... זיי ווילן ניט. פאַרוואָס זאָלן זיי וועלן? אַז מען אַרבעט פאַר אַ באַלעבאָס, איז שעדיקן די אַרבעט דאָס איינציקע וואָס מען זוכט צו דערגרייכן. צו וואָס שאַרפן די אַקערס, אַז מען וועט זיי צעריצן. די קאָ־

סעס אָדער די דרעש־שטעקנס צעברעכן. און אומברענגען ווערט אַ פּרינציפּ. אַט אַזאַ איז ער דער מאָנסטער, וואָס מיר האָבן אונדז אַליין געשאַפן. אַף צען טויזנט אַקערלאַנד האָבן דאָ פּריִער געלעבט פופצן טויזנט נעפאַשעס און הײַנט זײַנען דאָ פאַראַן טויזנט שקלאַפן און איין פאַמיליע, די פאַמיליע פון אַנטאָניוס קאַיוס, און די פויערים הונגערן אין די פאָרשטעט און געסלעך פון רוים. מיר מוזן דאָס פאַרשטיין. צוגעגאַנגען איז עס זייער פּאָשעט; ווען דער פויער איז צוריקגעקומען פון דער מילכאָמע און האָט געטראָפן זײַן ערד באַדעקט מיט דערנער, זײַן ווײַב שלאָפן מיט אַן אַנדערן און זײַנע קינדער האָבן אים ניט דערקענט, איז עס זייער לײַכט געווען אים צו געבן אַ הויפן זילבערנע מאַטבייעס פאַר זײַן ערד און, זאָל ער פאָרן קיין רוים זיך וואַלגערן אין די גאַסן. דער רעזולטאַט אָבער איז, אַז מיר לעבן איצט אין אַ שקלאַפן־לאַנד, און דאָס איז די באַזע פון אונדזערע לעבנס און דער זין פון אונדזערע לעבנס... און די גאַנצע פראַגע פון אונדזער פרײַהייט, פון דער מענטשלעכער פרײַהייט, פון דער רעפּובליק, די צוקונפט פון דער ציווי־ליזאַציע איז אָפּהענגיק דערפון ווי מיר וועלן זיך באַציִען צו זיי, צו די שקלאַפן. זיי זײַנען ניט קיין מענטשלעכע וועזנס; מיר מוזן פאַרשטיין און אָוועקלייגן אַן אַ זײַט דעם אומזיניקן סענטימענטאַליזם מיט זייער פּלאַפּלע־רײַ וועגן דער גלײַכהייט פון אַלע די וואָס גייען און ריידן. דער שקלאַף איז דער „אינסטרומענטום וואָקאַלע”. זעקס טויזנט געצײַגן פון דעם מין זײַנען צעהאַנגען איבערן וועג. דאָס איז ניט קיין פאַרשווענדונג, נאָר אַ נויט־ווענדיקייט! איך בין שוין זאַט פון הערן ריידן וועגן ספּאַרטאַקוסן, וועגן זײַן העלדישקייט... יאָ, וועגן זײַן איידלקייט. ניטאָ קיין העלדישקייט און ניטאָ קיין איידלקייט באַ אַ מענטשלעכן הונט, וואָס בײַסט זיך פּלוצעם אײַן דעם באַלעבאָס אין דער פּיאַטע!

ציצעראָנס קאַלטקייט איז ניט פאַרשוווּנדן; פאַרקערט, זי האָט זיך דורכגעלויכטן דורך זײַן צאָרנדיקער בלייכקייט, אויך אַזאַ קאַלטע, אַ צאָרן, וואָס האָט פאַרענדערט זײַנע צוהערערס, און ער איז געוואָרן זייער האַר, אַף ווען זיי האָבן איצט געקוקט האַלב־אַנטציקטע און האַלב־דערשראָקענע.

בלויז אַף די שקלאַפן, וואָס זײַנען אומגעגאַנגען אַרום די טישן און האָבן סערווירט פרוכטן, ניס און זיסקייטן, און האָבן צוגעבראַכט נאָך ווײַן, האָט זיך קיין שום ווירקונג ניט געמערקט. קאַיוס האָט דאָס געזען, ווײַל ער איז איצט געווען הויפע שפּירעוודיקייט און די וועלט איז פאַר אים געוואָרן גאָר אַן אַנדערע, פאַר אים, די קרעאַטור פון רעגונגען און ווירקונגען. ער האָט געזען ווי אומפאַרענדערט עס זײַנען געבליבן די פּענעמער פון די שקלאַפן, ווי סטאַטיש דער אויסדרוק, ווי לעטאַרגיש די באַוועגונג. קענטיק, ס'איז עמעס וואָס ציצעראָן זאָגט, אַז ס'איז ניט גענוג וואָס זיי גייען און וואָס זיי ריידן, אַף צו זײַן מענטשן. ער האָט ניט געוווּסט פאַרוואָס דאָס דאָזיקע קרעפּטיקט אים, נאָר אַזוי איז עס געווען.

XII

קאַיוס האָט זיך אַנטשולדיקט און זיי זײַנען געבליבן טרינקען און שמועסן. עס האָט אים אין בויך געדרייט און ער האָט געפילט, אַז ער וועט פונעם זינען אַראָפּ, אויב ער וועט דאָרט פאַרבלײַבן און וועט ווײַטער הערן ריידן איבער דער זעלבער טעמע. ער האָט אָנגעגעבן אַ טערעץ אַז ער פילט זיך פאַרמאַטערט פונעם וועג; ווי נאָר ער איז אַרויס פונעם עס־צימער, האָט ער ביז פאַרצווייפלונג דערפילט אַ באַדערפעניש אין פרישער לופט און דורך אַ הינטער־טיר איז ער אַרויס אַף אַ טעראַסע, איינגעצאַמט אַ געבויטע פון מאַרמאָר, אַ כוץ אין דער מיטן, ווו עס האָט זיך געהויבן אַ פאָנטאַן. איבערן פאָנטאַן האָט אַ ראַז־קאָלירטע נימפע זיך אַרויסגעהויבן פון צווישן אַ קנויל שלאַנגען. פון דעם מושל, וואָס די שלאַנגען האָבן אונטערגעהאַלטן, איז אַ וואַסער־שטראַל אַרויסגעקומען אַ צעשפריצטער אונטער דער לעוואַנע־שײַן. דאָ און דאָרט זײַנען אַף דער טעראַסע געשטאַנען בענק פון אַלבאַסטער און גרינעם וואָלקאַנישן שטיין, קינסטלעריש אָוועקגעשטעלטע אין אַן אַטמאָספער פון אינטימקייט, אַ דאַנק די ציפּרעסן-ביימלעך, וואָס זײַנען געפלאַנצט געווען אין גרויסע קרוגן, אויסגעאַרבעטע פון שוואַרצער לאַווע. די טעראַסע, וואָס האָט זיך געצויגן אין דער גאַנצער ברייט פון דעם ריזיקן הויז און אַרויסגערוקט פופצן מעטער פון פאָרנט, איז געווען אַרומגענומען מיט אַ מאַרמאָרנעם געלענדער, אַ כוץ אין דער מיט, ווו אַ ריי ווײַסע טרעפּ האָבן געפירט צו די פּאָשעטע גאָרטנס אינעם אונטערשטן טייל. דאָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַנטאָניוס קאַיוס, וואָס האָט געזוכט צו פאַרשטעלן דעם גרויסן איבערפלוס פון זײַן אויסערגעוויינלעכער אַשירעס הינטערן הויז, און קאַיוס איז שוין אַזוי געוווינט געווען צו דער שטיין־מאַסע און צו די שטיין־אויסאַרבעטונגען, אַז ער האָט אַפילע ניט געמערקט די באַזונדערקייט פון דעם אָרט. ציצעראָן וואָלט דאָ עפשער דערזען דעם געניוס פון אַ פאָלק, וואָס אַנטפלעקט זיך אינעם שטיין־באַנוץ, און דעם מאַניר, וואָס פּראַלט מיט אייביקייטס־טערמינען פון אַ צופעליקער דעקאָראַציע אַרויס; נאָר קאַיוסן איז דער געדאַנק קיינמאָל ניט אײַנגעפאַלן.

אַפילע אין דעם געוויינלעכן לעבן פלעגט אים זעלטן אַפן געדאַנק קומען עפּעס וואָס איז ניט אונטערגעזאָגט געווען פון אַנדערע אָדער האָט אַ שײַכעס ניט מיט עסן און סעקס. און ניט ווײַל קאַיוסן האָט געפעלט פאָרשטעלונגס־קראַפט אָדער ער איז געווען אַזוי טעמפּ; דער עמעס איז, אַז זײַן ראָל אין לעבן האָט קיינמאָל ניט געפאָדערט פון אים קיין פאָרשטעלונגס־קראַפט און קיין אָריגינעלע געדאַנקען און די איינציקע פּראָבלעם, וואָס ער האָט אין דעם מאָמענט פאַר זיך געהאַט, איז געווען, ווי זאָל ער פאַרשטיין דעם בליק, וואָס קראַסוס האָט אים צוגעוואָרפן איידער ער איז אַרויסגעגאַנגען פונעם עס־צימער. ער האָט געטראַכט דערפון בעיס ער האָט געקוקט אַף די בערגלעך פון דער פּלאַנטאַציע, באַגאָסענע מיט לעוואָנע־שײַן. און פּלוצעם האָט אים עמעצער אַ רוף געטאָן.

— קאַיוס ?

יוליע איז גראָד ניט געווען דער מענטש, מיט וועמען ער וואָלט זיך וועלן טרעפן אַליין אַף דער טעראַסע.

— עס פרייט מיך וואָס דו ביסט אַהער אַרויסגעקומען, קאַיוס.

ער האָט די אַקסלען אַ הייב געטאָן און האָט גאָרניט געענטפערט און זי איז צו אים צוגעקומען, האָט מיט ביידע הענט אים באַ ביידע אָרעמס אָנגענומען און האָט אים אין פּנים אַריינגעקוקט.

— פאַרשטיי מיך, קאַיוס — האָט זי אים געזאָגט.

„וואָס לאַשטשעט זי זיך און וואָס בּיקעט זי ?", האָט ער זיך געטראַכט.

— דאָס וואָס דו גיסט, קאַיוס, איז אַזאַ קליינ־קייט און קאָסט דיך אַזוי ווייניק. און מיר איז עס אַזוי שווער דיך צו בעטן. פאַרשטייסט עס ניט ?

ער האָט איר דערויף געזאָגט : „איך בין זייער מיד, יוליע, און וויל שלאָפן גיין".

— איך שטעל מיר פאָר, אַז איך האָב דאָס די ווערט, — האָט זי אַ פליסטער געטאָן.

— איך בעט דיך נעם דאָס ניט אַף אַזאַ אויפן, יוליע.

— ווי־אַזוי ווילסטו, זאָל איך עס נעמען ?

— איך בין מיד... דאָס איז עס אינגאַנצן.

— דאָס איז ניט אינגאַנצן, קאַיוס. איך קוק אַף דיר און פרעג מיך וואָס דו ביסט און איך האָס מיך אַליין. ביסט אַזוי שיין... און אַזוי פאַר־דאָרבן...

ער האָט זי ניט איבערגעריסן. „זאָל זי ריידן וואָס זי וויל". אַזוי וועל איך מיך פון איר גיכער אָפּטשעפּען.

זי האָט ווייטער גערעדט : ניין... ניט מער פאַרדאָרבן ווי ווער עס איז, שטעל איך מיר פאָר. נאָר מיט מיר, שווימט עס אַרויף. אַלע זיינען מיר פאַרדאָרבן, אַלע זיינען מיר קראַנק, פול מיט טויט, זעק מיט טויט... מיר זיינען פאַרליבט אינעם טויט. צי דען ביסטו ניט, קאַיוס, פאַרליבט אינעם טויט און דעריבער ביסטו געקומען מיט דעם וועג, קעדיי צו קענען זען די שטראָף־צייכנס ? שטראָף ! מיר טוען עס ווייל מיר האָבן עס ליב... דער אויפן ווי דו טוסט אַלץ, ווייל אַזוי האָסטו ליב צו טאָן. דו ווייסט ווי שיין דו ביסט דאָ, אין דער לעוואָנע־שיין ? דער יונגער רוימער, די סמע־טענע פון דער וועלט אין איר העכסטן גלאַנץ פון שיינקייט און יוגנט... און דו האָסט קיין צייט ניט פאַר אַ פרוי. איך בין אַזוי פאַרדאָרבן ווי דו, קאַיוס. נאָר איך האָס דיך אַזוי שטאַרק ווי איך האָב דיך ליב. איך וואָלט דיך געוואָלט זען אַ טויטן. איך וואָלט געוואָלט עמעצער זאָל דיך טויטן און אָפּהאַקן דיר דאָס נישטיקע קעפּעלע וואָס דו טראָגסט אַף זיך !"

אַ לאַנגע שטילקייט איז נאָכדעם געשטאַנען, און קאַיוס האָט רויק אַ פרעג געטאָן : „דאָס איז עס אינגאַנצן, יוליע ?"

— ניין, ניין, ניט אינגאַנצן. אויך איך וואָלט וועלן זיין טויט.

— ביידע ווונטשן קענען באַפרידיקט ווערן, — האָט קאַיוס געזאָגט.

— ווי נידערטרעכטיק...!

— אַ גוטע נאַכט, יוליע, — האָט קאַיוס טרוקן אַ זאָג געטאָן און איז אַרויסגעגאַנגען פון דער טעראַסע.

זײַן באַשלוס ניט צו לאָזן זיך פאַרנודיען איז דורכגעפאַלן. עס האָבן אים אויפגעבראַכט זײַן מומעס אימפּולסן. וואָלט זי געהאַט דעם מינדסטן כוש פאַר מאַס, וואָלט זי געזען סאַראַ קאָמישער ספּעקטאַקל עס האָט זיך באַקומען פון איר לאָנטשען זיך צו אים מיט איר ביליקן סענטימענטאַליזם. נאָר יוליע האָט קיינמאָל אַזאַ כוש ניט געהאַט און עס איז קיין וווּנדער ניט וואָס אַנטאָניוס האָט זי געטראָפן אַן אויפגעבראַכטע.

קאַיוס איז אַוועק דירעקט צו זיך אין צימער. געווען איז דאָרט אַ לאָמפּ אָנגעצונדן און צוויי שקלאַפן האָבן געוואַרט, יונגע עגיפּטער, וואָס אַנטאָניוס האָט זיך צו זיי מילד באַצויגן און האָט זיי געמאַכט פאַר הויז־דינער. קאַיוס האָט זיי אַוועקגעשיקט. דערנאָך האָט ער פון זיך דאָס אַנטאָן אַראָפּגעוואָרפן, אַן אויפגערעגטער און אַ צעטרייסלטער. ער האָט זיך אײַנגעריבן מיט אַ לײַכטן פאַרפום, אַפּגעפּודערט טיילן פונעם קערפּער, אָנגעטאָן אַ לײַנענעם טוניק, האָט פאַרלאָשן דעם לאָמפּ און האָט זיך אויסגעצויגן אַפן געלעגער. ווען זײַנע אויגן האָבן זיך שוין געהאַט צוגעוווינט צו דער פינצטער, האָט ער באַטראַכט דאָס צימער אינעם ברייטן סנאָפּ לעוואָנע־שײַן וואָס איז אַרײַן דורכן אָפענעם פענצטער. דאָס צימער איז געווען אָנגענעם קיל, פאַרפלייצט מיט די רייכעס פונעם פאַרפום און פון די קוסטעס אין גאָרטן.

ניט מער ווי עטלעכע מינוטן זײַנען אַוועק און קאַיוסן האָט זיך געדוכט, אַז ער ליגט שוין דאָרט שאָען־לאַנג און וואַרט. דעמאָלט האָט זיך דערהערט אַ לײַכטער קלאַפּ אין טיר.

— אַרײַן — האָט קאַיוס געזאָגט.

קראַסוס איז אַרײַנגעקומען און האָט הינטער זיך די טיר צוגעשלאָסן. דער גרויסער גענעראַל האָט נאָך קיינמאָל ניט געהאַט אַזאַ מענערישן אויסזען ווי אין דער מינוט, ווען ער איז געשטאַנען און האָט געשמייכלט צו דעם יונגן מענטשן וואָס האָט געוואַרט אַף אים.

XIII

דער לעוואָנע־סערפּ האָט שוין געהאַט געביטן זײַן פּאָזיציע און קאַיוס איז געווען מיד און צופרידן און טײַוועדיק ווי אַן אויסגעשלאָפענער קאָטער... אַזוי האָט ער זיך אַליין באַטראַכט, ווען ער האָט גלאַט אין דער וועלט אַרײַן אַ זאָג געטאָן:

— איך האָס ציצעראָנען.

קראַסוס האָט זיך געהאַלטן פאַטערלעך, אַנטציקט פון זיך אַליין און צאַרט, און ער האָט אים געפרעגט:

— פאַרוואָס האָסטו פײַנט ציצעראָנען?... דעם גערעכטן ציצעראָן? יאָ, ציצעראָן דער גערעכטער... פאַרוואָס האָסטו אים פײַנט?

— איך ווייס ניט פאַרוואָס איך האָב אים פײַנט. איך מוז דען וויסן

פאַרוואָס איך האָב פײַנט געוויסע מענטשן? איינעם האָב איך ליב, אַ צווייטן האָב איך פײַנט.

— ווייסטו, אַז דאָס האָט מען אַף ציצעראָנס אַן אָנצוהערעניש — ניט אינגאַנצן נאָר מערסטנס זײַנע — באַשלאָסן אויפשטעלן די שטראָף־צייכנס מיט די זעקס טויזנט געקרייציקטע אַף דער וויאַ אַפּיאַ? אָט דער־פאַר האָסטו אים פײַנט?

— ניין.

— וואָס האָסטו געפילט ווען דו האָסט געקוקט אַף די קרייצן? — האָט דער גענעראַל געפרעגט.

— אין געוויסע מאָמענטן בין איך געווען גערירט, נאָר אין אַלגעמיין ניט. די מיידלעך זײַנען געווען מער גערירט פון מיר.

— יאָ?

— נאָר מאָרגן וועט עס אַנדערש זײַן — האָט קאַיוס אַ שמייכל געטאָן.

— פאַרוואָס?

— דערפאַר וואָס דו האָסט זיי דאָרט אָוועקגעשטעלט.

— אין דער עמעסן, ניט איך. געווען זײַנען עס ציצעראָן און אַנדערע. מיר האָט עס ניט אויסגעמאַכט, אַזוי אָדער אַנדערש.

— דו אָבער האָסט אומגעבראַכט ספּאַרטאַקוסן.

— האָט עס דען עפּעס אַ באַטײַט?

— איך האָב דיך דערפאַר ליב... אים האָב איך פײַנט?

— וועמען? ספּאַרטאַקוסן? — האָט קראַסוס געפרעגט.

— יאָ, ספּאַרטאַקוסן.

— דו האָסט דאָך אים קיינמאָל ניט געקענט.

— דאָס מאַכט ניט אויס. איך האָס אים... מער ווי ציצעראָנען. ציצע־ראָן גייט מיר ניט אָן. נאָר אים, דעם שקלאַף, האָס איך. ווען איך וואָלט אים קענען האַרגענען! ווען איך וואָלט אים קענען ברענגען צו מיר און מיר זאָגן, הער אויס, קאַיוס, האַק אים אָפּ דעם קאָפּ! ווען דו קענסט...

— נו, דו רעדסט ווי אַ קינד, — האָט דער גענעראַל פאַרגיביק געזאָגט.

— אַזוי מיינסטו? פאַרוואָס ניט? — האָט קאַיוס געזאָגט מיט גע־וויין אינעם קאָל. — פאַרוואָס זאָל איך ניט טאָרן זײַן אַ קינד? אַ סך האָט מען דערפון וואָס מען איז אַ גרויסער?

— פאַרוואָס אָבער האָסטו אַזוי ספּאַרטאַקוסן ווען דו האָסט אים קיינמאָל ניט געקענט!

— מעגלעך איך זאָל אים האָבן געזען. אַ יאָר פיר דעריק, ווייסטו, בין איך געווען אין קאַפּוּאַ. איך בין דעמאָלט ניט מער ווי איין און צוואַנציק יאָר אַלט געווען. איך בין נאָך געווען גאָר יונג.

— ביסט נאָך יונג, — האָט דער גענעראַל געזאָגט.

— ניין, איך פיל מיך ניט יונג. נאָר דעמאָלט בין איך יונג געווען. געווען זײַנען מיר דעמאָלט פינף אָדער זעקס פאַרשוין. מאַריוס בראַקוס האָט מיך מיטגענומען; ער האָט צו מיר גרויס סימפּאַטיע געפילט. — קאַיוס האָט דאָס געזאָגט מיט אַן אויסרעכענונג, צוליב דער ווירקונג וואָס

דאָס קען מאַכן. מאַריוס בראַקוס איז געפאַלן אין דער מילכאָמע קעגן די שקלאַפן. אַזוי אַז עס איז קיין מאָטיוו ניט געווען פאַר אַקטועלע פּראָבלעמען. נאָר זאָל קראַסוס וויסן, אַז ער איז ניט דער איינציקער און ניט דער ערשטער. דער גענעראַל האָט זיך אָנגעשטויפּט, נאָר ער האָט גאָרנישט ניט געזאָגט, און קאַיוס האָט ווײַטער דערציילט:

— יאָ, געווען זײַנען מיר מאַריוס בראַקוס, איך און אַ מאַן מיט אַ פרוי, זײַנע פרײַנט, און נאָך צוויי, דוכט מיר, וואָס זייערע נעמען געדענק איך ניט. מאַריוס האָט זיך געפירט ברייטלעך... יאָ, זייער ברייט.

— ער האָט דיך שטאַרק אינטערעסירט?

— זײַן טויט האָט מיך באַצאַרט, — האָט קאַיוס אַ הייב געטאָן די אַקסלען און דער גענעראַל האָט אַ טראַכט געטאָן:

„נו, ביסטו אַ כאַיעלע! אַ קליין נימעס כאַיעלע!"

— די מײַסע דערפון איז, מיר זײַנען געפאָרן קיין קאַפּואַ און בראַקוס האָט אונדז צוגעזאָגט אַ ספּעציעלן צירק־ספּעקטאַקל, וואָס דעמאָלט איז עס געווען אַ סאַך טײַערער ווי איצט. אַף צו געבן אַזאַ ספּעקטאַקל האָט מען באַדאַרפט זײַן זייער רײַך.

— לענטעלוס באַטשיאַטאָ האָט דעמאָלט געהאַלטן אַ גלאַדיאַטאָרן־שול אין קאַפּואַ, ריכטיק? — האָט דער גענעראַל געפרעגט.

— יאָ, די בעסטע שול, זאָגט מען, אין איטאַליע. די בעסטע און די טײַערסטע, מען האָט געקענט אַ העלפאַנט קויפן פאַר דעם געלט וואָס מען האָט אים געמוזט באַצאָלן פאַר לאָזן אַ פּאָר פון זײַנע יונגען זיך שלאָגן. מען זאָגט ער האָט דערפון אַ מיליאָן געמאַכט. אַלנפאַלס, איז ער געווען אַ כאַזער. האָסט אים געקענט?

קראַסוס האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. — דערצייל מיר וועגן אים; מיך אינטערעסירט עס זייער. דאָס איז געווען פאַר דעם ווי ספּאַרטאַקוס איז אַנטלאָפן, ריכטיק?

— מיר דוכט זיך, אַז אַכט טעג פאַר דעם. יאָ, באַטשיאַטאָ איז באַרימט געוואָרן צוליב זײַן עמעסן האַרעם פון שקלאַפנס, וואָס ער האָט געהאַט און אַזוינס איז קיינעם ניט געפעלן. ביפּראַט ווען מען טוט עס בעפאַרהעסיע. דאָס איז גוט ווען מען טוט עס אין שטוב באַ פאַרמאַכטע טירן. שווער אָבער עמעצן זאָל עס געפעלן ווען מען טוט עס אַלע זאָלן זען. און אַזוי גראָד האָט ער געטאָן. און גענוצט האָט ער דערצו זײַנע יונגען פאַר אַגערס און די מיידלעך פאַר שקאַפעס, וואָס דאָס איז גאַנץ וווּל, מיין איך, נאָר ער האָט קיין זאַך ניט געקענט טאָן דעליקאַט. געווען איז ער אַ הויכער און דיק ווי אַן אָקס, מיט אַ שוואַרצן קאָפּ און אַ שוואַרצער באָרד און, איך געדענק ווי קויטיק ער איז אומגעגאַנגען, מיט פלעקן פונעם עסן. בעשאַס ער האָט גערעדט מיט אונדז, האָט ער געהאַט אַ פלעק פון אייער, אַ פרישן געלן פלעק אַף זײַן טוניק.

— סאַראַ זיקאָרן באַ דיר! — האָט דער גענעראַל אַ שמייכל געטאָן.

— איך געדענק עס. איך בין צו אים געגאַנגען מיט בראַקוסן, און בראַקוס האָט געוואָלט צוויי געשלעגן אַף טויט. נאָר באַטשיאַטאָ האָט דערצו

קיין כיישעק ניט געהאַט. באַטשיאַטאָ האָט געזאָגט, אַז ער קען ניט געבן קיין געשלעג מיט סטיל און טעכניק אָדער געניטעם שפּיל ווען יעדער רײַכער אָדער געלאַנגווײַליקטער רוימישער קאַוואַליר קומט באַשטעלן פאַר זיך אַליין אַ ספּעקטאַקל. נאָר בראַקוס האָט געהאַט אַ גראָבן טײַסטער און געלט באַפּעלט.

— אַזוינע מענטשן באַפּעלט עס, — האָט דער גענעראַל געזאָגט, — אַלע „לאַניסטן” זײַנען אויסוווּרפן, נאָר באַטשיאַטאָ איז אַ כאַזער. דרײַ פון די גרעסטע שכיינים־הײַזער אין רוים זײַנען זײַנע און אַ פּעריטס איז פאַראַיאָרן אײַנגעפאַלן. פאַר געלט איז ער גרייט געווען אַף אַלץ.

— איך האָב ניט געוווּסט אַז דו קענסט אים.

— איך האָב גערעדט מיט אים. ער איז אַ קוואַל פון יעדיִעס וועגן ספּאַרטאַקוסן... דער אייִנציקער קוואַל, מיין איך, וואָס האָט געקענט עפּעס וויסן וועגן ספּאַרטאַקוסן.

— דערצייל דו, — האָט קאַיוס שטיפעריש אַ זאָג געטאָן.

— אָפּט זעסטו אויס געוואַלדיק ענלעך צו אַ מיידל, — האָט דער גענעראַל געשמייכלט.

— זאָג עס ניט! איך זאָל עס קיינמאָל פון דיר מער ניט הערן! — קאַיוס איז געוואָרן אָנגעשטײַפּט, ווי אַ קאָטער, און איז אַרײַן אין גרימצאָרן.

— וואָס האָב איך דען געזאָגט, וואָס דו ביסט אַזוי אין כּאַס געוואָרן?

— האָט דער גענעראַל אויסגעשריגן, — ווילסט איך זאָל דיר דערציילן וועגן באַטשיאַטאָן? פאַראַיאָרן, דוכט מיר, איז עס געווען, האָבן די שקלאַפן גענומען ווײַזן די נעגל גאָר ניט אָנגענעם. איך האָב מיך דעריבער געוואָלט דערוויסן עפּעס וועגן ספּאַרטאַקוסן. אַז מען קען אַ מענטשן איז אים גרינגער אײַנצוברעכן...

קאַיוס האָט געהערט און האָט געשמייכלט. ער האָט ניט קלאָר פאַרשטאַנען פאַרוואָס ער האָט אַזוי פײַנט ספּאַרטאַקוסן, נאָר אָפּט פלעגט ער געפינען אַ טיפערע באַפרידיקונג אין האַס ווי אין ליבע.

צווייטע טייל

וואָס דאָס איז די געשיכטע, וואָס קראַסוס, דער גרויסער גענעראַל, האָט דערציילט קאַיוס קראַסוסן, מיקויעך דעם וויזיט, וואָס צו אים אין לאַגער האָט אָפּגעשטאַט לענטולוס באַטשיאַטאַ, דער וואָס האָט געהאַט אַ גלאַדיאַטאָרן־שול אין קאַפּואַ.

I

(דאָס איז געשען — האָט קראַסוס אָנגעהויבן בעיס ער איז געלעגן אינאיינעם מיט דעם יונגנמאַן — אַ קורץ שטיקל צײַט נאָכדעם ווי מען האָט מיר אָנגעטרויט די קאָמאַנדירונג... דעם מין קאָוועד, וואָס מען נעמט אים געוויינלעך שנעל מיט מיט זיך אין קייווער אַרײַן. די שקלאַפֿן האָבן דעמאָלט געהאַט אַף פּיצלעך צעהאַקט אונדזערע לעגיאָנערן און, פֿון פּראַק־טישן שטאַנדפּונקט, זײַנען זיי דעמאָלט געווען די וואָס האָבן רעגירט אין טאַליע און מען מוז צו דעם, האָט מען מיר געזאָגט, אַ סאַך מאַכן. גיי און צעקלאַפּ די שקלאַפֿן, האָט מען מיר געזאָגט. מײַנע ערגסטע סאָנים האָבן מיר קאָוועד אָפּגעגעבן. צו יענער צײַט האָב איך געהאַט מײַנע מיליטערישע טיילן געלאַגערט אין דער פֿאַר־אַלפּישער גאַליע, און איך האָב געשיקט אַ שעליעך צו דײַן גוטן־ברודער, דעם גראָבן לענטולוס באַטשיאַטאַ).

און אַ רעגן האָט זיך פֿאַמעלעך געזיפּט ווען לענטולוס באַטשיאַטאַ איז שוין געווען נאָענט צום לאַגער. די לאַנדשאַפֿט אַרום איז אַן אָרעמע, אַ וויסטע, און ער אַליין פֿילט זיך אויך וויסט, ווײַט פֿון דער היים און פֿון דער קאַפּוער וואַרעמער זון. ער געניסט אַפֿילע ניט די באַקוועמקייט פֿון אַ טראָג־בעט; ער רײַט אַף אַ מאָגערן צימרינג־קאָלירטן פֿערדל און טראַכט זיך:

„ווען מיליטערלײַט נעמען איבער די מאַכט, מוזן אָרנטלעכע לײַט טאַנצן אַף זייער פֿײַפֿל. ס׳לעבן באַלאַנגט שוין גאָרניט צום מענטשן. מיך איז מען מעקאַנע וואָס איך האָב אַ ביסל געלט. גוט איז צו האָבן געלט ווען מען איז אַ קאַוואַליר, נאָך בעסער איז צו האָבן געלט, ווען מען איז אַ פּאַטריציער. נאָר אַז מען איז ניט דאָס און ניט יענץ, נאָר

פאַשעט אַן אָרנטלעכער מענטש, וואָס האָט אָרנטלעכערווײַזע אַנגעלעבט אַ ביסל געלט, קען מען ניט טראַכטן אַפילו וועגן איין מינוט רו. קויפּסטו ניט אונטער אַן אינספּעקטאָר, איז עס דערפאַר וואָס דו צאָלסט עמעצן אַ לײַב־וועכטער פון עפּעס אַ פּאָליטיקער, און אויב דו פּאַטערסט זיי ביידן, איז עס דערפאַר וואָס דו האָסט גענומען אַף געהאַלט עפּעס אַ טריבון. און יעדער מאָל ווען דו שטייסט אויף אינדערפרי, כידעשסטו זיך וואָס מען האָט דיך ניט דערהאַרגעט ווען דו ביסט געשלאָפן. און אָט האָט מיר עפּעס אַ פאַר־שאָלטענער גענעראַל אַנגעטאָן דעם קאָוועד און שלעפּט מיך איבער אַ האַלב איטאַליע... ווײַל ער וויל מיך עפּעס פרעגן. וואָלט איך געהייסן קראַסוס, אָדער גראַקוס, אָדער סילענוס, אָדער מעניוס, וואָלט עס מיסטאָמע אַנדערש געווען. דאָ האָט איר אײַך די רוימישע גערעכטיקייט און די רוימישע גלײַכ־הייט אין דער רוימישער רעפּובליק״.

גאָרניט קיין שמייכלדיקע געדאַנקען פאַר דער רוימישער גערעכטיקייט און פאַר געוויסע רוימישע גענעראַלן זײַנען באַטשיאַטאָן אין קאָפּ געקראָכן, ווען עס האָט זיי איבערגעריסן אַ שאַרפע פראַגע פון די וועג־וועכטער, וואָס זײַנען צעשטעלט געווען פאַר דעם לאַגער. געהאָרכיק האָט ער אָפּגעשטעלט זײַן פערד און איז געבליבן זיצן אַף אים אונטערן דריבנעם קאַלטן רעגן אין דער צײַט וואָס די וועכטער האָבן אים באַטאַפּט און אויסגעפרעגט. זיי האָבן זיך ניט געאײַלט, וואָרעם וואָס אַרט עס זיי וואָס ער נעצט זיך אָפּן רעגן, ווען זיי מוזן סײַ ווי שטיין אַף דער וואַך אינעם רעגן. און זיי האָבן אים קאַלט און אומהעפלעך אויסגעפרעגט ווער ער איז.

— מײַן נאָמען איז לענטולוס באַטשיאַטאָ.

ווי אומוויסנדיקע פּויערים, האָבן זיי דעם נאָמען קיינמאָל ניט געהערט און האָבן געוואָלט וויסן וווהין, מיינט ער, רײַט ער.

— דער וועג פירט צום לאַגער, ריכטיק ?

— ריכטיק.

— נו, פאַר איך אין לאַגער אַרײַן.

— צו וואָס ?

— כ׳דאַרף ריידן מיט דעם קאָמאַנדאַנט.

— ניט מער ווי דאָס. וואָס פאַרקויפט איר ?

— „הערט נאָר די שמוציקע כאַזיירים !״ — טראַכט זיך באַטשיאַטאָ, נאָר זאָגן זאָגט ער גאַנץ געדולדיק : — איך פאַרקויף ניט גאָרניט. איך פאַר אַהער, ווײַל מען האָט מיך אַהער גערופן.

— גערופן ? ווער האָט אײַך גערופן ?

— דער קאָמאַנדאַנט. — און ער נעמט אַרויס פונעם טאַש דעם באַ־פעל, וואָס קראַסוס האָט אים צוגעשיקט.

לייענען האָבן זיי ניט געקענט, נאָר דאָס שטיקל פּאַפּיר איז פאַר זיי גענוג געווען זיי זאָלן אים לאָזן ווײַטער רײַטן אַף זײַן געלן פערדל ביז צום מיליטערישן וועג וואָס האָט געפירט צום לאַגער. ווי אַ סאַך אַנדערע דעמאָלט אויפגעקומענע בירגער, האָט באַטשיאַטאָ אַלץ געמאָסטן אַף געלט, און מיט דעם וועג רײַטנדיק, האָט ער געשאַצט וואָס עס האָט געמוזט קאָסטן דורכ־

לייגן אָט דעם מין ווענ, אַ צײַטווײַליקער וועג בלויז צוליבן געבוידיך פונעם לאַגער, און דאָך אַ בעסערער פון דעם וואָס ער האָט געקענט דורכלייגן אָף צוצוקומען צו זײַן שול אין קאַפּואַ. אָף אַ גרונט פון ערד און זשוויר זײַנען אויסגעלייגט געווען ציגל פון זאַמדיקן שטיין אַ לענג פון צוויי קילאָמעטער אין אַ דירעקטער ליניע ביז צום לאַגער.

— ווען די פאַרשאָלטענע גענעראַלן זאָלן מער טראַכטן פון דער שלאַכט ווי פון וועגן דורכלייגן, וואָלט אונדז אַלעמען בעסער געווען — האָט ער זיך געטראַכט, נאָר אין דער זעלביקער צײַט האָט ער זיך אויך געפילט אַ ביסל שטאָלץ: אַפילו אין אַזאַ שמוציקן און רעגנדיקן עק לאָזט זיך פילן די רוימישע ציוויליזאַציע. דאָס איז ניט צום באַשטרײַטן.

ער איז שוין באַם לאַגער. ווי שטענדיק, איז אויך דאָס דאָזיקע אָרט ווו די לעגיאָנען האָבן זיך אײַנגעקוואַרטירט, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטאָט; וווהין די לעגיאָנען גייען, אַהין גייט מיט די ציוויליזאַציע; און דאָרט ווו לעגיאָנען שטעלן זיך אָפּ, מעג זײַן בלויז אָף איין נאַכט איבערצונעכטיקן, דאָרט קומט אויף ציוויליזאַציע. די מעכטיקע, מיט אַ מויער אַרומגענומענע זאַנע פון קימאַט אַ קילאָמעטער קוואַדראַט, איז דאָרט געשטאַנען אַזוי פּינקטלעך אָפּגעצייכנט ווי באַם אַרכיטעקטאָר אָפן פּאַפּיר. פאַר אַלעמען, אַ קאַנאַווע פון פיר מעטער די ברייט און פיר מעטער די טיף; הינטער דער קאַנאַווע האָט זיך געצויגן אַ לאַנגער פּלויט פון פיר מעטער די הייך. דער וועג האָט איבערגעשניטן די קאַנאַווע מיט אַן אַרײַנגאַנג, ווו עס האָט זיך פאַר אים געעפנט אַ שווערער הילצערנער טויער. דער געשאַל פון אַ טראָמפייט האָט דעם באַפעל געגעבן ער זאָל אַרײַנגיין און אַ גאַנצע ראָטע האָט זיך גענומען דרייען אַרום אים, ווען ער איז אַרײַנגעקומען. דאָס אַלץ ניט ווײַל מען האָט אים אַזאַ קאָווד אָפּגעגעבן, נאָר צוליב דער דיסציפּלין. דיסציפּלין צוליב דיסציפּלין גופא. עס איז ניט גלאַט געזאָגט, אַז אין דער געשיכטע פון דער גאָרער וועלט איז ניט געווען אַזאַ דיסציפּלינירט מיליטער ווי די לעגיאָנען. באַטשיאַטאָ אַפילו מיט זײַן גוואַלדאָווגער ליבע צו בלוטפאַרגיסונג און שלאַכטן — און דערפאַר אויך זײַן גרינגשעצונג צו די ווערבירטע זעלנער — איז געפלעפּט געווען פון דער מעכאַנישער גענויקייט אין אַלץ וואָס האָט אַ שײַכעס געהאַט צו דער אַרמיי.

עס גייט ניט בלויז אינעם וועג, אין דער קאַנאַווע, אָדער אינעם פּלויט, וואָס ציִען זיך אָף דרײַ קילאָמעטער די לענג; אָדער אין די ברייטע גאַסן פון דעם לאַגער־שטאָט, אָדער אין די גראָבנס פאַרן וואַסער־אָפּלויף, אָדער אינעם זאַמד־שטיינערנעם ברוק, וואָס באַדעקט די גאַסן אין דער מיט, אָדער דאָס גאַנצע לעבן, דער פאַרקער און די אָרדענונג פון דעם רוימישן לאַגער מיט זײַנע דרײַסיק טויזנט זעלנער; מער ווי אַלץ גייט עס אינעם באַוווסטזײַן, אַז אָט דער פּראָדוקט פון מענטשלעכע הענט און מענטשלעכן מויעך איז די פרוכט פון אַן אָנשטרענג אינמיטן דעם מאַרש פון די לעגיאָנערן. עס איז ניט געווען אַזוי זיך אַ זאָג, אַז ס'איז גרינגער געווען צו באַזיגן די שקלאַפן מיט דעם בלויזן קוק אָף אַ לעגיאָנערן־לאַגער, ווען דער לעגיאָן שטעלט זיך אָפּ אָף נאַכטלעגער, איידער אין דער שלאַכט.

אין דער צײַט וואָס באַטשיאַטאָ איז אַראָפּגעקראָכן פונעם פערד און האָט זיך געריבן זײַן גראָבן הינטן, וואָס האָט אַזוי לאַנג געקוועטשט דעם זאָטל, איז צו אים צוגעקומען אַ יונגער אָפיציר און האָט אים געפרעגט ווער ער איז און וואָס ער טוט דאָ.

— לענטולוס באַטשיאַטאָ, פון קאַפּוּאַ.

— אַך, יאָ... יאָ — האָט דער אָפיציר געצויגן די ווערטער. געווען איז ער אַ יונגערמאַן פון ניט מער ווי צוואַנציק יאָר, אַ שיינער אָפּן אויסזען, אַ פּאַרפומירטער און פײַן געקליידטער פּראָדוקט פון איינער פון די בעסטע פאַמיליעס, פון די פאַרשוינען וואָס באַטשיאַטאָ האָט זיי מער פּײַנט געהאַט. „יאָ" — האָט דער יונגערמאַנטשיק געזאָגט — „לענטולוס באַטשיאַטאָ פון קאַפּוּאַ." ער האָט געוווּסט; ער האָט געהערט פון לענטולוס באַטשיאַטאָ, ווער ער איז און וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר און צוליב וואָס מען האָט אים אַהין גערופן, אין קראַסוסעס אַרמיי.

„— יאָ, — האָט באַטשיאַטאָ אין זיך געטראַכט — דו האָסט מיך פּײַנט, מאַמזערוק, און עס עקלט דיך פון מיר; נאָר דו קומסט צו מיר און דו ווייסט און קויפסט בײַ מיר... און דאָס האָבן זיי, דײַנע קלאַסן־כאַווײרים, געמאַכט פון מיר דאָס וואָס איך בין; נאָר דיר דוכט זיך, אַז דו ביסט צו גוט דערמיט וואָס דו קומסט צו צו מיר, ווּאָרעם מײַן אָטעם קען דיך נאָך אײַנשמירן, דו קליינער מאַמזער!" אָט דאָס האָט ער געטראַכט, נאָר ער האָט בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און האָט גאָרניט געזאָגט.

— יאָ, — האָט דער יונגערמאַנטשיק באַשטעטיקט, — דער קאָמאַנדאַנט וואַרט אַף אײַך. איך ווייס. ער וויל איר זאָלט אײַך טייקעף צו אים צושטעלן. איך וועל אײַך אַהין צופירן.

— איך וואָלט וועלן אָפּרוען, עפּעס אָפּעסן.

— דער קאָמאַנדאַנט וועט שוין זאָרגן דערפאַר. ער איז אַ מענטש, וואָס זאָרגט פאַר אַלץ — האָט דער יונגער אָפיציר אַ שמייכל געטאָן און האָט אַ רוף געטאָן איינעם פון די צוויי זעלנער: — נעמט בײַ אים דאָס פערד, טרינקט עס אָן, גיט דעם צו עסן און ווו צו שלאָפן!

— איך האָב ניט געגעסן פון פרישטיק אָן, — האָט באַטשיאַטאָ געזאָגט, — און איך מיין, אַז אויב אײַער קאָמאַנדאַנט האָט אַזוי לאַנג געוואַרט, וועט ער וואַרטן נאָך אַ ביסל.

באַם יונגנמאַן האָבן זיך די אויגן אײַנגעצויגן, נאָר אָנגעהאַלטן האָט ער אַ פרײַנטלעכן טאָן און האָט געזאָגט: „דאָס וועט ער שוין באַשטימען".

— פרעגער גיט איר עסן די פערד?

דער יונגער אָפיציר האָט מיט אַ שמייכל צוגעשטימט.

— גייט מיר נאָך, — האָט ער אים געזאָגט.

— איך בין ניט פון אײַער פאַרשאַלטענעם לעגיאָן!

— איר געפינט אײַך אינעם לאַגער פון אַ לעגיאָן.

אַ מינוט זײַנען זיי געשטאַנען פּאָנעם צו פּאָנעם; דערנאָך האָט באַטשיאַטאָ די אַקסלען אַ הייב געטאָן און האָט באַשלאָסן, אַז אים וועט גאָרניט אַרויסקומען דערפון וואָס ער וועט זיך שטעלן קריגן מיט אים אָפן רעגן.

וואָס איז אים אין די ביינער געקראָכן און ער האָט, ווי ווײַט ער האָט געקענט, זיך אײַנגעהילט מיט זײַן דורכגענעצטן מאַלבעש און האָט זיך געלאָזט גיין נאָכן אָפּיציר, וואָס ער האָט אים שוין געהאַט באַצייכנט אַלס שמוציקן פּאַטריציער שנעקל. נאָר פאַר זיך האָט ער געטראַכט דערבײַ, אַז נאָך אַלעמען, האָט ער אין איין אָוונט געזען מער בלוט פליסן וויפל אין זײַן גאַנצער קאַריערע אָט דאָס באָכערל, וואָס דער מוטערס מילך איז אים נאָך פון די ליפּן ניט אָפּגעטריקנט. נאָר וואָס ער זאָל ניט געווען טראַכטן דער גראָבער פּאַרשוין, האָט ער דאָרט אויסגעזען ווי אַ קליין קאַצעוול אין אַ גרויסן שעכטהויז און זײַן גאַנצע סאַטיספּאַקציע איז געווען דער באַוווסטזײַן, אַז ער איז ניט גאָר קיין זײַטיקער צווישן די אַלע קויכעס וואָס האָבן אַהין געבראַכט די לעגיאָנען.

ער איז נאָכגעגאַנגען דעם יונגנמאַן איבער דער צענטראַלער ברייטער גאַס פונעם לאַגער און האָט נײַגעריק געקוקט אַף די פּאַרבלאָטיקטע געצעלטער, וואָס זײַנען צעשטעלט געווען אַף ביידע זײַטן, גוטע פאַר אַן אָפּדאַך, נאָר אָפענע פון פאָרנט, און די זעלנער אַף זייערע גראָז־געלעגערס אויסגעצויגענע, שמועסן, זידלען זיך, זינגען אָדער שפּילן אין ווערפלעך, מערסטנס איטאַליענישע פויערים, מיט האַרטע, אַרומגעראַזירטע אָליוון־קאָלירטע פּענעמער. אַף טייל נאַקעטע פּלעצער זײַנען געשטאַנען אייוועלעך צום וואַרעמען זיך, נאָר מערסטנס האָבן זיי איבערגעטראָגן די קעלט ווי זיי טראָגן איבער די היץ, די אומאויפהערלעכע מיליטערישע געניטונגען און די אומראַכמאָנעסדיקע דיסציפּלין; די שוואַכע זײַנען שנעל אָוועקגעשטאָרבן; די שטאַרקע זײַנען געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער, באַוואָפנטע מיט שטאָל און וואַלפישבאָרד, און דערצו אַ קליינער מעסער, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר דעם ווירקעוודיקסטן געצײַג פון מאַסן־מאָרד, וואָס איז דעמאָלט באַקאַנט געווען.

דירעקט אינעם צענטער פונעם לאַגער, אין אַ צווישן־אָרט צווישן צוויי ליניעס געצויגענע צווישן פיר ווינקלען, איז געשטאַנען דעם גענעראַלס פּאַוועליאָן, דער „פּרעטאָריום“, וואָס געווען איז עס ניט מער ווי אַ גרויס געצעלט אײַנגעטיילט אַף צווייען. דער אַרײַנגאַנג אינעם געצעלט איז געווען פאַרמאַכט און פון ביידע זײַטן אַרײַנגאַנג איז געשטאַנען אַ וואַכמאַן, ביידע מיט לאַנגע דינע שפּיזן אָנשטאָט דעם שווערן „פּילום“, מיט אַ רונדן שוץ־בלעך און אַ קרומען מעסער פון טראַצישן סטיל, אָנשטאָט דעם מאַסיוון שילד מיט דער קורצער שפּאַנישער שווערד, ווי דער רעגלאַמענט איז. געטראָגן האָבן זיי ווײַסע וואָלענע טוניקס, דורכגענעצטע פונעם רעגן, און געשטאַנען זײַנען זיי ווי זיי וואָלטן געווען פון שטיין אויסגעהאַקט. דאָס וואַסער האָט זיי גערונען איבער די קערפּערס, איבער דעם אָנטאָן און איבער דעם געווער. צוליב עפּעס האָט דאָס אַף באַטשיאַטאָן מער אײַנדרוק געמאַכט ווי אַלץ וואָס ער האָט ביז איצט אַף זײַן לעבן געזען. ער פלעגט זיך פילן צופרידן ווען לײַב ווײַזט אַרויס מער ווי דאָס וואָס מען קען פון לײַב דערוואַרטן, און עס איז אים געפעלן געוואָרן.

ווען זיי זײַנען צוגעקומען, האָבן די וואַכלײַט געגריסט און האָבן פּר־באַנדערגענומען און אין דער הייך געהאַלטן די פאָרהאַנגען, וואָס האָבן פאַר־

שטעלט דעם אַרײַנגאַנג. בײדע, באַטשיאַטאָ און דער אָפֿיציר, זײַנען אַרײַן אין דעם טונקעלן געצעלט און באַטשיאַטאָ האָט זיך דערזען אין אַ צימער פֿון אַן ערך פֿופֿצן מעטער די לענג אױף אַן ערך זעקס די ברייט, וואָס האָט מיט זיך פֿאַרגעשטעלט די פֿאָדערשטע טייל פֿון דעם פֿעלד־געצעלט, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „פּרעטאָריום". דאָס אײנציקע מעבל דאָ איז געווען אַ טיש מיט אַ טוץ צונויפֿלײג־שטולן אַרום. בײַ אַן עק טיש, דעם קאָפּ מיט די עלנבויגנס אונטערגעשפּאַרט און אין אַן אויסגעשפּרייטער מאַפּע אַרײַנגעטאָן, איז געזעסן דער קאָמאַנדאַנט מאַרקוס ליציניוס קראַסוס.

קראַסוס האָט זיך אויפֿגעשטעלט ווען באַטשיאַטאָ מיט דעם אָפֿיציר זײַנען אַרײַנגעקומען, און דעם גראָבן האָט שטאַרק האַנאָע געטאָן ווי דער גענעראַל איז אים ספּאָנטאַן אַקעגנגעגאַנגען און האָט אים דערלאַנגט די האַנט און באַגריסט.

— לענטולוס באַטשיאַטאָ... פֿון קאַפּואַ? ריכטיק?

באַטשיאַטאָ האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און האָט אים צוריקגעדריקט די האַנט. דער גענעראַל האָט בעעמעס געהאַט אַ שײנעם אויסזען, מיט שײנע פּאָנעם־שטריכן, אַ מענערישן שטעל און אַן שום נאַכגיביקייט.

— מיך פֿרייט אײַך צו קענען, מײַן האַר, — האָט באַטשיאַטאָ געזאָגט.

— איר האָט דורכגעמאַכט אַ לאַנגע רײַזע און איך דאַנק אײַך דערפֿאַר. איר זײַט מיסטאָמע דורכגענעצט, מיט אַפּעטיט און פֿאַרמאַטערט.

ער האָט עס געזאָגט מיט אינטערעס און מיט אַ געוויסער ניט דרײַסטקייט, וואָס האָט באַטשיאַטאָן צוגעגעבן מוט. נאָר דער יונגער אָפֿיציר האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף דעם גראָבן מיט דער פֿרי׳ערדיקער גאַדלעס. ווען באַטשיאַטאָ וואָלט געווען אַ ביסל שפּירעוודיקער, וואָלט ער פֿאַרשטאַנען, אַז די בײדע באַנעמונגען האָבן גאָר קײן באַטײַט ניט. דער גענעראַל האָט געהאַט אַן אויסגעאַרבעטן פּלאַן; דער יונגער אָפֿיציר האָט אָנגעהאַלטן די געוויינלעכע באַנעמונג פֿון אַ קאַוואַליר מיט אַזעלכע לײַט ווי באַטשיאַטאָ.

— איר זאָגט דאָך אַלײן, — האָט באַטשיאַטאָ געענטפֿערט, — דורכגענעצט און פֿאַרמאַטערט, נאָר מער ווי אַלץ טויט־הונגעריק. איך האָב דעם יונגנמאַן געפֿרעגט צי מען קען עפּעס אָפּעסן, נאָר ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַזוי, אַז דאָס איז אַ נאַרישע ביטע.

— מיר זײַנען געצוווּנגען אויסצופֿירן באַפֿעלן זײער פּינקטלעך, — האָט קראַסוס געזאָגט, — מײַן באַפֿעל איז געווען אײַך ברענגען צו מיר ווי נאָר איר וועט אָנקומען. שטעלט אײַך פֿאָר, אַז איצט וועט עס זײַן אַ פֿאַרגעניגן נאָכצוקומען יעדן ווונטש אײַערן. איך פֿאַרשטײ גאַנץ גוט סאַראַ שווערע רײַזע איר האָט געהאַט. טרוקענע מאַלבושים, מיסטאָמע... די מינוט. איר ווילט מיסטאָמע אַ באָד נעמען?

— די באָד קען וואַרטן. איך וויל עפּעס אַרײַנוואַרפֿן אין זיך.

דער יונגער אָפֿיציר איז מיט אַ שמײכל אַרויסגעגאַנגען פֿונעם געצעלט.

II

מען האָט פאַרענדיקט עסן די צוגעבראָטענע פיש און די האַרטע אייער און באַטשיאַטאַ האָט זיך גענומען צום אָפּ. ער האָט עס ניט אָװעקגעלייגט ביז ער האָט איבערגעלאָזט די ביינדלעך ריין. אייגנצײַטיק דערמיט האָט ער זיך באַדינט מיט קאַשע פון אַ הילצערנער שיסל אַרויס און האָט געהאָלפן דאָס עסן אַראָפּגליטשן זיך מיט היפּשע שלוקן ווײַן. דאָס מויל איז אים אויסגעשמירט געווען פון דעם אָפּ מיט דער קאַשע און פון דעם ווײַן; דער ריינער טוניק האָט שוין געהאַט אָן זיך פלעקן פון דעם עסן און די פינגער פול מיט הינער־שמאַלץ.

קראַסוס האָט אים מיט אינטערעס באַטראַכט. ווי דאָס האָט פּאַסירט מיט די רוימער פון זײַן קלאַס און פון זײַן דאָר, האָט ער געהאַט אַ באַזונדערן ווידערגעפיל צום „לאַניסט", צום מענטשן וואָס האָט געשולט און געגרייט די גלאַדיאַטאָרס, וואָס האָט זיי געקויפט און פאַרקויפט אָדער פאַרדונגען דעם צירק. אין די לעצטע צוואַנציק יאָר זײַנען די „לאַניסטן" געוואָרן אַ מאַכט אין רוים, אַ מעלוכע־מאַכט און אַ פינאַנץ־מאַכט, מאַכמעס אָפט זײַנען זיי געווען מענטשן מיט גרויס פאַרמעגן, ווי דער פאַל איז געווען מיט דעם פאַרפעצטן גראָבן בויך, וואָס זיצט קעגנאיבער אים. מיט אַ דאָר פריִער פלעגן די צירק־געשלעגן זײַן קורצע און מיט איבעררײַסן און האָבן מיט זיך ניט פאַרגעשטעלט קיין וויכטיק געזעלשאַפטלעך געשעעניש. שטענדיק זײַנען זיי געווען. אין איין קרײַז מער באַליבט, אין אַ צווייטן ווייניקער. און מיטאַמאָל זײַנען זיי געוואָרן דער פוראָר פון רוים. מען האָט אומעטום אויפגעשטעלט צירקן. די קלענסטע שטעט האָבן געהאַט זייער הילצערנעם צירק פאַר געשלעגן. דער געשלעג צווישן איין פּאָר איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געשלעג פון הונדערטער פּאָרן, און אַ פּראָגראַם פון געשלעגשפּיל האָט זיך געצויגן כאַדאָשים לאַנג. נאָר אַנשטאָט דאָס זאָל דערעסן, איז דער ענטוזיאַזם פונעם אוילעם געוואַקסן אָן אַ גרענעץ.

פײַנע רוימישע מאַטראָנעס און גאַסן־יונגען, אַלע זײַנען גלײַך פאַרכאַפּט געווען פון דעם שפּיל. עס איז אויפגעקומען אַ נײַער צירק־לעקסיק. אַרמיי־וועטעראַנען האָבן קיין אַנדער באַשעפטיקונג ניט געהאַט אַ כוץ נעדאָווען בעטן און צירק. און צען טויזנט בירגער אָן באַשעפטיקונג און אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ האָבן קיין אַנדער זין אין לעבן ניט געזען אַ כוץ צוזען די געשלעגן אינעם צירק. מיטאַמאָל איז דער גלאַדיאַטאָרן־מאַרק געוואָרן אַ פאַרקויף־מאַרק און עס זײַנען אויפגעקומען די גלאַדיאַטאָרן־שולן. די קאַפּועס שול, אָנגעפירט פון לענטולוס באַטשיאַטאַ, איז געוואָרן איינע פון די בעסטע און בליִענדיקסטע. ווי די בעהיימעס פון געוויסע לאַטיפונדיעס וואָס זײַנען געווונטשענער פון אַנדערע אָפּן מאַרק, אַזוי האָט מען אין צירק געווונטשן און געשאַצט די קאַפּועער גלאַדיאַטאָרן. און אַ גאַסן־מענטש, אַ דריטקלאַסיקער לײַבוועכטער, באַטשיאַטאַ, איז רײַך געוואָרן און איז איינער פון די אָנגעזעענסטע „בוסטואַרטיס"־טרעניִרער אין גאַנץ איטאַליע.

„יאָ, — האָט זיך קראַסוס געטראַכט בעייס ער האָט געקוקט אָף אים,

— ער איז פאַרבליבן אַ גאַסן־מענטש; ער איז נאָך אַ ווולגאַרע כאַיע, פאַרטײַעט און אינטריגאַנטיש. זע ווי ער עסט! קראַסוס האָט נאָך אַלץ ניט געקענט פאַרשטיין ווי איז דאָס מעגלעך, אַז מענטשן פון נידעריקן שטאַם און אומדערצויגענע, זאָלן האָבן אַזויפיל געלט, אַז אַ סאַך פון זײַנע גוטע פרײַנט כאָלעמט זיך אַפילע ניט אַזויפיל צו פאַרמאָגן. זיי זײַנען דאָך באַשײַנפערלעך ניט נאַרישער פון דעם גראָבן טרעניִרער. ער אַליין, לעמאָשל; ער ווייס זײַן עמעסן ווערט אַלס מיליטערמאַן; ער באַזיצט די רוימישע מײַלעס פון אַקשאָנעס און אויסדויער, און ער גלייבט ניט, אַז מיליטערישע טאַקטיק איז עפעס אַזוינס וואָס מען האָט עס אינסטינקטיוו. ער האָט שטודירט אַלע מילכאָמעס, וועגן וועלכע עס איז פאַראַן די געשיכטע פון זייערע צוגרייטונגען און האָט געלייענט דאָס בעסטע פון די גריכישע היסטאָריקער. ער איז ניט באַגאַנגען דעם פעלער — וואָס די גענעראַלן פאַר אים זײַנען באַגאַנגען — צו מינדערשעצן ספאַרטאַקוסן. און דאָך זיצט ער איצט באַם טיש קעגנאיבער אָט דעם גראָבן נעפעש, און פילט זיך אַף אַ געוויסן אויפן, אַף אַ מאָדנעם אויפן, מינער פון אים.

ער האָט אַ הייב געטאָן די אַקסלען און האָט זיך אָנגערופן צו באַטשיאַטאָן:

— איר דאַרפט פאַרשטיין, אַז איך האָב גאָרניט צו ספאַרטאַקוסן אין שײַכעס מיט אײַך, אַפילע ניט אין שײַכעס מיט דער מילכאָמע, צוליב דער איינער זאַך. איך בין ניט קיין מאָראַליסט. איך האָב געמוזט אָנקומען צו דעם שמועס מיט אײַך, ווײַל איר קענט מיר זאָגן וואָס אַן אַנדערער קען ניט.

— קאָנקרעט, איך וואָס גייט עס? — האָט באַטשיאַטאָ געפרעגט.

— די אייגנשאַפט פון מײַן סוינע.

דער גראָבער האָט זיך אָנגעגאָסן נאָך אַ גלאָז ווײַן און האָט זײַטיק אַ קוק געטאָן אַפן גענעראַל. אַ וועכטער איז אַרײַנגעקומען אין געצעלט און האָט אַפן טיש אַוועקגעשטעלט צוויי אָנגעצונדענע לאָמפן. ס׳איז שוין געווען נאַכט.

באַ דער שײַן פון די לאָמפן, איז באַטשיאַטאָ געווען גאָר אַן אַנדער מענטש. די טונקלקייט איז געווען אים לעטויווע. די שײַן האָט אומגעוואַנדערט באַ אים אַפן פאָנעם און באַטשיאַטאָ האָט זי געווישט מיט דער סערוועטקע און פלעקן שאָטן זײַנען געפאַלן אַף זײַנע נאָכגעהאַנגענע פלאַסטן לײַב. זײַן נאָז, אַ גרויסע און אַ פלאַטשיקע, האָט אָן אויפהער און אומאָנשטענדיק געציטערט און פאָמעלעך איז ער שיקער געוואָרן. אַ קאַלטער אויגנפינקל האָט אַ וואָרן געטאָן קראַסוסן, אַז ער דאַרף עס ניט נעמען פאַר אומגוט און דאַרף אויך ניט מיינען, אַז ער האָט פאַר זיך עפעס אַ שויטע. ער איז בעעמעס ניט געווען קיין שויטע.

— וואָס, אַ שטייגער, ווייס איך פון אײַער סוינע?

אינדרויסן האָבן זיך צעשאַלט די טרומייטן. די געניטונגען האָבן זיך פאַרענדיקט און אינעם לאַגער האָט אויפגעהערט דאָס קלאַפן פון די שטיוול איבערן ברוק.

— איך האָב בלויז איין סוינע. מײַן סוינע איז ספּאַרטאַקוס, — האָט קראַסוס פּאַרזיכטיק אַרויסגערעדט.

דער גראַבער האָט אויסגעשנײַצט די נאָז אין דער סערוועטקע.

— און איר קענט ספּאַרטאַקוסן — האָט קראַסוס געזאָגט.

— גאָט מײַנער, אַוואַדע קען איך אים!

— קיינער אַ כּוץ אײַך. איר איינער. קיין איינער פון די וואָס האָבן געקעמפט קעגן ספּאַרטאַקוסן, האָט אים געקענט. זיי זײַנען אַרויס קעמפן קעגן שקלאַפן. זיי האָבן גערעכנט, אַז מען דאַרף נאָר בעמען שאַלן אין די טרומייטן, קלאַפּן אין די פּויקן, וואַרפן אין זיי די „פּילומס"... און די שקלאַפן וועלן אַנטלויפן. וויפל מאָל די לעגיאָנען זײַנען שוין צעפּיצלט געוואָרן און זיי האָבן נאָך אַלץ אַזוי גערעכנט. מער טאָר זיך דאָס ניט איבערכאַזערן. הײַנט מאַכט רוים איר לעצטן אָנשטרענג און אויב זי וועט דורכפאַלן, וועט מער ניט זײַן רוים. איר ווייסט עס אַזוי גוט ווי איך.

דער גראַבער האָט געקײַכט פון געלעכטער. ער האָט זיך געכאַפּט באַם בויך און האָט זיך גענומען וויגן אַף צוריק אינעם צוזויפלייג־שטול.

— דאָס זעט אײַך אויס קאָמיש? — האָט קראַסוס געפרעגט.

— דער עמעס איז שטענדיק קאָמיש.

קראַסוס האָט זיך באַהערשט און האָט געוואַרט דער גראַבער זאָל אויפהערן לאַכן.

— עס וואָלט ניט זײַן מער רוים... עס וואָלט זײַן ספּאַרטאַקוס.

דער גראַבער האָט שוין איצט געלאַכט מיט אַ דריבנע געלעכטערל, אַפן פּאַלצעט, און קראַסוס האָט געקוקט אַף אים און האָט זיך געפרעגט צי איז ער ניט באַ זײַנע געדאַנקען אָדער ער איז בלויז שיקער. וואָס אַ לאַנד קען פון זיך אַרויסגעבן! דאָ זיצט ער דער „לאַניסט", וואָס קויפט שקלאַפן זיי צו טרענירן צום געשלעג; דאָס לאַכט ער אַ פּאָנעם דערפון; ער, קראַסוס טרענירט אויך מענטשן צום געשלעג.

— איר וואָלט מיך באַדאַרפט אויפהענגען, ניט עסן געבן, — האָט באַטשיאַטאָ אַ מורמל געטאָן מיט דעם מיין זיך אײַנצוקויפן באַ אים, און האָט זיך אָנגעגאָסן נאָך אַ גלאָז ווײַן.

— מיר כאָלעמט זיך אָפט, — האָט דער גענעראַל גענומען אַרויפפירן דעם געשפּרעך דערויף וואָס אים האָט אינטערעסירט, — אַ מין קאָשמאַרער כאָלעם. פון די כאָלוימעס וואָס קומען איין מאָל און אַ צווייטן מאָל...

באַטשיאַטאָ האָט פאַרשטאַנדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ...און אין דעם כאָלעם שלאָג איך מיך מיט פאַרבונדענע אויגן. ס'איז שרעקלעך, אָבער לאָגיש. איר דאַרפט וויסן, אַז איך גלייב ניט אַלע כאָלוימעס זאָלן זײַן פאַרזאָגנדיקע. געוויסע כאָלוימעס זײַנען בלויז רעפלעקסן פון די פּראָבלעמען, וואָס מיר טרעפן זיך אָן מיט זיי אַף דער וואָר. און ספּאַרטאַקוס איז דאָס אומבאַקאַנטע. גיי איך אין שלאַכט אַקעגן אים, זײַנען מיר די אויגן פאַרבונדן. באַ אַן אַנדער אומשטאַנד איז עס ניט דער פאַל. איך ווייס וויאַזוי עס שלאָגן זיך די גאַלן; איך ווייס פאַרוואָס עס שלאָגן זיך די גריכן, די שפּאַניער און די גערמאַנער. זיי שלאָגן זיך צוליב

דער זעלביקער זאַך — מיט געוויסע וואַריאַציעס — צוליב וועלכער איך שלאָג מיך. איך ווייס אָבער ניט פאַרוואָס שלאָגן זיך אָט די שקלאַפן. איך ווייס ניט וויאַזוי נעמט ער אָט דעם ערעוו־ראַוו, דעם קויט און דאָס מיסט פון דער גאַנצער וועלט און נוצט זיך דערמיט אַף צו פאַרגיכטן די בעסטע זעלנער וואָס זײַנען ווען געווען אַף דער ערד. אַף אויסצושולן אַ לעגיאָנער מוז מען האָבן פינף יאָר... פינף יאָר אַף אײַנצוקנעלן מיט אים, אַז זײַן לעבן האָט קיין שום באַדײַטונג ניט, אַז דער לעגיאָן און נאָר דער לעגיאָן ווערט גענומען אין אַכט, אַז אַ באַפעל מוז אויסגעפאָלגט ווערן, אַ מינדסטער באַפעל. פינף יאָר טרענירונג, צען שעה אין טאָג, יעדן טאָג... דעמאָלט קען מען זיי צופירן צו אַ קאַנאַווע און זיי הייסן מאַרשירן ווײַטער פונעם ברעג און זיי וועלן פאָלגן. און פונדעסטוועגן, האָבן די שקלאַפן צעשטערט די בעסטע רוימישע לעגיאָנען. דערפאַר האָב איך אײַך געבעטן קומען אַהער פון קאַפואַ... קעדיי איר זאָלט מיר דערציילן וועגן ספּאַרטאַקוסן. אַזוי אַז איך זאָל מיר קענען אַרונטערנעמען דעם באַנד, וואָס פאַרשטעלט מיר די אויגן.

באַטשיאַטאָ האָט כמורנע צוגעשטימט. איצט אַקטויִרט ער פּאַמעלעכן. ער איז איצט אַ פאַרטרויענס־מענטש און אַ באַליויעץ פון געוויסע גענעראַלן, און אַזוי דאַרף עס זײַן.

— פאַר אַלעמען, — האָט קראַסוס געזאָגט, — איז דער מענטש. דערציילט מיר וועגן אים. וויאַזוי זעט ער אויס? ווו האָט איר אים גענומען?

— מענטשן זעען קיינמאָל ניט אויס דאָס וואָס זיי זײַנען.

— ריכטיק, זייער ריכטיק, און אַז מען פאַרשטייט דאָס, הייסט עס, אַז מען קען מענטשן... — דאָס איז געווען דער בעסטער לויב, וואָס ער האָט געקענט געבן באַטשיאַטאָן.

— ער איז געווען אַ נאָכגיביקער, אַזאַ נאָכגיביקער, קימאַט אַן אונטערטעניקער, און ער איז דאָך געווען אַ טראַציער; דאָס איז אַלץ וואָס איז וועגן אים עמעס. — באַטשיאַטאָ האָט אײַנגעטונקען דעם פינגער אינעם ווײַן און האָט געפירט מיט אים איבערן טיש. — מען זאָגט ער איז אַ ריז... ניין, ניין, בעשום אויפן. ער איז ניט קיין ריז. מען קען אַפילע וועגן אים ניט זאָגן, אַז ער איז אַ הויכער. מער אָדער ווייניקער, אײַער הייך, וואָלט איך געזאָגט. שוואַרצע האָר, געקרײַזלטע; אויגן טונקל־ברוינע. די נאָז באַ אים אַן אײַנגעבראָכענע; ווען ניט דאָס, וואָלט מען אַף אים געקענט זאָגן, אַז ער איז אַ שיינער. נאָר די אײַנגעבראָכענע נאָז גיט צו זײַן פּנים אַ שאַפּנעם אויסדרוק. אַ ברייט רויִק פּנים, און דערפון נעמט זיך וואָס ער מאַכט קיינמאָל קיין טעות ניט. איך וואָלט דערהאַרגעט ווען עס איז אַן אַנדערן וואָס וואָלט געטאָן דאָס וואָס ער האָט געטאָן.

— וואָס אַזוינס האָט ער געטאָן? — האָט קראַסוס געפרעגט.

— אַך!...

— איך וויל ריידן מיט אײַך אָפנהאַרציק, וואָרעם איך וויל האָבן אַן אָפנהאַרציקע שילדערונג — האָט קראַסוס געלאַסן גערעדט — איך וויל איר זאָלט וויסן, אַז אַלץ וואָס איר וועט מיר זאָגן, וועט זײַן אַף דער באַזע פון שטרענגן פאַרטרויען. — און ער האָט דערווײַל אַן אַ זײַט אָוועקגעלייגט

דעם אינצידענט, פֿאַר וועלכן באַטשיאַטאַ וואָלט דערהאַרגעט ספּאַרטאַקוסן.

— איך וויל אויך קענען זײַן פֿאַרגעשיכטע... ווו האָט איר אים געקויפֿט און וואָס איז ער געווען.

— וואָס איז אַ גלאַדיאַטאָר? — האָט באַטשיאַטאַ די הענט צעבּומען.

— דאָס איז ניט גלאַט אַ שקלאַף, איר פֿאַרשטייט... ווייניקסטנס זײַנען די קאַפּוער גלאַדיאַטאָרן ניט קיין פּאָשעטע שקלאַפֿן. זיי זײַנען ספּעציעלע. אויב איר פֿאַרנעמט אײַך מיט היגט־געשלעג, קויפֿט ניט קיין שויסהינטלעך, גע־צערטלטע פֿון מיידלעך. אויב איר לאָזט אַרויס אַף געשלעג מענטשן, דאַרפֿט איר מענטשן קעמפּעריש. מענטשן וואָס קענען זייער גאַל. מענטשן, וואָס האַסן. מענטשן מיט הײמוויי. אַזוי אַז בײַ מײַנע אַגענטן, וואָס איך האָב אַפֿן מאַרק, פֿאָדער איך זיי זאָלן מיר זוכן מענטשן מיט הײמוויי. דער מין טויג ניט פֿאַר אַ הויז־שקלאַף און טויג אויך ניט פֿאַר אַ לאַטיפֿונדיע.

— פֿאַרוואָס ניט פֿאַר אַ לאַטיפֿונדיע? — האָט קראַסוס געפֿרעגט.

— ווײַרעם אַז אַ מענטש איז צעקראַכן, דאַרף איך אים ניט. און אויב איר קענט אַ מענטשן ניט אײַנבייגן, קענט איר אים האַרגענען, איר קענט אים אָבער ניט אַוועקשטעלן בײַ אַן אַרבעט. ער וועט אַרבעטן שלעכט. ער וועט איבערפֿירן די וואָס אַרבעטן. דאָס איז ווי אַ קראַנקייט.

— פֿאַרוואָס, אָבער, קעמפֿט ער?

— אַך!... אָט, אָט דאָס איז די פֿראַגע, און קענט איר אַף איר ניט ענטפֿערן, קענט איר מיט קיין גלאַדיאַטאָרן ניט אַרבעטן. אַמאָליקע צײַטן פֿלעגט מען די צירק־שלעגער רופֿן „בוסטואַרי“ און שלאָגן פֿלעגן זיי זיך אויס ליבע צו געשלעג. זיי זײַנען געווען גערירדט אַפֿן קאָפּ, זייער ווייניק זײַנען זיי געווען און נ י ט ק י י ן ש ק ל אַ פֿ ן. — ער האָט באַטײַטפֿול אַ ווײַז געטאָן אַפֿן קאָפּ. — און קיינער שלאָגט זיך ניט ביז בלוט־פֿאַרגי־סונג אויב ער איז ניט גערירדט פֿונעם זינען. ס'איז קיינעם ניט צום האַרצן. דער גלאַדיאַטאָר האָט ניט ליב דאָס געשלעג. ער שלאָגט זיך דערפֿאַר וואָס מען גיט אים געווער און מען נעמט פֿון אים אַראָפּ די קייטן. אַז מען גיט אים דאָס געווער אין די הענט, דוכט זיך אים אַז ער איז פֿרײַ... און דאָס וויל ער, ער וויל האָבן געווער אין די הענט און כאָלעמען אַז ער איז פֿרײַ. און דעמאָלט איז אײַער שאַרפֿזין קעגן זײַן שאַרפֿזין, ווײַרעם ער איז אַ טײַוול און איר מוזט אויך זײַן אַ טײַוול.

— ווו־זשע געפֿינט איר אָט די מענטשן? — האָט קראַסוס געפֿרעגט אַ פֿאַראינטריגירטער און פֿאַרכאַפּטער פֿון אָט דער פּאָשעטער און פֿלאַכער דערקלערונג פֿון אַ מענטשן, וואָס קען זײַן געשעפֿט.

— איין אָרט איז נאָר פֿאַראַן ווו מען געפֿינט זיי... די וואָס איך האַלט פֿון זיי אַממערסטן. איין אָרט בלויז: די מינען. ער מוז האָבן געווען אין אַ מינע. ער מוז קומען פֿון אַן אָרט וואָס אין פֿאַרגלײַך מיט דעם איז דער לעגיאָן אַ גאַניידן, די לאַטיפֿונדיע אַ גאַניידן, און אַפֿילע די טליִע אַ גע־בענטשטער גענאָד. אָט דאָרט געפֿינען זיי אויס מײַנע אַגענטן. דאָרט האָבן זיי געפֿונען ספּאַרטאַקוסן... אַ „קאַרואַו“ איז ער. איר ווייסט וואָס דאָס וואָרט באַטײַט? אַן עגיפּטיש וואָרט דוכט מיר.

קראַסוס האָט געטרייסלט מיטן קאָפּ.

— דאָס מיינט דרײַ דוירעס שקלאַפֿן. אַן אייניקל פֿון אַ שקלאַף. אין עגיפּטיש, דוכט מיר, נוצט מען דאָס וואָרט אויך אַף צו באַצייכענען אַ געוויסן מין מיִעסע כאַיע. אַן עקלדיק באַשעפעניש. אַ כאַיע וואָס כאַיעס אַליין מיִעסן זיך פֿון איר. יאָ, כאַיעס אַליין. „קאָרוואו״. פאַרוואָס עפּעס איז דאָס וואָרט אויפגעקומען אין עגיפּטן, וועל איך אײַך זאָגן. פאַראַן נאָך ערגערס ווי זײַן אַ „לאַניסט״. ווען איך בין אַרײַנגעקומען צו אײַך אין לאַגער, האָט אײַער אָפיציר אַף מיר אַ קוק געטאָן מיט גרינגשעצונג. פאַרוואָס? פאַרוואָס? זײַנען מיר אַלע קאַצאָווים, אָדער זײַנען מיר ניט קיין קאַצאָווים? אונדזער מיסכער איז האַקן פלייש. איז אויב אַזוי, פאַרוואָס?

ער איז שוין געווען שיקער. ער האָט אַף זיך אַליין ראַכמאָנעס געהאַט, דער גראָבער גלאַדיאַטאָרן־טרעניִרער, וואָס האָט געהאַט אַ שול אין קאַפּוּאַ. דאָס האַרץ איז אים געווען אַף דרויסן; אַפילע אַ גראָבער שמוציקער כאַזער האָט אַ „לודוס״ דאָרט ווו די אַרענע ווערט פאַרוואַנדלט אין געפּילעכץ פאַר ווורשטלעך. ער האָט אַ האַרץ.

— איז ספּאַרטאַקוס אַ „קאָרוואו״? — האָט קראַסוס זייער מילד געפרעגט. — איז ספּאַרטאַקוס געקומען פֿון עגיפּטן?

באַטשיאַטאָ האָט צוגעשטימט.

— אַ געבוירענער איז ער פֿון טראַציע, נאָר געקומען איז ער פֿון עגיפּטן. די עקספּלאָאַטירער פֿון די גאָלד־מינען אין עגיפּטן קויפֿן אויף שקלאַפֿן אין אַטען, און אַז זיי קענען, קויפֿן זיי „קאָרוואוס״, און פֿון די טראַציער האַלטן זיי.

— פאַרוואָס?

— פאַראַן אַ לעגענדע אַזאַ, אַז זיי זײַנען גוט אונטער דער ערד.

— איך פאַרשטיי. פאַרוואָס אָבער זאָגט מען, אַז ספּאַרטאַקוסן האָט מען געקויפט אין גריכנלאַנד?

— איך מוז דען וויסן אַלע נאַרישקייטן וואָס מען זאָגט? נאָר איך ווייס ווו מען האָט אים געקויפט, ווײַל איך האָב אים געקויפט. אין טעבען. איר צווייפלט דערין וואָס איך זאָג? בין איך אַ ליגנער? איך בין אַ גראָבער „לאַניסט״, אַן עלנטער מענטש, אונטער אָט דעם מיִעסן גאַליער רעגן. פאַרוואָס לעב איך אַזוי עלנט? מיט וואָס פאַר אַ רעכט קוקט איר אַף מיר מיט אַזאַ פאַראַכטונג? אײַער לעבן איז זיך אײַער לעבן און מײַנס איז מײַנס.

— ס'איז מיר אַ קאָווועד אײַך צו האָבן פאַר אַ גאַסט. איך קוק ניט אַף אײַך מיט פאַראַכטונג — האָט קראַסוס געזאָגט.

באַטשיאַטאָ האָט אַ שמייכל געטאָן און האָט זיך פאַר אים פאַרנייגט.

— איר ווייסט וואָס איך וויל? איר ווייסט וואָס איך באַדאַרף? מיר זײַנען צוויי וועלט־מענטשן, איר און איך. איך דאַרף אַ פרוי. אַף הײַנטיקע נאַכט.

— זײַן קאָל איז געוואָרן ווייך און הייזעריק און אײַנבעטנדיק. — אַף וואָס דאַרף איך אַ פרוי? ניט פֿון פאַרגעניגן, נאָר פֿון עלנט. אַף צו פאַרהיילן

די ווונדן. איר האָט פרויען... מענער גייען ניט פריַיוויליק אַוועק פון די פרויען.

— דערציילט מיר וועגן ספּאַרטאַקוסן און וועגן עגיפּטן, — האָט קראַסוס געזאָגט, — דערנאָך וועלן מיר ריידן וועגן פרויען.

III

אַזוי אַז נאָך איידער מען האָט אין ביכער און אין דראָשעס גענומען ריידן וועגן אַ קריסטלעכן גענעם — און עפּשער אויך נאָכדעם — איז שוין אַף דער ערד געווען אַ גענעם, וואָס מענטשן האָבן אים שוין געהאַט געזען, אָנגעקוקט און גוט געקענט. וואָרעם אַזוי איז שוין די טעווע פונעם מענטשן; ער קען שריַיבן וועגן די געגעמס וואָס ער האָט פריִער אַליין געשאַפן.

אינעם כוידעש יולי, ווען דאָס וועטער איז טרוקן און לעסטיק, לאָז דיך אַרויס פון טעבען מיט דעם נילוס אַרויפצו. וועסט דיך אַרויפהייבן ביז דעם ערשטן וואַסערפאַל און דו וועסט דיך געפינען אינעם לאַנד פונעם טיַיוול אַליין. זעסט, אַ גרינע סטענגע האָט זיך לענגויס דעם ברעג איַינגעצויגן און איז וויַיס געוואָרן! זעסט, דאָס זאַמד אַף די בערגלעך און אַף די היגלען פון דעם מידבער ווערט אַלץ דינער! רויך און שטויב: דער ווינט באַרירט דאָס און דאָס צעפליט זיך. און אָט דאָרט הייבט זיך עס, ווי עמעצער וואָלט עס מיט קלאַמערן געהויבן. ווען דער טיַיך פליסט פאַמעלעך — און אַזוי פליסט ער אין טרוקענעם וועטער — ווערט ער באַדעקט מיט אַ היַיטל וויַיסן שטויב. נאָר אָט איז שוין דער שטויב אין דער לופטן און די היץ איז שרעקלעך גרויס.

דאָך בלאָזט נאָך דאָ אַ קאַפּעלע ווינט. איצט ביסטו שוין אַריבער דעם ערשטן וואַסער־פאַל און דו דאַרפסט דיך אַריַינשניַידן אין דעם נובישן מידבער, וואָס שפּרייט זיך צו דאָרעם און צו מיזרעך. שניַיד דיך אַריַין אין דעם מידבער אַזוי, אַז דאָס ביסעלע ווינט וואָס האָט נאָך געזיפצט איבערן טיַיך, זאָל דיר בליַיבן פון הינטן, דאָך ניט אַזוי וויַיט, אַז צו דיר זאָל זיך ניט דערקליַיבן אַ יאַם־ווינטל פונעם רויטן יאַם. און איצט, שניַיד דיך וויַיטער צו דאָרעם.

מיטאַמאָל איז דער ווינט שטיין געבליבן און די ערד איז טויט. די לופט נאָר לעבט, אַ קרישטאָל־ריינע און קלאָרע און גלאַנצט פון היץ. דעם מענטשנס כושים האָבן שוין איצט קיין ווערט ניט, וואָרעם דער מענטש זעט שוין קיין זאַך ניט אַזוי ווי זי איז, נאָר אַלץ איז געהויקערט און קרום און אויסגעבויגן פון דער היץ. אויך דער מידבער איז פאַרענדערט. מענטשן האָבן אַ טאָעס ווען זיי מיינען אַז דער מידבער איז אומעטום דער זעלבער; מידבער מיינט, אַז ס'איז קיין וואַסער ניטאָ, און אָט דאָס פעלן פון וואַסער ענדערט זיך שטופנוויַיז אַף אַ מוירעדיקן אויפן, און דער מידבער גופא ענדערט זיך לויטן כאַראַקטער פונעם באָדן און פון דער לאַנדשאַפט ווו דער מידבער געפינט זיך. פאַראַן מידבאָריעס פעלדזיקע, מידבאָריעס באַרגיקע און מידבאָריעס זאַמדיקע, מידבאָריעס פון וויַיסער זאַלץ און מידבאָריעס

פון לאַווע... און פאַראַן אויך דער מידבר פון דעם באַוועגלעכן ווײַסן שטויב, ווו די אַבסאָלוטע הערשאַפט איז דער טויט.

דאָ וואַקסט לאַכלוטן גאָרניט. די טרוקענע, צעקרומטע און האַרטע קוסטעס פון דעם פעלדזיקן מידבער זײַנען דאָ אומבאַקאַנט: אויך ניט באַקאַנט איז דאָ דאָס קריכנדיקע גראָז פון דעם זאַמדיקן מידבער; דאָ איז קיין זאַך ניט באַקאַנט.

שנײַד דיך אַרײַן אין אָט דעם מידבער, ווענד אָן אַלע דײַנע קויכעס און שפּאַן און פיל ווי עס קלאַפּט דיר אין רוקן, כוואַליע נאָך כוואַליע, אַ שרעקלעכע היץ. אַזוי הייס ווי אַלץ וואָס דו קענסט דיר נאָר פאָרשטעלן, נאָר גענוג, אַז דער מענטש זאָל פון איר בלײַבן לעבן. אַזאַ איז די דאָזיקע היץ. טרעט אויס אַ שפּור אין דעם שרעקלעכן הייסן מידבער און צײַט און רוים ווערן וועלן אומענדלעך און מאָנסטערדיק. נאָר ווייסט ווײַטער גיין און גיין. וואָס אַזוינס איז דער געגנעם? דער גענעם הייבט זיך אָן ווען די פּאַשעטסטע און נייטיקסטע מענטשלעכע אַקטן ווערן מאָנסטערדיק. דערין זײַנען מאַסקים אַלע די וואָס האָבן ווען עס איז פאַרזוכט די געגנעמס וואָס דער מענטש באַשאַפט אָף דער ערד. עס איז שוין איצט אַ שרעק צו גיין, צו אָטעמען, צו קוקן, צו טראַכטן.

נאָר ניט אייביק האָלט עס אַזוי אָן. מיטאַמאָל פאַרקירעוועסטו זיך און עס אַנטפּלעקט זיך פאַר דיר אַ צווייטע פּאַזע פונעם געגנעם. שוואַרצע היגלען קומען דאָ אויף. מעשונעדיקע שוואַרצע בערגלעך ווי פון אַ קאַשמאַרן כאַלעם. דאָ איז דער לאַגער פון די שוואַרצע שטיינער. קומסט צו צום שוואַרצן שטיין און זעסט ווי עס איז דורכגעצויגן מיט אָדערן גלאַנציקן ווײַסן מאַרמאָר! אָך, ווי ער פינקלט עס, ווי ער גלאַנצט, מיט אַזאַ הימלשן גלאַנץ, וואָרעם די הימלשע וועגן זײַנען מיט גאָלד אויסגעפּלאַסטערט און דער ווײַסער מאַרמאָר איז פול מיט גאָלד! צוליב דעם קומט מען אַהער און אויך דו ביסט צוליב דעם געקומען, וואָרעם דער מאַרמאָר איז פול און פול מיט גאָלד.

קום צו נענטער און גיב אַ קוק. שוין לאַנג ווי די פּאַרעס פון מיצראַיִם האָבן אויסגעפּונען דעם פעלדזן־לאַגער און געהאַט האָבן זיי געצײַגן נאָר פון קופּער און פון בראָנדז. מיט דעם געצײַג האָבן זיי געקענט האַקן און קראַצן נאָר אויבנאויף. נאָר דורעס לאַנג האָט מען אַזוי געקראַצט ביז דאָס גאָלד האָט זיך אויסגעשעפּט און מען האָט געמוזט נעמען גראָבן טיפער אינעם שוואַרצן שטיין און דעם ווײַסן מאַרמאָר אָוועקשאַרן. דאָס איז מעגלעך געוואָרן מאָכמעס אָוועק איז די קופּער־עפּאָכע און עס איז געקומען די אײַזן־עפּאָכע, און מענטשן קענען איצט קלאַפּן דעם מאַרמאָר מיט אײַזערנע קירקעס, מיט אײַזערנע קלינעס און צען־קילאָדיקע האַמערס.

מען האָט אָבער דערצו אויך געמוזט האָבן אַ נײַעם מין מענטשן. די היץ און דער שטויב און דאָס קרימען זיך און נאָכקריכן דעם צעצווײַגטן גאָלד־אָדער אינעם פעלדז האָט אוממעגלעך געמאַכט צו געברויכן פּויערים צו דער אַרבעט, אַלצאיינס צי זיי זײַנען פון עטיאָפּיע אָדער פון עגיפּטן, און דער געוויינלעכער שקלאַף קאָסט צופיל און שטאַרבט צו גיך. מען האָט

דערײַבער געבראַכט אַהער פאַרהאַרטעוועטע געפאַנגענע זעלנער און „קאַרואַ״־קינדער, געבוירענע פון שקלאַפן, וואָס שוין זייערע עלטערן זײַנען געווען שקלאַפן, דער רעזולטאַט פון אַ פּראָצעס, בעת וועלכן עס זײַנען לעבן געבליבן בלויז די שטאַרקסטע און די האַרטסטע. און קינדער האָט מען באַדאַרפט, מאַכמעס ווען דער אָדער וועגס שמעלער, קען מען אין דער פאַרטיפונג פונעם פעלדז אַרײַנשיקן אַרבעטן נאָר אַ קינד.

די פּאַרצײַטיקע מאַכט פון די פּאַרעס און זייער פּראַכט און גלאַנץ איז געבליבן אין דער פאַרגאַנגענהייט און די טאַשן פון די גריכישע קעניגן אין עגיפּטן האָבן זיך אויסגעליידיקט; געפאַלן איז אַף זיי די האַנט פון רוים און די רוימישע שקלאַפן־הענדלער האָבן איבערגענומען די עקספּלאָאַטאַציע פון די מינען. אַלנפאַלס, האָט קיינער נים געקענט אַזוי אַרבעטן מיט שקלאַפן ווי די רוימער.

קומסט צו צו די מינען, אַזוי ווי ספּאַרטאַקוס איז צו זיי צוגעקומען, אינאיינעם מיט הונדערט און צוואַנציק טראַציער, צוגעקייטלט האַלדז צו האַלדז, נאָכדעם ווי זיי האָבן די הייסע קייטן געשלעפּט אַף זיך איבער דעם מידבער, מיט דעם לאַנגן וועג פון דעם ערשטן וואַסער־פּאַל. דער צוועלפטער, צײַלנדיק פון פאָרנט, איז ספּאַרטאַקוס. ער איז קימאַט אַ נאַקעטער, און אַלע זײַנען זיי קימאַט נאַקעטע. אַ שטיק שטאָף פאַרדעקט אים די לענדן, די האָר פון קאָפּ זײַנען לאַנגע און די באָרד אַן אויסגעוואַקסענע, ווי אַלע אַנדערע, וואָס האָבן לאַנגע האָר און פאַרוואַקסענע בערד. זײַנע סאַנדאַלן זײַנען אײַנגאַנצן אויסגעריבן און ער טראָגט דאָס וואָס איז פון זיי פאַרבליבן, קעדיי ווי עס איז זיך צו שיצן, כאָטש די הויט אַף די פיס בײַ אים האָט אַ האַלבן צענטימעטער די גרעב און איז האַרט ווי אַ לעדער. נאָר קעגן דעם ברענענדיקן מידבער־זאַמד איז עס גאָר קיין שוץ נים.

ווי זעט ער דעמאָלט אויס, דער מענטש ספּאַרטאַקוס? איצט ווען ער שלעפּט אַף זיך די קייט דורך דעם מידבער, איז ער דרײַ און צוואַנציק יאָר אַלט, נאָר נים פון זײַן אויסזען ווייס מען עס. פאַר מענטשן פון זײַן קלאַס גילט די אומצײַטמעטיקייט פונעם געצײַג. פונעם קאָפּ ביז די פיס, די האָר, די באָרד, דאָס פּאַנעם, איז באַדעקט מיט דעם שטויביקן ווײַסן זאַמד, נאָר אונטער דעם זאַמד איז זײַן הויט פון פאַרברוינטן קאַשטאַן־קאָליר, ווי זײַנע שאַרפע אויגן, וואָס שפּאַרן אַרויס פון זײַן בייגערדיקן פּאַנעם ווי צוויי קוילן גלײַיקער האָס. בראַנדזענע הויט איז אַן אָנגעהעריקע טייל פון אַזעלכע מענטשן, וואָרעם שקלאַפן מיט ווײַסער הויט און בלאָנדע האָר, פון די נאָרדישע לענדער, קענען נים אַרבעטן אין די מינעס; די זון פאַרברענט זיי און האַרגעט זיי אָוועק, און זיי שטאַרבן מיט די שרעקלעכסטע יעסורים.

שווער צו זאָגן צי איז ער הויך אָדער נידעריק, וואָרעם מענטשן, וואָס שלעפּן אַף זיך די קייטן, גייען נים גלײַך געשטרעקטע. נאָר זײַן גוף איז אויסגעאַרבט פון די בײַטשן, אויסגעטריקנט פון דער זון, אויסגעטריקנט נאָר נים אויסגעמאָגערט.

וואָרעם אַ פּראָצעס פון ווידערוווקס און איבערקלײַב איז פאָרגעקומען אין מעשעך פון דוירעס — און אַף די טראַציער שטייניקע בערגלעך איז

דאָס לעבן קיינמאָל ניט גרינג געווען — אַזוי אַז לעבן געבליבן זײַנען די שטאַרקע, אַנגעגורטע מיט דעם ווילן פעסט זיך צו קלאַמערן באַם לעבן. דער הויפּן ווייך, מיט וועלכן זיי נערן זיך טאָג־טעגלעך און די האַרטע פּלאַטשיקע גערשטענע פּלעצלעך, ווערן צעקײַט ביזן סאָף, ביז עס ווערט פון זיי אַרויסגעצויגן זייער גאַנצער נאַרונגס־שטאָף, און דער קערפּער איז געוווינט יונג זיך אַליין אויפצוהאַלטן. דער נאַקן איז דיק און מוסקולדיק, נאָר מיט צעיאַטערטע וווּנדן דאָרט ווו דער בראַנדזענער האַלדזבאַנד לייגט זיך אַוועק. די אַקסלען זײַנען באַדעקט מיט מוסקולן און אַזוי ניט גלײַך זײַנען די פּראָפּאָרצן פונעם קערפּער, אַז דער מענטש זעט אויס קלענער ווי ער איז. דאָס פּאָנעם איז ברייט און מאַכמעס די נאָז איז באַ אים אײַנגעבראָכן פון אַ קלאַפּ מיט אַ שטעקן, וואָס אָן אויפזעער האָט אים דערלאַנגט, זעט עס אויס פלאַטשיקער ווי דאָס איז אין דער עמעסן, און מאַכמעס זײַנע טונקעלע אויגן שטייען ווײַט איינס פונעם צווייטן, באַקומט עס אַ רויקן שאָפענעם אויסדרוק. פון צווישן דער באָרד און דעם שטויב אַנטפּלעקט זיך אַ ברייט מויל מיט גראָבע טײַוועדיקע און שפּירעווודיקע ליפּן, און ווען זיי פאַרקרימען זיך — מיט אַ גרימאַסע אָדער מיט אַ שמייכל — זעט מען די ציין ווײַסע און גלײַכע. הענט האָט ער גרויסע, פּירעקיקע און שיינע, ווי עס טרעפט שיינע הענט ; דער עמעס איז, אַז דאָס איינציקע שיינע וואָס ער האָט, זײַנען זײַנע הענט.

אָט דאָס איז ספּאַרטאַקוס, דער טראַציער שקלאַף, אַ זון פון אַ שקלאַף, וואָס איז אויך געווען אַ זון פון אַ שקלאַף. קיין שום מענטש ווייס ניט דעם גוירל זײַנעם און די צוקונפט איז ניט קיין בוך, אין וועלכן מען קען לייענען, און די פאַרגאַנגענהייט אַפילע — ווען די פאַרגאַנגענהייט איז אַרבעט און בלויז אַרבעט — קען אויפגעלייזט ווערן אין אַ טרויעריק געלעג־גער מיט אָן צאָל יעסורים. אָט דאָס איז ספּאַרטאַקוס, וואָס קען ניט זײַן צוקונפט און האָט אויך ניט צוליב וואָס צו דערמאָנען זײַן פאַרגאַנגענהייט און אים פאָלט גאַרניט אײַן, אַז די וואָס אַרבעטן קענען אַמאָל טאָן עפּעס אַנדערש ווי אַרבעטן און אַז עס וועט קומען אַ צײַט פון אַרבעטן אָן די שמיץ פון דער בײַטש אָפן רוקן.

וועגן וואָס טראַכט ער, ווען ער שפּאַנט אַזוי שווער איבער דעם הייסן זאַמד ? איז דאַרף מען ביכלאַל וויסן, אַז ווען אַ מענטש טראָגט די קייטן, טראַכט ער זייער ווייניק, וועגן ווייניק זאַכן, און מער ווי אַלץ טראַכט ער ווען וועט מען ווידער עסן, ווידער טרינקען, ווידער שלאָפן. אַזוי אַז קיין קאָמפּליצירטע געדאַנקען זײַנען איצט ניטאָ באַ ספּאַרטאַקוסן אין מויעך אָדער באַ די אַנדערע טראַציער, וואָס טראָגן, ווי ער, די קייטן. מענטשן, פאַרוואַנדלטע אין בעהיימעס, טראַכטן ניט פון קיין מאַלאַכים.

נאָר איצט זײַנען מיר צום סאָף פון אַ רײַזע און די סצענע ענדערט זיך, און דער קלאַס מענטשן נעמט זיך קלאַמערן אָן קליינע רייצונגען און ענדערונגען. ספּאַרטאַקוס קוקט אָף אַרויף, ווו עס ציט זיך די שוואַרצע לאַ־גער־סטענגע. שקלאַפן האָבן זייערע אַ געאָגראַפיע, און כאָטש זיי ווייסן ניט וואָס פאַר אַ פאָרעם עס האָבן די יאַמען, די הייך פון די בערג און די ריכ־

טונג פון די טײַכן, קענען זיי גאַנץ גוט די שפּאַנישע זילבער־מינען, די
אַראַבישע גאָלד־מינען, די צאָפּן־אַפריקאַנישע אײַזן־מינען, די קאַווקאַזער קו־
פּער־מינען און די צין־מינען פון גאַליע. זיי האָבן זייער אייגענעם גרויל־
לעקסיק, זייער אייגענע אויסבאַהעלטעניש אין דער באַקאַנטשאַפט מיט אַנ־
דערע נאָך ערגערע ערטער ווי דאָס וווּ זיי געפינען זיך; נאָר קיין ערגערס
ווי דער שוואַרצער לאַגער אין נוביע איז אַף דער גאַנצער וועלט ניטאָ.

ספּאַרטאַקוס זעט אים; די אַנדערע זעען אים, און די גאַנצע שורע
פאַרהאַלט איר שווערן גאַנג, איר פאַראַקשנטן גאַנג, אויך די קעמלען מיט
זייער לאָדונג וואַסער און ווייץ בלײַבן שטיין, אַפילע די אויפזעער בלײַבן
שטיין מיט זייערע בײַטשן און קירקעס. אַלע קוקן זיי איצט אַף דער שוואַר־
צער סטענגע פונעם געגנעם. און די שורע לאָזט זיך ווידער גיין.

ווען זיי קומען צו, גייט די זון שוין אונטער הינטער דעם שוואַרצן
פעלדז, וואָס איז נאָך שוואַרצער געוואָרן, נאָך ווילדער, נאָך שרעקלעכער.
דער אַרבעטס־טאָג איז פאַרענדיקט און די שקלאַפן קומען אַרויס פון די
גריבער.

— ווער זײַנען זיי, ווער זײַנען זיי? — פרעגט זיך ספּאַרטאַקוס.

און די מענטשן הינטער אים פליסטערן: „שיק מיך גאָט!"

נאָר גאָט וועט זיי דאָרט ניט שיצן. גאָט איז דאָרט ניטאָ; וואָס האָט
דאָרטן גאָט צו טאָן? און ספּאַרטאַקוס כאַפּט זיך דעמאָלט, אַז דאָס וואָס
ער זעט זײַנען ניט קיין מעשונעדיקע כאַיעס פון דער מידבער, נאָר מענטשן
אַזעלכע ווי ער און קינדער אַזעלכע ווי ער איז געווען. אָט דאָס זײַנען זיי.
נאָר דער אונטערשייד צווישן זיי האָט זיך געשאַפן פון אינעווייניק און פון
דרויסן; און די קויכעס וואָס האָבן זיי אַזוי פאַרשיידן פון מענטשן אויס־
געפורעמט, האָבן אויך באַקומען אַן אינערלעכן ענטפער: עס איז פאַמעלעך
פאַרשוונדן זייער באַגער צו זײַן מענטשן. גענוג איז נאָר אַ קוק צו טאָן
אַף זיי... קוקט זיי אָן! ספּאַרטאַקוסעס האַרץ, וואָס איז מיט דער צײַט
געוואָרן האַרט ווי אַ שטיין, איז פאַרקלעמט געוואָרן פון שרעק און גרויל.
די קוואַלן פון זײַן טיפן מיטלײַד, וואָס ער האָט געמיינט זיי זײַנען אויס־
געטריקנט, זײַנען נאָך פײַכט, און זײַן אויסגעטריקנטער גוף איז נאָך בעיאַד
טרערן צו פאַרגיסן. ער קוקט אַף זיי. אַף זײַן רוקן פאַלט די בײַטש און
הייסט אים גיין, נאָר ער שטייט און קוקט אַף זיי.

ביז איצט זײַנען זיי אומגעקראָכן איבער די גאַלערייען און איצט קו־
מען זיי אַרויס פון דאָרט און קריכן ווײַטער, ווי די כאַיעס. זיי האָבן זיך
ניט געבאָדן פון זינט זיי געפינען זיך דאָ, און וועלן זיך שוין קיינמאָל ניט
באָדן. זייער הויט באַשטייט פון שוואַרצן שטויב און ברוינעם קויט; זייערע
האָר זײַנען לאַנג און פאַרקאָלטנט, און די וואָס זײַנען ניט קיין קינדער,
האָבן בערד. טייל בערד שוואַרצע און טייל ווײַסע, נאָר דער כילעק איז
איצט אַזאַ קליינער, אַז ס'איז שווער דאָס צו מערקן. בײַ אַלעמען זײַנען
די קני און די עלנבויגנס פאַרמאַזאָליעט און דער גאַנצער גוף נאַקעט, דורכויס
נאַקעט. פאַרוואָס? וועלן זיי עפּשער די קליידער דאָס לעבן פאַרלענגערן?

די מינע האָט נאָר איין ציל, רעוואַכים ברענגען די רוימישע אַקציען־האַל־טער, און קויטיקע אויסגעריבענע שמאַטעס אַפילו קאָסטן עפּעס.

איין זאַך נאָר טראָגן זיי אַלע. יעדער איינער טראָגט אַן אײַזערנעם אָדער אַ קופּערנעם האַלדזבאַנד, און ווען זיי קריכן אַרויס אַף אַלע פיר פון דעם שוואַרצן פּעלדז, קומען צו די היטער און טשעפּען צו די האַלדזבאַנדן צו איין לאַנגער קייט, און ווען די צאָל אײַנגעקייטלטע גרייכט צו צוואַנציק, גייען זיי צום באַראַק. מערקט אײַך, אַז קיינער איז נאָך ניט אַנטלאָפן פון די נובישע מינען; קיינער האָט ניט געקענט אַנטלויפן. איין יאָר נאָר אין די מינען און, ווי קען מען שוין באַלאַנגען צו דער מענטשן־וועלט? די קייט איז ניט אַזוי אַ נויטווענדיקייט ווי אַ באַצייכענונג.

ספּאַרטאַקוס שטעכט אײַן אין זיי זײַנע אויגן און זוכט אין זיי זײַנע קלאַסן־ברידער, זײַנע ראַסן־ברידער, פון דער מענטשלעכער ראַסע, די מענטשן־ראַסע אינעם שקלאַפן־מענטש. „רעדט", שרײַט ער אין זיך, „רעדט צווישן זיך". נאָר זיי ריידן ניט. זיי זײַנען שטיל־שווײַגנדיק און טויט. „שמייכלט", בעט ער זיך אַליין, נאָר קיינער שמייכלט ניט.

זיי טראָגן מיט זיך זייער געצײַג, די אײַזערנע בראָכשטאַנגען, קירקעס און דלאָטעס. טייל טראָגן פּרימיטיווע לעמפּלעך צום קאָפּ צוגעבונדן. די קינדער, דאַר ווי די שפּינען, גייען אײַנגעקאָרטשעט און בלינצלען מיט די אויגן ווען זיי קומען אין דער ליכטיק. די קינדער וואַקסן קיינמאָל ניט; זיי דינען ניט מער ווי אַף צוויי יאָר נאָכן אָנקומען אין די מינען, נאָר עס איז קיין אַנדער אויפן ניטאָ ווי נאָכצוהאַלטן דעם גאָלד־אָדער אין די שטיי־נער, ווען ער ווערט דינער און פאַרנעמט זיך אַן אַ זײַט. זיי טראָגן די קייטן גלײַך מיט די טראַציער, נאָר זיי קוקן זיך אַפילו ניט אום אַף די פריש־געקומענע. זיי זײַנען ניט נײַגעריק. עס גייט זיי ניט אָן. און ספּאַרטאַקוס ווייס. „אינגיכן וועט אויך מיר גאָרניט אָנגיין", — טראַכט ער זיך. און דאָס וואַרפט אַף אים אָן אַ שרעק, מער ווי אַלץ.

איצט גייען די שקלאַפן עסן און די טראַציער פירט מען אינאיינעם מיט זיי. די הייל אינעם שטיין, וואָס דאָס איז זייער באַראַק, איז אויסגע־אַרבעט אינעם אָפּהאַנג פונעם שטיין גופע. שוין זייער לאַנג דערין ווי מען האָט זי אויסגעהאַקט. זי איז געמאַכט פון מאַסיווע בלאָקן שוואַרצן שטיין און קיין שײַן איז אינעווייניק ניטאָ. לופט קומט אַרײַן פון די עפענונגען אין ביידע עקן. מען האָט זי נאָך קיינמאָל ניט אויסגערייניקט. דער קויט וואָס האָט זיך דאָרט אָפּגעלייגט זינט צענדליקער יאָרן איז פאַרפוילט און פאַרטריקנט געוואָרן אַפן דיל. די היטער גייען אַהין קיינמאָל ניט אַרײַן. זאָל אינעווייניק פאָרקומען אַ שטיקל אויפשטאַנד, וועט מען זיי בלויז אָפּ־שטעלן די פּאָרציעס שפּײַז און וואַסער; נאָך אַ געהעריקער צײַט אָן שפּײַז און וואַסער, וועלן די שקלאַפן נאָכגיביק צוריקגיין און וועלן אַרויסקריכן אין דרויסן ווי די כאַיעס. שטאַרבט עמעצער פון זיי אינעווייניק, טראָגן אים די שקלאַפן אַרויס. טרעפט אַז אַ קינד שטאַרבט אין דער טיפעניש פון דער הייל, וועט אים קיינער ניט מערקן און קיינער וועט נאָך אים ניט בענקען,

ביז עס וועט זיך לאָזן פילן זײַן צעפּוילטער קערפּער. אַזאַ אָרט איז עס, דער באַראַק.

אין באַראַק גייען די שקלאַפן אַרײַן אַן די קייטן. באַם אַרײַנקומען דערלאַנגט מען זיי אַ גרויסע הילצערנע טאַזע מיט שפּײַז און אַ לעדערנעם לאָגל מיט וואַסער. דער לאָגל האַלט ווייניקער פון אַ ליטער, און די פּאָרציע גיט מען זיי צוויי מאָל אין טאָג. נאָר צוויי לאָגלען וואַסער קלעקן ניט אַף אויסצופילן דאָס וואָס די היץ ציט אַרויס פונעם גוף אין אַזאַ טרוקן אָרט, אַזוי אַז די שקלאַפן לײַדן פון שטײַגנדיקער אויסטריקענונג. אויב עפּעס אַנדערש וועט זיי פריִער ניט אַוועקהאַרגענען, וועט די טריקעניש אַ סאָף מאַכן פון זייערע נירן און ווען זיי וועלן פון גרויס ווייטיק מער ניט קענען אַרבעטן, וועט מען זיי לאָזן שטאַרבן אין דעם מידבער.

ספּאַרטאַקוס האָט דאָס אַלץ געוווּסט. ער ווייס אַלץ וואָס געהער זיך אָן צו די שקלאַפן און די שקלאַפן־געמיינשאַפט איז זײַנע. ער איז אין איר געבוירן, אין איר איז ער אויפגעוואַקסן, אין איר איז ער רײַף געוואָרן. ער איז באַקאַנט מיט דעם גרינטלעכסטן סאָד פון די שקלאַפן. דאָס איז דער באַגער, ניט פון פאַרגעניגנס, פון עסן, מוזיק, געלעכטער, ליבע, קליידונג, פרויען אָדער ווײַן; קיין איינע ניט פון די זאַכן. ס'איז דער באַגער אויסצוהאַלטן, איבערצולעבן. דאָס און ניט מער ווי דאָס: איבערלעבן. ער ווייס ניט צוליב וואָס. ניטאָ קיין באַרעכטיקונג פאַר דעם איבערלעבן און אויך ניט קיין לאָגיק דערין. אָבער אויך אינעם באַוווּסטזײַן און אינעם אינסטינקט זײַנען ניטאָ קיין באַרעכטיקונג און קיין לאָגיק. קיין שום כאַיע וואָלט אַף אַזאַ אויפן ניט איבערגעלעבט; דער אויפן ווי איבערצולעבן איז ניט קיין פּאַשעטער; ס'איז ניט קיין גרינגע זאַך; ער איז אַ סאַך קאָמפּליצירטער, ער פאָדערט אַ סאַך מער אײַנטראַכטן זיך און איז שווערער ווי אַלע פּראָבלעמען, וואָס זײַנען ווען געשטאַנען פאַר מענטשן, וועלכע האָבן די פּראָבלעם פאַר זיך ניט געהאַט. אויך דאָס האָט זײַן באַרעכטיקונג, נאָר גראָד די באַרעכטיקונג איז פאַר ספּאַרטאַקוסן פאַרהוילן.

נאָר ער וויל איבערלעבן, ער אַדאַפּטירט זיך, ער פּאַסט זיך צו, ער לעבט זיך אײַן, ער אַקלימאַטיזירט זיך, ער ווערט צו אַלץ שפּירעוודיק. זײַן אָרגאַניזם ווערט בייגיק, פליסיק. זײַן קערפּער היט אײַן די קויכעס פאַר דער פרײַהייט, פאַר פרײַ צו ווערן פון די קייטן. ווי לאַנג שוין אַז ער טראָגט, אײַנאײַנעם מיט זײַנע כאַווײרים, די קייטן, אַף דער רײַזע איבערן יאַם, בעתס דעם הייבן זיך מיט דעם טײַך נילוס אַרויפצו, בעתסן שפּאַנען אין דעם מידבער! וואָכן און וואָכן אין די קייטן, און איצט איז ער פרײַ פון זיי! ער פילט זיך גרינגער פון אַ פעדער. נאָר דעם קויעך, וואָס ער האָט אויסגעפונען, טאָר ער ניט צעפּאַטערן. עס נעמט די וואַסער... מער ווי ער האָט וואָכן לאַנג געזען. ער היט זי אײַנהײַטן און זופּן פון איר שאָען לאַנג, יעדער טראָפּן זאָל אַרײַנדרינגען אין די געוועבן פון זײַן קערפּער. ער נעמט די שפּײַז, ווייץ־קערנער און געפּרעסטן גערשטן, געקאָכט מיט טרוקענעם היישעריק. גוט, אין טרוקענע היישעריקן איז פאַראַן קראַפט און לעבן און ווייץ און גערשטן זײַנען דאָס געוועב פאַרן לײַב. ער האָט שוין ערגער גע־

געסן און יעדן עסן דאַרף מען אָפּגעבן זײַן לויב; ווער עס פילט ניט די כשיוועס פון עסן, אַפילע בלויז אין געדאַנק, ווערט אַ סוינע דערפון און שטאַרבט גיך.

ער שפּאַנט אין דער פינצטערניש פונעם באַראַק, אַ כוואַליע פוילעניש־געשטאַנק נעמט דורך אַלע זײַנע כושים, נאָר ער ווערט קיין אײַן גראַם דערפון וואָס ער האָט אינעם מאָגן ניט אויסברענגען אַף אַזאַ זאַך. ער ווערט זיך ניט קעגנשטעלן דעם רייעך; קעגן אַזעלכע זאַכן קען מען ניט קעמפן. פאַרקערט, ער ווערט דעם רייעך ווי אַ גאַסט אויפנעמען, ער ווערט אים לאָזן זיך אײַנזאַפּן אין אים און ווערט זיך פאַר אים ניט דאַרפן שרעקן.

ער שפּאַנט אין דער פינצטערניש און זײַנע פיס פירן אים. זײַנע פיס זײַנען ווי אויגן. ער טאָר ניט שטרויכלען און ניט פאַלן, וואָרעם אין איין האַנט טראָגט ער דאָס עסן און אין דער צווייטער דאָס וואַסער. ער אָריענטירט זיך צו דער שטיינערנער וואַנט און זעצט זיך אַוועק צו איר מיט דעם רוקן. דאָ איז גאָרניט אַזוי שלעכט. דער שטיין איז קיל און ער האָט ווי דעם רוקן אָנצושפּאַרן. ער עסט און ער טרינקט. און אַרום אים פילט ער נאָך מענטשן און קינדער אומגיין און קײַען און טאָן דאָס אייגענע וואָס ער, און אינעווייניק אין אים העלפן אים אַרויס די גענייטע אָרגאַנען זײַנע און ציִען טיכטיק אַרויס וואָס זיי באַדאַרפן פון דעם ביסל שפּײַז און קנאַפּער וואַסער. ער נעמט די לעצטע קערנער ווייץ פון זײַן גרויסער טאַזע, ער טרינקט וויפל ער מעג טרינקען און באַלעקט דערנאָך די קיילע. דאָס איז ניט פאַר אַפּעטיט; שפּײַז איז אויסדויער; יעדער מינדסטער רעשט איז אויסדויער.

אָפּגעגעסן, פילן זיך אַנדערע צופרידן און אַנדערע גיבן זיך איבער צו פאַרצווייפלונג. ניט יעדע פאַרצווייפלונג גייט דאָ פאַרלוירן אומזיסט; פאַרלירן קען מען די האָפענונג. נאָר פאַרצווייפלונג קלאַמערט זיך נאָך פעסטער, און מען הערט קרעכצן און זיפצן און מען וויינט און פון ערגעץ הערט זיך אַ ניט דרײַסטער געשריי. און ריידן אַפילע הערט מען, עמעצנס אַ שוואַך קאָל רופט אים:

— ספּאַרטאַקוס ווו ביסטו?

— דאָ, דאָ בין איך, טראַציע, — ענטפערט ער.

— דאָ זיצט ער, דער טראַציער. — דערהערט זיך אַ צווייט קאָל. „טראַציער, טראַציער‟. אַ פאָלק זײַנען זיי און זיי זאַמלען זיך אַרום אים. ער פילט זייערע הענט ווען זיי דריקן זיך צו אים. עס הערן עפּשער אויך די אַנדערע שקלאַפן, נאָר זיי, אַלנפאַלס, זײַנען פאַרזונקען אין טיפן שווײַגן. ס'איז בלויז אַ כוויוו אַזאַ פון פריש־געקומענע. די פון פריִער געקומענע, מעגלעך, דערמאָנען זיך איצט דאָס וואָס זיי האָבן מער ווי אַלץ מוירע צו דערמאָנען. טייל פאַרשטייען די ווערטער פון דער אַטישער שפּראַך און אַנדערע ניט. עפּשער געדײַעט נאָך ווו דער אָנדענק פון די באַשנייטע טראַציער בערג, פון דער געבענטשטער טראַציע, איר געבענטשטע קילקייט, די ריטשקעס וואָס לויפן צווישן די סאָסנע־וועלדלעך און די שוואַרצע ציגן,

וואָס שפּרינגען אום אַף די פעלדזן. ווער ווייס סאַראַ דערמאָנונגען עס געדײַען אין דעם אײַנגעקאָוועטן פאָלק אַף דעם אָפּהאַנג פונעם שוואַרצן פעלדז?

טראַציער... רופן זיי אים, און ער פילט זיי אומעטום, און ווען ער שטרעקט אויס אַ האַנט טאַפּט ער אָן עמעצנס אַ פּאָנעם, אַלע מיט טרערן באַגאָסענע. אַך, טרערן זײַנען אַן אויסברענגערײַ.

— ווו זײַנען מיר, ספּאַרטאַקוס, ווו זײַנען מיר? — פליסטערט אייבער פון זיי.

— מיר זײַנען ניט פאַרלוירן, — כאַזוערט ער איבער.

— ווער וועט זיך דערמאָנען אָן אונדז?

— מיר זײַנען ניט פאַרלוירן, — כאַזוערט ער איבער.

— אָבער ווער וועט זיך אָן אונדז דערמאָנען?

מען טאָר אַזוי ניט ריידן. ער איז קימאַט ווי אַ פאָטער פאַר זיי. וואָרעם פאַר מענטשן וואָס האָבן טאָפּלט יאָרן ווי ער, איז ער פאָטער, לויטן אַלטן אײַנפיר אין דער שיוועט. אַלע זײַנען זיי טראַציער, נאָר ער איז דער טראַציער. און ער זינגט פאַר זיי שטיל, אַזוי ווי אַ פאָטער וואָס דערציילט זײַנע קינדער אַ מײַסע:

ווי עס שלאָגט אָן מיט אימפּעט דאָס וואַסער צום ברעג
פאַר די ווינטן פון מײַרעוו אין געשלאָסענער ריי,
אינעם לויטערן אויפשטײַג אויסן גרונט פונעם יאַם
און ברעכט זיך געהויקערט אַרויף אַף דער ערד,
מיט שניי־ווײַסן שוים אַנטשלאָסן און ווײַט.
געגאַנגען אַזוי אויך זײַנען דאַנאַ:טן פאָרויס,
אומגעוואַקלט פאָרויס צום פראָנט פון דער שלאַכט...

דאָס געזאַנג פאַרכאַפּט זיי און שטילט זייערע לײַדן און יעדערער טראַכט פאַר זיך: ווי וווּנדערלעך שיין, סאַראַ קישעף אינעם אַלטן ליד! דאָס געזאַנג פירט זיי אַרויס פון דער שרעקלעכער פינצטערניש און פירט זיי אַוועק צו די פערלדיקע ברעגעס פון טראָיאַ. אָט שטייען אירע ווײַסע טורעמס! אָט גייען גאָלדיקע קריגסלײַט באַדעקטע מיט בראָנדז! דאָס שטילע געזאַנג הייבט זיך און פאַלט, בינדט אויף די קנופּן פון מוירע און אַנגסט און עס פילט זיך אין דער פינצטער ווי זיי באַוועגן זיך און מאַכן מיט די הענט. שקלאַפן קענען ניט קיין גריכיש און אין ספּאַרטאַקוסעס טראַצישן דיאַלעקט איז שוין אויך גאַנץ ווייניק פאַרבליבן פון דער אַטישער שפּראַך; זיי קענען דאָס ליד, אין וועלכן עס איז אײַנגעהיט די אַלטע כאָכמע פונעם פאָלק און היטן עס אײַן אַף דער שאָ פון ניסאָיען...

און אָט לייגט זיך ספּאַרטאַקוס שלאָפן. ער וועט שלאָפן. ער איז יונג און דאָך האָט ער לאַנג שוין געקעמפט מיט דעם שרעקלעכן סוינע שלאָפלאָזיקייט און האָט אים באַקעמפט. ער באַרו:קט זיך איצט אַליין און טראָגט זיך אין געדאַנק צו זײַנע קינדער־יאָרן. ער זוכט פרישקייט, לויטערן בלויען הימל און זון און מילדע יאַב־ווינטלעך, און דאָרט איז דאָס אַלץ פאַראַן. אָט ליגט ער צווישן סאָסנעס, קוקט ווי עס פּאַשען זיך די ציגן, און לעבן

אים זיצט אַן אַלטער מענטש, זייער אַן אַלטער. דער אַלטער לערנט אים לייענען. מיט אַ שטעקן צייכנט דער אַלטער אויסיעס אַף דער ערד. „לייען און לערן דיך, קינד מײַנס", זאָגט אים דער אַלטער, „אַט אַזוי האָבן מיר, שקלאַפן, אַ געווער מיט זיך. אַן דעם זײַנען מיר ווי די בעהיימעס אין פעלד. גאָט אַליין, וואָס האָט געגעבן די מענטשן דאָס פײַער, האָט זיי געגעבן די מעגלעכקייט אויפצושרײַבן זייערע געדאַנקען, קעדיי זיי זאָלן קענען געדענקען די קלוגע רייד פון די געטער אין די אַלטע גאָלדענע צײַטן. אין יענע צײַטן זײַנען די מענטשן געווען נאָענט צו די געטער און האָבן געקענט ריידן מיט זיי ווען זיי האָבן געוואָלט, און דעמאָלט זײַנען ניט געווען קיין שקלאַפן. און יענע צײַט וועט צוריקקומען".

און ספּאַרטאַקוס געדענקט. זײַנע דערמאָנונגען גייען איבער אין אַ כאַלעם און ער שלאָפט אײַן...

אינדערפרי וועקט אים אויף דאָס קלאַפּן פון אַ פּויק באַם סאַמע אַרײַנגאַנג אינעם באַראַק און דאָס פּויקן הילכט אָפּ ווײַטער אין דער שטיינערנער הייל. ער הייבט זיך אויף און ער פילט ווי לעבן אים הייבן זיך אויף זײַנע כאַווײרים שקלאַפן. אין פולער פינצטערניש שפּאַנען זיי צום אַרויסגאַנג. ספּאַרטאַקוס טראָגט מיט זיך זײַן טאַזע און זײַן לאָגל; וועט ער זיי פאַרגעסן, וועט ער דעם טאָג ניט האָבן קיין עסן און קיין טרינקען; נאָר ער קען צו גוט דאָס שקלאַפן־לעבן און עס איז ניטאָ דערין אַזעלכע וואַריאַנטן, אַז מען זאָל עפּעס קענען פאַרגעסן אָדער ניט פאַרויסזען. בעת ער שפּאַנט פילט ער דעם דרוק פון די קערפּערס אַרום זיך און ער לאָזט זיך מיטשלעפּן צום אַרויסגאַנג אינעם עק פונעם שטיינערנעם באַראַק. און די גאַנצע צײַט הערט ניט אויף די פּויק צו קלאַפּן.

ס'פעלט נאָך אַ שאָ צו זון־אויפגאַנג און דער מידבער האָט איצט זײַן קילע שאָ. דאָס איז די איינציקע שאָ אין טאָג ווען דער מידבער איז אַ פרײַנט. אַ מילד ווינטל פרישט אָפּ דעם פעלדזיקן אָפּהאַנג. דער הימל האָט איצט אַ ווונדערלעכן שוואַרץ־בלויען קאָליר, און פּאַמעלעכן פאַרשווינדט דער מילדער געפינקל פון די שטערן, דער איינציקער שפּור פון פרוײַשקייט אין דער טרויעריקער האָפענונגסלאָזער מענער־וועלט. אַפילע די שקלאַפן פון די נובישע גאָלד־מינען — וואָס קיינער פון זיי וועט שוין פון דאָרט ניט אַרויס — מוזן האָבן זייער קליינעם אָפּרו; און מען גיט זיי אָט די פּאַרטאַגיקע שאָ, קעדיי זייערע הערצער זאָלן דערפילן דעם שטאָך פון אָט דער ביטערער זיסקייט און אויפלעבן זייערע האָפענונגען.

די היטער שטייען אַן אַ זײַט, אין אַ רעדל, קײַען ברויט און טרינקען וואַסער. די שקלאַפן וועט מען געבן ברויט און וואַסער ערשט אין אַ פיר שאָ אַרום. איין זאַך איז צו זײַן אַ היטער און אַ צווייטע זאַך איז אַ שקלאַף צו זײַן. די היטער טראָגן אַף זיך וואָלענע דעקעס און יעדער איינער האָט מיט זיך אַ בײַטש, אַ שווערע בולאַווע און אַ לאַנגן מעסער. ווער זײַנען אָט די מענטשן, די היטערס? וואָס אַזוינס ברענגט זיי אַהער, אין דער שרעקלעכער וויסטע אַן פרויען?

דאָס זײַנען אַלעקסאַנדריער מענטשן. האַרטע, ביטערע מענטשן און

אַהערצו קומען זיי, ווײַל דאָ צאָלט מען זיי גוט און מען גיט זיי אַ פּראָצענט פֿון דעם גאָלד, וואָס מען באַקומט אַרויס פֿון די מינען. זיי קומען אַהער מיט דעם כאָלעם פֿון רײַך ווערן און צו פֿוסטעפּאָסעווען דערנאָך, מיט דעם צוזאָג צו באַקומען רוימישע בירגערשאַפֿט נאָכדעם ווי זיי וועלן אָפּדינען פֿינף יאָר דער קאָרפּאָראַציע. זיי לעבן מיט דעם געדאַנק צו דינגען דערנאָך אַ דעפּאַרטאַמענט אין אַ רוימישן שכײַנים־הויז, זיך אײַנקויפֿן צו דרײַ, פֿיר אָדער פֿינף שקלאַפֿן־מיידלעך, זיי זאָלן שלאָפֿן מיט זיי און באַדינען, פֿאַרברענגען דעם גאַנצן טאָג בײַם שפּילן אָדער אין די בעדער און יעדע נאַכט זיך אָנשיקערן. דעם דאָזיקן געגעם האַלטן זיי פֿאַר אַ פֿאַרהויז צום ערדישן גאַנײַדן; דער עמעס איז, אַז זיי דאַרפֿן אַזוי ווי די טורמע־וועכטערס דאָס ביסעלע אויבערהערשאַפֿט איבער די פֿאַרמישפּעטע מער ווי פֿאַרפֿום, ווי ווײַן און ווי פֿרויען.

מעשונעדיק מאָדנע מענטשן זײַנען זיי, אַ פּראָדוקט פֿון די אַלעקסאַנדריער הינטערגאַסן, וואָס ריידן אַ געמיש פֿון אַראַמעיִש און גריכיש. שוין דרײַטהאַלבן הונדערט יאָר ווי די גריכן האָבן פֿאַרכאַפּט עגיפּטן און די היטער זײַנען ניט קיין עגיפּטער און ניט קיין גריכן, נאָר אַלעקסאַנדריִער. דאָס מיינט, אַז זיי זײַנען לײַכטזיניקע, פֿאַרדאָרבענע מענטשן, ציניקער און גאָר אָן אַ גאָט אין האַרצן. זיי זײַנען ביז גאָר גײַציק, נאָר זייער גײַציקייט איז אַ ביליקע, זיי לייגן זיך מיט מענער און אַף אײַנצושלאָפֿן נוצן זיי דעם זאַפֿט פֿון כאַט־בלעטער, וואָס וואַקסן בײַ די ברעגעס פֿונעם רויטן יאַם. אָט אַף זיי קוקט איצט ספּאַרטאַקוס אין דער קילער שאָ פֿאַר זון־אויפֿגאַנג, ווען די שקלאַפֿן גייען אַרויס פֿון די גרויסע שטיינערנע באַראַקן, נעמען די קייטן אַף די אַקסלען און שפּאַנען צום אָפּהאַנג. זיי זײַנען זײַנע האַרן, זיי האַלטן אין זייערע הענט די מאַכט איבער זײַן לעבן און טויט; און בעיס ער זוכט דעם קליינעם כײלעק וואָס איז פֿאַראַן פֿון איינעם צום צווייטן, מערקט ער זייערע פּירונגען, מאַנירן און אָנווײַזונגען. אין די מינען זײַנען קיין גוטע האַרן ניטאָ, מעגלעך איז נאָר, אַז טייל זאָלן זײַן ווייניקער גרויזאַם און סאַדיסטיש און אַנדערע מער.

ער מערקט ווי איינער נאָכן צווייטן טרעטן זיי אָפּ פֿונעם רעדל און גייען פֿאַרנעמען זייער אָרט ווו די שקלאַפֿן שטעלן זיך אויס. עס איז נאָך צו טונקל אַף צו קענען מערקן די סובטעלקייט פֿון שטריכן אָדער פֿאָרמען, נאָר זײַנע אויגן זײַנען שוין פּראַקטיש דערין און אַפֿילע אין דעם אויפֿגיין און אין די האָר זײַנע דערקענט מען און מען דעפֿינירט אַ מענטשן.

ס'איז קיל און די שקלאַפֿן זײַנען נאַקעט. קיין שטיקל שטאָף אַפֿילע פֿאַרדעקט ניט זייערע קלעגלעכע און אומגוצלעכע געשלעכט־איווּרים. פֿון דער זון פֿאַרברענטע, און זיי שטייען דאָרט און ציטערן און נעמען אַרום מיט די הענט זייערע לײַבער. דער צאָרן טרעט צו צו ספּאַרטאַקוסן פּאַמעלעך, וואָרעם צאָרן איז אינעם לעבן פֿון די שקלאַפֿן אַן איבעריקע זאַך, נאָר ער טראַכט: „אַלץ קענען מיר איבערטראָגן, נאָר ניט דאָס, וואָרעם ווען עס איז ניטאָ קיין שטיקל שטאָף אַף צוצודעקן אונדזערע געשלעכט־טיילן, זײַנען מיר ווי די בעהיימעס". דערנאָך פֿאַריכט ער זיך אין געדאַנק: ניין,

וויניקער ווי בעהיימעס. ווארעם ווען די רוימער האבן פארכאפט די לעג־דער, צו וועלכע מיר געהערן, און די פלאנטאציעס, ווו מיר האבן געארבעט, זיינען די בעהיימעס פארבליבן אפן פעלד און אונדז נאר האט מען געשיקט אין די מינען״.

איינגעשטילט איז שוין דאס פארשאלטענע קלאפן אין דער פויק און די היטער וויקלען פונאנדער זייערע בייטשן און מאכן וויכער די הארט־געווארענע רימענעס. די אטמאספער איז פול מיט געקנאל. זיי שמייסן מיט די בייטשן אין דער לופטן, ווייל עס איז נאך צו פרי צו שמייסן מיט זיי איבער די לייבער און דאס געזינדל שפאנט צו צו די אויסגעשטעלטע שקלאפן. עס איז שוין ליכטיקער און ספארטאקוס מערקט שוין דאס דארע יינגעלע, וואס ציטערט בא זיין זייט און ווערט דארפן ארונטערקריכן אונ־טער דער ערד קלאפן דעם ווייסן שטיין ווו עס געפינט זיך דאס גאלד. אויך די אנדערע טראציער מערקן אים, ווייל זיי שטייען ארום ספארטא־קוסן. טייל פליסטערן:

— פאטער, א, פאטער, וואס איז עס פאר א געגעם?

— אלץ וועט זיין גוט, — זאגט ספארטאקוס, — ווארעם ווען מענטשן רופן פאטער איינעם וואס קען זיין זייער זון, איז וואס אנדערש זאל ער זיי זאגן? ער זאגט זיי דאס וואס ער דארף זיי זאגן.

אלע גרופעס זיינען שוין אוועק צום אפהאנג פונעם פעלדז און גע־בליבן איז נאר די ניט אויסגעשטעלטע גרופע טראציער. געבליבן איז א האל־בער טוץ היטער, אנגעפירט פון איינעם. זיי שפאנען צו צו די פריש־געקו־מענע און שלעפן נאך זיך די בייטשן, וואס לאזן שפורן אינעם זאמד. איי־נער פון די היטער רעדט און פרעגט אין זיין געמישטער שפראך:

— ווער איז אייער פירער, טראציער?

קיינער ענטפערט ניט.

— עס איז נאך צו פרי פאר דער בייטש, טראציער.

ספארטאקוס רופט זיך אן: „זיי רופן מיך פאטער״.

די היטער מעסטן אים אפ מיט די בליקן פון אויבן ביז אראפ. „דו ביסט צו יונג מען זאל דיך רופן פאטער״.

— אזוי איז דער אייגפיר בא אונדז אין לאנד.

— דא פירן מיר זיך אנדערש, „פאטער״. ווען די קינדער זינדיקן, שמייסט מען די פאטערס. דו הערסט וואס איך זאג?

— איך האב געהערט.

— הערט־זשע מיך אויס, איר אלע טראציער. דא איז א שלעכט ארט, נאר דאס קען זיין נאך ערגער. אזוי לאנג איר לעבט וועלן מיר פון אייך פאדערן ארבעט און געהארכיקייט. טויטערהייט וועלן מיר פון אייך גארניט פאדערן. אין אנדערע ערטער איז בעסער צו לעבן איידער צו שטארבן. דא אבער קענען מיר מאכן אזוי, אז עס זאל בעסער זיין צו שטארבן איידער צו לעבן. איר פארשטייט מיך, טראציער?

די זון גייט אויף. מען טוט זיי אן די קייטן און זיי טראגן זיי ביז דעם אפהאנג. דארט נעמט מען זיי אראפ. די קורץ־דויערדיקע קילקייט איז אוועק.

מען גיט זיי געצײַג, אײַזערנע קירקעס, עקבויערס, בראָכשטאַנגען. מען ווײַזט זיי אָן אַ ווײַסן אָדער אינעם שוואַרצן פעלדז, צופוסנס דעם אָפּהאַנג. דאָס קען זײַן דער אָנהייב פון אַ גאָלד־אָדער; דאָס קען זײַן גאָרניט. איר דאַרפט אויסהאַקן דעם שוואַרצן שטיין און אויפדעקן דעם שטיין וואָס האָט אין זיך גאָלד.

די זון האָט זיך געהויבן אינעם הימל און אָנגעהויבן האָט זיך די שרעקלעכע טאָג־היץ. קירקעס, שטאַנגען און עקבויערס. ספּאַרטאַקוס האַלט אַ האַמער אויפגעהויבן. וואָס אַ שאָ וועגט דער האַמער מיט אַ האַלבער קילאָ מער. ער איז שטאַרק, נאָר אַף זײַן לעבן האָט ער נאָך אַזאַ אַרבעט ווי די איצטיקע ניט געטאָן, און באַלד נעמט יעדער מוסקול פון זײַן קערפּער קרעמפּן און קרעכצן אונטער דער שפּאַנונג. עס איז זייער גרינג צו זאָגן, אַז דער האַמער וועגט נײַן קילאָ; עס איז אָבער קיין ווערטער ניטאָ אויסצודערציילן די פּײַן פון אַ מענטשן, וואָס הייבט און לאָזט אַראָפּ אַזאַ האַמער שאָ נאָך שאָ. און דאָ, ווו וואַסער איז אַזוי טײַער, נעמט ספּאַרטאַקוס שוויצן. דער שווייס רינט אים פונעם לײַב, ער רינט אים פונעם שטערן און רינט אַרײַן אין די אויגן. מיט זײַן גאַנצער ווילנס־קראַפט וויל ער דאָס שוויצן זאָל אויפהערן. ער ווייס, אַז בײַ אַזאַ קלימאַט שוויצן מיינט אומקומען. נאָר דאָס שוויצן הערט ניט אויף און דער דאָרשט ווערט אין אים פאַרוואַנדלט אין אַ שרעקלעכער, ווילדער, ווײַ־טוענדיקער כאַיע.

פיר שאָ זײַנען אַף אייביק אַוועק. פיר שאָ זײַנען אַן אייביקייט. ווער קען נאָך ווי אַ שקלאַף צוימען די באַגערן פון זײַן לײַב? נאָר פיר שאָ זײַנען אַף אייביק אַוועק און ווען די לאָגלען וואַסער גייען אום אין די גרופּעס פון האַנט צו האַנט, פילט ספּאַרטאַקוס ווי ער וואָלט געשטאָרבן פון דאָרשט און דאָס פילן אַלע טראַציער. נאָר זיי זופּן פונעם לאָגל די גרינע גולגעדיקע געבענטשטע פליסיקייט. און זיי ווייסן דעמאָלט סאַראַ אומזין זיי באַגייען.

אָט דאָס זײַנען זיי, די גובישע גאָלד־מינען, צו מיטאָג נעמט פאַלן די אַרבעטס־קראַפט און די אַרבעטס־מעגלעכקייט און דעמאָלט נעמט יאָגן די בײַטש. אַך, סאַראַ מײַסטערשאַפט די היטער ווײַזן אַרויס מיט דער בײַטש! זיי קענען מיט איר באַרירן וועלכן נאָר טייל פונעם קערפּער זיי ווילן, דעליקאַט, מילד, דראָענדיק, ווי אַ וואָרענונג. זיי קענען באַרירן דעם מענטשנס דיכן, זײַן מויל, זײַן רוקן אָדער זײַן שטערן. זי איז בײַ אים אין די הענט ווי אַן אינסטרומענט און ער קען מיט איר שפּילן אַפן מענטשנס לײַב. דער דאָרשט איז איצט צענפאַך גרעסער ווי פריִער, נאָר דאָס וואַסער איז אויסגעגאַנגען און ביז נאָך דער אַרבעט וועט קיין וואַסער ניט זײַן. אַזאַ טאָג איז אַן אייביקייט.

און דאָך ענדיקט ער זיך. אַלץ ענדיקט זיך. פאַראַן אַ צײַט צום אָבהייבן און אַ צײַט צום פאַרענדיקן. ווידער קלאַפּט די פּויק און דער אַרבעטס־טאָג איז פאַרענדיקט.

ספּאַרטאַקוס לאָזט פאַלן דעם האַמער און באַקוקט זײַנע בלוטנדיקע הענט. טייל טראַציער זעצן זיך אַוועק. איינער פון זיי, אַ באָכער פון אַ יאָר

אַכצן, איז געפאַלן אַף אַ זייט, די פיס איינגעקאַרטשעט אין גסיסע־קראַמף. ספּאַרטאַקוס גייט צו.

— פּאַטער... פּאַטער, דו ביסט עס ?

— יאָ, יאָ, — זאָגט ער און קושט דעם באַכער אין שטערן.

— בעסער קוש מיך אין די ליפּן, וואָרעם איך שטאַרב, פּאַטער מיינער, און וואָס עס בלייבט פון מיין נעשאָמע, וויל איך איבערגעבן דיר.

און ספּאַרטאַקוס קושט אים, נאָר ווייגען קען ער ניט, וואָרעם ער איז טרוקן און פאַרסמאַליעט ווי אַן איבערגעברענטער לעדער.

IV

אַזוי האָט באַטשיאַטאָ פאַרענדיקט דערציילן ווי אַזוי ספּאַרטאַקוס מיט נאָך טראַציער זיינען אַנגעקומען אין די נובישע מינען און ווי זיי האָבן באַקענטערהייט געאַרבעט באַם אַפּהאַנג פונעם שוואַרצן פעלדז. דערציילט האָט ער זייער לאַנג. דער רעגן האָט שוין געהאַט אויפגעהערט. די פינצטערניש איז געווען אַ פולע און אַ טיפע אונטער דעם בלייענעם הימל, און די צוויי מענטשן, איינער אַ טרענירער פון גלאַדיאַטאָרן און דער צווייטער אַ רייכער פּאַטריציער זעלנער, וואָס וועט מיט דער צייט ווערן דער רייכסטער מענטש פון זיין צייט, זיינען געזעסן אין דער פּליסיקער שיין פון די לאַמפּן. באַטשיאַטאָ האָט אַ סאַך ווין געטרונקען און זיינע צעווירענע מוסקולן זיינען געוואָרן נאָך צעווירענער. געווען איז ער איינער פון יענע פאַרשווינען באַל־טייוועניקעס, וואָס פאַרבינדן זייער סאַדיזם מיט אַ גוואַלדיקן ראַכמאָנעס צו זיך אַליין און לעבן זיך אַזוי סוביעקטיוו אַריין אין די זאַכן, און זיין דערציילן וועגן די מינען איז באַ אים דערום אַרויסגעקומען זייער קרעפטיק און קאָלירפול, אַפילע מיט פּיעטעט, און קראַסוס איז, ניט ווילנדיק, געווען גערירט פון דעם.

קראַסוס איז ניט געווען קיין אומוויסנדיקער מענטש און אויך ניט אַ מענטש אָן געפילן, ער האָט געהאַט געלייענט דעם רירנדיקן ציקל וואָס עסכילוס האָט געשריבן וועגן פּראָמעטעוסן און האָט עפּעס געזען פון דעם וואָס פאַר ספּאַרטאַקוסן האָט געמיינט אַרויסקומען פון דאָרט ווו ער איז געווען ביז רוים זאָל אויספּעלן קויכעס אַרויסצושטעלן קעגן די שקלאַפן. ער האָט געפילט קימאַט אַ ליידנשאַפטלעכע באַדערפעניש צו פאַרשטיין ספּאַר־טאַקוסן, זיך פאַרצושטעלן ספּאַרטאַקוסן... יאָ, און אַריינצוקריכן אַ ביסל אין ספּאַרטאַקוסן, ווי שווער דאָס זאָל אים ניט אָנקומען, קעדיי דאָס רע־טעניש פון זיין קלאַס, דאָס רעטעניש פון די מענטשן אין קייטן וואָס גרייכן די שטערן, זאָל פאַר אים אין אַ געוויסער מאָס קענען קלאָר ווערן. ער האָט פון אַ זייט אַ קוק געטאָן אַף באַטשיאַטאָן און האָט מוידע געווען, אַז ער איז בעעמעס שולדיק אַ דאַנק דעם גראָבן און מיִעסן מענטשן, און ער האָט אַ טראַכט געטאָן וועמען פון די פּיפּיקע לאַגער־דינסטן מען קען אים צו־שטעלן אַף דער נאַכט. קראַסוס אַליין האָט פון דעם מין געוויינלעכע טייוועס ניט געהאַלטן, זיין יעצער־האָרע איז געגאַנגען אין אַן אַנדער ריכטונג, נאָר

געווען איז דער קאָמאַנדאַנט זייער אַ פּינקטלעכער וואָס שײַעך באַלוינען קליינע פּערזענלעכע טויוועס.

— וויאַזוי־זשע איז ספּאַרטאַקוס פון דאָרט אַנטלאָפן? — האָט ער געפרעגט דעם „לאַניסט״.

— ער איז ניט אַנטלאָפן. פון אַזאַ אָרט אַנטלויפט שוין קיינער ניט. די אייגנשאַפט פון דעם אָרט באַשטייט דערין וואָס דאָס נעמט זייער שנעל אַוועק בײַ די מענטשן דעם כיישעק צוריקצוקערן צו דער מענטשלעכער וועלט. ספּאַרטאַקוסן האָב איך דאָרט געקויפט.

— דאָרטן? צו וואָס? וויאַזוי האָט איר זיך דערוווּסט פון אים, אַז ער איז דאָרטן, און ווער ער איז?

— איך האָב דאָס ניט געוווּסט. איר מיינט אַוואַדע, אַז מײַן נאָמען צווישן די גלאַדיאַטאָרן איז אַ מין לעגענדע, אַ פיקציע... איר האַלט מיך פאַר אַ שמוציקן און אומנוצלעכן טרעלבויך, וואָס ווייס ניט וואָס אַרום אים טוט זיך. אויך אין מײַן פּראָפעסיע איז פאַראַן קונסט, פאַרזיכער איך אײַך...

— איך גלייב אײַך, — האָט קראַסוס צוגעשטימט, — דערציילט מיר וויאַזוי האָט איר געקויפט ספּאַרטאַקוסן.

— איז בײַ אײַך אײנעם לעגיאָן פאַרבאָטן ווײַן? — האָט באַטשיאַטאָ אויפגעהויבן די ליידיקע פלאַש — אָדער איך דאַרף נאָך צורעכענען שיקרעס צו די מאַטיוון וואָס איר האָט מיך צו פאַראַכטן? זאָגט מען דאָך, אַז ווײַן בינדט אויף די צונג בײַ נאַראָנים.

— איך דערלאַנג שוין נאָך ווײַן צום טיש, — האָט קראַסוס זיך אויפגעהויבן און איז אַרויסגעגאַנגען אין שלאָפצימער, וואָס הינטערן פאָרהאַנג, און איז פון דאָרט צוריקגעקומען מיט נאָך אַ פלאַש ווײַן. באַטשיאַטאָ איז זײַן כאַווער. און באַטשיאַטאָ האָט ניט געדאַרפט קיין פּראָפּן־ציִער. ער האָט בײַם פוס פונעם טיש אָפּגעבראָכן דאָס העלדזל פון דער פלאַש און האָט געגאָסן אין גלאָז ביז ער האָט איבערגעגאָסן.

— בלוט און ווײַן — האָט ער אַ שמייכל געטאָן — ליבערשט וואָלט איך אַנדערש געבוירן געוואָרן, וואָלט איך אָנגעפירט מיט אַ לעגיאָן. נאָר ווער ווייס. איר, עפּשער, האָט גאָר ליב צו קוקן ווי גלאַדיאַטאָרן שלאָגן זיך. מיר איז עס שוין דערווידער.

— איך זע געַנוג שלאַכט.

— נאַטירלעך, איך שטעל מיר פאָר, נאָר אין צירק איז פאַראַן סטיל און אַזאַ העלדישקייט, וואָס איז שווער צו פאַרגלײַכן אַפילו מיט אײַערע מאַסן־שכיטעס. אײַך שיקט מען ראַטעווען רוים נאָכדעם ווי ספּאַרטאַקוס האָט דרײַ פערטל געבראָכן רוימס מאַכט. ווער הערשט איצט אין איטאַליע? דער עמעס איז, אַז ניט איר, נאָר ספּאַרטאַקוס. יאָ, איר וועט אים בײַקומען, ניטאָ אַזאַ סוינע וואָס רוים זאָל ניט בײַקומען. דערווײַל אָבער איז ער פון אויבן. ריכטיק?

— יאָ, — האָט קראַסוס געענטפערט.

— און ווער האָט ספּאַרטאַקוסן טרענירט? איך. ער האָט זיך קיינמאָל ניט געשלאָגן אין רוים. נאָר די בעסטע געשלעגן קומען פאָר ניט אין רוים.

רוים האָט ליב אַ שעכטהויז. די עמעסע גרויסע געשלעגן ווערן דורכגעפירט אין קאַפּוּאַ און אין סיציליע. הערט וואָס איך זאָג אײַך, ניטאָ אַזאַ לעגיאָנער וואָס זאָל זיך קענען שלאָגן, אַן אײַנגעוויקלטער אין דער „גאַלעאַ", אײַנעם „פּעקטאָראַליס" און „הומעראַליס" (קאַסקע, ברוסט־דעקל און אַקסלבלעכן), ווי אַ קינד אין דער מוטערס בויך, און פאָכען מיט די גרויסע שטעקנס אײַערע. זאָלן זיי אַרויסגיין נאַקעטע אַף דער אַרענע, מיט אַ בלויזער שווערד אין דער האַנט. בלוט אַף דער אַרענע. מען טרעט אַף דער אַרענע און מען שמעקט בלוט. די טרומייטן שאַלן, די פּויקן קלאַפּן, די זון באַלײַכט אַלץ און די דאַמען פאָכען מיט זייערע געהאַפּטענע טיכלעך און קענען די אויגן ניט אָפּרײַסן פון די טיילן, וואָס הענגען פאַר זיי נאַקעטע, און אַלע ציטערן פון אַנטציקונג איידער די שלאַכט ווערט פאַרענדיקט און זייער אייגן איבגעווייד, פילן זיי, פאַלט אַרויס אַף דער אַרענע ווען באַם גלאַדיאַטאָר ווערט דער בויך אויפגעטרענט, און איר זיצט דאָרט און איר שרײַט ווען אײַערע קישקעס וואַלגערן זיך אַף דער אַרענע. אַט דאָס הייסט געשלאָגן זיך, מײַן האַר קאָמאַנדאַנט... און דערויף טויגן ניט קיין נאָרמאַלע מענטשן. דערויף דאַרף מען מענטשן פון גאָר אַן אַנדער שטאַם. און ווו געפינט מען זיי? איך בין גרייט מיך צו לאָזן קאָסטן אויב איך וויל פאַרדינען, און איך שיק מײַנע אַגענטן אײַנהאַנדלען דאָס וואָס איך דאַרף. איך שיק זיי אַף אַזוינע ערטער ווו שוואַכע מענטשן קומען טייקעף אום און פאַכדאָנים באַגייען זעלבסטמאָרד. צוויי מאָל אין יאָר שיק איך אַגענטן אין די נובישע מינען. איין מאָל בין איך אַליין געפאָרן... יאָ, און מיט דעם איינעם מאָל איז מיר גענוג געווען. וויל מען עקספּלואַטירן אַ מינע, מוז מען האָבן שקלאַפן. מערסטנס טויגן זיי אַף אַ פּאָר יאָר, אַנדערע אַף קוים זעקס כאָדאָשים. נאָר וויל מען פון אַ מינע האָבן גוטע רעוואָכים, מוז מען די שקלאַפן בײַטן וואָס אָפטער, קויפן אַלעמאָל נײַע. און ווײַל די שקלאַפן ווייסן עס, איז שטענדיק פאַראַן צווישן זיי פאַרצווייפלונג. דאָס איז אַן אָנשטעקנדיקע קרענק. אַזוי אַז ווען איינער ווערט פאַרצווייפלט, איינער פון די שטאַרקע, וואָס האָט ניט מוירע פאַר דער בײַטש און די אַנדערע הערן זיך צו צו אים, איז דאָס בעסטע וואָס שנעלער אים צו דערהאַרגענען און אויפשטעקן אַפן פלאָקן די פליגן זאָלן האָבן וואָס צו עסן און אַלע זאָלן זען וואָס עס קומט אַרויס פון דער פאַרצווייפלונג. נאָר דאָס מין פאַטערן דעם פאַרצווייפלטן שקלאַף איז אויסברענגעריש און קיינער האָט דערפון גאָרניט. איך האָב דערום געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט די היטער און זיי האַלטן די מענטשן פאַר מיר, זיי לאָזן זיי מיר אָפּ אין גלײַכן געלט. דאָס געלט נעמען זיי פאַר זיך און קיינעם קומט דערפון קיין ראָע ניט אַרויס. פון אַט די שקלאַפן קומען געוויינלעך אַרויס גוטע גלאַדיאַטאָרן.

— האָט איר, הייסט עס, אַזוי אַרום געקויפט ספּאַרטאַקוסן?

— אַט אַזוי ווי איר הערט. איך האָב געקויפט ספּאַרטאַקוסן און נאָך איין טראַציער מיטן נאָמען גאַנניקוס. איר ווייסט מיסטאָמע, אַז די טראַציער זײַנען באַרימט געווען מיט זייער קונסט צו נוצן דעם דעגן. איין יאָר מיט דעם דעגן, אַ צווייטן יאָר מיט דער שווערד און נאָך איין יאָר מיט

דער „פּוסטינע”. אין דער עמעסן זײַנען פֿאַראַן אַ סאַך טראַציער, וואָס האָבן אַף זייער לעבן קיין דעגן אין דער האַנט ניט גענומען, נאָר אַזאַ לעגענדע גייט אום וועגן זיי, און די דאַמען ווילן זען דעגנס נאָר אין די הענט פֿון טראַציער.

— איר האָט אים געקויפֿט פּערזענלעך ?

— דורך מײַנע אַגענטן. מען האָט זיי ביידן אַף דער שיף אויפֿגעלאָדן אין אַלעקסאַנדריע, און איך האָב אַ האַפּן־אַגענט אין נעאַפּאָל און מען האָט זיי מיר איבערגעשיקט אין אַ טראָג־בעט.

— ס'איז גאָרניט קיין שפּעטנע געשעפֿט, — האָט קראַסוס צוגעגעבן, אַליין אַ מענטש וואָס זוכט און וואָס האָט אַ ביסל געלט אַרײַנצולייגן אַף רעוואַכים.

— געפֿעלט אײַך, הייסט עס, דאָס געשעפֿט — איז באַטשיאַטאַ צופֿרידן געווען, און דער ווײַן איז אים געראָנען פֿון די מויל־ווינקלען בעת ער האָט די באַקן אויסגעצויגן — ניט אַלע טוען עס. וויפֿל, מיינט איר, האָב איך אַרײַנגעלייגט אין קאַפּואַ ?

קראַסוס האָט דעם קאָפּ אַ דריי געטאָן: „איך האָב קיינמאָל ניט געטראַכט דערפֿון. מען זעט גלאַדיאַטאָרן און מען טראַכט גאָרניט וויפֿל געלט עס האָט געקאָסט ביז מען האָט זיי אַף דער אַרענע אַרויסגעלאָזט. אַזוי איז עס. מען זעט אַ לעגיאָן און מען טראַכט זיך אַז לעגיאָנען זײַנען אַלעמאָל געווען און וועלן אַלעמאָל זײַן”.

געווען איז עס אַ גוואַלדאָוונע כניפֿע. באַטשיאַטאַ האָט די גלאָז אַוועקגעשטעלט און האָט גענומען קוקן אַפֿן קאָמאַנדאַנט. דערנאָך האָט ער מיט אַ פֿינגער זיך אַ רײַב געטאָן פֿון אויבן אַראָפּ זײַן בולבע־נאָז.

— טרעפֿט.

— אַ מיליאָן.

— פֿינף מיליאָן דענאַריס — האָט באַטשיאַטאַ פּאַמעלעך און באַרימעריש אַ זאָג געטאָן — פֿינף מיליאָן... נעמט אין אַכט שוין דאָס אַליין. איך שטיי אין פֿאַרבינדונג מיט אַגענטן אין פֿינף לענדער. איך האָב האַפּן־אַגענטן אין נעאַפּאָל. איך גיב צו עסן פֿון דאָס בעסטע. ווייץ־קערנער, גערשטן, רינד־פֿלייש און ציגן־קעז. איך האָב מײַן אייגענעם צירק פֿאַר קליינע ספּעקטאַקלען און פֿאַרן. דער אַמפֿיטעאַטער האָט אַ גרויסע טריבונע און קאָסט מיך אַ האַלבן מיליאָן. אַ כּוח דעם לאָקאַלן גאָרניזאָן, באַשפּײַז איך און גיב אַ וווינונג פֿאַר אַ גאַנצער ראָטע. ווער רעדט פֿון טרינק־געלט דער פֿאַרוואַלטונג גופֿע... זאָלט איר מיר מוחל זײַן. ניט אַלע מיליטערלײַט זײַנען אַזעלכע ווי איר. און אַז מען וויל פֿירן די יונגען זיך שלאָגן אין רוים, דאַרף מען צאָלן פֿופֿציק טויזנט דענאַריס אַ יאָר די טריבונען און די האַרן פֿון דער וואַך. הײַנט פּרויען.

— פּרויען ? — האָט קראַסוס איבערגעפֿרעגט.

— אַ גלאַדיאַטאָר איז ניט קיין שוואַרצאַרבעטער אין אַ לאַטיפֿונדיע. ווילט איר ער זאָל האָבן מוט, דאַרפֿט איר אים פֿאַרזאָרגן מיט אַ מיידל, אַזוי עסט ער בעסער און שלאָגט זיך בעסער. איך האָב אַ הויז פֿאַר מײַנע

פרויען און איך קויף בלויז דאָס בעסטע, איך וויל ניט וויסן פון קיין גאַסן־פרויען אָדער פון אָפּגעשמאַקטע ווײַבער, אַלע זײַנען זיי געזונטע און שטאַרקע און בסולעס ווען זיי קומען אָן צו מיר. איך ווייס; איך פּרוביר זיי. ער האָט זײַן גלאָז ווײַן אויסגעטרונקען, האָט זיך די ליפּן באַלעקט און איז געבליבן זיצן אַ צוווייטיקטער און אַן עלנטער. „איך מוז האָבן פרויען״, האָט ער זיך געקלאָגט, און האָט זיך פּאַמעלעך די גלאָז אָנגעגאָסן. פאַראַן מענער וואָס דאַרפן זיי ניט... איך — יאָ״.

— און די פרוי, וואָס מען רופט זי ספּאַרטאַקוסעס פרוי?

— וואַריניאַ, — האָט באַטשיאַטאָ געזאָגט, — זי האָט זיך אין זיך פאַרקליבן און האָט פאַר זיך נאָר אַ וועלט פון האַס, פון צאָרן און פאַרצווייפלונג. „וואַריניאַ״, — האָט ער איבערגעכאַזערט דעם נאָמען.

— דערציילט מיר וועגן איר.

דאָס לאַנגע שווײַגן האָט קראַסוסן געזאָגט מער ווי די רייד וואָס זײַנען דערנאָך געקומען. „ווען איך האָב זי געקויפט, איז זי אַלט געווען נײַנצן יאָר. אַ גערמאַניש כאַיעלע, נאָר אַ פאַרגעניגן צו קוקן אויף איר, ווער עס האָט ליב בלאָנדע האָר און בלויע אויגן. אַ שמוציק כאַיעלע, וואָס איך וואָלט זי באַדאַרפט דערהאַרגענען, זאָל מיך גאָט שיצן! נאָר איך האָב זי אַוועקגעגעבן ספּאַרטאַקוסן. געווען איז עס אַ שפּאַס. ער האָט ניט געוואָלט קיין ווײַב און זי האָט ניט געוואָלט קיין מאַן. אַ שפּאַס איז עס געווען״.

— דערציילט מיר פון איר.

— איך האָב אײַך שוין דערציילט. — ער האָט זיך אויפגעשטעלט און אַ וואַקלדיקער אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן, צענעמענדיק די זײַטלעך פאַרהאַנג. און קראַסוס האָט געהערט ווי ער האָט מאַשטן געווען אין דרויסן. אַזאַ טעווע איז עס שוין באַם קאָמאַנדאַנט ער זאָל זיך פאַראַקשענען דערויף וואָס ער האָט זיך פירגענומען. באַטשיאַטאָס וואַקלדיקער צוריקקומען האָט אים ניט געשטערט. ניט זײַן אויפגאַבע איז עס און ניט אים אינטערעסירט צו מאַכן פון דעם „לאַניסט״ אַ קאַוואַליר.

— דערציילט מיר וועגן איר, — איז ער צוגעשטאַנען.

באַטשיאַטאָ האָט שווער געדרייט מיטן קאָפּ. „אײַך איז ניט אומבאַקוועם וואָס איך שיקער מיך אָן?״ — האָט ער געפרעגט מיט פאַרווונדיקטער ווערדע.

— מיר גייט עס אַבסאָלוט ניט אָן. טרינקט וויפל איר ווילט, — האָט קראַסוס געענטפערט — נאָר פריִער האָט איר מיר דערציילט, אַז איר האָט געבראַכט ספּאַרטאַקוסן און גאַנניקוסן אין אַ טראָג־בעט. איך שטעל מיר פאָר אַז אין קייטן״.

באַטשיאַטאָ האָט צוגעשטימט.

— איר האָט אים, הייסט עס, נאָך ניט געהאַט געזען?

— ניין, דאָס וואָס איך האָב געזען, וואָלט פאַר אײַך צו ווייניק געווען. נאָר איך אורטייל וועגן מענטשן גאָר אַנדערש. ביידע זײַנען זיי געווען פאַרוואַקסן, קויטיק, פול מיט געשווירן און צעיאַטערטע ווונדן, צעפּאַסעוועט מיט דער בײַטש פונעם קאָפּ ביז די פיס. עס האָט פון זיי געשטונקען, אַז

עס האָט געקערט צום ברעכן, ווען מען איז נאָענט צו זיי צוגעגאַנגען. געלעגן איז אַף זיי זייער אייגענע פאַרטרוקנטע צויע. זיי זײַנען געווען ביז גאָר צעקאַליעטשעט און נאָר פון די אויגן האָט אַרויסגעקוקט זייער פאַר־צווייפלונג. איר וואָלט זיי אַפילע ניט געשטעלט אַנדערע אָפּטריטן רייניקן, נאָר איך האָב אַף זיי אַ קוק געטאָן און האָב אין זיי עפּעס דערזען. איך האָב עפּעס דערזען, ווײַל דאָס איז מײַן קונסט. איך האָב זיי געשיקט אין באָד אַרײַן, געהייסן זיי אַרומראַזירן און אַרומשערן, מען האָט זיי מיט אויל אײַנגעריבן און איך האָב זיי געגעבן גוט אָפּצועסן...

— ווילט איר מיר איצט דערציילן וועגן וואַריניען ?

— פאַרשאָלטן זאָל עס ווערן !

דער „לאַניסט” האָט געוואָלט נעמען זײַן גלאָז ווײַן, נאָר ער האָט עס געטאָן אַזוי ניט געשיקט, אַז ער האָט זי איבערגעקערט. ער איז גע־בליבן זיצן און האָט געקוקט אַפן טיש מיט די אויגן אַפן רויטן פלעק אָנ־געשטעלט. וואָס ער האָט דעמאָלט געזען, קען קיינער ניט זאָגן. עפּשער האָט ער געזען זײַן פאַרגאַנגענהייט און עפּשער אויך עפּעס פון זײַן צו־קונפט. וואָרעם די קונסט פון די וואָרזאָגער איז ניט אינגאַנצן קיין שווינדל, און בלויז מענטשן, ניט קיין כאַיעס, זײַנען בעיאַד צו אורטיילן זייערע מײַ־סים. געווען איז ער דער וואָס האָט טרענירט ספּאַרטאַקוסן ; דאָס האָט ער אײַנגעפּעדעמט זײַן אומענדלעכע צוקונפט — ווי אַ סאַך טוען עס — און מען ווער אים געדענקען יאָרהונדערטן נאָך יאָרהונדערטן. דער מענטשן־טרענירער, וואָס האָט טרענירט ספּאַרטאַקוסן, איז דאָרט געזעסן פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט דעם פירער פון די מענטשן וואָס האָבן באַדאַרפט אומברענ־גען ספּאַרטאַקוסן ; נאָר ביידע האָבן זיי געהאַט דעם זעלביקן אומקלאָרן באַ־וווסטזײַן, אַז ספּאַרטאַקוסן קען קיינער ניט אומברענגען. און ווײַל ביידע האָבן זיי אַפילע בלויז אַ שײַן אויפגעכאַפּט פון דער וואָרזאָגונג, זײַנען זיי ביידע גלײַך פאַרמישפּעט געווען.

V

(דײַן פרײַנט דער גראָבער לענטולוס באַטשיאַטאָ, האָט קראַסוס, דער קאָמאַנדאַנט געזאָגט, נאָר קאַיוס קראַסוס, דער יונגערמאַן, וואָס איז לעבן אים געלעגן אין בעט, האָט געדרעמלט און האָט געהאַט די אויגן פאַר־מאַכט... און געהערט האָט ער בלויז טיילן דערפון וואָס יענער האָט דער־ציילט. קראַסוס איז ניט געווען קיין גוטער דערציילער ; דאָס אַלץ איז גע־לעגן באַ אים אינעם מויעך, אינעם זיקאָרן, אין זײַן שרעק און אין זײַן האָפענונג. די שקלאַפן־מילכאָמע איז געווען פאַרענדיקט און אויך ספּאַר־טאַקוס איז געווען פאַרענדיקט. ווי לאַ ס אַ לאַ ר י אַ מיינט פרידן און ווילזײַן, רוימישער פרידן, וואָס האָט געבענטשט די ערד, און ער ליגט דאָרט אין בעט מיט אַ יונגן מענטשן. און פאַרוואָס ניט ? — האָט ער זיך געפרעגט — איז עס ערגער דערפון וואָס אַ סאַך גרויסע מענטשן האָבן געטאָן ?

(קאַיוס קראַסוס קלערט וועגן די אויפגעשטעלטע קרייצן אַפן וועג צווישן רוים און קאַפּוֹאַ, ווײַל ער איז ניט אינגאַנצן אײַנגעשלאָפן. אים האָט ניט געקימערט וואָס ער טיילט זײַן בעט מיט אַ גרויסן גענעראַל. זײַן דאָר האָט שוין קיין נויט ניט געהאַט ווייכער צו מאַכן די שולד פאַר דער ראַציאָ־נאַליזאַציע פון דעם האָמאָסעקסואַליזם. פאַר אים איז עס אַ נאָרמאַלע זאַך. די לײַדן פון זעקס טויזנט שקלאַפן וואָס זײַנען צעהאַנגען אַף די קרייצן לענגויס דעם וועג איז פאַר אים אויך אַ נאָרמאַלע זאַך. ער איז אַ סאַך גליקלעכער פון קראַסוסן, דעם גרויסן גענעראַל. קראַסוס, דער גרויסער גע־נעראַל, איז אַ מענטש, וואָס שיידים האָבן זיך אין אים באַזעצט; נאָר קראַ־סוס, דער יונגערמאַן פון פײַנעם יִיחוּס — ווײַטע קרויווים, קענטיק, מאַכ־מעס די קראַסוס־פאַמיליע איז דעמאָלט געווען איינע פון די צאָלרײַכסטע אין רוים — קעמפט ניט קעגן שיידים.

(עמעס איז, אַז דער טויטער ספּאַרטאַקוס איז פאַר אים אַ באַליידי־קונג. ער האָסט דעם טויטן שקלאַף. נאָר ער עפנט די אויגן און טוט אַ קוק אַף קראַסוסעס פינצטער געוואָרענעם פּאָנעם, און קען זיך ניט דערקלערן זײַן סיבּע.

(דו שלאָפסט ניט, — האָט קראַסוס געזאָגט, — נאָך אַלעמען, שלאָפסטו ניט, און דאָס איז די גאַנצע געשיכטע, ווי זי איז — אויב דו האָסט עפּעס געהערט פון איר — און פאַרוואָס האָסטו פײַנט ספּאַרטאַקוסן, וואָס איז שוין איצט טויט און אַף אייביק פאַרשוווּנדן?

(נאָר קאַיוס קראַסוס האָט זיך פאַרלוירן אין זײַנע אייגענע דערמאָ־נונגען. געווען איז עס מיט פיר יאָר צוריק און בראַקוס איז געווען זײַן פרײַנט. און ער איז געהאַט געפאָרן מיט בראַקוסן איבער דער ווִיאַ אַפּיאַ קיין קאַפּוּאַ און בראַקוס האָט אים געוואָלט געפעלן ווערן. און ווי קען מען נאָך בעסער גאַלאַנט, רײַך און פון דער ברייטער האַנט פאַרגעניגן אָנטאָן, ווי אָוועקזעצן אַף די קישנס אינעם צירק און ווײַזן ווי מענטשן שלאָגן זיך אַף טויט? צו יענער צײַט, מיט פיר יאָר צוריק, פיר יאָר פאַר אָט דער מאָדנער נאַכט אין ווילאַ סאַלאַריאַ, איז ער געזעסן אין איין טראָג־בעט מיט בראַקוסן און בראַקוס האָט אים געשמייכלט און האָט אים צוגעזאָגט ווײַזן די בעסטע געשלעגן וואָס מען קען זען אין קאַפּוּאַ... און אַז דער פּרײַז איז קיין שטער ניט. עס וועט זײַן בלוט אַף דער אָרענע און אין דער צײַט וואָס זיי וועלן קוקן וועלן זיי טרינקען ווײַן.

(און דעמאָלט איז ער געגאַנגען מיט בראַקוסן זען לענטולוס באַטשיאַ־טאָ, וואָס האָט געהאַט די בעסטע שול און האָט טרענירט די בעסטע גלאַ־דיאַטאָרן אין גאַנץ איטאַליע.

(און דאָס אַלץ, האָט קאַיוס געקלערט, איז געווען מיט פיר יאָר צוריק, פאַר דעם ווי עס האָט אויסגעבראָכן די שקלאַפן־מילכאָמע, פאַר דעם ווי עמעצער האָט אַפילע דערמאָנט דעם נאָמען ספּאַרטאַקוס. און איצט איז בראַקוס שוין טויט און אויך ספּאַרטאַקוס איז טויט, און ער, קאַיוס, ליגט אין בעט מיט דעם גרעסטן פון די רוימישע גענעראַלן).

ד ר י ט ע ט י י ל

וואָס דאָס איז די געשיכטע פון דער ערשטער רייזע קיין קאַפּואַ, וואָס מאַרקוס בראַקוס קראַסוס האָבן געמאַכט פיר יאָר פאַר דער וואַך־נאַכט אין ווילאַ סאַלאַריאַ, און פון דעם געשלעג צווישן די פיר גלאַדיאַטאָרן

I

אין אַ שיינעם פרילינגס־טאָג, ווען לענטולוס באַטשיאַטאָ, דער „לאַניסט", איז געזעסן באַ זיך אינעם ביוראָ און האָט פון צייט צו צייט אָפּגעגרעפּצט נאָך זיין היפּשן פרישטיק, וואָס האָט זיך באַקוועם צעלייגט באַ אים אינעם מאָגן, איז זיין גריכישער בוכפירער אַריינגעקומען און האָט אים צו וויסן געגעבן, אַז אין דרויסן וואַרטן אַף אים צוויי יונגע רוימער, און אַז זיי ווילן מיט אים ריידן מיקויעך אַרויספירן צום געשלעג אייניקע פּאָרלעך.

ביידע זאַכן, דאָס ביוראָ און דער בוכפירער — אַ וויל־דערצויגענער יאָנישער שקלאַף — האָבן געוויזן אַף באַטשיאַטאָס רייכקייט און האַצלאָכע. זיינע ערשטע טריט אַלס פּאָליטיקאַנט און אָרגאַניזאַטאָר פון גאַסן־געשלעגן, זיינע שפּעטערדיקע מאַמזערישע גענג, וואָס האָבן אים געהויבן פון פּאָזיציע צו פּאָזיציע אַף דינסט באַ דער אָדער יענער כאַשעווער פאַמיליע, און זיין אָרגאַניזאַטאָרישע פעיִקייט, אַ דאַנק וועלכער ער האָט געשאַפן איינע פון די מעכטיקסטע פּאָליטישע באַנדעס אין שטאָט, האָבן אים אַריינגעבראַכט גאַנץ ווילע רעוואָכים, און אַט די אָפּשפּאָרונגען, אַריינגעלייגטע אין אַ קליינער קאַפּוער גלאַדיאַטאָרן־שול, זיינען אים געווען האַצלאָכעדיק. ווי ער פלעגט אָפט ליב האָבן צו זאָגן, איז ער געריטן אַפן פערד פון דער צוקונפט. אַ פרויען־הענדלער וואָלט ווייט ניט אַוועק, און ניטאָ אַזאַ פּאָליטיקאַנט, וואָס זאָל זיין אַזוי קלוג און שטענדיק טרעפן וועלכער צאַד עס וועט געווינען. מעכטיקערע באַנדעס ווי זיינע זיינען אָפּגעווישט געוואָרן פון דער רוימישער סצענע צוליב דעם אומגעריכטן ניצאָכן פון אַ קעגנער אָדער צוליב דעם ווילדן צאָרן פון אַ נייעם קאָנסול.

פאַרקערט, די פּאָרלעך־געשלעגן, ווי מען פלעגט דאָס געוויינלעך רופן,

איז געווען אַ נײַ פעלד אַף אַרײַנצולייגן געלט און באַקומען רעוואָכים; געווען איז עס אַ לעגאַלער אייסעק; פון די דערלויבטע געשעפטן; און ווער נאָר עס וואָלט געקענט לייענען אין די צייכנס פון דער צײַט, וואָלט פאַרשטאַנען, אַז די געשלעגן זײַנען אין זייערע קינדער־יאָרן; אַז די דאָזיקע צופעליקע פאַרווײַלונג וועט גאָר גיך ווערן דער פסיכאָז, דאָס מעשרגאָס פון אַ גאַנצן סאָציאַלן סיסטעם. די פאָליטיקער האָבן זיך אַרומגעזען, אַז אויב מען קען ניט דערגרייכן דעם רום מיט אַ ניצאָכנדיקער מילכאָמע אין דער פרעמד, קען מען דאָס אייגענע דערגרייכן מיט אַ רעפּליק אין קליינעם מאָסשטאַב באַ זיך אין דער היים, און געשלעגן פון הונדערטער פאָרלעך אין פאַרלויף פון טעג און פון וואָכן, איז געוואָרן אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך. דער נאָכפרעג אַף טרענירטע גלאַדיאַטאָרן איז קיינמאָל ניט געזעטיקט און די פרײַזן שטײַגן אַלץ העכער און העכער. מען האָט אויפגעבויט שטיינערנע צירקן אין איין שטאָט נאָך דער צווייטער און צום לעצט, ווען מען האָט אין קאַפּואַ אויסגעבויט איינעם פון די גרעסטע און שענסטע צירקן אין איטאַליע, האָט לענטולוס באַטשיאַטאַ באַשלאָסן אַהין זיך אַרײַבערצוציִען און דאָרט עפענען אַ שול.

אָנגעהויבן האָט ער פון גאָר קליין, מיט אַ פּאָשעטן געשלעג־הויף, ווו ער פלעגט טרענירן פון מאָל צו מאָל אַ פּאָרל גלאַדיאַטאָרן; נאָר זײַנע געשעפטן האָבן זיך שנעל צעוואַקסן און איצט, אין פינף יאָר צײַט, האָט ער שוין אַ גרויסן אַנשטאַלט, ווו מען טרענירט און מען גיט פּלאַץ פאַר אַן ערעך הונדערט פּאָרלעך. ער האָט זײַנעם אַן אייגענעם בלאָק מיט שטיינערנע קאַמערן, זײַן אייגענעם ספּאָרט־פּלאַץ, זײַן באָד, זײַן טרענירונגס־קורס, און זײַן אייגענעם צירק פאַר פּריוואַטע ספּעקטאַקלען — ניט מיט אַזאַ פאַרנעם, נאַטירלעך, ווי די מעלוכישע אַמפיטעאַטערס, אָבער מיט פּלאַץ אַף צו באַזעצן אַן אוילעם פון פופציק ביז זעכציק פאַרשוין און גענוג ברייט דאָרט זאָלן זיך קענען שלאָגן דרײַ פּאָרלעך אַף אַ מאָל. אַ כוץ דעם האָט ער אײַנגעשטעלט גענוג לאָקאַלע פאַרבינדונגען מיט די מיליטערלײַט — אַ דאַנק אַ געהעריקן אונטערקויף — אַף צו האָבן גרייט צו יעדן מאָמענט אַ גענוגנדיקן קויעך רעגולערן מיליטער און אַזוי אַרום זיך אײַנשפּאָרן דעם אויסהאַלט פון אייגענער פּאָליציי. זײַנע קיכן שפּײַזן אַ קליינע אַרמיי, דערין די גלאַדיאַטאָרן, זייערע פרויען, די טרענירער, די הויז־שקלאַפן און די בעטן־טרעגער. דאָס הויז איז באַוווינט פון פיר הונדערט פאַרשוין. ער האָט גענוג גרונט צופרידן צו זײַן מיט זיך אַליין.

דאָס ביוראָ, ווו ער איז יענעם זוניקן פרילינגדיקן פרימאָרגן געזעסן, איז געווען דאָס לעצטע וואָס ער האָט זיך אײַנגעשאַפט. אין אָנהייב פון זײַן קאַריערע האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן פון יעדן אָנשטעל. ער איז ניט קיין פאַטריציער און פרעטענדירט ניט אויסצוזען ווי אַ פאַטריציער. נאָר מיט דעם שטײַגן פון זײַנע רעוואָכים, האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז ער מוז זיך פירן אין העסקעם מיט זיי. אָנגעהויבן האָט ער מיט אײַנקויפן גריכישע שקלאַפן און אינעם אײַנקויף איז אײַנגעשלאָסן געווען אַן אַרכיטעקטאָר און אַ בוכפירער. דער אַרכיטעקטאָר האָט אים אײַנגערעדט ער זאָל זיך אויסבויען

אַ ביוראָ אינעם גריכישן סטיל, מיט אַ פלאַטשיקן דאַך און מיט זײַלן, וואָס זאָל האָבן בלויז דרײַ ווענט און די פערטע זײַט זאָל בלײַבן אָפן צו דער פּערספּעקטיוו, וואָס זײַן סיטואַציע דערלויבט אים צו האָבן. מיט די טעפּיכער אונטערגעהויבן אַף אײַנעווייניק, איז אַ גאַנצע זײַט פון דער וווינונג געבליבן אָפן פאַר פרישער לופט און זון. דער מאַרמאָרנער פּאָל און דער שיינער ווײַסער טיש, באַ וועלכן ער האָט געפירט זײַנע געשעפטן, האָבן געוויזן אַף פײַנעם געשמאַק. די אָפענע זײַט איז געווען הינטער אים און געזעסן איז ער מיטן פּאָנעם צו דער אַרײַנגאַנג־טיר. אַכוצדעם האָט ער געהאַט אַ וווינונג פאַר זײַנע אָנגעשטעלטע און אַ וואַרט־זאַל. געווען איז עס אָן שום ספק אַ היפּשער שפּרונג, פון די גאַסן־געשלעגן צווישן די באַנדעס אין די רוימישע הינטערגאַסן.

דער בוכפירער האָט צוגעגעבן: צוויי זייערע... „ראָסילאַע". פּאַרפום, רוזש, רינגען און זייער טײַערע קליידונג. אַ סאַך געלט, נאָר „ראָסילאַע" און וועלן זיך פילן געשטערט. איינער איז נאָך איינגאַנצן אַ יינגל, באַ די איין און צוואַנציק, וואָלט איך געזאָגט. דער צווייטער באַמיט זיך אים צו געפעלן".

— הייס זיי אַרײַנגיין — האָט באַטשיאַטאַ געזאָגט.

אין אַ ווײַלע אַרום זײַנען די יונגעלײַט אַרײַנגעקומען און באַטשיאַטאַ האָט זיך פאַר זיי אויפגעשטעלט מיט איבערגעטריבענער העפלעכקייט און האָט זיי אָנגעוויזן אַף צוויי טאַבורעטן פאַרן טיש.

אין דער צײַט וואָס זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט, האָט באַטשיאַטאַ זיי שנעל און געניט דורכגענומען: זיי שמעקן מיט גווירעשאַפט, אָבער בלויז גענוג אַף ניט דאַרפן זיך דערמיט אויסשטעלן; יונגעלײַט פון פײַנע פאַמיליעס, אָבער ניט פון דער גרויסער טראַדיציע; דאָס וואָס זיי זײַנען, דערלויבט זיי בלויז געדולדעט צו ווערן אין אַ שטרענגער שטאָטישער שטאַמפאַמיליע; דער יינגערער, קאַיוס קראַסוס, איז שיין ווי אַ מיידל; בראַקוס, אַ ביסל עלטער און קרעפטיקער, שפּילט די ראָל פונעם דייע־זאָגער. ער האָט קאַלטע בלויע אויגן און זאַמד־קאָלירטע האָר, דינע ליפּן און אַ ציניש אויסדרוק. ער איז דער וואָס רעדט. קאַיוס באַגרענעצט זיך מיט בלויז הערן און קוקט אַף זײַן גוטן ברודער בלויז געלעגנטלעך, מיט רעספּעקט און באַוווּנדערונג. און בראַקוס רעדט וועגן גלאַדיאַטאָרן מיט אַ לײַכטער היימישקייט, ווי אַ ליבהאָבער פון דעם ספּאָרט.

— איך בין לענטולוס באַטשיאַטאַ, דער „לאַניסט", — האָט דער גראָבער פאַרשווין זיך אַליין מיט דעם פאַראַכטלעכן נאָמען באַטימלט און האָט זיך דערבײַ צוגעזאָגט, אַז דאָס וועט זיי קאָסטן ווייניקסטנס 5.000 דענאַריס נאָך איידער עס וועט נאַכט ווערן.

בראַקוס האָט פאָרגעשטעלטביידן און איז טייקעף צוגעטראָטן צום איניען. „מיר ווילן אַ פּריוואַטע דעמאָנסטראַציע פון צוויי פּאָרלעך".

— פאַר אײַך ביידן בלויז?

— פאַר אונדז און פאַר נאָך צוויי גוטע פרײַנט.

דער „לאַניסט" האָט ערנסט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און האָט זײַנע

ביידע גראָבע הענט צונויפגעלייגט אַזוי אַז מען זאָל זען זײַנע צוויי דימענטן, זײַן שמאַראַגד און זײַן רובין.

— דאָס קען מען אײַנאָרדענען, — האָט ער געזאָגט.

— אָף טויט, — האָט בראַקוס רויִק צוגעגעבן.

— וואָס ?

— אַזוי ווי איר הערט. איך וויל צוויי פּאָרלעך, טראַציער, אָף טויט.

— פאַרוואָס ? — האָט באַטשיאַטאָ געפרעגט. — פון וואַנען נעמט זיך עס וואָס איר, רוימישע יונגעלײַט, אַז איר קומט אַהער, מוז עס זײַן אָף טויט ? איר קענט זען גענוג בלוט און געשלעג פון דער זעלביקער קוואַליטעט... ניט קיין בעסערע !, און אַ געשלעג אָף אַנטשיידונג. צו וואָס אָף טויט ?

— ווײַל אַזוי געפעלט אונדז מער.

— דאָס איז ניט קיין ענטפער. הערט אײַך אײַן — האָט באַטשיאַטאָ צעעפנט די הענט ווי ער וואָלט זיי געבעטן קילע מעיושעוודיקייט און וויסנשאַפטלעכע נאָכקלערונג פון מענטשן באַהאַונטע. איר בעט טראַציער. איך האָב די בעסטע טראַציער שלעגער אין דער וועלט, נאָר קיין גוטן געשלעג און גוטע דעגן־אַרבעט וועט איר ניט זען, אויב איר ווילט אַ געשלעג אָף טויט. דאָס ווייסט איר בעסער פון מיר. און ס'איז גאַנץ פאַרשטענדלעך. איר צאָלט דערפאַר... איז גוט, איר דאַרפט בלויז זאָגן. איך קען אײַך צושטעלן אַ גאַנצן טאָג שפּיל מיט שפּיזן, אַזוינס וואָס מען האָט נאָך אין רוים ניט געזען. דעם עמעס זאָגן, קענט איר גיין אין טעאַטער און זען דאָס בעסטע פון דאָס בעסטע. נאָר אויב איר קומט צו מיר פון פערזענלעכן פאַרגעניגן וועגן, דעמאָלט פאַרטיידיק איך מײַן נאָמען. מײַן רעפּוטאַציע איז ניט פון קיין קאַצעוו. איך וויל אײַך צושטעלן גוטן געשלעג, די בעסטע געשלעגן וואָס מען קען באַקומען פאַר געלט.

— מיר ווילן גוטע געשלעגן, — האָט בראַקוס געזאָגט, — מיר ווילן געשלעגן אָף טויט.

— דאָס איז אַ ווידערשפּרוך !

— לויט אײַער אַרט דענקען, — האָט בראַקוס מילד געזאָגט. — אײַך ווילט זיך בלײַבן מיט ביידע זאַכן, מיט דעם געלט און מיט די גלאַדיאַטאָרן. ווען איך צאָל פאַר עפּעס, צאָל איך. איך קויף צוויי פּאָרלעך אָף טויט. און אויב איר ווילט מיך ניט באַדינען, וועל איך גיין ערגעץ אַנדערש.

— האָב איך אײַך דען געזאָגט, אַז איך וויל אײַך ניט באַדינען ? איך וויל אײַך באַדינען בעסער ווי איר שטעלט אײַך פאָר. אויב איר פאַרלאַנגט, קען איך אײַך געבן אומאיבערגעריסענע סעריעס פון צוויי פּאָרלעך פון אינדערפרי ביז אין דער נאַכט. איך וועל זיי בײַטן, אויב אַ פּאָרל וועט זײַן צו שטאַרק צעשעדיקט. איך וועל אײַך צושטעלן וויפל נאָר בלוט און עמאָציע איר און אײַערע דאַמען פאַרלאַנגען און איך וועל בײַ אײַך נעמען דערפאַר ניט מער ווי 8.000 דענאַריס פאַרן גאַנצן. דאָס שליסט אײַן עסן, ווײַן און באַדינונג, וועלכע איר אַליין ווילט.

— איך ווייסט שוין וואָס מיר ווילן. איך האָב ניט ליב דינגען זיך, — האָט בראַקוס געזאָגט.

— גוט. דאָס וועט אײַך קאָסטן 25.000 דענאַריס.

קאַיוס איז שטיין געבליבן אַ דערשיטערטער, ריכטיקער, אַ דערשראָקענער פאַר דער גרויסער ציפער. נאָר בראַקוס האָט די אַקסלען געהויבן.

— זייער גוט. זיי וועלן זיך מוזן שלאָגן נאַקעטערהייט.

— נאַקעט?

— אָט אַזוי ווי איר הערט, „לאַניסטע".

— גוט.

— און איך האָב פּײַנט שפּיצלעך... אַ פּאָר שטעך, זיך געוואָרפן אַף דער ערד און קלוימערשט טויט. אויב ביידע וועלן פאַלן, זאָל איינער פון אײַערע טרענירער זיי דערענדיקן. און זיי דאַרפן דאָס פאַרשטיין.

באַטשיאַטאָ האָט צוגעשטימט.

— איך וועל אײַך געבן צען טויזנט אַן אַדערויף און דאָס איבעריקע ווען די פּאָרלעך וועלן פאַרענדיקן.

— גוט. זײַט אַזוי גוט, צאָלט אײַן מײַן בוכפירער. ער וועט אײַך געבן אַ קאַבאָלע־צעטל און וועט אויפשרײַבן דעם קאָנטראַקט. איר ווילט זיי אָנקוקן פאַרן אוועקגיין?

— קענען מיר האָבן דעם ספּעקטאַקל אינדערפרי?

— אינדערפרי?... יאָ. נאָר איך מוז אײַך וואָרענען, אַז דער מין געשלעג ענדיקט זיך זייער שנעל.

— טוט מיר אַ טויווע, „לאַניסטע", און וואָרנט מיך ניט, — ער האָט זיך אומגעדרייט צו קאַיוסן און אים אַ פרעג געטאָן: „ווילסט זיי זען, יינגל?"

קאַיוס האָט אומדרייסט אַ שמייכל געטאָן און האָט צוגעשטימט. זיי זײַנען אַרויסגעגאַנגען פונעם ביוראָ, און ווי נאָר בראַקוס האָט באַצאָלט און האָט אונטערגעשריבן דעם קאָנטראַקט, האָבן זיי זיך אַרײַנגעזעצט אין אַ טראָגבעט און מען האָט זיי צוגעטראָגן צום ספּאָרט־פּלאַץ. קאַיוס האָט די אויגן ניט געקענט אָפּרײַסן פון בראַקוסן. ער האָט נאָך ניט געזען אַזאַ וווּנדערלעכע אויפפירונג פון אַ מענטשן. ניט נאָר צוליב די 25.000 דענאַריס, דעמאָלט ווען די טויזנט דענאַריס וואָס ער באַקומט כוידעשלעך אַף זײַנע הוצאָעס, ווערן באַטראַכט פון יעדן איינעם וואָס קען זיך דערויף, פאַר אַ גאָר לײַטישער סומע, נאָר צוליב דעם אופן ווי ער וואַרפט זיך מיט געלט, ווי זאָרגלאָז ער רעדט וועגן מענטשלעכע לעבנס. קאַיוס האָט געהאַט אַספּיראַציעס צו צינישער גרינגשאַצונג, און אָט די באַנעמונג האָט ער באַטראַכט פאַר אַ הויכן ניוואָ פון קאָסמאָפּאָליטיזם, קאָמבינירט, אין דעם פאַל, מיט וווּנדערלעך קאַלטער סאָפיסטיקאַציע. טויזנט יאָר ווען ער לעבט, וואָלט ער ניט געהאַט דעם קוראַזש צו פאָדערן אַז די גלאַדיאַטאָרן זאָלן זיך שלאָגן נאַקעטע; און דאָס איז איינער פון די מאָטיוון צוליב וועלכע זיי זײַנען געפאָרן האָבן דעם ספּעקטאַקל פון זייער פּריוואַטן פאַרגעניגן וועגן אין קאַפּואַ, אַנשטאָט צו גיין אין רוימישן צירק.

באַם ספּאָרט־פּלאַץ האָבן די שקלאַפן אַראָפּגעשטעלט דאָס טראָגבעט. דער ספּאָרט־פּלאַץ איז געווען אַרומגענומען מיט אײַזערנע שטאַכעטן פופציק מעטער די לענג אַף פופציק די ברייט. דער אײַזערנער צאַם האָט אים אַרומגענומען בלויז פון דרײַ זײַטן, די פערטע איז באַשטאַנען פון קאַמערן געמאַכט אין שטיינערנע בלאָקן, ווו די גלאַדיאַטאָרן האָבן געווױנט. קאַיוס האָט אויפגעכאַפּט, אַז די דאָזיקע קונסט איז אַ סאַך געפערלעכער ווי דרעסירן און האָדעווען ווילדע כאַיעס; וואָרעם אַ גלאַדיאַטאָר איז ניט נאָר אַ געפערלעכע כאַיע, נאָר אַ כאַיע וואָס קען אויך טראַכטן. אַ געפיל פון מוירע און גערייצטקייט אין דער זעלבער צײַט האָט אים אויפגעשוידערט ווען ער האָט באַטראַכט די מענטשן אַפן ספּאָרט־פּלאַץ. אַן ערעך הונדערט זײַנען זיי געווען, צוגעדעקט די לענדן און ניט מער; ריין געראַזירטע, די האָר געשוירן ביז צום קאָפּ, און די גענייטונגען האָבן זיי געמאַכט מיט הילצערנע שטעקנס און בולאַוועס. אומגעגאַנגען זײַנען צווישן זיי אַן ערעך זעקס טרענירער און, ווי טרענירער בּיכלאַל, זײַנען זיי געווען אַלטע וועטעראַנען פון דער אַרמיי. די טרענירער האָבן געטראָגן אַ קורצע שפּאַנישע שווערד אין איין האַנט און אַ שווערע בראָנדזענע הענטשקע אין דער צווייטער און געטראָטן האָבן זיי געהיט און פּאָרזיכטיק, נערוועזיש און אָנגעשפּיצט. אַ ראָטע רעגולערע זעלנער איז צעוואָרפן געווען, אָפּגערוקט איינער פונעם צווייטן אַרום דעם צאַם, מיט זייערע שווערע, טויט־טראָגנדיקע „פּילאַס" און אָנגעווייעט אויסערגעוויינלעכע דיסציפּלין. עס איז זיך ניט צו וווּנדערן, האָט קאַיוס געטראַכט, וואָס דער טויט פון אַ פּאָר זייערע קאָסט אַזוי טײַער. די גלאַדיאַטאָרן האָבן באַרימעריש געוויזן זייער מוירעדיקע מוסקולאַטור און די פּאַנטערע־גראַציע פון זייערע באַוועגונגען. אין אַלגעמיינע שטריכן, האָט מען זיי געקענט אײַנטיילן אין דרײַ טיפּן. די דרײַ טיפּן שלעגער, וואָס זײַנען אין יענער צײַט אַזוי באַרימט געווען אין איטאַליע. געווען זײַנען עס די טראַציער — אַ קלאַסיפיקאַציע מער פון פּראָפעסיאָנעלן ווי פון ראַסן־טיפּ, וואָרעם געווען זײַנען צווישן זיי אַ סאַך ייִדן און גריכן — און געווען זײַנען זיי דעמאָלט די צום מערסטן געפּאָדערטע. זיי פלעגן זיך שלאָגן מיט די „סיקאָס" — אַ קורצער און לײַכט אויסגעקרומטער דעגן, אַ געווער וואָס מען האָט מערסטנס גענוצט אין טראַציע און אין ערעציסראָעל, פון וואַנען די מערסטע זייערע האָבן געשטאַמט; די „רעטאַריס" האָבן גראָד דעמאָלט אָנגעהויבן באַרימט צו ווערן, און געשלאָגן האָבן זיי זיך מיט צוויי מאָדנע געווערן, אַ פישנעץ און אַ לאַנגע דרײַשפּיציקע שפּיז, וואָס מען האָט גערופן „טרידענס". אין דער קאַטעגאָריע פלעגט באַטשיאַטאָ מער ווי אַלץ באַשטימען די אַפריקאַנער, הויכע שוואַרצע מענטשן מיט לאַנגע גלידער, געקומענע פון עטיאָפּיע און אַקעגנשטעלן פלעגט מען זיי די „מורמילאָנען", אַ ברייטע קאַטעגאָריע שלעגער, וואָס האָט זיך גענוצט בלויז מיט אַ שווערד אָדער מיט אַ שווערד און אַ שיך־בלעך. די „מורמילאָנען" זײַנען קימאַט שטענדיק געווען גערמאַנער אָדער גאַלן.

— קוק זיי אָן, — האָט בראַקוס אָנגעוויזן אַף די נעגערס, — זיי זײַנען דער מערקווירדיקסטער ספּעקטאַקל און די פלינקסטע שלעגער, נאָר דאָס

קען ווערן לאַנגווײַליק. ווײַל מען זען דאָס בעסטע פון דאָס בעסטע, דאַרף מען זען די טראַציער. ווי מיינט איר? — האָט ער געפרעגט באַטשיאַטאָן.

דער „לאַניסט" האָט געהויבן די אַקסלען. „יעדער איינער האָט זיך זײַנע מײַלעס".

— שטעלט מיר אַ טראַציער אַקעגן אַ נעגער.

באַטשיאַטאָ האָט אים אַ ווײַלע אָנגעקוקט און דערנאָך האָט ער אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ: „ס'איז קיין פאַרגלײַך ניט. דער טראַציער טראָגט בלויז אַ דעגן".

— אַט דאָס וויל איך, — האָט בראַקוס געזאָגט.

באַטשיאַטאָ האָט ווידער אַ הייב געטאָן די אַקסלען, האָט געוואָרפן אַ בליק צו איינעם פון די טרענירער און האָט אים מיט אַ צייכן צוגערופן. אַ פּאַרקישעפּטער, האָט קאַיוס באַטראַכט די שטריכן פון די גלאַדיאַטאָרן אין דער צײַט ווען זיי האָבן געמאַכט זייערע געניטונגען. די ייִדן און די טראַציער האָבן געאַרבעט מיט די דעגנס, ווי זיי וואָלטן געטאַנצט, זיי האָבן גענוצט קורצע שטעקלעך און אַ הילצערנעם קליינעם שילד, בעיס די נעגערס האָבן געהאַט זייערע פישנעצן און לאַנגע הילצערנע שפּיזן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי די בעזעם־שטעקנס, און די ריזיקע בלאָנדע גערמאַנער און גאַלן האָבן געפאָכטן מיט הילצערנע שווערדן. ער האָט נאָך אַף זײַן לעבן ניט געזען מענטשן אין אַזאַ גוטן צושטאַנד, אַזוי פלינק און גראַציעז, לעפּאַנעם אומפאַרמאַטערלעך, ווי אַט די וואָס טאַנצן, אַ טראָט אַהער, אַ טראָט אַהין, און ווידער דאָס אייגענע. באַלויכטענע פון דער זון הינטער די אײַזערנע שטאַכעטן, האָט זיך אַפילו צו קאַיוסן — צו דעם אַרעמען, קרומען און פאַרדאַרבענעם געוויסן — דערטראָגן פון זיי אַ מיטלײַד־געפיל, וואָס אַזעלכע פּרעכטיקע שפּרודלדיקע לעבנס ווערן גענוצט בלויז צו דער שכיטע. דאָס האָט אָבער בלויז אַ פינקל געטאָן אין אים; קאַיוס האָט נאָך ביז דערמאָלט ניט געהאַט אַזאַ געשפּאַנטע רייצונג און דערוואַרטונג פון עפּעס וואָס קומט. דער לאַנגווײַל האָט זיך אין אים אַרײַנגעכאַפּט נאָך ווען ער איז אַ קינד געווען. איצט לאַנגווײַליקט ער זיך ניט.

דער טרענירער האָט אויפגעקלערט: „דער דעגן האָט אַ שאַרף בלויז פון איין זײַט. פאַלט דער דעגן אַרײַן אין דער פישנעץ, אַזוי איז אויס מיט דעם טראַציער. אין אונדזער שול האַלטן מיר עס פאַר אַ פאַלשער פּראַקטיק. ניטאָ קיין קאָנקורענץ צווישן ביידן".

— ברענג זיי אַהער, — האָט באַטשיאַטאָ טרוקן געזאָגט.

— פאַרוואָס ניט מיט אַ גערמאַנער?...

— איך צאָל פאַר זען טראַציער, — האָט בראַקוס קאַלט געזאָגט, — און שפּאָרט אײַך ניט מיט מיר!

— האָסט געהערט, — האָט דער „לאַניסט" געזאָגט.

דער טרענירער האָט געטראָגן אַ זילבערן פײַפל אַפן האַלדז אָנגעהאַנגען. ער האָט דערמיט דרײַ מאָל אַ פײַף געטאָן און די גלאַדיאַטאָרן האָבן זיך אָוועקגעשטעלט אין דער פאָזע פון אָפּרו.

— וועלכן ווילסטו? — האָט באַטשיאַטאָ געפרעגט.

— דראַבאַ.

— דראַבאַ! — האָט דער טרענירער אַ רוף געטאָן.

איינער פון די נעגערס האָט זיך אומגעדרייט און האָט צו זיי צוגע־שפּאַנט און געשלעפּט נאָך זיך זײַן פישנעץ מיט דער שפּיז. אַ ריז איז ער געווען און זײַן שוואַרצע הויט האָט געגלאַנצט פון שווייס.

— דאַוויד!

— דאַוויד! — האָט אַ רוף געטאָן דער טרענירער.

דער איז געווען אַ ייִד, אַ מאָגערער יונג מיט אַ פּאָנעם פון אַ שפּאַר־בער, דינע ביטערע ליפּן און גרינע אויגן אָף אַ גוט געראַזירטן פּאָנעם, אַ צעגאַרבטן פון דער זון. דעם הילצערנעם דעגן האָט ער געהאַלטן מיט טאַנ־צנדיקע פינגער, וואָס האָבן זיך ראַק אײַנגעצויגן און אויסגעצויגן און גע־קוקט האָט ער אָף די וויזיטירער ווי ער וואָלט זיי ניט געזען.

— אַ ייִד — האָט בראַקוס אָנגעוויזן קאַיוסן — האָסט שוין אַמאָל געזען אַ ייִדן?

קאַיוס האָט געדרייט מיטן קאָפּ.

— דאָס וועט דיך פאַרכאַפּן. ייִדן אַרבעטן זייער גוט מיט דעם „סיקאַ״. דאָס איינציקע וואָס זיי קענען אין געשלעג. נאָר זיי מאַכן עס זייער גוט.

— פּאָלעמוס.

— פּאָלעמוס! — האָט אַ רוף געטאָן דער טרענירער. דער איז געווען אַ טראַציער, זייער אַ יונגער, מיט אַן אָנגענעמען און שיינעם פּאָנעם.

— ספּאַרטאַקוס.

דער האָט צוגעשפּאַנט צו די אַנדערע דרײַ. אַלע פיר זײַנען דאָרט פאַרבליבן, אָפּגעטיילט פון די צוויי יונגע רוימער, פונעם „לאַניסט״ און פון די בעטן־טרעגער, מיט די אײַזערנע שטאַבעטן פונעם ספּאָרט־פּלאַץ. קאַיוס האָט אָף זיי אַ קוק געטאָן און האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ האַנדלט זיך בעעמעס וועגן עפּעס נײַס, עפּעס אַנדערשדיקס, אומגעוויינטלעכס און שרעקלעכס. ניט נאָר האָט ער דאָס דערזען פון זייער רוגזעדיקער און באַ־ליידיקטער מענערישקייט — אַ מענערישקייט, וואָס האָט אינעם קרײַז פון זייערע פרײַנט, קימאַט קיינמאָל זיך ניט געלאָזט פילן — נאָר פון דעם אויפן ווי זיי האָבן זיך, אים פאַר די אויגן, אין זיך פאַרקליבן. געווען זײַנען עס מענטשן טרענירטע צום שלאָגן זיך און צום הארגענען, ניט ווי עס שלאָגן זיך זעלנער, און ניט ווי כאַיעס, נאָר ווי גלאַדיאַטאָרן, וואָס דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש: געזען האָט ער פאַר זיך פיר שרעקאָנוואָרפּנ־דיקע מאַסקעס.

— ווי געפעלן זיי אײַך? — האָט באַטשיאַטאַ געפרעגט.

קאַיוס וואָלט אָף זײַן לעבן נישט געקענט אַפילו איין וואָרט אַרויס־ברענגען, נאָר בראַקוס האָט קאַלט געזאָגט:

— אַלע געפעלן זיי מיר, אַכוץ דעם וואָס מיט דער אײַנגעבראָכענער נאָז, ער זעט ניט אויס ווי קיין שלעגער.

— אויסערלעכקייטן גענאַרן, — האָט אים באַטשיאַטאַ אָנגעמערקט,

— דאָס איז ספּאַרטאַקוס. זייער אַ גוטער שלעגער, זייער אַ שטאַרקער און זייער אַ פלינקער.

— אַקעגן וועמען וועט איר אים אַוועקשטעלן ?

— אַקעגן דעם שוואַרצן, — האָט באַטשיאַטאָ געענטפערט.

— זייער וווּיל. איך וויל האָפן ער זאָל די ווערט האָבן וואָס ער קאָסט — האָט בראַקוס געזאָגט.

אָט ווען און וויאַזוי קאַיוס האָט געזען ספּאַרטאַקוסן; כאָטש, נאָך פּאַר פיר יאָר, האָט ער פאַרגעסן די נעמען פון די גלאַדיאַטאָרן און האָט בלויז געדענקט די זון, דעם גערוך און די רעגונגען פון יענעם אָרט, און דעם גערוך פון יענע מענטשן, וואָס דער שווייס האָט זיך פון זיי געגאָסן.

II

וואַריניע איז עס וואָס ליגט אָ וואַכע אין דער פינצטער און איז די גאַנצע נאַכט ניט איינגעשלאָפן; נאָר ספּאַרטאַקוס, וואָס ליגט לעבן איר, שלאָפט. ווי טיף און ווי שטאַרק ער שלאָפט! זיין מילדער אָטעם־פלוס, דאָס איינאָטעמען און אויסאָטעמען פון דער לופט, וואָס זי איז דער ברעך־שטאָף, וואָס שפּייזט דעם אינערלעכן לעבנס־פייער, איז רעגולערער ווי קיינמאָל, ווי אַלע צופלוסן און אָפּפלוסן פון דער לעבנס־וועלט, און וואַריניע טראַכט דערפון און זי ווייס, אַז אַלץ וואָס רוט אין פרידן און איז צוגעבונדן צום לעבן, איז פונקט אַזוי רעגולער, צי דאָס איז דער געוויג פון די כוואַליעס, דער לויף פון די יאָרן אָדער דער רייב פונעם איי אין איר לייב.

נאָר ווי איז עס מעגלעך אַ מענטש זאָל אַזוי שלאָפן ווען ער ווייס וואָס אים שטייט פאָר ווען ער וועט אויפשטיין? ווי קען ער שלאָפן אָפּן דאַנד פונעם טויט? פון וואַנען נעמט זיך זיין רו?

וואַריניע באַרירט אים זייער שטיל, אַזוי שטיל ווי מעגלעך. זי גלעט אים די הויט, דאָס לייב, די גלידער בעייס ער ליגט אין דער פינצטער. זיין הויט איז עלאַסטיש און פריש און פול לעבן; די מוסקולן זיינען שטייף, די גלידער באַכגעלאָזן, רויק. דער שלאָף איז טייער; שלאָפן מיינט פאַר אים לעבן.

(שלאָף, שלאָף, מיין געליבטער, מיין ליבער, מיין טייערער, מיין גוטער, מיין שרעקלעכער... שלאָף. שלאָף און היט דיינע קויכעס, מאַן מיינער, מאַן מיינער).

צאַרט און געהיט, ווי אַ געפּליסטער, איז איר גאַנצער באַנעמען זיך. וואַריניע דריקט זיך צו אים און איר לייב ווערט וואָס וויטער אַלץ מער איינס מיט זיינעם. אירע לאַנגע גלידער זיינען צו זיינע צוגעדריקט, איר פולע ברוסט רוט אינגאַנצן אָף זיינער און צום לעצט באַרירט איר פּאָנעם זיין פּאָנעם, באַק צו באַק, אירע גאָלדענע האָר ווי אַ גאָלדענע קרוין צע־שאָטן איבער אים. זי מינערט איצט זיין שרעק מיט דערמאָנונגען פון ליבע, וואָרעם ניט גרינג איז אַז שרעק און ליבע זאָלן הויזן אינאיינעם.

(איינמאָל האָט זי זיך צו אים אָנגערופן: „איך וויל דו זאָלסט עפעס טאָן. איך וויל דו זאָלסט טאָן אַזוינס וואָס מיר טוען אין אונדזער שייוועט, ווײַל מיר גלייבן אין עפעס.“ ער האָט אַ שמייכל געטאָן: „וואָס גלייבט מען בײַ אײַך אינעם שייוועט?“ זי האָט אים געזאָגט: „דו וועסט לאַכן.“ און ער האָט איר דערויף געענטפערט: „איך לאַך דען? האָב איך אַמאָל געלאַכט?“ דעמאָלט האָט זי אים געזאָגט: „בײַ אונדז אין שייוועט גלייבט מען, אַז די נעשאָמע גייט אַרײַן דורך דער נאָז און דורכן מויל, אויסגעמישט מיט דער לופט, ביסלעכווײַז. דו לאַכסט.“ און ער האָט איר געזאָגט: „איך לאַך ניט פון דיר. איך שמייכל פון די וואונדערלעכע זאַכן אין וואָס מענטשן גלייבן“. און דערויף האָט זי געענטפערט: „דאָס איז דערפאַר וואָס דו ביסט אַ גריך, און די גריכן גלייבן ניט אין גאָרניט“. ער האָט איר געזאָגט, אַז ער איז ניט קיין גריך, נאָר אַ טראַציער, און אַז עס איז ניט עמעס, אַז גריכן גלייבן ניט אין גאָרניט; פאַרקערט, די גריכן גלייבן אין די בעסטע און שענסטע זאַכן אין וואָס מענטשן קענען גלייבן. דערויף האָט זי געענטפערט, אַז איר גייט ניט אָן אין וואָס די גריכן גלייבן, נאָר צי וויל ער טאָן וואָס מען טוט בײַ זיי אינעם שייוועט. צי וויל ער צולייגן זײַן מויל צו אירן און אַרײַנאָטעמען זײַן נעשאָמע אין איר? און דערנאָך זאָל זי אים אַרײַנאָטעמען אינעם מויל און זייערע נעשאָמעס זאָלן ווערן פאַראייניקט אַף אַלע אייביקייטן און זיי זאָלן ווערן איין מענטש אין צוויי לײַבער, צי עפשער האָט ער מוירע? און ער האָט איר דערויף געענטפערט: „קענסטו דיר פאָרשטעלן אַזוינע זאַכן, וואָס איך זאָל פאַר זיי מוירע האָבן?“

זי ליגט מיט אים אַפן דינעם מאַטראַץ אויסגעשפרייט אַף דער ערד פון זייער קאַמער. די קאַמער איז זייער שטוב. די קאַמער איז זייער פאַלאַץ. זייער גאַנץ געמיינזאַם לעבן איז דורכגעגאַנגען אין דער שטיינערנער מאַלינע, וואָס איז צוויי מעטער אַף דרײַ די גרייס און האָט ניט מער ווי אַ נאַכט־טאָפ און אַ מאַטראַץ. נאָר אַפילע אָט די זאַכן זײַנען ניט זייערע, קיין זאַך באַלאַנגט ניט צו זיי און זיי אַליין באַלאַנגען ניט צו זיך, און זי ליגט איצט לעבן אים, זי באַרירט אים דאָס פאָנעם און די גלידער און זיפצט איצט צערטלעך זיס... זי, וואָס קיינע האָט זי נאָך ניט געזען וויינען בײַ דער שײַן פון טאָג.

(— איך גיב ניט קיין ווײַבער איך לײַ זיי נאָר אויס, — פלעגט באַטשיאַטאָ ליב האָבן צו זאָגן, — איך לײַ זיי אויס מײַנע גלאַדיאַטאָרן. אַ גלאַדיאַטאָר אַף דער אַרענע טויג ניט אויב זײַנע געשלעכט־טיילן זײַנען אײַנגעצויגן. אַ גלאַדיאַטאָר איז ניט קיין בעט־טרעגער. אַ גלאַדיאַטאָר איז אַ מאַן, און אויב ער איז ניט קיין מאַן, וועט קיינער פאַר אים קיין צען דענאַריס ניט געבן. און אַ מאַן דאַרף האָבן אַ ווײַב. איך קויף די אומגעצוימטע, ווײַל זיי זײַנען ביליק. און אויב איך קען זיי ניט צוימען, וועלן דאָס מײַנע יונגען טאָן).

די נאַכט גייט אַדורך און די ערשטע גרויע שײַן פונעם באַגינען קומט אַרײַן אין דער צעל. ווען וואַריניע זאָל זיך אויפשטעלן אין איר פולער הייך, וואָלט איר קאָפ דערגרייכט צו דעם איינציקן פענצטער וואָס איז

פֿאַראַן אין דער קאַמער. ווען זי וואָלט אַרויסגעקוקט פֿון דער קאַמער, וואָלט זי געזען דעם אַרומגעצוימטן ספּאָרט־פּלאַץ און הינטער אים די אײַנגעשלאָפֿענע זעלנער, וואָס האַלטן טאָג ווי נאַכט די וואַך. דאָס ווייס זי זייער גוט. קאַמער און קייטן זײַנען ניט דאָס נאַטירלעכע אין איר לעבן, ווי נאַטירלעך זיי זײַנען אינעם לעבן פֿון ספּאַרטאַקוסן.

(אַט די אַנטשלאָסענע פֿרוי האָט באַטשיאַטאָן פֿאַרשאַפֿט אַנגסט און גענוס. זײַנע אַגענטן האָבן זי געקויפֿט אין רוים פֿאַר זייער ביליק, פֿאַר בלויז 500 דענאַריס, אַזוי אַז ער האָט געוווסט, אַז ס׳איז שווער די סכוירע זאָל זײַן אַן אומבאַפֿלעקטע. נאָר פֿון בלויזן אַ קוק טאָן אַף איר, איז ער פֿול געוואָרן מיט אַנגסט און גענוס. וואָרעם געווען איז זי הויך און שלאַנק, ווי עס טרעפֿט מיידלעך באַ די גערמאַנישע שוואָטים, און באַטשיאַטאָ האָט באַוווּנדערט הויכע און שלאַנקע פֿרויען. דערצו איז זי געווען יונג, ניט מער ווי צוואַנציק אָדער איין און צוואַנציק יאָר אַלט, און באַטשיאַטאָ איז באַצויבערט געווען פֿון יונגע פֿרויען. און נאָך עפּעס. געווען איז זי זייער שיין און האָט געהאַט אַ בלאָנדן קאָפּ האָר, און באַטשיאַטאָ האָט שטאַרק געהאַלטן פֿון שיינע פֿרויען מיט פֿײַנע האָר. עס איז דערום ניט שווער צו פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס זי האָט פֿול געמאַכט דעם „לאַניסטע" מיט אַנגסט און פֿאַרגעניגן.

(נאָר איר פּנים האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי נאָר ער האָט זי געוואָלט נעמען. זי איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ווילדער קאַץ, און אַ מאָנסטערדיק ווען, וואָס בריקעט און שפּײַט, וואָס גראַבלט און בײַסט, און מאַכמעס געווען איז זי גרויס און שטאַרק, איז עס אים שווער אָנגעקומען זי צו צעקלאַפּן אַזוי אַז זי זאָל בלײַבן אין אָנמאַכט. בעייטן גערנאַנגל, זײַנען אַלע ווערטפֿולע זאַכן, וואָס זײַנען געווען אינעם שלאָפֿצימער, צעבראָכן געוואָרן אַף שטיקלעך, צווישן די זאַכן, אַ שיינער גריכישער קרוג, וואָס מיט אים האָט ער זי אַזוי לאַנג געשלאָגן ביז ער האָט זי אײַנגעשטילט, זײַן צאָרן און אַנטוישונג זײַנען געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט זיך געהאַלטן פֿאַר גאַנץ באַרעכטיקט זי צו דערהאַרגענען. נאָר ווען ער האָט צוגערעכנט די טײַערע קרוגן, די לאָמפּן און די סטאַטועטקעס, צום פּרײַז וואָס ער האָט פֿאַר איר באַצאָלט, האָט ער געזען, אַז דאָס פֿאַרגעניגן פֿון לאָזן זיך באַהערשן פֿונעם צאָרן, וועט אים צו טײַער קאָסטן. זײַן אָרנטלעכקייט האָט אים אויך ניט געלאָזט פֿאַרקויפֿן פֿאַר דעם פּרײַז אַ פֿאַלשע סכוירע. עפּשער איז עס דערפֿאַר וואָס ער האָט זײַן קאַריערע אָנגעהויבן אַלס פֿרויען־הענדלער. באַטשיאַטאָ האָט שטאַרק געהאַלטן פֿון סאָכרישער עטיק. ער האָט זיך באַרימט דערמיט, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל ניט אָפּגענאַרט מיט קיין פֿאַלשער סכוירע. ער האָט זי דערום איבערגעלאָזט פֿאַר די גלאַדיאַטאָרן זיי זאָלן זי צוימען. און מאַכמעס שוין דעמאָלט האָט ער געפֿילט אַ אומזיניקע אַנטיפּאַטיע צו דעם מאָדנעם שטילן טראַציער מיטן נאָמען ספּאַרטאַקוס — וואָס זײַן שאַפֿענע אויסערלעכקייט האָט אויסבאַהאַלטן דאָס פֿײַער, וואָס ווערט רעספּעקטירט פֿון אַלע גלאַדיאַטאָרן אין זײַן שול — האָט ער אים אויסגעוויילט איר פֿאַר אַ כאַווער).

(ווען ער האָט וואַריניען אַרײַנגעפירט צו ספּאַרטאַקוסן, האָט ער אים אָנגעוויזן: „דאָס איז די כאַווערטע, וואָס מיט איר וועסטו ווױנען. גיב איר קינדער אָדער ניט, ווי דו ווילסט. זע זי זאָל דיר געהאָרכן, נאָר צעשעדיק זי מיר ניט און מאַך זי מיר ניט פאַר קיין קאַליקע“. אָט דאָס האָט ער געזאָגט ספּאַרטאַקוסן, בעייס ספּאַרטאַקוס איז געשטאַנען שטיל און אומבאַוועגט און האָט רויִק געקוקט אַף דעם גערמאַנישן מיידל. וואַריניע איז באַ יענער געלעגנהייט ניט געווען שיין. זי האָט געהאַט צוויי שראַמען אַפן פּנים, איין אויג איז געווען אויפגעלאָפן, קימאַט פאַרמאַכט, אַ געלס און אַ פּורפּורדיקס. אויך האָט זי געהאַט גרינע און פּורפּורנע בײַלן אַפן שטערן און סיניאַקעס אַפן נאַקן און אַף די אָרעמס. „זע וואָס דו באַקומסט“, — האָט באַטשיאַטאָ אים געזאָגט און האָט פון איר אַראָפּגעריסן די שוין צעריסענע קליידער, וואָס ער האָט איר געהאַט געגעבן, און דאָס מיידל איז שטיין געבליבן אַ נאַקעטע פאַר ספּאַרטאַקוסן. אין דעם מאָמענט האָט ספּאַרטאַקוס אַף איר אַ קוק געגעבן און האָט זי ליב באַקומען, ניט פאַר איר נאַקעטקייט, נאָר דערפאַר וואָס אָן קליידער איז זי ניט געווען נאַקעט און האָט זיך אויך ניט געקנייטשט און האָט זיך ניט געפּרוווט פאַרדעקן מיט די אָרעמס. נאָר איז שטיין געבליבן אַ פּאָשעטע און אַ שטאָלצע, האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין אַנגסט און קיין לײַדן, האָט ניט געקוקט אַף אים און ניט אַף באַטשיאַטאָן, נאָר פאַרטיפט האָט זי זיך אין זיך, האָט אַרײַנגעקוקט אין איר נעשאָמע, אין אירע כאַלוימעס, און האָט דאָס אַלץ אין זיך אײַנגעהאַלטן, ווײַל זי האָט באַשטימט אַוועקצוגעבן איר לעבן, וואָס האָט שוין פאַר איר קיין שום ווערט ניט געהאַט. זײַן האַרץ איז אַוועק זי זוכן).

(יענע נאַכט האָט זי זיך האַכנאָעדיק פאַררוקט אין אַ ווינקל פון דער קאַמער, און ער האָט איר ניט געשטערט און האָט זיך דעם מינדסטן קער ניט געטאָן אין איר זײַט, און נאָר אַ פרעג געטאָן ווען עס האָט גענומען קיל ווערן: „דו רעדסט לאַטיין, מיידל?...“ קיין איין ענטפער איז ניט געווען. און דעמאָלט האָט ער איר געזאָגט: „איך וועל ריידן צו דיר לאַטיין, ווײַל איך קען ניט קיין גערמאַניש, און ווײַל ס'איז קיל געוואָרן, וואָלט איך וועלן זאָלסט נוצן מײַן מאַטראַץ, מיידל...“ נאָר אויך דערויף איז קיין ענטפער ניט געווען. ער האָט דעמאָלט צוגערוקט דעם מאַטראַץ צו איר, און דער מאַטראַץ איז געבליבן ליגן צווישן זיי ביידן, און אין דער פרי איז ער נאָך דאָרט געלעגן, ווײַל ביידע זײַנען זיי געשלאָפן אַף די שטיינער. נאָר דאָס איז געווען די ערשטע אויפריכטיקע העפלעכקייט, וואָס וואַריניע האָט געהאַט באַקומען פון זינט מען האָט זי געכאַפּט אין די גערמאַנישע וועלדער מיט אַנדערהאַלבן יאָר צוריק.

און אין דער איצטיקער פײַכטער נאַכט, וואָס לייזט זיך אויף אינעם טאָג, דערמאָנט זי זיך יענע ערשטע נאַכט, און, אינאיינעם מיט דער דערמאָנונג, הייבט זיך אין איר אַזאַ מעכטיקע ליבע צו דעם מענטשן וואָס שלאָפט לעבן איר, אַז ער האָט געמוזט זײַן פון שטיין דאָס ניט צו פילן. ער רעגט זיך, און מיטאַמאָל עפנט ער די אויגן און ער דערזעט זי פאַר־

נעפּלט אין דער האַלב־שײַן פונעם באַגינען. און נאָך ניט אײַנגעזען וואַך, נאָר אויפגענומען מיט אַן אינעווייניקסטן בליק, ציט ער זי צו און נעמט זי צערטלען.

— אָ, ליבער מײַנער, ליבער מײַנער! — זאָגט זי.

— לאָז מיך אָפּ.

— און ווו וועסטו נעמען קויכעס אָפּ הײַנט, מײַן ליבער!

— לאָז מיך, איך האָב קויכעס איבערגענוג.

דעמאָלט בלײַבט זי ליגן אין זײַנע אָרעמס און טרערן פליסן שטי־לערהייט.

III

דער פרימאָרגן איז אָפּגעגעבן דעם געשלעג, און דאָס פילט מען אין דער לופט, אין דער גאַנצער אַטמאָספער, און יעדער איינער פון די איבער צוויי הונדערט אומגליקלעכע גלאַדיאַטאָרן ווייס עס און רופט זיך אָפּ אַף דער עלעקטריזירנדיקער וויסיקייט. צוויי פּאָרלעך וועלן זיך צעבלוטיקן אַף דער אַרענע, ווײַל צוויי יונגעלײַטלעך זײַנען געקומען פון רוים מיט אַ סאַך געלט און מיט אַ כיישעק צו שטאַרקע רעגונגען. צוויי טראַציער, איין ייִד און איין אַפריקאַנער, און ווײַל דער אַפריקאַנער איז אײַנגעשולט מיט דער פיש־נעץ און דעם „טרידענס״, וועט זײַן אַ פולשטענדיקע אומגלײַכ־הײַט. אַ סאַך „לאַניסטן״ וואָלטן עס ניט דערלויבט, וואָרעם אַ הונט אַפילע וועט מען ניט אויסשולן קעדיי אים אַרויסצולאָזן קעגן אַ לייב, נאָר באַ־טשיאַטאָ איז פאַר געלט גרייט אַף אַלץ.

דער נעגער, דראַבאַ, כאַפּט זיך אויף אין דער פרי, און אין זײַן איי־גענעם לאָשן זאָגט ער: **„סאָג פון טויט, איך גריס דיר.״**

ער ליגט אַף זײַן מאַטראַץ און טראַכט וועגן זײַן ווײַב. ער קלערט וועגן דעם מאָדנעם פאַקט, וואָס אַלע מענטשן, ווי אומגליקלעך זיי זאָלן ניט זײַן, האָבן דערמאָנונגען פון ליבע, פון לאַסקעס, פון קושן, פון שפּיל, פון פרייד, פון געזאַנג און טענץ, און וואָס אַלע מענטשן האָבן מוירע צו שטאַרבן. אַפילע ווען דאָס לעבן האָט פאַר זיי קיין שום ווערט ניט, קלאַ־מערן זיי זיך דערין. אַפילע ווען זיי זײַנען עלנט אַליין און ווײַט פון דער היים, אַז דער מינדסטער האָפענונג און אויסזיכט אַהיימצוקומען און זײַנען אונטערגעוואָרפן אַלע מינים אומווערדיקייטן, פּײַנען און גרוילן און ווערן געשפּײַזט ווי זיי וואָלטן געווען פּאָשעטע כאַיעס און מען שולט זיי קעדיי אַנדערע זאָלן זיך פאַרווײַלן, אַפילע אין אַזעלכע אומשטאַנדן, קלאַמערן זיי זיך אינעם לעבן.

און ער, וואָס איז אַמאָל געווען אַן אָרנטלעכער מענטש באַ זיך אין דער היים, מיט אַ הויז, מיט ווײַב און קינדער, און מען האָט זיך צו אים צוגעהערט אין שאָלעם־צײַט און געאַכט אין מילכאָמע; ער וואָס ער איז דאָס אַלץ געווען, באַקומט איצט אַ פיש־נעץ און אַ דרײַ־שפּיציקע שפּיז און מען הייסט אים זיך שלאָגן, קעדיי מענטשן זאָלן לאַכן פון אים און אַ דאַנק אים אַפּלאָדירן.

ער מורמלט די פּוסטע פילאָזאָפיע פון זײַן שטאַנד און פּראָפעסיע:
„דום וויוּוימוס, וויוואַמוס" (קאָלזמאַן מיר לעבן לאָמיר לעבן).
זי איז אָבער פּוסט, אָן פרייד, און אים טוען ווי די ביינער און די מוסקולן ווען ער הייבט זיך אויף דעם טאָג אָנצוהייבן און צווינגען זײַן גוף און זײַן מויעך צו האַרגענען ספּאַרטאַקוסן, וואָס ער האָט אים ליב און שטעלט אים העכער איבער אַלע היגע ווײַסע מענטשן. נאָר דערפאַר זאָגט מען דאָך: „גלאַדיאַטאָר, כאַוועך דיך ניט מיט גלאַדיאַטאָרן".

IV

צוערשט זײַנען זיי געגאַנגען אין באָד. געגאַנגען זײַנען זיי אַלע פיר צוזאַמען און געשוויגן. עס האָט קיין זין ניט געהאַט צוריידן און עס איז אויך נישט געווען אַזוינס פון וואָס זיי זאָלן ריידן. זיי מוזן זײַן אינאיינעם ביז זיי וועלן אַרויף אַף דער אַרענע; ריידן קען די לאַגע נאָך ערגער מאַכן.

די וואַנעס זײַנען שוין געווען הייס, און זיי האָבן זיך שנעל אונטער־געטונקען אין דעם פינצטערן וואַסער, ווי זיי וואָלטן אַלץ מוזן דורכגיין אומגעטראַכט און אומאיבערקלערט. די באָד מיט אירע פופצן מעטער אין דער לענג און זיבן אין דער ברייט, איז קוים באַלויכטן געווען מיט אַ גלימערן לעמפּל, וואָס איז געהאָנגען אַף דער סטעליע. אונטער דער דאָזי־קער בלייכער שײַן האָט די וואַסער אויסגעזען טונקל־גרוי און באַדעקט מיט אַ דאַמף פונעם וואַסער גופע, וואָס האָט זיך גענומען פון די אָנגעגליטע שטיינער, וואָס מען האָט דערין אַרײַנגעוואָרפן, און האָט פול געמאַכט די באָד מיט אַ דעמפּיקער לופט. דער דאַמף איז אַרײַן אין יעדער פּאָרע פון ספּאַרטאַקוסעס לײַב, האָט לויז געמאַכט זײַנע מוסקולן און האָט געמאַכט אַף אים אַ מאָדנעם אײַנדרוק פון רו און באַקוועמלעכקייט. די וואַרעמע וואַסער איז פאַר אים געווען אַ וווּנדער. מיט וועלכן ער האָט זיך ניט גע־קענט אָנזעטיקן, דאָס האָט נאָך אַלץ ניט געקענט אַפּוואַשן דעם טרוקענעם טויט פון דעם נובישן מידבער. ער האָט קיינמאָל ניט געקענט אַרײַנגיין אין באָד אָן איבערטראַכטן וועגן דער זאָרג וואָס מען ווײַזט אַרויס צו די קערפּערס, וועלכע מען גרייט אַף שטאַרבן אָדער צו די וואָס מען שולט זיי אויס אַף האַרגענען. דעמאָלט ווען ער האָט געשאַפן זאַכן וואָס גיבן לעבן, ווייץ און גערשטן און גאָלד, איז זײַן לײַב געווען קויטיק, ער אַליין — עפּעס אומנוצלעכס, שענדלעכס און שמוציקס, וואָס פאַרדינט נאָר געשלאָגן און געפּײַניקט צו ווערן, באַפאַלן צו ווערן מיט קלעפּ און שמיץ און פאַר־מישפּעט צו זײַן אַף הונגער. איצט אָבער, ווען ער איז אַ קרעאַטור פון טויט, איז זײַן לײַב אַזוי טײַער ווי דער געלער מעטאַל, וואָס ער פלעגט אַרויס־ציִען פון די אַפריקאַנער מינעס.

און מאָדנע, ערשט איצט צעבליט זיך אין אים דער האַס. פריִער איז אין אים פאַר האַס קיין פּלאַץ ניט געווען; האַס איז אַ לוקסוס, וואָס פאַ־דערט שפּײַז און קויעך און אַפילו צײַט אַף נאָכצוטראַכטן. איצט האָט ער עס, און אין לענטולוס באַטשיאַטאָ האָט ער אַ לעבעדיקן אָביעקט פאַר

זײַן האָס. באַטשיאַטאָ איז רוים און רוים איז באַטשיאַטאָ. ער האַסט רוים און האַסט באַטשיאַטאָן; ער האַסט אַלץ וואָס איז רוימיש. געבוירן און דערצויגן האָט מען אים צו באַאַרבעטן די פעלדער, צו פיטערן דאָס פיך און אַרויסציִען מינעראַלן פון די מינען; נאָר ערשט אין רוים האָט ער דערזען ווי מען האָדעוועט און מען שולט מענטשן זיי זאָלן זיך איינער דעם צווייטן האַקן און שטעכן און אָפגיין מיט דעם בלוט אַף דער אַרענע צום געלעכטער און צו דער רעגונג פון ווױלגעבוירענע מענער און פרויען.

פון די וואַנעס זײַנען זיי געגאַנגען צו די מאַסאַזש־טישן. ווי שטענדיק, האָט ספּאַרטאַקוס די אויגן פאַרמאַכט ווען מען האָט אַף זײַן לײַב צעגאָסן דעם שמעקנדיקן אָליוון־אויל און ווען די גרינגע און געניטע פינגער פונעם מאַסאַזשיסט האָבן זײַנע מוסקולן ווייך געמאַכט. דעם ערשטן מאָל ווען דאָס איז מיט אים געשען, האָט ער געהאַט דעם אײַנדרוק ווי ער וואָלט געווען אַ געכאַפּטע כאַיע, אַן אײַנדרוק פון פּאַכעד און מוירע, אַז די אויסטאַפּנדיקע און קנעטנדיקע פינגער רײַסן זיך אַרײַן אין דער נישטיקער פרײַהײַט, וואָס ער האָט איצט, אָדער וואָס ער מיינט צו האָבן. איצט, פונדעסטוועגן, קען ער רוען און ציִען דעם גרעסטן נוצן דערפון וואָס דער מאַסאַזשיסט טוט מיט אים. צוועלף מאָל איז ער שוין אַזוי געלעגן ווי ער ליגט איצט; צוועלף מאָל האָט ער זיך געשלאָגן, אַכט מאָל אינים גרויסן קאַפּוער אַמפיטעאַטער, אַ געהעצטער פון דעם טומלדיקן און פון בלוט ווילד געוואָרענעם האַמויק, פיר מאָל אין באַטשיאַטאָס פּריוואַטן צירק ווי אַ דערציִערישער בײַשפּיל פאַר צוויי מעווינים, וואָס זײַנען געקומען פון די לעגענדאַרישע און מעכטיקע רוימישע „אורבס“, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געזען, פאַרברענגען אַ טאָג מיט זייערע דאַמען אָדער מיט זייערע געליבטע פון מענערישן מין, זען ווי מענטשן האַרגענען זיך.

איצט, ווי שטענדיק, ליגט ער אַפן מאַסאַזשן־טיש און לעבט אויף פאַר זיך די מאָמענטן. זיי זײַנען אים אײַנגעקריצט אינעם מויעך. קיין איינער ניט פון די פּכאָדים אין די מינעס אָדער אַף די פעלדער קען זיך ניט גלײַכן צו דעם פּאַכעד וואָס כאַפּט אַרום דעם שלעגער, ווען ער דאַרף אַרויסטרעטן אַף דער צירק־אַרענע; נישטאָ נאָך אַזאַ מוירע ווי די מוירע; קיין שום כאַרפּע איז ניט אַזוי גרויס ווי די כאַרפּע אויסגעקליבן צו ווערן פאַר אַ מערדער.

דערפון האָט ער געדרונגען, אַז נאָך אַזאַ נידעריק מענטשלעך לעבן ווי דאָס לעבן פונעם גלאַדיאַטאָר איז נישטאָ; אַז זײַן נאָענטקייט צו דער כאַיע ווערט באַלוינט מיט דער זעלביקער זאָרגעוודיקייט, וואָס מען שענקט די ראַסאָווע פערד, כאָטש לענטולוס באַטשיאַטאָ אָדער ווער עס איז פון די רוימער וואָלט אויפגעשפּרונגען באַ דעם געדאַנק פון אומברענגען אַ גוט פערד אַף דער אַרענע. ער טראָגט זײַן אייגענעם צודעק פון מוירע און שאַנד און דער מאַסאַזשיסט ציט איצט אויס מיט זײַנע פינגער די קעטע, יעדן פאָדעם און קווערפאָדעם אין זײַן שראַמען־געוועב.

אים האָט אָפּגעגליקט. אים האָט מען נאָך קיינמאָל קיין נערוו ניט איבערגעהאַקט, קיין ביין ניט צעבראָכן, קיין אויג ניט אויסגעליידיקט, ער

האָט נאָך קיין איין מאָל קיין שטאָך ניט באַקומען מיט דעם דעגן אינעם אויער־דעקל אָדער אינעם נאַקן און קיין איינע פון די ספּעציעלע און באַזונדערע ווונדן, וואָס די כאַווײרים ציטערן אַזוי פאַר זיי און זעען זיי אין די קאָשמאַרע נעכט פון שוויס, פון גסיסע און פון גרויל. מען האָט אים נאָך קיינמאָל די קישקעס ניט דורכגעלעכערט, און די אַלע ווונדן וואָס ער האָט ביז איצט באַקומען, זײַנען געווען פּאָשעטע „מעמענטאָס", ווי מען רופט זיי. און ער קען אַפילע ניט פאַררעכענען אַפן כעשבן פון זײַן פעיִקייט. די פעיִקייט פון שעכטהויז! „נישטאָ אַזאַ שקלאַף וואָס זאָל זײַן אַ זעלנער", זאָגן זיי. נאָר ער איז פלינק ווי אַ קאַץ, קימאַט אַזוי פלינק ווי דער ייִד מיט די גרינע אויגן, דער באַשאַף פון האַס און שווײַגן, וואָס ליגט באַ דער זײַט. אַ טיש לעבן אַ טיש, און ער איז זייער אַ שטאַרקער, זייער אַ פאַרזיכטיקער. דאָס איז זייער שווער... טראַכטן און ניט אויפרעגן זיך. „ייִראַ עסט מאָרט" (צערענען איז טויט), און די וואָס רעגן זיך אויף אַף דער אַרענע, די שטאַרבן. מוירע איז עפּעס אַנדערש, נאָר ניט צאָרן. אים איז עס ניט שווער. זײַן גאַנץ לעבן, זײַנע געדאַנקען, זײַנען געווען דאָס געצײַג פון לעבן בלײַבן. זייער ווייניק מענטשן ווייסן דערפון: „דער שקלאַף טראַכט ניט פון גאָרניט". און „דער גלאַדיאַטאָר איז אַ כאַיע". דאָס איז אַלץ לעפּאָנעם. נאָר אינעווייניק, אין זיך פונקט דער הייפּעך. אַ פרײַער מענטש בלײַבט לעבן, פון צײַט צו צײַט, אַ דאַנק זײַן דענקען. נאָר דער שקלאַף מוז טאָג נאָך טאָג דענקען פון לעבן בלײַבן... דאָס איז גאָר אַן אַנדער מין דענקען, אָבער סאָפקאָלסאָף-דענקען. דאָס דענקען איז דער כאַווער פון דעם פילאָזאָף, נאָר דער קעגנער פונעם שקלאַף. ווען ספּאַרטאַקוס האָט אין דער פרײַ איבערגעלאָזט וואַריניען, האָט ער זי אויסגעמעקט פון זײַן לעבן. זי האָט ניט געטאָרט פאַר אים עקזיסטירן. וועט ער לעבן, וועט זי אויך לעבן, נאָר איצט איז ער ניט טויט און ניט לעבעדיק.

דער מאַסאַזשיסט האָט פאַרענדיקט. די פיר שקלאַפן זײַנען אַראָפּ פון די טישן און האָבן זיך אײַנגעהילט אין זייערע לאַנגע וואָלענע טוניקס, די טאַכריכים, ווי מען האָט זיי גערופן, און האָבן דורכגעשניטן דעם הויף צום עס־צימער. די גלאַדיאַטאָרן זײַנען שוין געהאַט געזעסן און געפרישטיקט, מיט די פיס פאַרלייגט אַף דער ערד און דאָס עסן איז געווען געגרייט אַף נידעריקע טישלעך וואָס זײַנען פאַר זיי געשטאַנען. יעדער איינער האָט באַקומען אַ פּאָרציע ציגענע זויערמילך און אַ גרויסע טאַזע מיט ווייצענער קאַשע, געקאָכט מיט שטיקלעך כאַזער־שמאַלץ. דער „לאַניסט" האָט גוט געשפּײַזט, און אַ סאַך פון די וואָס זײַנען אָנגעקומען אין זײַן שול, האָבן דעם ערשטן מאָל אַף זייער לעבן געגעסן צו זאַט, ווי די פאַרמישפּעטע אײדער מען הענגט זיי אויף אַף די קרייצן. נאָר די פיר וואָס האָבן באַדאַרפט אַרויס אַף דער אַרענע האָבן בלויז באַקומען אַ ביסל ווײַן און עטלעכע רייפּטלעך קאַלטן קאַפּהאָן. מיט אַ פולן מאָגן קען מען זיך גוט ניט שלאָגן.

ספּאַרטאַקוס, אַלנפאַלס, האָט קיין אַפּעטיט ניט געהאַט. זיי האָבן זיך אָוועקגעזעצט באַזונדער פון אַלע אַנדערע, און אַלע פיר האָבן זיי ניט

געוואָלט עסן. זיי האָבן אויסגעטרונקען דעם ווײַן, גענומען צו שטיקלעך פלייש און אין געוויסע מאָמענטן זיך איבערגעקוקט. נאָר קיינער האָט ניט גערעדט. זיי האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ קליינעם אינדזל פון שווײַגן אינמיטן דעם צוגעשטיקטן געפלוידער וואָס איז געשטאַנען אינעם עסצימער. ניט אַפילו די אַנדערע גלאַדיאַטאָרס האָבן צו זיי גערעדט, אָדער געקוקט אין זייער זײַט. דאָס איז געווען אַ מין העפלעכקייט בעייסן לעצטן פרישטיק.

אַלע האָבן שוין געוווסט, אַז זיי זײַנען אויסגעפאָרט, אַלע האָבן שוין געוווסט, אַז ספאַרטאַקוס וועט זיך שלאָגן מיט דעם נעגער, אַ דעגן קעגן אַ פיש־נעץ מיט אַ „טרידענט“. אַלע האָבן געוווסט אַז דער ייִד מיט דעם טראַציער זײַנען אויסגעקליבן פאַר דעם צווייטן פאָרל. ספאַרטאַקוס וועט אומקומען און דאָס אייגענע וועט זײַן מיט דעם יונגן טראַציער. שולדיק איז ספאַרטאַקוס. ניט נאָר לייגט ער זיך מיט דעם גערמאַנישן מיידל און רעדט וועגן איר ווי וועגן זײַן ווײַב, נאָר ער האָט געמאַכט, אַז די מענטשן זאָלן אים ליב באַקומען. קיינער פון די וואָס זײַנען געזעסן אינעם עסצימער וואָלט עס ניט געקענט קלאָר אַרויסברענגען, נאָר זיי האָבן געוווסט פאַרוואָס דאָס איז געשען, אייגנטלעך ווי אַזוי דאָס איז געשען. יעדער איינער האָט זיך זײַן אויפן, יעדער איינער האָט זיך זײַנע מאַנירן. דעם טראַציערס שטילער מאַניר, זײַן שאָפענער פאָנעם מיט די גראָבע ליפן און אײַנגעבראָכענער נאָז, דאָס אַלץ האָט גוירעם געווען, אַז מענטשן זאָלן אָננעמען זײַנע מיינונגען און זאָלן זיך צו אים ווענדן מיט זייערע טײַנעס און איבערטראַכטענישן, און צו אים גיין נאָך טרייסט און אַנטשיידונגען. אַז ער האָט עפעס אַנטשידן, האָבן זיי געטאָן ווי ער האָט געזאָגט. ווען ער פלעגט צו זיי ריידן אין זײַן שטילן לאַטיין מיט זײַן מאָדנעם אַקצענט, פלעגן זיי אָננעמען זײַנע ווערטער. ער האָט צו זיי גערעדט און זיי האָבן זיך געטרייסט. געדאַכט האָט זיך ווי ער וואָלט געווען אַ גליקלעכער מענטש. דעם קאָפ האָט ער געהאַלטן און דער הייך, וואָס דאָס איז געווען זייער מאָדנע פאַר אַ שקלאַף. ער האָט קיינמאָל זײַן קאָפ ניט אָנגעבויגן. ער האָט קיינמאָל דאָס קאָל ניט אויפגעהויבן, און איז קיינמאָל ניט בייז געוואָרן. זײַן צופרידנקייט האָט אים אויסגעטיילט פון אַנדערע, און אַזוי האָט ער געלעבט אין דער כאַוורוסע פון קאַלט־מערדערישע טרעגירער און פאַרמישפעטע מענטשן.

„גלאַדיאַטאָרן זײַנען כאַיעס“, פלעגט באַטשיאַטאָ זאָגן, „טראַכט איר וועגן זיי ווי וועגן מענטשן, זאָלט איר אײַך אַף גאָרניט ריכטן“. ספאַרטאַקוס האָט פאָשעט ניט געוואָלט זײַן קיין כאַיע און דערפאַר האַלט מען אים פאַר אַ געפערלעכן. ווי פעיִק ער איז ניט מיט דעם דעגן, ווי אײַנטרעגלעך ער איז ניט באַם פאַרדינגען, לוינט זיך גיכער באַטשיאַטאָן זײַן אײַנטרעגלעכער טויט. דער פרישטיק איז פאַרענדיקט. אַלע פיר, די „פריווילעגיע“, ווי זיי פלעגן איראָניש זאָגן אין זייער זשאַרגאָן, האָבן אַוועקגעשפאַנט. געווען איז עס פאַרבאָטן אין יענעם פרימאָרגן, נאָר גאַנניקוס איז צוגעגאַנגען צו ספאַרטאַקוסן, האָט אים אַרומגענומען און האָט אים

אַ קוש געטאָן אין די ליפּן. געווען איז עס זייער מאָדנע און געקאָסט האָט עס זייער טײַער, — דרײַסיק שמיץ, — נאָר צווישן די גלאַדיאַטאָרן זײַנען ניט געווען קיין סאַך אַזעלכע, וואָס זאָלן ניט פאַרשטיין פאַרוואָס ער האָט דאָס געטאָן.

V

אַ גאַנץ יאָר נאָכדעם פלעגט לענטולוס באַטשיאַטאָ דערמאָנען יענעם פרימאָרגן, טראַכטן וועגן דער פּאַסירונג און פּרוּוון זיך קלאָר מאַכן צי קען מען ניט די שולד פאַר די נאָכדעם פאָרגעקומענע געשעענישן, וואָס האָבן די וועלט אויפגעטרייסלט, וואַרפן אַף אים. עמעס ער איז דערין ניט זיכער געווען און אים איז ניט שווער געווען צו פּויעלן באַ זיך, אַז אַלץ וואָס נאָכדעם האָט פּאַסירט, האָט זיך גענומען דערפון וואָס צוויי רוימישע פּאַ־צעטן האָט זיך געגלוסט זען אַ געשלעג אַף טויט. עס פלעגט ניט אַוועק אַ וואָך אַז אין זײַן אייגענעם צירק זאָלן פאָרקומען פּריוואַטע ספּעקטאַקלען מיט איינעם, צוויי אָדער דרײַ פּאָרלעך גלאַדיאַטאָרן, און ער האָט זיך ניט געקענט ריכטן, אַז דאָס זאָל זײַן גאָר עפּעס אַנדערש. געטראַכט האָט ער אויך וועגן דער מיִעסער מײַסע וואָס איז געשען מיט זײַנע שכיינים־הײַזער, וואָס ער האָט אין רוים. די שכיינים־הײַזער, אָדער „אינסולאַע", ווי מען האָט זיי גערופן, זײַנען געווען, ווי אַלעמען איז באַקאַנט, דאָס בעסטע געשעפט, וואָס אַ מענטש מיט געלט האָט געקענט מאַכן. זיי זײַנען פרײַ פון די ריזיקעס ווי באַ געווייגטלעכע מיסכאָרים. זיי טראָגן אַרײַן אַ קעסיידערדיקע רענט, וואָס האַלט אין איין וואַקסן. גיי ריכט זיך, אַז אינעם וואַקסן גופא שטעקט די סאַקאָנע. ווי אַן אָנהייב האָט באַטשיאַטאָ געקויפט צוויי הײַזער, איינס האָט געהאַט פיר שטאָק און דאָס צווייטע פינף. יעדער שטאָק האָט געהאַט צוועלף דעפּאַרטאַמענטן און אַ שאָכן פלעגט צאָלן נײַן הונדערט סעסטערצן אַ יאָר.

עס האָט לאַנג ניט געדאַרפט נעמען אַז באַטשיאַטאָ זאָל פאַלן אַף דעם פּאָשעטן סייכל, אַז אויב ער וויל די הײַזער זאָלן אים אַרײַנברענגען מער, דאַרף ער בלויז אַרויפציִען נאָך שטאָקן. מיסטקלײַבער, אָן אונטער־נעמונגס גײַסט, האָבן איינשטאָקיקע הײַזער; רײַכע מענטשן האָבן וואָלקנ־קראַצערס. דער „לאַניסט" האָט לאַנג ניט געטראַכט און האָט פונעם פינף־שטאָקיקן הויז געמאַכט אַ זיבן־שטאָקיקס; ווי נאָר אָבער ער האָט גענומען בויען דעם פינפטן שטאָק אַף דעם פיר־שטאָקיקן, איז דאָס גאַנצע הויז אײַנגעפאַלן. דער שאָדן, נאַטירלעך, האָט אים שטאַרק געטראָפן, נאָר נאָך גרעסער איז די צאָרע, וואָס בעייסן כורבן זײַנען אומגעקומען צוואַנציק פון זײַנע שכיינים און נאָכמער האָט אים געקאָסט דאָס אונטערקויפן, ווו מען האָט באַדאַרפט. עפּעס אין דעם ערעך, מיט דעם פאַלן פון דער קוואַ־ליטעט אָפּן כעשבן פון דער קוואַנטיטעט, איז פאָרגעקומען אין שײַכעס מיט די גלאַדיאַטאָרן, כאָטש באַטשיאַטאָ האָט געוווסט, אַז ער איז דער־

מיט ניט קיין אויסנאַם פון אַנדערע „לאַניסטן“. און אין דער עמעסן, פאַרט בעסער פון אַנדערע.

עמעס, געווען איז עס אַ ניט געראָטענער פרימאָרגן. פאַר אַלעמען, דאָס אָפּשמײַסן גאַנניקוסן. אַ גלאַדיאַטאָר שמײַסן איז ניט רעכט. אין אַ שול אָבער מוז די דיסציפּלין זײַן די שטרענגסטע דיסציפּלין אין דער וועלט. דער מינדסטער דיסציפּלין־בראָך פון אַ גלאַדיאַטאָר מוז שנעל און אָן רחמנות באַשטראָפט ווערן. צווייטנס די פאַרביטערונג צווישן די גלאַדיאַטאָרן פאַר אַקעגנשטעלן אַ דעגן קעגן אַ פיש־נעץ מיט אַ „טרידענס“. דריטנס, דאָס געשלעג גופא.

באַטשיאַטאַ האָט דעמאָלט אָפּגעוואַרט די געסט. אומאָפּהענגיק דערפון וואָס באַטשיאַטאַ האָט געטראַכט וועגן די רוימער פּערזענלעך, האָט ער געמוזט אין זינען האָבן דאָס געלט. און דערפון האָט ער געהאַט דעם פּולן באַוווסטזײַן. פלעגט ער אָנטרעפן אַ מיליאָנער — ניט גלאַט אַ מענטשן וואָס פאַרמאָגט מיליאָנען, נאָר אַזאַ וואָס קען זיי אויסגעבן — פלעגט ער באַ זיך איינגאַנצן אַראָפּפאַלן און זיך טראַכטן, אַז ער איז אַ נישטיק זשאַבקעלע אין דעם גרויסן טײַך. ווען ער איז נאָך געשטאַנען בעראָש פון אַ באַנדע אין די גאַסן פון דער „אורבס“, איז זײַן כאַלעם געווען אָנצוזאַמלען 400.000 סעסטערצעס, וואָס זאָלן אים געבן דאָס רעכט אָנגענומען צו ווערן אינעם קאַוואַלירן־אָרדן. נאָר ערשט ווען ער איז געוואָרן קאַוואַליר, האָט ער דערזען וואָס רײַכקייט מיינט. און ווי הויך ער האָט שוין ניט געהאַט אַרויפגעקלעטערט — אַ דאַנק אויך זײַן אייגענעם סייכל — שטייט ער נאָך פאַר אַ זייער הויכן באַרג.

מען דאַרף יויצע זײַן, נאָכקומען דעם וואָס פאָרדינט עס. און דערפאַר שטייט ער און וואַרט אויף קאַיוסן, בראַנקוסן און די איבעריקע. דעריבער אויך האָט ער ניט געוווסט, אַז גאַנניקוס האָט פאַרדינט דרײַסיק שמיץ, און פאַרקערט, האָט ער אַרײַנגעפירט די געסט אין דער לאָזשע וואָס ער האָט פאַר זיי אויפגעשטעלט, אַ לאָזשע, מען זאָל פון איר קענען זען יעדן ווינקעלע אויף דער אַרענע, מען זאָל זיך צוליב דעם ניט דאַרפן אויפשטעלן אָדער אײַנבייגן. ער אַליין האָט אויסגעקלייבט די קישנס אויף די קאַנאַפּעס, אַזוי אַז מען זאָל זיך קענען אָנשפּאַרן און קענען בעסער און באַקוועמער זיך צוקוקן צום געשלעג. ער האָט געבראַכט קאַלטן ווײַן, אײַנגעמאַכטס און טײַבעלעך אין האָניק, זיי זאָלן קענען שטילן דעם אַפּעטיט און דעם דאָרשט. ער האָט איבערגעצויגן אַ געשטרײַפטן בריזענט, וואָס זאָל זיי שיצן פון דער פאַרמיטאָגדיקער זון, און האָט אָוועקגעשטעלט צוויי הויז־שקלאַפן מיט פעדערנע פאָכערס אויף דעם פאַל טאָמער גייט איבער דער קילער פרימאָרגן אין אַ באַטאָגיקער היץ. באַטשיאַטאַ האָט דורכגעקוקט אַלץ וואָס איז געווען צוגעגרייט צום ספּעקטאַקל און דאָס האַרץ האָט אין אים געקוואַלן פון שטאָלץ, וואָרעם געווען איז דאָרט וואָס נאָר אַ האַרץ קען גלוסטן. און קעדיי זיי זאָלן זיך ניט לאַנגווײַליקן ביז די געפעכטן וועלן זיך אָנהייבן, האָט ער אויף דער אַרענע אַרויפגעפירט צוויי מוזיקאַנטן און אַ טענצערן.

ניט וואָס זיי האָט אַזוי שטאַרק אינטערעסירט מוזיק און טענץ, וואָ־רעם געקומען זײַנען זיי צוליב וויכטיקערע זאַכן, נאָר לויט בראַקוסעס כאַ־סענע־געהאַטן פרײַנט, וואָס האָט ניט אויפגעהערט נערוועזש פּלוידערן — קאָרנעליוס לוציוס האָט מען אים גערופן — מוז מען דאָס האָבן, אויב מען וויל באַ הײַנטיקער צײַט אָנשטענדיק לעבן אין רוים. באַטשיאַטאַ איז געשטאַנען און האָט זיך אײַנגעהערט, אים איז געגאַנגען אין לעבן צו וויסן וואָס אַזוינס מוז מען האָבן אַף צו קענען לעבן אָנשטענדיק באַ הײַנ־טיקער צײַט. און ווי געשטוינט האָט ער ווען ער האָט געהערט, אַז לוציוס האָט באַצאָלט 5.000 דענאַריס פאַר אַ נײַעם „ליבאַריוס", אַ גאַנץ פאַר־מעגן אַף באַקן קוכן.

— מען קען דאָך אָבער ניט לעבן ווי אַ כאַזער... ווי מיינט איר?

— האָט לוציוס געפרעגט — אַפילע ניט ווי מײַן פאָטער האָט געלעבט. ווילט איר עסן אָנשטענדיק, מוזט איר האָבן צום ווינציקסטן פיר: דעם קוכן־בעקער, דעם „קאָקוס", דעם „פיסטאָרעס" און שוין אָפּגערעדט פון דעם „דולציאַריוס", אַז ניט, מוזט איר שיקן אין מאַרק קויפן אײַנגעמאַכצן אָדער גאָר בלײַבן אָן אײַנגעמאַכץ.

— איך זע ניט ווי מען קען אָן דעם אויסקומען, — האָט דאָס ווײַב געזאָגט, — יעדן כוידעש דאַרפסטו אַ נײַעם „טאָנזאָרעס", סײַדן אַ גאָט קען דיך גוט אָפּראַזירן, נאָר אַז איך בעט אַ פאַרקעמער אָדער אַ באַזונ־דערן מאַסאַזשיסט...

— מען דאַרף גאָרניט האָבן קיין הונדערט שקלאַפן, — האָט בראַקוס איר ליבלעך אָנגעמערקט, — דעריקער איז אויסלערנען זיי. נאָר ערשט ווען איר לערנט זיי אויס, איז אַ פראַגע צי האָט זיך עס געלוינט. איך האָב פריִער מײַן וועש אַ „פריוואַטאַ", אַ גריך פון ציפערן, וואָס ציטירט שאָען־לאַנג האָמערן פון אויסווייניק. שטעלט אײַך פאָר! ניט ער רייניקט און ניט ער וואַשט. איך בעט אים נאָר ער זאָל האַלטן אַ ביסל אָרדענונג אין מײַנע וועש. איך האָב אַ שאַפע פאַר מײַנע טוניקס. איך פאַרלאַנג פון אים נאָר איין זאַך, אַז ווען איך וויל שוין ניט אַ געוויסן טוניק, זאָל ער אים אַרײַנלייגן אין דער שאַפע. אַ טוניק אין דער שאַפע, ווו מען האַלט די טוניקס. אַ הונט וואָלט מען געקענט אויסלערנען ער זאָל דאָס טאָן, ניט אַזוי? אַזוי אַז ווען איך זאָג אים: ראַקסידעס, גיב מיר מײַן געלן טוניק, זאָל ער מיר קענען געבן מײַן געלן טוניק. דאָס איז אָבער ניט אַזוי. עס נעמט מער צײַט אים אויסצולערנען איידער איך וואָלט מיר אַליין געגאַנ־גען נעמען דעם טוניק.

— דו טאַרסט עס ניט טאָן אַליין, — האָט קאַיוס פּראָטעסטירט.

— ניין... אַוואַדע טאָר איך ניט. גיב נאָר אַ קוק, ייִנגל, וואָסערן ווײַן דער „לאַניסט" דערלאַנגט אונדז.

באַטשיאַטאָ איז שנעל צוגעלאָפן: — ציזאַלפּינישן (פון דער געגנט צווישן רוים און די אַלפן־בערג), — האָט ער באַרימעריש געוויזן די פלאַש.

בראַקוס האָט דעליקאַט אַ שפּײַ געטאָן, מיט אַ פינגער באַ אַ זײַט נאָז. — ווי איז אײַך אײַנגעפאַלן אָוועקצולייגן קישנס, ווען איך האָב

אײַך גאָרגישט געזאָגט אַז מיר ווילן קישנס? איר האָט ווײַן פון יע־הודאָ, „לאַניסט״?

— נאַטירלעך, און פּונעם בעסטן, העל ראָזעווען, דעם העלסטן ראָזעווען,

— און ער האָט טייקעף אַ געשריי געטאָן צו איינעם פון די שקלאַפן, ער זאָל שויך ברענגען יעהודאָ־ווײַן.

— זאָג דו אים — האָט לוציעס געזאָגט דעם ווײַב, וואָס האָט אים עפּעס אײַנגערוימט אין אויער.

— ניין...

בראַקוס האָט זיך צו איר צוגעבויגן, האָט גענומען אירע אַ האַנט און האָט זי צום מויל צוגעדריקט. „ווילסט מיר עפּעס זאָגן, טײַערע?״

— איך וויל עס דיר זאָגן אַפן אויער.

זי האָט עפּעס אַרײַנגעשעפּטשעט בראַקוסן און ער האָט אַ זאָג גע־טאָן צו באַטשיאַטאָן: „ברענג אַהער דעם ייִדן איידער ער גייט זיך שלאָ־גן״. באַטשיאַטאָ האָט קיינמאָל ניט געקענט דערגיין ביזן גרונט דעם סייכל פון געוויסע זאַכן וואָס די ווױלגעבוירענע טוען. ער ווייס, אַז עפּעס איז דערין פאַראַן, נאָר אַקוראַט וואָס, קען ער בעשום אויפן ניט זאָגן, און ער קען ניט געפינען קיין אַנדײַט, עפּעס אַ ריכטשנור, וואָס זאָל אים ווײַזן ווי זיך אויפצופירן אַזוי, אַז מען זאָל ניט אַרויסזען פון וואַנען ער שטאַמט. יעדער גרופּע וואָס דינגט זײַן צירק פאַר אַ פּריוואַטן ספּעקטאַקל, פירט זיך אַנדערש אויף. ווער קען זיי פאַרשטיין?

באַטשיאַטאָ האָט געשיקט רופן דעם ייִדן.

געקומען איז ער באַגלייט פון צוויי טרענירער, איז אַרײַנגעגאַנגען אין דער לאָזשע און איז געבליבן וואַרטן. ער האָט נאָך געטראָגן אַף זיך דעם לאַנגן גראָב־וואָלענעם טוניק. זײַנע העלע גרינע אויגן האָבן געגלאַנצט ווי גרינע שטיינער. מיט אָט די אויגן האָט ער גאָרניט געזען. ער איז דאָרט פּאָשעט געשטאַנען.

די פרוי האָט נאַריש געשמייכלט. קאַיוס איז געווען דערשראָקן. ס'איז דעם ערשטן מאָל ווי לעבן אים שטייט אַ גלאַדיאַטאָר, מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, אָן אַ שום מעכיצע צווישן זיי, ניט קיין וואַנט, ניט קיין קראַטעס. און די צוויי טרענירערס זײַנען ניט גענוג ער זאָל זיך באַרויִקן. אין דעם ייִדן מיט די גרינע אויגן און דינעם מויל, מיט דער ווילד אויס־געבויגענער נאָז און נידעריק אָפּגעשוירענעם קאָפּ, איז קיין איין הומאַני־שער שטריך ניט געווען.

— זאָגט אים ער זאָל פון זיך אַראָפּנעמען דעם טוניק „לאַניסט״, — האָט בראַקוס געזאָגט.

דער ייִד איז אַ ווײַלע שטיין געבליבן און זיך פון אָרט ניט גערירט; דערנאָך האָט ער מיטאַמאָל געלאָזט אַראָפּפאַלן דעם טוניק פון זיך; דער מוסקולדיקער קערפּער איז געווען ווי פון שטיין אויסגעהאַקט. קאַיוס האָט געקוקט אַף אים ווי אַ פאַרקישעפטער. לוציוס איז קלוימערשט געווען גע־לאַנגווײַליקט, נאָר זײַן ווײַב איז געזעסן מיט אַ האַלב־אָפן מויל און האָט שווער און שנעל געאָטעמט.

— „אַנימאַל ביפעס אימפּלומע״ (אומבאַפעדערטע צוויי־פיסיקע כאַיע), — האָט בראַקוס אַ פאַרמאַטערטער געזאָגט.

דער ייִד האָט זיך אָנגעבויגן, האָט אויפגעהויבן דעם טוניק, זיך אויסגעדרייט און איז אַרויס. די צוויי טרענירער זײַנען אים נאָכגעגאַנגען.

— זאָל ער זיך שלאָגן דער ערשטער, — האָט בראַקוס געזאָגט.

VI

אין יענער צײַט האָט דאָס געזעץ ניט געפאָדערט, אַז ווען טראַציער אָדער ייִדן שלאָגן זיך אויף דער אַרענע מיט דעם טראַדיציאָנעלן דעגן, און עפשער איז ריכטיקער, מיט דעם קרומלעכן מעסער, וואָס איז באַקאַנט געווען אַלס „סיקאַ״, זאָל מען זיי געבן אַ הילצערנעם שילד זיך צו שיצן, און ווען אפילע מען האָט שוין געהאַט אָפגעשטימט דאָס געזעץ, פלעגט מען עס אָפן ברעכן. דער שילד, ווי די טראַדיציאָנעלע בראָנדזענע קיווערס און קאַסקן, האָבן צו נישט געמאַכט דעם דראַמאַטישן טאָך פונעם מעסער, וואָס פאָדערט פון די גלאַדיאַטאָרן אומגלויבלעך פלינקן שפּיל און באַוועגלעכקייט. מיט אַן ערעך פערציק יאָר פאַר יענער צײַט — און ביז דעמאָלט איז דער פאָרלעך־געשלעג געווען ניט אַזאַ אָפטע זאַך — פלעגט מען געוויינטלעך צירקוס־קאַמף רופן „סאַמניטעס״, און די פאָרלעך פלעגן זיך שלאָגן שווער באַפאַנצערטע און האָבן געטראָגן דעם לענגלעכן לעגיאָנען־שילד, דעם „סקוטום״, און די שפּאַנישע שווערד, די „ספּאַטהאַ״. געווען איז עס ניט גאָר אינטערעסאַנט און ניט גאָר בלוטיק, און דאָס אָנקלאַפן שילד אָן שילד און שווערד קעגן שווערד האָט געקענט דויערן שאָען־לאַנג און קיין איינער פון דעם פאָרל זאָל ניט אַרויסקומען גוואַלדיק צעוווּנדיקט. אין יענער צײַט האָט מען דעם „לאַניסט״ באַטראַכט פאַר נאָך נידעריקער ווי דעם „פראָקוראַטאָר״; געוויינטלעך אַן אָנפירער פון אַ קליינער באַנדע, וואָס פלעגט אַרויסלאָזן אויף געשלעג עטלעכע אויסגעמאַטערטע שקלאַפן זיי זאָלן זיך מיימעסן מיט די מעסערס ביז איינער פלעגט אַוועקפאַלן אַ טויטער, אַן אָפגעגאַנגענער מיט דעם בלוט אָדער אַ דערשעפּטער. גאַנץ אָפט פלעגט דער „לאַניסט״ זײַן אַ „פראָקוראַטאָר״, וואָס האָט פון איין זײַט געהאַנדלט מיט גלאַדיאַטאָרן און פון דער אַנדער זײַט מיט גאַסן־פרויען.

צוויי נײַע אײַנפירן האָבן רעוואָלוציאָנירט דאָס פאָרלעך־געשלעג און האָבן פון אַ לאַנגווײַליקן ספּעקטאַקל געמאַכט דעם פסיכאָז פון רוים, און אַ סאַך „לאַניסטן״ געמאַכט פאַר סענאַטאָרן, פאַר באַזיצער פון זומער־רעזידענצן און פון מיליאָניקע פאַרמעגנס. דער ערשטער איז געווען אַ רעזולטאַט פון רוימס אַרײַנדרינגען מיליטעריש און קאָמערציעל אין אַפריקע. די נעגערס, אַ זעלטנקייט פריִער, האָבן זיך באַוויזן אויף די שקלאַפן־מערק; די נעגערס מיט זייער גאַנצער הייד און גוורע. איינעם אַ „לאַניסט״ איז אײַנגעפאַלן צו געבן אַ נעגער אין די הענט אַ פיש־נעץ און אַ דרײַ־שפּיציקע שפּיז און אַוועקגעשטעלט אים אין צירק קעגן אַ שווערד און אַ שילד. דאָס האָט באַלד פאַרכאַפּט די פאַנטאַזיע פון די רוימער; דער דאָזיקער

שפּיל האָט אויפגעהערט צו זײַן אַ צופעליקייט. דעם פּראָצעס האָט פאַר־גאַנצט דער צווייטער אײַנפּיר, וואָס איז געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון רוימס אַרײַנדרינגען אין טראַציע און יעהודאַ, און דער אויסגעפין פון צוויי שטאַרקע און אומאָפּהענגיקע פעלקער־פעלקער, וואָס זייער הויפּט־געווער אין שלאַכט איז געווען דאָס קורצע קרומע מעסער, אַן אָנגעשאַרפטס ווי אַ ראַזיר־מעסער. נאָך מער ווי די „רעטיאַריס", האָבן דאָס גלאַדיאַטאָרן־געשלעג געענדערט די מענטשן מיט די פיש־נעצן. זעלטן אַז מען האָט גענוצט דעם שילד אָדער דעם פּאַנצער. דער שווערער צוזאַמענשטויס פון די „סאַמניטעס" איז אַריבער אין אַ בליץ־שנעלן דועל אַף מעסערס, וואָס עלעקטריזירט, וואָס פאַרשאַפט שרעקלעכע ווונדן און גרויסן בלוט־פאַר־לוסט, וואָס לאָזט אַרויס די קישקעס; פלינקייט, ווייטיקן און בליץ־באַוועגונגען.

ווי האָט בראַקוס געזאָגט צו זײַן יונגן פרײַנט: „האָט מען איינמאָל געזען די טראַציער, וויל מען שוין עפּעס אַנדערש ניט זען, ווייסט? וואָס דו זאָלסט שוין ניט זען, איז עס איבערדריסיק, לאַנגווײַליק און זינלאָז. אַ גוט פּאָרל טראַציער איז דאָס רייצנדיקסטע אין דער וועלט".

עס איז צײַט געוואָרן פאַר די פּאָרלעך. די טענצער מיט די מוזיקאַנטן זײַנען אָפּגעגאַנגען. דער קליינער צירק איז געוואָרן נאַקעט און פּוסט אונטער דער הייסער פרימאָרגן־זון. אַ ציטערדיקע ווייטיקלעכע שטילקייט האָט באַדעקט דאָס אָרט, און די פיר רוימער, די דאַמע און די דרײַ קאַוואַלירן, האָבן זיך אויסגעצויגן אַף זייערע קאַנאַפּעס אונטער דעם גע־שטרייפטן בריזענט, האָבן געטרונקען יעהודער ווײַן און געוואַרט די גע־שלעגן זאָלן זיך אָנהייבן.

VII

אינעם וואַרט־זאַל, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ קליינעם אָפּדאַך, אָפן צו דער אַרענע, זײַנען די דרײַ גלאַדיאַטאָרן — די צוויי טראַציער און דער נעגער — געזעסן און געוואַרט דער ייִד זאָל צוריקקומען. געזעסן זײַנען זיי אַף אַ באַנק אָן אַ שפּור פון פרייד; זיי זײַנען „פאַרמאַשקנט", ווי מען איז געווינט געווען צו זאָגן. בושע איז געווען זייער איינציקע געזעל־שאַפט; עס וואַרט ניט אַף זיי קיין גלאָר, קיין ליבע, קיין קאָוועד. צום טאָף האָט זיך אָנגערופן דער שוואַרצער מענטש:

— „קעם די דיליגונט אַדאַלעסצענס מאָריטור", אויב די געטער ליבן דיך, שטאַרבסטו אין דער יוגנט.

— ניין, — האָט ספּאַרטאַקוס געזאָגט.

דערויף האָט אים דער נעגער געפרעגט: גלייבסטו אין די געטער?"

— ניין.

— גלייבסטו, אַז עס איז פאַראַן אַן אַנדער לעבן נאָך דעם איצטיקן?

— ניין.

— אין וואס זשע דען גלייבסטו, ספארטאקוס? — האט דער נעגער געפרעגט.

— איך גלייב אין דיר און גלייב אין מיר.

— דו און איך, — האט זיך אנגערופן פאלעמוס, דער יונגער טראציער מיט דעם שיינעם פאנעם, — ביידע זיינען מיר פלייש באם „לאניסט" אין דער יאטקע.

— אין וואס נאך גלייבסטו, ספארטאקוס? — האט דער נעגער געפרעגט.

—אין וואס נאך? ... מיט וואס כאלעמט א מענטש? ווען א מענטש גייט שטארבן, מיט וואס כאלעמט ער?

— איך וועל דיר זאגן דאס וואס איך האב דיר פריער געזאגט — האט דער נעגער צערטלעך געזאגט און דאס קאל איז בא אים ארויסגעקומען שווער און מיט א נאכקלאנג פון דער טיפעניש פון זיין ברוסט, — און איך וועל דיר זאגן אט וואס: איך בין צו עלנט און וויט פון מיין היים און זייער טרויעריק צוליב מיין היים. איך וויל ניט מער לעבן. איך וועל דיך ניט הארגענען, כאווער.

— איז דא דאס ארט פאר גערעכטיקייט?

— דא איז דאס ארט פון מידקייט און איך בין מיד.

— מיין פאטער איז געווען א שקלאף, — האט ספארטאקוס געזאגט, — און ער האט מיך געלערנט די איינציקע מידע. דעם שקלאפס איינציקע גוטע מידע איז לעבן.

— ביידע קענען מיר נישט בלייבן לעבן.

— און די איינציקע טויווע וואס דאס לעבן טוט דעם שקלאף, איז דאס וואס ער ווייס ניט, באגלייך מיט אלע אנדערע מענטשן, ווען ער וועט שטארבן.

די וועכטער האבן זיי געהערט ריידן און האבן אנגעקלאפט מיט זייערע שפיזן אין דער וואנט זיי זאלן שווייגן. דער ייד איז צוריקגעקומען; ער וואלט אלציינס ניט גערעדט; ער האט קיינמאל ניט גערעדט. ער איז שטיין געבליבן בא דער טיר, אן איינגעהילטער, מיט א געבויגענעם קאפ פאר בושע און ווייטיק. א טרומייט האט זיך צעשאלט. דער יונגער טראציער האט זיך אויפגעשטעלט און די אונטערשטע ליפ האט אים געציטערט פון אנשטרענג, און ער מיט דעם יידן האבן פון זיך עלאזט ארונטערפאלן די טוניקס. די טיר האט זיך געעפנט און זיי זיינען נאקעטע, איינער לעבן צווייטן, ארויף אף דער ארענע.

דער נעגער האט קיין אינטערעס ניט ארויסגעוויזן. ער האט זיך געקלאמערט אנעם טויט. צוויי און פופציק מאל האט ער זיך געשלאגן מיט דער פיש־נעץ אין דער האנט און מיט דעם טרידענס און ער איז ארויס א לעבעדיקער, נאר איצט איז איבערגעריסן דער באנד, וואס האט אים געהאלטן צום לעבן צוגעבונדן. געזעסן איז ער אף דער באנק מיט זיינע דערמאנונגען, ווי אונטער א מאסע געבויגן, דעם קאפ צווישן די הענט; נאר ספארטאקוס איז צוגעשפרונגען צו דער טיר און האט די אויגן צוגע־

שפּאַרט צו אַ שפּאַלט אַף צו קענען זען, אַף צו קענען וויסן. ער האָט זיך ניט געשטעלט אַף קײנעמס צאַד. דער טראַציער איז אײנער פֿון זײַן פֿאָלק, נאָר דער ייִד איז עפּעס אַזױנס װאָס צופּט אים אַזױ אומגעװײנלעך מאָדנע באַם האַרצן. װען אַ פּאָרל שלאָגט זיך אַף טױט, מוז אײנער שטאַרבן, נאָר דער עצעם פֿונעם פֿאַקט איז לעבן, אַזױ לאַנג דאָס לעבן האַלט אָן. אין ספּאַרטאַקוסן איז לעבן דער עצעם. מענטשן האָבן עס אין אים דערקענט. ער איז געװען אַ שטיק קיִעם אַרײַנגעװאָרפֿן אינעם װעלט־כאַלעל, נאָר איצט האַלט ער די אױגן אַרײַנגעטאָן אינעם טיר־שפּאַלט, װאָס גיט אים אַ מעגלעכקײט צו זען די מיט פֿון דער אַרענע.

באַם אָנהײב האָט אים דאָס פּאָרל פֿאַרשטעלט די שײַן, נאָר װאָס װײַטער זײ זײַנען אָפּגעגאַנגען צו דער מיט און האָבן זיך געשטעלט קעגנאיבער די װאָס האָבן געקױפֿט זײער פֿלײש און זײער בלוט, זײַנען זײ קלענער געװאָרן. זײערע שאָטנס זײַנען זײ נאָכגעגאַנגען; זײערע לײַבער זײַנען געװען פֿאַרטונקלט און האָבן געגלאַנצט פֿון דעם אײל. דערנאָך זײַנען זײ אָפּגעטראָטן אײנער פֿונעם צװײטן אַף צען שפּאַן און יעדער אײנער פֿון זײ איז געבליבן אײַנגערעמט אינעם ראַנד פֿון זײַן קוקפֿעלד, מיט דער זון און מיט דעם זאַמד צװישן זײ. ספּאַרטאַקוס האָט געזען די לאָזשע, װוּ עס האָבן זיך אױסגעזעצט די רױמער; זײַן קוקפֿעלד האָט אַרײַנגענומען אַ שטיק פֿון דעם ראַכװעסדיקן און פֿרײלעכן פֿאַװיליאָן, אַ ראָז, געל און פּורפּורן־קאָלירטן, מיט דעם געשטרײפֿטן בריזענט, דאָס פֿאַמעלעכדיקע באַװעגן מיט די פֿעדערנע פֿאָכערס אין די הענט פֿון די שקלאַפֿן. דאָרט זיצן די װאָס האָבן אָפּגעקױפֿט דאָס לעבן און דעם טױט, דאָס קלײנע מעכטיקע הײפֿעלע, און אַלץ װאָס קען קומען אַפֿן געדאַנק אַ מענטשן, אין אַלע צײַט־עלטערס, איז אַקעגנגעקומען ספּאַרטאַקוסן...

דער טרענירער — אַרביטער פֿונעם געשלעג, איז אַרױף אַף דער אַרענע. אַף אַ טאַץ פֿון געפּאָלירטן האָלץ האָט ער געטראָגן די מעסערס און האָט זײ סימװאָליש אונטערגעטראָגן צו די װאָס האָבן באַצאָלט דעם קאָסט פֿונעם ספּעקטאַקל.

בעײס ער האָט צו זײ צוגעבױגן די טאַץ האָט די זון אַ גלאַנץ געטאָן אַף דעם פּאָלירטן מעטאַל פֿון די קלינגען, פֿינף און צװאַנציק צענטימעטער גלאַנציקן שטאָל, װי ראַזיר־מעסערס אָנגעשאַרפֿט, שײן אױסגעאַרבעטע מיט הענטלעך פֿון טונקעלן ניסנהאָלץ. די מעסערס קרומלעכע, װאָס דער מינדסטער באַריר פֿון זײער שאַרף אַף דער הױט, קען זי אײַנשנײַדן.

בראַקוס האָט דעם צײכן געגעבן און אין ספּאַרטאַקוסן איז דער האַס אַזױ שאַרף געװאָרן װי בײַ די שאַרפֿע קלינגען, פֿון די פֿיס ביז צום קאָפּ; באַלד אָבער האָט ער, אַ קאָנטראָלירטער און אַן לײדנשאַפֿט געקוקט װי די צװײ גלאַדיאַטאָרן קלײַבן אױס זײער געװער און דערװײַטערן זיך פֿון זײַן קוק־פֿעלד. נאָר ער װײס די באַװעגונגען װאָס זײ מאַכן; ער קען יעדע אײנע פֿון די באַװעגונגען. זײ קוקן זיך איבער מיט דער געהיטער שרעק און װאַכזאַמקײט פֿון פֿאַרמישפּעטע, בײדע מעסטן אָפּ די באַשטימטע צװאַנ־

ציק טריט. זיי בייגן זיך אָן און רײַבן אײַן זייערע פויסטן און דלאָניעס מיט זאַמד. איצט שטייען זיי אָנגעבויגן און יעדער מוסקול זייערער ציטערט ווי אָן אָנגעצויגענע פרוזשינע און זייערע הערצער קלאַפּן ווי די מאַשינען.

דער טרענירער האָט אַ פײַף געטאָן מיט זײַן זילבערנעם פײַפל און ווידער געפינען זיך די צוויי גלאַדיאַטאָרן אין ספּאַרטאַקוסעס קוקפעלד. באַקעטע, אָנגעבויגענע, יעדער איינער מיט דעם גלאַנציקן מעסער פאַרקלעמט אין דער רעכטער האַנט, האָבן זיי זיך אויסגעטאָן פון זייער מענטשלעכן שטאַנד. איצט זײַנען זיי צוויי כאַיעס. זיי באַוועגן זיך אין אַ קרײַז ווי כאַיעס, שלעפּן די פיס נאָך זיך, מאַכן קורצע שפּאַן, ווי צום הייסן זאַמד צוגעקלעפּטע. זיי קומען זיך צונויף און טרעטן אָפּ מיט קאָנוולסיווע באַוועגונגען און די רוימער אַפּלאָדירן ווען אַף דעם ייִדנס ברוסט באַווײַזט זיך אַ שנירל בלוט, ווי אַ סטענגע.

נאָר קיינער פון זיי גיט זיך קיין כעשבן ניט וועגן אייגענעם ווײ. זיי זײַנען קאָנצענטרירט אַף דעם צווייטן אַזוי אָנגעשטרענגט, אַזוי אַבסאָלוט, אַזוי פאַרשלינגענדיק, אַז די גאַנצע וועלט, דאַכט זיך, האָט איר דריי־פּינטל אין זיי. די צײַט איז שטיין געבליבן; דאָס גאַנצע לעבן און די גאַנצע עקספּעריענץ איז קאָנצענטרירט אין יעדן איינעם פון זיי און די אָנגעשטרענגטקייט, מיט וועלכער זיי פאָרשן זיך איינער דעם צווייטן איז פּײַנלעך. און ווידער און נאָכאַמאָל האָבן זיי זיך צונויפגעגאָסן אין איין אייניציקן קראַמף פון קראַפט און אַנטשיידונג. די לינקע האַנט האָט די רעכטע אָנגעכאַפּט אָן אײַנגעקלעמטע, איינער אין צווייטן, קערפּער צו קערפּער, פּאָנעם צו פּאָנעם, די האַנט־געלענקען פאַרדריקט, ראַנגלען זיי זיך מיט דעם גאַנצן קויעך, און עס שרײַט אין זיי דער פאַרלאַנג צו געבענען אײַנצושנײַדן, טויט מאַכן, וואָרעם נאָר מיט יענעמס טויט קענען זיי לעבן בלײַבן. צוגעדריקטע איינער צום צווייטן, די מוסקולן שטײַף און געשפּאַנט, זײַנען זיי איצט איינס געוואָרן, איין איינהייט אין זיך גופע אַ צעשפּאָלטענע.

אַזוי לאַנג לײַב און בלוט האָבן געקענט אויסהאַלטן, זײַנען זיי געשפּאַנט געווען אין איין ענגן אַרומנעם, און אָט האָט ער זיך צעריסן, צעשיידט, און איבער דער גאַנצער לענג פונעם טראַציערס אָרעם האָט זיך אַ רויטער שטרײַף געצויגן. אָפּגעטיילט מיט צוועלף טריט, האָבן זיי ביידע געסאָפּעט, געהאַסט זיך, געשווידערט, ביידע פון אויבן ביז אַראָפּ אײַנגעשמירט אין בלוט, אין אויל און אין שוויס, און דאָס בלוט גיסט זיך און באַפלעקט דאָס זאַמד אַרום זיי. דאָ האָט דער טראַציער אָנגעגריפן. מיט דעם מעסער פאָרויס האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אַף דעם ייִדן און דער ייִד האָט זיך אַף אַ קני אַראָפּגעזעצט און מיט דעם מעסער אַרויף, האָט ער דעם טראַציער פון זיך אַ שלײַדער געטאָן אין דער לופטן אַ שטאַרק צעוווּנדיקטן, און נאָך איידער דער טראַציער איז אַף דער ערד געפאַלן, איז דער ייִד שוין געווען אַף אים. געווען איז עס דער העכסטער מאָמענט פון גרויל און רעגונג אינעם געשלעג. דער טויט האָט דעם טראַציער אַף שטיקער צעשניטן. ער האָט זיך אײַנגעקאָרטשעט, אין קרעמפּן זיך אַ קײַקל

געטאָן, האָט געניצט זײַנע באָרוועסע פּיס אַף אָפּצוהאַלטן דאָס מעסער, נאָר דער ייִד איז שוין ווידער אַף אים געווען און האָט געשניטן און געשטאָכן... און גרויס איז געווען די קרעמפּיקע פאַרצווייפלונג פון דעם יונגן טראַציער, וואָס ער איז ניט בעקויעך צו דערלאַנגען אַ טויט־קלאַפּ.

דער טראַציער האָט נאָך באַוויזן אויפצושטעלן זיך; זײַן בלוטנדיקער קערפּער, בוכשטאַבלעך אַ צעבראָכענער, האָט אַ שפּרונג געטאָן אין דער לופטן און איז שטיין געבליבן אַף די פיס און אַזוי איז ער געשטאַנען, נאָר דאָס לעבן און דער קויעך זײַנען אַנטרונען פון אים. דער אויסבראָך, וואָס האָט אים אַף די פיס אויפגעשטעלט, האָט ביזן טיפסטן אויסגעשעפּט דאָס געשיר פון זײַנע קויכעס. מיט איין האַנט האָט ער געזוכט זײַן גלײַכגעוויכט, מיט דער צווייטער האָט ער דאָס מעסער פאַרדריקט און האָט זיך געוויגט אַף פאָרויס און צוריק און מיט דעם מעסער געפאָכעט אַף ניט צוצולאָזן דעם ייִדן. נאָר דער ייִד איז געשטאַנען אַן אָפּגערוקטער פון אים און האָט קיין שום פּרווו ניט געמאַכט צו אים ווידער צוצוטרעטן... און עס איז בעעמעס ניט נייטיק געווען צום טראַציער צוצוקומען, ווײַל געווען איז ער צעמישטיקט, דאָס פּאָנעם מיט אַ שניט איבערגעקרײַצט, די הענט, דער קערפּער, די פיס באַדעקט מיט ווונדן און דאָס לעבן איז פון אים מיט דעם בלוט אָפּגעגאַנגען אין דער נאַסער וואַקסנדיקער קאַליזשע באַ זײַנע פיס אַפן זאַמד. און דאָך איז נאָך ניט פאַרענדיקט געווען די העכסטע דראַמע פון לעבן און טויט.

די רוימער האָבן געפונען אַן אויסוועג פון דער קריטישער לאַגע און האָבן גענומען שרײַען צום ייִדן און הייזעריק קוויטשען און באַפעלן:

— ווערבעראַ! פאַל אים איבער! פאַל אים איבער!

נאָר דער ייִד האָט זיך ניט גערירט. ער האָט בלויז איין שניט געהאַט איבער דער ברוסט, נאָר פון באַוועגן האָט זיך דאָס בלוט צעשמירט איבערן גאַנצן לײַב. מיטאַמאָל האָט ער אַ וואָרף געטאָן דאָס מעסער אינעם זאַמד, ווו דאָס האָט זיך אײַנגעשטאָכן מיט אַ געציטער. און ער איז שטיין געבליבן מיטן קאָפּ אַראָפּגעבויגן.

נאָך איין אויגנבליק און די געלעגנהייט וואָלט אַדורך. דער נאַקעטער טראַציער, וואָס איצט האָט ער געהאַט אַ רויטן צודעק פון בלוט אַף יעדן צענטימעטער לײַב, איז געפאַלן אַף די קני, דאָס מעסער איז אים פון האַנט אַרויסגעפאַלן און ער האָט שנעל גענומען אויסגיין. די רוימער האָבן געשריגן און דער טרענירער האָט זיך אַ לאָז געטאָן איבער דער אַרענע צום ייִדן מיט אַ לאַגער און שווערער רימענער בײַטש. צוויי זעלנער זײַנען אים נאָכגעגאַנגען.

— שלאָג זיך, שליאַק! — האָט דער טרענירער געדעוועט און די בײַטש איז דעם ייִדן געפאַלן אַפן רוקן און האָט זיך אַרום זײַן בויך אַרומגעוויקלט. — שלאָג זיך! ווידער האָט די בײַטש זיך איבער אים אַראָפּגעלאָזט, נאָר ער האָט זיך ניט גערירט, און דעמאָלט איז דער טראַציער אַפן פּאָנעם געפאַלן, האָט אַ ציטער געטאָן און גענומען קרעכצן פון ווייטיק, צוערשט מיט שוואַכע געשרייען, דערנאָך מיט אַלץ שטאַרקערע, ביז

אַ קרעשטשענדאַ, אַן אַרויסגעריסענעם פון דער טיפענישׁ פון זײַן אײַנגעבויגענעם קערפּער. די ווי־געשרייען האָבן אויפגעהערט און ער איז געבליבן ליגן אַן אומבאַוועגלעכער; ערשט דעמאָלט האָט דער טרענירער אויפגעהערט צו שמײַסן דעם ייִד. דער נעגער איז צוגעקומען און האָט צוגעלייגט אַן אויג צום שפּאַלט אינאיינעם מיט ספּאַרטאַקוסן.ביידע האָבן זיי געקוקט און האָבן צווישן זיך ניט גערעדט.

די זעלנער זײַנען צוגעקומען צום טראַציער און אים גענומען שטעכן מיט זייערע שפּיזן. ער האָט זיך קוים אַ ריר געטאָן. איינער פון די זעלנער האָט אָפּגעבונדן אַ קליינעם נאָר שווערן האַמער, וואָס איז געהאַנגען בײַ אים אָפן גאַרטל. דער אַנדערער זעלנער האָט זײַן שפּיז ווי אַ ברעכשטאַנג אַרונטערגערוקט דעם טראַציער אונטער דער זײַט און האָט אים איבערגעדרייט, און דער ערשטער האָט אים מיטן האַמער אַ שרעקלעכן קלאַפּ געטאָן איבערן שלייף אַזוי אַז ער איז אײַנגעזונקען אינעם ווייכן שאַרבןהײַטל. דערנאָך האָבן די זעלנער געגריסט די צוקוקער מיט דעם האַמער אין מאַרך אײַנגעטונקען. אין דער צײַט האָט אַ צווייטער טרענירער אַרויפגעפירט אַן אייזל אַף דער אַרענע. דאָס אייזל האָט אַף זיך געהאַט אַ גלאַנציקן מיץ מיט פעדערן אָפן קאָפּ און לעדערנע זאָטל־מאַכשירים, מיט אַ קייט צו זיי צוגעבונדן. די קייט האָט מען צוגעבונדן צום טראַציערס פיס און די זעלנער האָבן מיט זייערע שפּיזן געשטאָכן דאָס אייזל ער זאָל לויפן איבער דער אַרענע און שלעפן דעם פאַרבלוטיקטן גוף, וואָס דער מאַרך איז פון אים געפלאָסן. די רוימער האָבן אַפּלאָדירט און די דאַמע האָט האַנאָעדיק געפאָכעט מיט איר טיכעלע.

דערנאָך האָט מען דעם זאַמד אַף דער אַרענע איבערגעקערט און צוגעגלײַכט, קעדיי צו מאַכן פּלאַץ פאַר דער מוזיק און דעם טאַנץ, איידער די צווייטע פּאָר וועט אָנהייבן דאָס געשלעג.

VIII

באַטשיאַטאַ האָט געצאָלט צו זײַנע קליענטן אין דער לאָזשע בעטן בײַ זיי אַנטשולדיקונג און זיי אויפקלערן פאַרוואָס דער ייִד, דעמאָלט ווען זיי האָבן אַזוי גוט באַצאָלט, האָט צום סאָף געשלעג געפעלשעוועט, דערמיט וואָס ער האָט ניט אויפגעשניטן אַן אָדער אינעם האַלדז אָדער אינעם אָרעם, קעדיי עס זאָל אַרויספליסן מער בלוט און אַזוי אָרום מיט דעם געהעריקן פינאַל פאַרענדיקן די קאַליר־פולע שלאַכט; נאָר בראַקוס, מיט אַ גלאָז ווײַן אין איין האַנט, האָט אים מיט דער צווייטער אײַנגעשטילט:

— קיין איין וואָרט ניט מער, „לאַניסטע”! איך האָב אַ גרויסן פאַרגעניגן געהאַט. פאַר מיר איז עס גענוג.

— איך אָבער האָב מײַן רעפּוטאַציע.

— צום טײַוול מיט אײַער רעפּוטאַציע! נאַר, וואַרט... איך וועל אײַך זאָגן וואָס איר דאַרפט טאָן. ברענגט מיר אַהער דעם ייִדן. איר דאַרפט

אים אַנדערש ניט באַשטראָפן. אַז אַ מענטש שלאָגט זיך גוט, איז אים געגבוג דערמיט. ניט אַזוי? ברענגט אים אַהער.

— אַהער גאָר? גוט, אין דער עמעסן... — האָט לוציוס געגומען ריידן.

— כ'מיין אַזוי! נאָר פּוצט אים מיר ניט צו. זאָל ער אַהערקומען אַזוי ווי ער איז.

ווען באַטשיאַטאָ איז געגאַנגען אויספאָלגן וואָס מען האָט אים באַפוילן, האָט בראַקוס דערווײַל געגומען אויפקלערן, ווי געוויינטלעך מעווירנים, וואָס גיבן נאָך און שטרײַכן אונטער דאָס אומוויכטיקע, אין וואָס עס באַשטייט די שיינקייט און די עקספּעריענץ דערפון וואָס זיי האָבן געזען.

— אויב עס גיט זיך אײַן צווישן הונדערט פּאָרלעך זען אײנעם אַזאַ געשלעג, איז עס אַ גליק. איין מאָמענט גלאָר איידער אַ שאָ לאַנגווײַליקער פעכטן, דאָס איז דער באַרימטער „אַוויס יאַציענדאַ אַד מאָרטעם". אַ געשלעג אָף טויט... וואָרעם וואָס פאַר אַ בעסערער טויט וואָרט אָף דעם גלאַדיאַטאָר? נעמט אין אַכט די אומשטאַנדן. דער טראַציער מעסט דעם יידן און ווייס, אַז יענער שטײַגט אים אַריבער...

— ער האָט אָבער דער ערשטער יענעם צעבלוטיקט.

— דאָס איז גאָרניט. זיי האָבן זיך זיכער ביז איצט ניט געשלאָגן איינער מיטן צווייטן. זיי האָבן געמוזט מאַכן אַ ריי גענג אָף אויסצוטאַפּן זיך. וואָלטן זייביידע געווען אין גלײַכע באַדינגונגען, וואָלטן זיי זיך געפאָכטן, וואָס דאָס וואָלט געמיינט פלינקייט און אויסדויער; נאָר ווען זיי האָבן זיך אײַנגעקלאַמערט, האָט דער ייד געבראָכן דעם קלעם און האָט אַ קלאַפּ געטאָן דעם טראַציער איבערן אָרעם. וואָלט דאָס געווען דער רעכטער אָרעם אָנגעשטאָט דעם לינקן, וואָלט זיך דאָס געשלעג דערבײַ פאַרענדיקט; נאָר אין דעם פאַל ווי דאָס איז געשען, האָט דער טראַציער דערזען, אַז יענער נעמט די אויבערהאַנט, האָט ער ריזיקירט אָף אַ גרינטלעכן קלאַפּ... אַ גרינטלעכער קלאַפּ מיט דעם גאַנצן געוויכט פונעם קערפּער. נײַן צווישן צען גלאַדיאַטאָרן וואָלטן דעם קלאַפּ אָפּגעשטעלט און וואָלטן געפּרוווט ווידער זיך אײַנקלאַמערן, זיי וואָלטן עפּשער ריזיקירט צו באַקומען דערבײַ אַ געפערלעכע ווונד. ווייסט איר וואָס דאָס הייסט אָפּשטעלן אַזאַ מעסער ווען היגטער דעם מעסער שטייט אַ מענטש? פאַרוואָס איך האָב געשיקט רופן דעם יידן, וועל איך אײַך באַלד ווײַזן...

ווען בראַקוס האָט געהאַלטן אין ריידן, האָט זיך באַוויזן דער ייד נאָך אַ נאַקעטער, מיט דעם גערוך פון בלוט און שווייס אָף זיך. אַ ווילד און נאָך שרעקלעך געשטאַלט. דער קאָפּ אַראָפּגעבויגן און די מוסקולן האָבן נאָך געציטערט.

— בייג זיך אײַן! — האָט בראַקוס באַפוילן.

דער ייד האָט זיך ניט גערירט.

— פאַרנייג זיך! — האָט באַטשיאַטאָ געשריגן.

די צוויי טרעגירער, וואָס זײַנען לעבן אים געשטאַנען, האָבן אים מיט

גוואַלד אַף די קני געשטעלט פאַר די רוימער, און בראַקוס האָט מיט ניי־צאָכן אויסגערופן און האָט אָנגעוויזן אַפן רוקן:

— זעט!... גיט אַ קוק אָט דאָ! דאָס זײַנען ניט קיין צייכנס פון דער בײַטש. זעט ווי די הויט איז צעשניטן. ווי אַ דאַמע וואָלט אים מיט אַ נאָגל אַ גראַבל געטאָן. אָט דאָ האָט אים דעם טראַציערס מעסער אָנגערירט ווען ער האָט זיך מיט דעם גאַנצן קויעך אַף אים אַ וואָרף געטאָן. „אָוויס יאַציענדאַ אַד מאָרטעם״! לאָז אים גיין, „לאַניסט״. — האָט בראַקוס געזאָגט צו באַטשיאַטאָן. — בײַטש אים ניט. לאָז אים צו רו, וועסט מיט אים אַ פאַרמעגן מאַכן. איך נעם אַף מיר אים באַקאַנט צו מאַכן. פאַר דײַן געזונט, גלאַדיאַטאָר! — האָט ער אויסגערופן.

נאָר דער ייִד איז געשטאַנען מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און זיך ניט גערירט.

IX

— וויינען וועלן די שטיינער, — האָט דער נעגער געזאָגט, — און די זאַמדן, וואָס מיר טרעטן, וועלן זיפצן און וועלן קרעכצן פון ווייטיק, נאָר מיר וועלן ניט וויינען.

— מיר זײַנען גלאַדיאַטאָרן, — האָט ספּאַרטאַקוס געענטפערט.

— האָסטו דען אַ שטיינערן האַרץ?

— איך בין אַ שקלאַף. איך שטעל מיר פאָר, אַז אַ שקלאַף וואָלט באַדאַרפט האָבן אַ שטיינערן האַרץ אָדער גאָר קיין האַרץ ניט האָבן. דו האָסט גוטס צו דערמאָנען, נאָר איך בין אַ „קאַרואַו״ און איך האָבן ניט אַזוינס וואָס זאָל ווערט זײַן צו דערמאָנען.

— דאָס גערירט ווערן וועט מיר צו גאָרניט נוצן — האָט ספּאַר־

— דערפאַר מיסטאָמע קענסטו קוקן און ניט גערירט זײַן.

טאַקוס טרויעריק געזאָגט.

— איך ווייס ניט ווער דו ביסט, ספּאַרטאַקוס. דו ביסט אַ ווײַסער און איך בין אַ שוואַרצער. מיר זײַנען גאָר אַנדערע. בײַ מיר אין לאַנד, ווען דאָס האַרץ פון אַ מענטשן ווערט פול מיט פּײַן, וויינט ער. נאָר אין דיר, טראַציער, זײַנען די טרערן אויסגעטריקנט. גיב אַ קוק אַף מיר. וואָס זעסטו?

— איך זע אַ וויינענדיקן מענטשן, — האָט ספּאַרטאַקוס געזאָגט.

— בין איך דערמיט ווייניקער מענטש? הער מיך אויס, ספּאַרטאַקוס, איך וועל זיך אַקעגן דיר ניט שלאָגן. פאַרמישפּעט און פאַרשאָלטן זאָלן זיי ווערן, פאַרשאָלטן אַף אייביק! איך וועל זיך אַקעגן דיר ניט שלאָגן, ספּאַרטאַקוס, אָט ווי דו הערסט.

— אויב מיר וועלן זיך ניט שלאָגן, וועלן מיר ביידע שטאַרבן — האָט ספּאַרטאַקוס פאַמעלעך געענטפערט.

אויב אַזוי, האַרגע מיך, פרײַנט מײַנער. איך בין מיד פון לעבן. איך בין קראַנק פון לעבן.

— שטילער דאָרט!

די זעלנער האָבן געקלאַפּט אין דער וואַנט פונעם אָפּדאַך, נאָר דער

נעגער האָט זיך אויסגעדרייט און האָט אַזאַ קלאַפּ געטאָן מיט דער פויסט אין דער וואַנט, אַז דער אָפּדאַך האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. דערנאָך האָט ער זיך מיטאַמאָל איינגעהאַלטן, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק און האָט דעם קאָפּ אַנגעשפּאַרט אין די הענט. ספּאַרטאַקוס איז צו אים צוגעגאַנגען, האָט אים דעם קאָפּ אויפגעהויבן און האָט אים צאַרט אָפּגעווישט די טראָפּנס שווייס פונעם שטערן.

— גלאַדיאַטאָר, כאַווער זיך ניט מיט גלאַדיאַטאָרן.

— ספּאַרטאַקוס, צו וואָס איז דער מענטש געבוירן? — האָט מיט ווייטיק אַ פליסטער געטאָן דער נעגער.

— צו לעבן.

— איז דאָס דײַן פולער ענטפער?

— דער איינציקער ענטפער.

— איך פאַרשטיי ניט דײַן ענטפער, טראַציער.

— פאַרוואָס? פאַרוואָס, פרײַנט מײַנער? — האָט ספּאַרטאַקוס קימאַט זיך געבעטן בײַ אים, — דאָס קינד ווייס דעם ענטפער באַלד ווי דאָס קומט אַרויס פון דער מוטערס שויס. אַזוי פּאַשעט איז דער ענטפער.

— פאַר מיר איז עס קיין ענטפער ניט, — האָט דער נעגער געזאָגט, — און מײַן האַרץ ווערט אויף שטיקער צעריסן פאַר די וואָס האָבן מיך ליב געהאַט.

— און אַנדערע וועלן דיך ליב האָבן.

— שוין קיינמאָל ניט, — האָט דער נעגער געזאָגט, — שוין קיינמאָל ניט.

X

אין די ווײַטערדיקע יאָרן האָט קאַיוס מיסטאָמע ניט זייער קלאָר געדענקט יענעם פרימאָרגן פון די צוויי פאַרלעך אין קאַפּוא. ער האָט אויף זײַן לעבן אַ סאַך אײַנדרוקן געהאַט, אײַנדרוקן, וואָס ער האָט זיך געקויפט און האָט באַצאָלט פאַר זיי און ספּאַרטאַקוס איז דאָך ניט מער ווי אַ טראַציער נאָמען. בײַ די רוימער האָבן אַלע טראַצישע נעמען געקלונגען אַלצאיינס: גאַניקוס, ספּאַרטאַקוס, מעניקוס, פלאַראַקוס, לענאַקוס. קאַיוס האָט אַפילו וועגן דעם ייִד געקענט זאָגן, בעת ער האָט דערציילט די געשיכטע, אַז ער איז געווען אַ טראַציער, שוין דערפאַר וואָס אין דער צירק־טערמינאָלאָגיע און אין דער פּלעפּנדיקער צוציִונגס־ קראַפט, וואָס די אַרענע האָט געהאַט באַם פאָלק, האָט דער נאָמען טראַציער געהאַט צוויי טײַטשן. פון איין זײַט האָט טראַציער געמיינט אַן אײַנוווינער פונעם דאַרעם־טייל באַלקאַנען־געגנט, ווו עס ציִען זיך די שוואַרציאַמיקע סטעפּעס, און די וואָס האָבן געוווינט נענטער צו מאַקעדאָניע האָבן גערעדט גריכיש. נאָר גריכיש איז בעשומויפן ניט געווען די שפּראַך פון די אַלע וואָס מען האָט גערופן טראַציער, פּונקט ווי דער קרומער מעסער איז ניט געווען דאָס געווער פון די אַלע שוואַטים.

פון דער אַנדער זײַט איז אינעם ספּאָרט־לאָשן פון דער שטאָט רוים און אינעם אומגאַנגס זשאַרגאָן פונעם צירק אַ טראַציער געווען אַ ליאַדע איינער וואָס האָט זיך געשלאָגן מיט דעם „סיקאַ". דער ייִד איז אַזוי אַרום געווען אַ טראַציער, וואָרעם קאַיוס האָט ניט געוווּסט און עס איז אים אויך אין לעבן ניט געגאַנגען צו וויסן, אַז ער שטאַמט פון די „זעלאָטן", פון יענע ווידערשפּעניקע און האַרטנעקיקע פּויערים אַף די בערג פון יעהודאַ, וואָס האָבן אויפגעהויבן די פאָן פון מערידע און אייביקער סינע קעגן די אונטערדריקער נאָך אין די אַלטע צײַטן פון די מאַקאַבייער און פון דעם ערשטן פּויערים־אויפשטאַנד. קאַיוס האָט זייער ווייניק געוווּסט פון יעהודאָ און נאָך ווייניקער האָט אים אינטערעסירט צו וויסן; דער ייִד איז פאַר אים געווען אַ געמאַלעטער טראַציער. ער האָט שוין געהאַט געזען איין פּאָרל און באַלד וועט קומען דאָס צווייטע. און אָט דאָס צווייטע פּאָרל האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר גאָרניט קיין געוויינטלעכס. אינעם זיקאָרן איז אים דעריקער פאַרבליבן דאָס וואָס איז געשען מיט דעם נעגער און ער האָט זיך אינגאַנצן פאַרגעסן וואָס עס האָט פּאַסירט מיט זײַן קעגנער. ער געדענקט פונדעסטוועגן, זייער קלאָר וויִאַזוי ער איז אַרויסגעקומען אַף דער אַרענע, וויִאַזויביידע האָבן פון זייער שטײַג אַרויסגעשפּאַנט, פון דער טונקל אָפּן געלן זאַמד, אַן אויסגעפּלעקטן און באַוואַשענעם מיט דער בריִענ־דיקער זון. די פייגל זײַנען אָנגעפלויגן, פליישפרעסנדיקע אָדער רויב־פייגל, „אַוויס סאַנגוויניאַריאַ", קליינע געצירטע פייגעלעך מיט געלע פלעקן, וואָס פּיקן ווי די פרעסער אינעם אויסגעפּלעקטן זאַמד און פּילן מיט דעם אָן זייערע וואָליעס. זייערע געלע פלעקן זײַנען געל ווי דאָס זאַמד, און ווען זיי האָבן זיך אויפגעהויבן אַף אַוועקצופליִען, האָט עס אויסגעזען ווי קופּקעלעך זאַמד וואָלטן אַרויפגעשפּרונגען. ביידע מענטשן זײַנען געבליבן אַף דעם באַשטימטן אָרט, גריסן די וואָס האָבן געקויפט זייער בלוט און זייער פלייש; אָט האָט איר אײַך דעם מאָמענט ווען דאָס לעבן האָט קיין ווערט ניט, ווען ווערדע און בושע ענדערן דעם זין פון לעבן. אָט דערצו איז עס דערגאַנגען; די האַרנטע וועלט פאַרוואַלט זיך מיט בלוט.

קאַיוס דערמאָנט זיך ווי קליין עס האָט אויסגעזען דער טראַציער אין פאַרגלײַך מיט דעם ריזיקן אַפריקאַנישן נעגער. וואָרעם דאָס בילד איז אין זײַן זיקאָרן אויסגעקריצט אַף אַ הינטערגרונט מיט זון באַוואַשן, מיט געלן זאַמד און ניט געפאַרבטע ברעטער פונעם אַמפיטעאַטער. ער געדענקט ניט וואָס בראַקוס האָט דעמאָלט געזאָגט. נישטיקע, אומבאַדײַטנדיקע ווערטער זײַנען עס געווען און מיט דער צײַט זײַנען זיי זיך צעשוווּמען. די קליינע קאַפּריזן פון אַזעלכע מענטשן זײַנען קיינמאָל ניט קיין סיבעס, זיי דאַכטן זיך נאָר ווי סיבעס. ניט אַפילו ספּאַרטאַקוס איז געווען די סיבע, ער איז געווען אַ רעזולטאַט דערפון וואָס פאַר קאַיוסן איז עס געווען נאָרמאַל. און דער קאַפּריז וואָס האָט גערעכט בראַקוסן צו פאַרטראַכטן אָט די מיקראָ־סקאָפּישע אָרגיע פון טויט און לײַדן צום פאַרוויילן זײַנע נישטיקע און פוסטע פרײַנט, איז אין קאַיוסעס אויגן גאָרניט געווען קיין קאַפּריז, נאָר עפּעס זייער אָריגינעלס און רייצנדיקס.

דאָס פּאָרל, הייסט עס, האָט געגריסט צו דוימער, וואָס האָבן געטרונקען ווײַן און געגעסן אײַנגעמאַכץ. צוגעקומען איז דער געווער־טרעגער. פאַר ספּאַרטאַקוסן אַ מעסער, פאַר דעם נעגער אַ לאַנגע שווערע דרײַשפּיציקע שפּיז און די פיש־נעץ. פאַיאַצן אין זייער שענדלעכער און בלוטיקער דערנידערונג. די גאַנצע וועלט איז פאַרשקלאַפט געוואָרן, קעדיי די רוימער זאָלן זיך דאָרט קענען אַוועקזעצן אינעם באַקוועמען שאָטן באַ זיך אין דער לאָזשע עסן אײַנגעמאַכץ און טרינקען ווײַן. דאָס פּאָרל האָט גענומען דאָס געווער. און דעמאָלט, לויט ווי דאָס איז פאַרבליבן באַ קאַיוסן אין זיכּאָרן, איז דער נעגער מעשוגע געוואָרן. וואָרעם נאָר אַ מעשוגענער קען אַזוינס טאָן. ניט ער, ניט בראַקוס און ניט לוציוס וואָלטן זיך געקענט דערקלײַבן צו דעם וואָס דער שוואַרצער מענטש איז געווען. וואָלטן זיי געקענט, וואָלטן זיי אויך געוווסט, אַז דער נעגער איז ניט מעשוגע געוואָרן. אַפילע ניט אין געדאַנק האָבן זיי זיך געקענט פאָרשטעלן דאָס הויז וואָס דער מענטש האָט געהאַט באַ דעם טײַך און די קינדער וואָס זײַן ווײַב האָט אים געהאַט און די ערד וואָס ער האָט באַאַרבעט און די פרוכט פון דער ערד, איידער די זעלנער זײַנען געקומען און אינאיינעם מיט זיי די שקלאַפן־הענדלער אַראָפּצונעמען דעם שניט פון מענטשלעכע לעבנס, וואָס איז ווי מיט אַ קישעף פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גאָלד.

אַזוי אַז נאָר אין זייערע אויגן איז דער נעגער מעשוגע געוואָרן. זיי האָבן געזען ווי ער וואַרפט אַוועק די פיש־נעץ אָן אַ זײַט און לאָזט אַרויס אַ ווילדן מילכאָמע־געשריי. דערנאָך האָבן זיי אים געזען לויפן צו דער לאָזשע, נאָר אַ טרענירער מיט דער אַרויסגעצויגענער שווערד האָט אים געפרווט פאַרהאַלטן, און אין דעם אויגנבליק האָט זיך שוין דער טרענירער געדרייט צווישן די צייַנער פונעם „טרידענס“, ווי אַן אויפגעשטאָכענער פיש, ווי דער נעגער האָט אים דערנאָך מיט דער שפּיז אין דער לופטן אויפגעהויבן און געדרייט מיט אים איינמאָל און אַ צווייטן מאָל, מיט ווילדע געשרייען, ביז ער האָט אים אַף דער ערד אַראָפּגעוואָרפן. אַ צאַם פון צוויי מעטער די הייך האָט שוין דעם שוואַרצן ריז דעם וועג פאַרשטעלט, נאָר ער האָט די ברעטער אַראָפּגעריסן, ווי זיי וואָלטן פאַפירענע געווען. אַן אײבערגעשטאַלטיקטער איז ער געוואָרן; זײַן גווורע האָט אים פאַרוואַנדלט אין אַ געשלײַדערטן געווער אַף דער לאָזשע ווו דאָס הייפל רוימער איז געזעסן. נאָר פון אַלע זײַטן אַרענע זײַנען אָנגעקומען זעלנער. די ערשטע האָבן אים אַרומגערינגלט, מיט די פיס צעשטעלטע אָפן זאַמד, און האָבן אים זייערע שפּיזן געוואָרפן, זייערע גרויסע הילצערנע שפּיזן מיט די אײַזערנע שפּיצן, וואָס קיינער האָט קעגן זיי ניט געקענט בײַשטיין און האָבן פון דער ערד אָפּגעווישט אַרמייען פון הונדערט פעלקער. נאָר ניט דעם נעגער. איין שפּיז האָט אים געטראָפן אינעם רוקן; דער אײַזערנער שפּיז האָט אים דורכגעלעכערט און איז אים דורך דער ברוסט אַרויס, נאָר האָט ניט באַוויזן אים אָפּצושטעלן. יאָ, אויך דאָס האָט אים ניט באַוויזן אָפּצושטעלן, און אַ דורכגעשטאָכענער מיט דער שפּיז איז ער געגאַנגען אַף די רוימער. אַ צווייטע שפּיז האָט זיך אים אין דער זײַט אַרײַנגעשטאָכן און ער איז ווײַ־

טער געגאַנגען. אַ דריטע האָט זיך אים אינעם רוקן איינגעשטאָכן און אַ פערטע אינעם נאַקן. דאָסמאָל האָבן זיי מיט אים פאַרענדיקט, און דאָך האָט נאָך דער „טרידענס", וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט פאַרקלעמט, באַוויזן צוצוקומען צום געלענדער פון דער לאָזשע, וואָס די רוימער האָבן זיך הינטער איר פאַרשטעקט. און ערשט דעמאָלט איז ער געפאַלן. דאָס בלוט האָט גענומען פלייצן פון אים און בלעזלען, און ער איז אויסגעגאַנגען.

מען מוז דאָ אָנמערקן, אַז ספּאַרטאַקוס האָט זיך די גאַנצע צייט פון עם אָרט ניט גערירט. וואָלט ער זיך איין ריר געטאָן, וואָלט ער אומגעקומען. ער האָט געלאָזט פאַלן דאָס מעסער אַף דעם זאַמד און איז אַזוי די גאַנצע צייט געשטאַנען. דאָס לעבן איז דער ענטפער אַפן לעבן.

פֿערטע טייל

וואָס באַציט זיך צו טוליוס מאַרקוס ציצעראָן און צו זײַן אינטערעס אינעם אויסשפּרונג פֿון דער שקלאַפֿן־מילכאָמע

I

אַז אין ווילאַ סאַלאַריאַ, וווּ אַ גרופּע רוימישע דאַמען און קאַוואַלירן פֿון דער הויכער געזעלשאַפֿט האָבן זיך אָנגעטראָפֿן און אײַנאײַנעם אַ נאַכט פֿאַרבראַכט אין דער זאָרגוועדיקער גאַסטפֿרײַנטשאַפֿט פֿון אַ רוימישן ערד־באַזיצער און קאַוואַליר, זאָל מען אַרויסווײַזן גרויס זאָרג מיקויעך ספּאַרטאַקוסן און מיקויעך דער גרויסער איבערקערעניש, וואָס ער האָט מיט איר אָנגעפֿירט, איז אַזוינס וואָס מען האָט זיך דערויף געקענט ריכטן. אַלע זײַנען זיי געקומען אַף דער זומער־וווינונג מיט דער וויאַ אַפּיאַ, די מערסטע פֿון דאָרעם־זײַט, פֿון רוים, און ציצעראָן פֿון צאָפֿן־זײַט, אַפֿן וועג קײַן רוים, פֿון זײַן רײַזע איבער סיציליע, וווּ ער האָט פֿאַרנומען דעם וויכטיקן רעגירונגס־פּאָסטן פֿון „קוועסטאָר" (באַאַמטער פֿאַר ספּעציעלע שליכעסן). אַזוי אַז זייער רײַזע איז געווען אָנגעזעטיקט מיט די שטראָף־צייכנס, די שטרענגע און אומגעבויגענע „סיגנאַ פּענאַע", וואָס האָט געוואָרנט דער גאַנצער וועלט, אַז דאָס רוימישע געזעץ איז אַזוי אומדערבאַרעמלעך ווי גערעכטיק.

פֿונדעסטוועגן, וואָלט קיין שום מענטש, ווי קאַלטבלוטיק ער זאָל זײַן, ניט געקענט פֿאָרן איבער יענעם וועג און זיך ניט פֿאַרטראַכטן איבער די שרעקלעכע שלאַכטן צווישן די שקלאַפֿן און די פֿרײַע מענטשן, וואָס האָבן אויפֿגעטרייסלט די רוימישע רעפּובליק אינעם סאַמע פֿונדאַמענט און האָבן מיט אַן עמעסן אויפֿגעטרייסלט די גאַנצע וועלט, וואָס די רעפּובליק האָט דעמאָלט געהאַט באַהערשט. עס איז נישט געווען קיין איין שקלאַף, וואָס זאָל זיך ניט רעגן אינעם שלאָף באַ דעם געדאַנק וועגן אַזוי פֿיל גלײַכע צו אים, וואָס הענגען אַף די צלאָמים אָן צאָל. די דאָזיקע מאַסן־קרייצונגען און דער ווײַ פֿון די זעקס טויזנט מענטשן, וואָס זײַנען אַזוי גרויליק און פּאַמעלעכדיק אויסגעגאַנגען, איז געווען אַ לײַדנשאַפֿט, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע געגנט. עס איז זיך דעריבער ניט געווען פֿאָרצושטעלן, אַז

אַזאַ יונגער מאַן ווי מאַרקוס טוליוס ציצעראָן זאָל פון איר ניט געווען פאַרכאַפּט ווערן.

וואָס שײַך ציצעראָנען, איז קעדײַ אָנצומערקן, אַז אַזאַ מענטש ווי אַנטאָניוס קאַיוס האָט אים אַרויסבאַגלייט ביז צום וועג ווי אַן אויסדרוק פון העפלעכקייט וואָס איז געגאַנגען אַ סאַך ווײַטער ווי אים איז געקרמען לויט זײַנע צוויי און דרײַסיק יאָר. ניט מיט זײַן ייִכעס, ניט מיט דער באַרמאַלער וויכטיקייט פון זײַן פאַמיליע און אַפילע ניט מיט זײַן פּערזענלעכן צויבער, האָט ער געוווּנען די באַציִונג צו זיך, וואָס זײַנע פרײַנט גופע האָבן אים געהאַלטן פאַר ניט קיין באַצויבערנדיקן פאַרשוין. קלוג איז ער געווען, נאָר געווען זײַנען נאָך אַזוינע קלוגע מענטשן ווי ער. ביפּראָט איז ער געווען פון יענעם מין יונגעלײַט — וואָס פאַראַן זײַנען זיי אין אַלע צײַטן — פעיִקע זיך אויסצוטאָן פון יעדן שפּור געוויסן, פון עטיק, פון יעדן קלער וועגן דער הערשנדיקער מאָראַל, פון יעדן דראַנג צו שטילן דעם געוויסן און די זינד, פון יעדן שטויס צו מיטלײַד און יושער, וואָס קען אים זײַן אַ שטער אַפן וועג צו דערפאָלג. דאָס מיינט ניט, אַז ער אינטערעסירט זיך ניט מיט יושער, מאָראַל אָדער מיטלײַד; ער אינטערעסירט זיך, אָבער נאָר אַף וויפל דאָס האָט צו טאָן מיט זײַן פּערזענלעכן פאָרשריט. ציצעראָן איז ניט פּאַשעט אַמביציעז, וואָרעם פּאַשעטע און ריינע אַמביציע קען אין זיך האָבן געוויסע עלעמענטן עמאָציע; ציצעראָן איז קאַלט אויסגערעכנט און כיטרע פאַרנומען מיט זײַן דערפאָלג. און טרעפט אַז די אויסרעכענונגען דרייען זיך אויס מיטן פּאָנעם קעגן אים, איז עס באַ אַזוינע מענטשן ווי ער אויך ניט קיין זעלטנקייט. קעגן אים האָבן זיי זיך צו יענער צײַט נאָך ניט געהאַט אויסגעדרייט. ער איז דאָס וווּנדער־באָכערל, וואָס צו אַכצן יאָר פּראַקטיצירט ער יוסטיץ, צו צוואַנציק טרעט ער אַרײַן אין אַ גרויסן קאַמף — אויסשליסלעך צוליב פּרעסטיזש און אַן סאַקאָנע פאַר זײַן פיזישער גאַנצקייט — און נאָך די דרײַסיק פאַרנעמט ער שוין אַ וויכטיקן רעגירונגס־פּאָסטן. זײַנע עסייען — איבער פילאָזאָפיע און רעגירונג — און זײַנע רעדעס לייענט מען און מען באַוווּנדערט זיי, און אויב דעם שוואַכן אינהאַלט וואָס זיי האָבן באָרגט ער זיך אויס, זײַנען מענטשן מערסטנס צו גרויסע אַמעראַצים אַף צו וויסן ווו ער האָט געגאַנוועט. ער קען די מענטשן וואָס לױבן אים און האָט וועגן זיי אַ גענויע אויסרעכענונג. צו יענער צײַט פלעגן מענטשן זוכן אײַנפלוסרײַכע באַציִונגען; ציצעראָנס אײַנגעבוירענע אייגנשאַפט באַשטייט דערין, וואָס ער דערלאָזט ניט אַז עפּעס וואָס זאָל שטערן זײַנע באַציִונגען מיט די מענטשן וואָס לױבן אים.

שוין לאַנג ווי ציצעראָן האָט אויסגעפונען דעם טיפן אונטערשייד צווישן רעכט און מאָראַל. רעכט איז דאָס געווער פונעם שטאַרקן, גענוצט צו ווערן אַפן אײַנזען פונעם שטאַרקן; מאָראַל, ווי די געטער, זײַנען די אילוזיע פון די שוואַכע. שקלאַפערײַ איז רעכט; בלויז נאַראָנים זאָגן, אַז זי איז מאָראַל. בעייסן פאָרן איבערן טראַקט האָט ער צוגעזען די שרעקלעכע לײַדן פון די געקרייציקטע אָן אַ שיר, ער האָט זיי אָבער ניט צוגעלאָזט צום האַרצן. ער האָט צו יענער צײַט געאַרבעט — און צו יעדער צײַט

פלעגט ער עפעס שרײַבן — איבער אַ קורצער מאָנאָגראַפיע וועגן דער ריי שקלאַפן־אויפשטאַנדן וואָס האָבן אויפגערודערט די גאַנצע וועלט, און איז שטאַרק פאַראינטערעסירט געווען מיט די פאַרשיידענע מינים עקזעקוציעס פון די שקלאַפן לענגויס דער וויאַ אַפּיאַ, ניט שטעלנדיק זיך אַף קיינעמס צאַד. ער האָט דעמאָלט געהאַט די געלעגנהייט צו שטודירן די פאַרשיידענע טיפן שקלאַפן, די גאַלן און די אַפריקאַנער, די טראַציער און די ייִדן, די גערמאַנער און די גריכן, וואָס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די מאַסע געקרייציקטע און האָט ניט געפילט צו זיי ניט קיין איבל און ניט קיין מיטלײַד. דעמאָלט איז אים אַפן געדאַנק געקומען, אַז אין אָט דער אויסגעצאַכענער לײַדנשאַפט איז פאַראַן אַן אָפשײַן פון עפעס אַ נײַער און מעכטיקער שטרעמונג וואָס האָט זיך אין דער וועלט באַוויזן, מיט פאַרצווײַגונגען, וואָס וועלן זיך אַוועקציִען אַף נאָך אומבאַקאַנטע צײַטן; עס איז אים אָבער אויך אַפן געדאַנק געקומען, אַז אַ מענטש, באַזונדער אין זײַן צײַט, וואָס זאָל קענען קאַלט אָבסערווירן, אַנאַליזירן און אינטערפּרעטירן אָט די נײַע דערשײַנונג, די שקלאַפן־אויפשטאַנדן, וועט האָבן אין זײַן האַנט אַ מאַכט, איינציק אין איר מין. ציצעראָן האָט געפילט אַ גרינגשעצונג צו די וואָס האַסן און פאַרשטייען ניט דערבײַ די סוביעקטיווע נויטווענדיקייט אין דעם אָביעקט פון זייער האַס.

דאָס זײַנען די אייגנשאַפטן וואָס טייל האָבן געזען און אַנדערע האָבן ניט געזען אין ציצעראָנען. ווען קלאַודיע איז יענע נאַכט געקומען קיין ווילאַ סאַלאַריאַ, האָט זי די אייגנשאַפטן ניט באַמערקט. וואָס ווייניקער קאָמפּליצירט אַ פאַרשוין איז, אַלץ פאַרשטענדלעכער איז ער פאַר קלאַודיען. העלענע פאַרקערט, האָט אים דערקענט און האָט אים אָפּגעגעבן וואָס אים קומט. „איך בין פונקט אַזוי ווי דו“, — האָבן אירע אויגן געזאָגט צו ציצעראָנען, — „זאָלן מיר דאָס ווײַטער אָנהאַלטן?“ און בעייס איר ברודער איז געלעגן באַ זיך אין בעט און האָט געוואַרט אַ גרויסער גענעראַל זאָל אַרײַנקומען, איז זי אַרײַנגעגאַנגען צו ציצעראָנען אין צימער. פאַרמאָגט האָט זי אַ ספּעציעל אונטערגעקליבענע כשיוועס פון מענטשן וואָס דערשאַצן זיך ניט אַליין און דערמיט קרעפטיקן זיי זיך. נאָר צו וואָס זי דאַרף זיך האַלטן נידעריקער פאַר אָט דעם מענטשן, וואָס שטאַמט פון אַ געלט־גײַציקער מישפּאָכע, פון דעם אויפגעקומענעם מיטל־קלאַס, קען זי ניט זאָגן. זי וואָלט ניט געקענט קומען צום געדאַנק אַפילע, אַז איידער נאָך די נאַכט וועט אַוועק, וועט זי אָפטאָן אַזוינס, פאַר וועלכן זי וועט זיך שפּעטער האַסן.

זי אָבער פאַר ציצעראָנען איז געווען זייער אַ געווונטשענער טיפּ פרוי. זי איז אַ הויכע, אַ קרעפטיקע, מיט קאָרעקטע שטריכן און אירע שאַרפע טונקעלע אויגן זײַנען פאַר אים אַ בײַשפּיל פון אַלע אָנגעזאַמלטע אייגנשאַפטן אינעם פאַטריציִער בלוט. זי איז דער ספּעציעלער ציל, צו וועלכן די זײַיקע קלעטערן דורערס־לאַנג און קענען ניט דערגרייכן. און אויסגעפינען די אייגנשאַפטן וואָס זאָלן צוציִען אַ פרוי, נאָך מיט אַזאַ אויסערלעכ־

קייט, צו אַ מאַן אין צימער, אַזוי שפּעט באַנאַכט און מיט דעם איינציקן און קלאָרן מאָטיוו, איז ביז גאָר צופרידנשטעלנדיק.

צו יענער צײַט איז זעלטן געווען אַנצוטרעפן אַ רוימער וואָס זאָל אַר־בעטן באַנאַכט. די מאָדנע אומגלײַכע אַנטוויקלונג פון דער דאָזיקער גע־זעלשאַפט, האָט איינע פון אירע שוואַכסטע פונקטן געהאַט אין דער קינסט־לעכער באַלײַכטונג. די רוימישע לאָמפּן זײַנען געווען אָרעמע צאַנקענדיקע זאַכן, וואָס האָבן אײַנגעמידט די אויגן און האָבן אין בעסטן פאַל געברענט מיט אַ בלייכער געלער שײַן. אַרבעטן באַנאַכט, ביפראַט נאָך אַזוי פיל ווײַן און עסן, וואָלט דעריבער געווען אַ באַזונדערער באַווײַז פון באַוווּנדערטער אָדער פאַרדעכטיקטער עקסצענטרישקייט, געוועגדעט פון דעם ווער דער מענטש איז וואָס אַרבעט. אינעם פאַל מיט ציצעראָנען האָט דאָס גיכער געקענט זײַן אַ מאָטיוו פאַר באַוווּנדערונג, שוין דערפאַר וואָס די רייד איז פון אַזאַ אויסערגעוויינלעכן יונגערמאַן; און ווען העלענע איז אַרײַנגעקו־מען צו אים אין צימער, איז דער אויסערגעוויינלעכער יונגערמאַן געזעסן אין בעט מיט די פיס פאַרלייגט אונטער זיך און האָט עפּעס פאַרצייכנט און פאַריכט אין אַ פאַרמעט וואָס איז פאַר אים געלעגן אויסגעשפּרייט אַף די לענדן. פאַר אַ מער עלטערער פרוי פון איר וואָלט עס עפּשער אויסגעזען אַ צו אויסגעשטודירטע פּאָזע; נאָר העלענע איז ניט מער אַלט געווען ווי דרײַ און צוואַנציק יאָר און דאָס האָט אַף איר געמאַכט דעם געהעריקן אײַנדרוק. אַ פירער אין פרידן ווי אין קריג, וואָס איז טרײַ געבליבן די אַלטע לעגענ־דעס פון יענע רוימער, וואָס מען האָט זיך פאַרגעשטעלט שלאָפן ניט מער ווי צוויי אָדער דרײַ שאָ דורך דער נאַכט, און די רעשט צײַט אָוועקגעגעבן דער מעלוכע. אָפּגעגעבענע מענטשן. איר איז געפעלן וואָס אַן אָפּגעגעבע־נער מענטש קוקט אַף איר אַזוי ווי עס קוקט אַף איר ציצעראָן.

נאָך איידער זי האָט הינטער זיך די טיר פאַרמאַכט, האָט איר ציצע־ראָן אָנגעוויזן אָפּן בעט זיך אַוועקצוזעצן — אַגעוו, איז זי דערצו געצוווּנ־גען געווען, מאַכמעס קיין אַנדער באַקוועם אָרט צום זיצן איז אינעם צימער ניט געווען — און ער האָט ווײַטער געאַרבעט. זי האָט פאַרמאַכט די טיר און האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין בעט.

פאַרוואָס ניט? איינע פון די זאַכן וואָס האָבן העלענען אין איר לעבן פאַרוווּנדערט, איז דער פאַרשיידענער אויפן ווי מענער קומען צו צו אַ פרוי. גאָר ציצעראָן איז גאָר ביקלאָל צו איר ניט צוגעקומען, און נאָכדעם ווי זי איז אַזוי אָפּגעזעסן אַקעגן אַ פערטל שאָ, האָט זי אים געפרעגט:

— וואָס שרײַבט איר?

ער האָט אַף איר פאַרשנדיק אַ קוק געטאָן. די פראַגע איז אַן אויבער־פלעכלעכע, אַ קאָנווענציאָנעלער אָנהייב. נאָר ציצעראָן האָט ליב געהאַט ריידן. ווי ביקלאָל יונגעלײַט פון זײַן טיפּ, האָט ער אַלץ געוואָרט אַף דער פרוי וואָס זאָל אים פאַרשטיין, ריכטיקער, וואָס זאָל ווי געהעריק שפּײַזן זײַן עגאָ, און ער האָט געפרעגט העלענען:

— פאַרוואָס פרעגט איר עס מיך?

— ווײַל איך וויל וויסן.

— איך שרײַב אַ מאָנאָגראַפיע איבער דער שקלאַפן־מילכאָמע — האָט ער באַשיידן געענטפערט.

— איר מיינט אַ געשיכטע פון די דאָזיקע מילכאָמעס.

אין יענער צײַט איז עס געוואָרן עלעגאַנט, אַז קאַוואַלירן ליידיקגייער פון דער הויכער געזעלשאַפט זאָלן זיך אָפּגעבן מיט געשיכטע שרײַבן און אַ סאַך פריש געבאַקענע אַריסטאָקראַטן פלעגן זיך פאַרנעמען מיט אויס־טאַפּן די אָנהייב־געשיכטע פון דער רעפּובליק און זוכן פאַר זייערע אָוועס אַ בעקאָוועדיקן אָרט אין די גרויסע געשעענישן.

— סאיז ניט קיין געשיכטע, — האָט ציצעראָן ערנסט געענטפערט און האָט דערבײַ שווער און צודרינגלעך געקוקט אַף דעם מיידל, זיכער אַז ער מאַכט אַף איר אַן אײַנדרוק פון אָרנטלעכקייט און אויסדויער, ניט געקוקט אַף זײַן אינערלעכן פּראָצעס פון געמאַכטקייט. — אַ געשיכטע וואָלט גע־מיינט כראָנאָלאָגיע. איך בין פאַראינטערעסירט מער אין דער דערשײַ־נונג, אינעם פּראָצעס. קוקט מען אַף די קרייצן, אַף די שטראָף־צייכנס וואָס באַזוימען די וויאַ אַפּיאַ, זעט מען בלויז די טויטע גופים פון זעקס טויזנט מענטשן, און מען קען קומען צום שלוס, אַז רוימער זײַנען נעקאָמעדיק, און עס איז נישט געננוג מיר זאָלן זאָגן, אַז מיר זײַנען אַ פאָלק פון רעכט און זיך פאַררופן דערבײַ אַף דער נויטווענדיקייט פונעם רעכט. מיר מוזן אויפקלערן, אַפילע פאַר אונדז גופע, די לאָגיק פון דעם רעכט. מיר מוזן פאַרשטיין. ניט געננוג איז געווען פאַר דעם אַלטן (קאַטאָן דער אַלטער. איבערז.) צו זאָגן „דעלענדאַ עסט קאַרטאַגאָ” (קאַרטאַגאָ מוז צעשטערט ווערן). דאָס איז דעמאַגאָגיע. איך, פון מײַן זײַט, וואָלט וועלן פאַרשטיין פאַרוואָס קאַרטאַגאָ איז צעשטערט געוואָרן און פאַרוואָס האָט מען געמוזט די זעקס טויזנט שקלאַפן פאַרמישפּעטן צו אַזאַ טויט.

— מען זאָגט, — האָט העלענע אַ שמייכל געטאָן, — אַז ווען מען וואָלט זיי אַלעמען מיט אַ מאָל אַרויסגעלאָזט אַפן שקלאַפן־מאַרק, וואָלטן טייל גאַנץ כאָשעווע פאַרמעגנס צו גרונט געגאַנגען.

— אַ ביסל עמעס און אַ סאַך פאַלש, — האָט ציצעראָן געענטפערט, — איך וויל זען וואָס אונטער דער אויבערפלאַך. איך וויל זען דעם באַטײַט פון דעם שקלאַפן־אויפשטאַנד. גענאַרערײַ איז געוואָרן אַ גרויס רוימיש פאַרווײַלונג; איך וויל מיך ניט גענאַרן. מיר ריידן פון דער און פון יענער מילכאָמע, פון גרויסע שלאַכטן און פון גרויסע גענעראַלן, נאָר קיינער פון אונדז וויל אַפילע אַ שעפּטש ניט טאָן וועגן דער קעסיידערדיקער מיל־כאָמע פון אונדזער צײַט, וואָס פאַרטונקלט אַלע אונדזערע מילכאָמעס, וועגן דער שקלאַפן־מילכאָמע. ס'איז ניט קיין קאָוועד אַ שקלאַפן־מילכאָמע. ס'איז ניט קיין קאָוועד אַ שקלאַפן־דעראָבערונג.

— זיכער איז עס ניט אַזאַ וויכטיקע זאַך.

— ניין? און די קרייצונגען זײַנען פאַר אײַך אויך ניט וויכטיק גע־וואָרן בעיס איר זײַט געקומען אַהער מיט דער וויאַ אַפּיאַ?

— אַ ביסל איבלדיק איז עס. איך האָב ניט ליב צו קוקן אַף זיי. מײַן כאַווערטאָרן קלאַוודיע געפעלט עס.

— מיט אַנדערע ווערטער, עס האָט אַ וויכטיקייט.
— אַלע אָבער ווייסן וועגן ספּאַרטאַקוסן און זײַנע מילכאָמעס.
— איר מיינט אַזוי? איך בין ניט זיכער. איך בין אַפילע ניט זיכער, אַז קראַסוס ווייס עפּעס דערפון. ספּאַרטאַקוס איז אַ סאַד, אַלנפאַלס, וואָס שײַעך אונדז. לויט די אָפיציעלע רייסטערס איז ער אַ טראַציִשער מער־סענאַר און אַ רויבער אַף די וועגן. לויט קראַסוסן איז ער אַ געבוירענער שקלאַף, וואָס מען האָט אים געבראַכט פון די נובישע גאָלדמינען. וועמען זאָל מען גלייבן? באַטשיאַטאַ, דער פּרויען־הענדלער, וואָס האָט געהאַט אַ גלאַדיאַטאָרן־שול אין קאַפּואַ, איז געשטאָרבן. — אַ גריכישער שקלאַף, וואָס איז בײַ אים געווען בוכפירער, האָט אים דעם קאָפּ אָראָפּגעשניטן. און פּונקט אַזוי זײַנען פאַרשוווּנדן אָדער געשטאָרבן אַנדערע באַריִרונגען מיט ספּאַרטאַקוסן. איז ווער זשע זאָל שרײַבן איבער אים? אַזוינע מענטשן ווי איך.
— פאַרוואָס טאַקע זאָלן עס ניט טאָן אַזוינע מענטשן ווי איר? — האָט העלענע געפרעגט.
— אַ דאַנק, טײַערע. איך אָבער ווייס גאָרניט וועגן ספּאַרטאַקוסן. איך האָס אים בלויז.
— פאַרוואָס? אויך מײַן ברודער האַסט אים.
— און איר האַסט אים ניט?
— איך פיל ניט קיין שום באַזונדערס צו אים, — האָט העלענע געזאָגט. — ער איז פּאַשעט געווען אַ שקלאַף.
— צי איז ער עס אָבער געווען? און ווי קומט אַ שקלאַף ווערן דאָס וואָס ספּאַרטאַקוס איז געוואָרן? אָט דעם סאָד מוז איך אויסגעפינען. אויסגע־פינען ווו ער האָט אָנגעהויבן און פאַרוואָס ער האָט אָנגעהויבן. אָבער... לאַנגווײַליק איך אײַך ניט?

פאַרמאָגט האָט אין זיך ציצעראָן אַ טאָן פון אויפריכטיקייט, וואָס מענטשן פלעגן דערשפּירן. מען גלייבט, אַז דאָס פלעגט אים ראַטעווען אין די שפּעטערדיקע יאָרן בעיס מען פלעגט אים אָנקלאָגן.

— זײַט אַזוי גוט, רעדט ווײַטער, — האָט העלענאַ געזאָגט. מענטשן אין ציצעראָנס עלטער, וואָס זי האָט געקענט אין רוים, פלעגן ריידן וועגן די לעצטע פאַרפומען, וועגן גלאַדיאַטאָרן אַף וועלכע זיי פלעגן זיך וועטן, וועגן אַ פערד, וואָס זיי האַלטן אויס, אָדער וועגן זייערע לעצטע געליבטע און קעבסווײַבער. — רעדט ווײַטער, איך הער אײַך, — האָט זי געזאָגט.
— איך געטרוי ניט אינגאַנצן דער רעטאָריק — האָט ציצעראָן גע־זאָגט — איך האָב ליב די זאַכן אויפצושרײַבן און זאָלן זיי פאַלן אַף זייער אָרט. איך האָב מוירע, אַז אַ סאַך מענטשן דענקען פּונקט ווי איר, אַז דער שקלאַפן־אויפשטאַנד איז ניט פון גרויס וויכטיקייט. נאָר מערקט אײַך: אַלע אונדזערע לעבנס זײַנען פאַרבונדן מיט שקלאַפן און אַן אויפ־שטאַנד פון שקלאַפן מיינט מער מילכאָמע ווי אַלע אונדזערע דעראָבערונגען. קענט איר זיך דאָס גלייבן.

זי האָט אַ דריי געטאָן מיט דעם קאָפּ.

— איך קען עס אײַך דערווײַזן, אָנגעהויבן האָט זיך עס צוריק מיט אַן ערך הונדערט און צוואַנציק יאָר, מיט דעם אויפשטאַנד פון די קאַרטאַגער שקלאַפן וואָס מיר האָבן זיי אונדז אונטערטעניק געמאַכט. דערנאָך, מיט צוויי דורעס שפּעטער, דער גרויסער שקלאַפן־אויפשטאַנד אין די לאַוריאַ־מינען, אין גריכנלאַנד. דערנאָך דער מעכטיקער אויפשטאַנד פון די שפּאַנישע מינען־גרעבער. ווײַטער, מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, די שקלאַפן־מילכאָמע, אָנגעפירט פון סאַלוויוס. דאָס זײַנען בלויז די גרויסע מילכאָמעס, נאָר צווישן זיי זײַנען פאָרגעקומען טויזנטער קליינע אויפשטאַנדן. און אַלץ אינאיינעם איז עס איין גרויסע מילכאָמע, אַן אומאיבערגעריסענע און שענדלעכע מילכאָמע, אַ מילכאָמע אָן עק צווישן אונדז און אונדזערע שקלאַפן, אַ שטילע און שטמעוודיקע מילכאָמע, פון וועלכער קיינער רעדט ניט און די געשיכטע־שרײַבער ווילן זי ניט פאַרצייכענען. מיר האָבן מוירע זי צו פאַרצייכענען, מוירע אַ קוק צו טאָן אַף איר, ווייל זי איז עפּעס אַ נײַס אַף דער ערד. געווען זײַנען מילכאָמעס צווישן לענדער, צווישן שטעט, צווישן באַנדעס און אַפילע צווישן ברידער, נאָר די מילכאָמע איז אַ נײַער מאָנסטער אין אונדז גופע, אין אונדזערע געדערים אַרײַנגערוקט און קעגן אַלע פּאַרטייען, קעגן אַלע לענדער, קעגן אַלע שטעט.

— איר שרעקט מיך איבער, — האָט העלענע געזאָגט, — גיט איר אײַך אָפּ רעכענונג דערפון וואָס איר שילדערט מיר?

ציצעראָן האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און האָט אַף איר פאַרשנדיק אַ קוק געטאָן. זי האָט דערפילט אַ באַגער אַרויפצולייגן אירע הענט אַף זײַנע אין אַ מעכטיקן שטראָם פון באַגײַסטערונג פאַר אים. זיצט זיך אַ יונגער מענטש, ניט שטאַרק עלטער פון איר, און איז טיף באַזאָרגט מיט דעם גורל און מיט דער צוקונפט פונעם לאַנד. ער האָט איר אָפּן זיקאָרן געבראַכט די געשיכטעס וואָס זי האָט געהערט דערציילן פון די פאַרגאַנגענע צײַטן, אומקלאָרע דערמאָנונגען פון געשיכטעס, וואָס זי האָט געהערט דערציילן אין די קינדער־יאָרן. ציצעראָן האָט אָן אַ זײַט אָוועקגעלייגט זײַן פאַרמעט און האָט גענומען לײַכט גלעטן איר האַנט. דערנאָך האָט ער זיך איבערגעבויגן איבער איר און האָט זי אַ קוש געטאָן. לעבעדיק זײַנען איר אָפּן געדאַנק געקומען די שטראָף־צייכנס, דאָס צעפּוילטע לײַב, געפּיקט פון די פייגל און שוואַרץ געוואָרן פון דער זון, דאָס לײַב פון די געקרייציקטע מענטשן לענגויס דער וויאַ אַפּיאַ; אָבער ערשט איצט האָט עס אויפגעהערט צו זײַן שרעקלעך, ווײַל ציצעראָן האָט געמאַכט דערפון עפּעס גע־דאַנקלעכעס, כאָטש ווי לאַנג זי וועט לעבן וועט זי זיך ניט דערמאָנען אין וואָס דער געדאַנק איז באַשטאַנען.

„מיר זײַנען אַ מאָדנע פאָלק, באַשאָנקען מיט דער פעיקייט צו ליבן און מיט דעם געפיל פון רעכט", — האָט ציצעראָן געטראַכט. און ווען ער האָט גענומען גלעטן און קושן העלענען, האָט ער דערפילט, אַז לעבן אים זיצט אַ פרוי וואָס פאַרשטייט אים. נאָר דאָס האָט נישט געמינערט דעם מאַכט־געפיל וואָס די דאָזיקע דערציילונג האָט אים פאַרשאַפט. פאַרקערט, ער האָט זיך דערפילט אַ ברייט באַשאָנקענער מיט מאַכט, די מאַכט־

אויסברייטערונג. און אָט די מאַכט־אויסברייטערונג איז עס געווען, אויב מען מוז זאָגן דעם עמעס, דאָס וואָס האָט באַגריפן די לאָגיק דערפון וואָס ער האָט געשריבן. אין אַ מינוט פון מיסטישער אַנטפּלעקונג האָט ער דערזען די מאַכט פון זײַנע לענדן פאַראײניקט מיט דער מאַכט וואָס האָט דערדריקט ספּאַרטאַקוסן און וואָלט אים ווידער און ווידעראַמאָל דערדריקט. העלענע האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און האָט מיט שרעק דערזען ווי זײַן פּאָנעם איז צעקרומט פון סינע און גרויל. און, ווי שטענדיק, האָט זי זיך אונטערגעגעבן מיט שרעק און מיט אַ ווידערגעפיל צו זיך אַליין.

II

פון פולשטענדיקער אויסמאַטערונג און געמיט־צערודערונג, איז העלענע אײַנגעשלאָפן, און דער קאָשמאַר פאַרן אויפשטיין, דער שטענדיקער מאַרקיר־צייכן פון אירע באַציִונגען מיט אַ מאַן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאָדנעם דערשיטערדיקן כאָלעם. דער כאָלעם האָט קאָמבינירט וואָר מיט פיקציע אַזוי אַז ס׳איז שווער געווען זיי אָפּצוטיילן. אין כאָלעם האָט זיך איר דערמאָנט ווי איר ברודער קאַיוס האָט איר איינמאָל אויף אַ גאַס אין רוים אָנגעוויזן לענטולוס באַטשיאַטאַ, דעם „לאַניסט״. דאָס איז געשען מיט זיבן כאַדאָשים צוריק און ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק האָט דער גריכישער בוכפירער דערהאַרגעט באַטשיאַטאָן. פאַרגעקומען איז עס, ווי מען האָט געמורמלט, אין אַ קריגערײַ איבער אַ פרוי, וואָס דער גריך האָט זיך געקויפט פאַר דעם געלט, וואָס ער האָט געגאַנוועט באַם „לאַניסט״. באַטשיאַטאַ איז, אַזוי צו זאָגן, באַרימט געוואָרן פון זײַן שײַכעס מיט ספּאַרטאַקוסן. באַ יענער געלעגנהייט איז ער געקומען קיין רוים זיך פאַרטיידיקן אין אַ פּראָצעס וואָס ער האָט אויף זיך געהאַט איבער זײַן אײַנגעפאַלענעם שכיינים־הויז. די קרויווים פון זעקס אומגעקומענע שכיינים האָבן אים אָנגעקלאָגט.

אין כאָלעם האָט זי אים געזען זייער קלאָר און נאָרמאַל: אַ ריזיקער גראָבער פאַרשוין, פון צופיל עסן און זיך לאָזן וווילגיין, וואָס פלעגט קיינמאָל ניט דינגען קיין טראָגבעט און אומגיין אין אַ גרויסער טאָגע אײַנגעהילט, כראָקען און שפּײַען און מיט אַ שטעקן פון זיך טרײַבן די בעטלער־יינגלעך, וואָס פלעגן צו אים צושטיין, ער זאָל זיי געבן אַ נעדאָווע. אינעם זעלביקן טאָג שפּעטער, האָבן זיי זיך, זי מיט איר ברודער, אָפּגעשטעלט לעבן דעם פאָרום און, צופעליק, פאַר דעם טריבונאַל, וווּ באַטשיאַטאַ האָט זיך פאַרטיידיקט. אין כאָלעם איז עס אַרויסגעקומען פּאַקטיש אַזוי ווי אויף דער וואָר. דער טריבונאַל האָט זיך פאַרזאַמלט אויף דער גאַס. געווען איז דאָרט אַ געווימל מיט מענטשן, ליידיקגייער, ווײַבער וואָס האָבן ניט ווו די צײַט אַהינצוטאָן, יונגוואַרג פון דער געגנט, קינדער, מענטשן פון דער פרעמד וואָס האָבן ניט געוואָלט אָוועקפאָרן פון דער „אורבס״ ניט האָבנדיק געזען דעם באַרימטן רוימישן געריכט מישפּעטן, שקלאַפן, וואָס זײַנען אומגעגאַנגען מיט שליכעסן. און עס וואָלט בעעמעס אַ וונדער־

געווען ווען באַ אַזאַ געטומל זאָל מען קענען צו עפּעס אַ סייכלדיקן אויספיר קומען. ווער שמועסט אַרויסטראָגן אַ גערעכטן אורטייל. נאָר אַזוי האָבן די טריבונאַלן געאַרבעט, וואָך נאָך וואָך. באַטשיאַטאָן האָט מען אויסגעפרעגט און ער האָט גערעוועט ווי אַן אָקס באַם ענטפערן. און דאָס אַלץ איז געווען פונקט ווי אַף דער וואָר. נאָר אינמיטן דערינען, ווי עס טרעפט אין אַ חלום, געפינט זי זיך פּלוצעם באַם „לאַניסט" אינעם שלאָפצימער און זעט ווי דער גריכישער בוכפירער קומט צו מיט אַן אַרויסגעצויגענעם מעסער. דאָס מעסער איז אַ קרומער „סיקאַ", ווי דאָס מעסער וואָס די טראַציער שלאָגן זיך מיט אים אינעם צירק, און דער פּאָל אינעם שלאָפצימער איז אַזוי ווי אינעם צירק, אַ זאַמדיקער, אַן אַרענע, מאַכמעס אַרענע מיינט אין לאַטיין אויך זאַמד. דער גריך האָט דורכגעקרייצט די אַרענע אַזוי פלינק ווי אַ טראַציער, און דער „לאַניסט" איז וואַך און זיצט אין בעט און קוקט אַף אים מיט שרעק. נאָר קיינער זאָגט ניט אַ וואָרט און מאַכט ניט דעם מינדסטן גערויש. לעבן דעם גריך וואַקסט דעמאָלט אויס אַ ריזיקע פיגור, אַ מעכטיקער בראָנדזענער מענטש, אינגאַנצן אַ באַפּאַנצערטער, און העלענע האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ספּאַרטאַקוס. זײַן האַנט האָט זיך פאַרמאַכט אַרום דעם האַנט־געלענק פון דעם גריך און ווי נאָר ער האָט אים צוגעדריקט, איז דאָס מעסער אַרויסגעפאַלן אַפן זאַמד. דעמאָלט האָט דער בראָנדזענער ריז, וואָס דאָס איז געווען ספּאַרטאַקוס, געגעבן העלענען אַ צייכן און זי האָט אויפגעהויבן דאָס מעסער און האָט דעם „לאַניסט" דעם האַלדז איבערגעשניטן. דער גריך מיט דעם „לאַניסט" זײַנען פאַרשוווּנדן און זי איז געבליבן אַליין מיט דעם גלאַדיאַטאָר, נאָר ווען זי האָט צו אים די אָרעמס אויסגעשטרעקט, האָט ער איר אין פּאָנעם אָנגעשפּיגן, האָט זיך אויסגעדרייט און איז אַרויס. דעמאָלט איז זי אים נאָכגעלאָפן, האָט געזיפצט און געבעטן ער זאָל צוּוואַרטן, נאָר ער איז פאַרשוווּנדן און זי איז געבליבן אַליין אַף אַ ברייטן אומענדלעכן זאַמד.

III

סאַראַ מיִעסן און אָרעמען סאָף ער האָט געהאַט דער „לאַניסט" באַטשיאַטאָ, אַ דערהאַרגעטער פון זײַן אייגענעם שקלאַף, און ער וואָלט דאָס עפּשער געקענט אויסמײַדן, ווי נאָך אַ סאַך אַנדערע זאַכן, ווען ער וואָלט נאָך דעם דורכגעפאַלענעם ווײַזן די צוויי פּאָרלעך, וואָס ער האָט אָרגאַניזירט פאַר בראַקוסן, געהייסן אַוועקהאַרגענען די צוויי לעבן געבליבענע גלאַדיאַטאָרן. ווען ער זאָל דאָס געווען טאָן, וואָלט ער דערצו געהאַט דאָס פולע רעכט, וואָרעם געווען איז אַזאַ אָנגענומענער אײַנפיר צו האַרגענען די גלאַדיאַטאָרן וואָס שטעלן זיך אַקעגן. עס איז אָבער אַ פראַגע צי די געשיכטע וואָלט זיך שטאַרק געענדערט ווען ספּאַרטאַקוס וואָלט דעמאָלט אומגעקומען. די קויכעס וואָס האָבן אים געשטויסן, וואָלטן פּאַשעט זייער ווירקונג געמאַכט אַף אַ צווייטן. פונקט ווי העלענעס חלום, דעם מיידל פון דער זינד־נאַכט אין ווילאַ סאַלאַריאַ, וואָס האָט זיך איר געחלומט

עס שפּעטער, האָט זיך ניט באַצויגן דירעקט אַף אים, נאָר אַף דעם שקלאַף וואָס נעמט די שווערד אין דער האַנט, אַזוי זײַנען זייערע כאַלוימעס ווייני־קער ווי אַלץ געווען עפּעס אַ דיבעק וואָס האָט זיך אין איינעם פון זיי אַרײַנגעכאַפּט, נאָר בלוטיקער געדענקען און האָפן, וואָס איז זיי אַלעמען אייגן, די אַלע גלאַדיאַטאָרן, די שווערד־מענטשן. דאָס איז אַן ענטפער צו די אַלע וואָס פאַרשטייען ניט ווי עס האָט געקענט געבוירן ווערן דער ספּאַר־טאַקוס־אויפשטאַנד. ניט איינער, נאָר אַ סאַך האָבן אים פאַרטראַכט און אָר־גאַניזירט.

וואַריניע, דאָס גערמאַנישע מיידל, זײַן ווײַב, איז געלעגן בײַ זײַן זײַט ווען ער איז געשלאָפן, און זי האָט ניט געקענט אײַנשלאָפן פון זײַן כראָפּען און היציקן ריידן פון שלאָף. גערעדט האָט ער פון אַ סאַך זאַכן. איין מאָ־מענט איז ער געווען אַ קינד און אַ צווייטן מאָמענט אין די גאָלד־מינעס און דערנאָך אַף דער צירק־אַרענע. איצט שנײַדט זיך די „סיקאַ" אײַן אין זײַן לײַב און ער קרעכצט פאַר ווייטיק.

ווען דאָס לעצטע איז געשען, האָט זי אים אויפגעוועקט, וואָרעם זי האָט לענגער ניט געקענט אויסהאַלטן דעם שווערן כאַלעם וואָס ער לעבט איבער אינעם שלאָף. זי האָט אים אויפגעוועקט און צאַרט געגלעט, די האַנט גע־פירט איבערן שטערן און געקושט זײַן פאַרשוויצטן פּאָנעם. ווען וואַריניע איז נאָך אַ קינד געווען, האָט זי זיך צוגעקוקט וואָס עס פּאַסירט מיט די מענער און פרויען פון איר שייוועט וואָס האָבן זיך ליב. מען האָט דאָס גערופן ניצאָכן איבער דער מוירע; די שיידים אַפילע און די וואַלד־גײַסטער, פון די גרויסע וועלדער ווו די אירוקע האָבן געלעבט, האָבן געוווּסט, אַז פאַרליבטע נעמט ניט קיין מוירע. דאָס האָט מען געקענט זען אין די אויגן פון די פאַרליבטע, ווי זיי גייען און ווי זיי פלעכטן זיך די פינגער. נאָר נאָכדעם ווי מען האָט זי גענומען געפאַנגען, האָט זי דאָס פאַרגעסן און איר ערשטער לעבנס־אינסטינקט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין האַס.

איצט איז איר גאַנצער ווּעזן, דאָס לעבן וואָס באַלעבט זי אינעווייניק, איר לעבן און זײַן, איר לעבן און טאָן, איר בלוט־שטראָם און איר האַרץ־צאַפּל, צונויפגעגאָסן אין דער ליבע צום טראַציער שקלאַף. זי זעט איצט, אַז די איבערלעבונגען, וואָס די מענער און פרויען פון איר שייוועט האָבן געהאַט, זײַנען געווען עמעסע, זייער אַלטע און זייער אויסדריקלעכע. זי האָט שוין פאַר קיין זאַך אין דער וועלט קיין מוירע ניט. זי גלייבט אין קישעף און דער קישעף פון איר ליבע איז אַ וואָרער און אַ באַשײַנפערלעכער. אין דער זעלביקער צײַט האָט זי פאַרשטאַנען, אַז ס'איז גרינג ליב צו האָבן אַזאַ מאַן ווי אירן. ער איז איינער פון יענע זעלטענע מענטש־עקזעמפּלאַרן וואָס זײַנען ווי פון איין שטיק אויסגעהאַקט. דאָס ערשטע וואָס מערקט זיך אין ספּאַרטאַקוסן איז זײַן גאַנצקייט. אַ מאָדנער מענטש. ער איז צופרידן, ניט דערמיט וואָס ער איז, נאָר דערמיט וואָס ער באַטײַט אַלס מענטשלעך ווּעזן. אַפילע אין אַט דער נאָרע פון שרעקלעכע, פאַרצווייפלטע און פאַר־מישפּעטע מענטשן, אין דער פאַרברעכן־שול פון פאַרמישפּעטע מערדער, פון אַרמיי־דעזערטירן, פון פאַרלוירענע נעשאָמעס און פון מינען־גרעבער,

וואָס די מינען האָבן זיי ניט באַוויזן אומצוברענגען, האָט מען ספּאַרטאַקוסן ליב און מען ווייזט צו אים אַרויס רעספּעקט. אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט איז מענטשלעך לעבן און דאָס לעבן פונעם מאַן פאַר דער פרוי. זי האָט געגלויבט, אַז איך איר איז אַף אייביק טויט דער באַגער, נאָר גענוג איז ער זאָל זי באַרירן און זי זאָל אים באַגערן. אַלץ וואָס בא אים, איז ווי בא אַ מענטשן דאַרף זיין, ווען זי וואָלט אויסגעוויילט אים צו געשטאַלטן און צו פורעמען. זיין איינגעבראָכענע נאָז, זיינע גרויסע ברוינע אויגן און זיין גראָב גרימאָסעדיק מויל זיינען וויט פאַרשיידן פון דעם מענטשנס פּאָנעם וואָס זי האָט געקענט ווען זי איז אַ קינד געווען, נאָר זי קען זיך ניט פאַרשטעלן, אַז זי וואָלט געקענט ליב האָבן אַ מענטשן וואָס זאָל ניט אויסזען ווי ספּאַרטאַקוס.

ווי אַזוי ער איז געוואָרן דאָס וואָס ער איז, ווייס זי ניט. אַ היפּש שטיקל צייט האָט זי זיך געפונען אינעם דערצויגענעם פיינעם לעבן פון דער רוימישער אַריסטאָקראַטיע, גענוג אַף צו קענען אירע מענטשן. זי קען אָבער ניט פאַרשטיין ווי קען אַ שקלאַף זיין אַזאַ ווי ספּאַרטאַקוס. אירע הענט האָבן אים באַרויקט און זי האָט אים דערביי געפרעגט:

— וואָס האָט זיך דיר געכאָלעמט?

ער האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ.

— דריק דיך צו צו מיר, וועט זיך דיר מער ניט כאָלעמען.

ער האָט זי געהאַלטן צוגעדריקט צו זיך און האָט צו איר אַ פליסטערגעטאָן:

— האָסטו אַמאָל אַ טראַכט געטאָן, אַז מיר קענען אַמאָל זיין ניט צוזאַמען?

— יאָ.

— וואָס־זשע וואָלסטו אין אַזאַ פאַל געטאָן, טייערע? — האָט ער זי געפרעגט.

— איך וואָלט געשטאָרבן, — האָט זי פּאַשעט און גלייך געענטפערט.

— איך וויל מיט דיר ריידן דערפון, — האָט ער געזאָגט שוין איינגאַנצן אַן אויסגעשלאָפענער און אַ באַרויקטער.

— פאַרוואָס דאַרפן מיר טראַכטן און ריידן דערפון?

— וואָרעם ווען דו וואָלסט מיך שטאַרק ליב געהאַט, וואָלסטו ניט געוואָלט שטאַרבן, ווען איך וואָלט שטאַרבן אָדער ווען מען נעמט מיך צו פון דיר.

— אַט דערפון טראַכסטו?

— יאָ.

— און ווען איך שטאַרב, וואָלסטו ניט געוואָלט שטאַרבן?

— איך וואָלט געוואָלט לעבן.

— פאַרוואָס?

— דערפאַר וואָס אַבוץ לעבן איז גאָרניט נישטאָ.

— נישטאָ קיין לעבן אָן דיר, — האָט זי געזאָגט.

— איך וויל דו זאָלסט מיר עפּעס צוזאָגן און זאָלסט עס אויספירן,

— אויב איך וועל צוזאָגן, וועל איך אויספירן. אַז ניט, וועל איך ניט צוזאָגן.

— איך וויל דו זאָלסט מיר צוזאָגן קיינמאָל זיך דאָס לעבן ניט אַוועק־נעמען מיט דײַנע הענט, — האָט ספּאַרטאַקוס געזאָגט.

זי האָט אים אַ לאַנגע ווײַלע ניט געענטפערט.

— זאָגסט עס מיר צו?

צום סוף האָט זי געזאָגט:

— גוט, איך זאָג דיר צו.

דערנאָך, אַביסל שפּעטער, איז ער רויִק און שטיל געשלאָפן, מיט אי־רע הענט אַרומגענומען.

IV

דער אינדערפריִיקער געפײַקל האָט גערופן צו די געניטונגען. פאַר פרישטיק פלעגט זײַן פערציק מינוט געניטונגען אויפן ספּאָרט־פּלאַץ. באָם אויפשטיין פלעגט יעדער איינער באַקומען אַ גלאָז קאַלט וואַסער. מען פלעגט צעעפענען די טירן פון די קאַמערן. אין די קאַמערן, ווו עס זײַנען געווען פרויען, פלעגט מען זיי דערלויבן ריין מאַכן באַ זיך פאַרן אַרויסגיין צו דער אַרבעט אַלס טייל פון דער דינערשאַפט. אין באַטשיאַטאָס אַנשטאַלט איז קיין זאַך ניט געגאַנגען לעאיבעד. די גלאַדיאַטאָרישע ווײַבער פלעגן שײַערן און וואַשן און קאָכן און היטן די קיך־גאָרטנס. זיי האָבן געאַרבעט אין באָד און געפיטערט די ציגן, און פאַר די פרויען איז באַטשיאַטאָ אַ שטרענגערער באַלעבאָס ווי וועלכער עס איז גוט־באַזיצער און איז גרייט צו נוצן די בײַטש און זיי שמײַסן פאַר דעם ביסל מישעכץ וואָס ער גיט זיי. באַר פאַר ספּאַרטאַקוסן און וואַריניען האָט ער געפילט אַ מאָדנע מוירע, כאָטש ער וואָלט ניט געקענט זאָגן וואָס איז אין זיי פאַראַן שרעקנדיקס און פאַרוואָס ער שרעקט זיך. יענעם פרימאָרגן, וואָס געדענקט זיך באַזונדער, האָט זיך אין אַלץ געפילט אַ טאָן פון אומגעדולד און סינע, אינעם גע־פײַקל, אינעם אויפן ווי די טרעניִרער האָבן געפירט די מענטשן פון די קאַ־מערן צום פּלאַץ און זיי אויסגעשטעלט אין אַ ריי אַקעגן די אײַזערנע קראַ־טעס, ווו מען האָט דעם אַפריקאַנער געקרייציקט שוין אַ טויטן; און די ווײַבער האָט מען געטריבן צו דער אַרבעט מיט דער בײַטש, אויך מיט אַזאַ סינע און נערוועזשקייט. כאָטש די בײַטש איז ניט ווייניקער שטרענג גע־פאַלן אַף וואַריניען ווי אַף די אַנדערע ווײַבער, האָט זי אין דעם פרימאָרגן קיין שום מוירע ניט געהאַט. נאָכמער, די אויפזעער האָבן זי אָפּגעטיילט פון די אַנדערע, אונטער די ספּעציעלע באַמערקונגען וועגן איר אַלס ווײַב פון דעם גרויסן גלאַדיאַטאָר. און די בײַטש איז אַף איר געפאַלן אָפּטער ווי אַף אַנדערע. זי האָט געאַרבעט אין קיך און אַהין האָט מען זי געפירט.

באַטשיאַטאָס האָס האָט זיך אַרײַנגעריסן אַהין מיט אַ טיפן גרימצאָרן, וואָס האָט געשטאַמט פון איינער פון די זאַכן, וואָס האָבן אים מער ווי אַלץ געקענט אויפרעגן, אַ געלט־פאַרלוסט. בראַקוס האָט אַראָפּגערעכנט אַ האַלב

פון דעם אָפּגעמאַכטן פּרײַז. און כאָטש באַטשיאַטאָ וועט אים נאָך אָנקלאָגן אין געריכט, ווייס ער אָבער וואָסערע קנאַפּע מעגלעכקייטן ער האָט צו געווינען אַ פּראָצעס קעגן אַ פּראָמינענטער רוימישער פאַמיליע. די פּרוכט פון זײַן צאָרן האָט זיך אָנגעזען אין אַלע ווינקעלעך פון דעם אַנשטאַלט. אין קיך האָט דער קיכער געשאָלטן די ווײַבער און האָט זיי געשלאָגן בײַ דער אַרבעט מיט זײַן גרויסן הילצערנעם מאַכט־שטעקן. די טרענירער, געשמיסענע פון זייער באַלעבאָס, האָבן געשמיסן די גלאַדיאַטאָרן און דעם נעגערס טויטן גוף האָט מען אַרויסגעטראָגן אַפן פלאַץ צו אויפהענגען, פאַר אַ בײַשפּיל די גלאַדיאַטאָרן וואָס גרייטן זיך צו די אינדערפריִיקע געניטונגען. ספּאַרטאַקוס האָט פאַרנומען זײַן אָרט, מיט גאַניקוסן לעבן זיך פון איין זײַט און דעם גאַל מיט דעם נאָמען קריקסוס פון דער אַנדער זײַט. זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אין צוויי רייען קעגנאיבער דעם בלאָק מיט די קאַמערן, און די טרענירער, וואָס האָבן זיך אַקעגן זיי אָוועקגעשטעלט, זײַנען אין יענעם פרימאָרגן געווען מעכטיק באַוואָפנט דעריקער מיט קינזשאַלן און שווערדן, די טירן פונעם ספּאָרט־פלאַץ זײַנען געווען אָפן און פיר פלאַטאָנען זעלנער, פערציק מענטשן, זײַנען געשטאַנען גרייט מיט זייערע מעכטיקע הילצערנע פײַלן אַף די הענט אָנגעהאַנגען. די פרימאָרגן־זון האָט פאַרפלייצט דאָס געלע זאַמד און האָט געגלעט די מענטשן מיט איר וואַרעמקייט, נאָר אין ספּאַרטאַקוסן איז קיין וואַרעמקייט ניט געווען, און ווען דער גערמאַנער גאַניקוס האָט אים אין דער שטיל געפרעגט צי ער ווייס וואָס דאָס באַטײַט, האָט ער שווײַגנדיק מיטן קאָפּ אַ דריי געטאָן.

— האָסט דיך געשלאָגן ? — האָט דער גאַל געפרעגט.

— ניין.

— נאָר ער האָט קיינעם פון זיי ניט דערהאַרגעט און אויב אַ מענטש מוז שוין שטאַרבן, קען ער שוין שטאַרבן אַף אַ בעסערן אופן.

— וואָלסטו געשטאָרבן בעסער ווי ער ? — האָט ספּאַרטאַקוס געפרעגט.

— איך וועל שטאַרבן ווי אַ הונט, ווי דו וועסט שטאַרבן, — האָט קריקסוס, דער גאַל, געזאָגט.

דעמאָלט האָט ספּאַרטאַקוס אָנגעהויבן פאַרשטיין וואָס ער דאַרף טאָן; דיכטיקער, זײַן פאַרשטאַנד, וואָס איז אַזוי לאַנג געווען אין אים אײַנגעהאַלטן, האָט גענומען ווערן אַ ווירקלעכקייט. די ווירקלעכקייט האָט זיך קוים אָנגעהויבן; די ווירקלעכקייט וועט אין אים קיינמאָל ניט זײַן מער ווי אַן אָנהייב. דער סאָף אָדער דער אַנסאָפיקער אַרײַנטריט אין דער ניט פאַראַנענער צוקונפט: נאָר די ווירקלעכקייט איז פאַרבונדן מיט אַלץ וואָס אים און די אַרומיקע מענטשן איז געשען און מיט אַלץ וואָס וועט געשען אין דעם מאָמענט. ער האָט זײַן בליק אַרײַנגעשטאָכן אינעם ריזיקן גוף פונעם נעגער, אַ געשמיסענעם פון דער זון, אין דער צעריסענער הויט און פלייש דאָרט ווו די „פילאַ" האָט זיך געהאַט אַרײַנגעשטאָכן, אינעם געדיכט געוואָרענעם און פאַרטרוקנטן בלוט, אינעם קאָפּ וואָס איז געהאַנגען צווישן ביידע אַקסלען.

„ווי גרינגשעציק זיי באַציִען זיך צום לעבן, די רוימער! — האָט ספּאַר־

טאַקוס זיך געטראַכט. — ווי גרינג זיי כאַפּן זיך האַרגענען, און סאַראַ גוואַלדיקן פאַרגעניגן זיי האָבן פון טויט! און ווידער, — האָט ער זיך געטראַכט, — אַז דאָס גאַנצע לעבן זייערס שטייט אַף דעם פונדאַמענט פון בלוט און ביינער פון דעם מענטשלעכן מין.״

קרייציקונג האָט פאַר זיי אַ באַזונדערן צויבער. דאָס קומט פון קאַרטאַגאָ, ווו די קאַרטאַגער האָבן דאָס אָנגענומען אַלס איינציקן פּאַסיקן טויט פאַרן שקלאַף; נאָר דאָרט ווו עס האָבן דערגרייכט די פינגער פון רוים איז קרייציקונג געוואָרן אַ ליידנשאַפט.

באַטשיאַטאָ איז אַרויסגעקומען אַפן פּלאַץ און ספּאַרטאַקוס האָט, קוים רירנדיק מיט די ליפּן, אַ פרעג געטאָן דעם גאַל, וואָס איז לעבן אים געשטאַנען:

— און דו, ווי וועסטו שטאַרבן?

— ווי דו, טראַציער.

— ער איז געווען מיין פריינט, — האָט ספּאַרטאַקוס אָנגעוויזן אַפן נעגער, — און ער האָט מיך ליב געהאַט.

— דערמיט ביסטו פאַרשאָלטן.

באַטשיאַטאָ האָט זיין אָרט פאַרנומען אַקעגן דער לאַנגער ריי גלאַדיאַטאָרן און די זעלנער האָבן זיך אַרום אים אַרומגעשטעלט.

— איך גיב אייך עסן, — האָט דער „לאַניסט״ געזאָגט, — איך גיב צו עסן דאָס בעסטע; געבראָטנס, קאַפּהענער און פרישע פיש. איך גיב אייך צו עסן ביז דער בויך ווערט אייך געשוואָלן. איך שיק אייך נעמען בעדער און מאַסאַזשן. איך האָב אייך אַרויסגענומען פון די מינען און פון די טפּיסעס און דאָ לעבט איר אייך ווי די קייסאַרים, פוסטעפּאַס און זאָרגלאָז. ווען איר זייט אַהער געקומען האָט איר די מינדסטע אויסזיכטן ניט געהאַט און איצט לעבט איר אייך באַקוועם און איר עסט פון דאָס בעסטע.

— ביסט מיינער אַ פריינט? — האָט זייער שטיל ספּאַרטאַקוס אַ פרעג געטאָן און דער גאַל האָט אים געענטפערט מיט קימאַט ניט באַוועגטע ליפּן:

— גלאַדיאַטאָר כאַוועט דיך ניט מיט גלאַדיאַטאָרן.

— איך רוף דיך מיין פריינט — האָט ספּאַרטאַקוס געזאָגט.

באַטשיאַטאָ האָט ווייטער גערעדט:

— אינעם שוואַרצן האַרצן פון דעם שוואַרצן הונט איז ניט געווען ניט קיין דאַנק און ניט קיין סייכל. וויפל איז צווישן אייך פאַראַן אַזעלכע ווי ער?

די גלאַדיאַטאָרן האָבן געשוויגן.

— קלייבט מיר אויס אַ נעגער! — האָט באַטשיאַטאָ באַפוילן די טרענירער, און זיי זיינען צוגעגאַנגען צו דעם אָרט ווו עס זיינען געשטאַנען די אַפריקאַנער און האָבן איינעם פון זיי אַרויסגעשלעפּט אַפן מיטן פּלאַץ. געווען איז עס פון פריער צוגעגרייט. די פויקן האָבן גענומען פייקלען און צוויי זעלנער האָבן זיך אָפּגעטיילט פונעם רעשט און האָבן גרייט געהאַלטן זייערע שווערע הילצערנע שפּיזן. די פויקן האָבן ניט אויפגעהערט פייקלען.

דער נעגער האָט זיך געראַנגלט און אין קראַמפּן געדרייט און די זעלנער האָבן אים די ברוסט דורכגעשטאָכן איינמאָל און דעם צווייטן מאָל. ער איז ליגן געבליבן מיטן רוקן אַפן זאַמד, און ביידע אײַנגעשטאָכענע שפּיזן האָבן געשאַפן אַ מאָדנעם ווינקל. באַטשיאַטאָ האָט זיך אומגעדרייט צום אַנפירער וואָס איז לעבן אים געשטאַנען און האָט געזאָגט.

— איצט וועט שוין זײַן רויק. דער הונט וועט זיך שוין ניט דערוועגן אַפילו אַ וואָרטשע צו טאָן.

— איך רוף דיך מײַן פרײַנט — האָט גאַנניקוס געזאָגט צו ספּאַרטאַקוסן, און דער גאַל, וואָס איז געשטאַנען פון דער צווייטער זײַט, האָט געשוויגן און האָט נאָר שווער און הייזעריק געאָטעמט. און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די אינדערפרייקע געניטונגען.

V

אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט באַטשיאַטאָ פאַר אַ סענאַטאָרישער פאַרש־קאָמיסיע אָפּגעגעבן אַ דערקלערונג, מיט אַ סאַך עמעס דערין, אַז ניט נאָר האָט ער ניט געוווסט, אַז עס גרייט זיך אַן אויפשטאַנד, נאָר ער האָט אַפילו ניט געהאַלטן פאַר מעגלעך אַזוינס זאָל קענען פאָרקומען. זײַן דערקלערונג האָט ער געשטיצט דערויף וואָס צווישן די גלאַדיאַטאָרן זײַנען געווען ווייניקסטנס צוויי שפּיאָנען אָף געהאַלט, מיט אַ צוזאָג זיי צו שענקען דאָס לעבן. פון צײַט צו צײַט פלעגט ער זיי שטעלן אַלס פּאָרל צו שלאָגן זיך, קעדיי מען זאָל זיי ניט אויפדעקן. איינעם האָט מען באַפרײַט און דער צווייטער איז צוריקגעקומען מיט לײַכטע סימאָנים פון דער שלאַכט, און מען האָט דערום אויסגעזוכט אַ נײַעם מאָסער, וואָס זאָל זיך מיט אים שלאָגן. באַטשיאַטאָ האָט געדרונגען, אַז דעם קאָמפּלאָט האָבן זיי ניט געקענט פּלאַנעווען אָן זײַן וויסן.

אַזוי איז עס שטענדיק געווען און ניט געקוקט דערויף וואָס עס פלעגן אָפט אויסברעכן אויפשטאַנדן צווישן די שקלאַפן, איז ניט מעגלעך געווען זיך צו דערוויסן ווו און ווי אַזוי מען האָט זיי געפּלאַנעוועט אָדער אויסגעפינען זייערע וואָרצלען, וואָס זײַנען שטענדיק לעבעדיק, ווי די וואָרצלען פון דעם יאַגאָדע־ביימל, וואָס מען זעט זיי נאָר ווען די פלאַנץ בליט שוין. סײַ עס האַנדלט זיך פון אַן אויפשטאַנד מיט אַזאַ ברייטן פאַרנעם ווי אין סיציליע און סײַ פון אַ דורכגעפאַלענעם פּרווו אָף אַ פּלאַנטאַציע, וואָס ענדיקט זיך מיט דער קרייציקונג פון עטלעכע הונדערט אומגליקלעכע, זײַנען די פּרווון פונעם סענאַט זיי אויסצוואָרצלען דורכגעפאַלן. מען מוז זיי אָבער דאָך אויסרײַסן מיט דעם וואָרצל. מענטשן האָבן אײַנגעפירט אַזאַ פּרעכטיק לעבן, מיט לוקסוס און שעפע, וואָס איז נאָך ביז איצט אָף דער וועלט ניט געזען געוואָרן; די מילכאָמעס צווישן די פעלקער האָבן זיך פאַרענדיקט מיט דעם ר ו י מ י ש ן פ ר י ד ן; די אָפּגעזונדערטקייט פון די פעלקער איז פאַרענדיקט געוואָרן מיט דעם אויפבוי פון די רוימישע וועגן; און אינעם מעכטיקן שטאָט־צענטער פון דער וועלט איז קיין איין מענטש

נישטאָ אָן שפּײַז און װוילטאָג. און עס איז אַזוי װי עס באַדאַרף צו זײַן, װי אַלע געטער און װי יעדער אײנער פון די געטער האָבן אָנגעזאָגט עס זאָל זײַן, נאָר אינאײנעם מיט דעם װוּקס פון דעם אָרגאַניזם איז געקומען די קראַנקײט, װאָס מען קען זי ניט אױסװאָרצלען.

דערום טאָקע האָט דער סענאַט געפרעגט באַטשיאַטאָן:

— זײַנען געװען סימאָנים פון פאַרשװערונג, פון אומצופרידנקײט, פון צוזאַמענרײד?

— קײן שום סימען. — האָט ער זיך געהאַלטן בײַ דאָס זײַניקע.

— און װען איר האָט באַפוילן אױסצופירן דעם פּסאַק איבערן נע־גער — און נעמט אין אַכט אַז מיר האַלטן אײַער שריט פאַר גאַנץ באַרעכ־טיקט — זײַנען נישט געװען קײן פּראָטעסטן?

— קײן אײן פּראָטעסט ניט.

— מיר זײַנען באַזונדערס פאַראינטערעסירט צו װיסן צי איז אין דעם פאַל געװען עפּעס אַ הילף פון דרױסן, אַן אױסלענדישע פּראָװאָקאַציע פון װעלכן עס איז מין.

— אוממעגלעך אַזױנס זאָל געװען זײַן — האָט באַטשיאַטאָ געזאָגט.

— און איז ניט געװען קײן אױסלענדישע הילף פאַר דעם טריבונוי־ראַט פון ספּאַרטאַקוס, גאַניקוס און קריקסוס?

— איך קען שװערן בײַ אַלע געטער אַז אַזױנס איז ניט געװען, — האָט באַטשיאַטאָ געזאָגט.

VI

נאָר דאָס איז געװען ניט אינגאַנצן ריכטיק און עס איז נישטאָ אַזאַ מענטש װאָס זאָל זײַן אײנער אַלײן. ספּאַרטאַקוסעס אומגלױבלעכע פעסט־קײט האָט גורעם געװען ער זאָל זיך קײנמאָל ניט פילן אַלײן און זאָל זיך קײנמאָל ניט אײַנשליסן אין זיך. ניט לאַנג פאַר דעם דורכגעפאַלענעם װײַזן די פאַרלעך, באַשטעלטע פון דעם רײַכן רױמישן יונגערמאַן מאַריוס בראַקוס, איז פאַרגעקומען אַ שקלאַפן־אױפשטאַנד אין דרײַ גרױסע פּלאַנ־טאַציעס פון דאָרעם־סיציליע. נײַן הונדערט שקלאַפן האָבן זיך באַטײליקט אין דעם אױפשטאַנד און אַלע, אַכוץ אײניקע, זײַנען פאַרמישפּעט געװאָרן צום טױט און ערשט צום סאָף, נאָך אַזױ פיל בלוט־פאַרגיסונג, האָבן זיך די באַלעבאַטים אַרומגעזען װיפל געלט זײ װערן אָן בײַ דער בלוטונג. אַזוי אַז קימאַט אַ מײע לעבנגעבליבענע האָט מען פאַרקױפט די גאַליערעס פאַר אַ קלײניקײט, און אַף אײנעם פון די דאָזיקע שיפן האָבן באַטשיאַטאָס אַגענטן אָנגעטראָפן אַ ריזיקן גאַל, אַ רױטהאָריקן מיט ברײטע פּלײצעס און געריפן האָט מען אים קריקסוס. און אַזױ װי די שקלאַפן פון די גאַ־ליערעס זײַנען באַטראַכט געװען װי די ביטערסטע יונגען װאָס קײן זאַך װעט זײ שױן ניט אױסבעסערן, איז די פּרײַז פאַר זײ געװען אַ קלײנע און אַפּי־לע דאָס מעקלערײַ, װאָס מען פלעגט געבן בײַ אַזױנע מיסכאָרים, איז גע־װען קלײן. די שקלאַפן־הענדלער, װאָס פלעגן קאָנטראָלירן די אָסטיער

האַפּנס האָבן ניט געוואָלט מאַכן קיין שוועריקייטן און האָבן גאָרניט געזאָגט וועגן קריקסוסעס פאַרגאַנגענהייט.

ספאַרטאַקוס איז דעריבער געווען ניט אַליין און אויך ניט אומגע־קניפּט מיט דער גרויסער צאָל פּעדים פון דעם ספּעציעלן געוועב. קריקסוס האָט געוווינט אין דער קאַמער וואָס לעבן זײַנער. מער ווי איין נאַכט האָט ספּאַרטאַקוס, אַן אויסגעצויגענער בײַ זיך אין דער קאַמער אַף דער ערד מיטן קאָפּ בײַ דער טיר, געהערט קריקסוסן דערציילן וועגן דעם אומויפהערלעכן קאַמף פון די סיציליאַנער שקלאַפן, וואָס האָבן זיך אָנגע־הויבן מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק. ספּאַרטאַקוס איז געווען אַ שקלאַף און געבוירן פון שקלאַפן, נאָר צווישן די שקלאַפן גופא זײַנען גע־ווען אַזעלכע לעגענדאַרישע העלדן, אַזעלכע וווּנדערלעכע העלדן ווי אַכילעס און העקטאָר און דער קלוגער אָדיסעוס, אַזעלכע וווּנדערלעכע און שטאָל־צע, כאָטש מען האָט וועגן זיי קיין געזאַנגען ניט געזונגען און ניט פאַר־וואַנדלט זיי אין געטער, קעדיי מענטשן זאָל זיי פאַרערן, וואָס דאָס איז זייער גוט, וואָרעם די געטער זײַנען ווי די רײַכע רוימער און ווי זיי זאָרגן זיי זיך גאַנץ ווייניק פאַרן לעבן פון די שקלאַפן. מענטשן זײַנען זיי געווען און נאָך ווייניקער ווי מענטשן: שקלאַפן, נאַקעטע שקלאַפן, וואָס קאָסטן אַפן מאַרק נאָך ביליקער ווי אייזלען און טראָגן זאָטלען אַף די אַקסלען און שלעפן דעם אַקער אַף די פעלדער פון די „לאַטיפונדיער.“ אָבער, סאַראַ ריזן זיי זײַנען געווען! עוונוס, וואָס האָט באַפרײַט אַלע שקלאַפן פונעם אינדזל און האָט צעקלאַפּט דרײַ רוימישע אַרמייען איידער זיי האָבן אים באַוויזן צו ברעכן; אַטעניאָן, דער גריך; סאַלוויוס, דער טראַציער; דער גערמאַנער אונדאַרט און דער מאָדנער ייִד, בען יאָאַש, וואָס איז אַנטלאָפן אַף דער שיף פון קאַרטאַגאָ און האָט זיך אָנגעשלאָסן מיט דער גאַנצער מאַנשאַפט צו אַטעניאָנען.

ספּאַרטאַקוס פלעגט דאָס אויסהערן און דאָס האַרץ פלעגט אים פול ווערן מיט שטאָלץ און מיט פרייד און אַ גרויסער און ליכטיקער געפיל פון ברודערשאַפט און געמיינשאַפט פלעגט אים פאַראייניקן מיט אָט די טויטע העלדן. זײַן האַרץ האָט זיך געעפנט פאַר יענע כאַוויירים זײַנע; ער האָט זיי גוט געקענט; ער האָט געוווסט וואָס זיי האָבן געפילט, וועגן וואָס זיי האָבן געכאָלעמט און וואָס זיי האָבן געוואָלט דערגרייכן. ראַסן, שטעט אָדער מעדינעס האָבן קיין באַדײַט ניט. זייער געפאַנגענשאַפט איז אַן אַל־געמיינע. ניט געקוקט אָבער אַף דעם קלעגלעכן פראַכט פון זייערע אויפ־שטאַנדן, זײַנען זיי שטענדיק דורכגעפאַלן; זײַנען שטענדיק די רוימער געווען די וואָס האָבן זיי אַפן קרייץ אויפגעשטאַכן, אָט דער נײַער בוים מיט דער נײַער פרוכט, אַזוי אַז אַלע זאָלן זען דעם לוין וואָס דער שקלאַף וועט באַקומען פאַר ניט וועלן זײַן קיין שקלאַף.

צום סאָף האָט שטענדיק פאַסירט דאָס אייגענע — האָט קריקסוס געזאָגט.

און וואָס לענגער קריקסוס איז געווען גלאַדיאַטאָר, אַלץ ווייניקער האָט ער דערציילט וואָס ער איז געווען. ניט די פאַרגאַנגענהייט, ניט די

צוקונפט קענען אַ גלאַדיאַטאָר העלפן. פאַר אים איז בלויז געווען דער איצט. קריקסוס האָט אויפגעשטעלט אַרום זיך אַ מויער פון ציניזם, און ספּאַרטאַקוס איז געווען דער איינציקער וואָס האָט געקלאַפּט איבער דער ביטערער האַרטער שאָלעכץ פון דעם ריזיקן גאַל. באַ אַ געלעגנהייט האָט אים קריקסוס געהאַט געזאָגט.

— דו שאַפסט דיר אײַן אַ סאַך פרײַנט, ספּאַרטאַקוס. אַ פרײַנט איז שווער צו האַרגענען. לאָז מיך צו רו.

יענעם פרימאָרגן, נאָך די געניטונגען, זײַנען זיי געשטאַנען אַ ווײַלע אַפן פּלאַץ איידער זיי זײַנען געגאַנגען נעמען זייער פרישטיק. צעהיצטע און פאַרשוויצטע, זײַען די גלאַדיאַטאָרן שטיין געבליבן אָדער אין קליינע רעדלעך זיך צעשאָטן. עס האָט זיך שווער גערעדט, מיט די צוויי אַפריקאַ־נער פאַר די אויגן, אויפגעשטאָכענע אַף קרייצן לעבן דעם צוים. אונטער דעם, וואָס אים האָט מען אויסגעקליבן צו זײַן דער שטראָף־צייכן פאַר דעם ערשטן, איז געווען אַ קאַליזשע פריש בלוט און די רוב־פייגל זײַנען אומ־געפלויגן, געזשליאָקעט דאָס בלוט און זיך פאַרשפריצט דערמיט. די גלאַ־דיאַטאָרן זײַנען אומגעגאַנגען פינצטערע און אָפּהענטיקע. דאָס איז בלויז אָן אָנהייב, האָבן זיי זיך געטראַכט. באַטשיאַטאָ וועט זיך איצט נעמען שנעל זיי קאָנטראָקטירן און אָפּטער שטעלן צום געשלעג. שלעכטע צײַטן. די זעלנער זײַנען געגאַנגען עסן אונטער אַ קליינער אַלייע, ווײַטער, הינ־טער דעם טײַכל, וואָס איז געפלאָסן לעבן דער שול, און ספּאַרטאַקוס האָט פונעם ספּאָרט־פּלאַץ געקענט זען ווי זיי ליגן צעלייגט אַף דער ערד אָן די קאַסקן, דאָס שווערע געווער זייערס אָנגעהויפנט. ער האָט פון זיי אַף אַ רעגע די אויגן ניט אַראָפּגענומען.

— וואָס זעסטו ? — האָט גאַנניקוס געפרעגט. שוין לאַנג וויביידע טראָגן זיי צוזאַמען די שקלאַפערײַ; צוזאַמען זײַנען זיי געווען אין די מי־נען און צוזאַמען ווען זיי זײַנען קינדער געווען.

— איך ווייס ניט.

קריקסוס איז געווען שלעכט געשטימט. שוין לאַנג ווי אינעווייניק באַ אים האָט געגנומען ברויזן.

— וואָס זעסטו אַזוינס, ספּאַרטאַקוס ? — האָט אויך ער געפרעגט.

— איך ווייס ניט.

— דו ווייסט אַלץ און די טראַציער רופן דיך דערפאַר פאָטער.

— אַף וואָס טראַגסטו דײַן האַס, קריקסוס ?

— אויך דער נעגער האָט דיך גערופן פאָטער, ספּאַרטאַקוס ? פאַר־וואָס האָסטו זיך מיט אים ניט געשלאָגן ? וועסטו זיך שלאָגן מיט מיר ווען אונדזער ריי וועט קומען, ספּאַרטאַקוס ?

— איך וועל זיך מער קיינמאָל ניט שלאָגן מיט גלאַדיאַטאָרן, — האָט ספּאַרטאַקוס געלאַסן געזאָגט, — איך ווייס עס. מיט אַ רעגע פריִער האָב איך עס ניט געוווּסט. נאָר איצט ווייס איך עס.

אַ האַלבער טוץ שקלאַפן האָבן זײַנע ווערטער געהערט. זיי האָבן זיך נענטער צוגערוקט צו אים. ער האָט שוין ניט געקוקט צו די זעלנער;

געקוקט האָט ער שוין צו די גלאַדיאַטאָרן. ער האָט געקוקט פֿון פּאָנעם צו פּאָנעם. פֿונעם האַלבן טוץ איז געוואָרן אַכט, צען, צוועלף, נאָר ער האָט נאָך אַלץ גאָרניט געזאָגט. און די פֿינצטערקייט איז פֿון זייערע פּע־נעמער פֿאַרשוווּנדן און אין די אויגן האָט בײַ זיי געגלאַנצט אַ פֿרעגנדיקע נערוועזישקייט. ער האָט זיי געקוקט אין די אויגן.

— וואָס וועלן מיר איצט טאָן, פֿאָטער ? — האָט גאַנניקוס געפֿרעגט.

— ווען דער מאָמענט וועט קומען, וועלן מיר וויסן וואָס מיר האָבן צו טאָן. איצט, צעגייט אײַך.

די צײַט האָט זיך טעלעסקאָפּיש געקייפּלט און איבערן קאָפּ פֿונעם טראַציער שקלאַף האָבן זיך אָנגעהויפֿנט טויזנטער יאָרן. אַלץ וואָס איז ניט געשען אין אַ יאָרטויזנט, וועט געשען אין די קומענדיקע פּאָר שעה. איצט זײַנען זיי ווידער, אַף אַ ווײַלע, שקלאַפֿן, דער אָפּפֿאַל פֿון דער שקלאַ־פערײַ, די העקער פֿון דער שקלאַפֿערײַ. זיי האָבן צוגעשפּאַנט צו די טירן פֿונעם ספּאָרט־פּלאַץ און פֿון דאָרט זײַנען זיי געגאַנגען אינעם עסצימער עסן זייער פֿרישטיק.

דאָ האָבן זיי זיך אָנגעטראָפֿן מיט באַטשיאַטאָן אין זײַן טראַגבעט, אַ באַדינטער פֿון אַכט שקלאַפֿן, באַגלייט פֿון זײַן דאַרן און געבילדעטן בוכ־פֿירער, ביידע אַפֿן וועג צום קאַפּוער מאַרק אײַנקויפֿן פּראָוויזיע. באַטשיאַטאָ האָט געמערקט ווי אומגעצווונגען און דיסציפּלינירט זיי מאַרשירן, און ער האָט אַ טראַכט געטאָן אַז, עמעס, דער קאָרבן פֿון אַן אַפֿריקאַנער איז אַ ניט געוווּנטשענע הוצאָה, אָבער זי איז גאַנץ באַרעכטיקט.

אָט אַזוי האָט באַטשיאַטאָ געלעבט און זײַן בוכפֿירער האָט געלעבט אַף אָפּצוהאַקן זײַן האַר דעם קאָפּ גאָר אין גיכן.

VII

דאָס וואָס איז פֿאָרגעקומען אינעם עסצימער — אָדער אין דער עס־שטוב, ווי עס פּאַסט זיך בעסער צו זאָגן — ווו די גלאַדיאַטאָרן פֿלעגן זיך צונויפֿקומען עסן, וועט מען קיינמאָל גענוי נישט וויסן און קיינער וועט עס ווי געהעריק ניט קענען דערציילן; וואָרעם קיין היסטאָריקער זײַנען ניט געווען וואָס זאָלן פֿאַרשרײַבן די אַוואַנטורעס פֿון שקלאַפֿן און זייער לעבן איז אויך ניט באַטראַכט געווען פֿאַר אַזוי וויכטיק, אַז מען זאָל עס פֿאַרשרײַבן; און טאָמער האָט אַ שקלאַף געטאָן אַזעלכס וואָס מוז באַטראַכט ווערן ווי געשיכטע, האָט די געשיכטע געשריבן איינער וואָס האָט גע־האַלטן שקלאַפֿן און האָט פֿאַר זיי מוירע געהאַט און האָט זיי פֿײַנט גע־האַט. נאָר וואַריניע, וואָס האָט געאַרבעט אין קיך, האָט דאָס געזען מיט אירע אייגענע אויגן און, מיט אַ צײַט שפּעטער, האָט זי דאָס דערציילט אַ צווייטן — ווי איר וועט עס זען — און אַפֿילע ווען דער מעכטיקער גע־פֿויק פֿון דעם וואָס איז געשען ווערט אַזוי צוגעשטיקט און עס איז פֿון אים געוואָרן ניט מער ווי אַ געפֿליסטער, איז ער דאָך ניט אינגאַנצן פֿאַרלוירן

געגאַנגען. די קיך איז געווען אין אַן עק לעבן דעם עסצימער. די טירן פון דרויסן צום עסצימער זײַנען געווען אינעם אַנדערן עק.

די עס־שטוב איז געווען באַטשיאַטאַס אַן אייגענע אימפּראָוויזאַציע. אַ סאַך רוימישע ביניאָנים זײַנען געבויט געווען אַף אַ טראַדיציאָנעלן אופן, די מאַסן-אויסשולונג און דער מאַסן־באַנוץ פון גלאַדיאַטאָרן איז געווען אַ פּראָדוקט פון זײַן דאָר, פּונקט ווי דער פּסיכאָז פון פאַרלעך־געשלעג, און די פּראָבלעם פון לערנען און קאָנטראָלירן אַזוי פיל גלאַדיאַטאָרס איז געווען אַ נײַע פּראָבלעם. באַטשיאַטאָ האָט פאַר אַ באַזע גענומען אַן אַלטע שטיינערנע וואַנט און האָט צו איר צוגעבויט דרײַ זײַטן. דעם פּירעק וואָס האָט זיך דערפון באַקומען, האָט מען געדעקט אָפן אַלטן שטייגער: אַ שינדל־דאַך אַרויסגערוקט אַף קנאַפּע דרײַ מעטער פון אַלע פיר זײַטן און דער מיטן אָפן צום הימל און ברוקירט מיט אַ וואַסער־אָפּלויף פאַרן רעגן. אַזוי פלעגט מען בויען נאָך מיט אַ יאָרהונדערט צוריק. נאָר פאַר דעם קאַפּוער מילדן קלימאַט איז עס געווען גענוג, כאָטש ווינטער־צײַט איז דאָרט געווען קאַלט און אַפילע נאַס. די גלאַדיאַטאָרן פלעגן עסן אונטערן דאַך אַף דער ערד מיט די פיס פאַרלייגט. די טרענירער פלעגן אומשפּאַנען איבער דעם אָפענעם מיטלסטן הייפל און האָבן געקענט פון דאָרטן האַלטן אַלעמען אָפן אויג. די קיך, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ לאַנגן אויוון, פון ציגל און קאַכליעס, מיט אַ לאַנגן טיש צו דער אַרבעט, איז געשטאַנען אין אַ ווינקל פונעם פּירעק, אָפן צו דער איבעריקער טייל; אינעם צווייטן עק זײַנען געווען צוויי שווערע הילצערנע טירן און ווען די גלאַדיאַטאָרן זײַנען געווען אינעווייניק, פלעגט מען די טירן פאַרריגלען.

און אַזוי האָט מען אויך דעמאָלט געטאָן, לויטן אַלטן אײַנפיר, און די גלאַדיאַטאָרן האָבן פאַרנומען זייערע ערטער און זײַנען באַדינט געווען פון די קיך־שקלאַפן, מערסטנס ווײַבער. פיר טרענירער האָבן אומגעשפּאַצירט איבערן הייפל. די טרענירער האָבן מיט זיך געהאַט מעסערס און קורצע בײַטשן פון געפלאָכטענע רימענעס. צוויי זעלנער, ספּעציעל אויסגעטיילטע צו דער אַרבעט, האָבן פאַרריגלט די טירן פון דרויסן. דער רעשט זעלנער האָט געגעסן זייער פרישטיק אונטער דעם ליבן געזעמל ביימער, אַן ערעך הונדערט מעטער פון דער עס־שטוב.

דאָס אַלץ האָט געזען און אין אַכט גענומען ספּאַרטאַקוס. ער האָט געגעסן ווייניק. אין מויל איז אים געווען טרוקן און דאָס האַרץ האָט אים האַסטיק געקלאַפּט אין דער ברוסט. קיין גרויסע זאַכן האָט מען ניט אויפגעטאָן, דאַכט זיך אים, און ער האָט ניט פאַר זיך מער צוקונפט ווי ווער עס איז. נאָר מענטשן קומען אַמאָל צו צו אַ פּונקט און זאָגן צו זיך אַליין: „אויב איך וועל ניט טאָן די און די זאַך, האָב איך קיין נויט ניט און עס האָט קיין זין ניט ווײַטער צו לעבן.״ און ווען אַ סאַך מענטשן קומען צו צו אַזאַ פּונקט, נעמט די ערד ציטערן. די ערד וועט ציטערן איידער עס וועט נאַכט ווערן, איידער דער פרימאָרגן וועט אָפּטרעטן פאַרן מיטנטאָג און ווען די זון וועט זיך נעמען אַרונטערלאָזן; נאָר ספּאַרטאַקוס האָט דאָס ניט געוווּסט. ער האָט בלויז געוווּסט דעם באַלדיקן ווײַטערן שריט, ער דאַרף

איצט ריידן מיט די גלאַדיאַטאָרן. ווען ער האָט דאָס געזאָגט קריקסוסן, דעם גאַל, האָט ער דערזען זײַן ווײַב, וואַריניע, וואָס האָט געקוקט אַף אים קעגנאיבער דעם אויוון, וווּ ער איז געזעסן. נאָך אַנדערע גלאַדיאַטאָרן האָבן געקוקט אַף אים. דער ייִד, דאַוויד, האָט זײַנע באַוועגונגען אַראָפּגע־לייענט פון זײַנע ליפּן. גאַנניקוס האָט זײַן אויער צוגעבייגט, אַן אַפריקאַנער, מיט דעם נאָמען פראַקסוס, האָט זיך צוגעבויגן צו קענען אים הערן.

— איך וויל מיך אויפשטעלן און ריידן — האָט ספּאַרטאַקוס געזאָגט — איך וויל אײַך עפענען מײַן האַרץ. נאָר ווען איך רייד, איז שוין נישטאָ קיין וועג צוריק און די טרענירער וועלן מיך פרווון שטום מאַכן.

— זיי וועלן עס ניט טאָן, — האָט זיך אָנגערופן קריקסוס, דער ריזיקער רויטהאָריקער גאַל.

אַפילע אַף דער צווייטער זײַט פירעק האָט זיך געפילט די געשפּאַנטקייט פון דעם מאָמענט. צוויי טרענירער האָבן זיך אויסגעדרייט צו ספּאַרטאַקוסן און צו די מענטשן, וואָס זײַנען אַרום אים געזעסן, אַף די שפּיץ פינגער. זיי האָבן צעקנאַלט די בײַטשן און אַרויסגעצויגן די מעסערס.

— איצטער רייד! — האָט גאַנניקוס אויסגעשריגן.

— זײַנען מיר דען הינט, וואָס איר קנאַלט אַף אונדז די בײַטשן? — האָט דער אַפריקאַנער געזאָגט. ספּאַרטאַקוס האָט זיך אויפגעשטעלט און איניינעם מיט אים אַ טוץ גלאַדיאַטאָרן. די טרענירער האָבן געדראָט מיט זייערע בײַטשן און מעסערס, נאָר די גלאַדיאַטאָרן האָבן זיך אַף זיי אַ וואָרף געטאָן און האָבן זיי שנעל טויט געמאַכט. די ווײַבער האָבן דערהאַרגעט דעם קיכער. דאָס אַלץ אַן געריוש. געהערט האָט זיך קוים אַ שטילער געברום פון די גלאַדיאַטאָרן. דעמאָלט האָט ספּאַרטאַקוס אַרויסגעגעבן זײַן ערשטן באַפעל, פּאַמעלעך, געלאַסן, ניט געאײַלט, געווענדט צו קריקסוסן און גאַנניקוסן, און צו דאַווידן און פראַנקוסן:

— גייט צו דער טיר און פאַרזיכערט זי, איך זאָל קענען ריידן. — געווען איז אַ רעגע וואַקלעניש, נאָר באַלד האָבן זיי אים געפאָלגט און דערנאָך האָבן זיי שוין מערסטנס אויסגעפאָלגט אַלץ וואָס ער האָט זיי געזאָגט. זיי האָבן אים ליב געהאַט. קריקסוס האָט געוווסט, אַז זיי וועלן אומקומען, נאָר דאָס האָט אים ניט אויסגעמאַכט, און דער ייִד דאַוויד, וואָס האָט אַ צײַט גאָרנישט ניט געפילט, האָט דערפילט אַ שטראָם וואַרעמקייט און ליבע צו דעם מאָדנעם געצנדינער, דעם ניט שיינעם טראַציער מיט זײַן אײַנגעבראָכענער נאָז און שאַפּענעם פּאָנעם.

VIII

— שטעלט אײַך אַלע אַרום מיר — האָט ער געזאָגט.

דאָס איז געטאָן געוואָרן שנעל. און פון די זעלנער וואָס זײַנען צעשטעלט געווען אין דרויסן איז קיין שאָרך ניט דערגאַנגען. די גלאַדיאַטאָרן און די קיך־שקלאַפן — דרײַסיק פרויען און צוויי מענער — האָבן זיך צוגערוקט צו אים. זיי האָבן געמאַכט אַ וועג פאַר איר; זי איז צוגע־

גאַנגען צו אים און ער האָט זי אַרומגענומען. ער האָט זי געהאַלטן צו־געדריקט צו זיך מיט דעם אָרעם און האָט פאַר זיך געטראַכט: „איך בין פריי. ניט מיין פאָטער און ניט מיין זיידע האָבן אַמאָל געהאַט אַ מינוט פרייהייט, נאָר איך דער מינוט דאָ בין איך פריי".

מען האָט דערפון געקענט שיקער ווערן און ער האָט דערפילט ווי עפּעס שטראָמט אים דורך דורכן גאַנצן לייב, ווי דאָס וואָלט געווען ווין. נאָר צוגלייך דערמיט איז אויך געווען די מוירע. עס איז ניט קיין גרינגע זאַך פריי צו זיין; עס איז גאָרניט קיין קלייניקייט פריי צו זיין ווען מען איז אַזוי לאַנג, אַלע יאָרן וואָס מען געדענקט זיך און וואָס דער פאָטער געדענקט, געווען אַ שקלאַף. געווען איז אין ספּאַרטאַקוסן אויך די געצווימטע און באַהערשטע מוירע פון דעם מענטשן וואָס האָט אַנגענומען ·אַן אומ־פאַרענדלעכן באַשלוס און ער ווייס, אַז יעדער טראָט וואָס ער וועט מאַכן אין דער אַנגענומענער ריכטונג, וועט אים נענטער מאַכן צו דעם טויט וואָס וואַרט אַף אים. און צו לעצט, אַ פראַגע צו זיך אַליין, וואָרעם אַט די מענטשן וואָס זייער פּראָפעסיע איז טייטן, האָבן געטייט זייערע הערן און זיינען באַהערשט פון דעם שרעקלעכן צווייפל, וואָס קומט אויף אינעם שקלאַף וואָס האָט זיך אויסגעדרייט קעגן זיין האַר. זיי האָבן געהאַלטן זייערע אויגן געווענדט צו אים. פאַר זיי איז ער דער גוטהאַרציקער טראַ־ציער מינצען־גרעבער, וואָס ווייס וואָס אין זייערע הערצער טוט זיך און ער האָט זיך דערנענטט צו זיי. און וויל זיי זיינען הוילע אָבערגלויבן און אומוויסן, ווי די מערהייט מענטשן פון זייער צייט, טראַכטן זיי, אַז עפּעס אַ גאָט — אַ מאָדנער גאָט מיט אַ ביסל ראַכמאָנעס אין האַרצן — האָט אים באַרירט. ער מוז דערום קענען לייענען אין דער צוקונפט, ווי עס לייענט אַ מענטש אין אַ בוך, און מיט אים זיי פירן; און אויב עס זיינען פאַר זיי קיין וועגן נישטאָ איבער וועלכע צו גיין, דאַרף ער די וועגן מאַכן. דאָס אַלץ האָבן אים זייערע אויגן געזאָגט; דאָס אַלץ האָט ער אין זייערע אויגן געלייענט.

— זייט איר מיין פאָלק? — האָט ער זיי געפרעגט, ווען זיי האָבן זיך צו אים געטוליעט. — איך וועל מער קיינמאָל ניט זיין קיין גלאַדיאַ־טאָר. גיכער וועל איך שטאַרבן. זייט איר מיין פאָלק? באַ טייל זיינען זייערע אויגן פול געוואָרן מיט טרערן און זיי האָבן זיך צו אים נאָכמער געטוליעט. טייל זיינען געווען דערשראָקן, ווער מער און ווער ווייניקער. נאָר ער האָט זיי אַריינגעגעבן אַ פאַרציע גלאָר, וואָס דאָס איז אַ וווּנדער געווען ער זאָל דאָס קענען טאָן.

— איצט דאַרפן מיר זיין כאַוויירים, — האָט ער געזאָגט, — און אַלע דאַרפן מיר זיין ווי איין מענטש; אַמאָל — אַזוי האָב איך געהערט דערציילן — פלעגן די מענטשן פון מיין פאָלק גיין אין דער שלאַכט מיט זייער אייגענעם ווילן, ניט ווי עס גייען די רוימער, נאָר מיט זייער אייגע־נעם ווילן, און אַז איינער האָט ניט געוואָלט גיין, איז ער געבליבן אין דער היים און קיינעם איז ער ניט אָנגעגאַנגען.

— וואָס דאַרפן מיר טאָן? — האָט עמעצער אויסגערופן.

— מיר דאַרפן אַרויסגיין און קעמפן, און גוט קעמפן, ווײַל מיר זײַנען די בעסטע קעמפער אין דער וועלט.

מיטאַמאָל האָט זיך זײַן קאָל אויפגעהויבן און דער קאָנטראַסט צו זײַנע פריִערדיקע געלאַסענע מאַנירן האָט זיי דורכגענומען און אַרומגענומען. זײַן קאָל איז געווען ווילד און דערהויבן. און די זעלנער פון דרויסן האָבן אים זיכער געהערט שרײַען:

— מיר וועלן מאַכן אַזאַ פּאַרלעך־געשלעג, אַז רוים זאָל אויף אַלע אייביקייטן ניט פאַרגעסן די קאַפּועער גלאַדיאַטאָרן!

עס קומט אַ מאָמענט ווען די מענטשן מוזן טאָן דאָס וואָס זיי האָבן צו טאָן און וואַריניע ווייס דאָס און זי איז שטאָלץ און איז באַהערשט פון אַזאַ גליק, וואָס זי האָט נאָך קיינמאָל פריִער ניט געפילט; זי איז שטאָלץ און איז פול מיט אַזאַ מאָדנער פרייד, וואָס זי האָט אַ מאַן, וואָס צו אים איז קיין גלײַכן ניטאָ אין דער גאַנצער וועלט. זי קען ספּאַרטאַקוסן; די צײַט וועט קומען ווען אַלע וועלן אים קענען, אָבער ניט אַזוי ווי זי קען אים. זי ווייס, אַזוי אָדער אַנדערש, אַז דאָס איז בלויז דער אָנהייב פון עפּעס מעכטיקס און אומענדלעכס, און אַז איר מאַן איז אַ גוטהאַרציקער און אַ ריינער און אַז עס איז נישטאָ נאָך אַזאַ איינער ווי ער.

IX

— צוערשט די זעלנער. — האָט ספּאַרטאַקוס געזאָגט.

— מיר זײַנען פינף אויף איינעם און מעגלעך זיי זאָלן אַנטלויפן.

— זיי וועלן ניט אַנטלויפן — האָט ער אַן אויפגערעגטער געענטפערט — איר דאַרפט עס וויסן פון די זעלנער גופא, אַז זיי וועלן ניט אַנטלויפן. אָדער זיי וועלן אונדז אויסהאַרגענען אָדער מיר זיי, און אויב מיר וועלן זיי אויסהאַרגענען וועלן קומען אַנדערע. צו זעלנער אין רוים נעמט גאָר קיין סאָף ניט!

ווען זיי האָבן אים אָנגעקוקט, אָט אַזוי ווי זיי האָבן דאָס געטאָן, האָט ער זיי געזאָגט:

— אָבער אויך צו שקלאַפן נעמט קיין סאָף ניט.

זיי האָבן זיך גענומען גרייטן זייער שנעל. זיי האָבן גענומען די מעסערס פון די טרעגירער און פון דער קיך און אַלץ וואָס קען דינען פאַר אַ געווער. די מעסערס און די העק, די בראָט־פאַנען און די בראָט־גאָפּלען און די שטויס־קלעצער, דעריקער אָט די קלעצער וואָס מען פלעגט מיט זיי שטויסן די קערנער אויף קאַשע, און געווען זײַנען ווייניקסטנס צוואַנציק אַזעלכע. געהאַט האָבן זיי אַ שווערן קאָפּ באַם עק און מען האָט זיי געקענט נוצן סײַ פאַר בולעוועס און סײַ פאַר שלײַדער־געווער. זיי האָבן פאַרכאַפּט דאָס האָלץ צום ברענען און איינער האָט געכאַפּט אַ ביין. ווען אים איז שוין גאָרניט געבליבן, און די דעקלעך פון די טעפּ האָבן זיי גענוצט פאַר שילדן. ווי דאָס איז, האָבן זיי זיך באַוואָרנט מיט געווער און האָבן זיך

אַ לאָז געטאָן אַף דרויסן, די ווײַבער, נאָך זיי. זיי האָבן אײַנגעוואַלגערט די גרויסע טירן פון דער עס־שטוב און זײַנען אַרויס אין קאַמף.

געטאָן האָבן זיי עס זייער שנעל, דאָך ניט אַזוי שנעל אַז דאָס זאָל איבערראַשן די זעלנער. די צוויי וואָס זײַנען געשטאַנען אַף דער וואַך, האָבן זיי באַצײַטנס צו וויסן געטאָן און זיי האָבן צײַט געהאַט אָנצוטאָן זיך די פאַנצערס און זיך אויסשטעלן אין פיר פלאַטאָנען, צו צען אין יעדן איינעם, און איצט שטייען זיי דאָרט אויסגעשטעלט אַף דער צווייטער זײַט טײַכל, פערציק זעלנער, צוויי אָפיצירן און אַ טוץ טרעניִרער, שווער באַוואָפנטע, ווי ביקלאַל זעלנער, מיט שווערדן, שילדן און שפּיזן. אָט אַזוי האָבן צוויי און פופציק מענטשן באַוואָפנטע מענטשן זיך אַקעגנגעשטעלט די צוויי הונדערט נאַקעטע און קימאַט ניט באַוואָפנטע גלאַדיאַטאָרן. צוויי ניט גלײַכע קעגנער, נאָר די בעסטע מעגלעכקייטן זײַנען געווען אַף דער זײַט פון די זעלנער, און געווען זײַנען עס רוימישע זעלנער, וואָס קיין זאַך אין דער וועלט קען אַקעגן זיי ניט בײַשטיין. גענומען האָבן זיי די שפּיזן בײַ די הענטלעך און אַרויסגעשפּאַנט אין אַ דאָפּלטער ריי, איין פלאַטאָן נאָכן צווייטן. דײַטלעך און פעסט האָבן זיך געהערט אינעם פרימאָרגנדיקן ווינטל די באַפעלן פון די אָפיצירן און זיי האָבן זיך געלאָזט מאַרשירן ווי אַ בעזעם אָפּצוקערן דאָס מיסט פון זייער וועג. די הויכע לעדערנע שטיוול האָבן געפּאַטשט אינעם טײַכל, האָבן צעטראָטן די ווילדע בלומען בײַם אַרויסקומען אַפן ברעג, און פון אַלע זײַטן זײַנען זיך שקלאַפן צונויפגעלאָפן און אין רעדלעך זיך געזאַמלט זען דאָס אומגלויבלעכע וואָס פּאַסירט דאָ. די שרעקלעכע „פּילאַ”, וואָס מען הייבט זי אויף מיט ביידע הענט איבערן קאָפּ, האָט געגלאַנצט מיט איר אײַזערנעם שפּיץ אַקעגן דער זון, און ווערדליק דעם וואָס די רוימישע מאַכט האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט — אַפילע בלויז איר באַשיידענע אָפּצווײַג פון די פיר פלאַטאָנען — וואָלטן די שקלאַפן באַצײַטנס געדאַרפט זיך צעלויפן און אַנטלויפן, ווי דער שטויב פאַרן ווינט.

נאָר אין דעם מאָמענט איז די רוימישע מאַכט געשטאַנען אַף איר גרעניץ, און ספּאַרטאַקוס איז געוואָרן אָנפירער. קיין קלאָרע דעפיניציע פון אַ מענטשן וואָס פירט אַנדערע מענטשן איז נישטאָ; אָנפירונג איז עפּעס אויסטערליש און ניט צום אָנטאַפּן, ביפראַט ווען זי האָט ניט אונטער זיך די מאַכט און דעם גלאַר. באַפעלן אַרויסגעבן קען יעדער איינער, נאָר געבן באַפעלן אַזוי אַז יענער זאָל זיי אויפנעמען איז אַ באַזונדערע אייגנשאַפט און אָט די אייגנשאַפט האָט פאַרמאָגט ספּאַרטאַקוס. ער האָט באַפוילן די גלאַדיאַטאָרן זיי זאָלן זיך צעשיטן און זיי האָבן זיך צעשאָטן. ער האָט זיי באַפוילן מאַכן אַ ברייטע אומרינגלונג אַרום די פלאַטאָנען און זיי האָבן געמאַכט אַן אומרינגלונג. די פיר אָנגרייפנדיקע פלאַטאָנען האָבן אײַנגעהאַלטן דעם טראַט. באַהערשט האָט זיי אַן אומאַנטשלאָסנקייט און זיי זײַנען געבליבן שטיין. נישטאָ אַזאַ זעלנער אַף דער וועלט וואָס זאָל קענען אַזוי שנעל שפּאַנען ווי עס שפּאַנען גלאַדיאַטאָרן, וואָס זייער לעבן מיינט שנעלקייט, און שנעלקייט איז לעבן, און געווען זײַנען די גלאַדיאַטאָרן נאַקעט, אַ כוץ די בושע פאַרטעכער אַ; די לענדן, בעיס די רוימישע פוס־

גייער האָבן אַף זיך געטראָגן אַ שווערע מאַסע פֿון שווערדן, שפּיזן, שילדן, קאַסקן און פּאַנצערס. די גלאַדיאַטאָרן האָבן אַף שנעל אויסגעפֿורעמט אַן אומרינגלונג פֿון אַן ערך הונדערט און פֿופֿציק מעטער אין דער קווער, און די פּלאַטאָנען זײַנען געבליבן אין דער מיט און האָבן זיך געדרייט אַהער און אַהין מיט זייערע „פּילאַס", וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ אומנוצלעך געווער אַף אַ דיסטאַנץ פֿון דרײַסיק אָדער פֿערציק מעטער. די רוימישע שפּיז האָט מען געקענט וואַרפֿן נאָר איין מאָל; וואַרפֿן און דערנאָך אַנלויפֿן. נאָר אַף וועמען זאָלן זיי זי דאָרט וואַרפֿן?

אין דעם מאָמענט האָט ספּאַרטאַקוס מיט שטוינענדיקער קלאָרקייט אויסגעפֿונען זײַן טאַקטיק, די גאַנצע קאָלעקציע טאַקטיקעס פֿון די ווײַטערדיקע יאָרן. בליציק שנעל האָט ער אינערלעך דערבליקט די לאָגיק פֿון דעם וואָס ווערט דערציילט וועגן די אַרמייען וואָס זײַנען געגאַנגען אַקעגן די רוימישע אײַזערנע שפּיזן און צעמערזשעט געוואָרן אונטערן שווערן דרוק פֿון דער רוימישער שפּיז און דערנאָך צעפּיצלט געוואָרן פֿון דער רוימישער קורצער און ווי אַ ראַזיר־מעסער שאַרפֿער שווערד. נאָר רוימס דיסציפּלין און רוימס מעכטיקייט זײַנען דאָ אומעכטיק און אומגעשיצט אין דער אַרומרינגלונג מיצאַד די נאַקעטע, שרײַענדיקע און שילטנדיקע, אַרויסרופֿערישע גלאַדיאַטאָרן.

— שטיינער! — האָט ספּאַרטאַקוס אַ געשריי געטאָן. — „שטיינער!... די שטיינער קעמפֿן פֿאַר אונדז!" ער איז געלאָפֿן אַרום דעם קרײַז אַ געשווינדער אַף זײַנע שפּיץ פֿיס, אַזוי פֿלינק און נאַטירלעך. „וואַרפֿט שטיינער!"

און אונטער דער כּאַפּע פֿון די שטיינער האָבן די זעלנער זיך אַף דער ערד געוואָרפֿן. די ווײַבער האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו דער אַרומרינגלונג; די שקלאַפֿן פֿונעם הויז־דינסט האָבן זיך אויך אָנגעשלאָסן און דאָס אייגענע האָבן געטאָן די שקלאַפֿן וואָס זײַנען געווען אין די גערטנער. די זעלנער האָבן זיך געשיצט אונטער זייערע שווערע פּאַנצער־שילדן, נאָר דאָס האָט די גלאַדיאַטאָרן געגעבן די מעגלעכקייט זיי איבערצופֿאַלן, צעוווּנדן און צוריקלויפֿן. איין פּלאַטאָן האָט אָנגעגריפֿן די אַרומרינגלונג און האָט געוואָרפֿן זײַנע שפּיזן. איין גלאַדיאַטאָר איז געפֿאַלן פֿון דעם שרעקלעכן געווער, נאָר די איבעריקע האָבן זיך געוואָרפֿן אַף דעם פּלאַטאָן און האָבן זײַנע זעלנער צעפּיצלט קימאַט מיט די הוילע הענט. די זעלנער האָבן זיך צוריקגעצויגן. צוויי פּלאַטאָנען האָבן געמאַכט אַ קרײַז אונטער דעם האָגל מיט שטיינער און האָבן זיך געהאַלטן ביז די גלאַדיאַטאָרן זײַנען אַף זיי אַרויפֿגעפֿאַלן ווי אַ שאָר וועלף. זיי האָבן געקעמפֿט ביז זיי זײַנען געפֿאַלן טויט. דער פֿערטער פּלאַטאָן האָט געפּרוּווט זיך דורכרײַסן די אַרומרינגלונג און אַנטלויפֿן, נאָר צען זעלנער זײַנען צו ווייניק געווען פֿאַר אַזאַ טאַקטיק און מען האָט זיי צו דער ערד געוואָרפֿן און צעפּיצלט. אַזוי אויך זײַנען צעפּיצלט געוואָרן די טרעגנירער... און צוויי טרעגנירער וואָס האָבן געבעטן דערבאַרעמונג, האָבן די ווײַבער מיט די שטיינער דערהאַרגעט.

אַט די קליינע און העפּטיקע שלאַכט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין

דער עס־שטוב, האָט זיך אויסגעשפּרייט איצער די פּלעצער אַרום דער שול און צום וועג וואָס פירט קיין קאַפּוּאַ, ווו עס איז געפאַלן דער לעצטער זעלנער. און איבערן גאַנצן שטעטל זײַנען געלעגן טויטע און צעוווּנדיקטע. פיר און פופציק זײַנען געווען רוימער און טרעגירער, און מער נאָך גלאַדיאַטאָרן.

און דאָך איז עס בלויז געווען דער אָנהייב. פול מיט גלאָר, מיט גלאָר אײַנגעבלוטיקט און מיט גלאָר אויפגעהײַטערט, איז עס ערשט געווען דער אָנהייב... ספּאַרטאַקוס שטייט איצט אויפן שאָסיי און זעט פאַר זיך די מויערן פון קאַפּוּאַ, אין דער ווײַט פאַרנעפּלטע מיט דעם גאָלדענעם פאַר־מיטאָג־נעפּל, און ער הערט דעם געפּײַקל פון די גאַרניזאָן־פּויקן. נישטאָ מער קיין אָפּרו, וואָרעם די געשעענישן גייען און די ווערטער פאַרטראָגט דער ווינט, און אינעם קאַפּוּער גאַרניזאָן זײַנען פאַראַן אַ סאַך זעלנער. די גאַנצע וועלט האָט עס אויפגעריסן. ער שטייט אויפן ברוקירטן וועג און איז פאַרכאַפּט פון מעכטיקע ליאַרעמדיקע שטראָמען און אַרום אים איז בלוט און טויט. ער דערזעט קריקסוסן, דעם רויט־האָריקן גאַל, ווי ער לאַכט; גאַנניקוסן, אַ באַגײַסטערטן; און דאָווידן, דעם ייִד, מיט די אויגן אַף זײַן מעסער און מיט לעבן אין די אויגן; און דעם ריזיקן אַפריקאַנער, אַ בקי־וונדיק רויִקן, וואָס זינגט זיך אַ שלאַכט־געזאַנג. ער נעמט דעמאָלט אַרײַן וואַריניען אין זײַנע אָרעמס. און אַנדערע גלאַדיאַטאָרן קושן זייערע ווײַבער, הייבן זייערע ווײַבער און לאַכן אינײַנעם מיט זיי. און דאָ קומען הויד־שקלאַפן צו לויפן מיט לאָגלען ווײַן באַטשיאַטאָס. די צעוווּנדיקטע אַפילע האָבן זייערע וווּנדן פאַרגעסן און זייערע קרעכצן אײַנגעשטילט. און דאָס גערמאַנישע מיידל קוקט אַף ספּאַרטאַקוסן, וויינט און לאַכט אַף אַמאָל, באַרירט אים דאָס פּאָנעם, די אָרעמס און די האַנט וואָס האַלט דעם קינזשאַל. די לאָגלען האָבן שוין גענומען ליידיק ווערן ווען ספּאַרטאַקוס האָט זײַנע מענטשן צו זיך געבראַכט. זיי וואָלטן נאָך עפּשער אין דעם מאָמענט פון דער געשיכטע אַרויסגעפאַלן, שיכּורע און באַגײַסטערטע, וואָרעם די זעלנער האָבן שוין אין דעם מאָמענט אָנגעהויבן זייער מאַרש באַ די טויערן פון קאַפּוּאַ, נאָר ספּאַרטאַקוס האָט זיי צום זינען געבראַכט און האָט זיי אײַנגעהאַלטן. ער האָט באַפוילן גאַנניקוסן צו נעמען דאָס געווער פון די טויטע זעלנער און האָט געשיקט דעם אַפריקאַנער נאַרדאָ זען צי מען קען עפענען דעם געווער־לאַגער. זײַן געלאַסנקייט איז פאַרשוווּנדן און די שאַרפע פיקס־אידעע פון אַנטלויפן האָט אים ווי אַ פײַער געבריט און האָט אים פאַרענ־דערט. זײַן גאַנץ לעבן איז דערצו געווען געצילט און זײַן גאַנצע געדולד האָט ער געהאַט אַף דאָס צוצוגרייטן. יאָרהונדערטן האָט ער געוואַרט; ער האָט געוואַרט פון זינט דער ערשטער שקלאַף איז געשמידט געוואָרן אין קייטן און געשמיסן געוואָרן ער זאָל גיין האַקן האָלץ און טראָגן וואַסער, און קיין שום זאַך אין דער וועלט וועט אים שוין דערפון ניט אָוועקנעמען.

פריִער פלעגט ער זיי פרעגן: איצט באַפעלט ער זיי. ווער קען נוצן רוימיש געווער? ווער האָט אַמאָל געקעמפט מיט דעם פּילום״? ער האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ קויעד פון פיר פלאַטאָנען.

— װײַבער אָן אַ זײַט, — האָט ער געזאָגט, — זיי דאַרפֿן ניט זײַן אין סאַקאַנע. זיי דאַרפֿן זיך ניט שלאָגן.

דער צאָרן פֿון די װײַבער האָט אים איבעראַשט. זייער צאָרן איז געווען נאָך ווילדער ווי בײַ די מענער. די װײַבער האָבן געוואָלט קעמפֿן; מיט טרערן אין די אויגן האָבן זיי געבעטן מען זאָל זיי לאָזן זיך שלאָגן. זיי האָבן געבעטן מען זאָל זיי געבן די טײַערע קינדשאַלן און אַז מען האָט זיי אָפּגעזאָגט, האָבן זיי די טוניקס אויסגעשפּרייט און אין זיי שטיינער אָנגעקליבן צום וואַרפֿן.

הינטער דער שול האָבן זיך געצויגן די געבראָכענע זומפּיקע פֿעלדער פֿון די פּלאַנטאַציעס. די שקלאַפֿן אויף די פֿעלדער האָבן געמערקט, אַז עפּעס שרעקלעכס, עפּעס אויסטערלישעס און העפֿטיקס פּאַסירט, זײַנען זיי געלאָפֿן דאָס זען און זײַנען זיך צונויפֿגעקומען צו דעם שטיינערנעם מויער קופּקעלעכווײַז דאָ און דאָרט. ער האָט דאָס דערזען און האָט מיט דער גאַנצער קלאָרקייט און פּאַשעטקייט באַגריפֿן זײַן גורל. ער האָט צוגערופֿן דעם ייִדן דאַוויד און האָט אים געזאָגט וואָס ער האָט צו טאָן. און דער ייִד איז געלאָפֿן צו די פֿעלד־שקלאַפֿן. ספּאַרטאַקוס האָט ניט שלעכט צוגעטראַכט; דרײַ פֿערטל פֿון די פֿעלד־שקלאַפֿן זײַנען צוגעקומען מיט דאַווידן. זיי זײַנען געקומען צו לויפֿן און האָבן געגריסט די גלאַדיאַטאָרן און האָבן זיי געקושט די הענט. זיי האָבן געבראַכט מיט זיך גראָב־אײַזנס, וואָס זײַנען טייקעף פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין געווער. דער אַפֿריקאַנער איז צוריקגעקומען. זיי האָבן זיך ניט געקענט דורכשלאָגן צום גרויסן געווער־לאַגער, מען דאַרף דערצו ווייניקסטנס אַ האַלבע שאָ צײַט, נאָר זיי האָבן אויפֿגעבראָכן אַ פֿריש־געבראַכטן קאַסטן מיט „טרידענטן“, די לאַנגע דרײַ־שפּיציקע שפּיז, וואָס מען נוצט צום פֿישפֿאַנג. געווען זײַנען דרײַסיק אַזעלכע שפּיזן און ספּאַרטאַקוס האָט זיי אײַנגעטיילט די „רעטאַריס“ און די אַפֿריקאַנער האָבן געקושט דאָס געווער, האָבן עס געגלעט און האָבן דערויף שפּרוכן געזאָגט אין זייערע היימישע לעשוינעס.

דאָס אַלץ האָט זייער ווייניק געדויערט, נאָר די נויט צו מאַכן אַלץ שנעלער האָט ספּאַרטאַקוסן געיאָגט. ער האָט שוין געוואָלט זײַן ווײַטער, ווײַטער פֿון דער שול, ווײַטער פֿון קאַפּוא. „נאָך מיר!“ — האָט ער אַ געשריי געטאָן. „אַלע נאָך מיר!“ וואַריניע איז געבליבן לעבן אים. זיי זײַנען אָפּגעטראָטן פֿונעם וועג, האָבן געקרײַצט די פֿעלדער און זײַנען אַרײַן צווישן די פֿאַרוואָקסענע בערגלעך. „לאָז מיך קיינמאָל ניט אָפּ פֿון דיר“, — האָט וואַריניע געזאָגט — „לאָז מיך קיינמאָל ניט אָפּ פֿון דיר“, — און האָט צוגעגעבן: „איך בין גרייט צו קעמפֿן ווי עס קעמפֿט אַ מאַן“.

דערזען האָבן זיי די זעלנער אָנקומען מיט דעם וועג פֿון קאַפּוא. געווען זײַנען עס צוויי הונדערט זעלנער. מאַרשירט האָבן זיי אין אַ דאָפּלטער ריי, ביז זיי האָבן דערזען ווי די גלאַדיאַטאָרן זײַנען אַרײַן אין די בערגלעך, און די אָפֿיצירן האָבן פֿאַרקירעוועט די זעלנער איבערן פֿעלד, קעדיי אָפּצושנײַדן די גלאַדיאַטאָרן דעם וועג. און דאָרט ווײַטער זײַנען קאַפּוער בירגער

S. WA..MAN

אַרויסגעקומען אויסער דער שטאָט צוקוקן ווי מען דערשטיקט דעם שקלאַפן־אויפשטאַנד און זען אַ געשלעג פון פאַרלעך אָן געלט און אָן איבעררײַס.

געקענט האָט זיך עס פאַרענדיקן דאָרט אַ שאָ פריִער אָדער אַ שאָ שפעטער. געקענט האָט זיך עס פאַרענדיקן ווו ניט איז אַף אַן אַ צאָל ערטער. נאָך פריִער פלעגן פאַרקומען פלייטעס פון שקלאַפן. וואָלטן זיי אַנטלאָפן וואָלן זיי זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן אַף די פעלדער אָדער אין די וועלדער; זיי וואָלטן געלעבט ווי די כאַיעס, פון רויב אָדער מיט די אויפגעקליבענע זשאָלעדעס. זיי וואָלטן איינער דעם צווייטן געפאַנגען און איינער דעם צווייטן געקרײַציקט. נישטאָ קיין מאַקעם־מיקלעט פאַר שקלאַפן; אַזוי איז די וועלט באַשאַפן. און ווען ספאַרטאַקוס האָט אַ קוק געטאָן אַף די גאַרניזאָן־זעלנער, האָט ער געוווּסט פון אַט דעם פאַשעטן פאַקט. נישטאָ קיין אָרט ווו זיך אויסצובאַהאַלטן, נישטאָ קיין לאָך ווו זיך צו פאַרשטעקן. די וועלט מוז מען איבערמאַכן.

ער האָט אָפגעשטעלט דאָס אַנטלויפן און האָט געזאָגט: „מיר וועלן קעמפן קעגן די זעלנער".

X

מיט אַ צײַט שפעטער פלעגט ספאַרטאַקוס זיך פרעגן: „ווער וועט שרײַבן איבער אונדזערע שלאַכטן און וועגן דעם וואָס מיר האָבן געוווּנען און וואָס מיר האָבן פאַרלוירן? און ווער וועט דערציילן דעם עמעס?" דער עמעס פון די שקלאַפן איז געווען אַן אַנדערער ווי דער עמעס פון דער צײַט אין וועלכער זיי האָבן געלעבט. דער עמעס איז ניט מעגלעך געווען, ניט מעגלעך, פון וועלכער זײַט מען זאָל אַף אים ניט קוקן, ניט דערפאַר וואָס ער וואָלט ניט געווען, נאָר מאַכמעס דאָס וואָס איז געשען איז זיך נישט צו דערקלערן אינעם אינערלעכן געבוי פון יענער צײַט. געווען זײַנען מער זעלנער ווי שקלאַפן און די זעלנער זײַנען געווען מעכטיק באַוואָפנט; נאָר די זעלנער האָבן זיך נישט געריכט, אַז די שקלאַפן זאָלן קעמפן און די שקלאַפן האָבן געוווּסט, אַז די זעלנער וועלן קעמפן. די שקלאַפן זײַנען אַרויפגעפאַלן אַף די זעלנער פון די בערגלעך און די זעלנער זײַנען געלאָפן מיט אָפענעם פראָנט, ווי מענטשן לויפן באַ אַ געאײַלטן אַרויספאַר, און האָבן זיך ניט געקענט קעגנשטעלן דעם איבערפאַל, זיי האָבן געוואָרפן זייערע שפיזן אַן אַ טאָלק און האָבן זיך געבויגן אונטערן האָגל מיט שטיינער וואָס די ווײַבער האָבן אַף זיי געוואָרפן.

דער עמעס איז אַז די זעלנער זײַנען צעקלאַפט געוואָרן פון די שקלאַפן און האָבן זיך געלאָזט אַנטלויפן און די שקלאַפן האָבן זיי אַנגעיאָגט אַף האַלבן וועג קיין קאַפואַ און האָבן זיי צענישטיקט. אין דער ערשטער שלאַכט האָבן די שקלאַפן געהאַט אַ סאַך פאַרלוסטן, נאָר אין דער צווייטער איז געפאַלן ניט מער ווי אַ הײַפל זייערע, און די רוימישע זעלנער זײַנען פאַר זיי אַנטלאָפן, געיאָגטע. דאָס איז דער עמעס. נאָר דערציילט האָט מען עס

אַף הונדערטערליי אויפאַנים, און די ערשטע ידיעה וועגן דעם האָט געגעבן דער קאָמאַנדאַנט פון דעם קאַפּוער מיליטערישן טייל.

„געווען איז אַ שקלאַפן־אויפשטאַנד אין דער טרענירונג־שול פון לענטולוס באַטשיאַטאַ, — האָט ער געשריבן, — און טייל זייערע זיינען אַנטלאָפן צו דאָרעם־זייט מיט דער וויאַ אַפּיאַ. מען האָט אַרויסגעשיקט קעגן זיי אַ האַלבע קאָהאָרטע *) גאַרניזאָן מיליטער, נאָר טייל איז געלונגען זיך דורכרייסן און זיינען אַנטלאָפן. מען ווייס ניט ווער עס זיינען זייערע פירער און וואָס איז זייער ציל, נאָר זיי האָבן שוין באַוויזן אַרויסצורופן רייבונגען צווישן די פעלד־שקלאַפן און היגע בירגער מיינען, אַז דער נאָבעלער סענאַט טאָר ניט שפּאָרן קיין מי און פאַרשטאַרקן דעם קאַפּוער גאַרניזאָן, כדי דער אויפשטאַנד זאָל קענען שנעל דערשטיקט ווערן". גאַנץ מעגלעך אַז דער קאָמאַנדאַנט האָט נאָך צוגעגעבן ווי אַ פּאָסט דאַטום: „עס זיינען שוין באַגאַנגען געוואָרן אַ ריי איבערפאַלן. מען האָט מוירע זיי זאָלן באַגיין רויבערייען".

און באַטשיאַטאַ האָט מיסטאָמע אויך דערציילט די געשיכטע פאַר קאַפּוער בירגער וואָס האָבן אים געוואָלט אויסהערן. אין דער עמעסן איז קיינער ניט געווען אַזוי דערשלאָגן ווי באַטשיאַטאַ, וואָס האָט געזען זיינע יאָרן מי מיטן ווינט אַוועק, נאָר פאַרשטאַנען האָבן אַלע, אַז אַף די פעלדער וועט עס ניט זיין אַזוי באַקוועם ביז מען וועט די שרעקלעכע מענטשן (די גלאַדיאַטאָרן) כאַפּן און זיי אָפּן אָרט דערהאַרגענען אָדער אָפּן קרייץ אויפשטעכן, כדי זיי זאָלן דינען פאַר אַ ביישפּיל די אַנדערע. דאָס דערציילן איז געווען אַ גאַנצער פּראָצעס; די געשיכטע האָבן דערציילט און איבערדערציילט הונדערטער מענטשן, וואָס זייער לעבן איז געווען געבויט אַף דער ניט פעסטער שקלאַפן־סטרוקטור און דערציילט האָבן זיי זי אָפּן גרונט פון זייער מוירע און פון זייערע באַדערפענישן. אַזוי איז עס שטענדיק געווען. מיט יאָרן שפּעטער וואָלט עס אַזוי געווען: „יאָ, איך בין דעמאָלט געווען אין קאַפּואַ, אין די וואָרעמבעדער, ווען ספּאַרטאַקוס איז אַנטלאָפן. איך האָב אים געזען, ווי דען. אַ ריזיקער מענטש. איך האָב אים געזען ווען ער האָט אַף זיין שפּיז אויפגעשטאָכן אַ קליין קינד. אַ שרעק געווען צו קוקן".

אָדער וועלכע עס איז אַנדערע פון די טויזנטער ווערסיעס. נאָר דער עמעס איז עפּעס אַזוינס, וואָס ספּאַרטאַקוס אַליין האָט דערפון אויפגעכאַפּט בלויז אָנדאַכטונגען. זיין וויזיע איז אַרויס אויסער די פיר ווענט פון זיין צייט. בעיס די צוזאַמענשטויסן וואָס ער האָט אָנגעפירט, האָבן די שקלאַפן צעקלאַפּט די רוימישע זעלנער. עמעס, געהאַנדלט האָט זיך וועגן אַ הייפל מיליטער פון אַ צווייט־ראַנגיקן גאַרניזאָן, אַ צווייטיקטן פון דעם גרינגן לעבן אין אַ קוראָרט־שטאָט. וואָס האָט אַקעגן זיך געהאַט די בעסטע פּראָפעסיאָנעלע שווערדן פון איטאַליע. נאָר אַפילו מען זאָל אין אַכט נעמען דעם דאָזיקן גוירעם, איז דער פאַקט וואָס שקלאַפן האָבן צוויי מאָל אין איין טאָג צעקלאַפּט זייערע הארן, פון די פאַקטן וואָס טרייסלען אויף די

---

*) קאָהאָרטע — אַ רוימישער אָפּטייל מיליטער פון 300 ערעך 500 מענטשן.

ערד. און ווען די זעלנער זײַנען אַנטלאָפֿן, האָבן זיך די שקלאַפֿן ניט אָפּגעלאָזט, נאָר צוריקגעקומען אַף ספּאַרטאַקוסעס רוף... זיי זײַנען שוין געווען דיסציפּלינירט און אַ פּאָר שאָ שפּעטער איז שוין ספּאַרטאַקוס געווען באַ זיי ווי אַ גאָט. געווען זײַנען זיי פול מיט שטאָלץ און זייער מוירע איז פאַרשוווּנדן. זיי האָבן זיך איינער דעם צווייטן באַרירט, ווי זיי וואָלטן זיך געצערטלט, ווי דאָס גרויליקע וואָרט „גלאַדיאַטאָר, כאַוועֶר דיך ניט מיט גלאַדיאַטאָרן" וואָלט זיך מיטאַמאָל איבערגעקערט. פון דעם מאָמענט אָן האָבן זיי זיך געפילט איינער דעם צווייטן. זיי האָבן קיינמאָל ניט געטראַכט דערפון און געקומען זײַנען זיי דערצו ניט מיט דעם סייכל; מערסטנס זײַנען דאָס געווען פּאָשעטע אומווּיסנדיקע מענטשן, נאָר מיטאַמאָל זײַנען זיי געוואָרן אויסגעלײַטערט און דערהויבן. זיי האָבן געקוקט איינער אַפן צווייטן ווי זיי וואָלטן זיך ביז איצט קיינמאָל ניט געהאַט געזען. און מעגלעך אַז עס איז פאַראַן אַ געוויסער עמעס דערין. פריִער וואָלטן זיי זיך ניט דערוועגט איינער אַפן אַנדערן אַ קוק צו טאָן. קען דער וואָס האַרגעט קוקן אַף זײַן קאָרבן? נאָר איצט זײַנען זיי שוין ניט מער קיין קאָרבאָנעס און מערדער אין אומאויסמײַדלעכער כאַווערשאַפט; איצט זײַנען זיי ברידער אין ניצאָכן, און ספּאַרטאַקוס ווייס שוין ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט אין סיציליע און אין אַ סאַך אַנדערע ערטער. ער האָט געפילט דעם קויעך וואָס זיי באַזיצן, וואָרעם אַ טייל פון דעם קויעך איז אין אים אַליין אויסגעוואַקסן, און דער שטראָם וואָס ער פילט אין זיך לײַטערט אים פון די לײַדן, וואָס זײַנען געווען זײַן פאַרגאַנגענהייט, און פון אַלע שרעקן, ביזיוינעס און נידערטרעכטיקייטן. ער האָט זיך אַזוי לאַנג געקלאַמערט אינעם לעבן, ער האָט אַזוי לאַנג געניוי שטודירט דעם פּראָצעס פון אײַנהיטן אין זיך דאָס לעבן, אַז מען מוז מיט אָן עמעסן זאָגן, אַז דאָס לעבן איז אין אים געוואָרן אַזאַ געהיטע און פאַרהיטנדיקע מאַטעריע. דאָ האָט איר דעם אונטערצי פון זײַנע אָפּשפּאָרונגען: ער האָט מער קיין מוירע ניט פאַרן טויט, אָדער ער טראַכט גאָרנישט וועגן טויט, וואָרעם דער טויט האָט פאַר אים קיין באַדײַטונג ניט...

אַן ערעך צען קילאָמעטער צו דאָרעם פון קאַפּוּאַ, אַ ביסל אָפּגערוקט פון דער וויאַ אַפּיאַ, האָבן זיך די גלאַדיאַטאָרן מיט זייערע ווײַבער און די שקלאַפֿן, וואָס זײַנען צו זיי צוגעשטאַנען, צוזאַמענגענומען אַף אַ באַרג־רוקן קעגנאיבער אַ שלאָס, וואָס האָט איידעס געזאָגט, אַז דאָרט געפינט זיך אַ פּלאַנטאַציע פון עפּעס אַ רוימישן קאַוואַליר. עס איז שוין געווען פולער מיטנטאָג און אינעם מעשעך פון די צוויי שלאַכטן און פון דעם ווײַטערדיקן גאַנג אַף דאָרעם, זײַנען די גלאַדיאַטאָרן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קליינער אַרמיי. פון ווײַטנס, ווען ניט די נעגערס וואָס האָבן זיך צווישן זיי געפונען, וואָלט מען זיי געקענט אָננעמען פאַר אַ באַטאַליאָן רוימישע זעלנער. מען האָט צעטיילט צווישן זיי דאָס געווער, די זעלנערישע קאַסקן און פּאַנצערס, שפּיזן און שילדן. איצט איז שוין קיין איינער ניט פון זיי אָן אומבאַוואָפנטער. און ווי באַוואָפנטע און אויסגעפּרוּווטע, איז שוין שווער, אַז אַ ליאַדע טייל רוימיש מיליטער, ביז רוים זאָל פאַר זיי האָבן עפּעס אַן

ערנסטן ווערט. אַ כּוץ די ווײַבער, נאָר מיט די פעלד־שקלאַפן און שטוב־אַרבעטער, האָבן זיי באַטראָפן צוויי הונדערט און פופציק מאַן. יעדע איינע פון די דרײַ הויפּט־טיילן, די גאַלן, די אַפריקאַנער און די טראַציער, האָבן מאַרשירט ווי ראָטעס, יעדער איינער מיט איר אייגענעם אָנפירער אַלס באַשטימטער אָפיציר. זיי האָבן זיך גאָר קיין כּעשבן ניט געגעבן ווי זיי אָרגאַניזירן זיך אַף דעם אויפן ווי דאָס רוימישע מיליטער וואָס זיי האָבן פאַר די אויגן געהאַט. ספּאַרטאַקוס איז געווען זייער הויפּט. וועגן דעם האָט קיין שום שטרײַט ניט געקענט זײַן. זיי וואָלטן זיך פאַר אים געלאָזט אַלע אויסהאַרגענען. זיי זײַנען אָנגעזעטיקט געווען מיט לעגענדעס וועגן מענטשן וואָס זײַנען באַהויכט געווען פון די געטער. געמערקט האָט זיך אַף זיי אָט דער גלויבן ווען זיי פלעגן קוקן אַף ספּאַרטאַקוסן.

ווען זיי האָבן מאַרשירט, איז ער געגאַנגען פון פאָרנט, און דאָס גערמאַנישע מיידל מיט אים. געגאַנגען זײַנען זיי, זײַן אָרעם אַף איר טאַליע. טיילמאָל האָט זי געקוקט אַף אים. דאָס איז בײַ איר קיין נײַס ניט געווען. שוין לאַנג ווי זי האָט זיך פאַראייניקט מיט דעם מענטשן, דעם בעסטן און דעם מוטיקסטן פון אַלע מענטשן... און צי דען האָט זי עס ניט געוווסט נאָך פריִער אַזוי גוט ווי איצט? ווען זייערע אויגן פלעגן זיך באַגעגענען, פלעגט זי שמייכלען צו אים. זי האָט ניט געוווסט צו ער איז צופרידן וואָס זי שלאָגט זיך אַקעגן די זעלנער אָדער ער איז ניט צופרידן, נאָר ער זאָגט איר גאָרניט פאַרוואָס זי טראָגט דעם קינזשאַל. זיי זײַנען ביידע גלײַך. די וועלט איז פול געווען מיט לעגענדעס וועגן די אַמאַזאָנקעס, וואָס פלעגן אַמאָליקע צײַטן גיין אין שלאַכט גלײַך מיט די מענער. און געווען זײַנען נאָך אַנדערע לעגענדעס אין ספּאַרטאַקוסעס צײַטן וועגן אַ פאַרגאַנגענהייט ווען מענער און פרויען זײַנען געווען גלײַך צווישן זיך און עס זײַנען ניט געווען קיין האַרן און קיין שקלאַפן און אַלץ האָט באַלאַנגט צו אַלעמען גלײַך. דער נעפּל פון דער צײַט האָט אָט די אַלטע פאַרגאַנגענהייט פאַרטונקלט; געווען איז עס די גאָלדענע צײַט. און די גאָלדענע צײַט וועט ווידער קומען.

אַ גאָלדענע צײַט איז אויך איצט; די זון שטייט הויך איבער דעם שיינעם פעלד און די שטאַרקע צירק־מענטשן, די מענטשן פון דער אַרענע, אַרום איר. און דאָס גערמאַנישע מיידל־שקלאַף איז פול מיט פראַגעס. דאָס גראָז איז ווייך און גרין אַף דער לאָנקע וווּ זיי זײַנען פאַרזאַמלט. בלומען געלע ווי פּוטער באַקרוינען זי און באַבעלעך און בינען אומעטום און די לופט איז פול מיט זייער געזאַנג. מען רופט אים פאָטער, אַזוי ווי די טראַציער.

— וואָס וועלן מיר איצטער טאָן און וווּהין וועלן מיר גיין? — ער איז געזעסן אינמיטן דעם קרײַז וואָס זיי האָבן אַרום אים געמאַכט. וואַריניע האָט זיך אַוועקגעזעצט אַפן גראָז, די באַק צוגעשפּאַרט צו זײַנע פיס. אַוועקגעזעצט האָבן זיך אַרום אים אָדער אַף די קני זיך אַוועקגעשטעלט, דער נעגער מיט די לאַנגע הענט און פיס, דער גאַל מיט זײַן האַרטן פּאָנעם און בלויע אויגן, די טראַציער מיט די טונקעלע האָר און ברוינע לײַבער.

„מיר זײַנען אַ שײוועט", — האָט ער געזאָגט, — „איז עס אײַער ווילן?" זײ האָבן צוגעשטימט. אינעם שײוועט זײַנען נישטאָ קײן שקלאַפֿן, און אַלע מענטשן ריידן גלײַך, און אַזוי איז עס ניט לאַנג ערשט געווען און אַלע געדענקען עס אָדער געדענקען אַז אַזוי האָט עס געמוזט זײַן.

— ווער וויל ריידן? — האָט ער געפֿרעגט, — ווער וועט זײַן אײַער הויפּט? זאָל זיך אויפֿשטעלן ווער עס וויל אונדז פֿירן. איצט זײַנען מיר פֿרײַע מענטשן.

קײנער האָט זיך ניט אויפֿגעשטעלט. די טראַציער האָבן מיט זײערע מעסער־שטילן געקלאַפּט אָן די שנאָלן און דאָס געפּײַקל האָט צעשראָקן אַ סטײַע פֿײגעלעך, וואָס האָט זי אויפֿגעהויבן פֿון דער לאָנקע. מענטשן האָבן זיך באַוויזן אַרום דעם שלאָס, נאָר אַזוי ווײַט, אַז מען האָט ניט געקענט זען ווער זײ זײַנען. די נעגערס האָבן געגריסט ספּאַרטאַקוסן פּאַטשנדיק מיט די דלאָניעס זיך פֿאַרן פּאָנעם. אַלע, אַלע זײַנען געווען מאָדנע צופֿרידן, און האָבן אין דעם מאָמענט געלעבט ווי אין כאָלעם. וואַריניעס באַק איז נאָך אַלץ אָנגעשפּאַרט געווען צו ספּאַרטאַקוסעס פֿוס. גאַנניקוס האָט אַ געשרײ געטאָן:

— זײַ געגריסט, גלאַדיאַטאָר!

אַ גויסעס האָט זיך שוואַך אויפֿגעהויבן. מען האָט אים געהאַט אַפֿן גראָז אויסגעצויגן. דער אָרעם איז אים געווען ביזן בײן אײַנגעשניטן אין דער גאַנצער לענג און דאָס בלוט האָט געפֿלאָסן פֿון דער וווּנד. געווען איז ער אַ גאַל און האָט געוואָלט מען זאָל אים איבערלאָזן פֿון הינטן און אַזוי האָט ער פֿאַרזוכט אַביסל וואָס דאָס איז פֿרײַהײט.

דער אָרעם איז פֿאַרבונדן געווען מיט אַ טוך, וואָס איצט איז ער דורכגענעצט אין בלוט, און ער האָט זיך געלאָזט צוגײן צו ספּאַרטאַקוסן, און ער האָט אים געהאָלפֿן זיך האַלטן אַף די פֿיס.

— איך האָב קײן מוירע ניט צו שטאַרבן, — האָט ער געזאָגט צו די גלאַדיאַטאָרן, — ס'איז בעסער ווי שטאַרבן אין צירק. נאָר בעסער וואָלט איך וועלן נאָכגײן דעם מענטשן אײדער שטאַרבן. בעסער נאָכגײן דעם מענטשן און זען וווּהין ער פֿירט אונדז. נאָר ווען איך וועל שטאַרבן דערמאָנט אײַך אָן מיר און טוט אים ניט קײן בײז. די טראַציער רופֿן אים פֿאָטער און מיר זײַנען ווי זײַנע קינדער. נאָר ער וועט אַרויסרײַסן דעם טײַוול וואָס זיצט אין אונדז. אין מיר איז שוין קײן טײַוול נישטאָ. איך האָב געטאָן אַ גרויסע זאַך און בין געלײַטערט און האָב ניט מוירע צו שטאַרבן. איך וועל רויִק שלאָפֿן. נאָכן טויט וועל איך ניט כאָלעמען.

טײל גלאַדיאַטאָרן האָבן אָפֿן געוויינט. דער גאַל האָט אַ קוש געטאָן ספּאַרטאַקוסן און ספּאַרטאַקוס האָט אים צוריקגעקושט. „בלײַב לעבן מיר", האָט ספּאַרטאַקוס געזאָגט און דער מענטש איז אַוועקגעפֿאַלן אַפֿן גראָז לעבן אים און די פֿעלד־שקלאַפֿן וואָס האָבן זיך צו אים אָנגעשלאָסן זײַנען געבליבן זיצן מיט אָפֿענע מײַלער אַף די גלאַדיאַטאָרן, וואָס ווערן אַזוי לײַכט הײמיש מיט דעם טויט.

— דו שטאַרבסט, נאָר מיר בלײַבן לעבן, — האָט ספּאַרטאַקוס אים

געזאָגט, — מיר וועלן דערמאָנען דײַן נאָמען און מיר וועלן אים אויס־שרײַען. מירן מאַכן אַזוי, אַז מען זאָל אים הערן איבערן גאַנצן אויסגע־שפּרייט פון דער ערד.

— ווערסט קיינמאָל ניט פאַרלאָזן ? — האָט געבעטן דער גאַל.

— האָבן מיר פאַרלאָזט ווען די זעלנער זײַנען געקומען ? צוויי מאָל האָבן מיר זיך אַקעגנגעשטעלט און צוויי מאָל האָבן מיר זיי באַזיגט. ווייסט איר וואָס מיר דאַרפן איצטער טאָן ? — האָט ער געפרעגט די גלאַ־דיאַטאָרן.

זיי האָבן געקוקט אָף אים.

— קענען מיר אַנטלויפן ?

— וווהין וועלן מיר לויפן ? — האָט קריקסוס געפרעגט, — אומע־טום איז דאָס אייגענע, אומעטום זײַנען פאַראַן הארן און שקלאַפן.

— מיר וועלן ניט אַנטלויפן, — האָט ספּאַרטאַקוס געזאָגט מיט אַזאַ געוויסהייט און זיכערקייט, ווי ער וואָלט קיינמאָל ניט געצווייפלט, — מיר וועלן גיין פון פּלאַנטאַציע צו פּלאַנטאַציע, פון הויז צו הויז, און ווו מיר וועלן קומען וועלן מיר פרײַלאָזן די שקלאַפן און זיי אַרײַננעמען אין אונדזערע רייען. וועלן זיי אַרויסשיקן זייערע זעלנער אַקעגן אונדז, וועלן מיר זיך זיי קעגנשטעלן און די געטער וועלן אַנטשיידן צי זיי ווילן דעם רוימישן שטייגער אָדער אונדזערן.

— און געווער ? וועלן מיר קריגן געווער ? — האָט עמעצער געפרעגט.

— מיר וועלן עס צונעמען בײַ די זעלנער. און מאַכן וועלן מיר עס אויך. וואָס איז דען רוים אַז ניט דאָס בלוט און דער שווייס און דער ווייַ פון די שקלאַפן ? איז פאַראַן אַזוינס וואָס מיר זאָלן ניט קענען מאַכן ?

— דעמאָלט וועט אונדז רוים דערקלערן מילכאָמע.

— וועלן מיר גיין מיט מילכאָמע אָף רוים, — האָט ספּאַרטאַקוס רויִק געזאָגט, — מיר וועלן מאַכן אַ סאָף צו רוים און מיר וועלן מאַכן אַ וועלט אָן שקלאַפן און אָן הארן.

געוועזן איז עס אַ כאָלעם, נאָר זיי זײַנען גרייט געווען צו כאָלעמען. זיי זײַנען אין הימל געשפּרונגען. און ווען דער מאָדנער טראַציער מיט די שוואַרצע אויגן און אײַנגעבראָכענער נאָז וואָלט זיך אָנגעבאָטן פירן זיי אַקעגן די געטער, וואָלטן זיי אים טייקעף געגלייבט און טייקעף אים נאָכ־געגאַנגען.

— מיר וועלן אָף אונדז קיין כאָרפע ניט נעמען, — האָט זיי ספּאַר־טאַקוס געזאָגט. ער האָט גערעדט צו זיי געלאַסן, דירעקט און פעסט, ווי ער וואָלט זיך געווענדט דירעקט צו יעדן איינעם באַזונדער. און האָט צוגע־געבן : — מיר וועלן ניט טאָן ווי די רוימער. מיר וועלן ניט פאָלגן די רוי־מישע געזעצן. מיר וועלן אַרויסגעבן אייגענע געזעצן.

— וואָס איז אונדזער געזעץ ?

— אונדזער געזעץ איז אַ פּאַשעטער. אַלץ וואָס מיר וועלן נעמען, וואָס דאָס זאָל ניט זײַן, וועלן מיר עס האָבן אַלע אינאיינעם און קיין איין מענטש

וועט ניט האָבן פאַר זיך מער ווי זײַן געווער און זײַן קליידונג. דאָס וועט זײַן ווי עס איז געווען אין די פריערדיקע צײַטן.

אַ טראַציער האָט געזאָגט:

— פאַראַן געזונג, אַז אַלע זאָלן מיר זײַן רײַך.

— איר וועט מאַכן דאָס געזעץ. ניט איך וועל דאָס מאַכן, — האָט ספּאַרטאַקוס געזאָגט.

און זיי האָבן גערעדט און געווען זײַנען צווישן זיי מענטשן גײַציקע, וואָס האָבן געכאַלעמט צו ווערן גרויסע האַרן, ווי די רוימער, און געווען זײַנען אַנדערע וואָס האָבן געכאַלעמט צו האָבן רוימער פאַר שקלאַפן; ווי האָט מען לאַנג גערעדט, נאָר צום סאָף איז געבליבן ווי ספּאַרטאַקוס האָט פאָרויסגעזען.

— און מיר וועלן ניט נעמען קיין פרוי, ווי נאָר פאַר אַ ווײַב, — האָט ספּאַרטאַקוס געזאָגט, — און קיין שום מענטש וועט ניט טאָרן האָבן מער ווי איין ווײַב. דאָס רעכט וועט זײַן גלײַך פאַרביידן. און אויב זיי וועלן ניט קענען לעבן אין שאַלעם, וועלן זיי זיך צעשיידן. נאָר קיין מענטש וועט ניט טאָרן ליגן מיט אַ פרוי, אַ רוימישע אָדער ווער זי זאָל ניט זײַן, וואָס איז ניט זײַן געזעצלעך ווײַב.

זײַנע געזעצן זײַנען געווען ווייניק אין צאָל און זיי האָבן צו די געזעצן צוגעשטימט. און דעמאָלט האָבן זיי געגומען דאָס געווער און זיי האָבן זיך געלאָזט גיין צום שלאַס. געבליבן זײַנען דאָרט בלויז די שקלאַפן, וואָרעם די רוימער זײַנען אַנטלאָפן קיין קאַפּוּאַ... און די שקלאַפן האָבן זיך אַנגעשלאָסן צו די גלאַדיאַטאָרן.

XI

אין קאַפּוּאַ האָט מען אָנגעזען דעם רויך פונעם ערשטן ברענענדיקן שלאָס און מען האָט דערפון געדרונגען, אַז די שקלאַפן זײַנען נעקאָמעדיק און גרויליק. זיי וואָלטן וועלן די שקלאַפן זאָלן זײַן ליבלעך און האָבן אײַנזען; פּראַקטיש מיינט עס, אַז זיי וואָלטן וועלן די שקלאַפן זאָלן אַנטלויפן צו די ניט באַאַרבעטע שפּיצן בערג, זיי זאָלן זיך אייַנציקווײַז אָדער גרופּעסווײַז אויסבאַהאַלטן אין די היילן און זאָלן לעבן ווי די כאַיעס ביז מען וועט זיי אַלע אויספאַנגען ווי מען פאַנגט כאַיעס. ניט געקוקט דערויף וואָס קאַפּוער בירגער האָבן געזען דעם רויך פונעם אונטערגעצונדענעם הויז, זײַען זיי נאָך אַלץ ניט געווען ווי געהעריק דערשראָקן. מען האָט זיך גערעכנט ריכטן די גלאַדיאַטאָרן זאָלן אויסגיסן זייער צאָרן אויף דאָס ערשטע וואָס זיי וועלן אַנטרעפן. אַ שטאַפעט איז געלאָפן מיט דער וויאַ אַפּיאַ צו וויסן געבן דעם סענאַט וועגן אויפשטאַנד אין קאַפּוּאַ, און דאָס מיינט, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט די לאַגע באַהערשט ווערן. און דעמאָלט וועלן די שקלאַפן באַקומען אַ לעקציע, וואָס זיי וועלן זי שווער פאַרגעסן.

אַ לרויסער ערדבאַזיצער, מיטן נאָמען מאַריוס אַקאַנאַ, האָט זיך באַצײַטנס דערוווּסט און ער האָט צונויפגענומען זײַנע זעקס הונדערט שקלאַפן

און האט זיי געטריבן צו א זיכער באהעלטעניש אין די מויערן פון קאפוא. נאר די גלאדיאטארן האבן אים אנגעטראפן אין וועג און מיט פינצטערן שווייגן האבן זיי צוגעזען ווי זיינע אייגענע שקלאפן הארגענען דעם גרויסן ערדבאזיצער און זיין ווייב און זיין ווייבס שוועסטער און זיין טאכטער און זיין טאכטערס מאן. א שרעקלעכע זאך געווען. נאר ספארטאקוס האט געוווּסט, אז ס'איז ניט מעגלעך דאס אפצוהאלטן און ער איז אויך ניט אזוי באזונדערס לאהעט געווען דאס אפצוהאלטן. זיי שניידן דאס וואס זיי האבן געזייט. און געטאן האבן עס די שקלאפן וואס האבן זיי געטראגן אין די טראגבעטן, ווען זיי האבן דערזען, אז ניט רוימישע זעלנער קומען, נאר די גלאדיאטארן וואס האבן זיך באפרייט און זייער נאמען האט זיך פאר זיי געשפרייט ווי א געזאנג און ווי מען לאזט ארויס א געשריי אפן ווינט. געווען איז עס נאכמיטאג, נאר דאס נייס איז געלאפן שנעלער ווי די צייט. פון די ערשטע פאר הונדערט איז שוין געווארן מער ווי א טויזנט. און וואס ווייטער זיי זיינען געגאנגען צו דארעם, אלץ מער שקלאפן האבן זיך צו זיי אנגעשלאסן, אנגעקומענע פון די בערג און פון די טאלן. די פעלד־שקלאפן זיינען געקומען מיט זייער ארבעטס־געצייג; די פאסטעכער האבן פאר זיך געטריבן די סטאדעס שאף אדער ציגן. ווי נאר אזא פארמלאזער מענטשן־שטראם פלעגט צוקומען צו א הויז — ווארעם מיליטעריש געפורעמט זיינען געגאנגען נאר די גלאדיאטארן — איז זיי שוין דאס נייס געווען פארויס־געלאפן און די שקלאפן פלעגן ארויסקומען זיי גריסן מיט זייערע מעסערס און העק און די הויז־שקלאפן פלעגן זיי אקעגנטראגן מאטאנעס פון זיידנס און פיינע געוועבן. אין די מערסטע פאלן זיינען די רוימער שוין געווען אנטלאפן. דארט ווו די רוימער און די אויפזעער איז געלונגען צו אנטלויפן, האבן זיך געמערקט די שרעקלעכע זאכן וואס זיי האבן אפגעטאן.

שנעל פארויסגיין האבן זיי ניט געקענט. זיי זיינען שוין געווען א צו גרויסער האמוין מענער, פרויען און קינדער, וואס האבן געלאכט און געזונגען, אלע שיכער מיט וויין פון דער פרייהייט גופא. עס איז זיי נאכט געווארן נאך איידער זיי זיינען אפגעגאנגען העכסטנס דרייסיק קילאמעטער פון קאפוא און זיינען שטיין געבליבן אין א טאל לעבן א שוימיקן טייך און דארט האבן זיי אנגעצונדן פייערן און האבן געגעסן פריש פלייש צו זעט.

לעמער און שאף און גאנצע אקסן האט מען געבראטן אפן פייער און דער געשמאקער רייעך פונעם געבראטנס האט פול געמאכט די לופט. געווען איז עס א ווונדערלעכע סודע פאר די מענטשן, וואס האבן יארנלאנג קיין אנדערע מאכאלים ניט פארזוכט ווי קאשע פון פארייען, ריבן און גערשטן. דאס פלייש האבן זיי באנעצט מיט וויין און זייערע לידער און געלעכטערס האבן עס צוגעווירצט. סארא כאווּרוסע דאס איז געווען, גאלן און יידן, גריכן און עגיפטער, טראציער און נוביער, סודאנער און ליביער, פערסן און אסוריער און שוימרונים, גערמאנער און סלאוון, בולגארן און מאצעדאניער, שפאניאלן און אויך איטאליענער א סאך, וואס זיינען אין מעשעך פון דוירעס פארקויפט געווארן צו געפענקעניש פאר אזא אדער אנדער זאך, אומבריער און טאסקאנער און סיציליאנער און מענטשן פון א סאך

אַנדערע שוואַטים, וואָס זייערע נעמען זײַנען אַף אייביק פאַרגעסן געוואָרן, אַן אויסטערלישע כאָוודוסע פון שטאַמען און נאַציעס, נאָר פאַראייניקטע פריַער אין זייער שקלאַפערײַ און איצט אין זייער פרײַהייט!

אין די אַמאָליקע צײַטן איז געהאַט געווען די „זשענס"־מישפּאָכע און די שוואַטים־געמיינשאַפט, שפּעטער דער שטאַלץ און די פּריווּעליגיע פון דער נאַציע; נאָר די איצטיקע וועלט איז אײַנגאַנצן אַ נײַס מיט איר מאָד־נער כאַוועַרשאַפט פון די אונטערדריקטע און צווישן דער גאַנצער מאַסע פון נאַציעס און פעלקער איז קיין איין וואָרט ניט געווען פון צאָרן און אומ־צופרידנקייט. זיי זײַנען אַלע באַהערשט פון אַ ביסל ליבע און אַ ביסל גלאָר. אַ סאַך זייערע האָבן נאָך אַפילע ניט געהאַט געזען ספּאַרטאַקוסן אָדער מען האָט זיי אַף אים פון ווײַטנס אָנגעוויזן, נאָר אַלע זײַנען זיי דורכגע־דרונגען מיט ספּאַרטאַקוסן. ער איז זייער פירער און זייער גאָט, ווײַל אין זייערע מויכעס איז ניט קלאָר געווען צי די געטער קומען אַמאָל אַראָפּ אַף דער ערד אָדער ניט און... צי דען האָט ניט פּראָמעטעוס אַליין צוגעגאַנ־וועט דאָס הייליקע פײַער פונעם הימל און האָט דאָס אַוועקגעשענקט ווי אַ טײַערע מאַטאָנע דער מענטשהייט? און דאָס וואָס איז געשען איין מאָל, קען ווידער געשען. איצט זיצן זיי און דערציילן זיך מײַסעס אַרום די פײַערן. און אַזוי אַרום האָט זיך געשאַפן אַ גאַנצע לעגענדע וועגן ספּאַר־טאַקוסן. קיין איינער איז צווישן זיי ניטאָ — אַפילע ניט צווישן די קלענסטע קינדער — וואָס זאָל ניט האָבן געכאַלעמט פון אַ וועלט אָן שקלאַפן...

אין דער צײַט איז ספּאַרטאַקוס געזעסן צווישן די גלאַדיאַטאָרן און מען האָט גערעדט וועגן די פאַרגעקומענע זאַכן און מען האָט זיי געשאַצט. פון דער קליינער ריטשקע איז שוין געוואָרן אַ טײַך און עס שאַפט זיך שוין דער גרויסער שטראָם. געזאָגט האָט עס קאַנניקוס. זײַנע אויגן האָבן געגלאַנצט פון בלויז קוקן אַף ספּאַרטאַקוסן. „מיר קענען די וועלט דורכגיין און שטיין נאָך שטיין זי איבערקערן". דאָס האָט ער געזאָגט. נאָר ספּאַרטאַ־קוס האָט געהאַט אַ בעסערן געדאַנק. ער איז געלעגן אינעם שויס פון וואַריניען און זי האָט מיט די פינגער געפּירט איבער זײַנע געדיכטע קאַשטן־קאָלירטע קרויזן און האָט געפילט די צערטלעכקייט פון זײַנע באַקן, און אין זיך האָט זי זיך געפילט פול מיט גוטס און צופרידנקייט. ער איז צו־פרידן, נאָר אין אים ברענט אַ פײַער; אין דער שקלאַפערײַ איז ער גע־ווען צופרידענער. ער האָט געקוקט אַף די ליכטיקע גלאַנציקע שטערן פון דער איטאַליענישער נאַכט און באַפאַלן זײַנען אים מאַכשאָוועס און פאַרלאַנ־גען און שרעקן און ספייקעס און האָט געפילט אַף זיך די לאַסט פון דעם וואָס ער האָט צו טאָן. ער מוז צעשטערן רוים. בלויז דאָס טראַכטן דערפון, דער געוואַגטער פּאַרנעם פון דעם געדאַנק, האָט בײַ אים אַרויסגערופן אַ שמייכל, און וואַריניע האָט זיך געפּריייט און האָט מיט אירע פינגער איבער זײַנע ליפּן געפירט און אין איר שפּראַך געזונגען:

ווען עס ברענגט דער יעגער פונעם וואַלד
דעם רויטן הירש אַהיים פון יאַגד,
שטעלט ער אַף דעם פײַער די אויגן אָן
און רעדט צו די קינדער, צו די פרויען...

דער ריטעם פון וואַלד־מענטשן אין אַ קאַלטן ווילדן לאַנד. וויפל מאָד־נע געזאַנגען פון איר לאַנד ער האָט שוין געהערט! זי זינגט און ער גיסט אויס אַפן פּאַן פון דער מוזיק זײַנע געדאַנקען, זײַנע כאַלוימעס צעזייטע צווישן די גלאַנציקע שטערן פון הימל:

„מוזט צעשטערן רוים, דו, ספּאַרטאַקוס. מוזט פירן די מענטשן מיט זיך און זײַן אַנטשלאָסן און שטאַרק. מוזט זיי לערנען קעמפן און טויטן. נישטאָ קיין וועג צוריק... קיין איין טראָט ניט צוריק. די גאַנצע וועלט געהער צו רוים, אַזוי אַז רוים מוז ווערן צעשטערט און ווערן בלויז אַ בייזע דערמאָנונג, און דעמאָלט וועלן מיר אַפן אַרט ווו עס איז געווען רוים, אַ נײַ לעבן אויפשטעלן, ווו אַלע מענטשן זאָלן לעבן אין שאָלעם, אין ברידער־שאַפט און אין ליבע, אָן שקלאַפן און פאַרשקלאַפער, אָן גלאַדיאַטאָרן און אָן צירקן, נאָר אַ צײַט ווי די געוועזענע, ווי די גאָלדענע. מיר וועלן אויפ־בויען נײַע שטעט פון ברידערשאַפט און אַרום זיי וועלן קיין מויערן ניט זײַן".

וואַריניע האָט אויפגעהערט זינגען און האָט אים געפרעגט:

— פון וואָס כאַלעמסטו, מאַן מײַנער, טראַכטער מײַנער? ריידן צו דיר די געטער פון די שטערן? איז, וואָס זאָגן זיי דיר, מײַן טײַערער? דער־ציילן זיי דיר סוידעס וואָס מען קען זיי קיינעם ניט פאַרטרויען?

אַזוי האָט זי געגלייבט. ווער ווייס וואָס עמעס איז און וואָס ניט עמעס וועגן די געטער? ספּאַרטאַקוס האָסט די געטער און דינט זיי ניט. און איינמאָל האָט ער זי אַ פרעג געטאָן: „זײַנען פאַראַן געטער פאַר שקלאַפן?"

— מײַן גאַנצן לעבן, טײַערער מײַנער, — האָט ער איר געזאָגט, — וויל איך קיין שום זאַך ניט האָבן וואָס איך זאָל דיר ניט פאַרטרויען.

— פון וואָס־זשע כאַלעמסטו?

— איך כאַלעם, אַז מיר וועלן מאַכן אַ נײַע וועלט.

זי האָט זיך דערשראָקן פאַר אים, נאָר ער האָט איר געלאָסן געזאָגט:

— די וועלט האָבן געמאַכט מענטשן. צי דען איז זי אַ צופעליקייט, טײַערע? גיב אַ טראַכט. איז דען פאַראַן אין איר אַזוינס וואָס ניט מיר האָבן געמאַכט, די שטעט, די טורעמס, די מויערן, די וועגן און די שיפן? פאַרוואָס זשע זאָלן מיר ניט קענען מאַכן אַ נײַע וועלט?

— רוים... — האָט זי געזאָגט, און דאָס איינע פאַשעטע וואָרט האָט באַטײַט מאַכט, די מאַכט וואָס באַהערשט די וועלט.

— וועלן מיר צעשטערן רוים, — האָט ספּאַרטאַקוס געענטפערט, — רוים האָט שוין דערעסן דער וועלט. מיר וועלן צעשטערן רוים און דאָס איך וואָס רוים גלייבט.

— ווער? ווער? — האָט זי געבעטן בײַ אים.

— די שקלאַפן. עס זײַנען שוין געווען שקלאַפן־אויפשטאַנדן, נאָר איצט וועט זײַן אַנדערש. מיר וועלן מאַכן אַ רוף אַז דערהערן זאָלן אים אַלע שקלאַפן פון דער וועלט...

און געווען איז פרידן און געווען זײַנען האָפענונגען און לאַנג נאָכדעם

פלעגט וואַריִיע דערמאָנען יענע נאַכט ווען איר מאַנס קאָפּ איז געלעגן אויף איר שויס און זיינע אויגן זיינען געווענדעט געווען צו די ווייטע שטערן. און געווען איז עס אַ נאַכט פון ליבע. ווייניק מענטשן איז באַשערט צו האָבן אַזעלכע נעכט ווי יענע, און ווער עס האָט זיי איז גליקלעך. דאָרט זיינען זיי געלעגן, צווישן די גלאַדיאַטאָרן, באַם פייער, און די צייט איז זיך פּאַמעלעך געגאַנגען. זיי האָבן זיך אָנגעטאַפּט איינער דעם צווייטן, האָבן געשפּירט יעדער איינער דעם צווייטנס לעבן. און זיינען געוואָרן צו איין מענטש.

פינפטע טייל

וואָס דאָס איז אַ דערציילונג פון לענטעלוס גראַקוס, אַ טייל פון זײַנע זיכרוינעס און אייניקע פראַטים פון זײַן פאַרווײַלן אין ווילאַ סאַלאַריאַ

I

לענטעלוס גראַקוס פלעגט ליב האָבן זאָגן אַז זײַן וואָג שטײַגט אין דער פראָפאָרץ מיט דער פעיִקייט זיך צו האַלטן אָפן לויזן שטריק און דער פאַקט וואָס ער האָט זיבן און דרײַסיק יאָר פון זײַנע זעקס און פופציק מיט דערפאָלג אַקטויִרט אין דער רוימישער פאָליטיק, איז אַ באַווײַז צו אָט דעם זאָג זײַנעם. פאָליטיק, פלעגט ער באַ אַ געלעגנהייט זאָגן, פאָדערט פונעם פאָליטיקער דרײַ אומפאַרבײַטלעכע פעיִקייטן און קיין איין גוטע מידע ניט. אַ סאַך פאָליטיקער, פלעגט ער אָנווײַזן, זײַנען צעטראָטן געוואָרן גיכער צוליב זייערע גוטע מידעס איידער צוליב עפעס אַנדערש; און די פעיִקייטן פלעגט ער אויסרעכענען אָף דעם אופן: די ערשטע פעיִקייט איז קענען אויסקלײַבן דעם געווינערישן צאַד; פאַלט ער דערין דורך, איז די צווייטע פעיִקייט קענען אָפטשעפען זיך פון דעם פאַרשפילטן צאַד, און די דריטע באַשטייט אין ניט אײַנשאַפן זיך קיין סאָנים.

די דרײַ פעיִקייטן זײַנען אידעאַלע. און אַזוי ווי אידעאַלן זײַנען דאָס וואָס זיי זײַנען, איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי הונדערט־פראָצענטיקע דורכפירונג. וואָס שײַעך אים פערזענלעך, איז עס אים געראָטן. אַלס זון פון אַ פאַשעטן אָבער אונטערנעמערישן לאַטוטניק, האָט ער צו נײַנצן יאָר שוין געקויפט און פאַרקויפט שטימען, און געקויפט און פאַרקויפט שטעלעס און צופעליק אַ מאָרד צו די פינף און צוואַנציק, אָף אַנצופירן אַ מעכטיקע פאָליטישע באַנדע צו אַכט און צוואַנציק און ווערן דער אומאָפגעפרעגטער פירער פון דער באַרימטער גוואַרדיאַ קאָעלי צו די דרײַסיק. מיט פינף יאָר שפעטער איז ער געוואָרן מאַגיסטרוס (הויכע ריכטער אָדער יוסטיץ־מיניסטער) און צו די פערציק איז ער אַרײַן אין סענאַט. אין שטאָט האָט ער געקענט צען טויזנט מענטשן באַ די נעמען און אַנדערע צוואַנציק טויזנט פון זען. אין זײַנע צעטלען פון מענטשן וואָס בעטן טויווס האָט ער געהאַט אַפילע זײַנע ערגסטע סאָנים. און מאַכמעס ער איז קיינמאָל באַגאַנגען דעם

פעלער צו מיינען, אַז עמעצער פון זײַנע פּאָליטישע פרײַנט איז אָרנטלעך, איז ער קיינמאָל ניט אַרײַנגעפאַלן אין דעם טיפערן טאָעס צו האַלטן פאַר איינגאַנצן זיכער זייער אומאָרנטלעכקייט.

זײַן וואָג און פאַרנעם איז געווען אין העסקעם מיט זײַן פּאָזיציע. ער האָט קיינמאָל ניט געטרויט די פרויען און האָט אויך ניט געזען זיי זאָלן האָבן נוצן געבראַכט זײַנע קאָלעגן. זײַן לײַדנשאַפט איז געווען עסן, און די גרויסע שיכטן שמאַלץ, וואָס ער האָט אָנגעקליבן אין פאַרלויף פון זײַנע דערפאָלגרײַכע יאָרן האָבן ניט נאָר געמאַכט פון אים אַן אָנגעזעענע פיגור, נאָר אויך פאַר איינעם פון דער קליינער צאָל רוימער, וואָס מען זעט זיי קיינמאָל ניט אין גאַס ניט אײַנגעהילטע אין אַ טאָגע. אין אַ טוניק איז לעבּעדיק טעלוס גראַקוסעס פיגור ניט געווען איבעריק גראַציעז. אין אַ טאָגע איז ער געווען די פאַרקערפּערונג פון רוימישער ברייטקייט און זיטלעכקייט. זײַנע הונדערט און פערציק קילאָ וואָג האָבן אַף זיך געטראָגן אַ קאָלן קאָפּ מיט ברייטע קינבאַקן, וואָס זײַנען געזעסן אַף רינגען שמאַלץ. מיט זײַן טיפן און הייזעריקן קאָל, מיט זײַן אײַנקויפנדיקן שמייכל און פריילעכע גרינע אייגעלעך, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון פליישיקע ווײַעס, האָט ער געהאַט אַ ראַזעווע לײַב ווי בײַ אַ קינד.

גראַקוס איז ניט אַזוי פיל ציניש ווי פון אַלץ אינפאָרמירט. די פאָרמול פון דער רוימישער מאַכט איז פאַר אים ניט קיין סאָד און קאָמיש זעט אים אויס ציצעראָנס פאַרזיכטיקער צוגאַנג צו זאַכן, וואָס ער האָט ליב צו באַטראַכטן ווי ערשט אויסגעפונענע זייער וויכטיקע עמעסן. ווען אַנטאָניוס קאַיוס האָט בײַ גראַקוסן געפרעגט אַ מיינונג איבער ציצעראָנען, האָט ער אים לאַקאָניש געענטפערט:

— אַ צעשוווּמענער יונגערמאַן.

מיט אַנטאָניוס קאַיוס איז גראַקוס אין די בעסטע באַציִונגען, ווי מיט אַ סאַך פּאַטריציער. אַריסטאָקראַטיע איז די איינציקע מיסטעריע און דער איינציקער מיזבייעך וואָס ער דערלויבט זיך. ער האָט ליב אַריסטאָקראַטן. ער איז זיי מעקאַנע. אין אַ געוויסער מאָס זײַנען זיי אים אויך דערווידער. ער האַלט זיי פאַר גרויסע טיפּשים, כאָטש ער האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעשטעלט דערויף וואָס זיי ציִען דאַכט זיך אַזוי ווייניק נוצן פון זייער ווילגעבורט און פון זייער סאָציאַלער פּאָזיציע. פונדעסטוועגן זוכט ער זייער פרײַנטשאַפט און פילט אַ פאַרגעניגן און אַ שטאָלץ ווען מען פאַרבעט אים אין זייערער אַ פרעכטיקער פּלאַנטאַציע, ווי אַ שטייגער ווילאַ סאַלאַריאַ. ער מאַכט ניט קיין אָנשטעל און פרווט ניט אָנגייען פאַר אַן אַריסטאָקראַט. ער רעדט ניט דעם מאַנירלעכן און עלעגאַנטן לאַטיין פון די אַריסטאָקראַטן, נאָר גיכער די לײַכטע פעבל־שפּראַך. כאָטש ער קען זיך פאַרגינען, האָט ער קיינמאָל ניט געפּרווט האָבן קיין אייגענע פּלאַנטאַציע. זיי פון זייער זײַט, האַלטן פון זײַן גראַדן סייכל און פון זײַן אויצער נוצלעכע יעדיִעס. און אין זײַן ברייטער פיגור פילן זיי זיכערקייט. אַנטאָניוס קאַיוס האַלט פון גראַקוסן דערפאַר וואָס ער איז אַבסאָלוט פעסט אין

זײַנע מאָראַלישע איבערצײַגונגען און רעדט אָפּט וועגן גראַקוסן ווי וועגן דעם דורכויס אָרנטלעכסטן מענטשן וואָס ער קען.

אין יענער נאַכט האָט גראַקוס קיין איין פּראַט ניט פאַרלוירן. ער האָט געשאַצט און געוויגן, נאָר קיין מיינונג ניט אַרויסגעזאָגט. צו קאַיוסן האָט ער עפּעס אַנדערש ניט געפּילט אַכוץ פאַראַכטונג. דער גרויסער און רײַכער גענעראַל האָט דאָס געמערקט. און וואָס שײַעך ציצעראָנען, האָט ער דעם באַלעבאָס אַ,וי געזאָגט:

— ער באַזיצט אַלץ אַכוץ גרויסקייט. איך בין זיכער אַז ער וואָלט זײַן מוטער דערשטיקט, ווען דאָס זאָל נוצן דעם ציצעראָנישן אידעאַל.

— אָבער ציצעראָנס אידעאַל איז גאָרניט אַזאַ וויכטיקער.

— דערפאַר טאַקע און דערום טאַקע וועט ער אין אַלץ דורכפאַלן. ער איז ניט ווער ווייס ווער מען זאָל פאַר אים מוירע האָבן און איז ניט ווער ווייס ווער מען זאָל אים באַוווּנדערן.

דאָס איז געווען דער שאַרפסטער קאָמענטאַר וואָס ער האָט געקענט מאַכן פאַר אַנטאָניוס קאַיוס, וואָס איז יאָ עפּעס און איז יאָ ווערט באַווּנדערונג. כאָטש אין טעקסועלער פּראַקטיק איז ער אַראָפּ צו דער מאַדרייגע פון אַ צוועלף־יעריקן ווײַזן. גראַקוס איז פאַר זיך גרייט אָנצונעמען, אַז דער באַדן אַף וועלכן ער טרעט קען פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ זומפּ. זײַן וועלט צעפאַלט זיך, נאָר אַזוי ווי דער צעפאַלונגס פּראָצעס איז אַן אויסער־געוויינלעך לאַנגזאַמער און ער אַליין איז אויך ווײַט פון אומשטאַרבלעכ־קייט, האָט ער קיין אינטערע־ ניט זיך אַליין צו גענאַרן. ער איז בעקויעך צו זען וואָס עס קומט פאָר און זיך ניט שטעלן אַף קיינעמס צאַד. עס איז קיין נויט נישטאָ אַף עמעצענס צאַד זיך צו שטעלן.

די נאַכט איז ער וואַך געבליבן לאַנג נאָכדעם ווי אַלע זײַנען געגאַנ־גען שלאָפן. געשלאָפן איז ער שלעכט און ווייניק און איז אַרויסגעגאַנגען זיך דורכשפּאַצירן אַרום דעם הויז בײַ דער לעוואָנע־שײַן. ווען עמעצער פרעגט אים, וואָלט ער געקענט געבוי זאָגן וועלכע בעט־כאַוויירים האָבן זיך אַף דער נאַכט צוגעקליבן; נאָר צוגע.עז האָט ער עס אומדערשיטערט און אויך אומגעקימערט. דאָס איז רוים. סײַדן אַ מעטוּרעף וואָלט אַנדערש געקוקט דערויף.

בעייסן שפּאַצירן האָט ער דערזען יוליען זיצן אַף אַ שטיינערנער באַנק, אַ טרויעריקע געשטאַלט אין דער נאַכט, אַ באַרויבטע און אַן אָנגעשראָקענע, אַ דאַנק איר אייגענער אומפעיקייט זיך צוצופּאַסן און צוליב דעם אויפן ווי מען האָט זי אָפּגעשטויסן. ער האָט פאַרקירעוועט צו איר זײַט.

— צוויי זײַנען מיר הײַנטיקע נאַכט, — האָט ער איר געזאָגט, — אַ שיינע נאַכט. ניט ריכטיק יוליע?

— אויב איר פילט דאָס, איז עס אַזוי.

— און איר ניט, יוליע? — האָט ער זיך פאַריכט די טאָגע און האָט צוגעגעבן: — וועט אײַך ליב זײַן איך זאָל מיך אַ ווײַלע צוזעצן?

— איך בעט אײַך, זיצט.

ער האָט זיך צוגעזעצט און האָט אַ ווײַלע געשוויגן, אַ דורכגענומענער

מיט דער שיינקייט פון דעם אָרום, אַ באַלויכטענעם מיט דער לעוואַנע, דאָס גרויסע ווײַסע הויז, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ בעט פון קוסטעס און אימאָר־טעלן, די טעראַסע, די פאָנטאַנען, דער בלייכער געפינקל פון דער אָדער יענער סקולפּטור, די גאָרטן־בײַדלעך מיט זייערע שיינע בענק פון העל־ראָזעווען אָדער טיף־שוואַרצן מאַרמער. סאַראַ שיינקייט רוים האָט דער־גרייכט! צום לעצט האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— דאַכט זיך, אַז דאָס אַלץ וואָלט אײַך באַדאַרפט צופרידנשטעלן, יוליע?

— יאָ, אַזוי וואָלט עס באַדאַרפט זײַן.

ער איז איר מאַנס פרײַנט און גאַסט.

— עס איז אַ פּריווילעגיע צו זײַן אַ רוימער, — האָט ער איר געזאָגט.

— איר רעדט קיינמאָל ניט אַזעלכע נאַרישקייטן אַכוץ ווען איר זיצט מיט מיר, — האָט יוליע שנעל געענטפערט.

— אַזוי מיינט איר?

— יאָ, אַזוי מיין איך. זאָגט מיר, האָט איר אַמאָל געהערט ריידן וועגן וואַריניען?

— וואַריניע?

— איר גיט קיינמאָל ניט קיין מאַשקן אויף עפּעס איידער איר קערט עס איבער אין געדאַנק אויף אַלע זײַטן פיר אָדער פינף מאָל? איך וויל מיך ניט מאַכן פאַר קיין קלוגער, פרײַנט מײַנער. — זי האָט אָוועקגעלייגט איר האַנט אויף זײַן גרויסער לאַפּע און האָט ווײַטער גערעדט: — איך וואָלט עס פאַשעט ניט געקענט. וואַריניע איז געווען ספּאַרטאַקוסעס פרוי.

— יאָ, איך האָב געהערט רײַדן וועגן איר. אַלע, זעט אויס, ווײַט איר באַזעסן פון ספּאַרטאַקוסן. מען האָט היינטיקע נאַכט גאָר פון עפּעס אַנ־דערש ניט גערעדט.

— נו, גוט. דער פאַל איז וואָס ער האָט געשווינט ווילאַ סאַלאַריאַ. איך ווייס ניט צי דאַרף איך אים דאַנקען דערפאַר אָדער ניט. איך מיין, אַז דאָס נעמט זיך פון די שטראָף־צייכנס. איך בין נאָך אָפן וועג ניט אַרויס־געגאַנגען. איז עס זייער שרעקלעך?

— שרעקלעך? איך האָב מיך דערויף ניט אומגעקוקט. זיי הענגען דאָרט, און דאָס גאַר. דאָס לעבן איז ביליק און אַ שקלאַף האָט גאַר קיין ווערט ניט הײַנטיקע צײַטן. פאַרוואָס פרעגט איר מיך וועגן וואַריניען?

— איך האָב געזוכט טראַכטן פון עמעצן וועמען איך בין מעקאַנע. איך מיין, אַז איך בין זי מעקאַנע.

— איר מיינט עס ערנסט, יוליע? אַ ווילד שקלאַפן־מיידל. ווילט איר איך זאָל מאָרגן אַרויסגיין אויפן מאַרק און פאַר אײַך אויסקלײַבן אַ טוץ אַזעלכע ווי זי און זיי אײַך אַרײַנשיקן?

— איר רעדט אַמאָל ערנסט וועגן עפּעס, גראַקוס?

— עס איז ניט קעדײַ דערוועגן ערנסט צו זײַן. פאַר וואָס זײַט איר זי מעקאַנע?

— דערפאַר וואָס איך האָס זיך אַליין.

— דאָס איז פאַר מיר צו קאָמפּליצירט, — האָט גראַקוס אַ ברום געטאָן, — שטעלט איר אײַך פאָר אַ קויטיקע מויד, וואָס סמאַרקעט און כראַקעט און שפּײַט, מיט צעריסענע קויטיקע נעגל, מיט פּרישטשעס אויפן פּאָנעם ? אָט דאָס איז אײַער פּרינצעסן די שקלאַפן. זײַט איר זי נאָך מע־קאַנע ?

— אַזאַ איז זי ? — גראַקוס האָט זיך צעלאַכט.

— וואָס ווייס איך, יוליע ? פּאָליטיק איז אַ ליגן. געשיכטע פאַרצייכנט דעם ליגן. אויב איר וועט מאָרגן אַרויסגיין אויפן וועג און אַ קוק טאָן אויף די צלאָמים, וועט איר אײַך דערוויסן דעם אייניציקן עמעס וועגן ספּאַרטאַ־קוסן. ער איז טויט, מער גאָרניט. דאָס איבעריקע איז אינגאַנצן אויסגע־טראַכט. איך ווייס וואָס איך זאָג אײַך.

— איך קוק אויף מײַנע שקלאַפן...

— און איר זעט ניט ספּאַרטאַקוסן ? איך שטעל מיר פאָר. הערט אײַך אויף דאָס האַרץ צו צעברעכן, יוליע. איך בין עלטער פון אײַך. איך געם מיר דאָס רעכט אײַך צו ראָטן, מיט דער געפאַר צו שטופּן די נאָז אין זאַכן וואָס גייען מיר ניט אָן, נעמט אַ יונגן באָכער פון צווישן אײַערע שקלאַפן...

— גענוג שוין, גראַקוס !

—...און ער קען זײַן אַ צווייטער ספּאַרטאַקוס.

זי האָט געוויינט. גראַקוס האָט קיין פּרוּװן פון איר קלאָס ניט געזען וויינען, און ער האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט אומבאַקוועם און נאַריש. ער האָט זיך גענומען פרעגן צי איז ער דערין שולדיק. ער האָט ניט גע־זאָגט אַזוינס וואָס זאָל זי קענען באַליידיקן. נאָר, איז ער שולדיק דערין ?

— ניין, ניין, איך בעט אײַך, גראַקוס. איר זײַט אייגער פון די פרײַנט וואָס איך פאַרמאָג, און פאַרבלײַבט אויף ווײַטער מײַן פרײַנט, כאָטש איך בין אַזאַ נאַר. — זי האָט זיך די אויגן אויסגעווישט און האָט זיך אויפגע־הויבן אַוועקצוגיין.

— איך בין זייער מיד, — האָט זי געזאָגט, — איך בעט אײַך, גייט מיר ניט נאָך.

II

אַזוי גוט ווי ציצעראָן, האָט אויך גראַקוס געהאַט דעם היסטאָרישן כוש ; דער גרונט־כילעק צווישן זיי ביידן איז באַשטאַנען דערין וואָס גראַ־קוס האָט קיינמאָל קיין טאָעס ניט געמאַכט וואָס שײַעך זײַן אייגענעם אָרט און זײַן אייגענער ראָל ; ער פלעגט דערום אַ סאַך מאָל זײַן קלאָרער ווי ציצעראָן. איצט זיצט ער אייגער אַליין אין דער וואַרעמער און אַנגענעמער איטאַליענישער נאַכט און דרייט פון אַלע זײַטן באַ זיך אין געדאַנק דעם מאָדנעם פאַקט פון אַ רוימישער מאַדאָנע און פּאַטריציערן וואָס איז מעקאַנע אַ ווילדע שקלאַפן. פאַר אַלעמען אַנאַליזירט ער, צי זאָגט יוליע דעם עמעס. יאָ. ער זעט יוליעס שווערע טראַגעדיע, אין אַ געוויסן זין באַלויכטן מיט

וואַריניען... און ער פרעגט זיך צי געפינען זיך ניט, אַף דעם זעלביקן אויפן, זייערע אייגענע לעבנס אין די שטראָף־צייכנס, וואָס זיינען צעשטעלט אַף ביידע זייטן וויאַ אַפּיאַ. גראַקוסן אינטערעסירן ניט די מאָראַלישע באַגריפן; ער קען זיינע לייט און ער לאָזט זיך אויך ניט פירן פון אַזוינע זאַכן ווי די לעגענדאַרישע רוימישע מאַטראָנע און רוימישע פאַמיליע. נאָר עפּעס אַ מאָדנע סיבע צווינגט אים טיף אַרייַנצוטראַכטן זיך דערין וואָס יוליע האָט געזאָגט און דער געדאַנק לאָזט אים ניט אָפּ.

דעם ענטפער האָט ער אויפגעכאַפּט אין אַזאַ קלאָרער ליכט, אַז ער איז זיצן געבליבן אַ פאַרקילטער און אַ דערשיטערטער ווי נאָך קיינמאָל ניט; ער האָט אַף אים אַ פאַכעד אָנגעוואָרפן מיט דעם געדאַנק פון טויט און אויפשוידערנדיקער אַבסאָלוטער פינצטערניש און אומעקזיסטענץ, וואָס דער טויט ברענגט מיט זיך; דער ענטפער האָט באַזייטיקט אַ גרויסע טייל פון דער צינישער זיכערקייט, אַף וועלכער ער פלעגט זיך שטיצן און האָט אים דאָרט געלאָזט זיצן, אַף דער שטיינערנער באַנק, אַן אָרעמען כאָרעוון זאַקן, אַ שמאַלציקן און מעטורעפדיקן, וואָס זעט זיך אַ פאַרמישפּעטן פון דעם מוירעדיקן גאַנג פון די געשיכטלעכע שטראָמען.

ער זעט עס מיט דער גאַנצער קלאָרקייט. דאָס וואָס איז ניט לאַנג ערשט אויפגעקומען אין דער וועלט, איז אַ געזעלשאַפט געבויט אַפן רוקן פון שקלאַפן און דער סימפּאָנישער אויסדרוק פון אָט דער געזעלשאַפט איז דאָס געיאָגנ פון דער קנאַלנדיקער בייטש. וואָס פאַרשאַפט דאָס דעם פאָלק, וואָס האָט די בייטש אין די הענט? וואָס באַטייט יוליע? ער האָט קיינמאָל ניט כאַסענע געהאַט; אַ זוימען פון דעם געדאַנק וואָס בויערט אים איצט, האָט אים אָפּגעהאַלטן פון כאַסענע האָבן, און ער קויפט זיך פרויען און קעבסווייבער האָט ער באַ זיך אין שטוב ווען נאָר ער באַדאַרף. נאָר אויך אַנטאָניוס קאַיוס האָט באַ זיך אַ שטאַל מיט קעפּסווייבער, ווען אַפילע אַף דעם אויפן קומט אויס, אַז אַלע זיינע באַקאַנטע קאַוואַלירן האַלטן אויס קעפּסווייבער ווי מען האַלט אויס פערד אָדער הינט, און די פרויען ווייסן עס און נעמען דאָס אָן און גלייַכן אויס די לאַגע מיט זכאָרים שקלאַפן. דאָס איז ניט גלאַט אַן איניען פאַרדאָרבנקייט, עס האַנדלט זיך אין אַ מאָנסטער, וואָס האָט די וועלט אין קאָנווולסן אַרייַנגעוואָרפן; און די לייט וואָס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען פאַרברענגען אַ נאַכט אין ווילאַ סאַלאַריאַ, זיינען מעשוגע אַף ספּאַרטאַקוסן, וואָרעם ספּאַרטאַקוס איז דאָס אַלץ וואָס זיי זיינען ניט. ציצעראָן מעג זיך ניט באַגרייפן פון וואַנען עס נעמט זיך די אייגנשאַפט פון דעם מיסטעריעזן שקלאַף, נאָר ער, גראַקוס, פאַרשטייט עס. די היים, די פאַמיליע און די זיטלעכקייט, און דאָס אַלץ וואָס האָט אין זיך עפּעס כשיוועס, ווערט פאַרטיידיקט פון די שקלאַפן און דאָס פאַרמאָגן די שקלאַפן, ניט דערפאַר וואָס זיי זיינען גוט און איידל, נאָר די האָרן האָבן זיי אָוועקגעגעבן אַלץ וואָס קען זיין הייליק.

אַזוי גוט ווי ספּאַרטאַקוס האָט געהאַט די וויזיע דערפֿון וואָס ער דאַרף זײַן — אַ וויזיע פֿון אים אַליין אַן אויפֿגעקומענע — אַזוי אויך האָט גראַקוס געהאַט זײַן אייגענע וויזיע פֿון דעם וואָס עס דאַרף זײַן, און דאָס וואָס ער האָט געזען אין דער צוקונפֿט, האָט אים אויפֿגעשוידערט, קראַנק געמאַכט און אַף אים אַ פּאַכעד אָנגעוואָרפֿן. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן, האָט זיך אין דער טאָגע אײַנגעהילט און האָט גענומען שווער שפּאַנען צו זיך אין צימער זיך אַוועקלייגן.

נאָר ניט גרינג איז אים אָנגעקומען אײַנצושלאָפֿן. ער האָט אויפֿגעגנר־מען יוליעס פֿאַרלאַנגען און האָט ווי אַ קינד פֿאַרגאָסן שטילע טרוקענע טרערן פֿאַר זײַן באַגלייטערן אין דער אײַנזאַמקייט און ווי אַ קינד האָט ער זיך אויך פֿאָרגעשטעלט, אַז דאָס שקלאַפֿן־מיידל וואַריניע שלאָפֿט מיט אים. דער פּאַכעד האָט געשטאַרקט זײַן יאָמערלעכן פֿאַרלאַנג צו זײַן זײַטלעך. זײַנע דיקע סענקעוואַטע הענט האָבן געגלעט אַ געשפּענסט אין די לײַלעכער. די צײַט איז זיך געגענאַגען און ער איז אַלץ געלעגן מיט זײַנע דערמאָנונגען.

אַלע האָבן זיי ספּאַרטאַקוסן. דאָס הויז איז פֿול מיט ספּאַרטאַקוסן; קיינער ווייס ניט ווי ער האָט אויסגעזען, זײַן געשטאַלט, זײַן אַרט דענקען און באַנעמען זיך, נאָר די שטוב איז פֿול מיט זײַן אָנוועזנקייט. אַ ריינע פֿיקציע איז אויך דאָס אַז גראַקוס איז פֿרײַ פֿון דעם האַס. פֿאַרקערט, זײַן האַס, וואָס ער היט זיך אַזוי אים אַרויסצווײַזן, איז העפּטיקער, ביטערער, שאַרפֿער ווי בײַ אַנדערע.

אין דער צײַט וואָס ער קעמפֿט מיט זײַנע דערמאָנונגען, ווערן זיי אַלץ קאָלירפֿולער און גייען אַריבער אין ווירקלעכקייט. ער געדענקט ווי ער איז געזעסן אין סענאַט — און ער פֿלעגט זיך קיינמאָל ניט אַוועקזעצן אין דער סענאַט־קאַמער, נאָר געווען איז ער באַהערשט און איבערפֿולט מיט דעם שטאָלץ, וואָס ער געפֿינט זיך דאָרט צווישן די גרויסע, צווישן די אַריסטאָקראַטן — ווען עס איז אָנגעקומען די יעדיע, מיט אַ שנעלן שעליעד צוגעשיקט פֿון קאַפּוע, אַז צווישן די גלאַדיאַטאָרן פֿון לענטולוס באַטשיאַטאָס שול האָט אויסגעבראָכן אַן אויפֿשטאַנד און ער שפּרייט זיך איבער די לענדערײַען. ער געדענקט סאַראַ כוואַליע שרעק עס האָט פֿאַרפֿלייצט דעם סענאַט און ווי אַלע האָבן גענומען גראַגערן ווי אַ גרויסע סטײַע גענדז, אַלע אַפּאַמאָל, און האָבן גערעדט אַזעלכע זינלאָזע שרעקלעכע רייד, וואָס איז? אַ הײַפֿל גלאַדיאַטאָרן האָבן זייערע טרענירער דערהאַרגעט. ער געדענקט ווי ער איז אַף זיי אויפֿגעבראַכט געווען, ווי ער האָט זיך אויפֿגעהויבן, האָט זײַן טאָגע פֿאַרנומען און זי אָפּן אַקסל פֿאַרוואָרפֿן מיט דעם געטן זשעסט, וואָס איז בײַ אים אַזוי כאַראַקטעריסטיש געוואָרן און האָט אַ דונער געטאָן אַף זײַנע הויכגעשטעלטע קאָלעגן:

— קאַוואַלירן... קאַוואַלירן, איר האָט די קעפּ פֿאַרלוירן!

זיי האָבן אויפֿגעהערט גראַגערן און זײַנען צו זיך געקומען.

— קאַוואַלירן, מיר האָבן פֿאַר אונדז אַ פֿאַרברעכן פֿון אַ הײַפֿל ניש־טיקע און שמוציקע שקלאַפֿן, מערדער. מיר האָבן ניט פֿאַר זיך קיין באַר־באַרן־אינוואַזיע. ווען אַפֿילו דאָס זאָל אַזוי זײַן, קאַוואַלירן, וואָלט דער סענאַט, דאַכט מיר, זיך באַדאַרפֿט אויפֿפֿירן אַנדערש! מיר דאַכט זיך, אַז מיר זײַנען זיך שולדיק אַ ביסל כּשיוועס!

זיי זײַנען אָף אים בייז געוואָרן, נאָר ער איז בייז געווען אָף זיי. קיינמאָל דעם קאָפּ ניט פֿאַרלירן איז בײַ זיי געווען אַ פֿראַגע פֿון שטאָלץ, נאָר אין דעם מאָמענט האָבן זיי די קעפּ פֿאַרלוירן און ער, אַ פֿאַרשוין פֿון נידעריקן שטאַם און אָרעמען שטאַנד, אַן אַבי ווער, האָט באַליידיקט און דערנידעריקט די העכסטע קערפּערשאַפֿט פֿון דער גאָרער וועלט. „זאָלן זיי גיין צום טײַוול״!, האָט ער זיך געטראַכט און איז אַרויס פֿון דער סענאַט־קאַמער מיט אַ קלאַפּן פֿון די קנאַפּלען און נאָך זשומעט אים אין די אויערן די ראַכמאָנעסדיקע פֿאַרטיידיקונג פֿון זייער כּשיוועס ווען ער איז זיך אַהיימגעגאַנגען.

דער טאָג איז אים געבליבן אײַנגעקריצט אינעם לעבן. יעדע מינוט פֿון דעם טאָג איז געבליבן אין זײַן זיקאָרן אײַנגעקריצט. פֿון אָנהייב האָט ער מוירע געהאַט. ער האָט געבראָכן זײַנע הייליקע אויפֿפֿירונגס־נאָרמען. ער איז פֿון די קיילים אַרויס. ער האָט זיך סאָנים אײַנגעשאַפֿט. געשפּאַנט האָט ער איבער די גאַסן פֿון זײַן געליבטער רוים און איז פֿול געווען מיט שרעק פֿאַר דעם וואָס ער האָט אָפּגעטאָן. נאָר די שרעק איז געווען געמישט מיט פֿאַראַכטונג צו זײַנע קאָלעגן און צו זיך אַליין, און איצט אַפֿילו קען ער ניט גויווער זײַן זײַן האַכנאָעסדיקן דערעכערעץ צום סענאַט און זײַן אײַנגעפּלאַנצטע פֿאַרערונג צו די טיפּשים וואָס פֿאַרנעמען די סענאַטאָרישע בענק.

איינמאָל נאָך האָט ער די כּושים אָנגעווירן צום גערוך, צום גערויש, צום אָנבליק פֿון זײַן געליבטער רוים. גראַקוס איז געבוירן געווען און אויפֿ־געוואַקסן אין דער שטאָט, די „אורבס״ איז געווען די אַטמאָספֿער, מיט וועלכער ער האָט געאָטעמט. ער איז אַ טייל פֿון איר און זי איז אַ טייל פֿון אים, און ער האָט אַ טיפֿע פֿאַראַכטונג געפֿילט צו די ברייטע האָריזאָנטן, צו די גרינע טאָלן און מורמלענדיקע טײַכלעך. ער האָט זיך געלערנט גיין, לויפֿן און שלאָגן אין די קרומע געסלעך און שמוציקע רינעס פֿון רוים. קינדווײַז פֿלעגט ער ווי אַ ציג קלעטערן איבער די הויכע דעכער פֿון די אָן צאָל שכיינים־הײַזער. דער גערוך פֿון די פֿלעצלעך אָף האָלץ־קוילן, וואָס די שטאָט האָט אין זיך אײַנגעזאַפּט, איז פֿאַר אים דער גרעסטער טײַנעג געווען. אָף יענעם נאָכמיטאָג אין זײַן לעבן האָט דער ציניזם קיינמאָל קיין שליטע ניט געהאַט. שפּאַנען איבער די שמאָלע מאַרק־גאַסן, צווישן די רייען האַנט־וועגעלעך און פֿאַרקויף־שטעלעכלעך, ווו מען האָט אויסגעשטעלט און פֿאַרקויפֿט סכוירעס פֿון אַלע עקן וועלט, איז פֿאַר אים שטענדיק געווען

אַ נײַע אַוואַנטורע. אַ האַלבע שטאָט האָט אים געקענט. „היי, גראַקוס!" — שרײַט איינדער דאָ; „היי, גראַקוס!" — שרײַט איינער דאָרט, אָן שום צערעמאָניעס און דײַגעס, און די הענדלער און די לאַטוטניקעס, און די בעטלער און די ליידיקגייער, און די בינדיושניקעס, און די מוליאַרעס, און די טעסליערס האָבן אים ליב, ווײַל ער איז איינער פון זיי און ער האָט זיך אַ וועג דורכגעשלאָגן מיט די אייגענע פויסטן ביז ער איז צום שפּיץ דערגאַנגען. זיי האָבן אים ליב דערפאַר וואָס אַז ער קויפט שטימען צאָלט ער די העכסטע פּרײַזן. זיי האָבן אים ליב דערפאַר וואָס ער מאַכט ניט קיין אָנשטעלן און האָט בעסער ליב צו פוס גיין איידער מען זאָל אים טראָגן אין אַ ליטערע, און דערפאַר וואָס ער האָט שטענדיק צײַט צו גריסן אַן אַלטן פרײַנט. דאָס וואָס ער גיט ניט אָן קיין מיטל צו זייער וואַקסנדיקער נויט און פאַרצווייפלונג, אין אַ וועלט ווו די שקלאַפן שטויסן זיי צו ווערן ליידיקגייער און בעטלער און לעבן פון קיצווע, דאָס קימערט זיי ניט. זיי ווייסן, אַז דערצו איז קיין שום מיטל ניטאָ. און ער, ווידער, האָט ליב אָט די וועלט, די פינצטערע וועלט, ווו די שכיינים־הײַזער רירן זיך קימאַט אָן איינע די אַנדערע איבער די שמוציקע געסלעך און מען מוז זיי מיט קלעצער אונטערשפּאַרן, קעדיי זיי זאָלן ניט אַרויספאַלן איינע אַף דער אַנדערער, די וועלט פון די גאַסן, פון די רוישיקע, שמוציקע און כאַרעווע גאַסן פון דער גרעסטער שטאָט אין דער וועלט.

נאָר אין יענעם טאָג, וואָס געדענקט זיך אַזוי שאַרף, איז ער צו דעם אַלעמען געווען בלינד און פאַרשלאָסן. ער האָט געשפּאַנט איבער די גאַסן און האָט זיך ניט אומגעקוקט אַף די באַגריסונגען. ער האָט קיין זאַך ניט געקויפט בײַ די שטעלן. עס האָבן אים אַפילע ניט געצויגן די געשמאַקע שטיקער געפּרעגלט כאַזער־שמאַלץ, געפילטער מאָגן אָדער צוגעברוינטע וורשטלעך, וואָס האָבן זיך גערייכערט אַף די האַנט־וועגעלעך, געוויינטלעך, פלעגט ער ניט קענען בײַשטיין דעם ניסאָיען פון די גאַסן־קיכן, פון די האָניק־פלעצלעך, גערייכערטע פיש, געזאַלצענע סאַרדינען, געזײַערטע עפּל און האַרטע אייער; נאָר אין דעם טאָג האָט ער זיי אַפילע ניט באַמערקט און איז זיי פאַרבײַגעגאַנגען אַ פאַרזונקענער אין זײַן אייגענעם טרויער, אַפן וועג צו זיך אַהיים.

גראַקוס, וואָס איז קימאַט אַזוי רײַך געווען ווי קראַסוס, האָט זיך קיינמאָל ניט פאַרגונען דעם לוקסוס זיך אויסצובויען אָדער קויפן אַ פּריוואַטע ווילע פון די וואָס קומען אויף אין די נײַע שטאָט־טיילן, צווישן די גערטענער און פאַרקן לענגאויס דעם טײַך. ער האָט ליבערשט געוווינט אין אַ געדונגען הויז בײַ זיך אין געגנט, און די טירן זײַנען שטענדיק אָפן געווען פאַר יעדן וואָס האָט געוואָלט צו אים אַרײַנגיין. קעדאַי איז אָנצומערקן, אַז אַ סאַך רײַכע פאַמיליעס האָבן געוווינט אין די אונטערשטע שטאָקן. זיי זײַנען געווען די בעסט געצאָלטע וווינונגען אין די רענט־הײַזער און אין רוים איז וואָס העכער אַף די אַלטע צעפוילטע שטיגן דירע־געלט געווען אַלץ קלענער און די נויט אַלץ גרעסער. געוויינטלעך פלעגט זײַן וואַסערלייטונג בלויז אין די אונטערשטע צוויי שטאָקן און קלאָזעטן אָדער בעדער

זײַנען גאָרניט געווען; נאָר די אַלטע שוואַטים־געמיינשאַפט איז נאָך ניט געווען אַזוי ווײַט אַוועק אין דער פאַרגאַנגענהייט, אַז עס זאָל שוין געווען זײַן אומעטום אײַנגעשטעלט אַ פולשטענדיקע אָפּזונדערונג צווישן אָרעמע און רײַכע, און אַ סאַך רײַכע סאַכרים אָדער באַנקירן האָבן איבער זייערע קעפּ געהאַט ריכטיקע נעסטן פון אָרעמקייט זיבן שטאָקן די הייך.

אַזוי דערמאָנט זיך איצט גראַקוס ווי ער איז אין יענעם טאָג צו זיך אַהיימגעגאַנגען און האָט צו קיינעם אַ וואָרט ניט גערעדט און קיינעם ניט געגריסט, און ווי ער איז אַרײַנגעקומען צו זיך אין קאַבינעט נאָכדעם ווי ער האָט געגעבן זײַנע שקלאַפן דעם ניט גאָר געוויינטלעכן באַפעל מען זאָל אים ניט שטערן. זײַנע שקלאַפן זײַנען אַלע געווען פרויען; דעריך איז ער שטרענג געווען און האָט ניט דערלויבט אַ מאַן זאָל מיט אים שלאָפן; אין דעם פּראָט איז ער געווען שטאַרק געהיט, ניט ווי עס טוען אַ סאַך פרײַנט זײַנע. אין אַלע זײַנע באַדערפענישן האָבן אים באַדינט פערצן פרויען. ער האָט ניט געהאַלטן קיין באַזונדערן האַרעם, ווי עס טוען געוויינטלעך באַ־כערים, און האָט זיך געניצט מיט די שקלאַפן וואָס זײַנען אים געפעלן יעדעס מאָל ווען ער האָט באַדאַרפט אַ בעט־באַגלייטערן, און ווײַל ער האָט ניט געוואָלט האָבן קיין קאָמפּליקאַציעס, ווען וועלכע פון זיי איז פאַרגאַנ־גען אין טראָגן, פלעגט ער זי פאַרקויפן צו אַ גוט־באַזיצער. גלײַכער, פלעגט ער דערבײַ זאָגן, זאָלן די קינדער וואַקסן אַף דער פרײַער לופט, און האָט אין אַט דער אויפפירונג זײַנער ניט געזען עפּעס אַזוינס וואָס זאָל זײַן גרויליק אָדער ניט מאָראַליש.

צווישן זײַנע פרויען האָט ער ניט געהאַט קיין פאַוואָריטקעס — ווײַל צו עפּעס אַנדערש אַכוץ סעקסועלן קאָנטאַקט מיט די פרויען, איז ער ניט פעיִק געווען — און ער פלעגט ליב האָבן זאָגן אַז באַ אים אין שטוב איז פאַראַן מער פרידן און אָרדענונג ווי אין אַלע אַנדערע שטיבער. נאָר איצט, ווען ער ליגט באַ זיך אין בעט אין ווילאַ סאַלאַריאַ, דערמאָנט ער זיך אין יענעם טאָג און דאָס דערמאָנען זײַן שטוב האָט ניט קיין פרייד און קיין וואָרעמקייט. אַ מאָראַלישער געפיל האָט אים באַהערשט און דאָס טראַכטן פון דעם ווי ער לעבט, פאַרשאַפט אים איצט לײַדן. ער באַמיט זיך דע־רײַבער צו דערמאָנען די אינצידענטן פון יענעם טאָג. ער קוקט אַף זיך פון אַ באַקוועמער פּאָזיציע: זיצט זיך אַ גרויסער דיקער מענטש אין אַ טאָגע אײַנגעהילט, זיצט זיך איינער אַליין אין זײַן נאַקעטן צימער, וואָס ער רופט עס קאַבינעט... און אַזוי איז ער אָפּגעזעסן העכער אַ שאָ ביז עמעצער האָט אים איבערגעריסן. מען האָט אָנגעקלאַפּט.

— ווער איז? — האָט ער געפרעגט.

— קאַוואַלירן פרעגן אַף אײַך, — האָט די שקלאַפן געזאָגט.

— איך וויל קיינעם ניט זען, — האָט ער געענטפערט און, סאָראַ קינ־דישע באַנעמונג באַ אים!

— דאָס זײַנען „פאַטערס“ און כאַשעווע לײַט פונעם סענאַט.

זײַנען זיי, הייסט עס, געקומען צו אים, איז ער, הייסט עס, ניט פאַר־לוירן און ניט אויסגעשלאָסן פון זייער קרײַז? וואָס אַזוינס האָט אים אָפּן

געדאַנק געבראַכט, אַז דאָס קען געשען? זיכער האָבן זיי באַדאַרפט קומען צו אים! ער לעבט נאָך. זײַן א י ך איז צוריקגעקומען. ער איז מיטאַמאָל אויפגעשפּרונגען און האָט שנעל געעפנט די טיר און ווידער איז ער, דער אַלטער גראַקוס, אַ שמייכלדיקער, אַ זיכערער, אַ קאָמפּעטענטער.

— קאַוואַלירן, — האָט ער געזאָגט, — קאַוואַלירן, זײַט מיר ווילקומען.

די קאָמיסיע איז באַשטאַנען פון פינף. צוויי זייערע זײַנען געווען „קאָנסולאַרע”; די אַנדערע דרײַ זײַנען געווען אָנגעזעענע און שאַרפזיניקע פּאַטריציער. די קאָמיסיע איז געקומען ניט אַזוי צוליב דער דרינגלעכקייט פון דעם מאָמענט ווי צוליב דער מוירע פאַר אַ פּאָליטישער שפּאַלטונג, וואָס גראַקוס קען וועלן דורכפירן. אַזוי אַז זיי זײַנען געווען מיט אים אי אָפנהאַרציק, אי אינטים, אי זיי האָבן אים פירגעהאַלטן.

— אָבער גראַקוס, ווי איז עס מעגלעך אונדז צו באַליידיקן?

— איך פאַרמאָג ניט די בייטיקע מאָס טאַלאַנט און גראַציע צו בעטן אַנטשולדיקונג ווי איר פאַרדינט עס, — האָט גראַקוס זיך אַנטשולדיקט.

— דו פאַרמאָגסט ביידע זאַכן, נאָר דאָס איז זיך אַן איניען פאַר זיך.

ער האָט געהייסן אַרײַנברענגען שטולן און אַלע האָבן זיי זיך אויסגעזעצט אין אַ קרײַז אַרום אים, פינף אַלטע און כאָשעווע לײַט, אײַנגעהילטע אין פײַנע ווײַסע טאָגעס, דער סימוואָל פון רוימס הערשאַפט איבער דער וועלט. ער האָט געהייסן דערלאַנגען ווײַן און אַ טאָץ מיט זיסע זאַכן. דער „קאָנסולאַריס” קאַספּיוס איז געווען דער רעדנער. ער האָט גראַקוסן געכאַנפעט און אינטריגירט און גראַקוס האָט גאָרניט כוישעד געווען אַזאַ גרויסער קריזיס זאָל זיך האַלטן אין אָנרוקן. ער האָט שטענדיק געטרוימט וועגן אַ קאָנסול־אַמט, נאָר געוווּסט האָט ער אַז דאָס איז ניט פאַר אים קיין מײַכל און ער פאַרמאָגט ניט קיין איינע פון די פעיִקייטן אָדער ספּעציעלע פאַמיליען־פאַרבינדונגען, וואָס פאָדערן זיך דערצו. ער האָט געוואָלט טרעפן וואָס אַזוינס ברענגען זיי מיט זיך, נאָר דאָס איינציקע וואָס אים איז אײַנגעפאַלן איז געווען, אַז עפּעס קער זיך עס אָן מיט שפּאַניע, וווּ די מערידע קעגן דעם סענאַט — וואָס דאָס מיינט קעגן רוים — אָנגעפירט פון סערטאָריוס, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאַמף פאַר דער מאַכט צווישן סערטאָריוס און פּאָמפּעיוס. גראַקוס האָט זיך געהאַט זײַנע פערזענלעכע כעשבוינעס אין דעם איניען. ער האָט זיי ביידן פײַנט געהאַט און איז גרייט געווען צו בלײַבן נייטראַל און זיי לאָזן איינעם דעם צווייטן זיך דעם קאָפּ אָראָפּדרייען. און דאָס אייגענע וואָלט געווען מיט די פינף קאַוואַלירן וואָס זיצן אַרום אים.

— זעסטו שוין, — האָט קאַספּיוס געזאָגט, — דער קאַפּוער אויפשטאַנד שלעפּט נאָך זיך גוואַלדיקע גרויסע געפאַרן.

— איך זע עס ניט, — האָט גראַקוס גאַנץ פּאַשעט געענטפערט.

— אין אַכט נעמענדיק וואָס מיר האָבן אויסצושטיין פון די שקלאַפן־אויפשטאַנדן...

— וואָס אַזוינס ווייסט איר מיקויעך דעם אויפשטאַנד? — האָט

גראַקוס געפרעגט, איצט שוין העפלעכער ווי פריִער. — וויפל שקלאַפן זײַנען אין דעם אויפשטאַנד באַטייליקט? ווער זײַנען זיי? וווהין גייען זיי? וואָס איז פאַראַן וואָר אין אײַערע זאָרגן?

קאַספּיוס האָט אָף די פראַגעס געענטפערט איינע נאָך איינער.

— מיר האַלטן אָן אַ קעסיידערדיקע פאַרבינדונג. פון אָנהייב האָט זיך געהאַנדלט נאָר פון גלאַדיאַטאָרן. פאַראַן יעדיִעס אָז נאָר זיבעציק זײַנען אַנטלאָפן. אַ שפּעטערדיקע יעדיִע פאַרזיכערט, אַז אַנטלאָפן זײַנען אַריבער צוויי הונדערט, טראַציער, גאַלן און אייניקע אַפריקאַנער. די סאַמע לעצטע יעדיִעס גיבן אָן גרעסערע ציפערן. דאָס קען זײַן אַ רעזולטאַט פון דער פּאַניק. עס קענען אָבער אויך האָבן פאַרגעקומען אומרוען אין די „לאַטיפונדיעס". זעט אויס, אַז זיי האָבן פאַרשאַפט גרויס שאָדן. נאָר מיר באַזיצן ניט קיין פּראַטים. און וואָס שײַך וווהין זיי גייען, זעט עס אויס, אַז אין דער ריכטונג צום באַרג וועזוווי.

— נישט מער ווי „עס זעט אויס"! — האָט גראַקוס אומגעדולדיק אויסגעשריגן. — זײַנען זיי דאָרט אַזעלכע אידיאָטן אין קאַפּואַ, אַז זיי קענען ניט וויסן וואָס באַ זיי אין שטוב איז פאַרגעקומען? פאַראַן איז דאָרט אַ גאַרניזאָן. פאַרוואָס האָט דער גאַרניזאָן דערצו ניט שנעל און פּאַשעט אַ סאָף געמאַכט?

קאַספּיוס האָט אָנגעקוקט גראַקוסן.

— אין קאַפּואַ האָבן זיי געהאַט ניט מער ווי איין קאָהאָרטע.

— אַ קאָהאָרטע! וויפל זעלנער באַדאַרפט איר אָף צו דערשטיקן עטלעכע אומגליקלעכע גלאַדיאַטאָרן?

— דו ווייסט בעסער פון אונדז וואָס אין קאַפּואַ האָט געמוזט פאַרקומען.

— איך ווייס ניט, נאָר איך קען עס מיר פאַרשטעלן. איך שטעל מיר פאָר, אַז דער קאָמאַנדאַנט פונעם גאַרניזאָן מוז זײַן אָף געהאַלט באַ יעדן שמוציקן „לאַניסט" וואָס אָפערירט דאָרטן. צוואַנציק זעלנער דאָ, אַ טוץ דאָרטן. וויפל זײַנען פאַרבליבן אין שטאָט?

— צוויי הונדערט און פופציק. אַזוי איז עס. מען דאַרף ניט זײַן קיין גרויסער כאַכעם דאָס צו פאַרשטיין, גראַקוס. דאָס מיליטער איז צעקלאַפּט פון די גלאַדיאַטאָרן. דערפאַר זײַנען מיר אַזוי באַזאָרגט, גראַקוס. מיר מיינען, אַז די שטאָטישע קאָהאָרטעס מוזן טייקעף אַרויסגעשיקט ווערן קעגן זיי.

— וויפל?

— צום ווינציקסטן זעקס קאָהאָרטעס... דרײַ טויזנט מאַן.

— ווען?

— שוין.

גראַקוס האָט געטרייסלט מיטן קאָפּ. דערויף אייגנטלעך האָט ער זיך באַדאַרפט ריכטן. ער האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן. ער האָט עס גוט איבערגעקלערט. ער האָט אין געדאַנק צונויפ־

גענומען אַלץ וואָס ער ווייס און וואָס ער האָט געקענט וויסן פון שקלאַפן־פסיכאָלאָגיע.

— טוט עס ניט.

ער איז געוווינט זיי צו אָפּאָנירן. אַלע האָבן אַ פרעג געטאָן: פאַרוואָס?

— דערפאַר וואָס איך געטרוי ניט די שטאָטישע קאָהאָרטעס. לאָזט דעדווויל צו רו די שקלאַפן. שיקט ניט די שטאָטישע קאָהאָרטעס.

— וועמען דען זאָלן מיר שיקן?

— רופט אַרויס איינעם פון די לעגיאָנערן.

— פון שפּאַניע. און פּאָמפּעיוס?

— זאָל ער דאָרטן פּלאַצן, פּאָמפּעיוס, און פאַרשאָלטן זאָל ער ווערן!

נו, גוט... לאָזט צו רו שפּאַניע. ברענגט אַראָפּ דעם דריטן לעגיאָן, פון דער פאַר־אַלפּינישער גאַליע. אײַלט אײַך ניט. זיי זײַנען ניט מער ווי שקלאַפן. אַ הײַפל שקלאַפן. עס וועט גאָרניט זײַן, ביז איר אַליין וועט דערפון עפּעס מאַכן...

אַזוי האָבן זיי דיסקוטירט און גראַקוס לעבט אויף אין זײַן זיקאָרן די דיסקוסיע און ער זעט זיי מיט זייער אומגלויבלעכער מוירע פאַרן שקלאַפן־אויפשטאַנד, גרייט אַרויסצושיקן קעגן זיי זעקס שטאָטישע קאָהאָרטעס. גראַקוס איז אַ ביסל געשלאָפן. אויפגעכאַפּט האָט ער זיך קאַיאָר, ווי ער איז געווינט געווען, אומאָפּהענגיק פון אָרט און פון וועטער. ער האָט גענומען די אינדערפריִקע וואַסער און פרוכטן צום עסן.

III

די שײַן פון טאָג צעזייט דעם מענטשנס שרעק און זײַן פאַדלוירנקייט און זייער אָפּט איז זי צו אים אַ באַלזאַם און אַ בענטשונג. זייער אָפּט, אָבער ניט שטענדיק, וואָרעם פאַראַן זײַנען מענטשן אַזעלכע וואָס די שײַן פון טאָג איז זיי ניט ליב. אַ געפאַנגענער טוליעט זיך אין דער נאַכט ווי אין אַ וואַרעמען פעלץ, וואָס שיצט אים און שטאַרקט אים, און די שײַן פון טאָג ברענגט קיין פרייד ניט דעם פאַרמישפּעטן. נאָר זייער אָפּט צעזייט די שײַן פון טאָג די פאַרווירונגען פון דער נאַכט. גרויסע מענטשן דערוועקן יעדן פרימאָרגן צוריק זייער גרויסקייט־מאַנטל, וואָרעם גרויסע מענטשן אַפילע זײַנען באַנאַכט אַלצאיינס ווי אַנדערע, און טייל מענטשן טוען זאָכן דערווידערדיקע און ווייגען און אַנדערע פאַרזינקען אין דער מוירע פאַרן טויט און פאַר נאָך טיפערער פינצטערניש ווי די וואָס רינגלט זיי אַרום. נאָר אין דער פרי ווערן זיי ווידער גרויסע מענטשן, און גראַקוס, אויף דער טעראַסע זיצנדיק, זײַן גוף אײַנגעהילט אין אַ פרישער שניי־ווײַסער טאָגע און זײַן גרויס־פליישיק פּאָנעם פרייליך און צוטרוילעך, איז איצט אַ געמעל דערפון וואָס עס באַדאַרף צו זײַן אַ רוימישער סענאַטאָר. מען האָט שוין אַ סך מאָל געזאָגט, דעמאָלט און אויך נאָכדעם, אַז קיינמאָל נאָך איז נישט געווען אַזאַ גוטער, נאָבעלער און קלוגער מענטש־

צוזאַמענשטעל פֿאַר געזעצגעבונג ווי די וואָס האָבן צוזאַמענגעשטעלט דעם סענאַט פֿון דער רוימישער רעפּובליק, און אַז מען קוקט אויף גראַקוסן, איז מען געצוווּנגען דאָס אָנצונעמען. עמעס, ער שטאַמט ניט פֿון גרויסן ייִחוס און דאָס בלוט וואָס פֿליסט אין זײַנע אָדערן איז פֿון אויסערגעוויינטלעך צווייפֿלהאַפֿטיקן אָפּשטאַם, ער איז אָבער רײַך און איינע פֿון די רעפּובליקאַנישע מידעס איז צו מעסטן מענטשן לויט דעם וואָס זיי אַליין זײַנען און לויט זייערע אָוועס. שוין דער פֿאַקט, וואָס די געטער גיבן אַ מענטשן לעבן, איז אַן אָנדײַט אויף זײַנע אײַנגעבוירענע אייגנשאַפֿטן און אויב מען וויל אַ באַווײַז דערויף, דאַרף מען נאָר אַ קוק טאָן וויפֿל מענטשן זײַנען אָרעם און ווי ווייניק מענטשן זײַנען רײַך.

אין דער צײַט וואָס גראַקוס איז דאָרט געזעסן האָבן זיך אַרום אים צוזאַמענגעקליבן די איבעריקע טייל פֿון דעם געזעמל מענטשן, וואָס האָבן זייער געוויינטלעכע גערעדקייט אַרויסגעוויזן צו ווילאַ סאַלאַריאַ, אַן אויסערגעוויינלעך געזעמל מענער און פֿרויען וואָס האָט דאָרט די נאַכט פֿאַרווײַלט און האָבן געגעסן פֿון דעם באַוווּסטזײַן, אַז זיי זײַנען מענטשן אויסדערוויילטע און זייער וויכטיקע. זיי האָבן זיך געפֿילט גאַנץ פֿרײַ צווישן זיך און געדיינט האָט דער פֿאַקט צו אונטערשטרײַכן זייער צוטרוי צו אַנטאָניוס קאַיוס, וואָס איז קיינמאָל ניט באַגאַנגען דעם פֿעלער אויף זײַן פּלאַנטאַציע מענטשן אויסצומישן. כאָטש לויט די פֿירונגען אויפֿן רוימישן לאַנד איז עס ניט אַזאַ אויסערגעוויינטלעכע דערשײַנונג. און בעעמעס, פֿאַראַן צווישן זיי די צוויי רײַכסטע מענטשן אין דער וועלט, אַ יונגע פֿרוי, וואָס וועט ווערן איינע פֿון די באַרימטסטע פּראָסטיטוטקעס פֿון אַלע צײַטן און אַ יונגער מענטש, וואָס מען וועט אים פֿאַר זײַנע קאַלטע און אויסגערעכנטע אינטריגעס און פֿאַרשווערונגען דערמאָנען אין מעשׂה פֿון אַ סך הונדערטער יאָרן שפּעטער, און נאָך איין יונגער מענטש, וואָס זײַן דעגענעראַציע וועט באַרימט ווערן צוליב דעם אַליין; אָבער דעם מין געסט האָט מען בײַ יעדער געלעגנהייט געקענט טרעפֿן אין ווילאַ סאַלאַריאַ.

יענעם פֿרימאָרגן האָבן זיי זיך אַרומגעקליבן אַרום גראַקוסן. ער איז דער איינציקער צווישן זיי וואָס טראָגט אַ טאָגע. ער איז דער קיינמאָל ניט אָפּגעווייענדיקער האַר מאַגיסטראַטוס. ער זיצט זיך מיט זײַן פֿאַרפֿרוירטן וואַסער און שיילט אַן עפּל און וואַרפֿט אַרײַן אַ וואָרט דאָ און דאָרט. זיי „דערהאָלן זיך”, טראַכט ער זיך און קוקט דערבײַ אויף די פֿײַן־געקליידטע האַרן און פֿײַן־געפֿאַרבטע פֿרויען, מיט זייערע מײַסטערהאַפֿטע און שיינע פּאַרקעמעכצער, מיט דער קינסטלערישׂ אַרויפֿגעלייגטער שמינקע און ליפּן־פּאָמאַדע. מען רעדט פֿון דאָס און פֿון יענץ און דער שמועס איז אינטערעסאַנט און גוט אײַנגערעפּעטירט. האָט מען גערעדט פֿון סקולפּטור, האָט ציצעראָ אָנגענומען אַן אָפֿיציעלע שטעלונג, ווי עס איז זיך געוועז צו ריכטן:

— איך בין מיד פֿון הערן ריידן אַזוי פֿיל וועגן די גריכן. וואָס האָבן זיי אויפֿגעטאָן אַזוינס וואָס די עגיפּטער האָבן ניט באַוויזן אויפֿצוטאָן נאָך

מיט טויזנט יאָר פריער ? איןביידע פאַלן איז פאַראַן אַ באַזונדערע דעגענעראַציע, אַ פאָלק וואָס איז ניט פעיִק מער צו וואַקסן און רעגירן. און דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אין זייער סקולפּטור. די רוימישע קינסטלער ווייניקסטנס רעפּראָדוצירן דאָס וואָס עס איז.

— און קען זײַן גאַנץ לאַנגווײַליק, — האָט העלענע פּראָטעסטירט מיט דער פּריווילעגיע פון איר יוגנט און פון איר לאַגע אַלס אינטעלעקטואַל און אַלס פּדוי.

עס איז זיך געווען צו ריכטן, אַז גראַקוס זאָל זאָגן, אַז ער פאַרשטייט גאָרניט אין קונסט.

— איך ווייס וואָס מיר געפעלט, — האָט ער געזאָגט.

נאָר גראַקוס איז גראָד היפּש באַקאַנט מיט קונסט. ער קויפט עגיפּטישע קונסט־ווערק, דערפאַר וואָס זיי באַרירן זײַנעם אַן אינטימען פּעדעמל. קראַסוס האָט קיין פעסטע מיינונגען איבער קונסט ניט געהאַט און עס איז צו זען געווען ווי ווייניק ער איז דעריין באַהאַוונט, כאָטש ער איז אַ גוטער גענעראַל, ווי דאָס איז אויך צו זען געווען. נאָר אים איז ניט געפעלן די אַבסאָלוט זיכערע מיינונג וואָס ציצעראָן האָט געמאַכט. ס'איז גוט צו ריידן וועגן דעגענעראַציע, ווען מען דאַרף זיך ניט שלאָגן מיט די דאָזיקע דעגענעראַטן.

— איך מוז אײַך זאָגן אַז איך בין פאַר דער גריכישער סקולפּטור, — האָט אַנטאָניוס קאַיוס אָנגעמערקט — זי איז ביליק און איז גאַנץ אָנגענעם ווען עס קריכט פון איר אַראָפּ די פאַרב. מען טרעפט דעריבער מערסטנס ניט געפאַרבטע און פאַר די גאָרטנס טויגן זיי. איך, אַלנפאַלס, קויף זיי גערן.

— אויב אַזוי האָט איר באַדאַרפט אָפּקויפן די ספּאַרטאַקוס־מאָנומענטן איידער אונדזער פרײַנט קראַסוס האָט זיי באַפוילן אָפּ פיצלעך צעהאַקן, — האָט ציצעראָן אַ שמייכל געטאָן.

— מאָנומענטן ? — האָט העלענע געפרעגט.

— מען האָט זיי געמוזט צעהאַקן, — האָט קראַסוס קאַלט געזאָגט.

— וועלכע מאָנומענטן ?

— אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, האָט קראַסוס אונטערגעשריבן דעם באַפעל זיי צו פאַרניכטן.

— איר מאַכט קיינמאָל ניט קיין טאָעס. ניט וואָר, יונגערמאַן ? — האָט גראַקוס אַ ברום געטאָן, — איר זײַט זייער גערעכט, — און ער האָט אויפגעקלערט העלענען: — געווען זײַנען צוויי גרויסע מאָנומענטן אין וואָלקאַנישן שטיין אויסגעהאַקט, וואָס ספּאַרטאַקוס האָט זיי אָוועקגעשטעלט אַף די רוקנס פונעם וועזוווי. איך האָב זיי קיינמאָל ניט געזען, נאָר אונטערגעשריבן האָב איך דעם באַפעל זיי צו צעשטויבן.

— ווי אַזוי האָט ער דאָס געקענט מאַכן ? — האָט העלענע געפרעגט.

— ווי אַזוי האָט ער דאָס ניט געקענט מאַכן ? — אויב דער אָפּפאַל

שטעלט אַוועק אַן עמבלעם דעם אַפּאַל, איז קיין אַנדער ברייר ניטאָ ווי נאָר דאָס אָראַפּצוקערן!

— ווי אַזוי זײַנען זיי געווען, די מאָנומענטן? — האָט קלאַוודיע געפרעגט.

— גראַקוס האָט געדרייט מיטן קאָפּ און האָט מיט ווייטיק געשמייכלט ווי מען האָט שוין אין אָנהייב פונעם געשפרעך באַוויזן אַרײַנצוברענגען די געשפּענסטער פון די שקלאַפן און זייער פירער.

— איך האָב זיי קיינמאָל ניט געזען, טײַערע. קראַסוס האָט זיי געזען, פרעגט באַ אים.

— איך קען אײַך קיין שום מיינונג איבער קונסט ניט געבן — האָט קאַסוס געזאָגט, — נאָר די זאַכן האָבן געמוזט אויסזען אַזוי ווי מען רעכנט זיי זאָלן האָבן אויסגעזען. צוויי זײַנען זיי געווען. איינער איז געווען די געשטאַלט פון אַ שקלאַף, אַ פופצן מעטער די הייך, ווי איך רעכן. געווען איז עס אַ שטייענדיקע געשטאַלט, מיט די פיס צעשטעלט, וואָס האָט צעבראָכן די קייטן, אַזוי אַז זיי זײַנען פון אים אַראָפּגעהאָנגען. מיט איין האַנט האָט ער צו דער ברוסט צוגעדריקט אַ קינד און אין דער צווייטער האַנט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן אָרעם האָט ער געהאַלטן אַ שפּאַנישע שווערד. איינער איז ער געווען אַזאַ, און גערופן האָט מען אים קאַלאָס. געווען איז ער גאַנץ גוט געמאַכט, ווערליק איך זע, נאָר, ווי געזאָגט, בין איך ניט קיין ריכטער אין קונסט־זאַכן. נאָר געווען איז ער אויסגעפּירט פּאַשעט, און דער מאַן און דאָס קינד זײַנען געווען גוט אויסגעפֿורעמט, אַפילו אין די דעטאַלן, ווי די אַנגעמאַזאַליעטע ערטער און די ווונדן, וואָס די קייטן רײַבן אָן. איך געדענק דער יונגער גאַיוס טאַנעריאַ האָט מיר אַנגעוויזן אַף דער שווערער אויסוויקלונג פון דעם שקלאַפס אַקסלען און אַף די אויפגעלאָפענע אָדערן פון די הענט, ווי מען זעט דאָס באַ פּויערים. ווי איר ווייסט, האָט ספּאַרטאַקוס געהאַט מיט זיך אַ סאַך גריכן און גריכן זײַנען זייער פעיִק צו די זאַכן. זיי האָבן קיינמאָל ניט געהאַט די געלעגנהייט אים אויסצומאָלן און עפּשער האָבן זיי ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו באַקומען פאַרבן. נאָר אין אַלגעמיין, האָט ער דערמאַנט אַן די אַלטע סטאַטועז, וואָס מען זעט אין אַטען, און די פאַרב איז פון זיי אַראָפּ, און איך בין מאַסקים מיט קאַיוס, אַז אין דעם פאַרם זײַנען זיי זייער אָנגענעם... און אויך זייער ביליק.

„דער צווייטער מאָנומענט איז ניט געווען אַזאַ הויכער; די פיגורן האָבן געהאַט ניט מער ווי זיבן מעטער די הייך, אָבער אויך די זײַנען געווען גוט געמאַכט. געווען זײַנען עס דרײַ גלאַדיאַטאָרן, אַ טראַציער, אַ גאַל און אַן אַפריקאַנער. דער אַפריקאַנער, דאָס איז אינטערעסאַנט, איז געווען אויס־געהאַקט אין שוואַרצן שטיין, די אַנדערע צוויי פיגורן — ווײַסע. דער אַפריקאַנער איז געשטאַנען אין דער מיט, אַביסל העכער ווי די אַנדערע מיט דער דרײַ־שפּיציקער שפּיז איןביידע הענט. פון איין זײַט לעבן דעם אַפריקאַנער איז געשטאַנען דער טראַציער מיט אַ קינזשאַל אין דער האַנט,

און פון דער צווייטער זײַט דער גאַל, מיט אַ שווערד. געווען זײַנען זיי גוט אויסגעפּירט און עס איז קענטיק געווען אַז זיי האָבן געקעמפט, וואָרעם געהאַט האָבן זיי שניטן אויף די הענט און אויף די פיס. הינטער זיי איז געשטאַנען אַ פרוי... און זייער אַ שטאָלצע. זיי זאָגן, אַז וואַריניע האָט געדינט פאַר אַ מאָדעל. די פרוי האָט געהאַלטן אין איין האַנט אַ לאָפּעטע און אין דער צווייטער אַ קירקע. איך מוז מודה זײַן, אַז איך האָב קיינמאָל ניט געקענט פאַרשטיין דעם באַטײַט דערפון.

— פאַרוואָס האָט מען געמוזט צעברעכן די מאָנומענטן? — האָט העלענע געפרעגט.

— האָבן מיר געקענט לאָזן גאַנץ זייערע מאָנומענטן? — האָט גראַקוס געענטפערט. — האָבן מיר זיי דאָרט געדאַרפט לאָזן שטיין זיי זאָלן פּראָקלאַמירן פאַר אַלעמען: „אָט דאָס האָבן די שקלאַפן געמאַכט”?

— רוים איז גענוג שטאַרק זיך צו דערלויבן זיי זאָלן בלײַבן... יאָ, און זיי אויסשטעלן.

— זייער גוט געזאָגט! — האָט ציצעראָן אָנגעמערקט. נאָר קראַסוס האָט געטראַכט ווי ער האָט זיי דאָרט געזען שטיין מיט צען טויזנט פון זײַנע בעסטע מענטשן טויט אויסגעלייגטע אויפן פעלד, אַ פאַרגאָסנס מיט בלוט, בעיס די שקלאַפן האָבן פון דאָרט אַוועקגעשפּאַנט ווי אַ צעבייזערטער לייב, וואָס פילט זיך באַלעסטיקט נאָר קוים פאַרוונדיקט.

— ווי האָט אויסגעזען וואַריניעס סקולפּטור? — האָט גראַקוס געפרעגט אַזוי אַז די פראַגע זאָל אַרויסקומען וואָס צופעליקער.

— איך גלייב ניט, איך זאָל זי קענען גוט געדענקען. מען האָט זי געקענט אָננעמען פאַר אַ גערמאַנישער אָדער גאַלישער פרוי, מיט לאַנגע האָר, פאַרפלאָכטן און פאַרבונדן ווי עס טראָגן די גערמאַנישע און די גאַלישע פרויען. אַ גוטער ביוסט... אַן אָנגענעמע פרויען־פיגור, ווי די גערמאַנישע מיידלעך וואָס מען זעט הײַנט אויפן מאַרק און יעדער קויפט זיי גערן. עס איז, פאַרשטייט זיך, ניט באַקאַנט צי זי האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט וואַריניען אָדער ניט. אַזוי ווי אין אַלע אַנדערע זאַכן וואָס שײַעך ספּאַרטאַקוסן, ווייסן מיר קימאַט גאָרניט אויף ריכטיק. סײַדן עמעצער וויל פאַר זיך איבערשלינגען די גאַנצע פּראָפּאַגאַנדע און לאָזן די זאַכן גיין ווי זיי גייען. אַלץ וואָס איך ווייס מיקויעך וואַריניען, האָט מיר דערציילט דער דאָזיקער שמוציקער אַלטער „לאַניסט” באַטשיאַטאָ, און דערציילט האָט ער אַזוי ווייניק, סײַדן ווען בײַ אים האָט זיך די צונג אויפגעבונדן און דער גאַווער איז אים פונעם מויל געדונען ווען ער האָט גערעדט פון איר. אַזוי אַז זי האָט געמוזט זײַן זייער אַן אָנציִענדיקע...

— און אויך זי האָט איר געהייסן פאַרניכטן? — האָט העלענע אויסגעשריגן.

— קראַסוס האָט צוגעשטימט. ער איז ניט געווען פון די מענטשן וואָס לאָזן זיך לײַכט באַווירקן.

— מײַן טײַערע, — האָט ער זיך אָנגערופן צו העלענען, — איך בין

אַ זעלנער און האָב בלויז אויסגעפירט די באַפעלן פונעם סענאַט. איר וועט הערן אַנדערע זאָגן אַז די שקלאַפן־מילכאָמע איז ניט געווען קיין וויכטיקע. גאַנץ פאַרשטענדלעך מען זאָל אָנעמען אַזאַ קורס, וואָרעם רוים וועט גאָר ווייניק געווינען דערפון וואָס די וועלט וועט וויסן וויפל מי איר האָט געקאָסט אָקעגנצושטעלן זיך עטלעכע שקלאַפן. נאָר דאָ, אַף אָט דער אָנגענעמער טעראַסע, אינעם הויז פון מײַן טײַערן און גוטן פרײַנט אַנטאָניוס קאַיוס, מיט דער געזעלשאַפט וואָס מיר האָבן, מעגן מיר זיך דערלויבן פאַרגעסן די לעגענדעס. קיינער איז ניט אַזוי נאָענט געווען פון צעשטערן רוים, ווי ספּאַרטאַקוס. קיינער האָט זי ניט אַזוי שרעקלעך פאַרווונדיקט. איך האָב ניט בעדייע מײַן אייגענעם אויפטו צו פאַרגרעסערן. זאָל פּאָמפּעיוס זײַן דער העלד. און עס איז ניט אַזאַ גרויסע כאָכמע צו דערשטיקן שקלאַפן. נאָר דער עמעס בלײַבט אַן עמעס, און אויב די שטראָף־צייכנס זײַנען אײַך ניט אָנגענעם, גיט אַ טראַכט ווי אַזוי איך האָב מיך געפילט, ווען איך האָב געזען דאָס פלאַץ באַדעקט מיט רוימס בעסטע זעלנער אויסגעהאַרגעטע. אַזוי אַז איך האָב מיך אין קיין שום פאַרלעגנהייט ניט געפילט ווען איך האָב צעהאַקט די אויסגעשניצטע שטיינער וואָס די שקלאַפן האָבן געמאַכט. פאַרקערט, איך האָב געפילט אַ געוויסע באַפרידיקונג דערין וואָס איך האָב געטאָן. מיר האָבן פולשטענדיק צעשטערט זייערע בילדער און געבליבן איז פון זיי ניט מער ווי שטויב, אַזוי אַז קיין שפור זאָל פון זיי ניט בלײַבן. אַזוי אויך האָבן מיר צעשטערט ספּאַרטאַקוסן און זײַן אַרמיי, און אַזוי אויך וועלן מיר צעשטערן זײַן אָנדענק אַפילע און דעם אָנדענק דערפון וואָס ער האָט געטאָן. איך בין אַ גאַנץ פּאַשעטער מענטש און ניט גאָר קיין געלערנטער, נאָר דאָס ווייס איך. די אָרדענונג איז אַזאַ, אַז איין טייל רעגירט און די צווייטע דינט. אַזוי האָבן געהייסן די געטער, און אַזוי וועט עס זײַן.

איינע פון קראַסוסעס אייגנשאַפטן איז געווען, וואָס ער האָט געקענט דערמאָנען לײַדנשאַפט און אַליין פון איר ניט פאַרכאַפּט ווערן. זײַן אָנגענעמע און פעסט-מיליטערישע אויסבילדונג האָט אַרײַנגעבראַכט אַ געהויבענעם טאָן דערין וואָס ער האָט דערציילט. געווען איז ער דאָס פּערפעקטע בילד פון דעם בראָנדזענעם שפּאַרבער פון דער רעפּובליק.

גראַקוס האָט געקוקט אַף אים פון אונטער זײַנע אַראָפּגעלאָזטע וויעס. געזעסן איז ער און האָט געקוקט אַף יעדן איינעם פון זיי; דערזען האָט ער דאָס רויב־דאָרשטיקע פאַרשפּיצטע פּאָנעם פון ציצעראָנען, דעם יונגן פּאַצעט קאַיוס, העלענען, די שווײַגנדיקע יוליע, אַ לײַדנדיקע און דאָך אין אַ געוויסער מאָס קאָמיש, קלאַודיען, אַ צאַרטע און אַ צופרידענע; אַנטאָניוס קאַיוס — און קראַסוס — אַף אַלעמען האָט ער געקוקט און אַלעמען האָט ער אויסגעהערט, און האָט ווידער געטראַכט וועגן דעם ווי אַזוי די סענאַט־קאָמיסיע איז צו אים געקומען ווען ער האָט פאַרלאָזט די קאָמער. דאָס איז, קענטיק, געווען דער אָנהייב... ווען מען האָט אַרויסגעשיקט קעגן

די שקלאַפן די זעקס קאָהאָרטעס. און דעם אָנהייב וועט מען פאַרגעסן, ווי מען וועט פאַרגעסן דעם סאָף, ווי קראַסוס האָט געזאָגט. סײַדן — ווי עס קען גאַנץ ווויל געשען — דער סאָף דאַרף ערשט קומען.

IV

צוערשט האָט דער סענאַט אָנגענומען דעם באַשלוס טייקעף אַרויסצושיקן די זעקס קאָהאָרטעס קיין קאַפוא אַף צו דערשטיקן דעם שקלאַפן־אויפשטאַנד. דאָס איז געווען דער באַשלוס, וואָס גראַקוס האָט זיך אים קעגנגעשטעלט און אָנגענומען האָט מען אים, אין אַ געוויסער מאָס, קעדיי אים צו לערנען עלעמענטאַרע אונטערטעניקייט. אין דער שײַן פון די ווײַטערדיקע געשעענישן פלעגט גראַקוס דערמאָנען דעם איניען אונטערטעניקייט מיט אַ געוויסער ביטערער צופרידנקייט. יעדע שטאָטישע קאָהאָרטע איז באַשטאַנען פון פינף הונדערט מיט זיבעציק זעלנער, באַוואָפנטע, ווי אין דורכשניט אַלע לעגיאָנערן, נאָר אַביסל בעסער און געקאָסט האָט עס טײַערער. די שטאָט איז אַ גוט אָרט צום וווינען. די לעגיאָנערן פלעגט מען אַוועקשיקן אין די ווײַטסטע ווינקעלעך פון דער וועלט און זייער אָפט פלעגן זיי פון דאָרט צוריק ניט קומען און זייערע קוואָרים טרעפן אַף פרעמדער ערד, אָדער צוריקקומען מיט פינף, צען און אַפילע מיט פופצן יאָר שפעטער. די לעגיאָנערן פלעגן שפאַנען גאַנצע טעג מיט אַ הויכן שפרײַז, זיי האָבן געשוויצט און געאַרבעט, געלייגט וועגן און געבויט שטעט אַף ווייסטע ערטער און פון די גרויסע „אורבס״ פלעגט אָפט בלויז אַ געדעכעניש בלײַבן. די שטאָטישע קאָהאָרטעס האָבן געלעבט אין וווילטאָג, עס האָט די זעלנער קיינמאָל קיין מיידל ניט געפעלט, קיין ווײַן און קיין שפיל. אַ שטאָטישער זעלנער איז אַפילע אַ פאָליטישער פאַקטאָר געווען. עס האָט אים קיינמאָל ניט געפעלט אַ טרינק־געלט וואָס האָט אים די הענט באַשמירט. אַ סאַך זייערע האָבן אפילע שיינע וווינונגען געהאַט אַף דער צײַט וואָס זיי זײַנען ניט געווען אין דינסט. און געווען זײַנען אַזעלכע וואָס האָבן צו זייער באַדינונג געהאַט צו זעקס שקלאַפן. אין שטאָט פלעגט מען דערציילן פון איינעם אַ זעלנער וואָס האַלט אויס פערצן קעפסווײַבער אין אַ גרויסן רוימישן דעפאַרטאַמענט און מאַכט געשעפט פון האָדעווען קינדער ביז זעקס יאָר זיי צו פאַרקויפן אַפן מאַרק. מען פלעגט אַ סאַך אַזעלכע געשיכטעס דערציילן.

זיי פלעגן טראָגן רײַכע מונדירן און אָנגעפירט האָבן די קאָהאָרטעס יונגעלײַט פון פײַנע מישפאָכעס, וואָס האָבן געמאַכט אַ קאַריערע אין דער אַרמיי; נאָר געוואָלט האָבן זיי, אַז די קאַריערע זייערע זאָל זײַן נאָענט פון די טעאַטערס, פונעם צירק, פון די בעסטע רעסטאָראַנען. די העלפט פון זיי זײַנען געווען קאַסיוסעס גוטברידער און ער אַפילע פלעגט אַמאָל טראַכטן פון בעטן אַזאַ אַמט, נאָר באַלד פלעגט ער כאַראָטע האָבן, ווײַל ער איז דערצו פיזיש ניט צוגעפאַסט. אַט דער מין אַמט און אויך די פראַקטיק

פון די קאָהאָרטעס צו דעפילירן בײַ די צערעמאָניעלע אַקטן פון דער מעלד־כע, האָט געפירט צו אַ נאַטירלעכער קאָנקורענץ צווישן די יונגע קאַוואַלירן פאַר דער אָנפירונג מיט די בעסער אוניפאָרמירטע טיילן. די קויטיקע און שווייסיקע לעדערנע הויזן האָט מען אין שטאָט פאַרביטן אַף זעמשענע, פון פײַן־געגאַרבטן און פײַן־געפאַרבטן זאַמש. יעדער רעגימענט האָט געהאַט זײַן קאָליר און מען האָט דערלויבט טראָגן פעדערן אָפן קאַסק. די „הומעראַליאַס", בלעכן וואָס האָבן אַראָפגעהאנגען פון די אַקסלען אַף דער ברוסט און אָפן רוקן, זײַנען אָפט געווען מיט גאָלד און מיט זילבער געדעקט. די קאָהאָרטע האָט געטראָגן אַ פולן בראָנדזענעם פאַנצער־קאָמפלעט און יעדער רעגימענט האָט געהאַט זײַן באַזונדערן שטיוול, אָפט איבער די קני און באַצירט מיט קליינע זילבערנע גלעקלעך. די מעשענע כאַליעוועס, וואָס די גרענעץ־לעגיאָנען האָבן שוין לאַנג פאַרוואָרפן, מאַכמעס עס איז שווער געווען צו שפאַנען גאַנצע טעג מיט די פיס אין די מעטאַלענע קאַסטנס אײַנגעפאַסט, האָבן נאָך אין שטאָט געניצט העכער אַ העלפט רעגימענטער, און יעדער רעגימענט האָט געהאַט אַ באַזונדער פאָרעם פאַר די שילדן וואָס זיי האָבן געטראָגן. די קוואַליטעט פון זייער געווער און באַפאַנצערונג האָט צו זיך קיין גלײַכן ניט געהאַט אין גאַנץ איטאַליע. און זיי זײַנען אויך ניט געווען שלעכט טרענירט. צו יענער צײַט פלעגן די קאָהאָרטעס טאָגטעגלעך דורכפירן געניטונגען. מען פלעגט זיי געוויינטלעך מושטירן יעדן פרימאָרגן אינעם „צירקוס מאַקסימוס", וואָס איז צו יענער צײַט געווען אַן אָפן פלאַץ פאַר פערד־געיעג אין דער נידער פונעם „וואַליס מורציאַ" און עס איז אַ פאַרגעניגן געווען צו זען ווי זיי מאַכן זייערע באַוועגונגען צום טאַקט פון דער מוזיק, פון הונדערט פלייטן געשפילט. יעדן פרימאָרגן פלעגט אַרום דעם פלאַץ פול זײַן מיט רוימישע ייִנגלעך, וואָס פלעגן מיט גרויס האַנאָע און קינע צוקוקן דעם מיליטערישן ספעקטאַקל.

נאָר דער עמעס איז, אַז די קאָהאָרטעס זײַנען ניט געווען קיין לעגיאָנען און איין זאַך איז שלאָגן אַ הונגעריקן און פאַרצווייפלטן האַמוין ליידיקגייער אָדער צעטרײַבן אַ פאָליטישן געדרענג אין די שמאָלע שטאָטישע גאַסן און עפעס אַנדערש איז שלאָגן זיך מיט באַוואָפנטע שפאַניער אָדער גאַלן, גערמאַנער אָדער טראַציער אָדער ייִדן אָדער אַפריקאַנער. איצט, הייסט עס, האָט זיך עס געהאַנדלט פון אַ הײַפל אויפגעשטאַנענע שקלאַפן און, מיט אַלע זייערע פעלערן, זײַנען זעקס שטאָטישע קאָהאָרטעס דרײַ טויזנט פינף הונדערט רוימישע זעלנער. גראַקוס אַפילו האָט טיילווײַז צוגעשטימט. צוליב פרינציפיעלע מאָטיוון איז ער געווען קעגן דעם אַז די קאָהאָרטעס זאָלן פאַרלאָזן די שטאָט־מויערן אַף ווײַטער ווי אַ מעסלעס גאַנג. נאָר געווען זײַנען אין שטאָט זיבן און צוואַנציק קאָהאָרטעס און אַפילו גראַקוס האָט מאַסקים געווען, אַז זיי קענען טאָן דאָס וואָס זיי דאַרפן טאָן. זײַן קעגנערשאַפט האָט זיך מער ווי אַלץ גענומען פון זײַן מוירע פאַר אַט די פאָליטישע רעגימענטער, וואָס באַשטייען ניט פון פויערים, נאָר פון שטאָטיש געבוירענע ליידיקגייער, געוויסנלאָזע, פאַראַזיטן

און דעגענעראַטן, מענטשן אָן שום אויסזיכטן, וואָס לעבן אויפֿן ראַנד און גרענעצן מיט דער שקלאַפֿן־מאַסע, וואָס אויף איר שטייט די געזעלשאַפֿט, און פֿון אַ הײַפֿל אייבערשטע האַרן. זיי זײַנען מער פֿון די רוימישע אַרבעטער, פֿון דעם ביסל באַלמעלאָכעס און קרעמער. זייער לעבן פֿאַטערן זיי אין גאַס אָדער אין צירק; זיי לעבן פֿון טרינקגעלט, שפּילן אין קאָרטן, שטעלן אויף פֿערד, פֿאַרקויפֿן זייערע שטימען באַ יעדן וואַל־אַקט, ווערגן אָפּ זייערע קינדער באַם געבוירן, קעדיי זיי ניט צו דאַרפֿן האָדעווען, זיצן שעהן לאַנג אין די בעדער און וויגנען אין די קויטיקע פּיצלעך וויגנוגען פֿון די הויכע שכייניםֿ־הײַזער... און פֿון זיי זײַנען צוזאַמענגעשטעלט די שטאָטישע קאָהאָרטעס.

אויף מאָרגן נאָכדעם ווי דער סענאַט האָט אָנגענומען דעם באַשלוס, האָבן פֿאַרטאָג אַרויסגעשפּאַנט די זעקס קאָהאָרטעס. די אָנפֿירונג האָט מען אָנגעטרויט אַ יונגן סענאַטאָר, וואַריניוס גלאַבראַ. מען האָט אים איבערגעגעבן דעם לעגאַט־צייכן און מען האָט אים באַשטימט פֿאַר דירעקטן פֿאַרטרעטער פֿונעם סענאַט. אין רוים האָבן ניט אויסגעפֿעלט קיין עלטערע מענטשן מיט מער מיליטערישער עקספּעריענץ, נאָר שוין יאָרן אַז רוים איז צעפֿרעסן פֿון אַן איבערלעכן קאַמף פֿאַר דער מאַכט און דער סענאַט האָט מורע געהאַט די אָנפֿירונג זאָל ניט אַרײַנפֿאַלן אין פֿרעמדע הענט. וואַריניוס גלאַבראַ, כאָטש אַ טיפּעש, איז אָבער פּאָליטיש זיכער.

ער איז צו יענער צײַט אַלט געווען נײַן און דרײַסיק יאָר און פֿון דער מוטערס זײַט האָט ער געהאַט אויסגעצייכנטע פֿאַמיליען־פֿאַרבינדונגען. ער איז ניט געווען אָן אַ גרונד אַמביציעז און סײַ ער, סײַ די פֿאַמיליע האָבן די באַשטימונג אויפֿגענומען ווי אַ געלעגנהייט זיך צו דערווערבן אַ נאָמען אָן שום אײַנשטעלעניש. מיט זײַן אויסוואַל האָט די סענאַט־מערהייט פֿאַרזיכערט איר פּאָזיציע מיט אַ גאַנצער טייל פּאַטריציער באַפֿעלקערונג. די אָפֿיצירן אונטער זײַן אָנפֿירונג האָבן באַדאַרפֿט טאָן אַלץ אין מיליטערישן זין, און וואָס שײַעך די ווינציקע באַשלוסן וואָס ער וועט דאַרפֿן אָננעמען, האָט מען אים געגעבן אויסדריקלעכע און גענוי רעדאַקטירטע אינסטרוקציעס. זײַנע מענטשן דאַרף ער פֿירן קיין קאַפּואַ מיט שלאַכט־טראָט, דאָס מיינט פֿינף און דרײַסיק קילאָמעטער דורכן טאָג. די גאַנצע שטרעקע דאַרף ער דורכמאַכן מיט דער וויאַ אַפּיאַ, דאָס מיינט אַז ער וועט האָבן קאָנוואָיען, וואָס וועלן אים פֿירן שפּײַז און וואַסער, וואָס געוויינטלעכע לעגיאָנערן טראָגן עס אויף ד אייגענע פּלייצעס. ער דאַרף אויפֿשלאָגן די ביוואַקן אויסער די מויערן פֿון קאַפּואַ און אין שטאָט פֿאַרבלײַבן ניט מער ווי איין טאָג אויף צו באַקומען יעדיעס וועגן דעם פֿאַרשריט וואָס די שקלאַפֿן האָבן געמאַכט נאָכן אויפֿשטאַנד און צוגרייטן די פּלענער ווי צו אים אַ סאָף צו מאַכן. דערנאָך דאַרף ער וועגן זײַנע פּלענער צו וויסן געבן דעם סענאַט, נאָר ניט וואַרטן מיט זייער אָנווענדונג אויף אַ באַשטעטיקונג. ער דאַרף אָנגרײַפֿן ווי אים וועט זײַן באַקוועמער, נאָר ער דאַרף טאָן אַלץ וואָס מעגלעך צו פֿאַרכאַפּן די אָנפֿירער פֿונעם אויפֿשטאַנד און זיי ברענגען,

מיט וויפל נאָר געפאַנגענע ער וועט קענען, קיין רוים, קעדיי זיי עפנטלעך צו מישפּעטן און באַשטראָפן. אויב דער ראָט אין קאַפּוא וועט פאָדערן שטראָף־צייכנס, האָט ער דאָס רעכט צו קרייציקן צען שקלאַפן אויסער יענער שטאָט, אָבער נאָר אין דעם פאַל ווען די צאָל וועט אויסמאַכן ווייני־קער ווי אַ העלפט פון די געפאַנגענע. לויט אַן אויסדריקלעכער פאַראָרדע־נונג פונעם סענאַט, גייט איבער דאָס גאַנצע אייגנטום־רעכט אַף די שקלאַפן צום סענאַט און פאַראָרדנט האָט מען וואַריניוסן ער זאָל ניט אַננעמען קיין שום מאַנונגס־באַקאַשע בענעגייע דעם אייגנטום, נאָר עס איז אים דערלויבט אָנצונעמען אַפּעלאַציעס אַף צוצושטעלן דער מאַנונגס־קאָמיסיע.

דאָס אַלץ איז געווען פאַר דעם ווי מען האָט אין רוים געהאַט אַ וועלכן אָנדײַט וועגן דעם ווער עס פירט אָן מיט דעם אויפשטאַנד. דער נאָמען ספּאַרטאַקוס איז נאָך ניט באַקאַנט געווען און מען האָט נאָך גענוי ניט געוווּסט אַף וואָס פאַר אַן אויפן דער אויפשטאַנד איז פאָרגעקומען אין באַטשיאַטאַס שול. די שטאָטישע קאָהאָרטעס האָבן זיך אויסגעשטעלט צום דעפילירן ווי נאָר עס האָט געגומען טאָגן, נאָר געווען איז אַ געוויסער אָפּהאַלט צוליב אַ סיכסעך צווישן די אָפיצירן איבער דעם אָרט וואָס זייערע קאָהאָרטעס דאַרפן פאַרנעמען. די זון איז שוין געשטאַנען גאַנץ הויך אין הימל ווען זיי האָבן גענומען אַרויסשפּאַנען. די אויפהײַטערנדיקע מיליטערישע מוזיק פון די פּויקן און פלייטן האָט זיך געהערט איבער דער גאַנצער שטאָט, און ווען זיי זײַנען צוגעקומען צו די טויערן, איז שוין דאָרט געווען פאַרזאַמלט אַ גרויסער האַמוין, וואָס איז געקומען קוקן ווי זיי טרעטן אַרויס.

גראַקוס געדענקט דאָס זייער גוט... גאַנץ גוט. ער מיט נאָך צוויי סענאַטאָרן זײַנען צוגעשטאַנען צום האַמוין בײַ די טויערן, און ער געדענקט דעם שיינעם ספּעקטאַקל ווען די קאָהאָרטעס האָבן גענומען אַרויסמאַרשירן, די מוזיק האָט געשפּילט, די פאָנען האָבן געפלאַטערט, די שטאַנדאַרטן שטאָלץ אויפגעהויבן, די באַפּעדערטע קאַסקן פון די זעלנער האָבן זיך געוויגט בעיסן מאַרשירן, און וואַריניוס בעראָש פון דער קאָלאָנע מיט אַ לאַקירטן בראָנדזענעם ברוסט־העמד, איז געריטן אַף אַ שיינעם ווײַסן פערד און האָט מיט דער האַנט געגריסט דעם האַמוין, וואָס האָט אים אַקלאַמירט. נישטאָ נאָך אַזאַ ריירנדיקע זאַך אין דער וועלט ווי אַ דעפּיליע פון גוט דיסציפּלינירטע זעלנער. גראַקוס, וואָס אַן עמעס, געדענקט עס זייער גוט.

V

אָט ווי צום סענאַט איז דערגאַנגען דער נאָמען ספּאַרטאַקוס און גראַקוס דערמאָנט זיך ווען ער האָט אים צום ערשטן מאָל געהערט. מעגלעך אַז דאָס איז אויך געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס מען האָט דעם נאָמען צום ערשטן מאָל אָפן הויכן קאָל אַרויסגערעדט אין רוים. אינעם ערשטן באַריכט וואָס וואַריניוס האָט מיט אַ שנעלן שעליעד אַרויסגעשיקט פון

קאפּוּא קיין רוים, ווערט ער דערמאָנט פון דער האַנט און עס ווערט אים קיין באַדײַטונג ניט צוגעגעבן. וואַריניוסעס באַריכט איז אייגנטלעך געווען ניט קיין אינספּירירטער. ער הייבט זיך אָן מיט דער רוטינערער פאָרמול: „זאָל דער נאָבעלער סענאַט באַווייליקן” און גייט איבער צו אַ פּראַטימ־דיקע באַשרײַבונג פון די פּאַראַינצידענטן וואָס האָבן פּאַסירט בעייסן מאַרש מיט דער וויאַ אַפּיאַ און צו די יעדיעס, וואָס ער האָט אויפגענומען אין קאַפּוּאַ. די הויפּט־געשעעניש בעייסן מאַרש איז געווען דאָס וואָס די דרײַ קאַהאָרטעס וואָס האָבן געטראָגן מעשענע כאַליעווען, האָבן זיך אַנגעריבן שרעקלעכע ווונדן אַפן פוס־געלענק. וואַריניוס האָט באַשלאָסן אַפּלאָזן זיך פון די מעשענע כאַליעוועס און זיי צוריקשיקן קיין רוים. נאָר די אָפיצירן פון די געליטענע קאָהאָרטעס האָבן געטײַנעט, אַז דער באַשלוס איז אַ מיי־נערונג פאַרן קאָוועד פון זייערע רעגימענטן, אַז זייערע מענטשן זײַנען באַליידיקט, און אַז דעם גאַנצן איניען קען מען דערליידיקן מיט אײַנשמירן די צעוויטיקטע זעלנערישן פיס מיט אַ ביסל אייל. וואַריניוס האָט נאָכ־געגעבן די פּראָטעסטן און אַלס רעזולטאַט דערפון האָט מען געמוזט איבער־לאָזן אין קאַפּוּאַ העכער הונדערט מענטשן, וואָס האָבן זיך נישט געקענט באַטייליקן אין די מיליטערישע אַקציעס. נאָך אייניקע מייעס זעלנער האָבן געהונקען, נאָר דאָס, האָט מען געהאַלטן, שטערט זיי ניט אַנטייל צו נעמען אינעם פעלדצוג קעגן די שקלאַפן. (גראַקוס האָט דעמאָלט געגעבן אַ שפּרונג אונטער באַם וואָרט פעלדצוג.)

וואָס שייעך דעם אויפשטאַנד, האָט וואַריניוס, קענטיק, זיך געוואַקלט, צי ער זאָל נאָכגעבן זײַן פּאַרלאַנג אַנצוגעבן די פאַקטן — וואָס דאָס האָט ער מער אָדער ווייניקער געטאָן — אָדער אויסנוצן די געלעגנהייט אויף צוּען נוצן פאַר זײַן אייגענעם פּרעסטיזש, און דאָס מיינט, אַז דערמיט האָט ער זיך זייער אַ סאַך אָפּגעגעבן. ער האָט בײַגעלייגט אַ דערקלערונג פון באַטשיאַטאָן מיקויעך די פּאַרגעשעענישן פאַרן אויפשטאַנד און האָט אָנ־געוויזן, אַז „דער אויפשטאַנד ווערט אָנגעפירט פון איינעם אַ ספּאַרטאַקוס, אַ טראַציער, און פון אַ צווייטן, קריקסוס, אַ גאַל”. ביידע זײַנען זיי גלאַ־דיאַטאָרן. נאָר פונעם באַריכט האָט מען ניט געקענט וויסן פון וויפל גלאַדיאַ־טאָרן עס האַנדלט זיך. וואַריניוס האָט אָנגעגעבן אַז דרײַ פּלאַנטאַציעס האָט מען אונטערגעצונדן; אַז די שקלאַפן זײַנען אויסער יעדן סאַפעק טרײַ זייערע האַרן, נאָר מיט טויט־דראָונגען האָט מען זיי געצוווּנגען אַנשליסן זיך צום אויפשטאַנד. די וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט, האָט מען אָפן אָרט דערמאָרדעט. (דאָ האָט גראַקוס דעם קאָפּ אָנגעבויגן. קיין אַנדער אויפן איז ניט געווען.)

צוויי גוטבאַזיצער האָבן געפּרווּט אַנטלויפן קיין קאַפּוּאַ, נאָר די אויפגעשטאַנענע האָבן זיי פאַרכאַפּט אין וועג און האָבן זיי דערהאַרגעט און זייערע שקלאַפן געצוווּנגען זיך אָנצושליסן צום אויפשטאַנד. אַכוצדעם זײַנען אייניקע אומצופרידענע שקלאַפן פון דער געגנט אַנטלאָפן און צוגע־שטאַנען צו די אויפגעשטאַנענע. וואַריניוס האָט בײַגעלייגט אַ לאַנגן צעטל מיט ווילדע מעשׂים, וואָס די שקלאַפן, ווי ער האָט געשריבן, זײַנען באַ־

גאַנגען און אין באַזונדערע דאָקומענטן האָט ער בײַגעלייגט דרײַ אײדעס־דערקלערונגען וועגן דעם. די אײדעס־דערקלערונגען האָבן אָנגעגעבן נאָך אַנדערע פון די שקלאַפן באַגאַנגענע ווילדקייטן.

פאַרענדיקט האָט ער, אַז ווי אים איז באַקאַנט, האָבן די שקלאַפן זייער הויפּט־קוואַרטיר אײַנגעשטעלט אַף די ווילדע פעלדזיקע רוקנס פון נעם באַרג וועזוּוויוס און ער קלײַבט זיך טייקעף אַרויסמאַרשירן אַהין אַרויפצווינגען דעם ווילן פונעם סענאַט.

דער סענאַט האָט דעם באַריכט באַקומען און אָנגענומען. אַכוצדעם, האָט מען אַרײַנגעטראָגן אַ פּראָיעקט פאַר אַ רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן, אַז אַ צאָל פון אַכצן שקלאַפן, וואָס מען האָט געהאָט באַשטימט זיי אָוועקצושיקן אין די מינען, זאָל אָפגעגעבן ווערן פאַר שטראָפצייכנס, קעדיי די שקלאַפן פון דער „אורבס" זאָלן זען און דאָס זאָל זיי זײַן אַ וואָרענונג און אַ בײַשפּיל פון דעם גורל וואָס דערוואַרט זיי". אינעם זעלביקן טאָג האָט מען די אומגליקלעכע געקרייציקט אָפן פּלאַץ פונעם „צירקוס מאַקסימוס" צווישן איין וועט־לויף און דעם צווייטן. און געהאָנגען האָבן זיי ווען דער פאָוואָריט [illegible] דעם מאָמענט, „אַריסטאָנעס", אַ פּרעכטיקער פּראָדוקט פון פאַרציאָן, האָט אומגעריכט פאַרלוירן דעם געוועט צו „קאַראָס", אַ נובישן פּראָדוקט, און האָט צו באַנקראָט געבראַכט אַ גרויסע טייל פון די רוימישע פערד־שפּילער.

נאָר זעקס טעג נאָכאַנאַנד איז קיין יעדיעה ניט געווען פון וואַריניוס און ניט פון די שטאָטישע קאָהאָרטעס. און נאָך אָט דער צײַט, איז געקומען אַ קורצע יעדיעה: די שטאָטישע קאָהאָרטעס זײַנען צעקלאַפּט געוואָרן פון די שקלאַפן. געווען איז עס אַ קורצער באַריכט אָן שום פּראָטים, און פיר און צוואַנציק שאָ נאָכאַנאַנד האָט דער סענאַט און די שטאָט מיט שפּאַנונג געוואַרט אַף ווײַטערדיקע יעדיעס. אַלע האָבן גערעדט וועגן אַ נײַעם שקלאַפן־אויפשטאַנד, נאָר קיינער האָט גאָרניט ניט געוווּסט. דאָך איז אַ פּאַכעד באַפאַלן די שטאָט.

IV

דער סענאַט איז זיך צוזאַמענגעקומען צו אַ פּלענאַרער זיצונג באַ געשלאָסענע טירן און אין דרויסן האָט דער האַמוין פול געמאַכט דעם פּלאַץ פאַרן סענאַט און די גאַסן וואָס פירן צו אים זײַנען פאַרשטעלט און אַלערליי קלאַנגען גייען אום איבער דער שטאָט, וואָרעם איצט ווייסט שוין דער סענאַט וואָס מיט די שטאָטישע קאָהאָרטעס האָט פּאַסירט.

אַ פּאָר בענק בלויז זײַנען געווען ניט פאַרנומען. גראַקוס טראַכט זיך, ווען ער דערמאָנט זיך אָן אָט דער זיצונג, אַז אין אַזוינע מאָמענטן — מאָמענטן פון קריזיס און טרויעריקע יעדיעס — איז דער סענאַט לײַטישער. באַ די זקיינים וואָס זיצן און שווײַגן, אין זייערע טאָגעס אײַנגעהילט, קוקט פון די אויגן אַרויס אַ זאָרג, נאָר אָן מוירע, און באַ די יונגע מערקט זיך אַף די פּנעמער אַ האַרטקייט און אַ צאָרן. נאָר אַלע האָבן זיי דעם פולן

באַוווּסטזײַן פון דער כשיוועס פונעם רוימישן סענאַט, און בײַ אַזאַ פאַל, קען גראַקוס אַן אַ זײַט אָוועקלייגן זײַן ציניזם. ער קען די מענטשן, ער ווייס ווי ביליק און מיט וואָסערע מיטעלע מיטלען זיי האָבן זייערע בענק דערוואָרבן און סאַראַ שמוציקן פּאָליטישן שפּיל זיי שפּילן. ער קען זיי אַלעמען און קען יעדן פּראַט פון דעם שמוץ, אין וועלכן זיי נעסטן און דאָך איז ער גערירט און איז שטאָלץ דערויף וואָס ער פאַרנעמט אַ פּלאַץ צווישן זיי.

ער איז ניט דער מענטש וואָס זאָל זיך שמעלצן אין זײַן אייגענעם ניצאָכן. דעם ניצאָכן קען מען ניט אָפּטיילן פון דאָס וואָס שטייט זיי איצט פאַר די אויגן, און דערפאַר אויך האָט מען אים אויסגעקליבן פאַר „סענאַטאָר אינקוועזיטאָר” (אויספרעגער) און ער טראָגט איצט זייער זאָרג און האָט אַן אַ זײַט אָוועקגעלייגט זײַן אייגענעם קליינעם ניצאָכן. ער האָט פאַרנומען זײַן פּלאַץ, פון פאָרנט פאַר זיי און האָט שטייענדיק אויסגעמערקט אַ צוריקגעקומענעם רוימישן זעלנער. דער זעלנער איז אַן אויפגעוואַקסענער און אַן אויסגעהאָדעוועטער אין די שטאָטישע גאַסן און געסלעך, נאָר דעם ערשטן מאָל אין זײַן לעבן שטייט ער איצט אין דער געשטרעקטער פּאָזע פאַרן הויכן סענאַט, מיט זײַן אײַנגעשרומפּענעם פּאָנעם און בלויע אויגן, וואָס קוקן גנייוויש און אָנגעשראָקן, איין אויג אַ צוגעזשמורעטס, די צונג באַלעקט אָפּט זשעדנע די ליפּן, נאָך אײנעם פּאַנצער, נאָר אָן דעם געווער, ווי עס געהער צו שטיין פאַרן סענאַט, אַן אָפּגעראַזירטער און ווי ניט איז אַרומגערייניקט, נאָר מיט אַ פאַרבלוטיקטן באַנדאַזש אַפן אָרעם און זייער אַ פאַרמאַטערטער. גראַקוס האָט געטאָן דאָס וואָס אַן אַנדערער אַף זײַן אָרט וואָלט געטאָן. איידער ער איז צוגעטראָטן צום אָפיציעלן אויספרעגן, האָט ער באַפוילן אַ דינער ברענגען ווײַן און אָוועקשטעלן אַפן טיש לעבן דעם זעלנער. דער מענטש איז געווען שוואַך און גראַקוס האָט ניט געוואָלט ער זאָל דאָרטן פאַלן אין אָנמאַכט. נאָר דאָס אַלץ איז איבעריק געווען. דער מענטש האָט אין דער האַנט געהאַלטן דאָס עלפנביינערנע „לעגאַט”-שטעקעלע, אַ שטעקעלע, וואָס איז מעכטיקער געווען, ווי מען פלעגט זאָגן, ווי די מאַכט פון אַן אַרײַנדרינגענדיקער אַרמיי, דער אָרעם, די אויטאָריטעט און די מאַכט פונעם סענאַט.

— קענסט עס מיר איבערגעבן, — האָט גראַקוס אָנגעהויבן.

דער זעלנער האָט פון אָנהייב ניט פאַרשטאַנען און גראַקוס האָט בײַ אים גענומען דאָס שטעקעלע פון די הענט און האָט דאָס אָוועקגעלייגט אַפן אַלטאַר-טיש. גראַקוס האָט געפילט ווי עס ווערט אים דערבײַ ענג אין האַלדז און דאָס האַרץ פאַרקלעמט זיך אים. געקענט האָט ער קוקן מיט ביטל אַף מענטשן, וואָרעם מענטשן זײַנען ניט מער ווי מענטשן, אָבער ניט אַף דעם שטעקעלע, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די גאַנצע כשיוועס און מאַכט און גלאָר פון זײַן גאַנצן לעבן און די טעג ערשט האָט מען עס איבערגעגעבן וואַריניוסן.

און ער האָט געפרעגט דעם זעלנער:

— ווי רופט מען דיך?

— אַראַלוס פאַרטהאַ.
— פאַרטהאַ ?
— אַראַלוס פאַרטהאַ, — האָט דער זעלנער איבערגעכאַזערט.
איינער פון די סענאַטאָרן האָט צוגעלייגט די האַנט צום אויער און האָט געזאָגט :
— העכער. קען מען ניט ריידן העכער ? איך הער ניט.
— רייד העכער, — האָט גראַקוס געזאָגט, — קיינער וועט דיר קיין שלעכטס ניט טאָן. דו געפינסט זיך דאָ אין דער הייליקער סענאַט־קאַמער און וועסט זאָגן דעם גאַנצן עמעס אינעם נאָמען פון די אומשטערבלעכע געטער. רייד אָן שום מוירע.
דער זעלנער האָט דעם קאָפּ אַנגעבויגן און האָט צוגעשטימט.
— טרינק אַ ביסל וויין, — האָט גראַקוס געזאָגט.
דער זעלנער האָט אָנגעקוקט די פּענעמער, פּאָנעם נאָך פּאָנעם, פון דער דריי אומדערשיטערט רויִקע מענטשן אין ווײַסן אָנגעטאָן, וואָס זײַנען געזעסן אויף די שטיינערנע בענק ווי בילדער אינעם שטיין אויסגעשניצטע, און ער האָט מיט ציטערדיקע הענט גענומען זיך אָנגיסן אַ גלאָז ווײַן, אַ פולע ביז איבערגייין, און ער האָט זי אויסגעטרונקען און זיך ווידער די ליפּן באַלעקט.
— ווי אַלט ביסטו ? — האָט גראַקוס געפרעגט.
— פינף און צוואַנציק יאָר !
— ווו ביסטו געבוירן ?
— דאָ, אין דער „אורבס".
— האָסט אַ מעלאָכע אין דער האַנט ?
דער מענטש האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ.
— איך וויל דו זאָלסט מיר ענטפערן אויף אַלע מײַנע פראַגן. דאַרפסט ווייניקסטנס זאָגן, יאָ אָדער ניין. אויב דו קענסט ניט ענטפערן אויספיר־לעך, טו עס אויף דעם אויפן.
— ניין... איך האָב ניט קיין אַנדער מעלאָכע, אַחוץ מילכאָמע, — האָט דער זעלנער געזאָגט.
— צו וועלכן רעגימענט געהערסטו ?
— צו דער דריטער קאָהאָרטע.
— און ווי לאַנג ביסטו שוין זעלנער פון דער דריטער קאָהאָרטע ?
— זיבן צוויי יאָר און צוויי כאַדאָשים.
— און פריִער ?
— כ'האָב געלעבט פון נעדאָווועס.
— ווער איז געוועזן דער קאָמאַנדאַנט אין דער דריטער ?
— סילוויוס קאַיוס סאַלוואַריוס.
— און דײַן אָפיציר ?
—מאַריוס גראַקוס אַלוויוס.
— זייער וואויל, אַראַלוס פאַרטהאַ. איצט וויל איך דו זאָלסט מיר זאָגן, מיר און די האָנאָראַבלע סענאַטאָרן וואָס זיצן דאָ, גענוי, וואָס האָט

פּאַסירט נאָכדעם ווי דײַן קאָהאָרטע אײַנאײַנעם מיט די אַנדערע פינף, זײַנען אַרויסגעגאַנגען פון קאַפּואַ צו דאָרעם. דאַרפסט מיר זאָגן פּאָשעט און אָפן. קיין שום זאַך דערפון וואָס דו וועסט זאָגן, וועט ניט גענוצט ווערן קעגן דיר, און דאָ אין דער הייליקער קאַמער וועט דיר קיין בייז ניט געשען.

דער זעלנער האָט נאָך ניט געקענט רעכט אַ וואָרט מיט אַ וואָרט צונויפבינדן און פאַר גראַקוסן, וואָס זיצט מיט יאָרן שפּעטער אין דעם פרילינגדיקן פרימאָרגן אַף דער טעראַסע פון ווילאַ סאַלאַראַ, זײַנען די דערמאָנונגען פון דעם דראַמאַטישן און פײַנלעכן בילד, וואָס באַקומט זיך פון דעם זעלנערס ווערטער, קלאָרער ווי די ווערטער גופא. ניט קיין גאָר צופרידענע און ניט קיין גאָר באַגײַסטערטע אַרמיי איז דעמאָלט אַרויס פון קאַפּואַ צו דאָרעם אונטער דער פירונג פון וואַריניוס גלאַבראַ. דאָס וועטער איז דעמאָלט מיטאַמאָל הייס געוואָרן און די שטאָטישע קאָהאָרטעס וואָס זײַנען ניט געווינט געווען צו לאַנגע מאַרשן, האָבן שטאַרק געליטן. כאָטש געטראָגן האָבן זיי אַף זיך מיט צען קילאָ ווייניקער ווי עס פלעגן טראָגן בעייס די מאַרשן די לעגיאָנען־זעלנער, האָבן זיי אַף זיך געהאַט די מאַסע פון די קאַסקן מיט די פּאַנצערס, דעם שילד, די שווערד און די שפּיז. דאָרט וווּ די ראַנדן פון דעם אָנגעהיצטן מעטאַל האָבן זיי די הויט געריבן, זײַנען געוואָרן ווונדן און זיי האָבן באַלד אויסגעפונען, אַז די שיינע און גרינגע שטיוול פון די דעפּיליעס, וואָס זיי פלעגן טראָגן אַזוי שטאָלץ בעייס זיי פלעגן שפּאַנען הין און צוריק איבערן זאַמד פון דעם „צירקוס מאַקסימוס", זײַנען ניט אַזוי נוצלעך אַף די וועגן און אַף די פעלדער. די נאָכמיטאָג־רעגנס האָבן די זעלנער דורכגענעצט און ווען עס איז נאַכט געוואָרן, פלעגן זיי זיך פילן שלעכט געשטימט און פאַרביטערט.

גראַקוס האָט זיך גאַנץ קלאָר פאָרגעשטעלט ווי זיי שפּאַנען אין דער לאַנגער קאָלאָנע, שוין ווײַט פון דער וויאַ אַפּיאַ, אַף אַ שטויביקן וועג, די פערדן אָראָפּגעהאַנגען פון זייערע בראָנדזענע קאַסקן, און אַפילע זייער דערשטיקטן קלאָגן זיך אַף דער פאַרמאַטערונג. דאָס האָבן זיי דעמאָלט געכאַפּט די פיר שקלאַפן, דרײַ מענער און אַ פרוי, און זיי דערהאַרגעט.

— פאַרוואָס האָט מען זיי דערהאַרגעט? — האָט גראַקוס אים איבערגעריסן.

— מיר האָבן געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז יעדער שקלאַף אין יענער געגנט פונעם לאַנד איז קעגן אונדז.

— און אַז זיי זײַנען געווען קעגן אײַך, וויאַזוי זשע זײַנען זיי אַראָפּגעקומען פון די בערגלעך באַם וועג זען ווי איר מאַרשירט פאַרבײַ?

— איך ווייס ניט. דאָס האָט געטאָן די צווייטע קאָהאָרטע. זיי זײַנען אַרויס פון די רייען און האָבן געכאַפּט די פרוי. די מענער האָבן זי געוואָלט שיצן און דעמאָלט האָבן די זעלנער זיי דערשטאָכן מיט די שפּיזן. אין איין רעגע זײַנען די מענער געבליבן ליגן טויט אַפן אָרט, ווען איך בין געהאַט צוגעקומען...

— איז הייסט, עס, דײַן רעגימענט, אַרויס פון די רייען? — האָט גראַקוס געפרעגט.

— יאָ, מײַן האַר. די גאַנצע אַרמיי. מיר האָבן זיך אַרומגעשטעלט... ווען נאָר עס האָט באַוויזן צוצוקומען צו דעם אָרט, וווּ דאָס איז געשען. זיי האָבן באַ דער פרוי דאָס אָנטאָן אַראָפּגעריסן, האָבן זי אַ נאַקעטע אַף דער ערד אויסגעצויגן און איינער נאָכן צווייטן...

— ניט נייטיק זאָלסט עס מיר דערציילן מיט אַלע פּראַטים, — האָט גראַקוס אים איבערגעריסן, און האָט אים נאָר געפרעגט: — און די אָפּי־צירן האָבן זיך ניט אַרײַנגעמישט?

— ניין מײַן האַר.

— איך מיין צי זיי האָבן ניט געשטערט די זעלנער זאָלן עס טאָן און צי זיי האָבן עפּעס געזאָגט קעגן דעם.

דער זעלנער האָט אַ ווײַלע געשוויגן און ניט געענטפערט.

— איך וויל דו זאָלסט מיר זאָגן דעם עמעס. איך וויל דו זאָלסט קיין מוירע ניט האָבן צו זאָגן דעם עמעס.

— די אָפיצירן האָבן ניט געשטערט.

— ווי־אַזוי האָט מען דערהאַרגעט די פרוי.

— זי איז געשטאָרבן דערפון וואָס מען האָט איר געטאָן, — האָט דער זעלנער פּאַמעלעכן געענטפערט. דערנאָך האָט מען אים געמוזט ווידער הייסן ריידן, וואָרעם דאָס קאָל איז אים אינגאַנצן אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

ער האָט דערציילט ווי זיי זײַנען שטיין געבליבן אַף נאַכט. צוויי פון די קאָהאָרטעס האָבן אַפילע די געצעלטער ניט אויפגעצויגן. די נאַכט איז געווען אַ וואַרעמע און די זעלנער האָבן זיך אַוועקגעלייגט אונטערן אָפּע־נעם הימל. אַף דעם שטעל האָט מען אים איבערגעריסן.

— האָט דער קאָמאַנדאַנט געפרווט אויפשטעלן אַ פּאַרטיפיצירטן לאַ־גער? דו ווייסט ניט צי ער האָט עס געטאָן אָדער ניט?

עס איז געווען אַ שטאָלץ פון דער רוימישער אַרמיי, אַז קיין איין לע־גיאָן איז ניט שטיין געבליבן ערגעץ, מעג זײַן אַף איין נאַכט, אָן אַן אויפּ־געשטעלטן פּאַרטיפיצירטן לאַגער, מיט אַ פלויט אַרום אָדער מיט ערדענע ווענט, גריבער, פּאַוועליאָנען פאַר געווער, אָרגאַניזירט ווי אַ קליינער שלאָס אָדער ווי אַ שטאָט.

— איך ווייס וואָס מענטשן האָבן געזאָגט.

— דערצייל.

— מען האָט געזאָגט, אַז וואַריניוס גלאַבראַ האָט געוואָלט מען זאָל דאָס מאַכן, נאָר די רעגימענט־קאָמאַנדאַנטן האָבן זיך קעגנגעשטעלט. זיי האָבן געזאָגט, אַז אַפילע די קאָמאַנדאַנטן וואָלטן מאַסקים געווען, האָבן מיר ניט געהאַט קיין ערד־גרעבער און עס האָט קיין שום זין ניט דער גאַנצער פּלאַן. מען האָט געזאָגט... איך בעט דעם נאַבעלן...

— דערצייל וואָס מען האָט געזאָגט, האָב גאָר קיין מוירע ניט.

— זיי האָבן געזאָגט, אַז דער אויפן ווי מען האָט געמאַכט דעם פּלאַן האָט קיין שום זין ניט און קיין שום ווערט ניט. די אָפיצירן האָבן געזאָגט, אַז אַ הײַפל שקלאַפן איז קיין שום סאַקאָנע ניט. עס איז שוין נאַכט גע־ווען און ווי איך האָב געהערט, האָבן די אָפיצירן צווישן זיך געשמועסט,

אַז וואַריניוס גלאַבראַ וויל אַ פּאַרטיפיצירטן לאַגער, ווײַל ער וויל אָפּשטעלן דעם מאַרש. די מענטשן האָבן אויך אַזוי געזאָגט. דאָס איז געווען דער ערגסטער שטיק וועג פונעם גאַנצן טאָג. די וועגן זײַנען געווען שטויביק אַז מען האָט דעם אָטעם ניט געקענט כאַפּן, דערנאָך אַ רעגן. די אָפיצירן, האָבן זיי געזאָגט, פילן זיך גאַנץ גוט אַף די פערד, מיר אָבער מוזן גיין. געענטפערט האָט מען אונדז, אַז מיר האָבן וועגעלעך, און מיר מוזן מאַכן אַזוי פיל וועג וויפל עס לאָזט זיך.

— ווו האָט איר אײַך דעמאָלט געפונען?

— נאָענט פון די בערג.

יאָ, דאָס בילד וואָס דער אײַנגעשראָקענער זעלנער האָט אַרויסגעבראַכט, איז געווען דײַטלעכער פון זײַנע פּאָשעטע ניט בילדערישע ווערטער. טייל סצענעס האָט גראַקוס געזען פאַר זיך אַזוי דײַטלעך, אַז ער האָט געקענט גלייבן, ער זעט זיי מיט זײַנע אייגענע אויגן. דער שטויביקער וועג ווערט אַלץ שמעלער ביז ער ווערט אַ שטעגל פאַר די האַנט־וועגעלעך. די שיינע פעלדער און לאָנקעס פון די „לאַטיפונדיעס" טרעטן אָפּ זייער פּלאַץ די געפלאָנטערטע וועלדלעך און די איינזאַמע וואַלקאַנישע פעלדזן וואָס באַזוימען דעם קראַטער. און איבער דער אַלעמען די מאַיעסטעט פון דעם וועזוויוס. די זעקס קאָהאָרטעס, צעצויגן אין אַ קאָלאָנע פון צוויי קילאָמעטער די לענג, די וועגעלעך מיט דעם עקיפּאַזש וואָס טרייסלען זיך איבער די אײַנגעשניטענע שפּורן. די מענטשן אומצופרידענע און דערשעפּטע. און פאַר זיי: אַ גרויסער פעלדזיקער באַרג־רוקן און אַ ווײַטשקע וואָס שנײַדט זיך איבער אַ קליין אָפן פעלד, מיט זשאַבקעלעך, באַבעלעך, ווייך גראָז און אָנהייב נאַכט.

דאָרט האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אַף איבער נאַכט און וואַריניוס האָט באַפוילן די אָפיצירן אין דער פראַגע פאַרטיפיקאַציעס. אויך דאָס איז פאַר גראַקוסן קלאָר געווען. די רעגימענט־קאָמאַנדאַנטן האָבן מיסטאָמע אָנגעוויזן אַף דעם פאַקט, אַז זיי פירן אָן מיט אַ קויטע פון איבער דרײַ טויזנט שטאַרק באַוואָפנטע זעלנער. וואָס פאַראַ מעגלעכקייטן צום איבערפאַלן קענען דאָרטן זײַן? וואָס פאַר אַ סאָקאָנע קען דאָרטן זײַן פון אַן איבערפאַל? אין סאָמע אָנהייב פונעם אויפשטאַנד זײַנען געווען ניט מער ווי צוויי הונדערט גלאַדיאַטאָרן, אָדער אין דעם ערעך; אַ סאַך פון זיי האָט מען שוין אויסגעהאַרגעט. און די מענטשן זײַנען מיד. טייל האָבן זיך אָפּן גראָז אויסגעצויגן און זײַנען טייקעף אײַנגעשלאָפן. אַ פאָר קאָהאָרטעס האָבן אויפגעשטעלט געצעלטן און האָבן געפּרוּווט דורכפירן דיסציפּלינירטע רעגימענטגאַסן. טייל קאָהאָרטעס האָבן געמאַכט פײַער צום קאָכן, נאָר אַזוי ווי אין די וועגעלעך איז פאַרגרייט געווען אַ סאַך ברויט, האָבן זיך אַ סאַך דערמיט צופרידנגעשטעלט. דאָס איז דאָס בילד פונעם לאַגער אינעם שאָטן פון די בערג. וואַריניוס האָט זײַן געצעלט אויפגעשטעלט אין מיטן לאַגער און דאָרט אויך האָט ער אײַנגעשטאָכן די פאָן מיט דער סענאַטאָרישער עמבלעם. דאָס קאָפּוער פאָלק האָט אים מיטגעגעבן גרויסע קוישן מיט דעליקאַטע שפּײַזן. אָנגעגעסן האָט ער זיך דאָרט מיט זײַנע הויפּט־אָפיצירן און האָט אײַנ־

איינעם מיט זיי נאַכטמאָל געגעסן... מיט אַ גרינגערן האַרצן מיסטאָמע וואָס ער דאַרף ניט האָבן צו טאָן מיט דער שווערער אַרבעט פון בויען פאַרטיפיקאַציעס. נאָך אַלעמען, איז עס ניט פון די ערגסטע פעלדצוגן, וואָס קענען זיך טרעפן, און מען קען פון אים האָבן אי קאָוועד און אי גלאָז מיט בלויז עטלעכע טעג גאַנג אַרויס דער שטאָט.

אָט אַזוי, מיט דער וויזיע, וואָס הייבט אים אַרויס איבער די כּאַיעס און טיילט אים אויס פון די כּאַיעס, האָט גראַקוס געדאַנקלעך, אין זיך, קלאָר געמאַכט פאַר זיך און זיך דערמאָנט דעם אָנהייב פון דעם וואָס איז געשען. דער זיקאָרן איז די פרייד און די לייד פון דער מענטשהייט. גראַקוס זיצט אַ צעלייגטער אַף דער זון, ער קוקט אַף דער אינדערפריִיקער גלאָז וואַסער, וואָס ער האַלט אין דער האַנט און הערט דעם ווייטן אָפּקלאַנג פון יענעם אָרעמען זעלנער, וואָס איז צוריקגעקומען און האָט געבראַכט מיט זיך דאָס עלפנביינערנע שטעקעלע, וואָס איז אים אין די הענט איבערגעגעבן געוואָרן. די בילדער ביַיטן זיך קעסיידער. וואָס פילן יענע וואָס דער טויט וואַרט אַף זיי אַף גאָר אין גיכן, און זיי ווייסן עס ניט? האָט וואַריניוס גלאַבראָ אַמאָל געהערט דעם נאָמען ספּאַרטאַקוס? מיסטאָמע ניט.

— איך געדענק ווי עס איז נאַכט געוואָרן און דער הימל איז פול געווען מיט שטערן, — האָט דער זעלנער דערציילט פאַר די סענאַטאָרן מיט די פאַרשטיינערטע פּנעמער.

פּאָשעטע ווערטער פון אַ נאַרעשן דערציילער. עס איז נאַכט געוואָרן און וואַריניוס גלאַבראָ מיט זיַינע אָפיצירן האָבן זיך אַוואַדע אַוועקגעזעצט אינעם גרויסן פּאַוועליאָן טרינקען וויַין און פּאַסמאַקעווען דעם געצוקערטן קירבעס. זיי האָבן מיסטאָמע געפירט אַן אינטערעסאַנטן געשפּרעך אין יענער נאַכט. געווען איז דאָרט אַ געזעמל יונגע אָפיצירן פון דער סאַמע לייַדיקסטער געזעלשאַפט וואָס די וועלט האָט ווען געקענט. וועגן וואָס האָבן זיי געקענט ריידן? איצט, מיט פיר יאָר שפּעטער, באַמיט זיך גראַקוס זיך דערמאָנען וואָס אַזוינס דעם אוילעם האָט דעמאָלט אינטערעסירט... פון טעאַטער, פון ספּאָרט, פון צירק. צי איז עס ניט עפּשער געווען נאָכן דעביוט פון דער אָפּערע „אַרמאָרום אינדיציום” פון פּאַסקוויוס? צי האָט ניט דעמאָלט פלאַוויוס גאַליוס געזונגען די הויפּט-ראָל בעסער ווי ווען עס איז פריִער? (צי עפּשער איז עס אַ פאַנטאַזיע אָדער אַן איַינריידעניש, אַז ער זאָל דעמאָלט האָבן געזונגען די ראָל בעסער ווי ווען עס איז פריִער?) יאָ, מעגלעך, אַז אַזוי איז עס געווען און די יונגעליַיט פון די שטאָטישע קאָהאָרטעס האָבן מיסטאָמע געזונגען באָם וויַין: „מען' סערוואַסע אוט עססענט קווי מע פּעדדערענט?”.

ווען די שטימען האָבן זיך געהויבן, האָט מען זיי זיכער געהערט זינגען אינעם לאַגער... יאָ, זיכער. דער זיקאָרן איז אַ פאַנטאַסטישע זאַך. די גאַנצע פאַרמאַרטערטקייט האָט זיך דעמאָלט געמוזט אָפּטאָן פונעם לאַגער. די מענטשן פון די שטאָטישע קאָהאָרטעס, מיטן רוקן צו דער ערד, האָט געקײַט ברויט און געקוקט צו די שטערן, אַלנפאַלס די וואָס האָבן קיין געצעלטן ניט אויפגעשטעלט, ביז דער שלאָף האָט זיי איַינגע־

גומען, אַ רויקער שלאָף פון דריי טויזנט מיט עטלעכע הונדערט רוימישע זעלנער, וואָס מאַרשירן צו דאָרעם, צום באַרג וועזוויוס, קעדיי צו ווייזן די שקלאַפן, אַז שקלאַפן דאַרפן זיך ניט אויפהייבן קעגן זייערע האַרן...

גראַקוס איז „סענאַטאָר אינקוועזיטאָר", ער דאַרף שטעלן די פראַגן און צווישן זיבנע פראַגן און דעם זעלנערס ענטפער שטייט אַזאַ שטילשווייגן אין דער סענאַטאָר־קאַמער אַז מען קען הערן אַ פליג דורכפליִען.

—דו ביסט געשלאָפן? — האָט גראַקוס געפרעגט.

— איך בין געשלאָפן, — האָט געענטפערט דער אייַנגעשראָקענער זעלנער, אייניציקער זעלנער וואָס איז צוריקגעקומען ווי אַן איידעס.

— וואָס זשע אַזוינס האָט דיך אויפגעוועקט?

דאָ איז דער זעלנער געבליבן אָן לאָשן. ער איז בלייך געוואָרן און גראַקוס האָט געמיינט דער זעלנער וועט כאַלעשן. נאָר ער האָט ניט גע־כאַלעשט און זיין באַריכט איז געוואָרן קלאָר און דייטלעך, נאָר אָן רעגונג. אָט דאָס, האָט ער דערציילט, איז געשען, ווי ער האָט דאָס געזען:

„איך בין איינגעשלאָפן, נאָר מיטאַמאָל האָב איך מיך אויפגעכאַפּט ווייל עמעצער האָט געשריגן. אַלנפאַלס האָט זיך מיר געדאַכט אַז עמעצער שרייט, נאָר ווען איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אין דער לופט הערט זיך אַ געשריי פון אַ סאַך מענטשן. איך האָב מיך אויפגעכאַפּט און האָב מיך טייקעף איבערגעדרייט, וואָרעם איך בין גע־ווּינט צו שלאָפן אָפן בויך; דערפאַר האָב איך מיך איבערגעדרייט. לעבן מיר איז געלעגן קאַליוס, וואָס האָט געהאַט נאָר איין נאָמען, אַ יאָסעם איז ער געווען, פון דער גאַס אויפגעקליבן, נאָר מיין ליבסטער כאַווער. ער איז געווען מיין רעכטע האַנט און דערפאַר פלעגן מיר שלאָפן איינער לעבן צווייטן, און ווען איך האָב מיך איבערגעדרייט, האָט מיין האַנט דער־פילט עפּעס נאַס, לעבלעכס און קלעפּיקס. און ווען איך האָב אַ קוק געטאָן, האָב איך דערזען, אַז ס'איז קאַליוסעס נאַקן, נאָר דער נאַקן איז איינגע־שניטן און קאַליוס הערט ניט אויף שרייען. דערנאָך האָב איך מיך אויפ־געזעצט אין אַ קאַליזשע בלוט און איך האָב ניט געוווּסט צי דאָס איז מיינס אָדער ניט, נאָר אין דער לעוואַנע־שיין זיינען אַרום מיר געווען נאָר טויטע, אויסגעצויגענע אַזוי ווי זיי זיינען געשלאָפן און דער גאַנצער לאַגער איז פול געווען מיט שקלאַפן, באַוואָפנטע מיט שאַרפע מעסערס, ווי די ראַזיר מעסערס, מעסערס וואָס האָבן ניט אויפגעהערט פאָכען היין און צוריק און האָבן געפינקלט אין דער לעוואַנע־שיין, און האָבן אונדז אָף אַזאַ אויפן אויסגעקוילעט, אַ סאַך אונדזערע שלאָפנדיקערהייט. און טאָמער איז איינער אויפגעשפּרונגען, האָט מען אים אויך דערהאַרגעט. אין טייל ערטער האָבן זיך צונויפגענומען בינטלעך זעלנער, נאָר לאַנג האָבן זיי זיך ניט געשלאָגן. דאָס איז געווען דאָס שרעקלעכסטע וואָס איך האָב אָף מיין לעבן געזען, און די שקלאַפן האָבן אונדז ניט אויפגעהערט האַרגענען. דעמאָלט האָב איך דעם קאָפּ פאַרלוירן און האָב אויך גענומען שרייען.

איך שעם מיך ניט צו זאָגן. איך האָב אַרויסגעכאַפּט די שווערד און האָב מיך געלאָזט לויפן איבערן לאַגער. איך האָב די שווערד אַרײַנגעזעצט אין אַ שקלאַף און האָב אים דערהאַרגעט, ווי מיר דאַכט זיך. נאָר ווען איך בין צוגעקומען צום ראַנד וואַלד, האָב איך דערזען, אַז אַרום אונדז שטייט אַ פעסטע ליניע שפּיזן, און די וואָס האַלטן די שפּיזן זײַנען מערסטנס פרויען, נאָר ניט פון די פרויען, וואָס מען זעט אַף דער וואָר אָדער אין כאָלעם, נאָר ווילדע און שרעקלעכע, מיט די האָר אַפן ווינט אין דער נאַכט און די ליפּן עפענען זיך מיט אַ שוידערלעכן האַס־געשריי. פון דאָרטן זײַנען געגאַנגען טייל געשרייען, און איין זעלנער איז געלאָפן גלײַך מיט מיר און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אַף די שפּיזן, ווײַל ער האָט ניט געגלויבט די פרויען זאָלן זיי נוצן, נאָר זיי האָבן געשטאָכן און קיינער איז דאָרט אַרום ניט אַדורך אַ לעבעדיקער, און אַפילע די צעוווּנדיקטע וואָס האָבן זיך צוגעשלעפּט האָבן זיי אויך געשטאָכן. איך בין צוגעלאָפן צו דער ליניע און האָב באַקומען אַ שפּיז אינעם אָרעם. איך האָב זי פון מיר אַרויסגעריסן און בין געלאָפן אַרום דעם לאַגער און דאָרט בין איך אומגעפאַלן און בין געבליבן ליגן אין מײַן בלוט. אין די אויערן איז מיר נאָך דאָס געשריי געשטאַנען. איך ווייס ניט ווי לאַנג איך בין אַזוי געלעגן. איך האָב מיר געטראַכט, אַז איך דאַרף מיך אויפשטעלן, זיך שלאָגן און שטאַרבן, נאָר איך האָב געוואַרט. דעמאָלט איז צוגעקומען אַ רויט־האָריקער שקלאַף און זיי האָבן צווישן זיך גערעדט. איך בין דער אייציקער. דער־פאַר האַרגענען זיי מיך ניט. איך בין דער אייציקער. אַלע אַנדערע זײַנען אויסגעהאַרגעט. זיי האָבן מיך געפירט איבערן פעלד און די קאָהאָרטעס זײַנען געלעגן טויט. אַ סאַך זײַנען אומגעקומען שלאָפנדיקערהייט. זיי זײַנען מער ניט אויפגעשטאַנען. זיי האָבן מיך אַרײַנגעפירט אין וואַריניוס גלאַבראָס פּאַוועליאָן, נאָר דער לעגאַט איז געלעגן טויט. ער איז געלעגן אַף זײַן קאַנאַפּע אַ טויטער. געווען זײַנען אייניקע אָפיצירן אינעם פּאַוועליאָן און דאָרט זײַנען זיי אומגעקומען. אַלע אויסגעהאַרגעט. זיי האָבן מיר פאַרבונדן די וווּנד אַף מײַן אָרעם און האָבן מיך געלאָזט ליגן באַוואַכט פון עטלעכע שקלאַפן. דער הימל האָט שוין גענומען גרויען און דער פאַרטאָג האָט זיך געפילט אין דער לופט. נאָר אַלע קאָהאָרטעס זײַנען געווען אויסגעהאַרגעט”.

דאָס אַלץ האָט ער געזאָגט אָן שום רעגונג, אַף אַ דירעקטן אופן, דערציילט ווי אַ צופעליקע זאַך. ער האָט ראַק געזשמורעט מיט די אויגן און קיין איינמאָל ניט אַ קוק געטאָן צו דער ריי זיצנדיקע סענאַטאָרן מיט די פאַרשטיינערטע פּענעמער.

— ווי אַזוי ווייסטו, אַז אַלע זײַנען געווען אויסגעהאַרגעט ? — האָט גראַקוס געפרעגט.

— זיי האָבן מיך געהאַלטן אינעם פּאַוועליאָן ביז עס איז טאָג גע־וואָרן. די זײַטן געצעלט זײַנען געווען פאַרהויבן און איך האָב געקענט

זען דעם גאַנצן ביוואַק. די געשרייען האָבן אויפֿגעהערט נאָר איך האָב געהערט אין מיר שרײַען. איך האָב געקענט קוקן אַרום מיר און ווי איך האָב געקוקט האָב איך געזען נאָך טויטע אויף דער ערד. טויט און בלוט האָט זיך אין דער לופֿט געפֿילט. אַ סך פֿרויען, וואָס האָבן געשאַפֿן די ליביע שפּײַז, זײַנען שוין דאָרט ניט געווען. זיי זײַנען ערגעץ אַוועק. נאָר אינמיטן דעם בלוט־געדרויך האָב איך דערפֿילט דעם רייעך פֿון געבראָטן פֿלייש. די פֿרויען האָבן מיסטאָמע געבראָטן פֿלייש צום פֿרישטיק. איך בין קראַנק געוואָרן פֿונעם בלויזן געדאַנק, אַז פֿאַראַן זײַנען מענטשן וואָס קענען עסן אין אַזעלכע מאָמענטן. די שקלאַפֿן האָבן מיך אַרויסגעשלעפּט פֿונעם פּאַוועליאָן ביז איך האָב אויפֿגעהערט ברעכן. עס האָט געטאָגט. איך האָב געזען. איך האָב געזען אַ געזעמל שקלאַפֿן אומגיין איבערן לאַגער, זיי האָבן באַרויבט די טויטע. אין טייל ערטער האָבן זיי אויסגעשפּרייט געצעלטער אויף דער ערד. איך האָב געקענט מערקן די ווײַסע פֿלעקן אויף דער ערד איבערן גאַנצן לאַגער. זיי האָבן אַראָפּגענומען אַלץ וואָס די זעלנער האָבן אויף זיך געהאַט, פּאַנצערס, מאַלבושים, שטיוול, און אין הויפֿנס אָנגעוואָרפֿן אויף די אויסגעשפּרייטע געצעלטן. זיי האָבן די שווערדן, די שפּיזן און די פּאַנצערס אָפּגעוואַשן אין דער ריטשקע. די ריטשקע איז געפֿלאָסן לעבן דעם פּאַוועליאָן און האָט באַקומען אַ קאָליר פֿון זשאַווער, פֿון די פֿאַרבלוטיקטע געווערן און פּאַנצערס, וואָס זיי האָבן אין איר געוואַשן. דערנאָך האָבן זיי גענומען אונדזערע טעפּ מיט פֿעטס און האָבן מיט דעם אײַנגעפֿעצט די מעטאַלן. איין געצעלט איז געווען אויסגעשפּרייט אַ פּאָר טריט פֿונעם פּאַוועליאָן. אין אים האָבן זיי צונויפֿגענומען די שווערדן, טויזנטער שווערדן...

— וויפֿל שקלאַפֿן זײַנען געווען ? — האָט גראַקוס געפֿרעגט.

— זיבן הונדערט, אַכט הונדערט... און עפּשער טויזנט. איך ווייס ניט. זיי האָבן געאַרבעט גרופּעסווײַז, צו צען אין אַ גרופּע. זיי האָבן שווער געאַרבעט. טייל האָבן גענומען אונדזערע עקיפּאַזש־וועגעלעך און האָבן אין זיי אַרײַנגעוואָרפֿן אַלץ וואָס זיי האָבן אַראָפּגענומען פֿון די טויטע, און האָבן זיי אַוועקגעפֿירט. אין דער צײַט וואָס זיי האָבן געאַרבעט, זײַנען טייל פֿרויען צוריקגעקומען און האָבן מיט זיך געבראַכט קוישן מיט געבראָטן פֿלייש. די שקלאַפֿן האָבן די אַרבעט איבערגעריסן אייניציקווײַז צום עסן, און האָבן אויפֿגעגעסן אויך אונדזערע ברויט־פּאָרציעס.

— וואָס האָבן זיי געטאָן מיט די טויטע ?

— גאָרניט. זיי האָבן זיי געלאָזט ליגן נאַקעט ווי זיי האָבן פֿון זיי אַראָפּגענומען וואָס זיי האָבן געהאַט. טויטע זײַנען געלעגן אומעטום. די ערד איז געווען באַדעקט מיט טויטע און אויסגעפּלעקט מיט בלוט. די זון האָט זיך געהויבן אויפֿן הימל. ס'איז געווען דאָס ערגסטע וואָס איך האָב

געזען אַף מײַן לעבן. אַ געזעמל שקלאַפן איז געשטאַנען אַן אַ זײַט און האָט צוגעקוקט ווי מען אַרבעט. זעקס זײַנען זיי געווען. איינער פון זיי אַ נעגער, אַן אַפריקאַנער. גלאַדיאַטאָרן זײַנען זיי געווען.

— ווי אַזוי ווייסטו אַז זיי זײַנען געווען גלאַדיאַטאָרן?

— איך האָב עס געקענט מערקן בעיס זיי זײַנען אַרײַנגעקומען אינעם פּאַוועליאָן ווו איך בין געלעגן. די האָר בײַ זיי זײַנען געווען גע־שוירן צום קאָפּ און דאָס לײַב פול מיט שראַמען. ס'איז ניט שווער צו דערקענען אַ גלאַדיאַטאָר. איינעם האָט געפעלט אַן אויער. אַ צווייטער איז געווען אַ רויטהאָריקער. נאָר דער פירער פון דער גרופּע איז געווען אַ טראַציער. ער האָט געהאַט אַן אײַנגעבראָכענע נאָז און שוואַרצע אויגן און ווען ער האָט געקוקט האָט ער מיט זיי ניט באַוועגט און ניט געפינ־טלט...

צווישן די סענאַטאָרן איז אַרײַנגעטראָטן אַן ענדערונג. זיי האָבן זיך גענומען אַנדערש צוהערן; זיי האָבן צוגעלייגט מער קאָפּ און האָס איז זיי געלעגן אַף די פּנעמער. גראַקוס דערמאָנט זיך יענעם מאָמענט, מאָכ־מעס דעמאָלט האָט דער נאָמען ספּאַרטאַקוס באַקומען לעבן, פון גאַרניט אויפגעקומען די וועלט אויפצוטרייסלען. אַנדערע מענטשן האָבן וואַרצלען, אַ פאַרגאַנגענהייט, אַן אָנהייב, אַן אָרט, אַן ערד, אַ לאַנד... נאָר ספּאַר־טאַקוס האָט קיין איין זאַך ניט דערפון. ער איז געבוירן געוואָרן אַף די ליפּן פון דעם לעבן־געבליבענעם זעלנער און זײַן לעבן בלײַבן איז צוליב דעם פאַרטראַכט געוואָרן פון ספּאַרטאַקוסן... מיט דער קאַוואַנע ער זאָל צוריקגיין צום סענאַט און דאָרט זאָגן, אַז ער איז אַזאַ און אַזאַ מענטש. ער איז ניט קיין ריז, ניט קיין ווילדער, ניט קיין שרעקלעכער, פּאַשעט אַ שקלאַף; נאָר פּאַראַן איז אין אים אַזוינס וואָס דער זעלנער האָט דאָס געזען און ער מוז עס דערציילן.

—...און זײַן פּאָנעם האָט מיר דערמאָנט אַ שאָף. ער האָט געטראָגן אַ טוניק מיט אַ שווערן בראָנדזענעם גאַרטל, און הויכע שטיוול, נאָר ניט קיין פּאַנצער און ניט קיין קאַסק. געהאַט האָט ער אַ קינזשאַל אינעם גאַרטל און מער גאַרניט. דער טוניק איז באַשפּריצט געווען מיט בלוט. זײַן פּאָנעם איז פון די וואָס מען פאַרגעסט זיי ניט. ער האָט בײַ מיר אַרויסגערופן מוירע. פאַר די אַנדערע האָב איך קיין מוירע ניט געהאַט, פאַר אים יאָ.

דער זעלנער וואָלט זיי געקענט דערציילן, אַז ער האָט דאָס פּאָנעם געזען אין כאָלעם, אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ באַדעקטער מיט אַ קאַל־טן שווייס, ווען ער האָט אין כאָלעם געזען דאָס צוגעפלעטשטע בראָנ־דזענע פּאָנעם מיט דער אײַנגעבראָכענער נאָז און מיט די שוואַרצע אויגן, נאָר דאָס זײַנען ניט געווען קיין אינפאָרמאַטיווע פּראַטים צו דערציילן פאַרן סענאַט. דעם סענאַט האָבן זײַנע כאַלוימעס ניט אינטערעסירט.

— ווי אַזוי ווייסטו, אַז ער איז אַ טראַציער?

— פֿון זײַן אַקצענט. נאָך איינער איז געווען אַ טראַציער און די איבעריקע מעגלעך זײַנען געווען גריכן. זיי האָבן בלויז געקוקט אויף מיר. איך האָב מיך דערפֿון געפֿילט ווי איך וואָלט געווען אַ טויטער גלײַך מיט אַלע טויטע. זיי האָבן מיך אָנגעקוקט און זײַנען אַריבער אין דער אַנדערער טייל פּאַוועליאָן. די טויטע האָט מען אַרויסגענומען פֿונעם פּאַוועליאָן און אַרויסגעוואָרפֿן אויפֿן פֿעלד איינעם מיט די אַנדערע. צוערשט אָבער האָבן זיי אַראָפּגענומען פֿון וואַריניוס גלאַבראַ אַלץ וואָס ער האָט אויף זיך געהאַט און אים געלאָזט אַ נאַקעטן, און זײַן פּאַנצער און אַלץ דאָס איבעריקע האָט מען אָנגעהויפֿט אויף זײַן קאַנאַפּע. אויף דער קאַנאַפּע איז זיך געלעגן זײַן לעגאַט־שטעקעלע. דער מענטש מיט דער אײַנגעבראָכענער נאָז — ספּאַרטאַקוס רופֿט מען אים — האָט זיך אומגעדרייט צו מיר מיט דעם שטעקעלע אין דער האַנט אויפֿגעהויבן און האָט מיך געפֿרעגט: „רוימער, דו ווייסט וואָס דאָס איז?" „דאָס איז דער אָרעם פֿונעם נאָבעלן סענאַט", האָב איך אים געענטפֿערט. נאָר זיי האָבן ניט געוווּסט. איך האָב זיי דאָס געמוזט אויפֿקלערן. ספּאַרטאַקוס מיט דעם רויטהאָריקן גאַל האָבן זיך אָנגעזעצט אויף דער קאַנאַפּע. די איבעריקע זײַנען געשטאַנען. ספּאַרטאַקוס האָט זײַנע באַקן אָנגעשפּאַרט אויף די הענט, די עלנבויגנס אויף די קני און האָט די אויגן אָנגעשטעלט אויף מיר, ווי ער וואָלט מיך געביסן מיט דעם בליק. דערנאָך ווען איך האָב געענדיקט ריידן, האָבן זיי גאָרנישט ניט געזאָגט, נאָר ספּאַרטאַקוס האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף מיר. איך האָב געפֿילט ווי דער שווייס רינט מיר איבערן גאַנצן לײַב. איך האָב געמיינט, אַז זיי נעמען מיך הרגענען. דעמאָלט האָט מען מיר געזאָגט ווי מען רופֿט אים. „מײַן נאָמען איז ספּאַרטאַקוס", האָט ער געזאָגט, — „פֿאַרגעדענק מײַן נאָמען, רוימער". און זיי האָבן ווידער גענומען קוקן אויף מיר. און ספּאַרטאַקוס האָט געזאָגט: „פֿאַרוואָס האָט איר נעכטן דערהאַרגעט די דרײַ שקלאַפֿן, רוימער? די שקלאַפֿן האָבן אײַך קיין שום שלעכטס ניט געטאָן. זיי זײַנען געגאַנגען קוקן ווי זעלנער גייען פֿאַרבײַ. און צי זײַנען די רוימישע פֿרויען אַזוי זיטלעך, אַז אַ גאַנצער לעגיאָן מוז פֿאַרגוואַלדיקן איין אָרעמע שקלאַפֿן? פֿאַרוואָס האָט איר עס געטאָן, רוימער?" איך האָב זיי געפּרוּווט אויפֿקלערן וואָס עס האָט פּאַסירט. איך האָב זיי געזאָגט, אַז די צווייטע קאָהאָרטע האָט זי פֿאַרגוואַלדיקט און האָט דערהאַרגעט די שקלאַפֿן. איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך געהער צו דער דריטער קאָהאָרטע און אַז איך האָב דערמיט גאָרניט וואָס צו טאָן און אַז איך האָב די פֿרוי ניט פֿאַרגוואַלדיקט. איך ווייס ניט, ווי אַזוי זיי האָבן זיך דאָס דערוווּסט, וואָרעם עס האָט ניט אויסגעזען עמעצער זאָל אַרום געווען זײַן ווען מען האָט געהאַרגעט די דרײַ שקלאַפֿן. נאָר זיי האָבן געוווּסט אַלץ וואָס מיר האָבן געטאָן. זיי האָבן געוווּסט ווען מיר זײַנען אַרויסגעגאַנגען פֿון קאַפּוּאַ. אַלץ האָב איך געלייענט אין זײַנע שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געפֿינטלט. ער האָט קיין איין מאָל דאָס קאָל הויך ניט אויפֿגעהויבן. ער האָט גערעדט צו מיר ווי מען

רעדט צו קינדער. נאָר מיך האָט ער מיט זײַן מאַניר ריידן ניט גענאַרט. ער איז אַ פאַרברעכער. דאָס האָט מען געזען אין זייערע אַלעמענס אויגן. אַלע זײַנען זיי מערדער. ניט קיין גלאַדיאַטאָר וואָלט ניט געקענט אַזוי האַרגענען ווי זיי האָבן אונדז געהאַרגעט יענע נאַכט. איך ווייס פון גלאַדיאַטאָרן, וואָס...

גראַקוס האָט אים איבערגעריסן. ער איז געווען פאַרכאַפּט פון זײַנע אייגענע רייד, ווי היפּנאָטיזירט, און גראַקוס האָט אים שאַרף אַ זאָג געטאָן:

— אונדז אינטערעסירט ניט וואָס דו ווייסט, זעלנער. אונדז אינטערעסירט צו וויסן וואָס צווישן דיר מיט די שקלאַפן האָט פּאַסירט.

— עס האָט פּאַסירט, — האָט דער זעלנער אָנגעהויבן און איז שטיל געבליבן. ער איז צו זיך געקומען און האָט באַטראַכט פּאָנעם נאָך דעם פּאָנעם דעם אויסגעזעצטן נאָבעלן סענאַט פון דער מעכטיקער רוים. ער האָט אַ ציטער געטאָן און האָט ווײַטער דערציילט: דערנאָך האָב איך געוואַרט זיי זאָלן זאָגן וואָס זיי ווילן טאָן מיט מיר. ספּאַרטאַקוס האָט געהאַלטן דאָס שטעקעלע אין די הענט. ער האָט עס מיט די פינגער דורכגעגלעט און האָט עס מיר אַ וואָרף געטאָן. איך האָב נאָך פריִער פאַרשטאַנען וואָס ער וויל מיר זאָגן אָדער וואָס ער פאַרלאַנגט פון מיר. „נעם עס, זעלנער", — האָט ער געזאָגט, — „נעם עס, רוימער, נעם עס". איך האָב עס גענומען. „איצט ביסט דו דער אָרעם פונעם נאָבעלן סענאַט", האָט ער געזאָגט. ער האָט ניט אויסגעזען צו זײַן אין קאַס. ער האָט זײַן קאָל קיין איין מאָל ניט אויפגעהויבן. ער האָט פּאַשעט קאָנסטאַטירט אַ פאַקט... איך מיין, וואָס פאַר אים איז אַ פאַקט. אָט דאָס האָט ער געוואָלט. איך האָב דערצו גאָרניט געקענט טאָן. ווען ניט וואָלט מען מיך דערהאַרגעט, איידער איך דערוועג מיך אָנרירן דאָס הייליקע שטעקעלע. איך וואָלט עס פאַר קיין שום זאַך אין דער וועלט ניט אָנגערירט. איך בין אַ רוימער. אַ בירגער...

— מען וועט דיך דערפאַר ניט באַשטראָפן, — האָט אים גראַקוס געזאָגט, — דערצייל ווײַטער.

— „איצט ביסט דו דער אָרעם פונעם נאָבעלן סענאַט" — האָט ער ווידער געזאָגט, — דער נאָבעלער סענאַט האָט אַ לאַנגן אָרעם, און זײַן שפּיץ געפינט זיך איצט בײַ דיר". אַזוי אַז איך האָב גענומען דאָס שטעקעלע, האָב עס געהאַלטן און ער האָט אַלץ געהאַלטן די אויגן אָנגעשטעלט אַף מיר, און דערנאָך האָט ער מיך געפרעגט: „דו ביסט אַ בירגער, רוימער?" איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין אַ בירגער. ער האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ און האָט געשמייכלט. „איצט ביסטו לעגאַט", — האָט ער געזאָגט, — איך וועל דיר מיטגעבן אַ שליכעס. גיב זי איבער דעם סענאַט. וואָרט אין וואָרט... טראָג זי אַוועק צו זיי אַזוי ווי איך גיב זי דיר איבער". דאָ איז דער זעלנער שטיין געבליבן. ער האָט גע־

שוויגן און דער סענאַט האָט געוואַרט. אויך גראַקוס האָט געוואַרט. ער האָט ניט געוואָלט פרעגן וואָס פאַר אַ שליכעס דער שקלאַף האָט איבערגעשיקט. נאָר געזאָגט ווערן מוז זי. ספּאַרטאַקוס איז אַרויסגעקומען פון גאָרניט... נאָר איצט געפינט ער זיך אין מיטן דער סענאַט־קאַמער און גראַקוס זעט אים ווי ער האָט אים שפּעטער אַ סך מאָל געזען, כאָטש ער האָט קיינמאָל ניט געקענט דאָס פליש און בלוט און די ביינער וואָס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט ספּאַרטאַקוסן.

צום סאָף האָט גראַקוס געהייסן דעם זעלנער ריידן.

— איך קען ניט.

— דער סענאַט הייסט דיר ריידן.

— דאָס זיינען ווערטער פון אַ שקלאַף. זאָל מיר די צונג אָפּדאָרן...

— גענוג דערמיט, — האָט גראַקוס געזאָגט, — זאָג אונדז וואָס דער שקלאַף האָט דיר געהייסן אונדז זאָגן.

און דער זעלנער האָט איבערגעגעבן ספּאַרטאַקוסעס ווערטער, אַזוי ווי ספּאַרטאַקוס האָט זיי אים געזאָגט, אַלנפאַלס אין דעם ערעך ווי גראַקוס האָט זיי געקענט געדענקען מיט יאָרן שפּעטער, דערמאָנונגען, וואָס האָבן אים געשאַפן די וויזיע פון דעם ווי עס האָט אויסגעזען דער „פּרעטאָריום", דער גרויסער פּאַוועליאָן פון אַ רוימישן קאָמאַנדאַנט, מיט זיינע פריילעכע בלויע און געלע פאַסן, אין מיטן אַ פעלד מיט נאַקעטע האַרוגים, מיט דעם שקלאַף ספּאַרטאַקוס אויף דער קאַנאַפּע פונעם קאָמאַנדאַנט, מיט זיין גענעראַל־שטאַב גלאַדיאַטאָרן אַרום זיך, און אַקעגן אים דער איינציקער לעבן געבליבענער, צוגעהאַלטן פון צוויי שקלאַפן, וואָס האַלט דאָס איידעלע מאַכט־שטעקעלע, דאָס לעגאַט־שטעקעלע, דעם אָרעם פונעם סענאַט!:

— קער דיך אום צום סענאַט, — האָט ספּאַרטאַקוס געזאָגט, — און גיב זיי איבער דאָס עלפנביינערנע שטעקעלע. איך מאַך דיך פאַר לעגאַט. קער דיך אום און זאָג זיי וואָס דו האָסט דאָ געזען. זאָג זיי, אַז זיי האָבן אַרויסגעשיקט קעגן אונדז זייערע קאָהאָרטעס און אַז מיר האָבן זיי אומגעבראַכט. זאָג זיי, אַז מיר זיינען שקלאַפן, דאָס וואָס זיי רופן „אינסטרומענטום וואָקאַלע", ריידנדיק געצייג. דערציייל זיי וואָס מיר ריידן. מיר זאָגן, אַז די וועלט איז שוין מיד פון זיי, מיד פון אייער צעפוילטן סענאַט און פון אייער צעפוילטער רוים. די וועלט איז מיד פון דער רייכקייט און פון דעם גלאַנץ, וואָס איר האָט אויסגעזויגן פון אונדזער לייב און פון אונדזערע ביינער. די וועלט איז מיד פון דער ביטשס געזאַנג. דאָס איז דאָס איינציקע געזאַנג, וואָס די רוימער קענען. נאָר מיר ווילן מער ניט הערן דאָס דאָזיקע געזאַנג. פון אָנהייב זיינען אַלע מענטשן געווען גלייך און האָבן געלעבט אין שאָלעם און האָבן געטיילט צווישן זיך וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט. נאָר איצט זיינען פאַראַן צוויי קלאַסן מענטשן, די האַרן און די שקלאַפן. נאָר פאַראַן זיינען מער אונדזעריקע ווי אייעריקע. אַ סך

מער. און מיר זײַנען שטאַרקער פון אײַך. אַלץ גייט גוט אין דער טייל מענטשהייט, וואָס געהער צו אונדז. מיר היטן אונדזערע פרויען און זיי בלײַבן מיט אונדז און קעמפן אײנײנעם מיט אונדז. נאָר איר מאַכט פון אײַערע פרויען פּראָסטיטוטקעס און איר פאַרוואַנדלט אונדזערע אין פיך. מיר ווייגען ווען מען רײַסט אַוועק פון אונדז אונדזערע קינדער און מיר באַהאַלטן זיי צווישן די שאָף, קעדיי מיר זאָלן זיי קענען האַלטן אַ ביסל מער מיט אונדז; נאָר איר דערציט אײַערע קינדער ווי מען דערציט פיך. איר האָט קינדער מיט אונדזערע פרויען און איר פאַרקויפט זיי דעם ערשטן קוינע אפן שקלאַפן־מאַרק. איר פאַרוואַנדלט די מענער אין הינט און איר שיקט זיי אין צירק זיך צעשנײַדן אַף שטיקער פון אײַער פאַרגעניגן וועגן, און אײַערע נאָבעלע רוימישע דאַמען קוקן צו ווי זיי האַרגענען זיך, בעייס זיי צערטלען די הינט בײַ זיך אינעם שויס און האָדעווען זיי מיט נאַשוואַרג. ס'אַראַ נימעסע באַנדע איר זײַט און ס'אַראַ פּעסט איר האָט געמאַכט פונעם לעבן! איר לאַכט אײַך אויס פון דעם מענטשנס טרוימען, פון דעם מענטשנס אַרבעט און פונעם מענטשס שווייס אַפן פּאַנעם. אײַערע אייגענע בירגער לעבן פון נעדאָוועס און פאַרברענגען זייערע טעג אין צירק און אַף דער אַרענע. איר האָט געמאַכט פונעם מענטשנס לעבן אַ פּאַראָדיע און איר האָט עס באַרויבט פון זײַן גאַנצן ווערט. איר האַרגעט צוליב האַרגענען און אײַער פײַנסטע פאַרווײַלונג איז זען בלוט זיך גיסן. איר שטעלט אַוועק בײַ דער אַרבעט אין די מינען קליינע קינדער און אין געציילטע כאָדאָשים דערהאַרגעט איר זיי מיט דער אַרבעט. און אײַער גרויסקייט האָט איר אויפגעשטעלט מיט דער באַרויבונג פון גאָר דער וועלט. גענוג, אַ סאָף דערצו. זאָג דעם סענאַט ער זאָל קעגן אונדז אַרויסשיקן זײַנע אַרמייען און מיר וועלן זיי פאַרניכטן ווי מיר האָבן פאַרניכטעט אָט די אַרמיי, און אַז מיר באַוואָפענען זיך מיט דעם געווער וואָס איר שיקט קעגן אונדז. די גאַנצע וועלט וועט דערהערן די שטים פון דער צײַט; און צו די שקלאַפן פון דער וועלט רופן מיר: הייבט אײַך אויף און צעברעכט אײַערע קייטן! מיר וועלן זיך אַרויסלאָזן איבער איטאַליע און ווו מיר וועלן קומען, וועלן די שקלאַפן צו אונדז צושטיין, און דעמאָלט וועט קומען דער טאָג ווען מיר וועלן גיין אַף דער אייביקער שטאָט. און זי וועט שוין דעמאָלט ניט זײַן מער אייביק. זאָג דאָס דײַן סענאַט. זאָג זיי, אַז מיר וועלן זיי צו וויסן טאָן ווען מיר וועלן קומען. דעמאָלט וועלן מיר אײַנוואַרפן די מויערן פון רוים. און מיר וועלן אַרײַנקומען אינעם הויז, ווו עס קומט זיך צונויף דער סענאַט און מיר וועלן זיי אַראָפּזעצן פון זייערע הויכע און מעכטיקע שטולן און מיר וועלן פון זיי אַראָפּציִען די קליידער, קעדיי זיי זאָלן בלײַבן נאַקעט און זיי זאָלן געמישפּעט ווערן ווי זיי פלעגן אונדז שטענדיק מישפּעטן. נאָר מיר וועלן מישפּעטן אָן פּניעס, און מיר וועלן זיי געבן די פולע מאָס גערעכטיקייט. יעדער פאַרברעכן וואָס זיי זײַנען באַגאַנגען וועט זיי אַקעגנ־

געשטעלט ווערן און זיי וועלן מוזן אָפּגעבן כעשבן פון אַלץ. זאָג זיי דאָס און זאָלן זיי צײַט האָבן זיך צוצוגרייטן און אונטערזוכן זייערע אייגענע מײַסים. מען וועט זיי רופן צו געבן דערקלערונגען און מיר וועלן אַלץ געדענקען. דעמאָלט, ווען עס וועט געשאַפן ווערן גערעכטיקייט, וועלן מיר אויסבויען בעסערע שטעט, פײַנערע, שטעט אָן מויערן, ווו די מענטשהייט זאָל קענען לעבן אייביק, פרידלעך און גליקלעך. דאָס איז אינגאַנצן אונדזער שליכעס צו דײַן סענאַט. גיב זי איבער. זאָג זיי, אַז דאָס שיקט זיי אַ שקלאַף מיט דעם נאָמען ספּאַרטאַקוס...

אָט אַזוי, אָדער אין דעם ערעך, האָט עס דער זעלגער דערציילט. — שוין אַזוי לאַנג, — האָט גראַקוס זיך געטראַכט, — און אַזוי האָט עס אויסגעהערט דער סענאַט, מיט פּנעמער ווי פון שטיין. אָבער שוין לאַנג דערין. שוין לאַנג דערין און אַלץ איז שוין קימאַט פאַרגעסן, און ספּאַרטאַקוסעס ווערטער, וואָס זײַנען ניט געווען קיין געשריבענע, זײַנען אין ערגעץ ניט פאַראַן אַכוץ אינעם זיקאָרן פון אייניקע מענטשן. די ווערטער האָט מען אויסגעמעקט אַפילע פון די סענאַט־אַרכיוון. און געמאַכט האָט מען עס גוט. אַוואַדע אַזוי! אַזוי גוט געמאַכט ווי די פאַרניכטונג פון די מאָנומענטן, וואָס די שקלאַפן האָבן אויפגעשטעלט און מען האָט זיי אָף שטויב צעריבן. קראַסוס האָט עס פאַרשטאַנען, כאָטש ער איז אַ ביסל אַ צעדרייטער. אַ מענטש מוז זײַן אַ ביסל צעדרייט אָף צו זײַן אַ גרויסער גענעראַל. סײַדן עס רעדט זיך וועגן ספּאַרטאַקוסן, און ספּאַרטאַקוס איז געווען אַ גרויסער גענעראַל. איז ער אויך געווען אַ צעדרייטער? זײַנען עס ווערטער פון אַ צעדרייטן? אויב אַזוי, איז ווי האָט אַ צעדרייטער געקענט אויסהאַלטן די מאַכט פון רוים פיר יאָר נאָכאַנאַנד און אומברענגען רוימס אַרמייען איינע נאָך דער אַנדערער און מאַכן פון איטאַליע זייער אַלעמענס קייווער? ווי איז עס מעגלעך געווען? מען זאָגט, ער איז טויט, נאָר אַנדערע זאָגן, אַז ער לעבט. איז עס זײַן לעבעדיקע געשטאַלט וואָס רוקט זיך איצט אָף גראַקוסן, אַ ריזיק גרויסע, נאָר מיט דער זעלביקער אײַנגעבראָכענער נאָז, מיט די שוואַרצע אויגן, מיט די קרויזן צום קאָפּ צוגעפּלעטשטע? קענען דען טויטע גיין?

VII

— זעט נאָר דעם אַלטן גראַקוס, — האָט אַנטאָניוס קאַיוס געקוקט ווי דער אַלטער פּאָליטיקער האַלט דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן, כאָטש ער האַלט די גלאָז פאַרפומירטע וואַסער אין דער האַנט אַזוי גלײַכגעוויכטיק, אַז קיין איין טראָפּן האָט זיך פון איר ניט אויסגעגאָסן.

— לאַכט ניט פון אים! — האָט יוליע געזאָגט.

— ווער לאַכט דען פון גראַקוסן? קיינער לאַכט ניט, מײַן טײַערע יוליע, — האָט ציצעראָן געזאָגט, — מײַן גאַנץ לעבן וועל איך שטרעבן צו אַזאַ כשיוועס.

— און קיינמאָל ניט דערגרייכן, — האָט העלענע אַ טראַכט געטאָן.
גראַקוס האָט זיך אויפגעכאַפּט און האָט מיט די אויגן געפינטלט.
„איך בין איינגעשלאָפן ?" עס איז שוין באַ אים אין דער טעווע געווען זיך ווענדן צו יוליען. „טייערע, — האָט ער געזאָגט, — איך בעט מיר אַנטשולדיקן. איך האָב וואַכנדיקערהייט געכאָלעמט".
— פון גוטע זאַכן ?
— פון אַלטע זאַכן. איך גלייב ניט מען זאָל האָבן מענטשן אַ טויווע געטאָן דערמיט וואָס מען האָט זיי געגעבן דעם זיקאָרן. דער זיקאָרן איז מער אַ קלאָלע ווי אַ בענטשונג. צופיל געדענק איך.
— אַלע געדענקען מיר, — האָט קראַסוס זיך אָנגערופן, — און אַלע געדענקען מיר ניט אָנגענעמע זאַכן.
— און קיינמאָל אָן אָנגענעמע ? — האָט יוליע געפרעגט.
— מיין דערמאָנונג פון דיר, טייערע, — האָט גראַקוס אַ מורמל געטאָן, — וועט באַ מיר ביזן טויט זיין ווי אַ ליכטיקע זון. דערלויבט דאָס צו זאָגן אַן אַלטן מאַן.
— זי וועט דאָס דערלויבן אויך אַ יינגערן צו זאָגן, — האָט אַנטאָניוס קאַיוס אַ לאַך געטאָן. — ווען דו ביסט געשלאָפן, האָט אונדז קראַסוס דערציילט . . .
— איז גאָר נישטאָ עפּעס אַנדערש פון וואָס צו ריידן ווי נאָר פון ספּאַרטאַקוסן ? — האָט יוליע אָפן הויכן קאָל אַ זאָג געטאָן, — איז גאָר עפּעס אַנדערש ניטאָ אַ כוץ מילכאָמע און פּאָליטיק ? מיר זיינען שוין דערווידער אָט די שמועסן . . .
— יוליע, — האָט אַנטאָניוס קאַיוס זי איבערגעריסן.
זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט די שפּייעכץ אַראָפּגעשלונגען און האָט אָף אים אַ קוק געגעבן. ער האָט גערעדט צו איר ווי צו אַ קאַפּריזנע קינד.
— יוליע, קראַסוס איז אונדזער גאַסט. די מענטשן איז ליב צו הערן אים דערציילן זאַכן, וואָס אַנדערש וואָלטן מיר פון זיי ניט געוווּסט. איך מיין, אַז אויך דיר, יוליע, וועט עס ליב זיין צו הערן.
זי האָט די ליפּן פאַרקלעמט, די אויגן זיינען איר געוואָרן רויט און וואַסערדיק. זי האָט דעם קאָפּ אַ נייג געטאָן, נאָר קראַסוס איז צו איר זייער ליב געווען מיט זיין אַנטשולדיקן זיך: „מיך לאַנגווייליקט עס פּונקט ווי דיר, טייערע יוליע, אַנטשולדיק מיר".
— איך מיין, אַז יוליען וועט עס זיין אָנגענעם צו הערן, עמעס, יוליע ? — האָט אַנטאָניוס קאַיוס געזאָגט, — ניט אַזוי, יוליע ?
— יאָ, — האָט זי אַ מורמל געטאָן, — איך בעט אייך, דערציילט, קראַסוס.
— ניין, ניין . . . פאַר קיין פאַל . . .
— ס'איז געווען אַ נאַרישקייט און איך האָב מיך זייער שלעכט

אויפגעפירט, — האָט יוליע געזאָגט ווי זי וואָלט אַ לעקציע געכאַזערט, — דערציילט, איך בעט אײַך.

גראַקוס האָט זיך אַרײַנגעמישט, האָט זיך געשטעלט אַף יוליעס צאַד און האָט זיך אָנגערופן: „איך בין זיכער, אַז איך ווייס וואָס דער גענעראַל האָט אונדז געוואָלט דערווײַזן. ער האָט אונדז געוואָלט זאָגן, אַז די שקלאַפן האָבן געווונען זייערע שלאַכטן דערפאַר וואָס זיי האָבן ניט געהאַט קיין אײַנזען מיט מענטשלעכן לעבן. זייערע האָרדעס זײַנען אונדז איבערגעפאַלן און אויסגעקוילעט. האָב איך געטראָפן קראַסוס?"

— קיין גרעסערן טאָעס האָט איר שוין ניט געקענט מאַכן, — האָט העלענע אַ לאַך געטאָן.

גראַקוס האָט זיך געלאָזט מאַכן צום נאַר און איז אַפילע טאָלעראַנט געוואָרן צו ציצעראָנען ווען ער האָט זיך אָנגערופן: „איך האָב שטענדיק געהאַט דעם כשאַד, גראַקוס, אַז ווער עס זאָל ניט נוצן אַזאַ גוטע פּראָפּאַגאַנדע ווי אײַערע, מוז נויטווענדיקערווײַזע אַליין גלייבן אין איר.

— טײַלווײַז, — האָט גראַקוס, אַ טאָלעראַנטער, דערויף געענטפערט.

— רוים איז גרויס, ווײַל רוים עקזיסטירט. ספּאַרטאַקוס איז נישטיק, ווײַל ספּאַרטאַקוס איז איצט ניט מער ווי אָט די שטראָף־צייכנס. אָט דעם פאַקטאָר מוז יעדערער אין אַכט נעמען. זײַט איר ניט אײַנשטימיק מיט מיר, קראַסוס?

דער גענעראַל האָט אַ נייג געטאָן דעם קאָפּ. אָבער, — האָט ציצעראָן געזאָגט, — ספּאַרטאַקוס האָט געווונען פינף גרויסע שלאַכטן. איך מיין ניט די שלאַכטן ווען ער האָט געצווונגען די לעגיאָנערן אָפּטרעטן, אַפילע ניט יענע ווען זיי האָבן געמוזט מאַכן פּלייטע. איך האָב דאָ אין זינען יענע שלאַכטן, ווען ער האָט זיי צעקלאַפּט, פון דער ערד אָפּגעווישט און דאָס געווער בײַ זיי צוגענומען. קראַסוס וויל האָפן, אַז ספּאַרטאַקוס איז ניט אַזאַ גרויסער טאַקטיקער ווי אַ באַגליקטער — אָדער אומגליקלעכער, ווענדט זיך ווי אײנער קוקט דערויף — פירער פון אַ באַשטימטער גרופּע מענטשן. זיי זײַנען געווען אומבאַזיגט, ווײַל זיי האָבן זיך ניט געקענט פאַרגינען דעם לוקסוס באַזיגט צו ווערן. ניט דאָס האָט איר געוואָלט דערווײַזן, קראַסוס?

— אין אַ געוויסער מאָס, — האָט דער גענעראַל מאַסקים געווען. ער האָט אַ שמייכל געטאָן צו יוליען. — דערלויב מיר דאָס צו באַלײַכטן מיט אַ פאַל, וואָס וועט דיר געפעלן, יוליע. אַ ביסל פון מילכאָמע, אַ ביסל פון פּאָליטיק און אַ ביסל פון וואַריניען. זי איז געווען ספּאַרטאַקוסעס ווײַב, ווי איר ווייסט.

— איך ווייס עס, — האָט יוליע ווייך אַ זאָג געטאָן און האָט דערלײַכטערט און מיט דאַנק אַ קוק געטאָן צו גראַקוסן. „איך ווייס", האָט גראַקוס אַ טראַכט געטאָן, „איך ווייס, מײַן טײַערע יוליע. ביידע זײַנען מיר אַ ביסל פּאַטעטיש און אַ ביסל קאָמיש, און דער הויפּט־אונטערשייד

איז דאָס וואָס איך בין אַ מאַן און דו ביסט אַ פרוי. דו קענסט ניט ווערן פּאָמפּיעז. נאָר אין טאָך זײַנען מיר ביידע אַלצאַיינע, מיט דער אַלצאַיינער פּוסטער טראַגעדיע אין אונדזער לעבן. ביידע זײַנען מיר פאַרליבט אין געשפּענסטער, ווײַל מיר האָבן זיך קיינמאָל ניט אויסגעלערנט ליב האָבן אָדער געליבט זײַן ווי מענטשלעכע וועזנס".

— איך האָב שטענדיק גערעכנט, — האָט קלאַוודיע גאַנץ אומגע־ריכט זיך אָנגערופן, — אַז וואַריניען האָט עמעצער אויסגעטראַכט.

— פאַרוואָס, מײַן טײַערע ?

— עס זײַנען גאָר נישטאָ אַזוינע פרויען, — האָט קלאַוודיע אָן שום הינטערוועגן געענטפערט.

— ניין ? מעגלעך. שווער צו זאָגן וואָס איז עמעס און וואָס איז ניט עמעס. איך האָב געלייענט וועגן אַן אַקציע, אין וועלכער איך האָב מיך אַליין באַטייליקט, און דאָס וואָס איך האָב געלייענט, האָט זייער ווייניק שײַכעס געהאַט מיט דערווירקלעכקייט. אַזוי זײַנען זאַכן. איך באַשטעטיק ניט אַז דאָס איז עמעס, נאָר איך האָב אַ סאַך טײַמים צו גלייבן דערין. יאָ, מיר דאַכט זיך, אַז איך גלייב דערין.

אין זײַן קאָל האָט זיך געהערט אַ מאָדנער טאָן, און העלענע האָט שטײַף געקוקט אויף אים און האָט דערזען ווי שיין ער איז. אין דער פרי־מאָרגנדיקער זונען־שײַן דאָרט אויף דער טעראַסע, האָט זײַן פײַנער און פעסטער פּאָנעם אָפּן געדאַנק געבראַכט אַ געדעכעניש פון דער יונגער רעפּובליק אין איר לעגענדאַרישער פאַרגאַנגענהייט. צוליב עפּעס אָבער איז דעם מיידל דער געדאַנק ניט אָנגענעם געווען און זי האָט אַ קוק געטאָן אויף איר ברודער. קאַיוס האָט זײַן בליק געהאַלטן אײַנגעשטאָכן אינעם גע־נעראַל, ווי אין טראַנס פון פאַרערונג. אַנדערע האָבן עס ניט באַמערקט. קראַסוס האָט צו זיך צוגעצויגן אַלעמענס בליקן ; זײַן נידעריקע און אויפ־ריכטיקע שטים האָט זיי געהאַלטן אָנגעהאַנגען אויף אים, ציצעראָ אַפילע האָט געקוקט אויף אים מיט באַנײַטן אינטערעס. און גראַקוס האָט ווידער באַמערקט דאָס וואָס האָט שוין פריִער זײַן אינטערעס אַרויסגערופן, ווי קראַסוס קען שילדערן לײַדנשאַפט און אַליין פון איר ניט מיטגעריסן ווערן.

— בלויז אַ פּאָר ווערטער ביקלאַל, ווי אַ פאָרוואָרט, — האָט קראַסוס אָנגעהויבן, — ווען איך האָב איבערגענומען די אָנפירונג, האָט זיך די מילכאָמע שוין געהאַט געצויגן עטלעכע יאָר, ווי איר ווייסט. ס'איז שטענ־דיק אַ דעליקאַטער איניען נעמען אויף זיך אַ פאַרלוירענע זאַך, און דאָרט וווּ עס גייט אין אַ מילכאָמע אָקעגן שקלאַפן, קען מען פון איר גאַנץ ווייניק גלאָר באַקומען מיט אַ ניצאָכן, און אומבאַשרײַבלעך גרויס איז דער ביזאָיען פון אַ מאַפּאָלע. ציצעראָן איז גאַנץ גערעכט. פינף אַרמייען האָט ספּאַר־טאַקוס שוין געהאַט צעקלאַפּט, פולשטענדיק צעקלאַפּט. — ער האָט מיטן קאָפּ אַ נייג געטאָן צו גראַקוסן, — אײַער פּראָפּאַגאַנדע איז אַ לאָקנדיקע.

איר מוזט אָבער צוגעבן, אַז איך האָב געמוזט אויפנעמען די לאַגע ווי זי איז.

— זיכער.

— איך האָב דערזען, אַז בישטאָ גאָר אַזאַ זאַך ווי שקלאַפן־האַרדעס. עס איז קיין איין מאָמענט ניט געווען מיר זאָלן זיי ניט האָבן איבערגע־שטיגן אין צאָל, אויב מיר מוזן זאָגן דעם עמעס. אַזוי איז עס געווען פון אָנהייב און אַזוי צום סאָף. ווען ספּאַרטאַקוס וואָלט ווען עס איז געהאַט מיט זיך די דריי הונדערט טויזנט מאַן, וואָס ער זאָל האָבן אָנגעפירט, ווי מען האָט געזאָגט, וואָלטן מיר היינט ניט געזעסן דאָ אין דעם שיינעם פרימאָרגן אין דער פּרעכטיקער איטאַליענישער רעזידענץ. ספּאַרטאַקוס וואָלט פאַרנומען רוים און אויך די גאַנצע וועלט. אַנדערע מעגן צווייפלען דעריין. איך ניט. דער עמעס איז, אַז די איטאַליענישע שקלאַפן־מאַסע האָט זיך קיינמאָל ניט אָנגעשלאָסן צו ספּאַרטאַקוסן. מיינט איר, אַז ווען זיי זיינען געמאַכט פון אַזאַ מעטאַל, וואָלטן מיר דאָ געזעסן אין אַ פּלאַנטאַציע ווו די צאָל שקלאַפן קעגן אונדז איז הונדערט צו איינעם. זיכער זיינען אַ סאַך צו אים צוגעשטאַנען. נאָר ער האָט אונטער זיך קיינמאָל ניט גע־האַט מער ווי פינף און פערציק טויזנט קעמפער... און דאָס איז בעיִס ער איז געווען אין סאַמע שפּיץ פון זיין מאַכט. ער האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין קאַוואַלעריע, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט אַניבאַלן, און דאָך האָט עס געהאַלטן אַ סאַך נענטער אַז ספּאַרטאַקוס זאָל שטעלן רוים אויף די קני, ווי אַניבאַל וואָלט עס קיינמאָל ניט געקענט; אַזאַ מעכטיקע רוים וואָס האָט באַוויזן צו צעקלאַפּן אַניבאַלן מיט בלויז איין שלאַכט. ניט נאָר די בעסטע, די אומגעצוימסטע, די פאַרצווייפלטסטע זיינען צוגע־שטאַנען צו ספּאַרטאַקוסן.

דאָס איז געווען אַזוינס וואָס איך אַליין האָב עס געמוזט אויסגע־פינען. איך האָב מיך געשעמט מיט רוים ווען איך האָב דערזען וואָס פאַר אַ צושטאַנד פון פּאַניק און האַלוצינאַציע די שקלאַפן האָבן געשאַפן. איך האָב געוואָלט וויסן דעם עמעס. איך האָב קלאָר געוואָלט וויסן קעגן וועמען איך שלאָג מיך: וואָס זיינען עס פאַר אַ מענטשן; וואָס איז עס פאַר אַן אַרמיי. איך האָב געוואָלט וויסן פאַרוואָס מוזן די בעסטע זעלנער אין דער וועלט, די וואָס האָבן באַקעמפט און צעקלאַפּט די גערמאַנער, די שפּאַניער און די ייִדן, אַוועקגעוואָרפן זייערע שילדן און אַנטלויפן ווי נאָר זיי דערזען די שקלאַפן. איך האָב צו יענער צייט געהאַט אויפגעשלאָגן מיין לאַגער אין דער פּאָר־אַלפּישער גאַליע, אַ לאַגער, וואָס ספּאַרטאַקוס וואָלט געמוזט צוויי מאָל איבערטראַכטן איידער ער באַשליסט זיך אים איבערצופאַלן, און איך האָב מיך גענומען צו דעם איניען. איך האָב ניט קיין סאַך מיילעס, נאָר איין מיילע מיינע איז צו זיין געוויסנהאַפטיק, און איך האָב געמוזט האָבן אויסגעפרעגט אַ סאַך מענטשן און האָבן געלייענט טויזנטער דאָקו־מענטן. צווישן זיי איז געווען באַטשאַטאַ, דער „לאַניסט". געווען איז

צווישן זיי אַ יאָם מיט אַפּיצירן און זעלנער, וואָס האָבן געקעמפט אַקעגן ספּאַרטאַקוסן. און אַט דאָס האָט מיר דערציילט איינער פון זיי. און איך גלייב אים.

— אויב די געשיכטע איז אַזוי לאַנג ווי דער אַרײַנפיר, — האָט אַנטאָניוס קאַיוס געזאָגט, — וועלן מיר דאָ גרייטן דעם מיטאָג.

די שקלאַפן האָבן שוין געהאַט גענומען דערלאַנגען עגיפּטישן מעלאָן און ווײַנטרויבן און ווײַן. אַף דער טעראַסע איז געווען קיל און זייער אָנגענעם, און אַפילע די וואָס האָבן געזאָלט דעם טאָג ווײַטער פאָרן, האָבן זיך ניט געאײַלט.

— נאָך לענגער. נאָר אַ רײַכן מענטשן מוז מען אויסהערן...

— דערציילט, — האָט גראַקוס די ברעמען אָנגערוקט.

— אָט דאָס רעכן איך טאָן. דאָס איז פאַר יוליען. מיט דײַן דערלויבעניש, יוליע.

זי האָט אַ נייג געטאָן דעם קאָפּ און גראַקוס האָט זיך געטראַכט: „מען קען דעם מענטשן ניט כוישעד זײַן אין וועלן זי אויסטיילן. וווהין צילט ער?"

— דאָס איז געווען בײַ דער געלעגנהייט פון דער צווייטער מאַפּאָלע וואָס אַ רוימישע אַרמיי האָט באַקומען פון ספּאַרטאַקוסן. די ערשטע געלעגנהייט, דעם פאַל מיט די שטאָטישע קאָהאָרטעס, שטעל איך מיר פאָר, געדענקט מײַן פרײַנט גראַקוס זייער גוט. — „און מיר אַלע, מיין איך", — האָט גראַקוס בייזווויליק צוגעגעבן, — נאָך דעם פאַל האָט דער סענאַט קעגן אים אַרויסגעשיקט פּובליוסן. אַ גאַנצן לעגיאָן, און זייער אַ גוטן לעגיאָן, גלייב איך. דעם דריטן... ניט אַזוי גראַקוס?

— געוויסנהאַפטיקייט איז אײַערע אַן אייגנשאַפט, ניט מײַנע.

— איך מיין, אַז איך האַלט מיך באַם עמעס. און אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, זײַנען מיט דעם לעגיאָן מיטגעגאַנגען טיילן שטאָטישע קאַוואַלעריע... אַרום און אַרום אַן ערעך זעקס טויזנט מאַן. גלייב מיר, יוליע, — האָט ער געזאָגט, — אַז אין מילכאָמע זײַנען קיין סוידעס נישטאָ. מען דאַרף מער סייכל אַף געלט צו פאַרדינען, אַ שטיקל שטאָף אויסצוּוועבן, איידער אַף צו זײַן אַ גוטער גענעראַל. אַ סאַך מענטשן וואָס גיבן זיך אָפּ צו מילכאָמע, זײַנען גאָר קיין כאַכאָמים ניט... צוליב גאַנץ פאַרשטענדלעכע טײַמים. ספּאַרטאַקוס איז געווען אַ גאַנץ קלוגער מענטש. ער האָט פאַרשטאַנען אייניקע גאַנץ פּאָשעטע קלאָלים פון מילכאָמע און האָט געוווסט אין וואָס עס באַשטייט דער קויעך און די שוואַכקייט פון דעם רוימישן געווער. זייער ווינציקע האָבן עס פאַרשטאַנען. אַניבאַל האָט דאָס פאַרשטאַנען, נאָר זייער ווינציקע. אונדזער געערטער מיטצײַטלער פּאָמפּעיוס, האָב איך מוירע, פאַרשטייט דאָס ניט.

— און מיר מוזן דאָ אויסהערן די הויכע סוידעס? — האָט ציצעראָן געפרעגט.

— זיי זײַנען ניט הויך און האָבן ניט אין זיך קיין סוידעסדיקס. איך זאָג דאָס פֿאַר יוליען. אוממעגלעך, מיין איך, אַ מאַן זאָל דאָס ניט פֿאַרשטיין. דער ערשטער קלאַל איז קיינמאָל ניט פֿונאַנדערטיילן די קויכעס, סײַדן דאָס איז נייטיק אַף לעבן צו בלײַבן. דער צווייטער קלאַל איז אַטאַקירן, אויב מען גייט זיך שלאָגן, און אויב מען אַטאַקירט ניט, אויסמײַדן די שלאַכט. דער דריטער קלאַל איז אויסקלײַבן די צײַט און דאָס אָרט פֿון דער שלאַכט און קיינמאָל ניט דערלאָזן דאָס זאָל טאָן דער סוינע. דער פֿערטער קלאַל איז, פֿאַר יעדן פּרײַז אויסמײַדן אַרומגערינגלט צו ווערן. דער לעצטער קלאַל איז אַטאַקירן און שלאָגן דעם סוינע דאָרט ווו ער איז צום שוואַכסטן.

— אַ מין אַלעפֿבייס, — האָט ציצעראָן באַמערקט, — וואָס מען קען אים געפֿינען אין יעדן מיליטערישן האַנטבוך, קראַסוס, גאָרניט טיף, אויב איך מעג עס אַזוי זאָגן. צו פּאַשעט.

— קען זײַן, נאָר קיין שום פּאַשעטער זאַך פֿעלט ניט קיין טיפֿקייט... פֿאַרזיכער איך אײַך.

— און בלויז קעדיי צו דערגאַנצן, — האָט גראַקוס געזאָגט, — וועלכע זײַנען די שטאַרקייטן און די שוואַכקייטן פֿונעם רוימישן געווער?

— זייער פּאַשעט, און ציצעראָן, בין איך דעריבער זיכער, וועט ווידער מיט מיר ניט מאַסקים זײַן.

— איך בין אַ צוהערנדיקער שילער צו די פֿיס פֿון אַ גרויסן גענעראַל, — האָט ציצעראָן לײַכט אַ זאָג געטאָן.

קראַסוס האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ. „ניין, בעשום אופֿן ניט. פֿאַראַן צוויי זאַכן, וואָס מענטשן זײַנען איבערצײַגט, אַז זיי האָבן דערצו טאַלאַנט, און זיי דאַרפֿן דערצו ניט האָבן קיין צוגרייטונג און גיט קיין שטודיום: שרײַבן אַ בוך און פֿירן אַן אַרמיי. און אין באַצי מיך אַף מיר אַליין, פֿאַרשטייט זיך, אַן אַ שפּור פֿון אַנגרײַפֿערישקייט.

— דאָס איז מײַסטערהאַפֿט, — האָט העלענע געזאָגט.

קראַסוס האָט צו איר דעם קאָפּ אַ בייג געטאָן. פּרוּוון גייען אים אָן, נאָר קיין באַזונדערן אינטערעס אין זיי האָט ער ניט. אַלנפֿאַלס איז דאָס געווען העלענעס אַ מיינונג.

— וואָס שײַדט אונדזער אייגענער אַרמיי, — האָט קראַסוס געזאָגט — קען מען איר קויעך און איר שוואַכקייט אַרײַנגעמען אין איין וואָרט: דיסציפּלין. מיר האָבן די דיסציפּלינירטסטע אַרמיי אין דער וועלט; מעגלעך, די איינציקע דיסציפּלינירטע אַרמיי אין דער וועלט. אַ גוטער לעגיאָן וואַרפֿט אונטער זײַנע זעלנער צו פֿינף שאָ טעגלעכע געניטונגען, זיבן מאָל אין וואָך. די אַרמייען שטעלן צו אַ גאַנצע ריי מעגלעכקייטן דער שלאַכט, זיי קענען אָבער ניט צושטעלן אַלץ. דיסציפּלין איז אין אַ געוויסער מאָס מעכאַניש, און ווען עס שאַפֿט זיך אַ נײַע מעגלעכקייט, ווערט די דיסציפּלין געשטעלט צום פּרווו. מיר האָבן שוין אַן אויסגעצייכנטע אַרמיי פֿאַר אַטאַק

און איר געווער איז דאָס געווער פון אַטאַק. אונדזערע לעגיאָנען שטעלן דערום אויף פאַרטיפיקאַציע־לאַגערן דאָרט ווו זיי שטעלן זיך אָפּ אַף איבערנאַכט. די אַכילעס־פּיאַטע פון די לעגיאָנערן איז דער באַנאַכטיקער איבערפאַל. די ערשטע טאַקטיק פון די רוימישע אַרמייען, איז אונדזער אויסוואַל פון דעם שלאַכטפעלד. נאָר דאָס איז געווען אַ לוקסוס וואָס ספּאַרטאַקוס האָט אונדז זעלטן דערלויבט. און פּובליוס, ווען ער איז געגאַנגען אַף דאָרעם מיט דעם דריטן לעגיאָן, האָט פאַרלעצט אָט די אַלע אומגלויבלעך פּאַשעטע פאַרשריפטן. און עס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך. צו ספּאַרטאַקוסן האָט ער געפילט בלויז פאַראַכטונג.

אַנטאָניוס קאַיוסעס צוויי טעכטערלעך זײַנען צוגעקומען צו דער גרופּע אַף דער טעראַסע. זיי זײַנען געקומען צו לויפן רויט פון שפּילן זיך, מיט געלעכטער און אויפגעהײַטערטקייט און האָבן געפונען אַ באַהעלטעניש בא יוליען אין די אָרעמס. זיי האָבן נאָך צײַט געהאַט צו הערן קראַסוסעס לעצטע ווערטער.

— איר האָט געקענט ספּאַרטאַקוסן? — האָט די עלטערע געפרעגט.

— איר האָט אים געזען?

— איך האָב אים קיינמאָל ניט געזען, — האָט קראַסוס אַ שמייכל געטאָן, — נאָר איך האָב אים רעספּעקטירט, טײַערע.

גראַקוס האָט פאַמעלעך געשיילט אַן עפּל און האָט געקוקט אַף קראַסוסן מיט צוגעזשמורעטע אויגן. ער האָט ניט ליב געהאַט קראַסוסן און האָט זיך געקלערט, אַז זינט ער לעבט האָט ער ניט געקענט אַ מיליטערמאַן וואָס זאָל אים זײַן אַזוי ניט סימפּאַטיש. ער האָט אין דער הייך אויפגעהויבן די שאָלעכץ פונעם עפּל אין איין לאַנגער סטענגע און די קינדער האָבן מיט די הענט געפּאַטשט פון האַנאָע. זיי האָבן געוואָלט די שאָלעכץ, נאָר ער האָט פון זיי געפאָדערט פריִער אַרויסזאָגן אַ ווונטש. „דערנאָך וועט איר די שאָלעכץ אַרומוויקלען אַרום דעם ווונטש. דער עפּל האָט אין זיך גאָר די כאָכמע”.

— און טרעפט אַז גאָר אַ וואָרעם, — האָט יוליע אונטערגעשטראָכן, — דאָס איז אַ געשיכטע וועגן וואַריניען, קראַסוס.

— אָט דאָ קומען מיר צו איר. איך באַשרענק מיך אַף די פּאַרגעשעענישן. צו יענער צײַט איז ספּאַרטאַקוס נאָך געווען אין דער וועזוויוס־געגנט. און פּובליוס, ווי דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אים אַלס טיפּעש, האָט זײַן מיליטער אײַנגעטיילט אין דרײַ טיילן, יעדער טייל עפּעס מער ווי צוויי טויזנט מאַן און האָט גענומען אומגעריכט איבערפאַלן דעם סוינע אַף יענעם געבראָכענעם באָדן, און זוכן ספּאַרטאַקוסן. אין דרײַ באַזונדערע צוזאַמענשטויסן האָט ספּאַרטאַקוס זײַנע אַרמייען פון דער ערד אָפּגעווישט. אַלעמאָל דאָס אייגענע: ער האָט זיי געפּאַקט אין אַ שמאָלן דורכגאַנג, ווו די ראָטעס האָבן זיך ניט געקענט אויסוויקלען און ער האָט זיי צענישטיקט. פונדעסטוועגן, האָט איינע אַ גאַנצע קאָהאָרטע רײַטער און דער גרעסטער

טייל פון קאָהאָרטע פוסגייער, בײַ אַזאַ לאַגע, באַוויזן זיך דורכצורײַסן און די אינפאַנטעריע־זעלנער האָבן זיך אָנגעהאַנגען בײַ די עקן פון די פערד, וואָס זײַנען געלאָפן, געשמיסענע מיט די בײַטשן. אויב אײַך איז באַקאַנט דער אופן ווי די שקלאַפן שלאָגן זיך, ווייסט איר, אַז זיי דערלויבן זיך ניט אַזוינס וואָס קען הייסן צעשטײַונג. זיי קאָנצענטרירן זיך דערויף, וואָס זיי האָבן אין דער האַנט. און דאָס האָבן זיי געטאָן. און די אַכט הונדערט אָדער נײַן הונדערט רײַטער און פוסגייער זײַנען אָפּגעטראָטן דורך די וועלדלעך. דאָרט האָבן זיי פאַרבלאָנדזשעט און זײַנען צוריקגעקומען צום לאַגער פון די שקלאַפן, ווו עס זײַנען פאַרבליבן די פרויען מיט די קינדער. איך זאָג לאַגער, נאָר געווען איז עס מער ווי אַ דאָרף. אַרום די בײַדלעך איז געווען אַ קאַנאַווע, אַן ערדענער מויער און איבער אים אַ פלויט. מיט ספּאַרטאַקוסן האָבן געמוזט זײַן אַ היפּש ביסל דעזערטירן פון די לעגיאָנען, וואָרעם געווען איז דאָס אַלץ געמאַכט אַף דעם אופן ווי מיר מאַכן אַ לאַגער און די בײַדלעך זײַנען געווען געצויגן אין גלײַכע גאַסן. די טירן זײַנען געווען אָפן און אין דרויסן האָבן זיך קינדער געשפּילט און פרויען האָבן אַף זיי אַכטונג געגעבן. איר דאַרפט פאַרשטיין, אַז ווען די זעלנער זײַנען צעקלאַפּט געוואָרן און זײַנען אַנטלאָפן, איז אויך פאַרשוווּנדן *דער גרעסטער טייל* קאָנטראָל איבער זיי. איך נעם זיך דאָ ניט מישפּעטן די וואָס האַרגענען שקלאַפן, צי דאָס זײַנען קינדער, פרויען אָדער מענער. מיר האָבן געגוג גרונד צו האַסן די כאַזערײַ און די זעלנער זײַנען פול געווען מיט האַס. זיי האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אַף דעם פלאַץ און די רײַטער האָבן אַף זייערע שפּיזן אויפגעשטאָכן קינדער ווי מען שטעכט אויף מײַז. בעייסן ערשטן איבערפאַל האָבן זיי דערהאַרגעט אויך אייניקע פרויען, נאָר די אַנדערע פרויען האָבן געענטפערט אַף דעם איבערפאַל און זײַנען אַרויס באַוואָפנטע מיט מעסערס, מיט שווערדן און שפּיזן. איך ווייס ניט וואָס די זעלנער האָבן זיך געקליבן דאָרט צו טאָן, צי האָט זיי באַוועגט עפּעס מער ווי האַס און נעקאָמע. זיי האָבן אַוודע געמוזט האָבן געהאַרגעט טייל פרויען און אַנדערע פאַרגוואַלדיקט. איר געדענקט אַוודע אַז מען איז דעמאָלט אומעטום שטאַרק אויפגעבראַכט געווען קעגן די שקלאַפן. פריִער, פאַר ספּאַרטאַקוסן, אויב איינער האָט דערהאַרגעט אַפילו זײַנע אַן אייגענע שקלאַפן, האָט ער אַף דער גאַס ניט געקענט אַרויסגיין מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ. דאָס איז באַטראַכט געווען פאַר מער ווייניקער אַ נידעריקער טאַט, און אויב מען האָט געקענט דערווײַזן, אַז ער האָט דערצו קיין שום גרונד ניט געהאַט, האָט מען געקענט אַרויפלייגן אַף אים אַ געלט־שטראָף. דאָס געזעץ איז ערשט צוריק מיט דרײַ יאָר געענדערט געוואָרן. ניט ריכטיק גראַקוס ?

— ריכטיק, — האָט גראַקוס ניט גערן געענטפערט — דערציילט ווײַטער, איר האָט דאָך געוואָלט דערציילן וועגן וואַריניען.

— אַך, יאָ? — האָט זיך קראַסוס ווי פאַרגעסן אַף אַ ווײַלע. יוליע האָט

געקוקט אַריבער אים צום געשווירענעם גראָז. „לויפט קינדער", — האָט זי געזאָגט, — „גייט שפּילט אײַך".

— איך מיינט צו זאָגן, אַז די פרויען האָבן געקעמפט קעגן די זעלנער? — האָט קלאַוודיע געפרעגט אַ פאַראינטערעסירטע דאָס צו וויסן.

— אָט דאָס מיין איך, — האָט קראַסוס צוגעשטימט, — באַ די טירן איז פאָרגעקומען אַ שרעקלעכע שלאַכט. יאָ, די פרויען האָבן געקעמפט קעגן די זעלנער. און די זעלנער זײַנען ווילד געוואָרן און האָבן זיך פאַרגעסן, אַז זיי קעמפן קעגן פרויען. די שלאַכט האָט געדויערט אַ קעגן אַ שאָ צײַט, גלייב איך. ווי מיר האָט מען דערציילט, האָט מיט די פרויען אָנגעפירט אַ געהאַרטעוועטע אין קריג בלאָנדע פרוי, וואָס מען רעכנט דאָס זאָל געווען זײַן וואַריניע. זי איז געווען אומעטום. די קליידער צעפּאַסטעוועט, האָט זי זיך אַ נאַקעטע געשלאָגן מיט אַ שפּיז אין דער האַנט. ווי אַ פוריע איז זי געווען . . .

— איך גלייב ניט אַ וואָרט דערפון, — האָט גראַקוס אים איבערגעריסן.

— איר מוזט מיר ניט גלייבן, אויב איר ווילט ניט, — האָט קראַסוס געזאָגט און האָט פאַרשטאַנען, אַז זײַן דערציילונג איז קלעגלעך דורכגעפאַלן.

— פאַרוואָס עפּעס האָט איר עס דערציילט פאַר מיר? — האָט יוליע געפרעגט.

העלענע האָט אים שאַרף אָנגעקוקט און געזאָגט: — זײַט אַזוי גוט און פאַרענדיקט די געשיכטע. צי זי איז עמעס אָדער ניט עמעס, מוז זי דאָך האָבן אַ סאָף, ניט וואָר?

— אַ געוויינטלעכער סאָף. אַלע שלאַכטן האָבן געוויינטלעך דעם סאָף. מען צעקלאַפּט דעם אָדער דער צעקלאַפּט יענעם. דאָסמאָל האָבן מיר פאַרלוירן. אייניקע שקלאַפן זײַנען אַהיימגעקומען און איינאיינעם מיט די פרויען האָבן זיי אַלעמען ליקווידירט, אַכוץ אַ קליין הײַפל רײַטער, וואָס איז אַנטלאָפן. זיי האָבן עס דערציילט.

— און וואַריניען האָט מען ניט געהאַרגעט?

— דאָס איז דאָך געווען וואַריניע. זיכער האָט מען זי ניט געהאַרגעט. זי באַווײַזט זיך איינמאָל און אַ צווייטן מאָל.

— און איצט לעבט זי? — האָט קלאַוודיע געפרעגט.

— צי זי לעבט איצט? — האָט קראַסוס איבערגעפרעגט, — איז עס אַזוי וויכטיק?

גראַקוס האָט זיך אויפגעהויבן, האָט כאַראַקטעריסטיש אָפּגעוואָרפן פון זיך די טאָגע און האָט אָוועקגעשפּאַנט. אַ ווײַלע איז שטיל געווען און ציצעראָן האָט אַ פרעג געטאָן:

— וואָס קען ער דאָרט דער אַלטער?

— איין גאָט וויים.

— פאַרוואָס זאָגט איר, אַז ס׳איז ניט וויכטיק צי וואַריניע לעבט צי זי לעבט ניט ? — האָט העלענע געוואָלט וויסן.

— דער איניען איז פאַרענדיקט, ניט וואָר ? — האָט קראַסוס טרוקן געענטפערט, — ספּאַרטאַקוס איז טויט. וואַריניע איז אַ שקלאַפן. דער רוימישער מאַרק איז פול מיט דער סכוירע. וואַריניע און נאָך צען טויזנט אַזעלכע ווי זיי... — זײַן קאָל איז מיטאַמאָל פול געוואָרן מיט צאָרן.

אַנטאָניוס קאַיוס האָט זיך אַנטשולדיקט און איז אַוועק אויפזוכן גראַקוסן. ער האָט זיך געפילט אומבאַקוועם וואָס אַזוינע צוויי מענטשן ווי גראַקוס און קראַסוס, פּאָליטיש פאַראייניקטע זאָלן אַזוי בערויגעז ווערן צווישן זיך פאַר גאָרניט. ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען גראַקוסן אַזוי זיך אויפפירן. זאָל עס זײַן צוליב יוליען ? — האָט ער זיך געפרעגט. ניין... ניט מיט דעם אַלטן גראַקוס, ניט מיט דעם דיקן אַלטן באָכער גראַקוס. גראַקוס האָט זיך זײַנע מײַלעס, נאָר אין סעקסועלן זין, קען אים אַנטאָניוס קאַיוס באַטראַכטן פאַר אַ סאַטיס. און וואָס קען אָנגיין די אָרעמע פאַטעטישע יוליע קראַסוסן, וואָס קען באַקומען וועלכע פרוי ער וויל אין רוים, אַ פרײַע צי אַ שקלאַפן. אויב ווער פון זיי האָט ליב יוליען, ווייס איין גאָט, אַז זי וואָלט זיי אויפגענומען און איר געלעגער געגעבן און איר טיש מיט זיי געטיילט ! קיין זאַך וואָלט זי ניט אַזוי גליקלעך געמאַכט.

גראַקוסן האָט ער געטראָפן זיצן אַ פאַרטראַכטן אינעם קאָנסערוואַטאָריום. ער איז צוגעקומען צו זײַן אַלטן גוטן ברודער און מיטן עלנבויגן אים אַ לײַכטן שטויס געטאָן: „וואָס איז מיט דיר אַלטער ?... פילסט זיך גוט ?”

— פאַר מיר מיט קראַסוסן, — האָט גראַקוס געענטפערט, — ווען אַמאָל די וועלט צו קליין זײַן.

זעקסטע טייל

וואָס דערציילט וועגן דער רײַזע פֿון טייל ווילאַ סאַלאַריער געסט קיין קאַפּואַ, גיט אָן אייניקע פּראָטים פֿון דער שיינער שטאָט און באַשרײַבט וויאַזוי די רײַזנדע האָבן צוגעזען די קרייציקונג פֿון דעם לעצטן פֿון די גלאַדיאַטאָרן

I

ציצעראָן און גראַקוס האָבן נאָך אין דעם טאָג זיך געזעגנט און זײַנען אָפּגעפֿאָרן קיין רוים. קראַסוס מיט דער גרופּע פֿונעם יונגן קאַיוס, זײַנען אָף דער צודרינגלעכער ביטע פֿון אַנטאָניוס, פֿאַרבליבן אָף נאָך איין טאָג אין ווילאַ סאַלאַריאַ און האָבן אַפֿריִער אָפּגעמאַכט אַרויסצופֿאָרן גאַנץ פֿרי, קעדיי אויסצונוצן ווי ווײַט מעגלעך דעם טאָג צום רײַזן. קראַסוס האָט נאָך העפֿריִער געהאָט פֿאָרגעלייגט קאַיוסן מאַכן די רײַזע צוזאַמען און סײַ הע־לענע און סײַ קלאַוודיע האָט האַנאָע געטאָן פֿון טראַכטן בלויז אַז אָף דער רײַזע וועט זיי באַגלייטן דער באַרימטער גענעראַל.

אַרויסגעגאַנגען זײַנען זיי פֿון דער פּלאַנטאַציע אַביסל פֿריִער פֿאַר זון־אויפֿגאַנג. די פֿיר בעטן, די אַלערליי דינער און געפּעק־טרעגער, האָבן אויסגעמאַכט אַ היפּשע קאָלאָנע אָפֿן וועג, און ווען זיי זײַנען צוגעקומען צו דער וויאַ אַפּיאַ, האָט קראַסוס זיך געלאָזט באַגלייטן פֿון אַן ערנוואַך פֿון צען לעגיאָנערן. מען האָט אים פֿאַרבעטן קיין קאַפּואַ צו דער צערעמאָניע וואָס ווערט דאָרט געפּראַוועט צוליבן פֿולשטענדיקן אונטערדריקן דעם שקלאַפֿן־אויפֿשטאַנד און פֿונקט אָף דעם אָרט ווו דער אויפֿשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן. מען האָט אויסגעקליבן הונדערט גלאַדיאַטאָרן פֿון צווישן די געפֿאַנגענע נאָכן אומקום און טויט פֿון ספּאַרטאַקוסן, און שוין אייביקע וואָכן ווי מען פֿירט דורך ספּעקטאַקלען אינעם צירק. די צוזאַמענשטויסן זײַנען „מונעראַ סינע מיסיאָנע", וואָס דאָס מיינט ליקווידירנדיקע, ביז עס וועט בלײַבן ניט מער ווי איינער אַ לעבעדיקער. ווי נאָר עס פֿאַרענדיקט זיך דער געשלעג פֿון איין פּאָרל, שטעלט מען דעם לעבנגעבליבענעם זיך שלאָגן מיט אַ צווייטן. דער טויט־טאַנץ ציט זיך אָן אַ סאָף.

— אײַך וואָלט זיך וועלן, דאַכט מיר, דאָס צוזען, — האָט קאַיוס געזאָגט, — די פֿיר בעטן זײַנען געגאַנגען איינס לעבן צווייטן, קעדיי די רײַזנדע זאָלן קענען שמועסן צווישן זיך. די לעגיאָנערן האָבן אָפּגעווענדט דעם

קעגנאיבערדיקן פארקער ביז צום ראנד וועג און אז מענטשן האבן געזען ווי גרויס און וויכטיק עס איז דער קאראוואן, האבן זיי געוון אנגענומען די פריווילעגיע זיך צו פארנעמען רעכטס.

קאיוס און קראסוס זיינען געזעסן גענען אין זייערע בעטן איינער לעבן צוויי־טן, קלאוודיע לעבן קראסוסן און העלענע לעבן איר ברודער. צוליב זיין עלטער און צוליב די סענטימענטן וואס ער האט געהאט צו זיי, האט ער זיך גענומען די ראל פונעם פארבעטער. ער האט געהאט גוטע געשולטע שקלאפן און אין דער צייט וואס די בעטן זיינען געטראגן פארויס איבערן פרעכטיקן שאסיי, האט ער צוגעטראפן די מינדסטע ווונטשן פון די מיט־רייזנדיקע, צי דאס איז געווען שמעקעדיקער און קאלטער ווינער ווייך פון יעהודא אדער זאפטיקע ווינטרויבן פון עגיפּעט אדער אן אויסדעמפונג פון עסענצן אף אויסצולייטערן די לופט ארום. ווי געוויינטלעך א סאך זייער רייכע לייט, איז ער שטארק געהיט געווען נאכצוקומען מאטעריעלע זא־כעניש דארט, ווו עס גייט אין מענטשן פון זיין אייגענעם קלאס. אין דעם מאמענט האט ער זיך אויפגעפירט ווי א פארבעטער, באגלייטער און וועג־ווייזער. ווי אן ענטפער אף קאיוסעס פראגע, האט ער געזאגט:

— ניין. דאס קען איך וווּנדערן, קאיוס, נאר איצט אינטערעסירט מיך קימאט ניט דער שפיל. נאטירלעך, גיי איך פון צייט צו צייט ווען עס האנדלט זיך פון זייער א גוטן און ספעציעלן פארל. נאר איך האב מוידע דער שפיל זאל מיך לאנגווייליקן. נאר ווען איך ווייס איר ווילט זיי זען...

— נישט וויכטיק.

— אין דער „מונערא" וועט דאך אבער איינער בלייבן, — האט קלאוודיע געזאגט.

— עס קען זיין אנדערש, ווארעם ביידע קענען ארויסקומען צעוווּנ־דיקט אף טויט. נאר אויב איינער פון זיי וועט בלייבן, איז מעגלעכער ווי אלץ מען זאל אים קרייציקן ווי א סימוואל בא די טויערן פון דער שטאט. פאראן זיבן טויערן, ווי איר ווייסט, און ווען מען האט גענומען אויפ־שטעלן די שטראף־צייכנס האט מען אנגעהויבן מיט זיבן צלאמים, פאר יעדן טויער א ציילעם. ווער עס זאל ניט לעבן בלייבן, וועט מען מיט אים פארבייטן איינעם פון די געהאנגענע אף דער וויא אפיא.

— זייט איר אמאל געווען אין קאפוא? — האט ער געפרעגט קלאוודיען.

— ניין. קיינמאל ניט.

— אויב אזוי, וועט איר א סאך פארגעניגן האבן. דאס איז א זייער שיינע שטאט! איך טראכט אפט, אז דאס איז די שענסטע שטאט אין דער וועלט. אין א לויטערן טאג האט מען פאר זיך א גלאררייכן ספעק־טאקל פון דער בעכטע, געזען פון די מויערן אראפ, און אין דער ווייט דעם ווייסן שפיץ פונעם וועזוויוס. איך ווייס ניט פון נאך א שטאט וואס זאל זיך גלייכן צו איר אין שיינקייט. איך האב דארט א ווילע און מיך וואלט שטארק געפרייט אייך צו האבן פאר מיינע געסט.

קאַיוס האָט אים אויפגעקלערט, אַז זײַנער אַן עלטער־פעטער, אַ געוויסער פלאַוויאַנוס, וואַרט אַף זיי און ווער ווייס צי זיי וועלן שוין איצט קענען ענדערן זייערע פלענער.

— אַלנפאַלס, וועלן מיר זיך קענען טרעפן. די ערשטע טעג וועלן זײַן לאַנגווײַליקע. נאָר נאָך די אָפיציעלע אויפנאַמעס און רעדעס און אַלץ מיטאַנאַנדער, וואָלטן מיר קענען פאַרברענגען אַ פּאָר שאָ אַף דער בעכטע, זיך שיפן — וואָס דאָס איז דער קעניג פון די ספּאָרטן, ווי איר ווייסט — און עפשער אויך אַ פּיקניק, און ווער שמועסט די „אונגעטאַריס". קאַפּואַ איז נישט מעגלעך אָפּצוטיילן פון אירע פאַרפומען, מיך אינטערעסירט דאָ איינע אַ פאַבריק און עפּעס פאַרשטיי איך אין דער פאַרפומען־ווויסנשאַפט. איר דאַרפט נאָר זאָגן וואָסערן פאַרפום איר ווילט, וועט עס מיר פאַרשאַפן פאַרגעניגן אײַך צו שענקען.

— איר זײַט זייער ליב צו אונדז, — האָט העלענע געזאָגט.

— דאָס ליב זײַן קאָסט מיך אַזוי ווייניק און באַלוינט מיך אַזוי גוט. אַלנפאַלס בין איך באַצויבערט פון קאַפּואַ און פיל מיך שטענדיק שטאָלץ אַף איר. זי איז זייער אַן אַלטע שטאָט. פאַראַן אַ לעגענדע, אַז מיט טויזנט יאָר צוריק האָבן די עטרוסקן אויסגעבויט צוועלף שטעט אין דער טייל איטאַליע, און גערופן האָט מען זיי די צוועלף צירונגען פון דעם גאָלדענעם האַלדזבאַנד. איינע פון די שטעט האָט מען גערופן „וואָלטורנום" און זי, רעכנט מען, איז די הײַנטיקע קאַפּואַ. נאַטירלעך, איז עס בלויז אַ לעגענדע. די סאַמניטן, וואָס האָבן זי מיט דרײַ הונדערט און פופציק יאָר צוריק פאַרנומען באַ די עטרוסקן, האָבן זי אין גרעסטן טייל איבערגעבויט, און ווען מיר האָבן זי באַ זיי פאַרנומען, האָבן מיר זי אַרומגעמויערט און געצויגן אין איר נײַע גאַסן אַף אַלע זײַטן. זי איז אַן אָנגענעמערע שטאָט ווי רוים.

אַזוי זײַנען זיי געטראָטן מיט דער וויאַ אַפּיאַ. זיי האָבן שוין ווייניק אַכט געלייגט אַף די שטראָף־צייכנס. ווען דער ווינט האָט זיי צוגעטראָגן דעם רייעך פון פוילן פלייש, האָט אַ שמעק פאַרפום באַזאַנפטיקט די לופט. נאָר, ביקלאַל, האָבן זיי קימאַט ניט געקוקט אַף די צלאָמים. אַכוץ דעם נאָרמאַלן פאַרקער איבערן שאָסיי, איז קיין וויכטיקס ניט געווען. צוויי נעכט האָבן זיי פאַרבראַכט אין לאַנד־הײַזער און איין נאַכט אין אַ זייער לוקסוסדיקער וועג־אַכסאַניע. און צום סאָף זײַנען זיי, עטאַפּנווײַז, גאַנץ באַקוועם אָנגעקומען קיין קאַפּואַ.

II

קאַפּוּאַ איז איצט יאָנטעוודיק, זי פּילט זיך אָפּן שפּיץ פון איר רום, פון איר גלאָר און ווױלזײַן, שוין אָפּגערייניקט די פלעקן פון דער שקלאַפן־מילכאָמע. אַף אירע שטאָט־מויערן פלאַטערן טויזנט מיט צוויי הונדערט פאָנען. אירע זיבן שטאָט־טויערן זײַנען צעפּראַלט אָפן, ווײַל פרידן איז אַף דער ערד און קיינער שטערט ניט דעם פרידן. די יעדיע וועגן זײַן קומען איז פאַר אים געגאַנגען און אַ געזעמל כאָשעווע שטאָט־לײַט וואָרט שוין אַף אים, אים מעקאַבל פּאָנעם זײַן. די שטאָט־קאַפּעליע פון הונדערט מיט צען אינסטרומענטן, טרומייטן, פלייטן און פויקן, האָט שוין אָפּן ווינט געשיקט איר געשאַל און די שטאָטישע קאָהאָרטעס, אין רײַכע זילבערנע פּאַנצערס, באַגלייטן זיי איבער דער וויאַ אַפּיאַ. די צוויי מיידלעך זײַנען שטאַרק באַגײַסטערט און קאַיוס, אַפילע, וואָס מאַכט אַ פּאָנעם פון גלײַכגילטיקייט, איז שטאַרק גערירט פון דער זייער זעלטענער און פּינטאָרעסקער אויפנאַמע, וואָס זיי האָבן באַקומען אינאיינעם מיט זייער באַגלייטער. ווען זיי זײַנען שוין געווען אין שטאָט האָבן זיי זיך געשיידט מיט קראַסוסן און זײַנען אַוועק צו זייערע קרויווים אין הויז; נאָר אין אַ פּאָר שאָ אַרום איז זיי אָנגעקומען אַ פאַרבעט־בריוו פונעם גענעראַל, ווו ער בעט קאַיוסן מיט זײַן שוועסטער און כאַווערטאָרן און זייערע קרויווים, זיי זאָלן קומען ווי זײַנע פאַרבעטענע צום אָפּיציעלן באַנקעט, וואָס וועט די נאַכט פּאָרקומען. קאַיוס האָט זיך געפילט זייער שטאָלץ מיט דער אויפמערקזאַמקייט, וואָס דער גענעראַל שענקט אים, און אין פאַרלויף פון דעם נודנעם און צעצויגענעם באַנקעט, האָט קראַסוס ניט פאַרפעלט קיין איין געלעגנהײַט זיי אַרויסצוּווײַזן קאָלערליי גאַלאַנטקייטן. קאַיוס, קלאַוודיע און העלענע האָבן קוים עפּעס פאַרזוכט פון די פינף און פופציק מײַכאָלים, וואָס מען האָט דערלאַנגט, ווי אַן אויסדרוק פון פאַרערונג און היכער אַכטונג צום גענעראַל. קאַפּוּאַ האָט אײַנגעהיט די אַלטע עטרוסקישע טראַדיציאָנעלע מײַסטער־שאַפט אינעם עקזאָטישן צוגרייטן אינזעקטן. נאָר קאַיוסן האָט אַפילע אַפן געדאַנק ניט געקענט קומען זיי צו פאַרזוכן, ניט אַפילע אין האָניק געפּרעגלט אָדער די פײַנע פּירעזשקעס מיט אײַנגעהאַקטע היישעריקן. איינע פון די פאַרווײַלונגען אין דעם אָוונט איז געווען אַ ספּעציעלער טאַנץ געשאַפן לעקאָוועד קראַסוסן. דער טאַנץ האָט פאַרגעשטעלט ווי בלוטדורשטיקע שקלאַפן פאַרגוואַלדיקן אַ רוימיש מיידל און די סצענעס האָבן זיך נאָכאַנאַנד געביטן מיט עקסטראַוואַגאַנטער טרײַקייט. צום סאָף, ווען די שקלאַפן האָבן באַקומען זייער פאַרדינטן טויט, האָט פון דער סטעליע אינעם גרויסן זאַל גענומען שיטן אַ שניי פון ווײַסע בלומען־בלעטעלעך.

העלענע האָט געמערקט אַז וואָס שפּעטער אין דער נאַכט און וואָס שיקערער עס ווערן די הונדערטער געסט אַפן באַנקעט, אַלץ וויניקער טרינקט קראַסוס. ער פאַרזוכט קוים דעם ווײַן און האָט אַפילע צו די ליפּן

ניט גענומען דעם פלוימען־בראַנפן, וואָס קאַפּוּאַ איז מיט אים אַזוי באַרימט און מען דיסטילירט אים אַזוי קונציק ווי די וועלט־באַרימטע פּאַרפומען. זיי געווען איז עס אַ מאָדנע קאָמבינאַציע פון שטרענגקייט מיט טבֿע. זיי האָבן זיך אין יענע נאַכט־שאָען אָפּט דורכגעוואָרפן מיט בליקן, און ביידע אײַנגעשאַפּטן האָבן זיך אין זײַנע אויגן באַוויזן. קאַיוס און קלאַוודיע, ווידער, זײַנען שוין היפּש שיקער.

געווען איז שוין זייער שפּעט ווען דער באַנקעט האָט זיך פאַרענדיקט, נאָר העלענע האָט דערפילט אַ מאָדנע דרינגלעכן פאַרלאַנג צו זען די שול פון לענטולוס באַטשיאַטאָ, דאָס אָרט גופא, ווו דער אויפשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן, און זי האָט געפרעגט קראַסוסן צי וויל ער זיי ניט אַהין נעמען און זײַן זייער פירער און שיצער. די נאַכט איז געווען אַ גלאַרײַכע, אַ קילע און אַ באַלזאַמירטע, פול מיט דעם גערוך פון די פרילינגדיקע קנאָספּן, וואָס האָבן געבליט איבער דער גאַנצער שטאָט. איבער דער שטאָט האָט זיך גע־נומען הייבן אַ ריזיקע גלעלע לעוואָנע און עס איז קיין פראַגע ניט געווען צי זיי וועלן טרעפן דעם וועג באַנאַכט.

אָפּן פלאַץ פאַרן פאָרום האָט זיך אַרום דעם גענעראַל פאַרזאַמלט אַ גרויסער האַמוין און דערצו האָט זיך דאָרט אויפגעהויבן אַ דיפּלאָמאַטישער איניען, וויאַזוי אָפּצוטשעפּען פונעם גענעראַל די צוויי מיידלעך פון העלענעס מישפּאָכע, נאָר זי האָט זיך אײַנגעאַקשנט, אַז קאַיוס זאָל זיי באַגלייטן. ער איז געווען אַזוי שיקער אַז ער האָט טייקעף מאַסקים געווען. ער איז שטיין געבליבן, האָט זיך אַ ווײַלע געוואַקלט אַף די פיס און האָט געקוקט אַף קראַ־סוסן מיט אויגן פון אַ פאַרערער. דער גענעראַל האָט דערליידיקט די אָפּי־ציעלע פּראָטים און שוין זײַנען זיי געזעסן אין די טראָג־בעטן אָפּן וועג צום אַפּיאַ־טויער. די וואַך באַם טויער האָט סאַלוטירט דעם גענעראַל און ער האָט אַ ווײַלע געשפּאַסט מיט זיי און האָט צווישן זיי צעטיילט אַ הויפן זיל־בערנע מאַטבייעס. אויך האָט ער זיי געבעטן זיי זאָלן אים אַריענטירן.

— זײַט איר, הייסט עס, דאָרט קיינמאָל ניט געווען? — האָט הע־לענע געפרעגט.

— ניין, איך בין דאָרט קיינמאָל ניט געווען.

— מאָדנע! — האָט העלענע אָנגעמערקט, — ווען איך בין איר, מיין איך, וואָלט איך עס געוואָלט זען, ווייניקסטנס, קעדיי אַ קוק צו טאָן אַף דעם אָרט, וואָס פאַרבינדט אײַער לעבן מיט ספּאַרטאַקוסעס.

— מײַן לעבן מיט ספּאַרטאַקוסעס טויט, — האָט קראַסוס רויִק אָנ־געמערקט.

— דאָס אָרט איז איצט ניט אַזוי וואַזשנע, — האָט זיך אָנגערופן דער קאַפּיטאַן פון דער וואַך, — דער אַלטער „לאַניסט” האָט אין דעם אַרײַנגע־לייגט אַ מאַטמען מיט געלט, און האָט שוין דאַכט זיך געהאַלטן באַ ווערן אַ מיליאָנער. נאָר נאָכן אויפשטאַנד, זעט אויס, האָט זיך אים דאָס מאַזל איבערגעדרייט, און ווען איינער פון זײַנע שקלאַפן האָט אים דערהאַרגעט, איז עס געבליבן געשלאָסן, צוליבן פּראָצעס, און אַזוי שטייט עס שוין

געשלאָסן. די אַנדערע גרויסע שולן האָבן זיך איבערגעצויגן אין שטאָט אַרײַן. צוויי זייערע האָבן זיך אַרײַנגעצויגן אין שכײנים־הײַזער.

קלאַוודיע האָט אַ געגעץ געטאָן. קאַיוס איז געשלאָפן אין זײַן טראָג־בעט.

— אין דער געשיכטע פונעם אויפשטאַנד, וואָס איז אָנגעשריבן פון פלאַציוס מאַנאַאַיאַ, — האָט דער קאַפּיטאַן פרײלעך דערציילט, — זאָגט זיך, אַז באַטשיאַטאָס שול געפינט זיך אין מיטן דער שטאָט. איצט פירן מיר אַהין די טוריסטן. נאָר גלייבט מיר, מײַן וואָרט איז גאָרניט ווערט אַקעגן דעם וואָרט פונעם היסטאָריקער. באַטשיאַטאָס שול קען מען גאַנץ גרינג אויסגעפינען. גייט מיט דעם וועג בײַ דער זײַט ריטשקע. אין אַזאַ לעוואָנע־נאַכט קען מען זען אַזוי גוט ווי בײַטאָג. ס'איז אוממעגלעך איר זאָלט צום צירק ניט טרעפן. די הילצערנע לאָזשע באַקרוינט אים. אין דער צײַט וואָס זיי האָבן גערעדט, איז פאַרבײַ דעם טויער דורכגעגאַנגען אַ גרופּע שקלאַפן מיט שווערדן און קירקעס. זיי האָבן אויך געטראָגן מיט זיך אַ לייטער און אַ ליפּענעם קויש. זיי זײַנען צוגעקומען צו דעם אָרט, וווּ עס איז געשטאַנען דער גרויסער קרייץ, דער ערשטער, דער סימוואָל פון די שטראָף־סימוואָלן, דער ערשטער פון די זעקס טויזנט צלאָמים, וואָס האָבן באַצייכנט דעם וועג צו רוים. בעייס זיי האָבן צוגעשטעלט דעם לייטער צום קרייץ, האָבן זיך פון אים מיט אַ קאָס אויפגעהויבן אַ סטײַע ראָבן.

— וואָס טוען זיי? — האָט קלאַוודיע געפרעגט.

— זיי נעמען אַרונטער איין הונט, קעדיי אַף זײַן אָרט אַ צווייטן הונט אויפצוהענגען, — האָט זאָרגלאָז געענטפערט דער קאַפּיטאַן פון דער טויערוואַך, — אין דער פרי וועט דער לעבנגעבליבענער פון דער „מונערא סינע מיסיאָנע” באַקומען דעם קאָוועד וואָס אים קומט. אַף אים וועט אומקומען דער לעצטער פון די שקלאַפן וואָס זײַנען געווען מיט ספּאַרטאַקוסן.

קלאַוודיע האָט אַ שוידער געטאָן.

— מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב קיין כיישעק ניט מיט אײַך צו גיין, — האָט זי זיך אָנגערופן צו קראַסוסן.

— אויב איר ווילט אַהיימגיין, קענט איר גיין... ווילט איר באַפעלן די מענטשן זיי זאָלן זי באַגלייטן? — האָט ער געפרעגט דעם קאַפּיטאַן. נאָר קאַיוס, וואָס האָט באַקוועם געכראָפּעט, איז מיטגעגאַנגען. העלענע איז געווען אַנטשלאָסן צו גיין אין שול, און קראַסוס האָט מאַסקים געווען און איז אַראָפּ פונעם טראָג־בעט, קעדיי מיט איר מיטצוגיין. די בעטן זײַנען געגאַנגען אַפריִער און דער גרויסער פינאַנציסט און גענעראַל מיט דעם מיידל זײַנען זיי נאָכגעגאַנגען אין דער לעוואָנע־שײַן. ווען זיי זײַנען פאַרבײַגעגאַנגען דעם קרייץ, האָבן די שקלאַפן געהאַלטן אין אַראָפּנעמען די צעפוילטע רעשטן פון דעם מענטשן, וואָס איז אַף אים אומגעקומען, צעפּיקטע פון די פייגל און פון דער זון שוואַרץ געוואָרענע. אַנדערע שקלאַפן האָבן געגראָבן צופוסנס דעם צײלעם און האָבן אַרײַנגעשטעקט פלאָקנס אין דער ערד אים אונטערצושפּאַרן.

— איז אײַך דאָ קיין זאַך ניט דערווידער? — האָט קראַסוס געפרעגט העלענען.

— וואָס זאָל מיר דאָ זײַן דערווידער?

— קראַסוס האָט געהויבן מיט די אַקסלען.

— איך האָב עס אײַך געזאָגט ניט ווי אַ פאָרוווּרף, ווי איר קענט אײַך פאָרשטעלן, ס׳איז פּאָשעט צום באַוווּנדערן.

— וואָס אַ פרוי פירט זיך אויף ניט ווי אַ פרוי?

— איך נעם אָן די וועלט אין וועלכער מיר לעבן, — האָט קראַסוס אויסמײַדנדיק געענטפערט, — ווײַל איך קען ניט קיין צווייטע. און איר?

העלענע האָט געדרייט מיטן קאָפּ. זי האָט גאָרניט געענטפערט און האָט ווײַטער געשפּאַנט. עס איז שוין ניט ווײַט געווען צו דער שול, און די לאַנדשאַפט, זייער אַ שיינע באַטאָג, איז אין דער לעוואַנע־שײַן געווען אַן עמעסע קישעף־וועלט. אין דער רעגע האָבן זיי פאַר זיך דערזען די צירק־ווענט. קראַסוס האָט אָנגעוויזן די בעטן־טרעגער, אַז זיי קענען דאָרט לאָזן שטיין די טראָג־בעטן און דאָרט וואַרטן ביז זיי וועלן צוריקקומען, און ער האָט אַוועקגעשפּאַנט אינאיינעם מיט העלענען.

ליידיקערהייט האָט דאָס אָרט אויסגעזען קליין און רײַסיק. אַ גרויסע טייל פון די אײַזערנע שטאַכעטן אַרום דעם ספּאָרט־פּלאַץ איז געווען צע־באַנוועט. די הילצערנע ביניאָנים זײַנען געווען כאָרעוו און אַ האַלבע צירק־וואַנט אײַנגעפאַלן. קראַסוס און העלענע האָבן צוגעשפּאַנט ביז דער אַרענע און פון דאָרטן געקוקט אַף דער לאָזשע. אויסגעזען האָט די אַרענע קליין און פאַרוואַקסן מיט ווילדגראָז, נאָר די זאַמד האָט ווי זילבער געגלאַנצט אין דער לעוואָנע־שײַן.

— איך האָב געהערט מײַן ברודער וועגן דעם דערציילן, — האָט העלענע געזאָגט, — נאָר ער האָט עס געשילדערט אַזוי אַז איצט זעט דאָס אויס נישטיק.

קראַסוס האָט געפּרוווט פאַרבינדן אין געדאַנק די טויטן־פעלדער, די בלוטיקע שלאַכטן און די קעסיידערדיקע פאַרמאַטערנדיקע פעלד־צוגן מיט דער קליינער כאָרעווער שול, און עס איז אים ניט געלונגען. פאַר אים האָט זי קיין שום באַדײַטונג ניט געהאַט און האָט אים קיין זאַך ניט אינספּירירט.

— איך וויל אַרויפגיין אַף דער לאָזשע, — האָט העלענע געזאָגט.

— אויב איר ווילט, — נאָר היט אײַך. דאָס האָלץ מוז זײַן צעפוילט.

זיי זײַנען אַרויפגעגאַנגען צו דער לאָזשע, וואָס איז געווען באַטשיאַטאָס שטאָלץ און זײַן גליק. דער געשטרײַפטער בריזענט איז געווען צעדריבלט און איז שטיקערווײַז נאָכגעהאַנגען, און פון צווישן די רעשטן אַלטע קישנס זײַנען זיך צעלאָפן עטלעכע מײַז. העלענע האָט זיך אַוועקגעזעצט אַף איינע פון די קאַנאַפּעס און קראַסוס האָט זיך צוגעזעצט לעבן איר. דעמאָלט האָט זיך העלענע אָנגערופן:

— איר פילט גאָרניט צו מיר?

— איך טראַכט, אַז איר זײַט אַ טײַער קלוג דאַמעלע, — האָט קראַסוס געענטפערט.

— און איך, גרויסער גענעראַל, — האָט זי שנעל אַ זאָג געטאָן, — טראַכט, אַז איר זײַט אַ גרויסער כאַזער.

ער האָט זיך פאַרנייגט פאַר איר און זי האָט אים אָנגעשפּיגן גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן. ניט געקוקט אָף דער טונקלקייט, האָט זי געקענט זען ווי בײַ אים האָבן זיך די אויגן אָנגעצונדן מיט קאָס.

אָט דאָס איז דער גענעראַל; אָט דאָס איז די לײַדנשאַפט וואָס ער ווײַזט קיינמאָל ניט אַרויס ווען ער רעדט. ער האָט איר אַ זעץ געטאָן און דער קלאַפּ האָט זי פון דער קאַנאַפּע אַראָפּגעוואָרפן און האָט זי צוגעשלײַדערט ביז די צעפּוילטע שטאַכעטן, וואָס האָבן זיך אונטער איר מאַסע אײַנגעבראָכן. אַזוי איז זי ליגן געבליבן האַלב איבערגעבויגן איבערן ראַנד זיבן מעטער הויך איבער דער אַרענע. נאָר זי איז באַלד צו זיך געקומען און איז צוריק אַוועק אָף איר אָרט... און דער גענעראַל האָט זיך פונעם אָרט ניט גערירט. אין אַ ווײַלע אַרום איז זי שוין ווידער געשטאַנען לעבן אים און האָט אים געגראַבלט און געביסן ווי זי וואָלט געווען אַ ווילדע קאַץ, נאָר ער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר ביידע האַנט־געלענקען און האָט זי געהאַלטן פון דער ווײַטן, בעייס ער האָט איר מיט אַ קאַלטן שמייכל געזאָגט:

— די וואָר איז אַנדערש, טײַערע, איך ווייס.

עס איז אַריבער די ספּאַזמע פון צאָרן און קראַפט און זי האָט גענומען וויינען. זי האָט געוויינט ווי אַ קאַפּריזנע קינד, און בעייס זי האָט געוויינט, האָט ער איר געגעבן ליבע. ניט זי האָט זיך קעגנגעשטעלט און ניט זי האָט דאָס אָנגענומען, און ווען ער האָט פאַרענדיקט דעם אַקט אָן לײַדנשאַפט און אָן דראַנג, האָט ער איר געזאָגט:

— אָט דאָס האָסטו געוואָלט, טײַערע?

זי האָט ניט געענטפערט, זי האָט נאָר פאַריכט אָף זיך די קליידער און די האָר, האָט אויסגעווישט פונעם פּאָנעם די פלעקן ליפּנדרויטס און די אַראָפּגערונענע טינט פון די באַקן. זי איז אַרויס פאַר אים צו די טראָגבעטן און האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין אירן. קראַסוס האָט גערנער געוואָלט גיין צו פוס; די בעטן־טרעגער זײַנען אַרויף צוריק אָפן וועג קיין קאַפּוא און קאַיוס איז נאָך אַלץ געשלאָפן. די נאַכט איז שוין געווען קימאַט צום סאָף און די לעוואָנע האָט אַלץ מער פאַרלוירן פון איר שטראַליקער ליכטיקייט. אַ נײַע שײַן האָט זיך גערוקט איבער דער ערד און אַ גרויער וואָלקן האָט מיטאַמאָל פאַראייניקט די לעוואָנע־שײַן מיט דעם טאָג־ליכט. פון עפּעס האָט קראַסוס דערפילט אין זיך אַ באַנײַטן ווּיברירן פון לעבן און דראַנג. ער איז באַהערשט געוואָרן פון אַ זעלטן ווען געשפּירטן געפיל, אַ מין אײַנדרוק פון כ׳עס און לעבנסקראַפט אין אַזאַ גרויסער מאָס, אַז ער האָט קימאַט אָנגעהויבן גלייבן אין די אַלטע לעגענדעס וואָס דערציילן, אַז פאַראַן זײַנען אויסדערוויילטע מענטשן וואָס זײַנען געבוירן געוואָרן פון שטאַרבלעכע פרויען, נאָר באַמאַנטע פון געטער. „איז עס דען ניט מעגלעך ער זאָל

זײַן אײנער פון אַט די װעזנס ? געװנג נאָר אַ טראַכט צו טאָן װי עס גליקט אים. פאַרװאָס־זשע זאָל עס ניט מעגלעך זײַן ער זאָל זײַן אײנער פון די האָל־בע געטער ?״

ער האָט אײן װעג זיך אױסגעגלײַכט מיט העלענעס טראָג־בעט און זי האָט אַף אים מאָדנע אַ קוק געטאָן און האָט אים געפרעגט :

— װאָס האָט איר געמײנט דערמיט װאָס איר האָט געזאָגט, אַז די װאָר איז אַנדערש ? בין איך דען ניט װאָר ? פאַרװאָס האָט איר געזאָגט די דאָזיקע שרעקלעכע זאַך ?

— אַזױ שרעקלעך איז עס ?

— איר װײסט װי שרעקלעך דאָס איז געװען ? װאָס איז דאָס װאָרע ?

— אַ פרױ.

— װעלכע פרױ ?

זײַן שטערן האָט זיך פאַרװאָלקנט און ער האָט אַ דרײ געטאָן מיטן קאָפּ. ער האָט שטאַרק געקעמפט אַף אײַנצוהאַלטן זײַן אײַנדרוק פון גרױס־קײט און טײלװײַז איז עס אים געלונגען. װען ער איז צוגעקומען צום אַפּיאַ־טױער, איז ער אַרױס פונעם טראָג־בעט און האָט צוגעשפּאַנט צום װאַך־קאַפּיטאַן נאָך אַלץ מיט דער באַמיִונג זיך צו באַטראַכטן װי אַן אױסדערװײלטן פון די געטער. און געװנג טרוקן האָט ער אַ זאָג געטאָן צו קאַפּיטאַן:

— הײסט זי צופירן אַהײם !

דער קאַפּיטאַן האָט אױסגעפאָלגט און העלענען האָט מען אָפּגעפירט אין שטאָט אַן אַ גוטער נאַכט אַפילע. קראַסוס איז שטײן געבליבן אַ פאַר־קלערטער אין דער טיפער פינצטערניש פונעם טױער. דער קאַפּיטאַן און די װאַך־זעלנער האָבן מיט נײַגיר געקוקט אַף אים. קראַסוס האָט אַ פרעג געטאָן:

— װי שפּעט איז איצט ?

— שױן קימאַט פאַרבײַ די לעצטע שאָ. פילט איר אײַך ניט פאַר מאַ־טערט, מײַן האַר ?

— נײן, איך בין ניט פאַרמאַטערט, — האָט קראַסוס געזאָגט, — איך פיל ניט קײן שום פאַרמאַטערונג, קאַפּיטאַן. — און שױן מיט אַ גע־מילדערטן טאָן צוגעגעבן : — ניט לאַנג ערשט װי איך פלעג שטײן אַף אַזאַ װאַך. — די נעכט ציִען זיך זײער לאַנג, — האָט דער קאַפּיטאַן גע־זאָגט. — נאָר אין אַ האַלבער שאָ אַרום װעט זיך דאָ אַלץ ענדערן. עס װעלן אָנהײבן קומען גרינסהענדלער און די מילכיקער מיט זײערע קי, און די טרעגער און די פישער און אַלע אַנדערע. אַ גרױסער פאַרקער בײַ דעם טױער. און הײַנט אינדערפרי װעט מען דאָרט דעם גלאַדיאַטאָר אױפהענגען — און ער האָט מיטן קאָפּ אָנגעװיזן אַפן קרײץ, װאָס האָט זיך געהױבן אַ גרױער און אַ פאַרשװומענער אינעם פרימאָרגנדיקן נעפּל.

— אַ סאַך מענטשן װעלן זײַן ? — האָט קראַסוס געפרעגט.

— פאַרשטײט זיך, מײַן האַר... ניט אַזױ פיל װי פון אָנהײב, נאָר

עס וועט זײַן. דעם גאַנצן טאָג. איך מוז זאָגן, אַז דאָס קוקן ווי מען קרײַציקט אַ מענטשן האָט אין זיך אַ באַזונדערן רייץ. אַרום האַלבן טאָג וועלן די טויערן און די מויערן אַרום זײַן באַדעקט מיט מענטשן. איר מוזט אַוודאי מיינען, אַז מיט איינמאָל קוקן איז גענוג, עס איז אָבער ניט אַזוי.

וועגן וועמען האַנדלט זיך עס?

— דאָס קען איך אײַך ניט זאָגן. אַ גלאַדיאַטאָר. פּאַשעט. זייער אַ גוטער גלאַדיאַטאָר, שטעל איך מיר פֿאָר. אַ ראַכמאַנעס אויף דעם אָרעמען טײַוול.

— באַהאַלט אײַער ראַכמאַנעס, קאַפּיטאַן, — האָט אים קראַסוס געזאָגט.

— ניט דאָס האָב איך געוואָלט זאָגן מײַן האַר. איך האָב מיך באַצויגן דערויף וואָס עפּעס אַזוינס פֿילט מען שטענדיק צום לעצטן פֿון אַ „מונעראַ".

— אויב אײַך אינטערעסירן מאַטעמאַטישע מעגלעכקייטן, — האָט דער „מונעראַ" אָנגעהויבן שוין זייער לאַנג, און עמעצער מוז דאָך זײַן דער לעצטער מענטש.

— איך שטעל מיר פֿאָר.

די לעצטע שאָ איז שוין געווען פֿאַרבײַ. מיט דעם טאָגליכט האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע שאָ. די לעוואַנע איז בלייך געוואָרן און דער הימל האָט באַקומען אַ קאַליר פֿון קוויטיקער מילך. דער פֿרימאָרגנדיקער נעפּל האָט אַלץ צוגעדעקט, אַ כוץ אויף יענעם אָרט, ווו עס האָט זיך געצויגן צו צאָפֿן די ליניע פֿונעם גרויסן טראַקט. אַקעגן דעם אַלץ ליכטיקער ווערנדיקן הימל האָט זיך אַלץ שטײַפֿער און שפּיציקער אָנגעזען דער ציילעם און אין מײַרעוו האָט אַ בלייכע אַראַנזש־קאָלירטע שטראַליקייט אָנגעזאָגט דעם זון־אויפֿגאַנג. קראַסוס איז צופֿרידן געווען וואָס ער האָט באַשלאָסן ניט צו גיין שלאָפֿן. זײַן געמיט־צושטאַנד האָט געשטימט מיט דער ביטערער זיסלעכקייט פֿונעם באַגינען. די קאַיאָרן זײַנען שטענדיק אַ געמיש פֿון אַנגסט און האַנאָע.

אַ ייִנגל פֿון אַ יאָר עלף איז צוגעקומען מיט אַ קרוג אין דער האַנט. דער קאַפּיטאַן האָט אים געגריסט און האָט באַ אים גענומען דעם קרוג.

— מײַן זון, — האָט ער אויפֿגעקלערט קראַסוסן, — ברענגט מיר יעדן פֿרימאָרגן וואַרעמען ווײַן. ווילט איר אים גריסן, מײַן האַר? פֿאַר אים וועט דאָס האָבן אַ גוואַלדיקע באַדײַטונג. ער וועט עס דערנאָך געדענקען. זײַן אַדל־נאָמען איז ליקטוס און זײַן ערשטער נאָמען איז מאַריוס. איך ווייס, מײַן האַר, אַז דאָס איז אַ כוצפּע פֿון מײַן זײַט. נאָר דאָס וועט האָבן אַ גרויסע באַדײַטונג פֿאַר אים און פֿאַר מיר.

— זײַ געגריסט, מאַריוס ליקטוס, — האָט קראַסוס געזאָגט.

— איך קען אײַך, — האָט דאָס ייִנגל געזאָגט, — איר זײַט דער גענעראַל. נעכטן האָב איך אײַך געזען. ווו איז אײַער גילדענער ברוסט־דעק?

— אַ בראָנדזענער איז ער, ניט קיין גילדענער, און איך האָב אים אויסגעטאָן, ווײַל ער איז זייער ניט באַקוועם.

— ווען איך וועל האָבן אַזאַ ברוסט־דעק וועל איך אים קיינמאָל ניט אויסטאָן.

„אַזוי לעבט רוים און אייביק וועלן אַזוי לעבן רוימס גלאָר און אירע טראַדיציעס״, — האָט זיך קראַסוס געטראַכט. די סצענע האָט אים, אין אַ געוויסער מאָס, שטאַרק גערירט. דער קאַפּיטאַן האָט אים אָנגעבאָטן דעם קרוג.

— ווילט איר ניט, מײַן האַר, אַ זופּ טאָן?

קראַסוס האָט געדרייט מיטן קאָפּ. פון ווײַטן האָט זיך דערהערט אַ געפּויק און דער קאַפּיטאַן האָט איבערגעגעבן דעם קרוג דעם יינגל און ער האָט גענומען אויסטיילן באַפעלן דער טויער־וואַך. די זעלנער האָבן זיך אויסגעשטעלט פון ביידע זײַטן טויער, מיט די שילדן צו דער ערד אַראָפּגעשטעלט לעבן זיך און די שווערע שפּיזן פון זיך אָפּגעשפּאַרט, ווי בעיים פּרעזענטירן דאָס געווער. די באַזע איז אַן אומבאַקוועמע און אַ שווערע און קראַסוס האָט זיך געפילט לעסטיק. ער האָט כוישעד געווען אַז ווען ער שטייט ניט דערבײַ, וואָלטן זיי זיך ניט דערלויבט דעם לוקסוס אַזוי אָנגעשטרענגט צו שטיין מיט דעם געווער. דאָס פּויקן איז שטאַרקער געוואָרן און איבער אַ ברייטער גאַס, וואָס האָט זיך געצויגן פונעם טויער ביז צום פאָרום, האָבן זיך באַוויזן די ערשטע רייען פון אַ מיליטערישער קאַפּעליע. די אויפגעגאַנגענע זון האָט שוין באַלויכטן די הויכע טיילן פון די העכערע ביניאָנים און קימאַט אין דער זעלביקער צײַט האָבן זיך באַוויזן מענטשן אין גאַס. זיי האָבן געשפּאַנט צום טויער צו און אין דער ריכטונג פון וואַנען עס האָבן זיך געטראָגן די קלאַנגען פונעם מיליטערישן מאַרש.

געווען זײַנען עס זעקס פּויקן און פיר פליייטן; דערנאָך זעקס זעלנער; הינטער זיי דער גלאַדיאַטאָר, אַ נאַקעטער, מיט די הענט שטאַרק פאַרבונדן אויף הינטן; הינטער אים נאָך אַ טוץ זעלנער. צו פיל זעלנער, האָט ער זיך געטראַכט, פאַר איין מענטשן, און דער מענטש זעט גאָרניט אויס אַזוי געפערלעך און אַזוי שטאַרק. נאָר שפּעטער, ווען ער איז שוין געווען נעבעטער, האָט קראַסוס געביטן זײַן מיינונג: ער איז אַן ‚שום סאָפעק אַ געפערלעכער . . . אַזעלכע מענטשן זײַנען געפערלעך. מען דערקענט עס אויפן פּנים. אויף זײַן פּנים איז ניט צו זען די אָפענע פרײַנטלעכקייט און אָפנהאַרציקייט וואָס מען זעט אויפן פּנים בײַ אַ רוימער.

געהאַט האָט ער אַ פּנים פון אַ שעפּער, אַן אויסגעבויגענע נאָז, די הויט שטאַרק אָנגעצויגן אויף די באַקן, דינע ליפּן, און די אויגן גרין און אָנגעזאַפּט מיט האַס ווי בײַ אַ קאַץ. זײַן פּנים האָט געאָטעמט מיט האַס, נאָר מיט אַן אומאויסדריקלעכן האַס, ווי די האַס פון אַ כאַיע, און דאָס פּנים אַ מאַסקע. אין פאַרנעם איז ער ניט געווען קיין גרויסער, נאָר זײַנע מוסקולן האָבן אויסגעזען ווי פון לעדער. ער האָט געהאַט בלויז צוויי פרישע וווּנדן, איינע הויך איבער דער ברוסט און די צווייטע אין דער זײַט. נאָר קיין איינע ניט קיין טיפע און דאָס בלוט אויף זיי פאַרטרוקנט. נאָר אונטער אַט די וווּנדן איז דאָס גאַנצע לײַב זײַנס ווי אַ טעפּיך באַדעקט

געווען מיט שראַמען. אַף איינער פון די הענט האָט אים געפעלט אַ פינגער, און איין אויער האָט ער געהאַט איינגאַנצן אַן אָפּגעשניטענעם.

ווען דער אָפיציר וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער אָפּטיילונג האָט דער־זען קראַסוסן, האָט ער די האַנט אויפגעהויבן זײַנע מענטשן זאָלן שטייען בלײַבן און ער איז אַרויסגעטראָטן און האָט געגריסט דעם גענעראַל. ס'איז קענטיק געווען, אַז ער איז פאַרכאַפּט מיט דער באַדײַטונג פון דעם מאָמענט.

— איך האָב קיינמאָל ניט געכאָלעמט צו האָבן דעם קאָווּעד און די פּריווילעגיע אײַך צו זען, מײַן האַר, — האָט ער געזאָגט.

— אַ גליקלעכער אַקצידענט, — האָט קראַסוס צוגעשטימט.

אויך ער האָט ניט געקענט אויסמײַדן די פאַרבינדונג פון זײַן פּערזאָן מיט דער פּערזאָן פון דעם לעצטן פאַרטרעטער פון דער שקלאַפן־אַרמיי.

— איר גייט אים איצט אויפשטעכן אַפן קרייץ ?

— דאָס זײַנען די אינסטרוקציעס וואָס איך האָב.

— ווער איז ער ? איך מיין דער גלאַדיאַטאָר. זעט אויס אַן אַלטער באַקאַנטער אַף דער צירק־אַרענע. ער האָט שווערד־צייכנס איבערן גאַנצן לײַב. ווייסט איר ניט ווער ער איז ?

— מיר ווייסן זייער ווייניק. ער איז אַן אָפיציר און פירט אַן מיט אַ קאָהאָרטע אָדער עפּעס מער. דער גלאַדיאַטאָר זעט אויס צו זײַן אַ ייִד. באַטשיאַטאָ האָט געהאַט עטלעכע ייִדן, וואָס אַרבעטן טיילמאָל בעסער ווי די טראַציער מיט דער „סיקאַ". דער עמעס איז, אַז באַטשיאַטאָ האָט צו־געשטעלט אַ מעסירע אַף דעם ייִדן מיטן נאָמען דאָוויד, וואָס איז איינעם מיט ספּאַרטאַקוסן געווען איינער פון די הויפּט־אָנפירער פונעם אויפשטאַנד. קען זײַן אַז דאָס איז ער און קען זײַן אַז ניט. ער האָט אַ וואָרט ניט גע־וואָלט אויסריידן פון זינט מען האָט אים אַהער געבראַכט אַף צו באַטייליקן זיך אין דער „מונעראַ". ער האָט זיך געשלאָגן זייער גוט . . . איך שווער אײַך, אַז איך האָב נאָך אַזאַ אַרבעט מיט דעם דעגן ניט געזען. ער האָט זיך געשלאָגן אין פיר פּאָרלעך און דאָ האָט איר אים, מיט בלויז צוויי שניט אַפן לײַב. איך האָב געזען דרײַ פון די פּאָרלעך, און האָב קיין בעסערס מיט דעם דעגן קיינמאָל ניט געזען. צום סאָף האָט ער זיך דערוווּסט, אַז מען וועט אים אויפשטעכן אַפן קרייץ, נאָר ער האָט געקעמפט גלײַך דער ניצאָכן וואָלט פאַרבונדן געווען מיט דער פרײַהייט. איך קען אים ניט פאַרשטיין.

— ניין . . . נו, יאָ, דאָס לעבן, יונגערמאַן, איז זייער אַ מאָדנער איניען.

— יאָ, מײַן האַר, איך בין דערין מאַסקים מיט אײַך.

— אויב דאָס איז דער ייִד דאָוויד, — האָט קראַסוס געזאָגט און האָט זיך פאַרטראַכט, — איז נאָך אַלעמען פאַראַן איראָניע אין דער גערעכטי־קייט. קען איך ריידן מיט אים ?

— כ'מייך אַזוי . . . זיכער . . . פונדעסטוועגן, גלייב איך ניט איר

זאָלט עפּעס קענען אַרויסקריגן פון אים. אַ מרוק איז ער, אַ ברוטאַלער שווײַגער.

— ווי מיינט איר, זאָל איך פּרווון ?

זיי זײַנען צוגעקומען צום גלאַדיאַטאָר, שוין אָן אַרומגערינגלטן מיט דעם אַלץ וואַקסנדיקן האַמויק, וואָס די זעלנער האָבן געגומען פונאַנדער־שטופּן. מיט אַ געוויסער פּאָמפּיעזקייט האָט דער אָפיציר געמעלדעט :

— גלאַדיאַטאָר, עס ווערט דיר אָנגעטאָן אַ באַזונדערער קאָוועד. דאָס איז דער פּרעטאָר, מאַרקוס ליציניוס קראַסוס, און ער באַוויליקט צו דיר צו ריידן.

ווען ער האָט אַרויסגערעדט דעם נאָמען, האָט דער האַמויק אויסגע־פּלאַצט מיט אַקלאַמאַציעס, נאָר דער שקלאַף האָט געמוזט זײַן טויב ווערדליק זײַן רעאַגירן דערויף. ער איז שטיין געבליבן אַ אומבאַוועגטער מיט דעם בליק אַף פאַרויס געווענדט. די אויגן האָבן בײַ אים געגלאַנצט ווי שטיקער גרינער שטיין, נאָר קיין אַנדער סימען פון לעבן האָט זיך אַף זײַן פּאָנעם ניט באַוויזן.

— דו קענסט מיך, גלאַדיאַטאָר, — האָט קראַסוס געזאָגט, — קוק צו מיר !

דער גלאַדיאַטאָר איז געשטאַנען אַ נאַקעטער און האָט זיך ניט גע־רירט, און דער אָפיציר וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער אָפּטיילונג, האָט אים דערלאַנגט אַ פּאַטש איבערן פּאָנעם.

— ווער רעדט צו דיר, כאַזער ? — האָט ער געשריגן.

ער האָט אים ווידער אַ פּאַטש געטאָן. דער גלאַדיאַטאָר האָט ניט גע־פּרוווט אויסמײַדן דעם פּאַטש, און קראַסוס האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב דאָס וועט אַזוי אָנהאַלטן, וועט ער ווייניק וואָס אַרויסבאַקומען.

— גענוג, אָפיציר, — האָט קראַסוס געזאָגט, — לאָז אים צורו, און טו וואָס דו דאַרפסט טאָן.

— עס טוט מיר לייד, מײַן האַר. ער רעדט ניט. עפּשער קען ער גאָר ניט ריידן. זײַנע אייגענע כאַווירים האָבן אים קיינמאָל ניט געהערט ריידן.

— ס'איז נישט וויכטיק, — האָט קראַסוס געזאָגט.

געקוקט האָט ער דורכן טויער ווי דער אוילעם גייט צום קרייץ. פאַרן טויער האָט זיך געצויגן אַן אומאויפהערלעכער שטראָם, וואָס האָט זיך אָפּן וועג צעשאָטן, קעדיי אומגעשטערט צו זען די פּראָצעדור. קראַסוס האָט דורכגעשניטן דעם וועג צווישן דעם אוילעם ביז צום קרייץ, אַ נײַגע־ריקער, קעגן זײַן אייגענעם ווילן, צו זען ווי דער שקלאַף וועט רעאַגירן. דאָס אומדערשיטערטע שווײַגן פון דעם מענטשן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַרויסרוף, און קראַסוס, וואָס האָט נאָך אַף זײַן לעבן ניט געזען אַ מענטשן — ווי שטאַרק ער זאָל ניט זײַן — גיין צום קרייץ אַ שווײַגנ־דיקער, האָט זיך גענומען פאַרשטעלן ווי אַזוי ער אַליין וואָלט אין אַזאַ פאַל רעאַגירט.

די זעלנער זײַנען געווינט געווען צו דער אַרבעט פון קרייציקן און

זיי האָבן דאָס געמאַכט שנעל און ווירקזאַם. זיי האָבן דעם נאָך אַלץ אַף הינטן געפּענטעטן שקלאַף דורכגענומען אַ שטריק אונטער די אָרעמס. דעם שטריק האָבן זיי געצויגן ביז ביידע עקן זײַנען גלײַך געוואָרן. צו דער הינ־טערשטער זײַט קרײַץ האָט מען צוגעשטעלט דעם לייטער, וואָס די שקלאַפן האָבן נאָך באַנאַכט דאָרט אַוועקגעשטעלט, און מען האָט ביידע עקן שטריק אַריבערגעוואָרפן איבער ביידע זײַטן קווערן קלאָץ פונעם קרייץ. אַ פּאָר זעלנער האָבן אָנגעכאַפּט די עקן שטריק און פּלינק אַרויפגעצויגן דעם גלאַ־דיאַטאָר ביז אַרויף. אַ צווייטער זעלנער איז אַרויף אַפן לייטער און האָט צוגעהאַלטן דעם גלאַדיאַטאָר בעת די אונטערשטע האָבן געצויגן די שטריק. איצט הענגט ער שוין אַף דער הייך פון דעם קווער־איבערגעלייגטן קלאָץ. דער זעלנער וואָס אַפן לייטער, איז אַרויפגעשפּרונגען אַף איין זײַט קלאָץ און אַ צווייטער מיט אַ האַמער און עטלעכע לאַנגע אײַזערנע צוועקעס איז אַרויף אַפן לייטער און האָט זיך אויפגעזעצט רײַטנדיק אַפן צווייטן הילצערנעם אָרעם.

קראַסוס האָט אין דער צײַט מיט אינטערעס באַטראַכט דעם גלאַדיאַ־טאָר. כאָטש זײַן באַקעטער גוף האָט זיך אײַנגעקאָרטשעט ווען מען האָט אים צוגעקרעמפּעוועט צו די שאָרסטקע קלעצער און ווען מען האָט געצויגן דעם שטריק אונטער די אָרעמס אַרום דער ברוסט און דער שטריק האָט זיך אינעם לײַב אײַנגעביסן, איז זײַן פּאָנעם געבליבן אומדערשיטערט. געהאַנגען איז ער אומבאַוועגט און אינערט. דערנאָך האָט מען איבערגע־שניטן דעם שטריק וואָס האָט אים געהאַלטן די הענט געבונדן אַף הינטן, און יעדער איינער פון די זעלנער אַף ביידע זײַטן קווער־קלאָץ האָט אַ האַנט אויפגעהויבן און מיט אַ שטיקל שטריק זי צוגעבונדן צום עק קלאָץ. דער גלאַדיאַטאָר האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין ווייטיק ביז דער זעלנער האָט אים די האַנט צעעפנט און האָט אין דער דלאָניע אַרײַנגעהאַקט דעם לאַנגן צוואָק מיט אַ שטאַרקן זעץ מיטן האַמער. אויך דעמאָלט האָט ער קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט און קיין געשריי ניט געטאָן, נאָר דאָס פּאָנעם האָט זיך אים אַ קרום געטאָן און דער גוף האָט זיך אין קראַמפּן אײַנגעצויגן. נאָך דרײַ קלעפּ מיטן האַמער האָבן דעם צוואָק אַרײַנגעזעצט צען צענטימעטער אינעם האָלץ און דער לעצטער קלאַפּ האָט דעם צוואָק פאַרבויגן אַף אַרויף, קעדיי די האַנט זאָל זיך ניט אַרויסגליטשן. דערנאָך האָט מען די זעלבע פּראָצעדור דורכגעפירט איבער דער צווייטער האַנט און ווידער האָט דער גלאַדיאַטאָר אַ קרום געטאָן דאָס פּאָנעם בעת דער צוואָק האָט דורכגע־שטאָכן די מוסקולן און די אָדערן פון זײַן האַנט, נאָר אַלץ ניט געשריגן, כאָטש טרערן האָבן אים גערונען פון די אויגן און ער האָט געשפּיגן מיטן אָפענעם מויל.

דעם שטריק אַרום זײַן גוף האָט מען אָפּגעשניטן און ער איז געבליבן הענגען בלויז אַף די הענט און נאָר די האַנט־געלענקען זײַנען געווען צוגע־בונדן מיט שטריקלעך צו די הילצערנע אָרעמס פונעם קרייץ, קעדיי צו פאַרלײַכטערן די וואָג פונעם קערפּער אַף די הענט. די זעלנער זײַנען אַראָפּ־

געקראָכן פונעם לייטער, וואָס מען האָט באַלד צוגענומען און דער האַמוין, וואָס איז שוין באַשטאַנען פון עטלעכע הונדערט פּאַרשוין, האָט אַפּלאָדירט די מײַסטערשאַפט פון אויפהענגען אַ מענטשן און געציילטע מינוטן...

דעמאָלט איז דער גלאַדיאַטאָר אַרײַנגעפאַלן אין אָנמאַכט.

— שטענדיק פאַלן זיי אַרײַן אין אָנמאַכט, — האָט דער אָפיציר אויפגעקלערט קראַסוסן, — דאָס איז גוירעם דער שאָק פון די צוועקעס. נאָר שטענדיק קומען זיי ווידער צום באַוווסטזײַן און עס קען אַמאָל דויערן פון צוואַנציק ביז דרײַסיק שאָ איידער זיי פאַרלירן ווידער דעם באַוווסטזײַן. מיר האָבן געהאַט אַ גאַל, וואָס איז געווען באַם באַוווסטזײַן אַ מעשעך פון פיר טעג. ער האָט פאַרלוירן דאָס לאָשן, ער האָט מער ניט געקענט שרײַען, נאָר געווען איז ער באַם באַוווסטזײַן. ס'איז נאָך קיינמאָל אַזוינס ניט געשען. נאָר ער אַפילע האָט דעם באַוווסטזײַן פאַרלוירן ווען מען האָט אים די צוועקעס אַרײַנגעקלאַפּט. גאָט מײַנער, ווי דאָרשטיק איך בין! — ער האָט געעפנט אַ פלעשל, האָט דערפון אַ טיפן זופּ געטאָן און האָט עס דערלאַנגט קראַסוסן: — רויזן־וואַסער.

— אַ דאַנק, — האָט קראַסוס געזאָגט.

מיטאַמאָל האָט ער זיך דערפילט מיד און דאָרשטיק. ער האָט אויסגעטרונקען וואָס עס איז געבליבן אינעם פלעשל. דער האַמוין איז געוואַקסן און קראַסוס האָט מיטן קאָפּ אָנגעוויזן אַפן האַמוין און געפרעגט:

— זיי וועלן דאָ בלײַבן דעם גאַנצן טאָג?

— די מערסטע וועלן אַוועקגיין ווי נאָר ער וועט צוריקקומען צום באַוווסטזײַן. זיי ווילן זען וואָס ער וועט דעמאָלט טאָן. מאָדנע זאַכן טוען זיי. טייל שרײַען און רופן זייערע מאַמעס. איר האָט אײַך מיסטאָמע קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט שקלאַפן זאָלן דאָס טאָן, ניט וואָר?

קראַסוס האָט די אַקסלען געהויבן.

— איך מוז פרײַ מאַכן דעם וועג, — האָט דער אָפיציר געזאָגט, — זיי פאַרשטעלן דעם דורכגאַנג. אויב איר מיינט, אַז זיי האָבן גענוג סייכל פרײַ צו לאָזן אַ טייל וועג, האָט איר אַ טאָעס; זיי וועלן עס קיינמאָל נישט טאָן. שטענדיק דאָס אייגענע. דער פעבל האָט גאָר קיין סייכל ניט. — און ער האָט אויסגעטיילט צוויי זעלנער זיי זאָלן מאַכן וועג פאַרן פאַרקער.

— איך וואָלט וועלן וויסן, — האָט ער געזאָגט צו קראַסוסן, — איך וויל וויסן צי קען איך אײַך באַמיִען צוליב איין זאַך, מײַן האַר. עפּשער איז עס ניט מײַן זאַך, נאָר איך בין שרעקלעך נײַגעריק צו וויסן פאַרוואָס האָט איר פריִער געזאָגט, אַז אויב ער איז דער ייִד דאָוויד, איז פאַראַן איראָניע אין דער גערעכטיקייט, אָדער אין דעם ערעך...

— איך האָב דאָס געזאָגט? — האָט קראַסוס געפרעגט, — אָפן גערעדט, ווייס איך ניט וואָס איך האָב דערמיט געוואָלט זאָגן, אָדער געפּרוּווט זאָגן.

די זאַך איז שוין אָפּגעטאָן. און אַ גרויסע טייל געשיכטע דאַרף מען צו רו לאָזן. גאַנץ ווייניק גלאָר האָט געבראַכט די שקלאַפן־מילכאָמע. ניצ־

כוינעס און גרויס מעסירעס נעפּעש האָבן אַנדערע געהאַט; פאַר אים זײַנען געבליבן קלײנע סאַטיספאַקציעס, ווי די קרײַציקונגס־יאַטקע. ווי מיד ער איז שוין פון שכיטעס, פון טויט און פּײַניקונג! וווהין אָבער קען מען דערפון אַנטלויפן? די געזעלשאַפט וואָס מען שאַפט איצט, איז וואָס ווײַטער אַלץ מער אַ לעבן געשטיצט אַף טויט. אין דער גאַנצער וועלט־געשיכטע האָט מאַסן־מאָרד ניט דערגרײכט אַזאַ הויכן ניוואָ פון צאָל און פּרעציזקײט. און וווהין קען עס דערגײן און מיט וואָס קען זיך עס ענדיקן?
ער דערמאָנט זיך אָן אינצידענט וואָס האָט פּאַסירט ניט לאַנג נאָכדעם ווי ער האָט איבערגענומען די אָנפירונג מיט די צעקלאַפּטע און דעמאָראַליזירטע קויכעס פון רוים. דרײַ לעגיאָנערן האָט ער איבערגעגעבן זײַן פרײַנט און כאַווער פון קינדווײַז פּיליקוס מומיוס, אַ מענטש, וואָס האָט זיך שוין געהאַט באַטײליקט אין צוויי וויכטיקע מילכאָמעס, און ער האָט אים געגעבן אינסטרוקציעס ער זאָל שאַפן שווערקײטן ספּאַרטאַקוסן און זיך באַמיִען צעטײלן זײַנע קויכעס. אַנשטאָט דאָס צו דערגרײכן, איז מומיוס באַגאַנגען דעם פעלער אַרײַנצופאַלן אין אַ פּאַסטקע, און זײַנע דרײַ לעגיאָנען, אומגעריכט איבערגעפאַלענע פון די שקלאַפן, האָבן אונטערגענומען אַזאַ בלינדע פּלײטע און זײַנען אַרײַן אין אַזאַ שענדלעכער פּאַניק, ווי עס האָט נאָך קײנמאָל ביז דעמאָלט ניט פּאַסירט אין דער געשיכטע פון די רוימישע אַרמײען. ער געדענקט סאַראַ אומבאַשרײַבלעכע ווערטער־פּעטש ער האָט דעמאָלט געגעבן מומיוסן; ער געדענקט ווי ער האָט אים געזידלט און אָנגערופן פּאַכדן. נאָר מיט אַזאַ מענטשן ווי מומיוס האָט מען ווײַטער ווי דאָס ניט געקענט. מיט די לעגיאָנערן איז שוין עפּעס אַנדערש. פינף טויזנט מאַן פונעם זיבעטן לעגיאָן האָט מען אין רײען אויסגעטײלט און יעדן צענטן דערשטאָכן פאַר פּאַכדאָנעס. „דו האָסט מיך באַדאַרפט דערהאַרגענען", — האָט אים מומיוס אין אַ צײַט אַרום געזאָגט.

ער געדענקט עס איצט זײער גוט, מאַכמעס גראָד מומיוס און דער געוועזענער קאָנסול מאַרקוס סערוויוס סימוואָליזירן פאַר אים דעם טיפסטן האַס צו די שקלאַפן. ער דערמאָנט זיך אַ געשיכטע וועגן דעם, נאָר ווי אין יעדער געשיכטע וואָס קומט פון דעם שקלאַפן־פעלד, איז דערין שווער אויסצוטײלן דעם עמעס פונעם ליגן. מאַרקוס סערוויוס איז אין אַ געוויסער מאָס פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן טויט פון אַ גאַל מיט דעם נאָמען קריקסוס, אײנער פון ספּאַרטאַקוסעס ליבסטע כאַווײרים. סערוויוסן איז געלונגען אים אָפּצוטײלן פון דער אַרמײ־מאַסע און אים אַרומרינגלען, און אַזוי אַרום איז ער אומגעקומען אײנאײנעם מיט זײַנע זעלנער. מיט אַ צײַט שפּעטער, ווען ספּאַרטאַקוס האָט גענומען געפאַנגען מומיוסן און מאַרקוס סערוויוסן און זײ געשטעלט פאַר אַ שקלאַפן־געריכט, האָט מען דערצײלט, אַז אַ ייִד מיטן נאָמען דאָוויד האָט געטאַדלט דעם אויפן ווי מען האָט בײדן באַשטראָפט, אָדער אַנדערש, דער ייִד מיטן נאָמען דאָוויד האָט געטאַדלט דעם אויפן ווי מען האָט זײ געזאָלט באַשטראָפן. קראַסוס איז ניט זיכער דעריך. זײ זײַנען אומגעקומען ווי אַ פּאָרל גלאַדיאַטאָרן. מען האָט זײ אויס־

געטאָן נאַקעט — די צוויי אָנפּירער פון רוימישע אַרמייען, מיטליאָריקע מענטשן — און מען האָט יעדן איינעם געגעבן אַ קינזשאַל און אַוועקגעפּירט אַף אַ זאַמדיקן אָרט זיי זאָלן זיך שלאָגן ביז טויט. דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל וואָס ספּאַרטאַקוס האָט אַזוינס געטאָן, נאָר קראַסוס האָט דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעסן און האָט דאָס קיינמאָל ניט מויכל געווען.

באַטירלעך האָט מען דאָס ניט געקענט דערציילן דעם אָפיציר דאָרט אין שאָטן פונעם קרייץ. „אָפן גערעדט, ווייס איך ניט וואָס איך האָב דערמיט געמיינט צו זאָגן“, — האָט קראַסוס אים געזאָגט, — „עס איז נישט וויכטיק“.

ער איז געווען פאַרמאַטערט און האָט באַשלאָסן אַהיימגיין צו זיך אַף דער ווינונג שלאָפן.

III

דעריקער, קראַסוסן איז אַ האָר ניט אָנגעגאַנגען צו די קרייצונג פון לעצטן פון די גלאַדיאַטאָרן איז, אין דער שײַן פון יענער פּאַסירונג, גערעכט אָדער אומגערעכט. זײַן כוש פאַר גערעכטיקייט איז געווען אָפּגעטעמפּט און אָפּגעטעמפּט איז אויך געווען זײַן באַגער צו נעקאָמע. און טויט איז פאַר אים קיין נײַס ניט. פון קינדווײַז אָן האָט מען אים, ווי ביכלאַל קינדער פון די „בעסערע“ פאַמיליעס אין דער רעפּובליק, געשטאָפּט מיט לעגענדעס פון דער פאַרגאַנגענהייט. דאָס האָט אים געפירט צום פולשטענדיקן און אַבסאָלוטן גלויבן, אַז „ראָמאַ סופּראַ האָמינעם עט פאַקציאָנעס עסט“, אַז רוים שטייט איבער די מענטשן און איבער זייערע מײַסים. דער שטאַט און דאָס געזעץ דינען אַלעמען און דאָס איז גערעכט. ער וואָלט ניט געקענט זאָגן אין וועלכן פּונקט ער זינדיקט דערמיט וואָס ער גלייבט דעריך, זײַן אומגלויבן איז קיינמאָל נישט געווען קיין פולשטענדיקער. טיף אין זיך האָט ער אײַנגעהיט עפּעס אַן אילוזיע, נאָר ווער עס האָט איין מאָל, ווי ער, געקענט אין אַ באַשטימטן מאָמענט אַזוי קלאָר דעפינירן די גערעכטיקייט, קען שוין איצט אַזוי אַבסאָלוט ניט זײַן. צוריק מיט צען יאָר האָט ער געזען ווי די פירער פון דער אָפּאָזיציע האָבן מיט קאַלטער גלײַכגילטיקייט צום טויט געשיקט זײַן פאָטער און זײַן ברודער, און די גערעכטיקייט האָט פאַר זיי קיינמאָל קיין נעקאָמע ניט גענומען. זײַן ניט קלאָרקייט דעריין וואָס אַזוינס איז גערעכט און וואָס איז אומגערעכט איז אין אים געוואַקסן אָנגשטאָט קלענער צו ווערן, אַזוי ווײַט, אַז ער האָט קוים באַוויזן צו באַקומען אַ ראַציאָנירטע עקספּאָזע וועגן דעם, געשטיצט אַף רײַכקייט און מאַכט. מיט דעם פולן רעכט היט די גערעכטיקייט מען זאָל ניט שטערן דער רײַכקייט און דער מאַכט, און דער געוויכט פון די עטישע פּרינציפּן פאַלט שטופּנווײַז און פּאַמעלעך אַוועק. אַזוי אַז באַ דער געלעגנהייט פון זען געקרייציקט דעם לעצטן פון די גלאַדיאַטאָרס, האָט ער קיין באַזונדערן מיטלײַד נישט געפילט: פּאָשעט, ס'האָט אים ניט גערירט.

באַם גלאַדיאַטאָר אָדער אינעם מויעד האָבן זיך געשטעלט פראַגן פון

גערעכטיקייט און אומגערעכטיקייט און זיי פּלאָנטערן זיך אײַן אין זײַן אומבאַוווּסטזײַן, וואָס איז אים געקומען פֿונעם ווייטיק, פֿונעם שאָק און פֿון דערשעפּטקייט. זיי פּלאָנטערן זיך אין די אָן שיר פֿעדעם פֿון זײַן זיי־קאָרן און איצט קענטיק האָבן זיי זיך אַרויסגעפּלאָנטערט און זײַנען אַרויפֿגעשווומען איבער די שטעכיקע פֿינצטערע גסיסע־כוואַליעס. ערגעץ אין אַ ווינקעלע פֿון זײַן זיקאָרן האָט זיך קלאָר און דײַטלעך אײַנגעהיט דאָס געדעכעניש פֿון דעם אינצידענט, אַף וועלכע עס האָט זיך באַצויגן קראַסוס.

פֿאַר די גלאַדיאַטאָרן איז עס געווען אַ פֿראַגע פֿון גערעכטיקייט, פּונקט ווי פֿאַר קראַסוסן און שפּעטער, ווען די וואָס האָבן די שקלאַפֿן מער געהאַסט איידער געוווּסט וואָס זיי האָבן אויפֿגעטאָן, האָבן געשריבן די געשיכטע פֿון זייערע מעשׂים, האָט מען געזאָגט, אַז די רוימער וואָס זיי נעמען געפֿאַנגען נוצן זיי צו אוממענטשלעכע אַרגיעס און שטעלן זיי דערבײַ איינעם קעגן צווייטן זיך צו טויטן, ווי אַן ענטפֿער אַף דעם צירק־געשלעג פֿון די גלאַדיאַטאָרן. און אַזוי אַרום האָט מען אָנגעגעבן ווי אַ באַקאַנטע זאַך — ווי ביקלאַל די הערן וואָס גיבן אָן די זאַכן פֿאַר באַקאַנטע — אַז ווען די מאַכט פֿאַלט אַרײַן אין די הענט פֿון די אונטערדריקטע, נוצן זיי זיך מיט איר אַף דעם זעלביקן אופֿן ווי עס האָבן זיך מיט איר גענוצט די אונטערדריקער.

און דאָס קען פֿונעם מויעך ניט אַרויס בײַ דעם מענטשן וואָס הענגט אַפֿן קרייץ. ס׳איז גאָר קיינמאָל אַזאַ שלאַכט־אָרגיע ניט פֿאָרגעקומען ווי די שלאַכט־אָרגיעס וואָס די רוימער מאַכן מיט די גלאַדיאַטאָרן. איינמאָל נאָר האָט ספּאַרטאַקוס, אין קאַלטן אויפֿברויז פֿון האַס און צאָרן, אָנגעוויזן אַף צוויי רוימער פּאַטריציער און געזאָגט:

— וואָס איר פּלעגט אונדז הייסן טאָן, וועט איר איצט טאָן! גייט אַרויף מיט קינזשאַלן נאַקעטערהייט אַף דער אַרענע און לערנט אײַך שטאַרבן, ווי מיר פּלעגן שטאַרבן, ווי אַ בײַשפּיל פֿאַר רוים און צום גענוס פֿון אירע בירגער.

דער ייִד, וואָס איז דעמאָלט געהאַט געזעסן און האָט דאָס אויסגעהערט, האָט אויך דעמאָלט אַ וואָרט ניט געזאָגט ווען ספּאַרטאַקוס האָט זיך צו אים געווענדט נאָכדעם ווי מען האָט די צוויי רוימער שוין געהאַט אָוועקגעפֿירט. צווישן ביידן איז געווען אַ נאָענטקייט, אַן אינטימע פֿאַרבינדונג. די גרופּע גלאַדיאַטאָרן וואָס איז אַנטלאָפֿן פֿון קאַפּואַ איז מיט דער צײַט, אין מעשעך פֿון די שלאַכטן, געוואָרן אַלץ קלענער. די פֿאַרלוסטן צווישן זיי זײַנען באַזונדער גרויס געווען און דאָס הײַפֿל לעבנגעבליבענע, ווי פּירער פֿון דער ריזיקער אַרמיי שקלאַפֿן, זײַנען געוואָרן צווישן זיך אַלץ ענגער צוגעבונדן.

ספּאַרטאַקוס האָט אַ קוק געטאָן אַף דעם ייִדן און האָט אים געפֿרעגט:

„טו איך גוט אָדער איך טו שלעכט? האָב איך רעכט צי ניט?“

— וואָס פֿאַר זיי איז רעכט, איז פֿאַר אונדז נישט רעכט.

— זאָלן זיי זיך שלאָגן.

— זאָלן זיי זיך שלאָגן, אויב דיר איז ניכע. זאָלן זיי זיך איינער

דעם אַנדערן קוילן, נאָר מיר וועלן דערפֿון לײַדן מער ווי זיי. דאָס וועט פּרעסן אונדזער אינגעווייד. ביידע זײַנע מיר גלאַדיאַטאָרן. ווי לאַנג ערשט האָבן מיר געזאָגט, אַז מיר וועלן פֿון איבער דעם אנגעזיכט פֿון דער ערד אָפּווישן דעם זייכער פֿון די פּאָרלעך־געשלעגן ?

— און מיר וועלן אַזוי טאָן, נאָר די צוויי מוזן זיך שלאָגן... אָט דאָס זײַנען געווען די קלייניקייטן וואָס זײַנען אַפֿן געדאַנק געקומען דעם מענטשן וואָס איז אויפֿגעשטאָכן געווען אַפֿן קרייץ. קראַסוס האָט אים אין די אויגן אַרײַנגעקוקט און קראַסוס האָט צוגעזען ווי מען קרייציקט אים. אַ גרויסער קרײַז האָט זיך מיט אים אָפּגעשלאָסן. קראַסוס איז אַוועק אַהיים שלאָפֿן, וואָרעם געשטאַנען איז ער די גאַנצע צײַט אַף די פֿיס און, ווי עס איז צו דערוואַרטן געווען, איז ער געווען פֿאַרמאַטערט. און דער גלאַדיאַטאָר איז אין אָנמאַכט געהאַנגען אַף די צוועקעס.

IV

מער ווי אַ שעה האָט געדויערט איידער דער גלאַדיאַטאָר איז צו זיך געקומען. דער ווייטיק איז געווען דער וועג, און דער באַוווסטזײַן איז געגאַנגען איבער דעם וועג פֿון ווי. וואָלטן זײַנע כּושים און אײַנדרוקן געווען אַנגעצויגן ווי די אָנגעצויגענע פֿעל פֿון אַ פּויק, וואָלט דער פּויק דעמאָלט גענומען פּײַקלען. די מוזיק איז געווען ניט צום אויסהאַלטן און ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון בלויז דערשפּירן דעם ווייטיק. פֿון דער וועלט האָט ער געשפּירט בלויז דעם ווייטיק און דער ווייטיק האָט אַרומגענומען זײַן גאַנצע וועלט. ער איז דער לעצטער פֿון זעקס טויזנט כאַוויירים זײַנע וואָס זייער לײַדן איז גלײַך געווען צו זײַנעם; נאָר זײַן לײַדן איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט עס ניט געקענט טיילן און אויסטיילן. ער האָט געעפֿנט די אויגן, נאָר דער ווייטיק איז געווען אַ רויט הײַטל, וואָס האָט אים פֿון דער וועלט אָפּגעשניטן. געווען איז דער ווייטיק אַ קלישטש, אַ וואָרעם, אַ לאַרווע און דער קנאָספּ געוועבט פֿון ווייטיק.

אויפֿגעכאַפּט האָט ער זיך ניט מיטאַמאָל, נאָר כוואַליעסווײַז. פֿון פּאַרקער־מיטלען האָט ער מער ווי אַלץ געקענט אַ קאַרעטע. און ער זיצט אַף אַ קאַרעטע און זי שלאָגט זיך אָן אָן שטיינער און וואַרפֿט אים אין דער לופֿט. ער איז נאָך אַ קינד געווען אַף דעם בערגל, ווו ער איז אַף דער וועלט געקומען, און די האַרן, האַרן פֿון ווײַטע לענדער, ציווילירטע און רײַך געקליידטע, פֿאָרן אָפּט פֿאַרבײַ אין קאַרעטעס און ער לויפֿט זיי נאָך איבער די שטיינערנע באַרג־וועגן און בעט זיך מען זאָל אים אַרויפֿנעמען. ער שרײַט: „מײַן האַר, מײַן האַר, איר ווילט מיך פֿירן אין דער קאַרעטע ?‟ קיינער פֿון זיי פֿאַרשטייט ניט זײַן שפּראַך, נאָר טיילמאָל לאָזן זיי אים, אים און זײַנע כאַוויירים, זיך אויפֿזעצן אַפֿן הינטערשטן זיץ. זיי זײַנען ברייטהאַרציק, די האַרן! טיילמאָל גיבן זיי אים נאַשערײַען, אים און זײַנע כאַוויירים, לאַכן ווי זיי קלאַמערן זיך צום הינטערשטן זיץ, די שנעקלעך מיט די פֿאַרברוינטע פּענעמלעך און שוואַרצע האָר. נאָר גאַנץ

אָפּט גיבן זיי אַ שמײַס די פערד און פון דעם פלוצעמדיקן ריס גיט זיך די קאַרעטע אַ האַסטיקן טרייסל און גיט די ייִנגלעך אַ שלײַדער אַראָפּ. אומפאַרשטענדלעכע זאַכן טוען זיי, די גרויסע האַרן פון דער מײַרעוודיקער וועלט און דאָס גוטע וואָס זיי טוען מוז מען אָננעמען אינאיינעם מיט דעם שלעכטן. נאָר אַראָפּפאַלן פון דער קאַרעטע טוט וויי.

דעמאָלט זעט ער זיך אַרום, אַז ער איז ניט קיין קליין ייִנגל, וואָס לויפט איבער די בערגלעך פונעם גאַליל, נאָר אַ מענטש וואָס הענגט אַף אַ קרייץ. ער גיט זיך אָפּ כעשבן דערפון טיילד־ווײַז, געגנטן־ווײַז, מאַכמעס ניט מיטאַמאָל, ווערט זײַבער דער גאַנצער גוף. ער דערפילט עס אין די אָרעמס ווו די נערוון זײַנען ווי דראָטן אַף רויט אָנגעגליטע און דאָס הייסע בלוט לויפט אין זיי פון אויבן אַראָפּ ביז צום צעקנוידערטן געלענק, וואָס פאַרטייבקט זיי מיטן רוקן. ער דערפילט עס איבעם בויך, ווו דער מאָגן און אינגעווייד זײַנען בייזע קנופּן פון וויי און שפּאַנונג.

און דער האַמוין וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט קוקן אַף אים, איז אַ כוואַליעדיקער אָנגעלויף. וואָר און נישט וואָר. אין דעם מאָמענט איז זײַן בליק נישט קיין נאָרמאַלער. ער קען אים ניט אָנשטעלן ווי געהעריק און דער אוילעם וואָס ער זעט, קומט זיך צונויף און גייט זיך פונאַנדער, ווי די בילדער אין אַ קרומען שפּיגל. דער אוילעם, פון זײַן זײַט, זעט ווי דער גלאַדיאַטאָר קומט צו זיך און ער קוקט אַף אים אַ געשפּאַנטער. וואָלט זיך עס געהאַנדלט אין נאָך אַ קרייציקונג, וואָלט עס ניט אַרויסגערופן אַזאַ אינטערעס. קרייציקונגען זײַנען נישט קיין זעלטנקייט אין רוים. ווען רוים האָט אײַנגענומען קאַרטאַגאָ, מיט אַ סאָך דוירעס פריער, האָט זי בײַ איר איבערגענומען דאָס בעסטע דערפון וואָס זי האָט בײַ איר פאַרנומען און פון דעם זאַקרויב צייכענען זיך באַזונדער אויס די פּלאַנטאַציע־סיסטעם און דער קרייץ. אין די קרייצן, אַף וועלכע עס הענגט אַ מענטש איז פאַראַן עפּעס אַזוינס וואָס פאַרכאַפּט די פאַנטאַזיע פון רוים, און די וועלט האָט שוין פאַרגעסן, אַז דאָס שטאַמט פון קאַרטאַגאָ, מאַכמעס דעם וואָס דער קרייץ איז געוואָרן אַן אוניווערסאַלער סימוואָל פון ציוויליזאַציע. ווו נאָר עס זײַנען צוגעקומען די רוימישע וועגן, אַהין זײַנען אויך צוגעקומען די קרייצן, די פּלאַנטאַציע־סיסטעמען און די פּאַרלעך־שלאַכטן מיט דער גרינגשעצונג צום מענטשלעכן לעבן אין געפּאַנגענשאַפט און אומגעצוימטן דראַנג אויסצופּרעסן גאָלד פון דער מענטשהייטס בלוט און שווייס.

נאָר אַפילע די בעסטע זאַכן ווערן מיט דער צײַט דערווידער און די בעסטע ווײַנען איבלען ווען מען טרינקט זיי איבער דער מאָס, און אַ מענטשנס לײַדן ווערט פאַרלאָרן אינעם לײַדן פון טויזנטער. גלאַט נאָך איין קרייציקונג וואָלט דער האַמוין ניט צוגעצויגן, נאָר דאָ האַנדלט זיך עס אינעם טויט פון אַ העלד, פון אַ גרויסן גלאַדיאַטאָר, פון ספּאַרטאַקוסעס אַ שטעלפאַרטרעטער, אַ גלאַדיאַטאָר פון אַלע צײַטן, אַ גלאַדיאַטאָר וואָס איז לעבן געבליבן פון אַ „מונעראַ סינע מיסיאָנע". ס'איז שטענדיק געווען אַ מאָדנע סטירע אין דער ראָל פונעם גלאַדיאַטאָר, דעם שקלאַף אַ

געצייכנטן צום שטאַרבן, דעם קעמפנדיקן גווילעם, דעם נידעריקסטן פון די נידעריקע און, איינציִיקטיק דערמיט אַ לעבנגעבליבענער פון אַ בלוטיקן שלאַכטפעלד.

אַזוי אַז מען איז געגאַנגען זען ווי עס שטאַרבט דער גלאַדיאַטאָר, ווי ער טיילט דעם גורל פון אַלע שטאַרבלעכע און ווי ער באַנעמט זיך בעיים מען האַקט אים אַריין צוועקעס אין די הענט. אַ מאָדנער וועזן איז ער, דער דאָזיקער מענטש וואָס קומט איצט שטילערהייט צו זיך פונעם אָנמאַכט. מען איז געקומען זען צי ברעכט ער זיין שווייגן, און אַז ער האָט עס ניט געבראָכן בעיים מען האָט אים די צוועקעס אַריינגעקלאַפּט, איז מען געבליבן וואַרטן צי וועט ער עס ברעכן ווען ער וועט ווידער די אויגן עפענען צו דער וועלט.

און ער האָט עס געבראָכן. ווען ער האָט זיי דערזען, ווען די בילדער האָבן אויפגעהערט זיך וויגן פאַר זיינע אויגן, האָט ער אַ שרעקלעכן געשריי אַרויסגעלאָזט פון ווייטיק און גסיסע.

קיינער, זעט אויס, האָט ניט פאַרשטאַנען זיינע ווערטער. מען האָט זיך געשפּאַרט וועגן דעם וואָס ער האָט געזאָגט בעיים ער האָט דעם געבריל פון גסיסע אַרויסגעלאָזט. טייל האָבן זיך געוועט צי ער האָט גערעדט אָדער ניט און די געוועטן האָט מען געצאָלט אָדער ניט געצאָלט אינמיטן די העפטיקע וויקוחים צי ער האָט גערעדט, צי ער האָט פּאַשעט אַ זיפץ געטאָן אָדער ער האָט עפּעס געזאָגט אין אַ פרעמדער שפּראַך. טייל האָבן געזאָגט, אַז ער האָט געבעטן צו די געטער; אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז ער האָט געוויינט און גערופן די מוטער.

אין דער עמעסן איז קיין שום זאַך פון דעם אַלעמען ניט געשען. אין דער עמעסן האָט ער אויסגעשריגן: „ספּאַרטאַקוס, ספּאַרטאַקוס, פאַרוואָס זיינען מיר דורכגעפאַלן?"

V

ווען מען וואָלט מיט עפּעס אַ נעס געקענט עפענען דעם מויעך און די געדאַנקען באַ די זעקס טויזנט מענטשן, וואָס מען האָט גענומען געפאַנגען ווען ספּאַרטאַקוסעס זאַך איז איינגעזונקען אינעם שטויב פון דער געשיכטע און מען וואָלט זיי געקענט אויסציִען אין זייער גאַנצער נאַקעטקייט, אַזוי אַז מען זאָל בעיים זייער קרייציקונג קענען נאָכגיין די נעץ און דעם קנייַלכל, וואָס האָט זיי אַהין דערפירט; ווען עס וואָלט מעגלעך געוועזן אויפצוצייכענען זעקס טויזנט מאָפּעס פון מענטשלעכע לעבנס, וואָלט מען געזען, אַז די פאַרגאַנגענהייט פון אַלע איבעריקע איז ניט שטאַרק פאַרשיידן פון זייערער; זייער ליידן איז אַ געמיינזאַמער און אַן אויסגעמישטער, און וואָלטן געוועזן געטער אָדער איין גאָט אין הימל און זייערע טרערן וואָלטן זיך פאַרוואַנדלט אין אַ רעגן, וואָלט זיכער לאַנגע טעג גערעגנט. נאָר אַנשטאָט דעם האָט די זון די טרערן אויסגעטריקנט און די פייגל האָבן זיך איבער דעם בלוטיקן לייב אַראָפּגעלאָזט און די מענטשן זיינען אומגעקומען.

דער איז דער לעצטער צום שטאַרבן; ער איז אַ סאַכאַקל פון זיי אַלעמען. זײַן מויעך איז אויגעפורעמט פון אָט דעם סכום מענטשלעכן לעבן, נאָר באַ אַזעלכע לײַדן קען שוין דער מענטש ניט טראַכטן און זײַנע דערמאַנונגען זײַנען ווי קאָשמאַרן, און וואָלטן שוין קיין זין ניט געהאַט, אויב ניט ווי רעפלעקסן פון ווייטיק. מען קען אָבער פון זײַנע דערמאָנונגען מאַכן אַ געשיכטע און זיי צונויפשמעלצן אַף צו באַקומען פון זיי אַ מאָדעל, אַ פורעם, וואָס זאָל ניט זײַן פאַרשיידן פון דעם וואָס מען וואָלט געקענט באַקומען פון אַנדערע.

אין זײַן לעבן האָט ער געהאַט פינף עפּאָכעס. די ערשטע איז געווען די עפּאָכע פונעם ניט וויסן. די צווייטע פון וויסן, ווען ער איז פול געוואָרן מיט האַס און איז געוואָרן אַ באַשאַף פון האַס. די דריטע איז געווען די עפּאָכע פון האָפן, ווען זײַן האַס איז פאַרשוווּנדן און ער האָט געגאָסן גרויס ליבשאַפט און כאַווערשאַפט פון זײַנע באַענטע. די פערטע איז געווען די עפּאָכע פון פאַרצווייפלונג.

אין דער עפּאָכע פון ניט וויסן איז ער געווען אַ קליין יינגל און געווען איז אַרום אים גליק און שטענדיקע שטראַליקייט. ווען זײַן מויעך, אַפן קרייץ, האָט געזוכט פרישקייט און געפּרוווט אַרויסרײַסן זיך פונעם לײַדן, האָט ער די פרישקייט געפונען אין דערמאָנען זײַנע יונגע יאָרן. די גרינע בערג פון זײַן קינדהייט זײַנען געווען פריש און פּרעכטיק. די באַרג־שטראָמען האָבן געשפּרודלט און געפינקלט, און די שוואַרצע ציגן האָבן זיך געפיטערט אַף די באַרג־רוקנס. פלײַסיקע הענט האָבן אויסגעאַרבעט וואָלן אַף די בערג און דער גערשטן האָט אויסגעזען ווי פּערל און די ווײַנטרויבן ווי רובינען און אַמעטיסטן. געשפּילט האָט ער זיך אַף די רוקנס פון די בערג, געשלאָפט אין די ריטשקעס און געשווומען אינעם גרויסן שיינעם גאַליל־טײַך. געלאָפן איז ער ווי אַ פרײַ ווילד און מיט געזונט שפּרודלדיק כאַיעלע, און זײַנע ברידער און זײַנע שוועסטער און פרײַנט זײַנען געווען אַ געזעלשאַפט, וווּ ער האָט זיך געפילט פרײַ און זיכער און איז געווען אין איר גליקלעך.

אין יענער צײַט האָט ער שוין עפּעס געוווּסט וועגן גאָט און ער האָט געהאַט אַ קלאָרע, אַ ריכטיקע און גוט אָנגעצייכנטע אידעע פון זײַן קינדערשער גאָט-וויזיע. ווײַל געשטאַמט האָט ער פון באַרג־מענטשן, האָבן די לײַט זיכער גאָט אַוועקגעזעצט אַפן שפּיץ פון אַ באַרג, וווּ קיין שום מענטש האָט נישט געקענט לעבן. געזעסן איז ער אַפן העכסטן פון אַלע בערג, און דאָרט וווּ קיינער האָט נישט געקענט צוקומען, דאָרט האָט געוווינט גאָט. איינער אַליין זיצט ער דאָרט. איין גאָט נאָר איז פאַראַן און ניט מער. גאָט איז אַן אַלטער מאַן, וואָס ווערט קיינמאָל ניט עלטער און זײַן לאַנגע באָרד פאַלט אַף זײַן ברוסט און זײַנע ווײַסע קליידער פלאַטערן ווי די ווײַסע וואָלקנס וואָס שוועבן איבערן הימל. ער איז אַ גערעכטער גאָט און ווען מען דאַרף אויך אַ דערבאַרעמדיקער, נאָר שטענדיק אַ נעקאָמעדיקער; און דאָס יינגל ווייס עס. ניט באַטאָג און ניט באַנאַכט איז דאָס יינגל

פרײַ פון גאָטס בליק. וואָס ער זאָל ניט טאָן, ווייס דערפון גאָט. וואָס ער זאָל ניט טראַכטן, ווייס דערפון גאָט.

ער געהער צו אַ גאָטספאָרכטיק פאָלק, אַן אויסערגעוויינלעך גאָטספאָרכטיקס. און אין זײַנע לעבנס איז גאָט אײַנגעוועבט ווי אַ פאָדעם אינעם געוועב פון אַ קלייד. ווען זיי דינען זײַן אײדע, טראָגן זיי לאַנגע געשטרייפטע טיכער און יעדער זוים פון די טיכער שטעלט מיט זיך פאָר אַ טייל פון דער ערפאָרכטיקייט וואָס זיי פילן צו זייער גאָט. אין דער פרי און באַנאַכט זאָגן זיי טפילעס צו זייער גאָט; ווען זיי זעצן זיך צום ברויט, בעטן זיי גאָט; ווען זיי טרינקען אַ גלאָז ווײַן, דאַנקען זיי גאָט; און אַפילע ווען עס קומט אַן אומגליק אַף זיי, לויבן זיי גאָט, קעדיי ער זאָל ניט מיינען, אַז זיי צערענען אַף זייער אומגליק און קעדיי זיי זאָלן ניט אַרײַנפאַלן אין כוצפע.

עס איז זיך דעריבער ניט צו וווּנדערן וואָס דאָס יִנגל, איצט אַ מענטש, וואָס הענגט אַפן קרייץ, האָט דעם פולן באַוווּסטזײַן פון גאָטדערקענטעניש און דאָזײַן. דאָס יִנגל האָט מוירע געהאַט פאַר גאָט און זײַן גאָט איז אַזאַ וואָס מען דאַרף פאַר אים מוירע האָבן. נאָר די מוירע האָט דאָך ניט פאַרנומען אַזאַ אָרט ווי די זון, ווי די פרישקייט און דאָס ריזלענדיקע וואַסער פון די בערג, וואָס האָבן די אויבערהאַנט. דאָס יִנגל לויפט און לאַכט און זינגט און פיטערט די שאָף מיט די ציגן און קוקט ווי עלטערע יִנגלעך וואַרפן דאָס גאַלילשע מעסער מיט דעם שאַרפן קלינג, דעם „שאַבאַ", וואָס זיי טראָגן באַ דער זײַט מיט אַזאַ שטאָלץ. ער האָט זײַנעם אַ מעסער, וואָס ער האָט אַליין פון האָלץ אויסגעשניצט, און ער נוצט אים אָפט אין מיקלוימערשטע דועלן מיט זײַנע ברידער און פרײַנט.

און ווען ער שלאָגט זיך גוט, בייגן די אַנדערע יִנגלעך אָן כמורנע זייערע קעפ און זאָגן: „שלאָגסט זיך ווי אַ טראַציער, קליינער, ווי די קרעציקע מאַלפעס!" „טראַציער" האָט געהאַט דעם באַטײַט פון אַלדאָס בייז און אויך פון פלינקייט אינעם געשלעג. שוין לאַנג, שוין גאָר לאַנג דערין ווי צו זיי אין לאַנד זײַנען געקומען געדונגענע זעלנער און לאַנגע יאָרן האָט מען געקעמפט ביז מען האָט זיי אויסגעראָטן אָדער פאַרטריבן. יענע געדונגענע זעלנער האָט מען גערופן „טראַציער", נאָר דער קליינער האָט שוין קיין איינעם פון זיי ניט געזען.

געוואַרט האָט ער אַף דעם טאָג ווען ער וועט קענען טראָגן אַ מעסער באַ דער זײַט, און דערמאָלט וועט מען שוין זען צי איז ער אַזוי ווילד ווי אַ טראַציער. און ער איז מיט אַן עמעס ניט געווען קיין ווילדער; געווען איז ער אַ שטיל יִנגל און אין אַ געוויסער מאָס אַ גליקלעך יִנגל...

געווען איז עס די עפּאָכע פון ניט וויסן.

אין זײַן צווייטער לעבנס־עפּאָכע, אין דער עפּאָכע פון וויסן, האָט ער אויפגעהערט זײַן אַ קינד, און די הייסע זון וואָס האָט איבער אים געהאַט די אויבערהאַנט, האָט דעם וועג אָפגעטראָטן פאַר אַן אײַז־קאַלטן ווינט. באַדעקט האָט ער זיך אין דער צײַט מיט אַ מאַנטל פון אײַז, זיך צו שיצן און פאַרטיידיקן. אָט די צײַט האָט מיט שטעכיקן ווייטיק דורכגעשניטן

זײַן מויעך ווי די רויטע כוואַליעס גסיסע בעייסן הענגען אַפן קרייץ. זײַנע געדאַנקען אין דער צײַט זײַנען געווען שטורמישע, צעקרומטע און גרויליקע. זײַנע דערמאָנונגען זײַנען איצט פאַרפלאָנטערט ווי די טיילן פון אַ קונציקן קאָפּברעכעניש. ער זעט זײַן צווייטע לעבנס־עפּאָכע אין דער כוואַליעדיקער מענטשן־מאַסע וואָס קוקט אַף אים, און זייערע פּנעמער, אין די קלאַנגען וואָס דערגייען צו אים. איינמאָל און אַ צווייטן מאָל האָט אים דער זיקאָרן, אינמיטן זײַנע ווײַטערדיקע לײַדן, דורכגעשלײַדערט צו אָט דער צווייטער לעבנס־עפּאָכע, דער עפּאָכע פון וויסן.

אין אָט דער צײַט, האָט ער זיך דערוווסט פון אַלץ און אין דעם וויסן איז אומגעקומען זײַן קינדהייט. ער האָט געקענט דאָס לעבן פון זײַן פאָטער, אַ מענטש מיט אַ פאַרברויגטן פּאָנעם, אַ אומפאַרמאַטערלעכער אַרבעטער, וואָס האָט ניט גערוט באַ דער אַרבעט פון פרי ביז נאַכט... און זײַן אַרבעט איז קיינמאָל ניט גענוג געווען. ער האָט געקענט די נויט. זײַן מוטער איז געשטאָרבן און זיי האָבן געוויינט. ער האָט געקענט די שטײַערן, וואָרעם וויפל זײַן פאָטער האָט געבראַכט, האָט עס קיינמאָל ניט געקלעקט אַף אָנצופולן זייערע מאָגנס, כאָטש זײַן ערד איז געווען אַזוי פּרוכטיק ווי אַנדערע. און געקענט האָט ער דעם טעהאָם וואָס טיילט אָפּ די רײַכע פון די אָרעמע.

די קלאַנגען זײַנען געווען די זעלביקע וואָס פריִער, נאָר איצט הערט ער זיי און פאַרשטייט זיי, בעייס פריִער האָט ער זיי געהערט און ניט פאַרשטאַנען. איצט ווען מענטשן ריידן, דערלויבן זיי אים בלײַבן און הערן אַף אַ געווויסער דיסטאַנץ פון זיי; פריִער פלעגן זיי אים הייסן גיין זיך שפּילן.

אַכוצדעם האָט מען אים געגעבן אַ מעסער, כאָטש דאָס מעסער האָט אים קיין פרייד ניט פאַרשאַפט. איינמאָל איז ער מיט זײַן פאָטער געגאַנגען אַ מעהאַלעך פון גאַנצע אַכט קילאָמעטער דורך די בערג. און געגאַנגען זײַנען זיי צו אַ מענטשן וואָס אַרבעט מיט אײַזן, און זיי האָבן פאַרבראַכט דרײַ שאָ צײַט אין דער קוזניע ביז דער שמיד האָט געמאַכט דאָס מעסער. און די גאַנצע צײַט האָט דער פאָטער גערעדט מיט דעם שמיד וועגן די פלאָגן פון דער ערד און ווי מען דריקט דעם אָרעמען מענטשן. ס'האָט אויסגעזען ווי דער פאָטער און דער שמיד ווילן אויפווײַזן ווער פון זיי ווערט מער געדריקט.

— זעסט דאָס מעסער, — האָט דער שמיד געזאָגט, — איך נעם באַ דיר פיר דענאַריס. פון די פיר וועט אייגעם צונעמען דער אויפמאָנער פונעם טעמפּל, ווען ער וועט קומען מאָנען דעם שטײַער. אַ צווייטן וועט צונעמען דער שטײַער־מאָנער. בלײַבט מיר צוויי דענאַריס. וויל איך מאַכן אַ צווייטן מעסער, מוז איך באַצאָלן צוויי דענאַריס פאַרן מעטאַל. ווו איז דער לוין פאַר מײַן אַרבעט? ווו איז דער פרײַז פאַרן האָרן וואָס איך דאַרף קויפן צום הענטל? ווו איז דער קאָסט פון דער שפּײַז צו שפּײַזן מײַן מישפּאָכע? און ווען איך זאָל באַ דיר נעמען פינף דענאַריס, וועט דער שטײַער שטײַגן פּראָפּאָרציאָנעל, און ווער וועט קויפן אַ זאַך וואָס ער קען ערגעץ אַנדערש קויפן פאַר ביליקער? צו דיר איז גאָט גענעדיקער. דו ווייניקסטנס

ציסט דײַן שפּײַז פון דער ערד און קענסט שטענדיק האָבן דײַן מאָגן פול.

דעם יינגלס פאָטער, ווידער, האָט געהאַט אַן אַנדער טײַנע: דו האָסט כאָטש אַמאָל אַ פּאָר דענאַריס אין די הענט. באַ מיר איז אַנדערש: באַ מיר וואַקסט אויף דער גערשטן, איך פּיל אָן די קוישן מיט קערנער. דער גערשטן גלאַנצט ווי די פּערל. מיר דאַנקען גאָט דעם האַר פון דער ערד, וואָס אונדזער גערשטן איז אַזוי שיין און זעטיק. ווּעמען קען דער קאָפּ ווײ טאָן ווען דער שפּײַכלער איז פול מיט קוישן פּערלדיקן גערשטן? נאָר עס קומט דער אויפמאַנער פונעם טעמפּל און נעמט צו אַ פערטל פונעם גערשטן. דערנאָך קומט דער שטײַערן־מאַנער און נעמט צו אַ פערטע טייל פאַר שטײַערן. איך שטעל מיך אויסטײַנען, אַז מיר קלעקט קוים פאַר די בעהיימעס אָפּן ווינטער. „עס די בעהיימעס”, זאָגט ער מיר. און, צו אונ־דזער גרויסן אומגליק, טוען מיר טאָקע אַזוי. אַזוי אַז ווען עס קומט די צײַט און עס איז נישטאָ ניט קיין פלייש און ניט קיין קערנער און די קינדער בעטן עסן, דרייען מיר די מויכעס און מיר קלערן וועגן די האָזן און וועגן דעם ביסל הירשן, וואָס זײַנען פאַראַן אָפּן באַרג. נאָר פאַר יידן איז דאָס פלייש טרייפע, סײַדן מען דערלויבט עס. פאַראַיאָרן האָבן מיר געשיקט קיין יערושאַלאַים אונדזער ראָוו, ער זאָל זיך פאַר אונדז אײַנשטעלן אינעם טעמפּל. אונדזער ראָוו איז אַ ווילער מענטש. זײַן הונגער איז אונדזערער. נאָר געמוזט האָט ער אומגיין פינף טעג איבערן טעמפּל איידער די קויהאַ־נים האָבן אים באַוויליקט אויפצונעמען. און ערשט דעמאָלט האָבן זיי זײַן באַקאָשע אויפגענומען מיט פאַראַכטונג; זיי האָבן אים אַפילע קיין שטיקל ברויט ניט געגעבן אָף צו שטילן זײַן שרעקלעכן הונגער. „ווען וועסטו שוין אויפהערן מיט דײַן גאַלילעשן הירזשען?”, האָבן זיי אים געזאָגט. „דײַנע פויערים זײַנען פוילענצער. זיי ווילן ליגן אָף דער זון און עסן מאַן. זאָלן זיי אַרבעטן מער און זייען מער גערשטן”. דאָס איז די אייצע וואָס זיי האָבן אונדז געגעבן. ווו אָבער זאָל אַ פויער נעמען נאָך ערד אָף זייען מער גערשטן? און אַפילע ער זאָל קריגן מער ערד און פאַרזייען מער, ווייסטו וואָס עס וועט פאַסירן?

— איך ווייס וואָס עס וועט פאַסירן. צום סאָף וועט ער האָבן ניט מער. אַזוי פאַסירט עס שטענדיק. דער אָרעמאַן ווערט אַלץ אָרעמער און דער גוויר ווערט אַלץ רײַכער.

דאָס האָט פאַסירט ווען דאָס יינגל איז געגאַנגען נעמען זײַן מעסער. נאָר אויך באַ אים אין דער היים פלעגן באַנאַכט קומען שכיינים צו זיי אין שטוב ריידן מיט זײַן פאָטער. געוויינט האָבן זיי אין אַ שטיבל מיט בלויז איין צימער, און דאָרט פלעגן זיי זיצן און ריידן אָן אַ עק וועגן דעם ווי שווער עס איז צו לעבן און ווי מען בוצט זיי אויס, ווי מען באַ־רויבט זיי און ווי מען צאַפּט פון זיי דאָס בלוט... און זיי פלעגן זיך פרעגן ווויהין וועט דאָס דערגיין און צי קען מען צאַפּן בלוט פון אַ שטיין.

אָט וועגן די זאַכן טראַכט דער מענטש אָפּן קרייץ און אין זיקאָרן באַ אים שווימען אַרויף אַזעלכע שנײַדיקע געשעענישן וואָס בינדן זיך מיט זײַנע לײַדן. נאָר אַפילע אינעם לײַדן, אַפילע ווען דער ווייטיק איז

אַזוי שאַרף, ניט איבערצוטראָגן אָדער ווען דער ווייטיק ווערט שטילער און מען קען אים נאָך איבערטראָגן, וויל ער לעבן. שוין אַ טויטער, אַפן קרייץ אויפגעהאַנגען, וויל ער נאָך לעבן. ווי מעכטיק עס איז דאָס לעבן! סאַראַ דראַנג עס האָט אין זיך דאָס לעבן. סאַראַ זאַכן מענטשן קענען טאָן, ווען מען דאַרף עס צום לעבן!

נאָר פאַרוואָס דאָס איז אַזוי ווייס ער ניט. אין זײַן לײַדן רופט ער ניט צו גאָט, וואָרעם אין גאָט איז נישטאָ קיין ענטפער און קיין אויפקלערונג. ער גלייבט שוין ניט אין איין גאָט און ניט אין אַ סאַך געטער. אין יענער לעבנס־עפּאָכע זײַנער האָבן זיך געביטן זײַנע באַציִונגען צו גאָט. גאָט ענטפערט בלויז אַף דעם געבעט פון די רײַכע.

אַזוי אַז ער בעט ניט צו גאָט. די רײַכע הענגען ניט אַף די קרייצן און ער הענגט זײַן גאַנץ לעבן אַפן קרײַץ; אַן אייביקייט מיט צוועקעס דורכגעקלאַפּט די הענט. צי עפשער איז עס גאָר אין אַן אַנדער לעבן? עפשער איז עס גאָר זײַן פאָטער? דער מויעך אַרבעט באַ אים פעלערהאַפטיק. די שייגע, פּינקטלעכע און געאָרדנטע מויעך־אימפּולסן נעמען זיך ברעקלען און ווען ער דערמאָנט זיך ווי מען האָט געקרייציקט זײַן פאָטער, פאַרמישט ער עס מיט זײַנעם. מיט זײַן אָפּגעשוואַכטן און געפּײַניקטן מויעך פּרוווט ער זיך דערמאָנען ווי דאָס איז געשען. און אים קומט אַפן זיקאָרן דער מאָמענט ווען עס איז געקומען דער שטײַערן־מאָנער און ער האָט געמוזט אַוועקגיין מיט ליידיקע הענט. ער דערמאָנט זיך דעם מאָמענט ווען די קויהאַנים פונעם טעמפּל זײַנען געקומען און אויך זיי האָט ער אַוועקגעשיקט מיט ליידיקע הענט.

נאָך יענער געשעעניש איז געווען אַ קורץ שטיקל צײַט פון גלאָר, אַן אויגנבליק גלאַנץ מיט יעהודאַ דעם מאַקאַבייער, און ווען די קויהאַנים האָבן אַרויסגעשיקט קעגן די פויערים די ערשטע באַוואָפנטע עקספּעדיציע, האָבן די באַרג־פויערים גענומען זייערע בויגנס און זייערע מעסערס און האָבן די זעלנער צעקלאַפּט. ער האָט אָנטייל גענומען אין דער שלאַכט. ער איז דעמאָלט געווען אַ יינגל פון ניט מער ווי פערצן יאָר, נאָר גענוצט האָט ער זײַן מעסער און האָט געקעמפט האַנט באַ האַנט מיט זײַן פאָטער און האָט פאַרזוכט דעם טאַם פון ניצאָכן.

נאָר דעם טאַם פון ניצאָכן האָט ניט לאַנג געדויערט. עס זײַנען געקומען גרויסע געפּאַנצערטע קאָלאָנעס געדונגענע זעלנער, וואָס זײַנען געגאַנגען אַף די אויפגעשטאַנענע פויערים פון גאַליל און אינעם טעמפּל איז געווען אַ ניט אויסשעפּלעכע גרוב מיט גאָלד אַף צו קויפן נאָך און נאָך זעלנער. נאַקעטע און באַוואָפנטע מיט מעסערס, האָבן די פויערים נישט געקענט קעמפן אַקעגן אַ גרויסער אַרמיי. די פויערים האָט מען דערשטיקט און צוויי טויזנט פון זיי האָט מען גענומען געפאַנגען. פון צווישן די געפאַנגענע האָט מען אויסגעקליבן נײַן הונדערט צום אויפהענגען אַפן קרײַץ. דאָס איז געווען דער ציוויליזירטער מעטאָד, דער מײַרעוודיקער, און ווען אַף די באַרג־שפּיצן האָבן זיך באַוויזן די קרייצן ווי אַף אַ שנור אויפגעצילעטע, זײַנען די קויהאַנים געגאַנגען קוקן און מיט זיי זייערע רוימישע

ראַטגעבער. און דער קליינער דאַוויד איז דאָרט געווען און האָט געזען ווי מען הענגט אויף אַפן קרייץ זײַן פאָטער און מען האָט אים אַזוי געלאָזט הענגען אַף די הענט ביז די פייגל האָבן זײַן לײַב צעפּיקט.

און איצט הענגט ער אַליין אַפן קרײַץ. ווי ער האָט אָנגעהויבן אַזוי פאַרענדיקט ער, און מיט וויפל ווייטיק און לײַדן! וואָס ווײַטער ער ציט זיך די צײַט — צײַט וואָס האָט קיין שײַכעס ניט מיט צײַט ווי מענטשן פאַרשטייען עס, ווײַל אַ מענטש אַפן קרײַץ איז קיין מענטש ניט — פרעגט ער זיך אַלץ וואָס איז דער זין פון לעבן, וואָס קומט פון גאָרניט און גייט צו גאָרניט. ער פאַרלירט אַלץ מער און מער זײַן אומגלויבלעכן קלעפּן צום לעבן, וואָס האָט אים אַזאַ לאַנגע צײַט אויפגעהאַלטן. עס איז דעם ערשטן מאָל ווי ער באַגערט שטאַרבן.

(וואָס האָט אים אַמאָל ספּאַרטאַקוס געזאָגט? גלאַדיאַטאָר האָב ליב דאָס לעבן. אינעם לעבן ליגט דער ענטפער אַף אַלע פראַגעס". נאָר ספּאַרטאַקוס איז שוין טויט און ער לעבט נאָך.)

ער פילט זיך פאַרמאַטערט. די דערשעפּטקייט פאַרוועט זיך מיט דעם ווייטיק און זײַן זיקאָרן רײַסט זיך פון פאַרמאַטערונג. נאָך דעם ווי דער אויפשטאַנד איז דורכגעפאַלן, האָט מען אים מיט נאָך זעקס הונדערט יינגלעך צוגעשמידט האַלדז צו האַלדז, און מען האָט זיי אַוועקגעשיקט אַף צאָפן. ווי לאַנג זיי זײַנען דעמאָלט געגאַנגען! איבער טאָלן, מידבאָריעס און בערג, ביז די גרינע גאַלילער בערגלעך זײַנען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גאַניידן־כאָלעם. די האַרן האָבן זיך געביטן, נאָר די בײַטש איז געבליבן די זעלביקע. און צום סאָף זײַנען זיי צוגעקומען צו אַ לאַנד, וווּ די בערג האָבן זיך געהויבן העכער ווי דער העכסטער באַרג פונעם גאָליל, וווּ דער שפּיץ פון די בערג איז באַדעקט געווען מיט אַ שניי־צודעק אום זומער ווי אום ווינטער.

און דאָרט האָט מען אים געשיקט אונטער דער ערד אַרויסברענגען קופּער. זײַנע צוויי ברידער, וואָס זײַנען מיט אים געווען, זײַנען געשטאַרבן, נאָר ער איז לעבן געבליבן. געהאַט האָט ער אַ קערפּער פון שטאָל און לעדער. אַנדערע זײַנען קראַנק געוואָרן. די ציין זײַנען זיי אַרויסגעפאַלן אָדער זיי האָבן פון זיך די קישקעס אויסגעבראָכן. נאָר ער האָט געלעבט, און צוויי יאָר נאָכאַנאַנד האָט ער געאַרבעט אין די מינען.

און דערנאָך איז ער אַנטלאָפן. ער איז אַוועק צו די ווילדע בערג נאָך מיט דעם שקלאַפן־האַלדזבאַנד אַפן האַלדז, און די פּאָשעטע און פרימיטיווע מענטשן פון די באַרג־שוואָטים האָבן אים אויפגענומען, זיי האָבן אים אַ באַהעלטעניש געגעבן און האָבן אים אַראָפּגענומען דעם האַלדז־באַנד פונעם האַלדז און האָבן אים געלאָזט לעבן מיט זיי. דאָרט האָט ער געלעבט דעם גאַנצן ווינטער. געווען זײַנען עס מענטשן גוטהאַרציקע, אָרעמע מענטשן וואָס לעבן פון יאַגד און שפּײַזן זיך קימאַט מיט גאָרניט. ער האָט זיך אויסגעלערנט זייער לאָשן און זיי האָבן געוואָלט ער זאָל בלײַבן לעבן מיט זיי און נעמען באַ זיי אַ ווײַב. נאָר זײַן האַרץ האָט געצויגן צום גאָליל, און ווען דער פרילינג איז געקומען האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט צו דאָרעם. אַ

באַנדע פּערסישע סאָכרים האָבן אים געכאַפּט און האָבן אים פאַרקויפט צו אַ שקלאַפן־קאַראַוואַן וואָס איז געגאַנגען צו מיזרעך, און אין צוויר האָט מען אים אָפן מאַרק פאַרקויפט, אַזוי ווײַט פון זײַן היימלאַנד. עס האָט אים געפרעסן דאָס האַרץ. סאַראַ ביטערע טרערן ער האָט פאַרגאָסן ווען ער האָט זיך געפילט אַזוי ווײַט פון דער היים און פון די זײַניקע און אַזוי ווײַט פון דער פרײַהייט! געקויפט האָט אים אַ פעניציער סויכער און האָט אים צוגעשמידט צום רודער פון אַ שיף, וואָס האָט געהאַנדלט מיט סיציליאַנער האַפנס, אין דער נאַסער פינצטערניש פונעם אונטערדעק איז ער געזעסן אינעם וואַסער און האָט גערודערט.

דעמאָלט האָבן די שיף פאַרכאַפּט גריכישע פּיראַטן און זיי האָבן אים ווי אַ קויטיקע סאָווע מיט פינקלענדיקע אויגן, אַרויפגענומען אָפן אייבערדעק, וווּ די ווילדע גריכישע יאַם־לײַט האָבן אים באַטראַכט און אויסגעפרעגט. ווײַל דער מאַנשאַפט פונעם פעניציער סויכער האָבן זיי אָנגענומען אַ שנעלן באַשלוס: זיי האָבן די מענטשן אַריבערגעוואָרפן איבערן באָרט ווי סנאָפּעס שטרוי. נאָר אים און די איבעריקע שקלאַפן האָבן זיי באַטראַכט יעדן באַזונדער, און אים האָבן זיי געפרעגט אין אַראַמעיִש, די שפּראַך פון די מיזרעך־מענטשן: „קענסט זיך שלאָגן? צי דו קענסט נאָר רודערן?"

ער האָט מוירע געהאַט פאַר דער באַנק און פאַר דער פינצטערניש און פאַר דעם וואַסער אָפן אונטערדעק ווי פאַרן טײַוול אַליין און ער האָט געענטפערט: „איך קען זיך שלאָגן. איך בעט נאָר מען זאָל מיך שטעלן אָף אַ פּרווו." ער וואָלט זיך אין יענעם מאָמענט געשלאָגן קעגן אַ גאַנצער אַרמיי, מען זאָל אים נאָר ניט שיקן אָף אונטן בייגן דעם רוקן איבערן רודער. נאָר געשטעלט האָט מען אים צום פּרווו אָפן בריקל און מען האָט אים געלערנט — ניט געשווינט קיין קלעפּ און קיין קלאַלעס — די יאַם־מעלאָכע, ווי אויפצוציִען זעגלען, ווי אויפצוויקלען שטריק און ווי צו מאַנעווירירן מיט דער שטײַער־ראָד מיט דער הילף פון אַ צען־מעטערדיקן רודער, ווי צו פאַרקניפּן אַ שטריק און ווי צו פירן די שיף אין דער נאַכט, מיט די שטערן פאַר וועג־ווײַזער. באַ זײַן ערשטן געשלעג מיט אַ פאַלשן רוימער האָט ער אַרויסגעוויזן אַזאַ שנעלקייט אין זײַנע באַוועגונגען, אַזאַ פלינקייט מיט דעם לאַנגן מעסער, אַז ער האָט זיך געוווּנען אַ זיכער אָרט צווישן יענער ווילדער און העפקייִרעסדיקער באַנדע. נאָר אין האַרצן האָט ער קיין גליק ניט געפילט און האָט פײַנט געהאַט יענע מענטשן, וואָס האָבן נאָר געוווּסט פון האַריגעס, פון גרויל און טויט. ווי אַנדערש זיי זײַנען געווען פון יענע פאַשעטע פויערים, צווישן וועלכע ער האָט זײַן קינדהייט דורכגעלעבט. ווי פון טאָג צו נאַכט. זיי האָבן נישט געגלויבט אין קיין שום גאָט, אַפילו ניט אין פּאָסיידאָנען, דעם האַר פון די יאַמען, און כאָטש זײַן אייגענער גלויבן אין גאָט איז שוין געווען צעטרייסלט, האָט ער דאָך זײַנע בעסטע יאָרן פאַרבראַכט מיט די גלייביקע. צום ברעג פלעגן זיי זיך אָוועקלאָזן נאָר צום האַרגענען, צינדן און רויבן.

דעמאָלט האָט ער אַרום זיך אַ מויער אויפגעשטעלט און האָט זיך אין אים פאַרקליבן. געלעבט האָט ער אין דעם מויער און די שפּורן פון זײַן

יוגנט זײַנען פאַרשווּנדן פון דעם פּאָנעם מיט די גרינגע קאַלטע אויגן, מיט דער נאָז ווי דער שנאָבל פון אַ שפּאַרבער. ווען ער האָט זיך צו זיי אָנגעשלאָסן איז ער נאָך קיין פולע אַכצן יאָר ניט אַלט געווען, נאָר באַקומען האָט ער אַן אויסזען אויסער צײַט און אינעם שווארצן פלאַנטער וואָס האָט זײַן קאָפּ באַדעקט, האָט זיך שוין באַוויזן אַ לאָק ווײַסע האָר. ער האָט זיך אײַנגעשלאָסן אין זיך און עס פלעגט אַמאָל אַוועקגיין וואָכן ער זאָל אַ וואָרט ניט אויסריידן. זיי האָבן אים ניט געשטערט. זיי האָבן געוווּסט ווי ער שלאָגט זיך און זיי האָבן פאַר אים מוירע געהאַט.

ער האָט געלעבט ווי אין אַ כאַלעם, און דער כאַלעם איז געווען זײַן ווײַן און זײַן אויפהאַלט. ער האָט געכאָלעמט, אַז ווען עס איז, פריִער אָדער שפּעטער, וועלן זיי גרייכן צו פּאַלעסטינער ברעגעס און ער וועט זיך אַרײַנבערכאַפּן איבערן באַרט און וועט צושווימען ביז צום ברעג און צו פוס וועט ער זיך אַ וועג עפענען צו זײַנע געליבטע גאַליל־בערגלעך. נאָר אַוועק זײַנען דרײַ יאָר און דער טאָג איז נאָך אַלץ ניט געקומען. פון אָנהייב פלעגן זיי זיך אַרײַנשנײַדן אין די ברעגעס פון אַפריקע און דערנאָך האָבן זיי געקרייצט דעם יאַם לענגויס דעם איטאַליענישן ברעג. זיי האָבן געקעמפט בײַ די ברעגעס פון שפּאַניע און האָבן געצונדן רוימישע ווילעס, פאַרכאַפּט זייערע פאַרמעגנס און די ווײַבער וואָס זיי האָבן דאָרט געטראָפן. דערנאָך האָבן זיי ווידער געקרייצט דעם יאַם און האָבן אַ גאַנצן ווינטער פאַרבראַכט אין אַן אַרומגעמויערטער ניט געזעצלעכער שטאָט נאָנט פון די הערקולעס־זײַלן. דערנאָך זײַנען זיי דורכגעשווומען דעם גיבראַלטאַר־פּאַס און זײַנען אַוועק צו ברעטאַניאַ, ווו זיי האָבן זייער שיף אָפּגערייניקט און אויסגעפּאַריכט. דערנאָך זײַנען זיי געשווומען צו אירלאַנד, ווו זיי האָבן געביטן שטאָפּן און ביליקע צירונג אַף די גאָלדענע אָרנאַמענטן פון די אירלענדישע שוואָטים. דערנאָך קיין גאַליע און פון אויבן אַראָפּ, איינמאָל און אַ צווייטן מאָל, דעם פראַנצויזישן ברעג. און דערנאָך צוריק קיין אַפריקע. דרײַ יאָר זײַנען אַזוי דורכגעגאַנגען און זיי זײַנען קיין איין מאָל ניט צוגעקומען צו די ברעגעס פון זײַן היימלאַנד. נאָר דער כאַלעם און די האָפענונג זײַנען אים פאַרבליבן און ער איז געוואָרן אַלץ מער פאַרהאַרטעוועט, אַזוי האַרט ווי אַ מענטש קען ווערן.

אין דער צײַט האָט ער זיך אַ סאַך זאַכן דערוווּסט. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז דער יאַם איז אַ וועג, איבער וועלכן עס שטראָמט דאָס לעבן, ווי עס שטראָמט דאָס בלוט איבערן מענטשנס קערפּער. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז די וועלט איז גרויס און גרענעצלאָז און ווו ער איז געקומען האָט ער געטראָפן מענטשן אָרעמע און פּאַשעטע, ווי די מענטשן פון זײַן פאָלק, מענטשן וואָס גראָבן די ערד און ציִען פון איר כאַיונע פאַר זיך און זייערע קינדער... נאָר זיי מוזן די גרעסטע טייל דערפון וואָס זיי ציִען אַרויס אַוועקגעבן אַף לוין די האַרן, די קעניגן אָדער פּיראַטן. און דערוווּסט האָט ער זיך, אַז פאַראַן איז אַ האַר, אַ קעניג און אַ פּיראַט, וואָס איז איבער אַלעמען און מען רופט אים רוים.

און צום סאָף האָבן זיי זיך געוואָרפן אַף אַ רוימישער קריג־שיף, און

אים מיט נאָך פּערצן פֿון דער מאַנשאַפֿט, וואָס זײַנען לעבן געבליבן, האָט מען אַוועקגעפֿירט קיין אָסטיאַ צום אויפֿהענגען. געדאַכט האָט זיך די זאַמד פֿון זײַן קלײנעם לעבנס־זייגער האָט זיך אויסגעלאָזט, נאָר אײנעם לעצטן אויגנבליק האָט אים אַן אַגענט פֿון לענטולוס באַטשיאַטאַ אָפּגעקויפֿט פֿאַר דער שול אין קאַפּואַ...

דאָס איז בעקיצער דער געוועב פֿון זײַן צווייטער לעבנס־עפּאָכע, די עפּאָכע פֿון באַקענען זיך מיט דעם האַס. די טייל איז פֿאַרגאַנצט געוואָרן אין קאַפּואַ. דאָרט האָט ער זיך באַקאַנט מיט די פֿאַרפֿולקאָמסטע פֿײַנקייטן פֿון דער ציוויליזאַציע, מיט דער טרעניִרונג פֿון מענטשן זיך צו טויטן צוליב פֿאַרגעניגן פֿון די רוימישע פּוסטעפּאַסניקעס און קעדיי רײַך צו מאַכן אַ שמאַלציקן, שמוציקן און פֿאַרדאָרבענעם מענטשן וואָס מען רופֿט אים „לאַניסט". ער איז געוואָרן אַ גלאַדיאַטאָר. מען האָט אים אָפּגעשוירן ביז צום קאָפּ, אַרויפֿגעשיקט אַף דער צירק־אַרענע מיט אַ מעסער אין דער האַנט און ער האָט געהאַרגעט, ניט די וואָס ער האָט געהאַסט, נאָר מענטשן ווי ער, שקלאַפֿן אָדער פֿאַרמישפּעטע.

דאָרט האָט זיך זײַן וויסן קאָמבינירט מיט דעם האַס. ער איז געוואָרן אַ האַס־קײלע און טאָג נאָך טאָג פֿלעגט די קײלע פֿולער ווערן. ער האָט געלעבט אײנער אַלײן אין דער סינעדיקער נאַקעטקייט און פֿאַרצווייפֿלונג פֿון זײַן קאַמער; ער האָט זיך אײַנגעשלאָסן אין זיך. ער האָט שוין ניט געגלויבט אין גאָט, און ווען ער האָט געטראַכט אײנעם גאָט פֿון זײַנע עלטערן איז עס געווען מיט האַס און פֿאַראַכטונג. אײנמאָל האָט ער צו זיך אַלײן געזאָגט:

— איך וואָלט גערן אַרויף אַף דער אַרענע מיט דעם פֿאַרשאָלטענעם אַלטן פֿון די בערג. איך וואָלט אים צוגעשלײַדערט אַלע טרערן און אַלע ניט דערפֿילטע צוזאָגן וואָס ער גיט די מענטשן. איך דאַרף נאָר אַ מעסער אין דער האַנט. איך וועל אים, פֿאַרשטייט זיך, אַ קאָרבן ברענגען. איך וועל אים עפּעס ווײַזן פֿון צאָרן און ברויז.

אײנמאָל האָט זיך אים געכאָלעמט, אַז ער שטייט פֿאַר גאָטס שטול. נאָר אָן מוירע. „וואָס אַזוינס ווילסטו מיר טאָן?", האָט ער אים סאַרקאַסטיש געפֿרעגט. „איך האָב אָפּגעלעבט אײן און צוואַנציק יאָר, און וואָס נאָך קענסטו פֿון מיר מאַכן אַזוינס וואָס די וועלט האָט שוין פֿון מיר ניט געמאַכט? איך האָב געזען קרייציקן מײַן פֿאָטער, איך האָב געאַרבעט ווי אַ ביבער אין די מינען און אײן יאָר האָב איך געלעבט אײנעם קויט און וואַסער אָפּן אונטערדעק אײנאײנעם מיט די מײַז, וואָס זײַנען מיר אַף די פּיס געקראָכן. דרײַ יאָר בין איך געווען אַ רויבער, וואָס כאָלעמט מיט דער היים און איצט האָרגע איך מענטשן אַף באַשטעלונג. פֿאַרשאָלטן זאָלסטו ווערן, וואָס ווילסטו טאָן מיט מיר?"

אָט דאָס איז געווען זײַן צווייטע לעבנס־עפּאָכע און אין דער צײַט האָט מען געבראַכט אין דער קאַפּוער שול אַ טראַציער שקלאַף, אַ מאָדנעם מענטשן מיט אַ מילדן קאָל, מיט אַן אײַנגעבראָכענער נאָז און טיפֿע טונקעלע אויגן. אָט אַזוי האָט דער גלאַדיאַטאָר דערקענט ספּאַרטאַקוסן.

VI

אײנמאָל, שוין זײער לאַנג דערין, האָט מען אַ רוימישן שקלאַף אויפֿ־
געהאַנגען אַפֿן קרײץ, און נאָכדעם ווי ער איז געהאַנגען אַ גאַנצן מעסלעס,
האָט אים דער אימפּעראַטאָר אַלײן מוחל געווען און ער איז געבליבן לעבן.
ער האָט אָנגעשריבן אַ געשיכטע וועגן דעם וואָס ער האָט געפֿילט אַפֿן
קרײץ און אויסטערלישער ווי אַלץ איז דאָס וואָס ער דערצײלט מיקויעך
צײַט. „אַפֿן קרײץ, — זאָגט ער דאָרט, — זײַנען פֿאַראַן בלויז צוויי זאַכן:
ווייטיק און אײביקײט. מען זאָגט מיר, אַז איך בין געהאַנגען אַפֿן קרײץ
פֿיר און צוואַנציק שעה, נאָר איך בין געהאַנגען לענגער ווי די וועלט איז
אַלט. ווען צײַט עקזיסטירט ניט, איז יעדע רגע אַן אײביקײט״

אָן אָט דעם אײביק, אַ דורכגעשניטענעם מיט ווייטיק, האָט זיך
צעקלאַפּט דעם גלאַדיאַטאָרס מויעך און די פֿעיִקײט פֿון אָרגאַניזירטן דענ־
קען האָט אויפֿגעהערט. די דערמאָנונגען זײַנען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין
האַלוצינאַציעס. צום ערשטן מאָל מיט ספּאַרטאַקוסן. ער שטעלט זיך ווי־
דער פֿאָר וואָס אַזוינס וואָלט ער וועלן אײַנהיטן פֿון זײַן לעבנס פּוסטע
כורווע, דאָס נישטיקע לעבן פֿון אַן אַנאָנימען שקלאַף אינעם פֿאַרפֿלײצנ־
דיקן שטראָם פֿון דער צײַט.

(ער קוקט אַף ספּאַרטאַקוסן. ער אָבסערווירט אים. ער זעט אויס ווי אַ
קאַץ דער דאָזיקער מענטש, און זײַנע גרינע אויגן מאַכן אים נאָך ענלעכער
צו אַ קאַץ. איר ווייסט דאָך ווי קעץ גײען, זײ זײַנען הוילע שפּאַנונג. אַזוי
גײט אויך אַ גלאַדיאַטאָר, און מען האָט דעם אײַנדרוק, אַז ווען מען וואַרפֿט
אים אַרויף אין דער לופֿטן, וואָלט ער אַראָפּגעפֿאַלן מיט פֿיס צו דער
ערד. שווער ער זאָל אַמאָל קוקן אַ מענטשן גלײַך אין פּנים; שטענדיק
קוקט ער אַף אים מיט אַ זײַט. אָט אַזוי אָבסערווירט ער ספּאַרטאַקוסן, טאָג
נאָך טאָג. ער וואָלט זיך אַלײן ניט געקענט דערקלערן וואָס אַזוינס רופֿט
זײַן אויפֿמערק אין ספּאַרטאַקוסן; נאָר קײן גרויסער סאָד איז עס ניט.
ער אַלײן איז הוילע שפּאַנונג און ספּאַרטאַקוס איז דורכויס נאָכגעלאָזן.
ער רעדט ניט מיט קײנעם, נאָר ספּאַרטאַקוס רעדט מיט אַלעמען און אַלע
קומען זײ מיט זײערע שוועריקײטן צו ספּאַרטאַקוסן. ספּאַרטאַקוס טריפֿט
עפּעס אַרײַן אין דער גלאַדיאַטאָרן־שול. ספּאַרטאַקוס צעשטערט זי.
זיך פֿאַרוואָס איז עס. און אײנמאָל, אין אָפּרו־צײַט צווישן די געניטונגען,
קומט ער צו צום ייִדן און רערט צו אים.

(אַלע, אַכוץ דעם ייִדן, גײען צו ספּאַרטאַקוסן. ספּאַרטאַקוס פֿרעגט

(— רעדסט גריכיש, מענטש? — פֿרעגט ער אים.

(די גרינע אויגן שטעכן זיך אײַן אין אים, אומדערשראָקענע. ספּאַר־
טאַקוס דערזעט פּלוצעם, אַז ער האָט פֿאַר זיך אַ גאָר יונגן מענטשן, קוים
עפּעס מער ווי אַ ייִנגל. דאָס ייִנגל טראָגט ער הינטער אַ מאַסקע. ער
קוקט ניט אַף דעם מענטשן, נאָר אַף זײַן מאַסקע.

(דער ייִד ווענדעט זיך צו זיך אַלײן: גריכיש?... רײד איך גריכיש?
דאַכט מיר אַז איך רײד אַלע שפּראַכן. העברעיִש און אַראַמעיִש און גריכיש

און לאַטיין און נאָך אַ סאַך שפּראַכן פון פאַרשיידענע עקן וועלט. פאַרוואָס אָבער דאַרף איך ריידן אין עפּעס אַ שפּראַך? פאַרוואָס?

(זייער איידל שטייט ספּאַרטאַקוס צו צו אים: איין וואָרט מײַנס און דערנאָך דײַנס אַ וואָרט. מיר זײַנען מענטשן. מיר זײַנען ניט אַליין. שווער ווען איינער איז אַליין. אַליין איז שרעקלעך, נאָר דאָ זײַנען מיר ניט אַליין. פאַרוואָס זאָלן מיר זיך שעמען דערמיט וואָס מיר זײַנען? האָבן מיר עפּעס שרעקלעכס אָפּגעטאָן, וואָס מען זאָל אונדז געווען ברענגען אַהער? איך גלייב ניט מיר זאָלן געווען אָפּטאָן עפּעס שרעקלעכס. אַ סאַך שרעקלעכערס טוען די וואָס גיבן אונדז מעסערס אין די הענט און הייסן אונדז זיך האַר־גענען קעדײַ צו פאַרווײַלן די רוימער. אַזוי אַז מיר האָבן ניט פאַרוואָס זיך צו שעמען איינער פאַרן צווייטן און פאַרוואָס זיך פײַנט צו האָבן. יע־דער מענטש האָט אין זיך אַ געוויסע פעסטונג, אַ געוויסע האָפענונג און אַ געוויסע ליבע. זיי זײַנען ווי קערנדלעך פאַרזייט אין יעדן מענטשן. נאָר ווען מיר באַהאַלטן זיי נאָר פאַר אונדז, ווערן זיי שנעל פאַרטריקנט און זיי שטאַרבן אָפּ און זאָל גאָט ראַכמאָנעס האָבן אַף דעם מענטשן, וואָרעם אים בלײַבט גאָרניט און דאָס לעבן האָט ניט די ווערט וואָס מען לעבט עס. פאַרקערט, ווען מיר גיבן אונדזער פעסטונג, אונדזער האָפענונג און אונ־דזער ליבע אַנדערע, טרעפן מיר אָן דערפון ניט דערשעפּלעכע אויצרעס. דעמאָלט האָט שוין דאָס לעבן אַ ווערט דאָס צו לעבן. און גלייב מיר, גלאַ־דיאַטאָר, דאָס בעסטע וואָס די וועלט פאַרמאָגט, איז לעבן. מיר ווייסן עס. מיר זײַנען שקלאָפן. דאָס איינציקע וואָס מיר פאַרמאָגן איז דאָס לעבן. אַזוי אַז מיר ווייסן וואָס פאַר אַ ווערט דאָס האָט. די רוימער האָבן אַכוץ דעם לעבן אַזויפיל זאַכן, אַז דאָס לעבן האָט פאַר זיי קיין גרויסע באַדײַטונג ניט. זיי שפּילן זיך דערמיט. מיר אָבער נעמען דאָס לעבן ערנסט, און דערפאַר קענען מיר זיך ניט דערלויבן צו זײַן אַליין. דו ביסט צו פיל אַליין, גלאַדיאַטאָר. זאָג מיר עפּעס".

(נאָר דער ייִד האָט גאָרנישט ניט געזאָגט און זײַנע אויגן און זײַן פּאָ־נעם האָבן זיך מיט גאָרניט געענדערט. נאָר געהערט האָט ער. ער האָט גע־הערט שטיל און אָנגעשטרענגט, דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט און האָט אַוועקגעשפּאַנט. נאָר נאָכדעם ווי ער האָט געמאַכט עטלעכע שפּאַן איז ער שטיין געבליבן, האָט קוים אויסגעדרייט דעם פּאָנעם און מיט אַ זײַט געקוקט אַף ספּאַרטאַקוסן. און ספּאַרטאַקוסן האָט זיך געדאַכט, אַז עפּעס איז איצט פאַראַן וואָס פריִער איז ניט געווען, אַ פונק, אַ געבעט, אַ שפּור פון האָפענונג. עפּשער.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די דריטע פון די פיר עפּאָכעס, אין וועלכע מען קען אײַנטיילן דאָס לעבן פון דעם גלאַדיאַטאָר. מען וואָלט זי געקענט אָנרופן די עפּאָכע פון האָפן, און דעמאָלט איז פון אים פאַרשוווּנדן דער האַס און דער גלאַדיאַטאָר האָט דערפילט אַ גרויסע ליבשאַפט און כאַווער־שאַפט צו אַנדערע מענטשן פון זײַן קלאַס. ניט פּלוצעם און ניט שנעל איז דאָס געשען. ביסלעכווײַז האָט ער זיך אויסגעלערנט צוטרוי האָבן צו אַ מענטשן און דורך דעם מענטשן האָט ער זיך אויסגעלערנט ליב האָבן דאָס

לעבן. אָט דאָס איז ספּאַרטאַקוסן האָט אים צוגעצויגן באַלד פון אָנהייב, דעם טראַציערס גרויסע ליבע צום לעבן. ספּאַרטאַקוס איז געווען ווי דער מאַלעך באַשירעמער פונעם לעבן. נישט וואָס ער האָט עס טײַער געהאַלטן און האָט דערין אַ טאַם געפילט; נאָר ער האָט עס געשלונגען. געווען איז עס אַזוינס וואָס ער האָט קיינמאָל ניט באַשטרײַט און קיינמאָל ניט קריטיקירט. אויסגעזען האָט עס, אין אַ געוויסער מאָס, ווי ספּאַרטאַקוס וואָלט געהאַט אַ געהיימען אָפּמאַך מיט אַלע לעבנס-קויכעס.

פון אָבסערווירן ספּאַרטאַקוסן איז דער גלאַדיאַטאָר דאָוויד אַריבער אים נאָכצוגיין. ער האָט עס ניט געטאָן אָפּענערהייט; געטאָן האָט ער עס פאַרבאָרגן. יעדן מאָל ווען ער האָט געהאַט אַ געלעגנהייט און מען האָט עס דירעקט ניט געמערקט, פלעגט ער זיך אַוועקשטעלן נאָענט פון ספּאַרטאַקוסן. געהאַט האָט ער אַזאַ שפּירעווודיקן געהער ווי בײַ אַ פוקס. ער פלעגט זיך צוהערן צו ספּאַרטאַקוסעס ווערטער; ער האָט די ווערטער געדענקט און פלעגט זיי אין געדאַנק איבערכאַזערן. ער האָט זיך געמיט אַרויסצובאַקומען זייער באַטײַט און אין פאַרלויף פון דער צײַט האָט אין אים עפּעס פּאַסירט. ער האָט זיך אינגאַנצן געביטן; ער איז געוואַקסן. אַף דעם אייגענעם אויפן זײַנען פאַרגעקומען ענדערונגען און אויסרײַפּונגען אין יעדן איינעם פון די גלאַדיאַטאָרן. נאָר אין דאָווידן איז עס געווען עפּעס אויסערגעוויינלעכס. געשטאַמט האָט ער פון מענטשן, וואָס זייער לעבן איז געווען אָנגעזאַפּט מיט גאָט. ווען ער האָט פאַרלוירן גאָט, איז אים עפּעס ליידיקס פאַרבליבן אינעם לעבן. איצט פילט ער אָן דאָס ליידיקע מיט מענטשן. ער האָט זיך געלערנט ליב האָבן מענטשן. ער האָט געלערנט דעם מענטשנס גרויסקייט. ניט מיט ווערטער האָט ער דאָס געטראַכט. נאָר דאָס אייגנטלעך איז אין אים געשען... און אין אַ געוויסער מאָס אויך אין די אַנדערע גלאַדיאַטאָרן.

געווען איז עס אַזוינס וואָס קיינער וואָלט עס בעשומויפן ניט פאַרגליכן מיט דעם באַגריף פון באַטשיאַטאַ און פון די רוימישע סענאַטאָרן. פאַר זיי איז דער אויפשטאַנד געשען מיטאַמאָל און אומגעריכט. ווערליק זיי האָבן פאַרשטאַנען, האָט ער ניט געהאַט, ניט קיין צוגרייטונג און ניט קיין אַרײַנפיר, און אַזוי האָבן זיי אים קאָנסטאַטירט. געבליבן איז זיי אים צו רעגיסטרירן.

נאָר דער אַרײַנפיר איז דאָ געווען אַ סובטעלער, אַ מאָדנער און אַ שטײַגנדיקער. דאָוויד קען קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם מאָמענט ווען ער האָט צום ערשטן מאָל געהערט ספּאַרטאַקוסן רעציטירן פערזן פון דער אָדיסייע. געווען איז אין זיי אַ נײַע באַצויבערנדיקע מוזיק, דאָס לעבן פון אַ מוטיקן מענטשן, וואָס האָט אַ סאַך זאַכן איבערגעטראָגן און איז קיינמאָל ניט באַזיגט געוואָרן. אַ סאַך פון די פערזן זײַנען אים אינגאַנצן פאַרשטענדלעך געווען. אים איז באַקאַנט געווען דער ביטערער גורל פון דערווײַטערט זײַן פון דער געליבטער היים. ער האָט געקענט דעם קאַפּריזנעם שפּיל פונעם מאַזל. ער האָט ליב געהאַט אַ מיידל אַף די גאַליל-בערגלעך, מיט ליפּן ווי די מאַנבלומען און באַקן צאַרטע ווי דער אָונטרויט און זײַן

האַרץ האָט פאַר איר געבלוטיקט, וואָרעם געווען איז זי פאַרלוירן פאַר אים. נאָר סאַראַ מוזיק דאָס איז און סאַראַ ווונדער וואָס אַ שקלאַף, אַ שקלאַף אַ זון פון אַ שקלאַף, אַזאַ וואָס איז קיינמאָל ניט פרײַ געווען, קען רעציטירן אָן אַ סאָף און פון זיקאָרן אַזוינע שיינע פערזן! פאַראַן איז אין זיי אַפילע אַזאַ מענטש ווי ספּאַרטאַקוס! פאַראַן איז אין זיי אַזאַ געמיטלעכער מענטש, אַזאַ געדולדיקער און אַזאַ ניט געאײַלטער צום אויפברויזן!

אין געדאַנק האָט ער פאַרמישט ספּאַרטאַקוסן מיט אָדיסעוסן. און ביידע האָבן זיי זיך, וואָס שייעך אים, אַף שטענדיק צוזאַמענגעגאָסן אין איין מענטשן. ווי אַ ייִנגל, דער ייִנגסטער פון אַלע, האָט ער אין ספּאַרטאַקוסן געזען זײַן העלד און זײַן מוסטער פאַר לעבן. פון אָנהייב האָט ער ניט געטרויט דער טענדענץ זײַנער. „געטרוי נישט קיינעם וועט דיך קיינער ניט נאַרן”, האָט ער זיך אָפט געטראַכט און האָט געוואָרט, ער האָט אָבסערווירט און זיך געריכט אַז ספּאַרטאַקוס זאָל זיך אַרויסווײַזן ניט ספּאַרטאַקוס. נאָר ביסלעכווײַז האָט ער זיך איבערצײַגט, אַז ספּאַרטאַקוס וועט קיינמאָל ניט זײַן ווייניקער ווי ספּאַרטאַקוס, און דער באַגריף איז נאָך ווײַטער געגאַנגען, וואָרעם פאַרשטאַנען האָט ער, אַז עס איז נישטאָ אַזאַ מענטש וואָס זאָל זײַן ווייניקער ווי דאָס ער איז, ניט אינעם דורכויסיקן באַגריף, נאָר אינעם אָנבליק פון דעם אויצער מיט גוטס און שיינקייט וואָס ליגט באַהאַלטן אין יעדן מענטשלעכן וועזן.

אַזוי אַז ווען מען האָט אים אויסגעקליבן צו זײַן איינער פון די פיר גלאַדיאַטאָרן וואָס זאָלן צופרידן שטעלן די קאַפּריזן פון די צוויי פאַרפאַרמירטע רוימישע געשלעכטלעך פאַרדאָרבענע לײַט מיט אַ שלאַכט פון צוויי פאָרלעך אַף טויט, האָט ער זיך דערפילט באַפאַלן פון אַן אינערלעכן קאַמף און פון אַזאַ גרויליקער אינערלעכער צעריסנקייט ווי אים האָט נאָך קיינמאָל ניט פאַסירט. געווען איז עס אַ נײַער קאַמף און ווען ער איז אַרויס פון אים מיט ניצאָכן, האָט ער דעם ערשטן רעאַלן אײַנבראָך געמאַכט אין דער שוץ-שאָלעכץ, ווו ער האָט זיך געהאַט פאַרקליבן. דעם דאָזיקן מאָמענט לעבט ער איצט ווידער איבער אַפן קרייץ. ער איז ווידער אין דער פאַרגאַנגענהייט און פירט ווידער דעם קאַמף קעגן זיך און פון זײַנע פאַרברענטע ליפּן, הויך אַפן קרייץ, קומען אַרויס די ביטערע ווערטער, וואָס ער האָט מיט פיר יאָר צוריק צו זיך אַליין געזאָגט.

(„איך בין דער פאַרשאָלטנסטער פון אַלע מענטשן אַף דער גאָרער וועלט”, האָט ער זיך דעמאָלט געזאָגט, אויב מען קלײַבט מיך אויס איך זאָל האַרגענען דעם מענטשן, וואָס איך האָב אים ליב איבער אַלע לעבעדיקע וועזנס. סאַראַ גרויליקן מאַזל איך האָב! נאָר וואָס קען מען זיך ריכטן פון אַ גאָט אָדער געטער וואָס זיי זײַנען, וואָס האָבן קיין אַנדער ציל ניט ווי פּײַניקן די מענטשן. דאָס איז די גאַנצע מיסיע זייערע. נאָר איך וועל זיי ניט נאָכגעבן. איך וועל פאַר זיי ניט אַקטויִרן. זיי זײַנען ווי אָט די פאַרפומירטע רוימישע כאַזיירים, וואָס זיצן אינעם צירק און וואַרטן אַף דעם מאָמענט ווען דעם מענטשנס געדערים וועלן אַף דער אַרענע אַרויספאַלן! רעכט אַזוי, דאָסמאָל וועל איך זיי ניט נאָכגעבן. עס וועט זיי פאַר־

גיין דאָס פאַרגעניגן, פאַר פאַרדאַרבענע מענוווּלדיקע לײַט, וואָס קענען אין עפּעס אַנדערש קיין פאַרגעניגן ניט געפינען. זיי קענען זען ווי מען האַרגעט מיך, נאָר דעם פאַרגעניגן מיך צו זען האַרגענען אַ מענטשן, וועלן זיי ניט האָבן. דאָס קענען זיי זען אַ ליאַדע מינוט. נאָר קעגן ספּאַרטאַקוסן וועל איך מיך ניט שלאָגן. איך וועל גיכער מײַן אייגענעם ברודער דערהאַרגענען. איך וועל עס פאַר קיין פאַל ניט טאָן.

(נאָר אויב אַזוי, איז וואָס? פריִער איז אין מײַן גאַנצן לעבן געווען אַ מעשוגאַס און דאָ באַשטייט דאָס לעבן גופא פון מעשוגאַס. וואָס אַזוינס האָט מיר ספּאַרטאַקוס געגעבן? איך מוז מיר אַליין שטעלן די פראַגע און אַליין ענטפערן. ער האָט מיר געגעבן דעם סאָד פון לעבן. דאָס לעבן גופא איז דער סאָד פון לעבן. אַלע נעמען אַ שטעלונג. אָדער מען שטעלט זיך אַף דער זײַט פונעם לעבן, אָדער מען שטעלט זיך אַף דער זײַט פונעם טויט. ספּאַרטאַקוס שטייט אַף דער זײַט פונעם לעבן, און ער וועט זיך דעריבער שלאָגן אַקעגן מיר, אויב ער מוז עס טאָן. ער וועט זיך ניט באַגרענעצן אַף שטאַרבן. ער וועט זיי ניט דערלויבן שיקן אים אַף טויט איידער ער זאָגט זיי אַ וואָרט און איידער ער דערלאַנגט זיי אַ קלאַפּ. אויב אַזוי דאַרף איך אויך אַזוי טאָן. איך מוז מיך שלאָגן אַקעגן ספּאַרטאַקוסן און דאָס לעבן וועט אויסקלײַבן צווישן אונדז ביידן. סאַראַ שרעקלעכן באַשלוס איך מוז אָננעמען! איז נאָך אַמאָל געווען אַזאַ פאַרשאָלטענער מענטש! נאָר אַף אַזאַ אויפן קען דאָס געמאָלט זײַן.

ער האָט ווידער איבערגעלעבט די געדאַנקען און דעם באַשלוס און ער געדענקט שוין ניט, אַז ער שטאַרבט אַפן קרייץ, אַז דאָס מאַזל האָט אים צוגעשפּילט און ער האָט זיך ניט געמוזט שלאָגן קעגן ספּאַרטאַקוסן. טייל נאָך טייל האָט זײַן צעפּײַניקטער מויעך צונויפגעשטעלט די פאַרגאַנגענהייט און ער האָט זי ווידער איבערגעלעבט. ווידער האָבן די גלאַדיאַטאָרן דערהאַרגעט זייערע טרענירער אײַנעם עסצימער. ווידער האָבן זיי געקעמפט אַקעגן דעם מיליטער מיט זייערע מעסערס אין אָפענעם קאַמף. ווידער האָבן זיך צו זיי געצויגן איבער די פּלאַנטאַציע־פעלדער די שקלאַפן און זיך צו זיי אָנגעשלאָסן, און ווידער האָבן זיי זיך באַנאַכט געוואָרפן אַף די שטאָטישע קאַהאָרטעס, זיי אויסגעהאַרגעט און צוגענומען זייער געווער מיט זייערע פאַנצערס. דאָס אַלץ האָט ער איבערגעלעבט ניט אַף קיין ראַציאָנעלן, ניט אַף קיין כראָנאָלאָגישן און ניט אַף קיין לײַכטן אויפן, נאָר ווי אַ קנויל הייסע פלאַמען, וואָס די פאַרגאַנגענהייט האָט אים צוגעוואָרפן.

(„ספּאַרטאַקוס", זאָגט ער, „ספּאַרטאַקוס?" ער האָט ערשט פאַרענדיקט זײַן צווייטע גרויסע שלאַכט. די שקלאַפן זײַנען באַוואָפנט. זיי האָבן דעם אויסזען פון אַן אַרמיי. זיי האָבן דאָס געווער און די באַפּאַנצערונג פון צען טויזנט רוימער. זיי זײַנען אָרגאַניזירט אין גרופּעס צו הונדערט און צו פינף הונדערט. זייער נאַכט־לאַגער איז אַ פעסטונג מיט מויערן פון קלעצער, אַרומגענומען מיט קאַנאַוועס, אַזעלכע ווי עס מאַכן די לעגיאָנען בעיס זייערע פעלדצוגן. שאָען־לאַנג פּראַקטיצירן זיי מיט וואַרפן די רוימישע שפּיז. די באַרימטקייט פון די שפּיזן און דער טויט־שרעק וואָס זיי

וואַרפֿן אָן, איז באַקאַנט אין דער גאַנצער וועלט. אין יעדער שקלאַפֿן־הײַזקע, אין יעדן שקלאַפֿן־באַראַק סוידעט מען זיך וועגן איינעם מיט דעם נאָמען ספּאַרטאַקוס, וואָס האָט די וועלט אונטערגעצונדן. יאָ, דאָס האָט ער געטאָן. ער האָט אַ מעכטיקע אַרמיי. ער וועט אין גיכן גיין אַף רוים, און מיט זײַן צאָרן וועט ער אײַנוואַרפֿן די מויערן פֿון רוים. ווו ער קומט לאָזט ער פֿרײַ די שקלאַפֿן און דער זאַקרויב וואָס ער נעמט צונויף גייט אײַנעם אַלגעמיינעם אויצער; אַזוי איז עס געווען אין די אַלטע צײַטן, ווען די שוואָטים זײַנען געווען די האַרן פֿון אַלץ און עס זײַנען ניט געווען קיין מענטשן וואָס האָבן פֿאַרמעגנס. זײַנע זעלנער האָבן בלויז זייער געווער און זייער קליידונג וואָס זיי טראָגן אַפֿן רוקן און די שיך אַף די פֿיס. דאָס איז איצט ספּאַרטאַקוס.

(„ספּאַרטאַקוס?", זאָגט ער:

(ביסלעכווײַז האָט ער צוריקבאַקומען דאָס לאָשן, דער ייִד דאָוויד. ער רעדט שטיל און אָן אָפּשטעל, נאָר ער רעדט. איצט רעדט ער צום פֿירער פֿון די שקלאַפֿן.

(„ספּאַרטאַקוס, עמעס, איך בין אַ גוטער קעמפֿער?"

(„אַ גוטער, זייער אַ גוטער. דער בעסטער צווישן די בעסטע. דו קעמפֿסט גוט."

(„און איך בין ניט קיין פּאַכדן, ווייסטו?"

(„שוין לאַנג אַז איך ווייס עס", — זאָגט ספּאַרטאַקוס, — ווו האָסטו דען אַ גלאַדיאַטאָר אַ פּאַכדן?"

(„און איך האָב מיך קיינמאָל ניט אויסגעדרייט מיטן רוקן אין דער שלאַכט?"

(„קיינמאָל ניט".

(„און ווען מען האָט מיר ביזן וואָרצל דעם אויער אָפּגעשניטן, האָב איך מיט די ציין פֿאַרקלעמט פֿאַר ווייטיק און האָב ניט געשריגן".

(„עס איז ניט קיין ביזאָיען צו שרײַען פֿון ווייטיק", — האָט ספּאַרטאַקוס געזאָגט. — איך האָב געקענט שטאַרקע מענטשן וואָס האָבן געשריגן פֿאַר ווייטיק. איך האָב געזען שטאַרקע מענטשן וויינען ווען אַ בײַטערניש האָט זיי אַרומגעכאַפּט. דאָס איז ניט קיין ביזאָיען".

(„נאָר דו און איך וויינען מיר ניט, און איך וועל זײַן אַמאָל ווי דו, ספּאַרטאַקוס!"

(„וועסט זײַן אַ בעסערער ווי איך בין. דו ביסט אַ בעסערער קעמפֿער ווי איך בין".

(„ניין, איך וועל קיינמאָל ניט זײַן אַפֿילע ניט אַ העלפֿט דערפֿון וואָס דו ביסט, נאָר איך מיין, אַז איך שלאָג מיך גוט. איך בין זייער פֿלינק, ווי אַ קאַץ. אַ קאַץ קען קוקן ווי דער קלאַפּ גייט אַף איר. אַ קאַץ זעט דורך דער הויט. טיילמאָל האָב איך אָט דעם אײַנדרוק. קימאַט שטענדיק זע איך דעם קלאַפּ אַף מיר גיין. דערפֿאַר וויל איך דיר עפּעס בעטן. איך וויל דיר בעטן אָט וואָס: זאָלסט מיך אַוועקשטעלן לעבן דיר. ווו מיר זאָלן ניט קעמפֿן, וויל איך זײַן באַ דײַן זײַט. איך וויל דיך שיצן. ווען מיר דיך אָנווערן,

וועלן מיר אַלץ אָנווערן. מיר קעמפן ניט פאַר אונדז. מיר קעמפן פאַר דער גאַנצער וועלט. דערפאַר בעט איך דיך, אַז ווען נאָר מיר וועלן קעמפן, זאָלסטו מיך האַלטן לעבן דיר״.

(„דו האָסט אַ סאַך וויכטיקערע זאַכן צו טאָן איידער זײַן לעבן מיר. איך דאַרף מענטשן צו פירן אַן אַרמיי״.

(„די מענטשן דאַרפן דיך. בעט איך עפּשער צו פיל?״

(„דו בעטסט מיך זייער ווייניק, דאַוויד. דו בעטסט עס פאַר מיר, ניט פאַר דיר״.

(„זאָגזשע מיר, אַז דאָס ווילסטו?״

(ספּאַרטאַקוס שטימט צו.

(„און דו וועסט קיינמאָל אין קיין סאַקאַנע ניט זײַן. איך וועל דיך היטן. טאָג ווי נאַכט וועל איך דיך היטן״.

און אַזוי אַרום איז ער געוואָרן די רעכטע האַנט פונעם שקלאַפן-פירער. ער וואָס האָט אין זײַן קורצן לעבן עפּעס אַנדערש ניט געזען אַ כּוח בלוט־פאַרגיסונג, מאַטערניש און גוואַלד, זעט איצט גלאַנציקע האָריזאָנטן. דאָס וואָס דאַרף אַרויסקומען פון זייער אויפשטאַנד איז בײַ אים אינעם מויעך געוואָרן אַלץ קלאָרער און קלאָרער. אויב די שקלאַפן זײַנען די מערהייט פון דער וועלט, וועלן זיי אין גיכן זײַן אַ קראַפט וואָס קיינער וועט ניט קענען אָפּהאַלטן. דעמאָלט פאַרשווינדן די מעלוכעס און די שטעט און ווידער קומט די „גאָלדענע צײַט״. אַמאָל, איז אין די מײַסעס און לעגענדעס פון יעדן פאָלק געווען אַ „גאָלדענע צײַט״, ווען מענטשן האָבן נישט געוווּסט פון זינד און פון אומגליקן, און האָבן געלעבט אין שאָלעם און אין ליבע. אַזוי איז ווען ספּאַרטאַקוס וואָלט אײַנגענומען די גאַנצע וועלט, וואָלט ווידער אַזוי געווען. מען וואָלט דאָס מיט פּויקן און טרומייטן אָנגעזאָגט און אַ כאָר פון אַלע שטימען פונעם פאָלק וואָלטן אים אַ לויב געזונגען.

אין זײַן צעפּיבערטן מויעך הערט ער דעם כאָר. ער הערט ווי עס הייבט זיך דאָס קאָל פון דער מענטשהייט. אַ כאָר וואָס קומט ווידער ווי אַן עכאָ פון די באַרג־רוקנס...

(ער איז אַליין מיט וואַריניען. ווען ער קוקט אויף וואַריניען ווערט די רעאַלע וועלט פאַרשווונדן און עס בלײַבט בלויז די פרוי, וואָס זי איז ספּאַרטאַקוסעס ווײַב! פאַר דאַווידן איז זי די שענסטע פרוי אין דער וועלט און די באַגערטסטע, און זײַן ליבע צו איר איז ווי אַ בראַנד אין זײַנע געדערים. וויפל מאָל האָט ער זיך אַליין געזאָגט:

(„סאַראַ נידעריק באַשעפעניש דו ביסט; ליב האָבן ספּאַרטאַקוסעס ווײַב! אַלץ וואָס דו פאַרמאָגסט אויף דער וועלט ביסטו שולדיק ספּאַרטאַקוסן און ווי צאָלסטו אים? צאָלסט אים מיט ליב האָבן זײַן ווײַב. וואָס קען זײַן נאָך זינדיקער! ס'איז שרעקלעך! אַפילו ווען דו רעדסט ניט דערפון, אַפילו ווען דו ווײַזט עס ניט אַרויס, באַגייסטו אַ שרעקלעכע זאַך! און דערצו נאָך אַן אומנוצלעכע זאַך! שטעל אַוועק אַ שפּיגל פאַר דײַן פּאַנעם. האָסטו שוין אַמאָל געזען אַזאַ פּאַנעם, אַן אײַנגעשרומפּן ווילד פּאַנעם, אַ

פּנעם ווי פון אַ שפּאַרבער, אַן אַן אויער, אַ צעשניטענער און פול מיט שראַמען!

„און וואַריניע זאָגט אים: סאַראַ מאָדנער באָכער דו ביסט, דאָוויד! פון וואַנען שטאַמסטו? זײַנען אַלע דײַנע לײַט אַזעלכע ווי דו? ביסט דאָך פּאַשעט אַ ייִנגל, נאָר קיינמאָל שמייכלסטו ניט און קיינמאָל לאַכסטו ניט. אַ מאָדנער מענטש!

„רוף מיך ניט ייִנגל, וואַריניע. איך האָב דערוויזן, אַז איך בין עפּעס מער ווי אַ ייִנגל".

„האָסטו עס מיט אַן עמעסן דערוויזן? נו, מיך וועסטו ניט נאַרן. ביסט פּאַשעט אַ ייִנגל. וואָלסט באַדאַרפֿט האָבן אַ מיידל. אַרומגעמען זי בײַ דער טאַליע און אַרויסגיין מיט איר שפּאַצירן אַנהייב נאַכט ווען די נאַכט איז שיין. דאַרפֿסט זי קושן, דאַרפֿסט לאַכן מיט איר. זײַנען דען ווייניק מיידלעך פֿאַראַן?"

„כ'האָב אַ סאַך וואָס צו טאָן. כ'האָב קיין צײַט ניט דערצו".

„האָסט קיין צײַט ניט אַף ליבע? אָ, דאָוויד, דאָוויד, קען מען אַזוינס זאָגן? סאַראַ מאָדנע זאַכן דו זאָגסט!

„און אַז קיינער אינטערעסירט זיך ניט מיט די זאַכן", — ענטפֿערט ער ביטער, — ווו ווען מיר אַהינקומען? מיינסט ס'איז פֿאַר ייִנגלעך אַזאַ זאַך ווי פֿירן אַן אַרמיי, צוגרייטן שפּײַז פֿאַר אַזוי פֿיל טויזנטער מענטשן, יעדן טאָג טרענירן די מענטשן? מיר האָבן צו טאָן מיט די וויכטיקסטע זאַכן אין דער וועלט, און דו ווילסט איך זאָל וואַרפֿן אויגן אַף מיידלעך!"

„איך זאָג ניט זאָלסט וואַרפֿן אויגן אַף זיי, דאָוויד. איך וויל זאָלסט זיי ליב האָבן".

„איך האָב ניט קיין צײַט דערצו".

„האָסט קיין צײַט ניט. זייער ווויל, ווי וואָלט עס אויסגעזען ווען ספּאַרטאַקוס זאָגט מיר, אַז ער האָט פֿאַר מיר קיין צײַט ניט? איך וואָלט, דאַכט מיר, בעסער געשטאַרבן. נישטאָ דאָס וויכטיקסטע ווי אַ מאַן צו זײַן, פּאַשעט, אַ מאַן ווי אַלע מענער. איך ווייס, דו טראַכסט, אַז ספּאַרטאַקוס איז מער ווי אַ מאַן. ניין, ער איז אַ מאַן און ווען ניט, וואָלט ער צו גאָרנישט ניט געטויגט. ספּאַרטאַקוס איז ניט עפּעס אַ רעטעניש. איך ווייס. אַז אַ פֿרוי ליבט אַ מאַן, קען זי אים גוט".

„ער נעמט זיך אָן, ווי ווײַט ער קען, מיט קוראַזש און זאָגט: „האָסט אים מיט אַן עמעס ליב?"

„וואָס רעדסטו, ייִנגל? איך האָב אים ליב מער ווי דאָס לעבן. איך וואָלט פֿאַר אים געשטאַרבן, ווען ער וויל".

„איך וואָלט פֿאַר אים געשטאַרבן", — זאָגט דאָוויד.

„דאָס איז עפּעס אַנדערש. איך קוק אַמאָל אַף דיר, ווען דו קוקסט אַף אים. דאָס איז עפּעס אַנדערש. איך האָב אים ליב דערפֿאַר וואָס ער איז אַ מאַן. ער איז אַ פּאַשעטער מאַן. נישטאָ אין אים קיין קאָמפּליצירטע זאַך. ער איז פּאַשעט און מילד און שרײַט ניט אַף מיר און הייבט ניט קיין האַנט

אַף מיר. פאַראַן מענער וואָס האָבן מיטלייד מיט זיך אַליין. ספּאַרטאַקוס פילט ניט צו זיך קיין מיטלייד און קיין ראַכמאָנעס. מיטלייד און ראַכמאָנעס האָט ער נאָר צו אַנדערע. קענסטו איצטער פרעגן צי איך האָב אים ליב? ווייס דען ניט יעדער איינער פון דאַנען ווי שטאַרק איך האָב אים ליב?")

אין געוויסע מאָמענטן, אינמיטן זײַן לײַדן, דערמאָנט זיך דער גלאַדיאַטאָר די זאַכן אַזוי קלאָר, נאָר אַן אַנדערשמאָל זײַנען זיי אַזוי צעוואָרפן און שרעקלעך, און די שלאַכט ווערט אַ קאָשמאַר פון שרעקלעכע קוילעס, פון בלוט און ווייטיק, פון ווילדע מענטשן־מאַסן אין צעוואָרפענער ניט קאָנטראָלירטער באַוועגונג. אין אַ באַשטימטן מאָמענט בעייס די ערשטע יאָרן פונעם אויפשטאַנד, האָבן זיי זיך אַרומגעזען, אַז די שקלאַפן־מאַסן פון אויסער דער רוימישער וועלט וועלן ניט אויפשטיין אָדער וועלן זיך צו זיי ניט אָנשליסן. זיי האָבן געהאַט דערגרייכט דעם מאַקסימום פון זייער קראַפט, נאָר די מאַכט פון רוים, קענטיק, האָט קיין גרענעץ ניט. פון יענער צײַט געדענקט ער אַ שלאַכט, אַ שרעקלעכע שלאַכט, אַזוי גרויס אין פאַרנעם און מיט דער צאָל מענטשן וואָס האָבן זיך אין איר באַטייליקט, אַז ספּאַרטאַקוס און די מענטשן אַרום אים האָבן זיך קוים געקענט פאָרשטעלן דעם גאַנג אירן. די קאַפּוער מענטשן וואָס האָבן אין דעם מאָמענט געקוקט ווי דער גלאַדיאַטאָר אַפּן קרײַץ רעאַגירט, האָבן געזען ווי זײַן קערפּער קאָרטשעט זיך אײַן און ציטערט און אַ ווײַס פּעדעמל שפּײַעכץ רינט אים פון די פאַרקלעמטע ליפּן, בעייס זײַנע אויסגעצויגענע ענדגלידער טרייסלען זיך אין קאָנווולסן פון ווייטיק. געהערט האָבן זיי קלאַנגען אַרויסקומען פון זײַן צעקרימטן מויל און אַ סאַך זייערע האָבן דערבײַ געזאָגט:

— איצט בלײַבט אים שוין ניט לאַנג צו לעבן. ער האַלט שוין באַם סאָף.

(מען האָט פאַרנומען פּאָזיציעס אַף אַ בערגל, אַ לענגלעך בערגל מיט אָפּגעלייגטע זײַטן און די שווערע פוסגייער־טייל האָט זיך אויסגעצויגן אַף אַ קאָם אַ קילאָמעטער די לענג איןביידע זײַטן. פאַראַן אַ שײנער טאָל מיט אַ קליין טײַכל איבערגעשניטן אין דער מיט, אַ געשלענגלטע ריטשקע וואַסער וואָס דרייט זיך אַהין און צוריק, מיט אַ גרינער לאָנקע אין דער ווײַט, ווו קי ליגן און מאַלעגייערן שוער, און אינעם אַנדערן עק טאָל איז פאַראַן אַ ריוו, ווו עס האָבן זייער פּאָזיציע פאַרנומען די רוימישע לעגיאָנען. ספּאַרטאַקוס האָט זײַן אָנפירונגס־פּאָסטן אײַנגעאָרדנט אינעם צענטער פון זײַן אַרמיי, אונטער אַ ווײַסן געצעלט אַף אַ העכער אָרט, פון וואַנען מען האָט געקענט זען דעם גאַנצן אַרום. דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן די באַקאַנטע רוטינערע אָפּעראַציעס, וואָס זײַנען נייטיק פאַר אַן אָנפירונגס־פּאָסטן אין אַ שלאַכט. אַ סעקרעטאַר מיט פּאַפּיר און שרײַבגעצײַג פאַר זיך זעצט זיך אַוועק שרײַבן. פּופּציק שטאַפּעטן שטייען גרייט אין יעדן מאָמענט צו לויפן איבערן שלאַכטפעלד ווו עס איז נייטיק. מען האָט אַוועקגעשטעלט אַ מאַסטבוים פאַרן סיגנאַל־געבער און ער שטייט אַ גריי־

טער מיט זײַן קאָלעקציע פֿאַרשיידן־קאָלירטע פּענדזלעך, און אויף אַ לאַנגן טיש אינעם גרויסן געצעלט צייכנט מען די מאַפּע פֿונעם שלאַכטפֿעלד.

(די מעטאָדן זײַנען אייגן די שקלאַפֿן, וואָס האָבן זיי אײַנגעפֿירט אין מעשעך פֿון צוויי יאָר פֿאַרביסענע שלאַכטן. אַזוי אויך האָבן זיי אויסגע־אַרבעט זייער אייגענע טאַקטיק אין דער שלאַכט. די אָנפֿירער פֿון דער שלאַכט קוקן איצט אין דער מאַפּע און אַנאַליזירן די יעדיעס וואָס זיי האָבן באַקומען וועגן דער צאָל און קוואַליטעט פֿון די קעגנערישע קוויכעס. אַרום טיש שטייען אַכט מענטשן. אין איין עק שטייט ספּאַרטאַקוס מיט דאַ־ווידן בײַ דער זײַט. אַ פֿרעמדער, וואָס וואָלט צום ערשטן מאָל געזען ספּאַר־טאַקוסן, וואָלט געזאָגט, אַז ער איז אַ מענטש בײַ די פֿערציק. זײַנע געקרויז־טע האָר זײַנען מיט גרוי דורכגעוואָרפֿן. ער איז אײַדעלער ווי פֿריער און אונטער די אויגן האָט ער שוואַרצע לעכער, פֿון ניט שלאָפֿן. אַן אָבסערוויי־רער וואָלט געזאָגט, אַז די צײַט האָט אויף אים איר שליטע געהאַט. די צײַט האָט זיך אים אויף די פּלייצעס אַרויפֿגעזעצט און פֿירט אים... דאָס וואָלט געווען אַ שאַרפֿע אָבסערוואַציע, וואָרעם פֿון צײַט צו צײַט, איינמאָל אין אַ דריי יאָר, אין יאָרהונדערטן, שטעלט אַ מענטש די וועלט אויף די פֿיס, און דערנאָך, מיט יאָרן שפּעטער, שפּעטער מיט יאָרהונדערטן און וועלט־ענדערונגען, ווערט אַזאַ מענטש ניט פֿאַרגעסן. אָט אַזוי איז דער דאָזיקער מענטש ערשט געווען אַ שקלאַף; און איצט, ווער האָט ניט געהערט דעם נאָמען ספּאַרטאַקוס? נאָר ער האָט קיין צײַט ניט זיך אָפּצושטעלן און טיף זיך פֿאַרטראַכטן וועגן דעם וואָס איז געשען. ווייניקער ווי אַלץ האָט ער צײַט אָפּצושטעלן זיך און אַ טראַכט טאָן וועגן די ענדערונגען, וואָס זײַנען אין די צוויי יאָר פֿאָרגעקומען אין אים, די ענדערונגען וואָס האָבן געמאַכט פֿון דאָס וואָס ער איז געווען דאָס וואָס ער איז. איצט פֿירט ער אָן מיט אַן אַרמיי פֿון העכער פֿופֿציק טויזנט מאַן און פֿון געוויסע זײַטן געקוקט, איז זי די בעסטע אַרמיי וואָס די וועלט האָט ווען געקענט.

(דאָס איז אַן אַרמיי וואָס קעמפֿט פֿאַר דער פֿרײַהייט אין איר פּאַשעט־סטן און נאַקעטסטן באַטײַט. אין דער פֿאַרגאַנגענהייט זײַנען געווען אָן אַ צאָל אַרמייען, וואָס האָבן געקעמפֿט פֿאַר מעלוכעס, שטעט, רײַכקייט, רויב, מאַכט, הערשאַפֿט איבער דער אָדער יענער געגנט, נאָר דאָ האָט איר אַן אַרמיי, וואָס קעמפֿט פֿאַר מענטשלעכער פֿרײַהייט און כשיוועס, אַן אַרמיי, וואָס פֿאָדערט ניט קיין לענדער און שטעט, מאַכמעס די מענטשן וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר די אַרמיי, קומען פֿון אַלע לענדער, פֿון אַלע שטעט און שוואַ־טים און יעדער זעלנער טראָגט אַ געמיינזאַמע ירושע פֿון קנעכטשאַפֿט און אַ געמיינזאַמע סינע צו מענטשן וואָס מאַכן אַנדערע מענטשן פֿאַר שקלאַפֿן. דאָס איז אַן אַרמיי וואָס מוז זיגן, ווײַל עס זײַנען נישטאָ די בריקן, איבער וועלכע זיי זאָלן קענען אָפּטרעטן און עס איז נישטאָ דאָס לאַנד וווּ זיי זאָלן קענען געפֿינען אַ שוץ און אַן אָפּרו. דאָס איז אַ מאָמענט ווען עס ענדערט זיך דער גאַנג פֿון דער געשיכטע, אַן אָנהייב, אַ שטילער פֿרעגנדיקער געפֿליסטער, אַ מעכטיקער ליכט־שטראַל, אַ בלענדיקער בליץ און אַ דונער וואָס צעטרייסלט די ערד. עס רעדט זיך פֿון אַן אַרמיי, וואָס האָט מיטאַמאָל

באַגריפֿן, אַז דער ניצאָכן וואָס זי גאַרט, מוז ענדערן די וועלט און דעריבער איז אָדער די וועלט וועט געענדערט ווערן אָדער עס וועט קיין ניצאָכן ניט זײַן.

(מעגלעך, אַז בעייס ספּאַרטאַקוס האָט געפֿאָרשט די מאַפּע האָט זיך אים אין געדאַנק געשטעלט די פּראַגע ווי:אַזוי איז געבוירן געוואָרן אָט די אַרמיי. ער טראַכט וועגן דעם הײַפֿל גלאַדיאַטאָרן, וואָס האָבן זיך מיט געשלעג אַ וועג געמאַכט אַרויס דער שול פֿון דעם גראָבן „לאַניסט". ער טראַכט וועגן זיי און פֿאַרגלײַכט זיי צו אַ שפּיז, וואָס האָט אַ יאָם מיט לעבן אויפֿגערודערט ווי נאָר מען האָט זי געוואָרפֿן, און אויפֿגעריסן האָט זי די שטענדיקע רו און אײַנגעשטאַנענקייט פֿון דער שקלאַפֿן־וועלט. ער טראַכט וועגן דעם אומויפֿהערלעכן קאַמף צו פֿאַרוואַנדלען די שקלאַפֿן אין זעלנער, זיי זאָלן קענען דענקען און טאָן געמיינזאַם, און ער באַמיט זיך אויסצוגעפֿינען פֿאַר וואָס האָט זיך די באַוועגונג פֿאַרהאַלטן.

(נאָר איצט איז קיין צײַט ניט פֿאַר אַזעלכע קלערונגען. איצט גייט מען אין שלאַכט. זײַן האַרץ איז איבערפֿולט מיט שרעק; אַזוי איז עס שטענדיק פֿאַר אַ שלאַכט. נאָך דער שלאַכט ווערט אַ גרויסע טייל פֿון דער מוירע פֿאַרשוווּנדן, נאָר איצט האָט ער מוירע. ער קוקט אַף די כאַווייריִם אַרום טיש. פֿאַרוואָס ליגט אַזוי פֿיל רו אַף זייערע פּנעמער? ער זעט קריקסוסן, דעם גאַל, זײַנע גרינע אײַנגעזונקענע אויגן אינעם רויטן קלײַענדיקן פּאָנעם, זײַנע לאַנגע בלאָנדע וואָנצעס, וואָס הענגען אַראָפּ ביזן קין. און דאָ שטייט זײַן פֿרײַנט גאַנניקוס, זײַן שקלאַפֿן־ברודער. פֿאַראַן זײַנען דאָ קאַסטאָ און פּראַקסאָ און גאַרדאָ, דער אַפֿריקאַנער נעגער מיט די ברייטע פּלייצעס; מאָסאַר, דער דעליקאַטער און שאַרפֿזיניקער עגיפּטער און דער ייִד דאָוויד. . . און קיינער פֿון זיי, דאַכט זיך, האָט קיין מוירע ניט. פֿאַרוואָס זשע איז ער אַזוי דערשראָקן?

(איצט זאָגט ער זיי גאַנץ טרוקן: „נו גוט, מײַנע פֿרײַנט. . . וואָס וועלן מיר טאָן? וועלן מיר דאָ אַ גאַנצן טאָג שטיין און שפּילן אין טרעפֿערלעך איבער דער אַרמיי אַף יענער זײַט טאָל?"

(ס'איז אַ זייער גרויסע אַרמיי, זאָגט גאַנניקוס. די אַרמיי איז גרעסער פֿון די אַלע וואָס מיר האָבן ביז איצט געזען און געהאַט קעגן אונדז. מען קען זיי ניט ציילן, נאָר איך קען אײַך זאָגן, אַז איך האָב פֿעסטגעשטעלט די סטאַנדאַרטן פֿון צען לעגיאָנען. זיי האָבן געבראַכט פֿון גריכנלאַנד דעם זיבעטן און דעם אַכטן. פֿון אַפֿריקע האָבן זיי געבראַכט דרײַ און צוויי פֿון שפּאַניע. איך האָב נאָך אַף מײַן לעבן אַזאַ אַרמיי ניט געזען. אינעם טאָל מוזן זיך איצט געפֿינען אַן ערעך זיבעציק טויזנט מאַן".

(קריקסוס איז שטענדיק דער וואָס זוכט ספּייקעס אין דער מוירע, קעדיי זיך איר אַקעגנצושטעלן. זיי זאָלן זיך צוהערן צו קריקסוסן, וואָלטן זיי שוין געווען אַ האַלבע וועלט אײַנגענומען. איין לאָזונג האָט ער, גיין אַף רוים. געבנוג שוין האַרגענען מײַז; מען דאַרף זייער נאָרע צעשמעטערן. און איצט זאָגט ער: „דו דערעסט שוין, גאַנניקוס, שטענדיק איז עס באַ דיר די גרעסטע אַרמיי און שטענדיק איז עס באַ דיר דער ערגסטער מאָמענט אָפּצוהאַלטן אַ שלאַכט. הער וואָס איך וועל דיר זאָגן. איך גיב קיין צוויי גראָשן

ניט פאַר זייער אַרמיי. ווען איך זאָל דאַרפן אַנטשיידן, וואָלט איך טייקעף אַטאַקירט. שוין, און ניט אין אַ שאָ אַרום, אין אַ טאָג אַרום, אין אַ וואָך אַרום".

(גאַנניקוס וויל דעם איניען אָפּציען. עפּשער וועלן די רוימער צעטיילן זייערע קויכעס. פריִער פלעגן זיי עס טאָן. אַזוי אַז זיי קענען עס טאָן נאָכאַמאָל.

(„זיי וועלן עס נישט טאָן, — זאָגט ספּאַרטאַקוס, — איך גיב דיר מײַן וואָרט. פאַרוואָס זאָלן זיי עס טאָן? דאָ האָבן זיי אונדז אַלעמען. זיי ווייסן אַז אַלע זײַנען מיר דאָ. פאַרוואָס זאָלן זיי וועלן צעטיילן זייערע קויכעס?".

(מאָסאַר, דער עגיפּטער, רופט זיך דעמאָלט אָן: „דאָסמאָל וועל איך מאַסקים זײַן מיט קריקסוסן. זייער זעלטן אַזוינס זאָל פּאַסירן, נאָר דאָסמאָל איז ער גערעכט. אינעם טאָל איז פאַראַן אַ גרויסע אַרמיי און פריִער אָדער שפּעטער וועלן מיר זיך מוזן צוזאַמענשטויסן און גאַנץ מעגלעך, אַז זייער גיך. זיי קענען בלײַבן לענגער פון אונדז, ווײַל זיי האָבן וואָס צו עסן און מיר וועלן אינגיכן קיין שפּײַז ניט האָבן. און אויב מיר וועלן אַוועקגיין, וועלן מיר זיי געבן די געלעגנהייט וואָס זיי זוכן".

(„וויפל מענטשן, מיינסטו, האָבן זיי?" — פרעגט ספּאַרטאַקוס.

(„אַ סאַך... ווייניקסטנס זיבעציק טויזנט".

(ספּאַרטאַקוס דרייט כמורנע מיטן קאָפּ. „אָ!" ס'איז אַ סאַך... שרעקלעך. נאָר איך מיין, אַז דו ביסט גערעכט. מירן זיי מוזן דאָ אַטאַקירן". ער באַמיט זיך צו זײַן רויִק, נאָר אין האַרצן איז בײַ אים קיין רו נישטאָ.

(זיי באַשטימען צו אַטאַקירן די רוימער פון אַ זײַט, אין דרײַ שאָ אַרום, נאָר די שלאַכט איז אַנגעלאָפן אומגעריכטערהייט. איידער נאָך די קאָמאַנדאַנטן זײַנען אָנגעקומען צו זייערע רעגימענטן, האָבן די רוימער אַטאַקירט דעם צענטער פון דער שקלאַפן־אַרמיי. נישטאָ קיין קאָמפּליצירטע טאַקטיקעס און קיין קונציקע אויסוויקלונגען; דער שפּיץ פון אַ לעגיאָן גרײַפט אָן דעם צענטער פון די שקלאַפן־קויכעס ווי אַ פײַל געצילט אינעם אָנפירפאָסטן. און די גאַנצע מעכטיקע רוימישע אַרמיי לאָזט זיך נאָך דעם לעגיאָן. דאָוויד בלײַבט מיט ספּאַרטאַקוסן, אָבער ערשט אין אַ קנאַפּער שאָ אַרום געלינגט זיי קאָאָרדינירט אָנצופירן די פאַרטיידיקונג פונעם אָנפיר-פאָסטן. דער קאַמף קומט צו צו זיי און עס הייבט זיך אָן דער קאָשמאַר. דאָס גרויסע געצעלט איז אײַנגעוואָלגערט. די שלאַכט ציט זיי ווי אַ יאַם אַרײַן און אַ ציקלאָן צעבושעוועט זיך אַרום ספּאַרטאַקוסן.

(אָט דאָס הייסט זיך געשלאָגן. איצט וועט דאָוויד וויסן, אַז ער איז געוועזן אינמיטן אַ שלאַכט. יעדע אַנדער שלאַכט איז אַקעגן דער ניט מער ווי אַ צוזאַמענשטויס. ספּאַרטאַקוס איז שוין ניט מער אָנפירער פון אַן אַרמיי, נאָר אַ מענטש מיט אַ שווערד און מיט אַ פירעקעכדיקן שילד פון אַ זעלנער, און ער שלאָגט זיך ווי אַ שעד. אַזוי קעמפן ייִדן. ביידע זײַנען זיי ווי די פעלדזן און די שלאַכט וויגט זיך אַרום זיי. אַ מאָמענט געפינען זיי זיך ביידע אַליין און זיי קעמפן פאַר זייער אייגן לעבן. באַלד קומען זיי צו הילף הונדערט מענטשן. דאָוויד קוקט אַף ספּאַרטאַקוסן און אינמיטן דעם בלוט און דעם שוויס, ווײַזט דער טראַציער זײַנע ציין.

(„סאַראַ געשלעג !״ — שרײַט ער, — סאַראַ ריזיק געשלעג, דאָוויד ! וועלן מיר פון איר אַרויס לעבעדיקע און נאָך זען די זון אויפגיין נאָך אַזאַ שלאַכט ? ווער ווייס ?״

(עס געפעלט אים, טראַכט זיך דאָוויד. — סאַראַ מאָדנער מענטש ! זע ווי ער האָט זיך ליב צו שלאָגן ! זע ווי ער שלאָגט זיך ! ער קעמפט ווי כערסערק דער נאָרוועגער ! ער קעמפט ווי אין די לידער וואָס זיי זינגען !

(ער זעט ניט ווי אויך ער קעמפט אַזוי. גיכער וועט מען אים דערהאַרגעגנען איידער אַ שפּיז וועט טרעפן ספּאַרטאַקוסן. ער איז ווי אַ קאַץ אַ אומפאַרמאַטערלעכע, אַ ריזיקע קאַץ, אַ ווילדע קאַץ, און זײַן שווערד איז אַ לאַפּע. ער טרעט ניט אָפּ פון ספּאַרטאַקוסן. מען קען מיינען ער איז צו אים צוגעבונדן, ווערליק ער פלײַסט זיך שטענדיק צו זײַן לעבן אים. ער זעט זייער ווייניק פון דער שלאַכט, ער זעט נאָר דאָס וואָס ער האָט דירעקט פאַר זיך און פאַר ספּאַרטאַקוסן, נאָר דאָס איז פאַר אים גענוג. די רוימער ווייסן, אַז ספּאַרטאַקוס איז דאָרטן און זיי פאַרגעסן די קלאַסישע באַוועגונגען וואָס זעלנער לערנען זיך יאָרן לאַנג זיי צו פאַרפולקאָמען. זיי הויפּען זיך אָן, אַנגעפּירטע פון זייערע אָפיצירן, זיי שלאָגן זיך און רײַסן זיך צו ספּאַרטאַקוסן, אים אומצוּוואַרפן, אים צו האַרגענען, דעם ריז דעם קאָפּ צו שפּאַלטן. זיי זײַנען אַזוי נאָנט, אַז ער הערט אַלע מיִעסקייטן, וואָס קרמען אַרויס פון זייערע מײַלער. ס'איז אַ געשריי וואָס שטײַגט איבער אַלע שלאַכט־געשרייען. אָבער אויך די שקלאַפן ווייסן, אַז ספּאַרטאַקוס איז דאָ, און זיי לאָזן זיך פון דער אַנדער זײַט צום צענטער פון דער שלאַכט. זיי נעמען ספּאַרטאַקוסעס נאָמען פאַר אַ פאָן. דער נאָמען פלאַטערט ווי אַ פאָן איבערן גאַנצן שלאַכטפעלד. ספּאַרטאַקוס ! מען קען אים הערן אַף קילאָמעטערס ווײַט. אין אַן אַרומגעמויערטער שטאָט, אַכט קילאָמעטער פון דאָרטן, הערט מען דעם געליאַרעם פון דער שלאַכט.

(נאָר דאָוויד הערט און הערט ניט ; ער ווייס ניט פון גאָרניט אַכוץ קעמפן אַקעגן. וואָס אָפּגעשוואַכטער ער ווערט, וואָס טרוקענער די ליפּן, אַלץ שרעקלעכער ווערט די שלאַכט. ער ווייס ניט, אַז די שלאַכט ציט זיך אַף דרײַ קילאָמעטערס. ער ווייס ניט, אַז קריקסוס האָט צעקלאַפּט צוויי דיוויזיעס און ער יאָגט זיי. דאָס איינציקע וואָס ער ווייס איז זײַן אָרעם און זײַן שווערד און ספּאַרטאַקוסן בײַ דער זײַט. ער גיט זיך אַפילע ניט אָפּ קיין רעכענונג, אַז אינעם געשלעג זײַנען זיי שוין אַרונטער פונעם בערגל, אַז זיי זײַנען שוין אינעם טאָל, אַז זיי גייען ביזן גאַרטל אינעם ווייכן גרינעם גראָז וואָס אַרום. דערנאָך זײַנען זיי באַם טײַך און זיי שלאָגן זיך ביז די קני אין וואַסער, וואָס איז רויט פון בלוט. די זון גייט אונטער און דער הימל ווערט רויט, אַ ביטערער גרוס די מענטשן, וואָס פילן אָן דעם טאָל מיט זייער האַס און געשלעג. אין דער פינצטער ווערט די שלאַכט שוואַכער, נאָר זי הערט ניט אויף. און אין דער קאַלטער לעוואָנע־שײַן שטעקן די שקלאַפן זייערע קעפּ אינעם בלוטיקן וואַסער פונעם טײַך און טרינקען און טרינקען, וואָרעם אויב זיי וועלן ניט טרינקען וועלן זיי שטאַרבן.

(פאַרטאָג האָט זיך אָפּגעשטעלט די רוימישע אַטאַקע. ווער קען עס

קעמפן קעגן אַזעלכע מענטשן ווי די שקלאַפן! עס אַרט זיי ניט וואָס זיי
פאַלן, אַנדערע קומען מיט געשריי און געליאַרעם פאַרנעמען זייער אָרט. זיי
שלאָגן זיך ווי כאַיעס, ניט ווי מענטשן, וואָרעם אַפילע ווען מען זעצט זיי
אַרײַן די שווערד אינעם בויך און זיי פאַלן צו דער ערד, בײַסן זיי זיך אײַן
מיט די ציין אינעם טויטנס פיס און מען מוז זיי דעם קאָפּ אָפּהאַקן, קעדיי
זיך פון זיי אָפּצורײַסן. אַנדערע מענטשן פויזען אַוועק פון דער שלאַכט ווען
זיי באַקומען אַ וווּנד, נאָר די שקלאַפן קעמפן ביז זיי פאַלן טויט. אַנדערע
מענטשן פאַרלאָזן דעם קאַמף ווען די זון גייט אונטער, נאָר די שקלאַפן
קעמפן ווי די קעץ און דער פינצטער.

(בײַ אַזאַ מין קאַמף באַפאַלט די רוימער אַ שרעק. און עס געדײַעט און
עס וואַקסט אין זיי דער זוימען, וואָס איז לאַנג שוין אין זיי פאַרזייט. מען
לעבט מיט די שקלאַפן, נאָר מען געטרויט זיי ניט קיינמאָל. זיי זײַנען פון
דרויסן, זיי זײַנען אָבער אויך פון אינעווייניק. שטענדיק שמייכלען זיי, נאָר
הינטער דעם שמייכל שטעקט דער האַס. זיי וואַרטן און וואַרטן.
זיי האָבן אָן אַ שיר געדולד און אָן אַ שיר געדענקען זיי. דאָס איז דער זוי־
מען וואָס איז אײַנגעפלאַנצט אין די רוימער ווי נאָר זיי הייבן אָן טראַכטן,
און איצט שנײַדן זיי די פרוכט.

(זיי זײַנען מיד. זיי האָבן קוים קויעך צו טראָגן זייערע שילדן און צו
שלעפּן זייערע שווערדן. נאָר די שקלאַפן זײַנען ניט מיד. דער זינען איז גוי־
ווער. דאָ צען, דאָרטן הונדערט פאַרלאָזן די שלאַכט. פון די הונדערט ווערט
טויזנט, פון די טויזנט ווערט צען טויזנט און מיטאַמאָל אַנטלויפט די גאַנ־
צע אַרמיי אין פּאַניק און רוימער וואַרפן אַראָפּ פון זיך דאָס געווער און
אַנטלויפן. די אָפיצירן באַמיִען זיך זיי אײַנצוהאַלטן, נאָר זיי האַרגענען די
אָפיצירן און מיט אַ געוואַי פון שרעק אַנטלויפן זיי פאַר די שקלאַפן. און
די שקלאַפן לויפן זיי נאָך און ציִען אונטער אַלע כעשבוינעס אין דער נאַכט,
און קילאָמעטערס לאַנג ווערט דאָס שלאַכטפעלד באַדעקט מיט רוימער האַ-
רוגים, די רוקנס צעוווּנדיקט.

(ווען קריקסוס און די אַנדערע טרעפן ספאַרטאַקוסן, איז נאָך דער ייִד
לעבן אים. ספאַרטאַקוס שלאָפט אַף דער ערד אַן אויסגעצויגענער צווישן די
האַרוגים און דער ייִד וואַכט איבער אים מיט דער שווערד אין דער האַנט.
„לאָזט אים שלאָפן”, זאָגט דער ייִד. „דאָס איז אַ גרויסער ניצאָכן. לאָזט
אים שלאָפן”.

(נאָר געפאַלן זײַנען צען טויזנט שקלאַפן אין דעם גרויסן ניצאָכן און
פאַראַן זײַנען נאָך רוימישע אַרמייען... נאָך גרעסערע אַרמייען.)

VII

אַז מען האָט געזען דער גלאַדיאַטאָר שטאַרבט, איז דער אינטערעס
צו אים געפאַלן און צו דער צענטער שאָ, פאַרנאַכט צו, איז פאַרן קרײַץ פאַר־
בליבן נישט מער ווי אַ קליין גרופּקעלע, באַזונדערס הייסע אָנהענגער פון די
קרייציקונגען, צוצוזען דעם סאָף, און צו זיי עטלעכע לעיוצלעכדיקע בעטלער

און אײַנגעגעסענע ליידיקגייער, וועלכע ווערן ניט צוגעלאָזט צו דער גרויסער צאָל בוצלעכע פּאַרוויילונגען וואָס מען קען נאָך אין דער שאָ געניסן אין אַזאַ שטאָט ווי קאַפּואַ. עמעס, צו יענער צײַט זײַנען אין קאַפּואַ קיין פערד־געיעגן ניט געווען, גאָר אין די שייגע אַרטיקע צירקן האָט מען נאָך ווו ניט ווו עפּעס געגעבן. אין קאַפּואַ, אַ שטאָט וואָס איז אַזוי פּאָפּולער צווישן טור־ריסטן, איז עס שוין געווען אַ מין אַמביציע בײַ די רײַכע קאַפּוער בירגער צוצושטעלן דעם אוילעם שלעגער־פּאָרלעך וויניקסטנס דרײַ הונדערט טעג אין יאָר.

אין קאַפּואַ איז געווען אַן אויסגעצייכנטער טעאַטער און אַ גרויסע צאָל ברייט אײַנגעאָרדנטע פּראָסטיטוציע־הײַזער, אַזוי אָפּן ווי מען וואָלט עס אין רוים קיינמאָל ניט דערלויבט. געהאַלטן האָט מען אין זיי פרויען פון אַלע ראָסן און פעלקער, ספּעציעל צוגעגרייטע, קעדיי זיי זאָלן אָנהאַלטן דעם גוטן נאָמען פון דער שטאָט. אַכוצדעם זײַנען דאָרט געווען היפּשע האָנדל־הײַזער, באַזאַרן, בעדער און אין דער שיינער בעכטע אַ גרויסע צאָל אַלערליי וואַסער־ספּאָרטן.

עס איז זיך דערום ניט צו וווּנדערן וואָס דער ספּעקטאַקל פון אַ שטאַרבנדיקן גלאַדיאַטאָר אַפן קרייץ זאָל דאָרט זײַן אַ פאַרבײַגייענדיקע פאַרווײַלונג.

וואָלט ער ניט געווען דער העלד פון אַ „מונעראַ", וואָלט מען אים אַפילע דעם צווייטן בליק ניט געשאָנקען. און אַפילע אַזוי, האָט ער קיין גרויסן אינטערעס צו זיך ניט אַרויסגערופן. און אַ ווענדונג געשריבן „צו אַלע רוימישע בירגער וואָס געפינען זיך אין קאַפּואַ", האָבן די דרײַ וויכ־טיקסטע יידישע סאָכרים, וואָס זײַנען געשטאַנען בעראָש פון דער קליינער יידישער געמיינדע, געלייקנט יעדע שײַכעס מיט אים און יעדע אַכראַיעס. זיי האָבן אָנגעוויזן, אַז בײַ זיי אין לאַנד האָט מען אויסגעוואָרצלט אַלע עלעמענטן פון מערידע און אומצופרידנקייט. באַשניטנקייט איז אַ גע־ווינלעכע דערשײַנונג צווישן די עגיפּטער, פעניציער און פּערסן. עס איז אויך ניט אין דער טעווע פון יידן אָנצוגרײַפן די מאַכט וואָס האָט באַ־שאַפן, וואָס האָט געשאַפן אָט דעם צושטאַנד פון שאָלעם און שעפע און אָרדענונג אַף דער גרעסטער טייל וועלט . . . און אַזוי אַרום פאַרלאָזט פון אַלעמען איז ער אַליין נענטער צוגעקומען צום טויט אין איינזאַמער און לײַדנפולער כשיוועס. פאַר זעלנער איז עס שוין גאָר קיין פאַרווײַלונג ניט און נײַגעריקע אויך קנאַפּ וואָס. פאַרבליבן איז דאָרט זיצן אַן אָרעמע זקיי־נע מיט די הענט פאַרלייגט אַרום די קני און מיט דעם בליק אײַנגעשטאָכן אינעם מענטשן אַפן קרייץ. פון לאַנגווײַל האָבן די זעלנער גענומען טרײַבן שפּאַס מיט איר.

— אַלטיטשקע, — האָט איינער איר געזאָגט, — כאַלעמסט אוואַדע פון אַזאַ פאַרשוין ווי דער וואָס הענגט דאָ?

— ווילסט, וועלן מיר אים אַראָפּנעמען און דיר אים אָוועקשענקען, — האָט אַ צווייטער געזאָגט, — ווי לאַנג איז שוין אַז דו האָסט ניט אין בעט בײַ דיר אַזאַ שיינעם באָכער?

— שוין זייער לאַנג, — האָט די אַלטע אַ מרוקע געטאָן.

— נו, וועט ער זיך מיט דיר באַגיין ווי אַ בוהײַ אין בעט. ווי אַן אָגער מיט אַ שקאָפּע. ווי מײַנסטו, אַלטע?

— וואָס זײַנען עס פּאַראַ רייד! — האָט זי געזאָגט, — וואָס זײַט איר פּאַראַ מענטשן! ווי רעדט איר דאָס צו מיר?

— יאָ, כאַשעווע האַרנטע, אַנטשולדיקט.

אײנער נאָכן צווייטן האָבן זיך די זעלנער פּאַר איר מיט דערעכערעץ פּאַרנייגט. דאָס ביסל נײַגעריקע זײַנען צוגעשטאַנען צום שפּאַס און האָבן זיך אַרום איר אַרומגעשטעלט.

— איך גיב קיין צוויי גראָשן ניט פּאַר אײַער בעטן אַנטשולדיקונג, — האָט די אַלטע געזאָגט, — טינויפּעס! איך בין אַ קויטיקע, דו ביסט טינוי־פּעס. איך קען פון מיר דעם קויט אָפּוואַשן, דו קענסט ניט.

עס איז זיי ניט געפעלן וואָס דער שפּאַס האָט זיך אויסגעדרייט צו זיי און האָבן אַרויפגעצויגן אַף זיך מער אויטאָריטעט. זיי זײַנען אַרײַן אין צאָרן און די אויגן האָבן זיי געגלאַנצט.

— היט דיך, אַלטע, — האָט אײנער זיך אָנגערופן, — טו דיר אָן אַ שלאָס אַפן מויל.

— איך זאָג וואָס מיר ווילט זיך.

— גיי זשע פּריִער באָד זיך אָפּ, און קום דערנאָך צוריק. אַזוי ווי דו זעסט אויס, שאַפּסטו נאָר אַ ספּעקטאַקל מיט דײַן זיצן באַם שטאָט־טויער.

— אַוואַדע בין איך אַ ספּעקטאַקל, — האָט זי ביטער געענטפערט, — אַ זייער ניט אָנגענעמער ספּעקטאַקל, ריכטיק? סאַראַ מענטשן איר זײַט, רוימער! די רײנסטע מענטשן אין דער וועלט! נישטאָ קיין איין רוימער וואָס זאָל ניט גיין יעדן טאָג אין באָד אַרײַן, מעג ער זײַן פויל ווי אַ קלאָץ, ווי געווײנטלעך רוימער, און שפּילן טאָג ווי נאַכט אין צירק. ער איז אַזוי טײַוולאָניש ציכטיק...

— גענוג שוין, אַלטע, פאַרמאַך ס׳מויל.

— ניין, ס׳איז נישט גענוג. ס׳האַלט נאָך זייער ווײַט דערפון. איך טאָר מיך ניט באָדן. איך בין אַ שקלאַפּן. שקלאַפּן גייען ניט אין באָד. איך בין אַלט און פאַרמאַטערט, איר קענט מיר שוין גאָרנישט ניט טאָן, אַפילע ניט וויפל אַ שמעק פעפער. איך זיץ מיר אַף דער זון און ווײַטער גייט מיר נישט אָן. נאָר אײַך געפעלט עס ניט, ריכטיק? צוויי מאָל אין טאָג גיי איך צו מײַן האַר אין שטוב און ער גיט מיר אַ שטיקל ברויט. דאָס ליבע ברויט. דאָס רוימישע ברויט, וואָס ווערט פאַרזייט פון שקלאַפּן, אויסגעצײַטיקט פון שקלאַפּן, געשניטן פון שקלאַפּן און פון שקלאַפּן געבאַקן. איך גיי איבער די גאַסן און וואָס איך זע, איז געמאַכט פון שקלאַפּן. איר מיינט איר וועט מיך איבערשרעקן? איך שפּײַ אײַך אָן אין פּאָנעם!

אין דער צײַט וואָס דאָס פּאַסירט, קומט קראַסוס צוריק צום טויער. ער האָט ניט געקענט שלאָפן, ווי דאָס טרעפט מיט מענטשן וואָס ווילן אָפּ־שלאָפן באַטאָג וואָס זיי זײַנען ניט דערשלאָפן באַנאַכט. ווען עמעצער פרעגט אים צו וואָס ער איז ווידער געקומען צו דעם אָרט פון דער קרייצי־

קונג, וואָלט ער זיכער געצויגן מיט די אַקסלען. נאָר אין דער עמעסן האָט ער עס גאַנץ גוט געוווּסט. מיט דעם לעצטן פון די גלאַדיאַטאָרס פאַרענדיקט זיך אַ גרויסער פּעריאָד אין קראַסוסעס לעבן. קראַסוסן קען מען ניט נאָר ווי דעם רײַכסטן מענטשן, נאָר אויך ווי דעם מענטשן וואָס האָט דערשטיקט דעם אויפשטאַנד פון די שקלאַפן. דאָס רעדט מען אַרויס זייער פאַרשעט, נאָר ניט אַזוי האָט זיך עס געטאָן. קראַסוס וועט זײַן גאַנץ לעבן ניט קענען אָפּמעקן פונעם זיקאָרן די שקלאַפן־מילכאָמע. ער וועט מיט די זיכרוינעס לעבן, ער וועט מיט זיי אויפשטיין און וועט זיך מיט זיי לייגן. ער וועט זיך ניט אָפּטיילן פון ספּאַרטאַקוסן ביז ער, קראַסוס וועט שטאַרבן.

דעמאָלט וועט אַ סאָף נעמען צום קאַמף צווישן ספּאַרטאַקוס און קראַסוס, אָבער ניט פריִער ווי דעמאָלט. קראַסוס איז, הייסט עס, צוריקגעקומען צום טויער קוקן אַף דעם לעבעדיקן רעשט פון זײַן קעגנער.

אַ נײַער קאַפּיטאַן איז געשטאַנען מיט דער וואַך, נאָר ער האָט געקענט דעם גענעראַל — ווי קימאַט יעדער איינער אין קאַפּוּאַ — און ער איז פון דער הויט געקראָכן אים אַרויסצווײַזן אַכטונג און האַכנאָע. ער איז דערין געגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז ער האָט זיך אַנטשולדיקט וואָס אַזוי ווייניק מענטשן זײַנען געבליבן אָפּוואַרטן דעם גלאַדיאַטאָרס טויט.

— ער גייט שנעל צום טויט, — האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט, — ס'איז צום שטוינען. ער זעט אויס צו זײַן אַ האַרטער מענטש, אַן איבערטראָגער: ער וואָלט ווייניקסטנס באַדאַרפט לעבן דרײַ טעג. נאָר ער וועט שטאַרבן איידער נאָך עס וועט טאָג ווערן.

— וויאַזוי ווייסט איר דאָס ? — האָט קראַסוס געפרעגט.

— מען קען עס לײַכט זען. איך האָב געזען אַ סאַך קרייציקונגען און קימאַט אַלע האַלטן זיי זיך אין דעם ערעך. סײַדן די צוועקעס האַקן זיי איבער אַ וויכטיקן בלוט־געפעס איבער דער האַנט און זיי גייען דעמאָלט אָפּ מיטן בלוט. פונדעסטוועגן, זע איך ניט ער זאָל אַזוי בלוטיקן. ער וויל פאַרשעט לענגער ניט לעבן. און אין אַזאַ פאַל, שטאַרבן זיי שנעל. איר האָט אײַך ניט פאָרגעשטעלט דאָס זאָל אַזוי געשען, ריכטיק ?

— מיך איבעראַשט קיין זאַך ניט, — האָט קראַסוס געזאָגט.

— איך שטעל מיר פאָר. נאָכדעם ווי איר האָט אַזוי פיל געזען...

אין דעם מאָמענט האָבן די זעלנער געלייגט אַ האַנט אַף דער אַלטער, און מאַכמעס זי האָט שטאַרק געשריגן, האָט זי צוגעצויגן אַף זיך דעם אויפמערק פונעם גענעראַל און פונעם קאַפּיטאַן באַם טויער. קראַסוס איז אַהין צוגעגאַנגען און האָט פון ערשטן בליק פאַרשטאַנען וואָס דאָרט קומט פאָר. ער האָט בייז אַ זאָג געטאָן צו די זעלנער:

— אַ שיין הערטל העלדן זײַט איר. לאָזט צו רו די אַלטע! זײַן טאָן האָט זיי געצווונגען אים געהאָרכן. זיי האָבן טייקעף אָפּגעלאָזט די אַלטע. איינער פון זיי האָט דערקענט קראַסוסן און האָט דאָס צו וויסן געגעבן די אַנדערע אַפן אויער. דער קאַפּיטאַן איז צוגעקומען און האָט געוואָלט וויסן אין וואָס עס האַנדלט זיך און צי זיי האָבן ניט עפּעס בעסערס מיט וואָס די צײַט צו פאַטערן. גערעדט האָט ער צו זיי מיִעס און כוצפּעדיק.

אַ מענטש וואָס איז נאָנט פון דאָרט געשטאַנען, האָט זיך צעלאַכט אַפן קאָל.

— פאַרנעמט אײַך אַלע פון דאַנען, — האָט דער קאַפּיטאַן געשריגן צו די לײדיקגײער. זײ זײַנען אָפּגעטראָטן עטלעכע טריט, נאָר ווײַט ניט אַוועק פונעם אָרט, און די צעקנײטשטע אַלטע האָט זיך אַוועקגעשטעלט איראָניש אױסטײַנען מיט קראַסוסן:

— אַזוי, הײסט עס, איז דער גרויסער גענעראַל מײַן פאַרטײדיקער?

— האָט זי געזאָגט.

— װער ביסטו, אַלטע מעכאַשײפע? — האָט קראַסוס געפרעגט.

— גרויסער גענעראַל, דאַרף איך מיך שטעלן אַף די קני פאַר דיר אָדער דיר אָנשפּײַען אינעם פּאָנעם?

— זעט איר שוין? האָב איך אײַך ניט געזאָגט? — האָט דער זעלנער אַ געשרײ געטאָן.

— יאָ... גוט. לאָמיר נאָר הערן, אַלטע, וואָס ווילסטו? — האָט קראַסוס געפרעגט.

— איך וויל נאָר מען זאָל מיך צו רו לאָזן. איך בין אַהער געקומען זען ווי עס שטאַרבט אַ גוטער מענטש. ער טאָר ניט שטאַרבן אַ פאַרלאָזטער פון אַלעמען. איך האָב מיך אַוועקגעזעצט קוקן ווי ער שטאַרבט. איך האָב אים געשענקט מײַן ליבשאַפט. איך האָב אים געזאָגט, אַז ער וועט קײנמאָל ניט שטאַרבן. ספּאַרטאַקוס איז קײנמאָל ניט געשטאָרבן. ספּאַרטאַקוס לעבט.

— פון וואָסערע טײַוואָלים רעדסטו דאָס אַלטע?

— דו ווײסט ניט וועגן וואָס איך רײד, מאַרקוס ליציניוס קראַסוס? איך רײד פון ספּאַרטאַקוסן. יאָ, איך ווײס צו וואָס דו ביסט אַהערגעקומען. קײנער אַחוץ מיר ווײס עס ניט. זײ ווײסן ניט. נאָר איך און דו ווײסן מיר. ניט אַזוי?

דער קאַפּיטאַן האָט באַפוילן די זעלנער זי אַוועקצושלעפּן פון דאָרטן, ווײַל זי איז אַ שמוציקע כאַזערײַ, נאָר קראַסוס האָט זײ בײז אָפּגעהאַלטן.

— איך האָב אײַך געזאָגט איר זאָלט זי צורו לאָזן. גענוג זיך אויס־צופײַנען פאַר מיר ווי העלדן! אויב איר זײַט אַזוי פאַרדאַמט העלדיש, פאַרוואָס שליסט איר אײַך ניט אָן אָן די לעגיאָנערן אָנשטאָט דאָ צו בלײַבן, אין דער זומער־שטאָט? איך דאַרף קײנעמס הילף ניט. איך וועל מיך אַלײן פאַרטײדיקן אַקעגן דער אַלטער.

— האָסט מוירע, — האָט די אַלטע געזאָגט.

— פאַר וואָס מוירע?

— פאַר אונדז האָסטו מוירע, ריכטיק? סאַראַ מוירע אַף אײַך אַלעמען איז אָנגעפאַלן! דערפאַר ביסטו געקומען אַהער. ווילסט אים זען שטאַרבן. ווילסט דיך איבערצײַגן, אַז ער איז געשטאָרבן ביזן לעצטן. גאָט מײַנער! וואָס עטלעכע שקלאַפן האָבן אײַך פאַרשאַפט! און דו האָסט נאָך מוירע. און אַז ער וועט שטאַרבן, וועט דען זײַן דער סאָף? וועט דען אַמאָל קומען דער סאָף, מאַרקוס ליציניוס קראַסוס?

— ווער ביסטו, אַלטע?

— איך בין אַ שקלאַפן, — האָט זי געענטפערט און אין דעם אויגנ־בליק, האָט זיך געדאַכט, איז זי געוואָרן פּאַשעט, קינדיש און זקייניש, — איך בין געקומען זען איינעם פון די מײַניקע און אים מוטיקן אַביסל. די איבעריקע האָבן מוירע צו קומען. קאַפּוּאַ איז פול מיט מײַנע לײַט, נאָר זיי האָבן מוירע. ספּאַרטאַקוס האָט אונדז געזאָגט: „הייבט אײַך אויף און זײַט פרײַ!״ נאָר מיר האָבן מוירע געהאַט. מיר זײַנען שטאַרק און דאָך האָבן מיר זיך דערשראָקן, זיך צעווײנט און אַנטלאָפן.

די אַלטע האָט זיך צעוויינט און טרערן זײַנען געפאַלן פון אירע גע־קנייטשטע אויגן.

— וואָס ווילסטו טאָן מיט מיר? — האָט זי מיט געבעט געפרעגט.

— גאָרניט, אַלטע, זעץ דיך דאָרט אַוועק און וויין, אויב דו ווילסט.

ער האָט איר צוגעוואָרפן אַ מאַטבייע און האָט באַטראַכטערהייט אַוועק־געשפּאַנט. ער האָט זיך געלאָזט גיין צום קרייץ, ווו דער גלאַדיאַטאָר האָט געהאַלטן אין שטאַרבן, און האָט געקלערט וועגן דער אַלטערס ווערטער.

VIII

איינעם גלאַדיאַטאָרס לעבן זײַנען געווען פיר עפּאָכעס. די קינדער־יאָרן זײַנען געווען די גליקלעכע צײַט פונעם ניט וויסן און אין זײַן יוגנט איז געווען וויסן און ווייטיק און האַס. די צײַט פון האָפן איז געקומען ווען ער האָט געקעמפט אינאיינעם מיט ספּאַרטאַקוסן און די צײַט פון פאַרצווייפלונג האָט אים אָנגעיאָגט ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז זײַן קאַמף איז פאַרלוירן. איצט איז געקומען דער סאָף פון זײַן פאַרצווייפלונגס עפּאָכע. איצט שטאַרבט ער.

געווען איז דער קאַמף זײַן ברויט און זײַן פלייש, איצט קעמפט ער ניט מער. דאָס לעבן איז בײַ אים געווען אַ בייזער שטורעם פון צאָרן און ווידערשטאַנד, אַ גוואַלד־געשריי וואָס זוכט די לאָגיק אין די באַציִונגען פון מענטש צו מענטש. טייל זײַנען גרייט דאָס לעבן אָנצונעמען און טייל קענען עס ניט. ער האָט קיין שום זאַך נישט געקענט אָננעמען ביז ער האָט אָנגעטראָפן ספּאַרטאַקוסן. דעמאָלט האָט ער באַגריפן, אַז דעם מענטשנס לעבן איז עפּעס אַ ווערטפולע זאַך. ספּאַרטאַקוסעס לעבן איז עפּעס אַ ווערטפולע זאַך, אַ דערהויבענע זאַך, און די מענטשן וואָס גייען מיט אים, לעבן אַ דערהויבן לעבן... נאָר איצט, אָפּן קרייץ און פאַרן שטאַרבן, פרעגט ער זיך פאַרוואָס זיי זײַנען דורכגעפאַלן. די פראַגע זוכט אַן ענטפער אין דעם אומקלאָרן פאַרשטאַנד וואָס איז אים נאָך פאַרבליבן. נאָר די פראַגע בלײַבט אָן אַן ענטפער.

(ער געפינט זיך אינאיינעם מיט ספּאַרטאַקוסן בעייס דער יעדיִע, אַז קריקסוס איז אומגעקומען. קריקסוסעס טויט איז געווען די לאָגיק פון קריקסוסעס לעבן. קריקסוס האָט זיך געקלאַמערט אָן אַ כאַלעם. ספּאַר־טאַקוס האָט זיך דערוווּסט ווען דער כאַלעם איז שוין געווען באַם סאָף און איז אוממעגלעך געוואָרן. קריקסוסעס כאַלעם און קריקסוסעס קאַריערע

זײַנען געװען די צעשטערונג פון רוים. נאָר געקומען איז אַ מאָמענט, װען ספּאַרטאַקוס האָט פאַרשטאַנען, אַז ער װעט קײנמאָל ניט קענען אומ־ברענגען רוים, נאָר פאַרקערט, אַז רוים װעט זײ אומברענגען. דאָס איז געװען דער אָנהײב, דער סאָף איז געװען, אַז צװאַנציק טױזנט שקלאַפן האָבן מאַרשירט אַפּן באַפעל פון קריקסוסן. און איצט איז קריקסוס טױט און זײַן אַרמײ איז צעקלאַפּט. קריקסוס איז טױט און זײַנע מענטשן זײַנען טױט. ער װעט שױן מער ניט לאַכן און ער װעט שױן מער ניט שטרײַטן, דער רױזיקער היציקער און רױטהאָריקער גאַל. ער איז טױט.

(דאָװיד געפינט זיך מיט ספּאַרטאַקוסן װען די ידיעה קומט אָן. אַ שטאַפּעט, אַ לעבנגעבליבענער, האָט געבראַכט די ידיעה. אַזעלכע שטאַ־פּעטן זײַנען אַלע מיט טױט באַלאָדן. ספּאַרטאַקוס הערט אים אױס. דער־נאָך דרײט ער זיך אום צו דאָװידן.

(— האָסט געהערט? — פרעגט ער אים.

(— כ׳האָב געהערט.

(— האָסט געהערט, אַז קריקסוס איז טױט און זײַן אַרמײ איז טױט?

(— כ׳האָב געהערט.

(— אַזױ פיל טױט פאַראַן אַף דער װעלט? אַזױ פיל טױט?

(— די װעלט איז פול מיט טױט. אײדער איך האָב דיך דערקענט איז אַף דער װעלט געװען בלױז טױט.

(— איצט איז אַף דער װעלט פאַראַן בלױז טױט, — זאָגט ספּאַר־טאַקוס.

(ער איז פאַרענדערט. ער איז אַן אַנדערער. ער װעט שױן קײנמאָל ניט זײַן דאָס װאָס ער איז געװען. ער װעט שױן קײנמאָל ניט האָבן די פּרעכטיקע באַציִונג צום לעבן װאָס ער האָט ביז איצט געהאַט, װאָס ער האָט נאָך געהאַט אין די נובישע גאָלד־מינען, װאָס ער האָט נאָך געהאַט אינעם צירק, װען ער איז געשטאַנען אַ נאַקעטער מיט דעם מעסער אין דער האַנט. איצט האָט דער טױט אין זײַנע אױגן בײַגעקומען דאָס לעבן. דאָ שטײט ער איצט אָן גאָרניט אַפּן פּאָנעם, די אױגן פול מיט גאָרניט און פונעם גאָרניט רינען טרערן און פאַלן אַף זײַנע ברײטע ברױנע באַקן. װי שרעקלעך עס איז פאַר דאָװידן דאָרט צו שטײן און קוקן װי ער װײנט! דאָס װײנט ספּאַרטאַקוס. דער געדאַנק שנײַדט דורך דעם ייִדנס מוח, און דעמאָלט: „דאַרף איך דיר דערצײלן װער ספּאַרטאַקוס איז?"

(װאָרעם בלױז מיט קוקן אַף אים װעסטו גאָרניט ניט זען. װאָרעם בלױז מיט קוקן אַף אים װעסטו זיך גאָרנישט ניט דערװיסן. װעסט נאָר זען זײַן אײַנגעבראָכענע נאָז, זײַן ברײט מױל, די ברױנע הױט פון זײַן פּאָנעם און זײַנע צערטלעכע אױגן. (װי קענסטו זיך דערװיסן עפּעס װעג׳ן אים? ער איז אַ גײַער מענטש. מען זאָגט ער איז װי די פּאַרצײַטיקע העלדן; װאָס קערן זיך אָן פּאַרצײַטיקע העלדן מיט ספּאַרטאַקוסן? קומט דען אַרױס אַ העלד פון אַ שקלאַף, אַ געבױרענעם פון אַ שקלאַף? און פון װאַנען שטאַמט ער? װי קען ער לעבן אָן האַס און אָן קינאה? אַ מענטשן קען מען דערקענען פון זײַן ביטערקײט און פון זײַן בײזקײט, און דאָ האָט

איר אײַך אַ מענטשן אָן ביטערקייט און אָן בייזקייט. דאָ האָט איר אַ מענטשן אַ דערהויבענעם. דאָ האָט איר אַ מענטשן וואָס האָט אַף זײַן לעבן קיין שלעכטס ניט געטאָן. ער איז אַנדערש ווי דו, אָבער אויך אַנדערש ווי מיר. ער איז דאָס וואָס מיר הייבן ערשט אָן ווערן; נאָר קיינער פון אונדז איז ניט דאָס וואָס ער איז. ער איז אַוועק ווײַטער פון אונדז. און איצט וויינט ער.

(— פאַרוואָס וויינסטו? — פרעגט דאָוויד, — איצט איז אונדז זייער שווער. פאַרוואָס וויינסטו? מען וועט אונדז קיין רו ניט געבן ביז מירן אַלע זײַן טויט.

(— דו וויינסט ניט קיינמאָל? — פרעגט אים ספּאַרטאַקוס.

(— איך האָב געוויינט ווען מען האָט מײַן טאַטן אויפגעהאַנגען אַפן קרייץ און מער האָב איך שוין ניט געוויינט.

(— דו האָסט ניט געוויינט איבער דײַן פאָטער, — זאָגט ספּאַרטאַקוס, — און איך וויין ניט איבער קריקסוסן. איך וויין איבער אונדז. פאַרוואָס איז דאָס געשען? מיט וואָס האָבן מיר געגרײַזט? פון אָנהייב האָב איך קיינמאָל קיין ספּייקעס ניט געהאַט. מײַן גאַנץ לעבן איז איבערגעגעבן געווען דעם מאָמענט ווען די שקלאַפן וועלן האָבן קראַפט און געווער אין די הענט. און איך האָב דעמאָלט קיין איין סאָפעק ניט געהאַט. די צײַט פון אומגעוויסעקייט איז שוין אַף אייביק פאַרבײַ. מען הערט די גלעקער קלינגען איבער גאָר דער וועלט. פאַרוואָס־זשע זײַנען מיר דורכגעפאַלן? פאַרוואָס ביסטו געשטאָרבן קריקסוס, כאַווער מײַנער? פאַרוואָס ביסטו אַזוי פאַראַקשנט און פאַרביטערט געווען? איצט ביסטו געפאַלן און געפאַלן זײַנען דײַנע שיינע מענטשן!

(דער ייִד זאָגט: די טויטע זײַנען אַוועק. הער אויף וויינען!

(נאָר ספּאַרטאַקוס וואַרפט זיך אַף דער ערד און מיטן פּאָנעם אינעם שטויב פאַרזונקען, שרײַט ער: פירט מיר אַרײַן וואַריניען. ברענגט זי מיר. זאָגט איר, אַז איך האָב מוירע און איבער מיר שטייט דער טויט״.)

IX

אַ מאָמענט פולשטענדיקע קלאָרקייט האָט דער גלאַדיאַטאָר געהאַט פאַר זײַן טויט. ער האָט די אויגן געעפנט; די ריִע איז אים לויטער געוואָרן און אַן אויגנבליק האָט ער ניט געהאַט דעם באַוווסטזײַן פון ווייטיק. ער האָט קלאָר און דײַטלעך געזען דאָס בילד אַרום זיך. געזען האָט ער פאַר זיך די וויאַ אַפּיאַ, דעם גרויסן רוימישן שאָסיי, דעם גלאָר און נערוו פון רוים, זיך ציִען צו צאָפן און דעקן דעם גאַנצן שעטעך ביז דער סאָמע „אורבס״. פון דער צווייטער זײַנען געווען די שטאָט־מויערן און דער אַפּיאַ טויער. געשטאַנען זײַנען דאָרט אַ טוץ געלאַנגווײַליקטע זעלנער. געשטאַנען איז דאָרט דער קאַפּיטאַן וואָס איז געשטעלט איבער דער טויער־וואַך, און האָט געפלירטעוועט מיט אַ שיין מיידל. באַ דער זײַט וועג זײַנען געזעסן אַ הײַפל קרענקלעכע פוסטעפּאַסניקעס. אַפן וועג גופא איז דער פאַר־

קער געווען ניט קיין קעסיידערדיקער, מאַכמעס געווען איז דעמאָלט פיר שאָ אָפן טאָג און די גרעסטע טייל פריִע באַפעלקערונג געפינט זיך אין דער צײַט אין די בעדער. ווײַטער פונעם שאָסיי האָט דער גלאַדיאַטאָר זיך פאָרגעשטעלט די פראַכט פונעם יאַם אין דער שענסטער פון אַלע בעכ־טעס. געצויגן האָט פונעם יאַם אַ קיל ווינטל און יעדע ווינט־כוואַליע האָט אים דאָס פּאָנעם געגלעט ווי די קילע הענט פון אַ פרוי וואָס אַ מאַן האָט ליב.

ער האָט געזען די גרינע קוסטעס וואָס באַזוימען די זײַטן וועג, און הינטער זיי די טונקעלע ציפרעסן זיך הייבן, און צו צאָפן די געכוואַליעטע בערגלעך און די שפּיצן פון דעם איינזאַמען באַרג, ווו די שקלאַפן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן בעייס זיי זײַנען אַנטלאָפן. ער האָט געזען דעם באַטאַגיקן בלויען הימל, בלוי און שיין ווי די ווײַ פון אַ ניט באַפרידיקטן פאַרלאַנג, און ווען ער האָט די אויגן אַראָפּגעלאָזט, האָט ער דערזען אַ פרוי אײנע אַליין זיצן אַן אײַנגעהויקערטע צוועלף מעטער ווײַטער פונעם קרייץ, זיך אײַנקוקן אין אים און ווײנען בעשאַסן קוקן.

— פאַרוואָס ווײנט זי אַף מיר ? — האָט זיך דער גלאַדיאַטאָר גע־פרעגט. — „ווער ביסטו, אַלטע, וואָס דו זיצט דאָרט און ווײנסט אַף מיר ?"

ער האָט געוווסט אַז ער שטאַרבט. דער קלאָרער מויעך האָט געוווסט אַז ער שטאַרבט און ער האָט זיך געפילט גליקלעך וואָס אין גיכן וועלן מער ניט זײַן די דערמאָנונגען און דער ווייטיק, ווי נאָר דער שלאָף, וואָס יעדער איינער ווייס, אַז ער וועט אים שלאָפן. ער האָט שוין קיין שום פאַרלאַנג ניט צו קעמפן אָדער אַ ווידערשטאַנד צו שטעלן דעם טויט. ער פאַרשטייט, אַז ווען ער וועט צומאַכן די אויגן, וועט דאָס לעבן אים גאַנץ שנעל און רויק פאַרלאָזן.

און געזען האָט ער קריקסוסן. ער האָט אים געזען און האָט אים דער־קענט. דער רוימישער גענעראַל איז געשטאַנען אַזאַ גלײַכער און אַ אומ־באַוועגטער ווי אַ סטאַטוע. די ווײַסע טאָגע האָט אים מיט אירע פאַלעס אײַנגעהילט פון אויבן ביז אַראָפּ. זײַן קאָפּ אַ פאַרברוינטער פון דער זון, אַ פײַנער און אַ שיינער, איז געווען דער סימוואָל פון רוימישער קראַפט, מאַכט און גלאָר.

„ביסטו, הייסט עס געקומען זען ווי איך שטאַרב, קראַסוס ! — האָט דער גלאַדיאַטאָר זיך געטראַכט, — ביסט געקומען זען שטאַרבן אַפן קרייץ דעם לעצטן פון די גלאַדיאַטאָרן. איז אָט אַזוי שטאַרבט אַ גלאַדיאַטאָר און דאָס לעצטע וואָס ער זעט פאַר זיך איז דעם רײַכסטן מענטש אין דער וועלט".

און דער גלאַדיאַטאָר דערמאָנט זיך וויאַזוי ער האָט יענעם מאָל גע־זען קראַסוסן. ער דערמאָנט זיך אויך אַן ספאַרטאַקוסן. וואָס פאַר אַ מענטש ספאַרטאַקוס איז געווען. זיי האָבן געוווסט, אַז עס איז שוין דער סאָף ; אַז מען קען שוין גאָרנישט ניט מאַכן ; זיי האָבן געוווסט, אַז דאָס איז די לעצטע שלאַכט. ספאַרטאַקוס האָט זיך שוין געהאַט געזעגנט מיט וואַריניען. וואָרעם נישט געקוקט אַף איר געבעט, נישט געקוקט אַף אירע פאַרצווייפל־טע טײַנעס, האָט ער זיך מיט איר געזעגנט און האָט איר געצוווּנגען

אַוועקגײן. זי איז דעמאָלט געווען אין די הויכע כאַדאָשים פון טראָגן און ספּאַרטאַקוס האָט געהאָפט, אַז דאָס קינד וועט געבוירן ווערן איידער די רוימער וועלן צו זיי אַ סאָף מאַכן. נאָר דאָס קינד איז נאָך ניט געהאַט געבוירן געוואָרן ווען ער האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט וואַריניען, און ער האָט זיך דעמאָלט אָנגערופן צו דאָווידן:

— איך וועל שוין דאָס קינד ניט זען, אַלטער פרײַנט און כאַווער מײַ־נער. דאָס איז דאָס אייניציקע וואָס איך באַדויער. מער ווי דאָס באַדויער איך ניט. מער ווי דאָס ניט.

געווען איז עס אינמיטן דער שלאַכט ווען מען האָט געבראַכט ספּאַר־טאַקוסן דאָס ווײַסע פערד. סאַראַ שיין פערד! אַ פּרעכטיקער פּערסישער אָגער, אַ ווײַסער ווי אַ שניי, אַ געשטרעקטער און אַ פײַערדיקער. דאָס פערד איז געווען צוגעפּאַסט פאַר ספּאַרטאַקוסן. ער האָט זיך געהאַט באַ־פרײַט פון זײַנע זאָרגן; אָט דאָס האָט ספּאַרטאַקוס געטאָן. נישט וואָס ער האָט אָנגענומען אַזאַ פּאָזע. ער האָט זיך בעעמעס געפילט גליקלעך און פאַריונגט און פול מיט לעבן, מיט קראַפט און מיט ברען. אין די לעצטע זעקס כאַדאָשים איז ער גרוי געוואָרן. נאָר קיינער האָט דעמאָלט נישט געקוקט אַף זײַנע גרויע האָר, נאָר אַף זײַן שטראַלנדיקן יוגנטלעכן פּאָנעם. זײַן מיעסער פּאָנעם איז דעמאָלט שיין געווען. אַלע האָבן געקוקט ווי שיין ער איז. מענטשן האָבן געקוקט אַף אים און האָבן נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן. און דעמאָלט האָט מען אים געבראַכט דאָס שיינע ווײַסע פערד.

— פאַר אַלעמען, אַ דאַנק פאַר דער פּרעכטיקער מאַטאָנע, טײַערע פרײַנט, טײַערע כאַווירים, — האָט ער געזאָגט; — פאַר אַלעמען, אַ דאַנק. איך דאַנק אײַך פון גאַנצן האַרצן.

דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען די שווערד און מיט איין באַוועג, אַ צו שנעלן באַוועג מען זאָל אים געווען קענען אָנכאַפּן מיטן אויג, האָט ער אַרויסגענומען די שווערד און האָט זי ביזן הענטל אַרײַנגעזעצט דעם פערד אין דער ברוסט און האָט זיך אין איר אײַנגעקלאַמערט, אין דער צײַט וואָס דאָס פערד האָט זיך צעהירזשעט, און ער האָט זי ניט אָפּגעלאָזט ביז דאָס פערד איז אַף די קני געפאַלן, האָט זיך אַ וואַלגער געטאָן און איז ליגן געבליבן אַ טויטער. דעמאָלט האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אַקעגן זיי מיט דער פאַרבלוטיקטער שווערד אין דער האַנט און זיי האָבן געקוקט אַף אים מיט שרעק און מיט שטוינען. נאָר אַף אים האָט זיך קיין זאַך ניט געביטן.

— אַ פערד איז געפאַלן, — האָט ער געזאָגט, — וועט איר וויינען וואָס אַ פערד איז געפאַלן? מיר קעמפן פאַרן מענטשלעכן לעבן, ניט פאַרן בעהיימישן. די רוימער זײַנען פאַרליבט אין פערד און צו שקלאַפן פילן זיי בלויז פאַראַכטונג. איצט וועלן מיר זען ווער וועט אַרויס אַף די פיס פון דעם שלאַכט־פעלד, מיר אָדער די רוימער. איך האָב אײַך געדאַנקט פאַר דער מאַטאָנע. דאָס איז געווען אַ באַווײַז פון אײַער ליבשאַפט צו מיר, נאָר איך האָב מיך ניט גענייטיקט אין דער מאַטאָנע קעדיי דאָס צו וויסן. איך ווייס וואָס בא מיר אין האַרצן נעסטיקט. מײַן האַרץ איז פול מיט

ליבע צו אײַך. נישטאָ קיין ווערטער אין דער וועלט אַף צו קענען אויס־דריקן די גאַנצע ליבשאַפט וואָס איך פיל צו אײַך, מײַנע טײַערע כאַ־ווײרים! אונדזערע לעבנס זײַנען פאַראײניקט. אַפילע מיר זאָלן הײַנט דורכפאַלן, האָבן מיר געטאָן אַזוינס וואָס מענטשן וועלן אײביק געדענקען. פיר יאָר נאָכאַנאַנד האָבן מיר זיך געשלאָגן אַקעגן רוים... פיר לאַנגע יאָר. מיר האָבן קײנמאָל דעם רוקן ניט געוויזן אַ רוימישער אַרמײ. מיר זײַנען קײנמאָל ניט אַנטלאָפן. און אויך הײַנט וועלן מיר ניט אַנטלויפן פונעם שלאַכט־פעלד. איר ווילט איך זאָל מיך שלאָגן אַף אַ פערד רײַטנ־דיק? לאָזט איבער די פערד פאַר די רוימער. איך וועל מיך שלאָגן צו פוס אינאײנעם מיט מײַנע ברידער. וועלן מיר געווינען הײַנטיקע שלאַכט, וועלן מיר האָבן פערד איבערגענוג, און מיר וועלן זײ שפּאַנען אין די אַקערס און ניט אין די קאַרעטעס. וועלן מיר פאַרלירן... נו, אויב מיר וועלן פאַר־לירן, וועלן מיר קיין פערד ניט באַדאַרפן.

דערנאָך האָט ער זײ אַרומגענומען. אַרומגענומען און געקושט אין די ליפּן יעדן אײנעם פון די אַלטע כאַווײרים. און וואָס שײַעך דאַווידן, האָט ער געזאָגט:

— אַך! פרײַנט מײַנער, גרויסער גלאַדיאַטאָר. ווײסטו הײַנט זײַן באַ מײַן זײַט?

— שטענדיק.

און איצט קוקט ער פונעם קרײַז אַראָפּ אַף קראַסוסן און טראַכט זיך: „וויפל אַ מענטש קען אויפטאָן! ער באַדויערט איצט קיין שום זאַך ניט. ער האָט געקעמפט זײַט באַ זײַט מיט ספּאַרטאַקוסן". ער האָט געקעמפט דעמאָלט ווען זײ האָבן אַקעגן זיך געהאַט אָט דעם מענטשן, דעם גרויסן גענעראַל אַף זײַן פערד רײַטנדיק, וואָס האָט געפּרוווט אַ וועג זיך צו עפענען צווישן די רײען שקלאַפן. אינאײנעם מיט ספּאַרטאַקוסן האָט ער דעמאָלט געשריגן:

— קום אַהערצו, קראַסוס, קום, ווײסטו זען סאַראַ אַן אויפנאַמע מיר גרײטן דיר!

ער האָט זיך געשלאָגן ביז אַ שטיין פון אַ שלײַדער-ביקס האָט אים געטראָפן און האָט אים אומגעוואָרפן. ער האָט זיך גוט געשלאָגן. ער פילט זיך גליקלעך וואָס ער און ניט ספּאַרטאַקוס לײַדט דעם ביזאָיען און די שאַנד פונעם קרײַץ. קיין זאַך באַדויערט ער ניט און קיין זאַך קימערט אים ניט און איצט פילט ער קיין שום ווײטיק ניט. ער פאַרשטײט ספּאַרטאַקו־סעס לעצטע יוגנטלעכע פרײד. קיין מאָפאָלע איז נישט געווען. איצט איז ער ווי ספּאַרטאַקוס, וואָרעם אינאײנעם מיט ספּאַרטאַקוסן היט ער אין זיך דעם טיפן סאָד פון לעבן וואָס איז ספּאַרטאַקוסן באַקאַנט געווען. ער וויל דאָס זאָגן קראַסוסן. מיט אַלע זײַנע קויכעס רײַסט ער זיך ריידן. ער באַ־וועגט מיט די ליפּן, און קראַסוס שפּאַנט צו נענטער צום קרײַץ. קראַסוס איז שטײן געבליבן און קוקט אַפן גויסעס, נאָר פונעם גלאַדיאַטאָר האָט זיך אַ וואָרט ניט געהערט. דעמאָלט איז דעם גלאַדיאַטאָרס קאָפּ אַ פאַל גע־

טאָן אַף פאַרויס; זײַנע לעצטע קויכעס האָבן אים פאַרלאָזט און ער איז געשטאָרבן.

קראַסוס איז דאָרט געשטאַנען ביז די אַלטע איז צו אים צוגעקומען.

— ער איז טויט, — האָט די אַלטע געזאָגט.

— איך ווייס, — האָט קראַסוס געענטפערט.

און ער האָט צוגעשפּאַנט צום טויער און איז אַרײַן אין די קאַפּוער גאַסן.

X

אין דער נאַכט האָט קראַסוס געגעסן נאַכטמאָל איינער אַליין. ער איז פאַר קיינעם ניט געווען אין דער היים און די שקלאַפן האָבן געמערקט אַף אים די מאַרעשכוירע, וואָס ער פאַלט אין איר זייער אָפט אַרײַן און האָבן דעריבער געטראָטן שטיל און געהיט.

פאַרן נאַכטמאָל האָט ער אויסגעטרונקען די גרעסטע טייל פון אַ פלאַש ווײַן און נאָכן עסן האָט ער זיך אָװעקגעזעצט באַ אַ בוטל „סערוויוס״, ווי מען האָט גערופן אַ געוויסן שטאַרקן בראַנפן פון טייטלען, וואָס מען דיסטילירט אים אין עגיפּטע און מען ברענגט אים פון דאָרטן. איינער אַליין און מאַרעשכוירעדיק איז ער דערגאַנגען צו אַזאַ מאַדרייגע פון שיקער ווערן, אַז ער האָט שוין געפילט אַ ביסל פאַרצווייפלונג און פאַראַכטונג צו זיך אַליין און האָט זיך שוין קוים געקענט האַלטן אַף די פיס. ער האָט זיך וואַקלדיק צוגעשלעפּט צו זײַן שלאָפצימער און דאָרט האָט ער שוין געלאָזט די שקלאַפן אים אויסטאָן און אין בעט אַרײַנלייגן.

פונדעסטוועגן, איז ער טיף אײַנגעשלאָפן. אינדערפרי האָט ער זיך געפילט אויסגערוט, אָן קאָפּ־ווייטיק, און האָט ניט געדענקט, ער זאָל געווען האָבן אַ שווערן כאָלעם אין שלאָף. ער האָט געהאַט אַ געוווינהייט זיך באָדן צוויי מאָל אין טאָג, באַלד נאָכן אויפשטיין אינדערפרי און פאַר־נאַכט פאַרן נאַכטמאָל. ווי אַ סאַך אַנדערע רײַכע רוימער, האָט ער זיך געפירט ווייניקסטנס צוויי פאַרנאַכטן אין דער וואָך גיין אין די בעדער. נאָר דער אײַנפיר איז געווען ניט צוליב זײַן באַדערפעניש, נײַערט צוליב פּאָליטישע טײַמים. אין קאַפּוא אַפילע האָט ער געהאַט זײַנע אָן אייגענע שיינע באָד, מיט אַ קאַכליענעם באַסיין פון פיר מעטער קוואַדראַט, נידער־ריק באַ דער ערד, און באַזאָרגט מיט הייס און קאַלט וואַסער. ווו נאָר ער האָט זיך באַזעצט, האָט ער זיך באַמיט צו האָבן אַ באַקוועמע באָד־אײַנ־אָרדענונג. און אַז ער האָט זיך געבויט אַ הויז, זײַנען די רערן שטענדיק געווען בראָנדזענע אָדער זילבערנע, קעדיי דער זשאַווער זאָל זיי ניט צע־פרעסן.

ווי נאָר ער האָט זיך אָפּגעבאָדן, האָט אים זײַן שערער אָרומגעראַזירט. ער פלעגט גרויס האַנאָע האָבן פון דעם טייל טאָג, מיט דעם גלעט פונעם שאַרפן ראַזיר־מעסער איבער דער הויט, מיט דעם קינדערשן אײַנדרוק וואָס ער האָט דערבײַ געמישט מיט דעם געפיל פון סאַקאָנע, מיט די הייסע האַנטיכער, וואָס קומען דערנאָך, מיט די זאַלבן, וואָס מען רײַבט אים אײַן

מיט זיי דאָס לײַב און די מאַסאַזשן אַפן קאָפּ, וואָס ער האָט געמוזט האָבן צום סאָף. ער האָט זיך שטאַרק געגרייסט מיט זײַנע האָר און איז שטאַרק באַזאָרגט געווען דערפון וואָס זיי האָבן אים גענומען אויספאַלן.

ער האָט אָנגעטאָן אַ פּאָשעטן טונקל־בלויען טוניק, אַ באַזוימטן מיט זילבערנע פעדעם און, ווי ער איז געוווינט געווען, האָט ער אַרויפגעצויגן אַף די פיס זײַנע ווייכע ווײַסע הירשנפעלענע שטיוול ביז די קני. אַזוי ווי דעם מין שטיוול איז שווער צו פּוצן און אַז מען טראָגט זיי אַ פּאָר טעג מוזן זיי קויטיק ווערן, האָט קראַסוס צוליב דעם געהאַט אַן אייגענעם שוסטער־וואַרשטאַט מיט פיר שקלאַפן וואָס האָבן געאַרבעט אונטער אַ מײַסטער. די הויצאָע האָט זיך געלוינט צו מאַכן, מאַכמעס אין דעם בלויען טוניק מיט די ווײַסע שטיוול האָט דער גענעראַל געהאַט זייער אַן אָנציִענדיקן אויסזען. ווײַל אין דרויסן האָט אָנגעהויבן הייס ווערן, האָט ער באַשלאָסן ניט אָנצוטאָן דעם טוניק, אָפּעסן אַ לײַכטן פרישטיק פון פרוכט מיט קיכלעך און זיך לאָזן צוטראָגן אַף דעם טראָגבעט צום הויז, ווו די דרײַ יונגע מענטשן האָבן געוווינט. ער האָט זיך אַ ביסל געשעמט און זיך געפילט פאַרלוירן פון דעם אויפן ווי ער איז זיך באַגאַנגען מיט העלענען, נאָר, נאָך אַלעמען, האָט ער זיי צוגעזאָגט פאַרווײַלן אין קאַפּוּאַ.

ער איז שוין איינמאָל אָדער מער מאָל געהאַט געווען אין דעם הויז און האָט אויבנאויפיק געקענט העלענעס פעטער, אַזוי אַז ווען ער איז צוגעקומען, האָט אים דער שקלאַף באַ דער הויפּט־טיר אויפגענומען ווי אַ גאַסט און האָט אים אַרײַנגעפירט אין אַ הייפל, ווו די פאַמיליע מיט אירע געסט זײַנען נאָך געזעסן באַם פרישטיק. העלענע האָט זיך פאַרוויטלט ווען זי האָט אים דערזען און האָט פאַרלוירן איר יוגנטלעכן שטעל, וואָס זי פלעגט אַזוי זאָרגעווודיק היטן. קאַיוס איז קענטיק מיט אַן עמעס צופרידן געווען וואָס ער איז געקומען און דער פעטער מיט דער מומען, טיף געריִרטע פון דעם קאָוועד וואָס דער גענעראַל האָט זיי פאַרשאַפט, האָבן אים אַרויסגעוויזן זייער גאַנצע גאַסטפרײַנטשאַפט. קלאַוודיע בלויז האָט אים ביטרע און ציניש אָנגעקוקט, מיט אַ שפּור פון בייזוויליקייט אינעם בליק.

— אויב איר זײַט הײַנט ניט פאַרנומען, — האָט קראַסוס געזאָגט, — וועל איך אײַך פירן ווײַזן אַ פאַרפום־פאַבריק. עס וואָלט פּאָשעט אַ ביזיאָיען געווען קומען קיין קאַפּוּאַ און ניט האָבן געזען קיין איינע פון די דאָזיקע פאַבריקן. ביפראַט נאָך ווען אונדזער אָרעמע שטאָט, אויב זי צייכנט זיך מיט עפּעס אויס, איז מיט אירע גלאַדיאַטאָרן און מיט אירע פאַרפומען.

— אַ זייער מאָדנע קאָמבינאַציע, — האָט קלאַוודיע אַ שמייכל געטאָן.

— הײַנט זײַנען מיר ניט פאַרנומען, — האָט העלענע געזאָגט, — קלאַוודיע מיינט דערמיט צו זאָגן, אַז מיר האָבן פלענער, נאָר מיר וועלן זיי מיט פאַרגעניגן אָפּלייגן קעדיי מיט אײַך אַרויסצוגיין.

קאַיוס האָט שאַרף, קימאַט מיט קאַס אַ קוק געטאָן צו זײַן שוועסטער. קראַסוס האָט אויפגעקלערט, אַז זײַן פאַרבעטונג שליסט נאַטירלעך אײַן אויך די עלטערע מענטשן, נאָר זיי האָבן זיך אַנטשולדיקט. די פאַר־

פּום־פאַבריקן זײַנען פאַר זיי קיין נײַס ניט און די באַלעבאַסטע האָט נאָך צוגעגעבן, אַז צופיל פאַרפום־דרייכעס פאַרשאַפן איר קאָפּ-ווייטיק.

שפּעטער אַביסל זײַנען זיי געגאַנגען צו דער פאַרפומערײַ. די בעטן האָט מען געטראָגן אין דער ריכטונג צו די אַלטע קאַפּוער געגנטן. די גאַסן זײַנען געוואָרן שמעלער און די בינינים העכער. מען האָט דערקענט, אַז דאָרט ווערן ניט אָנגעווענדעט די פאַשעטסטע פאַראָרדענונגען פון דער „אורבס", און די געבײַען זײַנען דאָרט אָנגעוואָרפן געווען ווי אַ קינדערשע שפּיל מיט הילצערנע קוביקעס. אָפט האָט עס אויסגעזען ווי אויבן וואָלטן זיי זיך צונויפגעקומען און מען האָט זיי דערום אונטערגעשפּאַרט מיט קלעצער. כאָטש געווען איז נאָך פרי, איז דער הימל געווען לויטער און בלוי, נאָר די גאַסן זײַנען געשטאַנען אין אַ טרויעריקן נעפּל און אין קויט; דאָס מיסט האָט מען געוואָרפן אָפן מיטן גאַס פון די הײַזער אַרויס און איז דאָרט געבליבן פוילן. און דער מיַעסער מיסט־רייעך האָט זיך מאָדנע אויסגעמישט ביז צום איבלען מיט דעם פאַרפום פון די זאַלבן און געווירצן.

— זעט איר שוין, — האָט קראַסוס געזאָגט, — ווו עס געפינען זיך אונדזערע פאַבריקן און פאַרוואָס. דער רייעך האָט זײַנע אַ נוצלעכע מיסיע.

אין די גאַסן האָט מען ניט געזען די ריין געקליידעטע און גוט אויס־זעענדיקע שקלאַפן ווי מען האָט דאָס געזען אין די בעסערע שטאָט־טיילן, און מען האָט אויך ניט אָנגעטראָפן קיין סאָך טראָג־בעטן. אין די רינשטאָקן האָבן זיך געשפּילט קוויטיקע האַלב נאַקעטע קינדער. באַ די שטעלן אַף די טראָטואַרן האָבן אָרעם געקליידעטע ווײַבער זיך געדונגען באַם אײַנקויפן אָדער אַף די טירן פון די הײַזער געזעסן און אָנגעזויגן די קינדער. געהערט האָט זיך אַ געפּליסטער פון מאָדנע געשפּרעכן און פון די פענצטער האָבן זיך געטראָגן רייכעס פון מאָדנע געקעכצן.

— סאַראַ שרעקלעך אָרט דאָס איז! — האָט העלענע געזאָגט. — איז עס עמעס, אַז פון אָט די אָפּטריטן קומען אַרויס די פאַרפומען?

— אַזוי איז עס, טײַערע. די בעסטע און מערסטע, מער ווי אין וועל־כער עס איז שטאָט אַף דער גאַנצער וועלט. און וואָס שײַעך די מענטשן דאָ, זײַנען עס מערסטנס סירייער, עגיפּטער און אייניקע גריכן און ייִדן. מיר האָבן געפּרוּווט לאָזן אַרבעטן אונדזער פאַבריק מיט שקלאַפן, האָט עס קיין רעזולטאַט ניט געגעבן. אַ שקלאַף קען מען צווינגען אַרבעטן, מען קען אים אָבער ניט צווינגען ער זאָל ניט קאַליע מאַכן דאָס וואָס ער טוט. דאָס גייט אים ניט אָן. גיט אים אַ סאַפּע אָדער אַ קאָסע, אַ האַק אָדער אַ האַמער, וועט איר זען וואָס ער וועט פון זיי מאַכן. נאָך אַלעמען, איז אַזוינע גע־צײַגן שווער קאַליע צו מאַכן. נאָר גיט אים זײַד צום וועבן אָדער פײַנע לײַנענע פעדעם אָדער איידעלע רעטאָרטעס אָדער שטעלט אים אַוועק מאַכן פּינקטלעכע אויסמעסטונגען אָדער גיט אים אַ טייל פון אַ פאַבריק־אַרבעט, וועט ער, אַזוי זיכער ווי עס איז דאָ גאָט אַף דער וועלט, קאַליע מאַכן די אַרבעט וואָס ער טוט. און אונדזערע אייגענע פּראָלעטאַריער? וואָס קען זיי לאָקן די אַרבעט? פאַראַן צען קאַנדידאַטן אַף איין אַמט. און פאַרוואָס עפּעס זאָל איינער אַרבעטן ווען אַנדערע נײַן לעבן בעסער פון נעדאָוועס

און פארברענגען די טעג באם שפיל אין די צירקן אדער אין די בעדער? זיי וועלן זיך בעסער אנשליסן צו דער ארמיי, דארט האבן זיי כאטש אויס־זיכטן רייך צו ווערן, אויב עס גליקט זיי. נאר אפילע אין דער ארמיי, מוז מען וואס ווייטער אלץ מער אנקומען צו די בארבארן. ער וועט אבער ניט גיין אין פאבריק, צוליב די לוינען וואס מיר קענען צאלן. מיר האבן צע־שטערט זייערע ארבעטער־פאראיינען, ווייל מען האט זיי געמוזט צעשטערן, אז ניט וואלטן זיי איבערגעלאזט אונדזערע פאבריקן. אזוי אז איצט נעמען מיר אריין סיריער, עגיפטער, יידן און גריכן. און אויך זיי ארבעטן נאר אזוי לאנג ביז זיי שפארן אפ גענוג אף איינצוקויפן זיך בירגער־רעכט בא עפעס א ווינקל־פאליטיקער. איך ווייס ניט מיט וואס דאס וועט זיך ענ־דיקן. נאר ווי דאס גייט איצט, וועלן זיך גיכער די פאבריקן מוזן שליסן איידער נייע זאלן זיך עפענען.

זיי זיינען שוין געווען אין פאבריק. געווען איז דאס א הילצערנער ביניען, א פלאטשיקער מיעסער ביניען צווישן די ווין־הייזער, פון אן ערעך פופציק מעטער קוואדראט, א שמוציקער, א כארעווער, מיט א פאל ערטער־ווייז צעפוילט און ערטערווייז אן ברעטער. פונעם דאך האט ארויסגעשטעקט אן עמעסער וואלד מיט רויכערדיקע קוימענעס. אן א זייט איז געווען א פלאטפארמע פאר לאדונגען און לעבן דער פלאטפארמע עטלעכע טאטש־קעס. אף די טאטשקעס זיינען אנגעלייגט געווען פעק מיט קארע, קוישן מיט פרוכט און ליימענע קיילים.

קראסוס האט באפוילן אוועקשטעלן די טראגבעטן אקעגן דער פא־בריק. מען האט טייקעף צעעפנט דעם ברייטן הילצערנעם טויער און קאיוס, העלענע און קלאודיע האבן באקומען דעם ערשטן איינדרוק פון א פאר־פום־פאבריק אינעווייניק. דער ביניען איז באשטאנען פון א גרויסן דאך אונטערגעשפארט מיט הילצערנע סטויפעס און אינעם דאך לעכער אף אריינצולאזן זון און לופט. די אטמאספער איז געווען א שווערע, פון דער הילץ און פון דעם פייער אין די אפענע אויוונס. אף לאנגע טישן זיינען אנגעשטעלט געווען שיסלען און שמעלץ־טעפ און די מאסע פארגעדיכטונג־סטענגעס, וואס האבן זיך געהויבן פון די קובן, האבן אויסגעזען ווי פון א פאנטאסטישן כאלעם ארויסגעקומען. און איבער דעם אלעמען האט זיך געטראגן דער געשמאקער און איבלענדיקער רייעך פון די פארפומירטע בוימלען.

די געסט האבן אויך געהאט דעם איינדרוק פון זען הונדערטער אר־בעטער בא זייער ארבעט. קליינע מענטשן מיט פארברוינטע פענעמער, א סאך פון זיי בערדיקע, נאקעטע, מיט בלויז שאנד־פארטעכער פון פארנט, האבן באדינט די קובן, אויפגעהאלטן דאס פייער אין די אויוונס, געבראכט אף די טישן קארע און פרוכט־שאלעכצער אדער אנגעגאסן קליינע זילבערנע פלעשלעך מיט עסענצן, טראפנווייז ארויסגעצויגענע, און זיי פארלאקירט. אנדערע האבן געשיילט פרוכטן אדער געשניטן שטיקלעך כאזער־פעטס.

דער פארוואלטער, — א רוימער, וואס קראסוס האט אים פארגע־שטעלט מיט דעם הוילן נאמען אוואלאס, אן שום טיטלען און ביינעמען —

האָט באַגריסט דעם גענעראַל און זײַנע געסט מיט אַ געמיש פון זאַלביקער דינסט-גרייטקייט, אַנגסט און פאַרזיכטיקייט. אַ פּאָר מאַטבייעס וואָס קראַסוס האָט אים געגעבן, האָבן נאָך שטאַרקער געמאַכט זײַן דראַנג זיי צו דאַנקען און ער האָט זיי אומגעפירט פון איין אָרט אָפּן צווייטן. די אַרבעטער זײַנען ווײַטער אַנגעגאַנגען מיט זייער אַרבעט, די פּענעמער שטײַף, קאָנצענטרירט און אַנגעכמורעט. ווען זיי האָבן ביגנייווע אַ קוק געטאָן אָף די געסט, האָט מען אָף זייערע פּענעמער קיין שום ענדערונג געמערקט. פון אַלץ וואָס קאַיוס, העלענע און קלאַוודיע האָבן געזען, איז דאָס אויסטערלישסטע געווען די אַרבעטער. עפּעס באַזונדערדיקס און דראַענדיקס איז אין זיי געווען. דאָס זײַנען ניט קיין שקלאַפן... און ניט קיין רוימער. זיי זײַנען אויך ניט ענלעך צו דער אַלץ קלענער ווערנדיקער צאָל פּויערים, וואָס קלאַמערן זיך נאָך צו זייערע קליינע כאַלאָקים ערד איבער די צוואַרפּענע געגנטן פון איטאַליע. דאָס זײַנען אַנדערע מענטשן און זייערע אַנדערשקייט רופט אַרויס זאָרג.

— דאָ פירן מיר דורך, — האָט קראַסוס געזאָגט, — דעם דיסטילירונגס-פּראָצעס. דאָס האָבן מיר צו דאַנקען די עגיפּטער. נאָר זיי האָבן קיינמאָל ניט באַוויזן צו פאַרוואַנדלען דעם פּראָצעס אין אַ מאַסן־פּראָדוקציע. דאָס אָרגאַניזירט שוין רוים.

— איז עס, הייסט עס, אַמאָל געווען אַנדערש? — האָט קאַיוס געפרעגט.

— אָ, זיכער! אַמאָליקע צײַטן האָט דער מענטש געמוזט זײַן אָפּהענגיק פון דער נאַטירלעכער עסענצן־פּראָדוקציע, באַזונדער פון אַליוון, מירטן און, פאַרשטייט זיך, קאַנפער. דאָס זײַנען גומיקע רעזינען, וואָס טריפן פון דיביימער. אין מיזרעך, ווי איך האָב געהערט, זײַנען פאַראַן פּלאַנטאַציעס פון דעם מין ביימער. מען מאַכט אַן אײַנשניט אין דער קאָרע און מען ציט פון זיי אַרויס אָף אַ פּאַשעטן אויפן דעם טריף. טכילעס פלעגט מען די עסענצן רייכערן ווי ווײַרעך. די עגיפּטער האָבן אויסגעפונען דעם קוב, וואָס גיט אונדז ניט נאָר בראָנפן און אַ קירצערן וועג צום שיקער ווערן, נאָר אויך פּאַרפומען.

ער האָט זיי צוגעפירט צו איינעם פון די בראַקטישן, ווו אַרבעטער האָבן געשיילט ציטרינען־שאָלעכצער אַזוי דין ווי פּאַפּיר. קראַסוס האָט איינע פון די שאָלעכצער גענומען אָף דער שײַן.

— אַז איר קוקט אײַך צו, זעט איר די זעקעלעך אייל און, איר קענט מיסטאָמע דעם פּײַנעם גערוך פון ציטריך־שאָלעכץ. דאָס איז די באַזע ניט נאָר פון דעם ציטריך, נאָר אויך פון אַנדערע מינים פּרוכט, אָף אַרויסצובאַקומען פון זיי די טײַערע קווינטעסענץ. איצט, אויב איר ווילט מיר נאָכגיין...

און ער האָט זיי צוגעפירט צו איינעם פון די אויוונס. געקאָכט האָבן זיך דאָרט אין אַ גרויסער קיילע שטיקלעך שאָלעכץ. די קיילע האָט מען פאַרן אַרײַנרוקן אין אויוון הערמעטיש צוגעמאַכט מיט אַ מעטאַלענעם דעקל. פונעם דעקל האָט אַרויסגעשטעלט אַ געוויקלטער קופּערנער רער ביז ער

איז צוגעקומען צו אַן אָרט, ווו עס האָט זיך אַף אים געגאָסן אַ שטראָם מיט וואַסער. דער עק פון דעם ר׳ער האָט געשטעקט אין אַ צווייטער קיילע.

— דאָס איז דער קוב, — האָט קראַסוס אויפגעקלערט, — ווו עס זידט דער מאַטעריאַל, וואָס באַשטייט פון קאָרע, בלעטער אָדער פרוכטן־שאָלעכ־צער, ביז עס עפענען זיך די אייל־זעקעלעך. דער אייל הייבט זיך אַרויף אין דער פאָרעם פון דאַמף און מיר פאַרגעדיכטן אים מיט דעם וואַסער־שטראָם.

ער האָט זיי צוגעפירט צו אַ צווייטן אויוון, ווו דער קוב האָט דיסטי־לירט, און קראַסוס האָט ווײַטער אויפגעקלערט: „דאָ זעט איר דאָס וואַסער צוקומען. ווען אַ קיילע ווערט פול מיט דעם וואַסער פאַרגעדיכטן מיר עס און דער אייל בלײַבט שטיין פון אויבן. דער אייל איז די קווינטעסענץ און מען נעמט אים פאָרזיכטיק אַראָפּ און מען האַלט אים פאַרזיגלט אין די זילבערנע רערן. דאָס וואָס בלײַבט, איז דאָס שמעקעדיקע וואַסער, וואָס איז איצט אַזוי אין דער מאָדע צו טרינקען באַם פרישטיק".

— אָט דאָס, הייסט עס, טרינקען מיר? — האָט קלאַוודיע אַ געשריי געטאָן.

— מער ווייניקער. מען מישט צו דיסטילירטע וואַסער. נאָר איך פאַר־זיכער אײַך, אַז דאָס איז זייער געזונט. אַכוצדעם מישט מען צו נאָך אַנדערע געמישן, לויט איינעמס געשמאַק, ווי מען מישט די בוימלען אַף צו באַקו־מען אַנדערע פאַרפומען. אין דער פאָרעם ווי די וואַסער איז איצט, נוצט מען זי ווי טואַלעט־וואַסער.

ער האָט באַמערקט ווי העלענע קוקט אַף אים און לאַכט און ער האָט זי געפרעגט: „איר מיינט, אַז איך זאָג אײַך ניט דעם עמעס?"

— ניין... ניין, מיך וווּנדערט בלויז ווי איר ווייסט דאָס אַלץ וויפל מאָל האָב איך שוין געהערט ווי זאַכן ווערן געמאַכט! מיר דאַכט זיך שטענדיק, אַז קיינער ווייס ניט ווי אַזוי עפּעס ווערט געמאַכט.

— מײַן אויפגאַבע איז צו וויסן, — האָט קראַסוס אַ פאַראינטערע־סירטער אָפּגעענטפערט, — איך בין זייער אַ רײַכער מענטש. איך שעם זיך ניט דערמיט, ווי אַנדערע. אַ סאַך מענטשן, טײַערע מײַנע, קוקן אַף מיר פון אויבן אַראָפּ, דערפאַר וואָס איך גיב מיך אָפּ מיט מאַכן געלט. מיך קימערט עס ניט. איך האָב ליב רײַך צו זײַן. נאָר צום אונטערשייד פון אַנדערע מײַנע קאָלעגן, זע איך ניט דאָס מיטל רײַך צו ווערן אין די פּלאַנ־טאַציעס. און ווען מען שאַרט מיר צו אַ מילכאָמע, גיט מען מיר ניט קיין שטעט אײַנצונעמען, ווי דאָס פּאַסירט מיט פּאָספּעיוסן; מיר האָט מען געגעבן די שקלאַפן־מילכאָמע, וואָס האָט, עמעס, גאָר ווינציק אַרײַנגע־בראַכט. יעדער איינער פון אָט די זילבערנע רערן מיט קווינטעסענץ, האָט די ווערט צען מאָל מער, אין ריינעם גאָלד אָפּגעוויגן. אַ שקלאַף עסט אויף אײַער שפּײַז און שטאַרבט. נאָר אָט די אַרבעטער ווערן פאַרוואַנדלט אין גאָלד. איך דאַרף מיך ניט זאָרגן פאַר זייער וווינונג און באַשפּײַזונג.

— פונדעסטוועגן, — האָט קאַיוס שפּעקולאַטיוו אַ זאָג געטאָן, — קענען זיי טאָן דאָס וואָס ספּאַרטאַקוס האָט געטאָן...

— אַן אויפשטאַנד פון אַרבעטער ? — האָט קראַסוס אַ שמייכל געטאָן און האָט געדרייט מיטן קאָפּ. — ניין, דאָס וועט קיינמאָל ניט זײַן. נעמט אין אַכט, אַז זיי זײַנען ניט קיין שקלאַפן. זיי זײַנען פרײַע מענטשן. זיי קענען קומען און אַוועקגיין ווען זיי ווילן. פאַרוואָס זאָלן זיי זיך בונטעווען ? קראַסוס האָט אַ קוק געטאָן אַרום זיך איבערן גרויסן געדעקטן פלאַץ און האָט צוגעגעבן : „ניין. דער פאַקט איז, אַז די גאַנצע צײַט פון דער שקלאַפן־מילכאָמע האָבן מיר ניט אויסגעלאָשן די אויוונס. נישטאָ אַזעלכע בענדער וואָס זאָלן פאַרבינדן מענטשן מיט שקלאַפן.

דאָך, ווען זיי זײַנען אַרויס פון דאָרטן, איז קאַיוס געווען אומרויִק. די מאָדנע שווײַגנדיקע בערדיקע מענטשן, וואָס האָבן אַזוי שנעל און פלײַסיק געאַרבעט, האָבן אים פול געמאַכט מיט מוירע און מיט אומצוטרוי. כאָטש ער האָט ניט געוווּסט פאַרוואָס.

זיבעטע טייל

וואָס דערציילט וועגן ציצעראָנס און גראַקוסעס רייזע קיין רוים, וועגן דעם וואָס זיי האָבן געשמועסט אין וועג און דערנאָך וועגן ספּאַרטאַקוסעס פּלעס און ווי מען האָט אים דערציילט גראַקוסן

I

פּונקט ווי קאַיוס, קראַסוס און די צוויי מיידלעך זיינען אַרויסגעפאָרן איבער דער וויאַ אַפּיאַ אַף דאָרעם, קיין קאַפּואַ, אַזוי האָבן שפּעטער אַביסל ציצעראָן און גראַקוס זיך אַרויסגעלאָזט אַף צאָפן, צו רוים. „וויליאַ סאַלאַריאַ" איז געשטאַנען עפּעס ווייניקער ווי אַ טאָג וועג פון דער שטאָט און מיט דער צייט האָט מען זי גענומען באַטראַכטן ווי אַ טייל פון די פאָרשטעט. ציצעראָן און גראַקוס האָבן דעריבער זייער רייזע געמאַכט ניט געאייַלט און זייערע בעטן האָט מען געטראָגן זייט בּאַ זייט, איינס לעבן אַנדערן. ציצעראָן, מיט זיין נייגונג צו פּראָטעזשירן אַנדערע, און אַ שטיקל סנאָב, האָט זיך דאָך פּירגענומען אָנצוהאַלטן דעם דערעכערעץ צו דעם מענטשן וואָס האָט אַזאַ מאַכט אין שטאָט. און, דעם עמעס געזאָגט, איז אַ ליאַדע איינעם שווער געווען ווידערצושטיין גראַקוסעס פּאָליטישן שאַרפזין.

אַז אַ מענטש גיט זיין גאַנץ לעבן אַוועק אַף געווינען די סימפּאַטיע פון מענטשן און אויסמיידן זייער רוגעז, איז עס זיינע אַן אויפגאַבע צו קולטיווירן געוויסע עלעמענטן פון היסקאָרוועס און גראַקוסן וואָלט שווער געווען אָנצוטרעפן וועמען ער זאָל נישט קענען געווינען. ציצעראָן, ווידער, איז ניט געווען קיין גאָר סימפּאַטישער מענטש ; געווען איז ער פון דעם טיפּ אינטעליגענטע פּאַרשוינען, וואָס דערלאָזן קיינמאָל ניט, אַז פּרינציפּן זאָלן זיך שטעלן אין וועג זייער דערפאָלג. כאָטש גראַקוס איז געווען ניט ווייניקער אָפּאָרטוניסט, האָט ער זיך אָבער אויסגעטיילט פון ציצעראָנען דערמיט וואָס ער האָט רעספּעקט געהאַט צו פּרינציפּן ; ער האָט זיי פּאָשעט געהאַלטן פאַר אַ שטער וואָס מען דאַרף אים אויסמיידן. דער פאַקט וואָס ציצעראָן, וועלכער האָט זיך אַליין געהאַלטן פאַר אַ מאַטעריאַליסט, האָט געלייקנט וועלכע עס איז שיין פון אָרנטלעכקייט אינעם מענטשן, האָט אים געמאַכט פאַר ווייניקער רעאַליסט ווי גראַקוס. דאָס האָט געפירט דערצו ער זאָל זיך ווען ניט ווען פילן געטראָפן פון דעם דיקן אַלטנס מילדן כויזעק. אין דער עמעסן איז גראַקוס ניט געווען בייזוויליקער אָדער רישעסדיקער פון אַ צווייטן. ער פלעגט בלויז שאַרפער ווי אַנדערע אַרויסטרעטן קעגן זעלבסט-נאַררייַ, ווייל ער האָט אויסגעפונען, אַז דאָס איז אַ שטער צו זיינע אַמביציעס.

אַכוצדעם, האָט ער ציצעראָנען ניט אַזוי פײַנט געהאַט ווי ער וואָלט אים געקענט פײַנט האָבן. ציצעראָן האָט אים אין אַ געוויסער מאָס איבּ־ טריגירט. די וועלט האַלט זיך אין ענדערן; גראַקוס האָט געוווּסט, אַז אין פאַרלויף פון זײַן אייגענעם לעבן איז געשען אַן ענדערונג פון גרויס באַ־ טײַט, ניט נאָר אין רוים, נאָר אין דער גאָרער וועלט. ציצעראָן איז געווען דער אָנזאָג פון דער ענדערונג. ציצעראָן איז געווען אַ טייל פון אַ גאַנצן דאָר אינטעליגענטע יונגעלײַט אָן שום געוויסן. אויך גראַקוס איז געווען אַ מענטש אָן געוויסן, נאָר אין זײַן געוויסנלאָזיקייט איז געווען פלאַץ פאַר מיטלײַד, אַ כּוש פאַר דער פאַראַנענער ראַכמאָנעס, כאָטש ער אַליין פראַקטיצירט ניט קיין מײַסים וואָס שטייען אַף מיטלײַד. ביידע האָבן זיי, דאַכט זיך, געטראָגן אַ פאַנצער אָן איין שפּאַלט. אַ מין שטאַנד־קינע איז צווישן זיי געווען — שוין דערמיט, וואָס ציצעראָן איז געווען צופיל ווילדערצויגן און האָט געהאַט גוטע געזעלשאַפטלעכע קאַנטשאַפטן; געווען איז אָבער אויך אַן עלעמענט פון קינע צוליב זײַן ספּעציעל אַרויסגעוויזענער קאַלט־ קייט. גראַקוס האָט אין ציצעראָנען מעקאַנע געווען אַ מין קראַפט־זאַגע, וואָס ער איז אין איר שוואַך געווען. און אָט וועגן דעם האָט ער איצט געטראַכט און איבערגעטראַכט.

— איך שלאָפט? — האָט ציצעראָן ווייך אַ פרעג געטאָן. פאַר אים גופע זײַנען די באַוועגונגען פונעם טראָגבעט געווען פאַרטעמפּנדיק און האָבן אים געשלעפערט.

— ניין... כ'האָב פּאָשעט געטראַכט.

— וועגן וויכטיקע מעלוכע־איניאָנים? — האָט ציצעראָן לײַכט אַ פרעג געטאָן און האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז דער אַלטער באַנדיט מוז אַוואַדע פּלאָנעווען ווי אונטערצוגראָבן עפּעס אַ נאַיִוון סענאַטאָר.

— וועגן גאָרניט קיין וויכטיקער זאַך. איך האָב געטראַכט וועגן אַן אַלטער לעגענדע, אויב איר ווילט גענויער. אַן אַלטע מײַסע, אַ ביסל אַ נאַ־ רישע, ווי בּיקלאַל אַלטע מײַסעס.

— פאַרוואָס זאָלט איר זי מיר ניט דערציילן?

— איך בין זיכער אַז זי וועט אײַך לאַנגווײַליקן.

— בלויז די לאַנדשאַפט לאַנגווײַליקט די רײַזנדער.

— אַלנפאַלס איז עס אַ מאָראַלישע געשיכטע און נישטאָ נאָך אַזאַ איבערדריסיקע זאַך ווי מאָראַליזירנדיקע מײַסעס. מיינט איר, ציצעראָן, אַז אין אונדזער הײַנטיקן לעבן איז פאַראַן פלאַץ פאַר מאָראַליזירנדיקע דער־ ציילונגען?

— זיי זײַנען גוט פאַר קינדער. מײַן באַליבטע מײַסע האָט אַ שײַכעס מיט אַ מעגלעך ווײַטער קרויווע. די מוטער פון די גראַקוסעס.

— איך זע ניט קיין שום קרויוועשאַפט.

— צו יענער צײַט בין איך אַלט געווען זעקס יאָר. צו זיבן יאָר האָב איך שוין אין דער קרויוועשאַפט געצווייפלט.

— צו זיבן יאָר האָט איר ניט געקענט זײַן אַזוי שלעכט, — האָט גראַ־ קוס אַ שמייכל געטאָן.

— איך בין זיכער אַז יאָ. אין אײַך, גראַקוס, געפעלט מיר דאָס וואָס איר שטעלט אײַך קײנמאָל ניט אַרויס מיט אײַער ייִכעס.

— דאָס איז פון באַשיידנקייט און ניט פון זיטלעכקייט.

— און די מײַסע ?

— כ'האָב מוירע איר זײַט צו אַלט פאַר איר.

— פּרווט, — האָט ציצעראָן געזאָגט, — אײַערע מײַסעס האָבן מיך קײנמאָל ניט אַנטוישט.

— אַפילע ווען זיי זײַנען גאָרנישט ניט אויסן ?

— עפּעס זײַנען זיי שטענדיק אויסן. מער ניט, מען דאַרף זײַן גענוג קלוג אויסצוגעפינען עפּעס אין זיי.

— אויב אַזוי וועל איך אײַך דערציילן, — האָט גראַקוס אַ לאַך געטאָן. — עס דערציילט זיך וועגן אַ מוטער וואָס האָט געהאַט אַן איינציקן זון. געווען איז ער אַ הויכער, אַ פעסטער און אַ שיינער און זי האָט אים ליב געהאַט ווי אַ מוטער האָט נאָך קײנמאָל ניט ליב געהאַט איר זון.

— מײַן מוטער, גלייב איך, האָט אין מיר געזען אַ שטער צו אירע פאַנטאַסטישע אַמביציעס.

— פּאַסירט האָט עס, לאָמיר זאָגן, שוין זייער לאַנג, ווען גוטע זיטן זײַנען נאָך מעגלעך געווען. די מוטער האָט ליב געהאַט איר זון. און אים פלעגט די זון אויפגיין און פאַרגיין. דער זון האָט זיך פאַרליבט. ער האָט זײַן האַרץ פאַרלוירן צו אַ פרוי וואָס איז געווען אַזוי שיין ווי פאַרדאַרבן. און אַזוי ווי געווען איז זי זייער פאַרדאָרבן, קענט איר אײַך פאָרשטעלן ווי שיין זי איז געווען. ער פון איר אָבער האָט אַפילע קיין בליק ניט געהאַט, אַפילע ניט אַ באַגריסונג. אַבסאָלוט גאָרניט.

— איך האָב געקענט אַזעלכע פרויען, — האָט ציצעראָן צוגעשטימט.

— און ער איז געווען מעשוגע פאַר איר. באַ אַ געלעגנהייט האָט ער איר געזאָגט וואָס ער איז גרייט צו טאָן פאַר איר, סאַראַ שלעסער ער וואָלט פאַר איר אויסגעבויט, סאַראַ פאַרמעגנס ער וואָלט אָנגעקליבן. געווען זײַנען עס אַבסטראַקטע זאַכן און זי האָט אים געזאָגט, אַז דאָס אַלץ אינטערעסירט איר ניט. אַנשטאָט דעם האָט זי געפאָדערט אַ מאַטאָנע, וואָס איז דורכויס אין זײַנע מעגלעכקייטן איר צו שענקען.

— אַ געוויינלעכע מאַטאָנע ? — האָט ציצעראָן געפרעגט.

גראַקוס האָט ליב געהאַט דערציילן מײַסעס. ער האָט אין אַכט גענומען די פראַגע און האָט צו איר צוגעשטימט : „אַ פּאַשעטע מאַטאָנע. זי האָט געבעטן דעם יונגנמאַן ער זאָל איר ברענגען דער מוטערס האַרץ. און ער האָט דאָס געטאָן. ער האָט גענומען אַ מעסער, האָט עס אײַנגעשטאָכן אין דער מוטערס ברוסט און האָט אַרויסגעריסן איר האַרץ. אַ פאַרשעמטער פון דער גרויליקער זאַך וואָס ער האָט אָפּגעטאָן און אַ נערוועזשער, איז ער געלאָפן אין וואַלד, ווו די פאַרדאָרבענע און שיינע פרוי האָט געוווינט. און אינמיטן לויפן האָט ער זיך פאַרטשעפּעט אין אַ וואָרצל און איז אומגעפאַלן. און בעייסן פאַלן איז דאָס האַרץ באַ אים פון די הענט אַרויסגעשפּרונגען. ער איז געלאָפן כאַפּן דאָס טײַערע האַרץ, וואָס האָט אים

באַדאַרפט געבן די ליבע פון יענער פרוי, און ווען ער האָט זיך אָנגעבויגן דאָס אויפצוהייבן, האָט ער געהערט ווי דאָס האַרץ זאָגט אים: „זון מײַנער, האָסט דיר ניט ווײ געטאָן בעייס דו ביסט געפאַלן?" גראַקוס האָט זיך אָפּגעשפּאַרט אינעם טראָגבעט אַף הינטן, האָט צונויפגעלייגט די פינגער פוןביידע הענט און האָט זיי באַטראַכט.

— און דערנאָך? — האָט ציצעראָן געפרעגט.

— דאָס איז איינגאַנצן. איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, אַז די מײַסע איז אַ מאָראַליזירנדיקע און איז גאָרנישט ניט אויסן.

— מעכילע? ניין, דאָס איז ניט קיין רוימישע מײַסע. מיר, רוימער, זײַנען ניט גענויגט צו מעכילע. אַלנפאַלס איז עס ניט די מוטער פון די גראַקוסעס.

— ניט אין מעכילע גייט עס, עס גייט אין ליבע.

— אַך!

— איר גלייבט ניט אין ליבע?

— ליבע איבער אַלץ? פאַר קיין פאַל ניט! אויך דאָס איז ניט רוימיש.

— ווי גאָט איז אײַך ליב, ציצעראָן, קענט איר קאַטאַלאָגירן יעדע גוטע זאַך אַף דער וועלט לויט דער קאַטעגאָריע פון רוימיש און ניט רוימיש?

— די מערסטע זאַכן, — האָט ציצעראָן געפעליק געענטפערט.

— און איר גלייבט דערין?

— דעם עמעס געזאָגט, ניין, — האָט ציצעראָן אַ לאַך געטאָן.

גראַקוס האָט זיך געטראַכט: „ער האָט נישט קיין זין פאַר הומאָר. ער לאַכט ווײַל ער מיינט אַז איצט פּאַסט זיך צו לאַכן." און ער האָט אָפן קאָל געזאָגט:

— איך האָב אײַך געוואָלט זאָגן איר זאָלט אײַך אָפּלאָזן פון פּאָליטיק.

— אַזוי?

— אַלנפאַלס, גלייב איך ניט מײַן אייצע זאָל אײַך מיט עפּעס באַרירן.

— איר גלייבט, הייסט עס, אַז איך וועל קיינמאָל קיין דערפאָלג ניט האָבן אין פּאָליטיק, ריכטיק?

— ניין. דאָס וואָלט איך ניט געזאָגט. האָט איר זיך אַמאָל פאַרטראַכט וועגן פּאָליטיק? וואָס אַזוינס איז פּאָליטיק?

— איך שטעל מיר פאָר, אַז זי איז אַ סאַך זאַכן. קיין איינע ניט פון זיי אַן איבעריק ריינע.

— אַזוי ריין און אַזוי אומריין ווי וועלכע עס איז אַנדערע זאַך. איך האָב מײַן לעבן אָפּגעלעבט ווי אַ פּאָליטיקער.

געטראַכט האָט זיך גראַקוס: „איך געפעל אים ניט. איך פאַל אַן און ער שלאָגט צוריק. פאַרוואָס איז מיר אַזוי שווער צו דערלאָזן אַז פאַראַן מענטשן וואָס איך געפעל זיי ניט?

— מען זאָגט, אַז אײַער גרעסטע מײַלע, האָט ציצעראָן אים געזאָגט, — איז אַ געוואַלדיקער זיקאָרן פאַר נעמען. איז עס ריכטיק, אַז איר קענט געדענקען די נעמען פון הונדערט טויזנט מענטשן?

— גאָך איין אילוזיע מיקויעד פּאָליטיק. איך קען קוים הונדערט מענטשן בײַ די נעמען.

— אַניבאַל, זאָגט מען, האָט געקענט די נעמען פון אַלע זעלנער בײַ זיך אין דער אַרמײ.

— אויך ספּאַרטאַקוסן שרײַבט מען צו אַזאַ זיקאָרן. מיר קענען ניט פאָרטראָגן עמעצער זאָלט אָפּהאַלטן אַ ניצאָכן דערפאַר וואָס ער איז בעטער פון אונדז. פאַרוואָס האָט איר אַזוי ליב די גרויסע און די קליינע ליגנס פון דער געשיכטע?

— זײַנען זיי אַלע ליגנס?

— די מערסטע, — האָט גראַקוס אַ ברום געטאָן, — געשיכטע איז אַ דערקלערונג פאַר אַנגסט און שווינדל, און קיינמאָל ניט קיין אָרנטלעכע. דערפאַר האָב איך אײַך געפרעגט וועגן פּאָליטיק. עמעצער האָט שוין אין דער „ווילאַ" געזאָגט, אַז אין ספּאַרטאַקוסעס אַרמײ איז נישט געווען קיין פּאָליטיק. נאָר דאָרט האָט קיין פּאָליטיק נישט געקענט זײַן.

— אויב איר זײַט אַ פּאָליטיקער, — האָט ציצעראָן אַ שמייכל געטאָן, — זאָגט זשע מיר, וואָס אַזוינס איז אַ פּאָליטיקער?

— אַ פּאַרסאַנט, — האָט גראַקוס אָפּגעשניטן.

— איר זײַט ווייניקסטנס אָפנהאַרציק.

— **דאָס** איז מײַן אייגציקע העכסט ווערטפולע מײַלע. מענטשן פאַרמישן עס בײַ פּאָליטיקער מיט אָרנטלעכקייט. ווי איר ווייסט, לעבן מיר אין אַ רעפּובליק, דאָס מיינט, אַז עס זײַנען פאַראַן בײַ אונדז אַ סאַך מענטשן וואָס האָבן גאָרניט און אַ קליין הײַפל וואָס האָט אַ סאַך. און די וואָס האָבן אַ סאַך מוזן זײַן פאַרטיידיקט און געשיצט דורך די וואָס האָבן גאָרניט. ניט נאָר דאָס, נאָר די וואָס האָבן אַ סאַך מוזן היטן זייערע פאַרמעגנס און די וואָס האָבן גאָרניט מוזן זײַן גרייט צו שטאַרבן פאַר די פאַרמעגנס פון אַזעלכע מענטשן ווי איר און ווי איך און ווי אונדזער גאַסטפרײַנטלעכער אַנטאָניוס. דערצו נאָך האָבן מיר, אַזוינע מענטשן ווי מיר, אַ סאַך שקלאַפן. די שקלאַפן האָבן אונדז ניט ליב. מיר קענען ניט האָבן די אילוזיע, אַז די שקלאַפן האָבן ליב זייערע הערן. זיי האָבן אונדז ניט ליב און די שקלאַפן וועלן אונדז דעריבער ניט פאַרטיידיקן קעגן די שקלאַפן. אַזוי אַז אַ סאַך, זייער אַ סאַך מענטשן וואָס האָבן קיין איין שקלאַף ניט, מוזן גרייט זײַן צו שטאַרבן קעדיי מיר זאָלן האָבן אונדזערע שקלאַפן. רוים האָלט אונטערן געווער אַ פערטל מיליאָן מענטשן. די זעלנער דאַרפן גרייט זײַן צו מאַרשירן צו פרעמדע לענדער, די פיס אָפּקלאַפּן גייענדיק, לעבן אין שמוץ און אין מאַטער, שליאָפּען אינעם בלוט, קעדיי מיר זאָלן קענען לעבן באַקוועם און פאַרגרעסערן אונדזערע פּריוואַטע פאַרמעגנס. די פּויערים, וואָס זײַנען געפאַלן אינעם קאַמף קעגן די שקלאַפן זײַנען געגאַנגען אין דער אַרמײ פאַר אַלעמען דערפאַר וואָס די לאַטיפונדיער האָבן זיי אַראָפּגעוואָרפן פון דער ערד. די פּלאַנטאַציעס, באַאַרבעטע פון שקלאַפן, האָבן זיי פאַרוואַנדלט אין ערדלאָזע גאָרנישטן און געשטאָרבן זײַנען זיי קעדיי די פּלאַנטאַציעס זאָלן פאַרבלײַבן אומבאַרירט. „רעדוקציאַ אַד אַבסורדום".

וואָרעם איר מוזט דאָך פאַרשטיין, מײַן טײַערער ציצעראָ, וואָס אַזוינס די רוימישע זעלנער וואָלטן פאַרלוירן ווען די שקלאַפן באַזיגן אונדז. און זיי וואָלטן זיך ערשט דעמאָלט געכײַטיקט אין זיי, מאַכמעס עס זײַנען נישטאָ גענוג שקלאַפן אַף צו באַאַרבעטן די ערד ווי געהעריק. עס וואָלט געווען איבערגענוג ערד פאַר יעדן און אונדזערע לעגיאָנערן וואָלטן דערגרייכט דאָס וועגן וואָס זיי כאָלעמען, זייער כיילעק ערד און זייער הײַזקע. דאָך מאַרשירן זיי קעגן זייערע אייגענע כאַלוימעס, קעדיי זעכצן שקלאַפן זאָלן טראָגן אַזאַ אַלטן אָנגעפּרעסטענעם כאַזער ווי איך אין אַ באַקוועמען טראָג־בעט. לייקנט איר דען עמעס פון דעם אַלעמען וואָס איך האָב אײַך ערשט געזאָגט?

— איך מיין, אַז ווען דאָס אַלץ וואָס איר האָט דאָ געזאָגט, וואָלט געזאָגט ווער עס איז אַן אַנדערער אינעם פאָרום, וואָלטן מיר אים געמוזט קרייציקן.

— ציצעראָ, ציצעראָ, — האָט זיך גראַקוס פונאַנדערגעלאַכט, — איז עס אַ דראָונג? — בין איך עפּשער צו דיק, צו שווער און צו אַלט געקרייציקט צו ווערן? פאַרוואָס־זשע ווערט איר אַזוי נערוועיִש ווען איר הערט דעם עמעס? פאַר אַנדערע מוז מען זאָגן ליגן. צי מוזן מיר אָבער גלייבן אין אונדזערע אייגענע ליגנס?

— אין דער פאָרעם ווי איר שטעלט אַוועק די זאַך, לאָזט איר פּאַשעט אויס די גרונט־פּראָבלעם: איז יעדער מענטש גלײַך צום צווייטן אָדער ער איז פאַרשיידן פונעם צווייטן? אין אײַער קלענער רעדע איז פאַראַן אַ שווינדל. איר גייט אַרויס פון דער פאָר־האַנאָכע, אַז מענטשן זײַנען צווישן זיך גלײַך ווי די באַרן אינעם קויש. איך ניט. פאַראַן אַן עליט, אַ גרופּע העכערע מענטשן. אויב די געטער האָבן זיי אַזוי באַשאַפן אָדער די אומשטענדן האָבן דערצו גורעם געווען, איז עס נישט צום דיסקוטירן. פאַראַן מענטשן וואָס זײַנען פּעיִק צו פירן און מאַכמעס זיי זײַנען פּעיִק צו פירן, פירן זיי. און מאַכמעס דער רעשט איז ווי בעהיימעס, פירן זיי זיך אויף ווי בעהיימעס. זעט איר שוין, איר שטעלט אַוועק אַ טעזע, שווער איז אָבער זי צו דערקלערן. איך ווײַזט אַ בילד פון דער געזעלשאַפט, נאָר ווען דער עמעס וואָלט געווען אַזוי אומלאָגיש ווי אײַער בילד, וואָלט דער גאַנצער ביניען אײַנגעפאַלן אין איין טאָג. אײַך געלינגט נאָר ניט צו דערקלערן פאַרוואָס האַלט זיך עס אָט דאָס אומלאָגישע קונצטשטיק?

— מיר געלינגט עס יאָ, — האָט גראַקוס געענטפערט. — איך בין דער וואָס האַלט עס אויף.

— איר? איר אַליין?

— ציצעראָ, מיינט איר מיט אַן עמעסן אַז איך בין אַן אידיאָט? איך האָב דורכגעלעבט אַ לאַנג און געפערלעך לעבן און איך האַלט מיך נאָך פון אויבן. איר האָט מיך פריִער געפרעגט וואָס אַזוינס איז אַ פּאָליטיקער. דער פּאָליטיקער איז דער צעמענטער פון אָט דעם מעשוגאָים־הויז. דער פּאַט־ריציער קען עס אַליין ניט טאָן. פאַר אַלעמען דענקט ער אַף דעם זעלביקן אויפן ווי איר, און די רוימישע בירגער האָבן ניט ליב מען זאָל זיי האַלטן

פֿאַר בעהיימעס. און זיי זײַנען עס ניט, וואָס דאָס וועט איר זיך אַליין מיט דער צײַט דערוויסן. צווייטנס ווייס ער גאָרניט, דער פּאַטריציער, וועגן די בירגער. ווען מען לאָזט עס איבער אויף אים, וואָלט דער ביניען מיט אַן עמעסן אײַנגעפֿאַלן אין איין טאָג. דערפֿאַר קומט ער אָן צו אַזוינע מענטשן ווי איך. אָן אונדז וואָלט ער נישט געקענט לעבן. מיר ברענגען אַרײַן אַ זין אין דער זינלאָזיקייט. מיר ריידן אײַן דעם פֿאָלק, אַז די גרעסטע דערגרייכונג אינעם לעבן איז שטאַרבן פֿאַר די רײַכע. מיר איבערצײַגן די רײַכע, אַז זיי מוזן אָפּטרעטן אַ טייל פֿון זייער פֿאַרמעגן קעדיי אײַנצוהיטן דעם רעשט. מיר זײַנען קישעפֿמאַכער, מיר שאַפֿן אַן אילוזיע און די אילוזיע האַלט זיך אויף דער נאַרישקייט. מיר זאָגן צום פֿאָלק: איר זײַט מאַכט. אײַער שטימע איז דער קוואַל פֿון רוימס מעכטיקייט און גלאָר. איר זײַט דאָס איינציקע פֿרײַע פֿאָלק אין דער וועלט. נישטאָ נאָך אַזאַ טײַערע זאַך ווי אײַער פֿרײַהייט, נישטאָ נאָך אַזאַ וווּנדערלעכע זאַך ווי אײַער ציוויליזאַציע. און איר קאָנטראָלירט זי; איר זײַט די מאַכט. דעמאָלט שטימען זיי פֿאַר אונדזערע קאַנדידאַטן. זיי וויינען ווען מען צעקלאַפּט אונדז. זיי לאַכן און פֿרייען זיך ווען מיר האַלטן אָפּ אַ ניצאָכן. און זיי פֿילן זיך שטאָלץ און העכער דערמיט וואָס זיי זײַנען ניט קיין שקלאַפֿן. עס מאַכט זיי ניט אויס וואָס זיי זײַנען אַזוי נידעריק געפֿאַלן; וואָס זיי שלאָפֿן אין די רינשטאָקן; וואָס זיי זיצן מעסלעסן גאַנצע באַם פֿערד־געיעג און אין די צירקן; וואָס זיי דערשטיקן זייערע קינדער באַם געבוירן; וואָס זיי לעבן פֿון צדאָקע און קלאַפּן ניט אַ פֿינגער צו אַ פֿינגער אויף צו באַקומען אַ טאָג אַרבעט. זיי זײַנען אַליין שמוציק, נאָר יעדן מאָל ווען זיי דערזעען אַ שקלאַף הייבט זיך זייער איך און זיי פֿילן זיך שטאָלץ און מעכטיק. דעמאָלט וויסן זיי, אַז זיי זײַנען רוימישע בירגער און אַז די גאַנצע וועלט איז זייי מעקאַנע. און דאָס איז מײַן ספּעציאַליטעט, מײַן קונסט, ציצעראָן. האַלט קיינמאָל ניט פֿאַר מינדערוויכטיק די פּאָליטיק.

II

דאָס אַלץ האָט ניט געפֿירט דערצו אַז גראַקוס זאָל געווינען די אַכטונג פֿון ציצעראָנען און ווען זיי זײַנען צוגעקומען צום ערשטן גרויסן קרייץ, וואָס איז געשטאַנען עטלעכע קילאָמעטער פֿאַר די מויערן פֿון רוים, האָט אים ציצעראָן אָנגעוויזן אויף דעם גראָבן פֿאַרשוין וואָס איז געזעסן אונטערן ברעזענטענעם געצעלט און האָט שלעפֿעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— קענטיק, אַ פּאָליטיקער, לויטן אויסזען ווי לויט דער טרענירונג.

— קענטיק. ער איז ווירקלעך מײַנער אַן אַלטער פֿרײַנט.

גראַקוס האָט אַ צייכן געגעבן די טראָגבעטן זיי זאָלן זיך אָפּשטעלן און ער האָט זיך שווער אַרויסגעקליבן פֿון זײַן בעט. דאָס אייגענע האָט ציצעראָן געטאָן, צופֿרידן וואָס ער קען די פֿיס אויסציִען. געווען איז עס שוין אַ־הייב אָוונט און רעגן־וואָלקנס האָבן זיך אָנגערוקט פֿון צאָפֿן. ציצעראָן האָט אויף זיי אָנגעוויזן.

— אויב איר ווילט, קענט איר גיין, — האָט גראַקוס געזאָגט.

ער האָט שוין קיין שום פאַרלאַנג ניט געהאַט געפעלן צו ווערן צי־צעראָנען. זיי האָבן זיך קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען. די עטלעכע טעג אין „ווילאַ סאַלאַריאַ" האָבן אים איבערגעלאָזט אַ ווידערטאַם אין מויל. „וואָס זאָל עס הייסן ?" — האָט ער זיך געפרעגט, — ווערט ער אַלט און אומ־זיכער ?

— איך וועל צוואַרטן, — האָט ציצעראָן געזאָגט און איז שטיין געבליבן לעבן זײַן בעט קוקן ווי גראַקוס שפּאַנט צו צו דעם מענטשן וואָס זיצט אונטערן געצעלט. זיי קענען זיך אַ פּאָנעם. עס האָבן בעעמעס אָנגע־האַלטן מאָדנע דעמאָקראַטישע באַציִונגען צווישן די לײַט פון די באַנדעס מיט די פּאָליטיקער. דאָס איז געווען אַ וועלט פאַר זיך.

„הײַנט באַנאַכט", — האָט ציצעראָן געהערט גראַקוסן זאָגן.

דער מענטש אונטערן געצעלט האָט דעם קאָפּ אָנגעבויגן.

— סעקסטוס ? — האָט גראַקוס אַ געשריי געטאָן, — איך האָב דיר געמאַכט מײַן אָנבאָט. איך גיב דיר קיין צוויי פאַרדאַמטע גראָשן ניט פאַר סעקסטוסן. אָדער דו וועסט טאָן ווי איך זאָג דיר אָדער איך וועל צו דיר מער אַ וואָרט ניט אויסריידן און דײַן פּאָנעם ניט אָנקוקן קאָלזמאַן איך לעב... אָדער קאָלזמאַן דו לעבסט. וואָרעם לאַנג וועסטו ניט אָנציִען מיט דײַן זיצן אונטער דעם פוילן ברעזענט.

— עס טוט מיר לײַד, גראַקוס.

— זאָג מיר ניט אַז עס טוט דיר לײַד. מיר טוט לײַד.

און גראַקוס האָט צוריקגעשפּאַנט צו זײַן טראָגבעט און איז דערין אַרײַנגעקראָכן. ציצעראָן האָט אים גאָרניט געפרעגט וואָס דאָרט איז געשען, נאָר ווען זיי זײַנען שוין געווען נאָענט באַ די שטאָט־טויערן, האָט ער דער־מאָנט גראַקוסן די מײַסע וואָס יענער האָט אים דערציילט אָנהייב רײַזע, די מײַסע מיט דער מוטער וואָס האָט שטאַרק ליב געהאַט איר זון.

— אַן אינטערעסאַנטע מײַסע, נאָר איר האָט פאַרזען אַ היפּשע טייל פון איר באַטײַט.

— אַזוי מיינט איר ? זײַט איר אַמאָל געווען פאַרליבט, ציצעראָן ?

— ניט ווי עס זינגען פון איר די פּאָעטן. נאָר די מײַסע...

— די מײַסע ? גלייבט מיר, איך געדענק שוין ניט אַקעגן וואָס איך האָב זי דערציילט. עפּעס מיסטאָמע, בין איך אויסן געווען, נאָר איך האָב שוין פאַרגעסן.

אין שטאָט האָבן זיי זיך צעשיידט און גראַקוס איז אַהיים געגאַנגען. ווען ער איז אַהיים געקומען איז שוין געווען טונקל און ווען ער האָט זיך אָפּגעבאָדן, האָבן שוין די לאָמפּן געברענט. דערנאָך האָט ער געזאָגט צו זײַן הויז־פרוי, אַז ער וועט עסן אַ ביסל שפּעטער, ווײַל ער האָט פאַרבעטן אַ גאַסט. די פרוי האָט דעם קאָפּ אָנגעבויגן און גראַקוס איז אַוועק צו זיך אין שלאָפצימער, ווו ער האָט זיך אַוועקגעלייגט מיט דעם בליק פאַרלוירן אין דער פינצטערניש. „ספּאַטיעם פראָ מאָרטע פּאַציטע". מאַך דיר פּלאַץ פאַרן טויט. סײַדן מען שלאָפט מיט אַ פרוי וואָס מען האָט זי ליב. נאָר

גראַקוס האָט עס קיינמאָל ניט געטאָן. קיינמאָל ניט אַ פרוי וואָס ער האָט ליב. ער קויפט די פרויען אַפן מאַרק; אַט דאָס טוט דער אַלטער גראַקוס. ווען איז דען צו אים געקומען אַ פרוי גערן און מיט דעם אייגענעם ווילן? ער צווינגט זיך אַרויף אַ געפיל פון באַזיץ און אַ שטראָם, אידענטישקייט מיט די פרויען וואָס ער קויפט זיך אײַן פאַר קעפס־ווײַבער; נאָר דאָס געלינגט אים קיינמאָל ניט.

ער דערמאָנט זיך דעם שטעל אין דער אָדיסעע, ווען אָדיסעוס פירט אויס זײַן נעקאָמע און הרגעט דעם פאַלשן פרעטענדענט. גראַקוס האָט נישט געהאַט די פריווילעגיע צו האָבן אין דער קינדהייט אַ לערער פון גריכיש, וואָס זאָל אים געווען אויסטײַטשן די קלאַסיקער זײַט נאָך זײַט. ער איז זיי אַליין דורכגעקראָכן און האָט זיי געלייענט ווי עס לייענט אַ מענטש וואָס האָט זיך אַליין אויסגעפורעמט. און אים האָט שטענדיק אינטריגירט די שרעקלעכע און קימאַט אוממענטשלעכע סינע, וואָס אָדיסעוס האָט געפילט צו די שקלאַפנס וואָס זײַנען געשלאָפן מיט דעם פרעטענדענט. ער דערמאָנט זיך דעם אויפן ווי אָדיסעוס צווינגט די צוועלף פרויען אַוועקצוטראָגן דעם קערפער פון זײַן געליבטער אין הויף און אָפוואַשן דאָס בלוט פונעם קויטיקן דיל איבעם באַנקעט־זאַל. דערנאָך פאַרמישפעט ער זיי צום טויט און גיט איבער דעם זון ער זאָל דעם מישפעט אויספירן. דער זון שטײַגט איבער דעם פאָטער. דאָס האָט טעלעמאַקוס צוגעטראַכט דעם שטריק אַרומצובינדן מיט אים די צוועלף העלדזער און זיי אַלע מיטאַמאָל אויפהענגען ווי אַ בינטל אָפגעפליקטע הינער.

פון וואַנען נעמט זיך אָט דער האַס? — פרעגט זיך גראַקוס. פון וואַנען אָט דער שרעקלעכער טײַוולשער האַס? סײַדן — פאַלט אים אָפט אײַן — אָדיסעוס איז געשלאָפן מיט יעדער איינער פון די שקלאַפנס, און די פופציק שקלאַפנס וואָס ער האָט געהאַט באַ זיך אין הויז, זײַנען געווען פופציק קעפס־ווײַבער דעם דאָזיקן איטאַקער מאַראַלישן פאַרשוין. און דערפאַר האָט אַזוי לאַנג געוואַרט די געדולדיקע פענעלאָפע!

יאָ, און דאָס אייגענע טוט ער, גראַקוס — עפשער אַ צופיל ציוויליזירטער אַף צו הרגענען אַ שקלאַפן וואָס האָט זיך געלייגט שלאָפן מיט עמעצן אַנדערש, אָדער ניט אַזאַ באַקימערטער דערפון — נאָר אין גרונט ניט אַנדערש אין זײַנע באַציונגען מיט פרויען. זײַן לעבן לאַנג האָט ער זיך ניט אינטערעסירט צו וועלן וויסן וואָס אַזוינס איז אַ פרוי. ער האָט זיך געגרויסט פאַר ציצעראָנען דערמיט וואָס ער האָט קיין מוירע ניט מודע צו זײַן דעם עמעס וואָס ליגט אינעם טאָך פון די זאַכן. נאָר דער עמעס וועגן די פרויען און וועגן דער וועלט ווו ער לעבט איז עפעס אַזוינס וואָס ער דערוועגט זיך דערצו צוצורירן. און איצט — מיט אַ ריכטיקן זשעסט פון עמעס וואָס ער ווײַזט אַרויס — האָט ער אויסגעפונען די פרוי וואָס איז ניט ווייניקער ווי אַ מענטשלעך וועזן. דער אָפהאַלט איז נאָר וואָס ער דאַרף זיך ערשט דערוויסן ווו זי געפינט זיך ערגעץ.

די שקלאַפן האָט אָנגעקלאַפט אָן דער טיר און האָט אים צו וויסן געגעבן אַז דער פאַרבעטענער צום נאַכטמאָל איז געקומען.

באַלד קומט איין, נעמט אים אויף. ער איז קויטיק און אָפּגעריסן, נאָר איך וועל הייסן שמײַסן יעדן איינעם וואָס וועט אים אָרויסווײַזן גרינגשעצונג. גיב אים וואַרעם וואַסער ער זאָל זיך אײַנוואַשן דאָס פּאָנעם און די הענט, און גיב אים דערנאָך אַ לײַכטע טאָגע אין וואָס זיך אײַנצוהילן. מען רופט אים פלאַוויוס מאַרקוס. רוף אים באַם נאָמען און רייד צו אים מיט דערעכערעץ.

דאָס וואָס ער האָט באַפוילן, איז קענטיק געווען אויסגעפאָלגט, וואָרעם ווען גראַקוס איז אַרײַנגעקומען אינעם עסצימער איז שוין דער גראַבער פאַרשוין פון אונטערן געצעלט לעבן דעם ערשטן קרייז, געווען אָנגעשפּאַרט אויף אַ קאַנאַפּע, אַ גאַנץ ריינער און אַ כאַשעווער, און געפעלט האָט אים נאָר זיך אָפּצוראַזירן. ווען גראַקוס איז אַרײַנגעקומען, האָט ער זיך מיט אַ קיוון די באָרד אַ רײַב געטאָן. „ווען איך וואָלט נאָך צו דעם אַלעמען זיך געקענט אָרומראַזירן...”

— איך בין שוין הונגעריק, פלאַוויוס, און איך מיין, אַז עס איז שוין צײַט נאַכטמאָל עסן. קענסט דאָ איבערנעכטיקן און אין דער פרי וועל איך זאָגן מײַן שערער ער זאָל דיך אָרומראַזירן. גלײַכער נאָכדעם ווי דו וועסט דיך גוט אויסשלאָפן און זיך אויסבאָדן. איך וועל דיר איבערלאָזן אַ ריינעם טוניק און אַ פּאָר לײַטישע שיך. מיר טראָגן קימאַט די זעלביקע מאָס און מײַנע בגאָדים וועלן אויף דיר גוט זײַן.

ביידע האָבן זיי געהאַט די זעלביקע גרייס און גרעב. מען האָט זיי געקענט אָננעמען פאַר ברידער.

— פאַרשטייט זיך, אויב דו האָסט קיין מוירע ניט צו פאַרלירן דײַן קיצווע צוליב מײַנעם אַ בראָקן.

— דיר איז עס גרינג צו זאָגן, — האָט פלאַוויוס געזאָגט מיט ניצאָכן אינעם קאָל, — דיר האָט זיך אײַנגעגעבן, גראַקוס. האָסט פאַרמעגן, באַקוועמלעכקייט, רעספּעקט, קאָוועד, מאַכט. פאַר דיר איז דאָס לעבן אַ שיסל סמעטענע, פאַר מיר אָבער, פאַרזיכער איך דיר, איז עס גאָר אַנדערש. איך שווער דיר, אַז אַ מענטש פילט גאָרניט גוט און איז גאָרניט גאָדלדיק באַ זיך ווען ער זיצט צופוסנס פון צעפוילטן געהאַנגענעם און מוז דערציילן אַלערליי שקאָרים און וואַרטן מען זאָל אים דערפאַר באַשמירן די דלאָניע. נאָר, ווי דאָס זאָל ניט זײַן, ווען באַ מיר איז די פּרוזשינע אויסגעגאַנגען, האָב איך עפּעס באַקומען פון סעקסטוסן. איצט ווען איך וועל ווידער קומען צו אים, וועט ער מיר זאָגן: „אהאַ, דאַרפסט מיך ניט האָבן! גייזשע דיר צו דײַן גרויסן שיצער און פרײַנט גראַקוס!” אָט דאָס וועט ער מיר זאָגן. ער האָט דיך פײַנט. און מיך וועט ער אויך פײַנט האָבן.

— זאָל ער דיך פײַנט האָבן, — האָט גראַקוס געזאָגט, — סעקסטוס איז אַ זשאַבקעלע, אַ זשוקל, אַ נישטיקער ווינקל־פּאָליטיקער! זאָל ער דיך פײַנט האָבן! טו וואָס איך זאָג דיר, וועל איך עפּעס קריגן פאַר דיר, דאָ אין שטאָט, אַ שטעלע, אַ וועכטער־פּאָסטן, זאָלסט עפּעס אָפּשפּאָרן און לעבן אָנשטענדיק. וועסט ניט דאַרפן קריכן אויף אַלע פיר פאַר סעקסטוסן.

— איך האָב אַמאָל געהאַט אַ סאַך פרײַנט, ווען איך בין זיי נוצלעך

געוועז. איצט מעג איך מיך שוין אוועקלייגן און אויסגיין אין א רינשטאק...

— מיר ביסטו נוצלעך, — האט גראקוס אים איבערגעריסן, — לאז מיר ארויסגיין פון דער האנאכע. און איצט הער אויף צו קלאגן. ס׳מאזל האט זיך מיט אן עמעסן דערמאנט אן דיר! און דו האסט מוירע זיך צו אנטשליסן און איינגיין דערויף וואס איך לייג דיר פאר. איך ווייס ניט פארוואס דו האסט מוירע.

דאס עסן און דער ווײַן האבן פלאוויוסן ווייך געמאכט. גראקוס האט אין קיך געהאט אן עגיפטערן. איר ספעציאליטעט איז געווען טויבן אן די ביינדלעך מיט מאנדלען און גערשטן אנגעפילט. זי פלעגט זיי בראטן אף א שטילן פײַער און באגיסן מיט בראנפן און פײַגן־סיראפ. דערלאנגען פלעגט זי זיי אינאיינעם מיט גערייכערטע וורשטלעך פון איינגעהאקטע שאפענע צינגער און ציטרין־שאלעכץ, וואס מען פלעגט רופן „פאלא” און זיי זײַנען מיט רעכט באַרימט געווען איבער דער גאנצער שטאט. דער באכטמאל האט זיך אנגעהויבן מיט מעלאן און דערנאך זײַנען געקומען די צוויי מײַכאלים. דערנאך א קרעם־זופ פון געהאקטן היישעריק, מיט א קליין ביסעלע קנאבל צום טאם. א פודינג פון ווײַנטרויבן מיט טייטלען, באגלייט מיט דיניקע רייפטלעך גערייכערטע שינקען. דערנאך געבראטענע שוואמען אף קאלטן לאקס און צום סאף א טייגעכץ פון מאנדלען מיט קונזשוט אלס נאכשפײַז. אין טאן מיט דעם אלעמען — ווײַס ברויט, פריש פונעם אויוון, און גוטער רויטער ווײַן. ווען זיי האבן פארענדיקט, האט פלאוויוס, מיט זײַן גרויסן בויך א ביסל א הארט געווארענעם, זיך אפגעשפארט אקאמפאר־טאבעלער און צעשמייכלטער:

— גראקוס, שוין א יאר פינף אז איך האב אזא וועטשערע ניט געגעסן. א גוטע וועטשערע איז דער בעסטער באלזאם. גאט מײַנער, אט דאס איז א וועטשערע! און דו עסט עס אלע נאכט! ביסט א קלוגער מענטש, גראקוס, און איך בין אן אלטער נאר. איך מיין, אז דו האסט עס די ווערט און איך האב קיין רעכט ניט אף כאראטע. און איצט לאמיר הערן וואס ווילסטו זאל איך טאן פאר דיר. איך האב נאך קאנטשאפטן, עטלעכע כעוורע־לײַט, עטלעכע גארגל־שנײַדער, עטלעכע פרויען־מעקלער און עטלעכע גאסנפרויען. איך שטעל מיר ניט פאר וואס אזוינס איך קען טאן פאר דיר וואס דו אליין זאלסט עס נישט קענען טאן, אדער דורך וועמען אן אנדערן וואס זאל עס טאן בעסער פון מיר. נאר לאמיר הערן.

— מירן דערפון ריידן נאכן בראנפן, — האט גראקוס געזאגט. ער האט אנגעגאסן א גלאז בראנפן פאר יעדן איינעם און האט אנגעהויבן: איך האלט דיך פאר א פעיקן מענטשן, פלאוויוס. איך וואלט געקענט רופן וועמען עס איז אזא איינעם וואס קען אין רוים אלעמען, פון די וואס האנדלען מיט גופים און מיט נעשאמעס און מיט לײַדן, נאר איך וויל ניט איבערגעבן די זאך אין אזוינע הענט וואס האבן עפעס א שײַכעס מיט מיר. איך וויל אזוינס וואס זאל געמאכט ווערן גוט און שטיל.

— איך קען האלטן מויל, גראקוס, — האט פלאוויוס געזאגט.

— איך ווייס, אז דו קענסט, און דערפאר וויל איך, אז דו זאלסט עס

אונטערנעמען. איך וויל דו זאָלסט מיר אויסזוכן אַ פרוי, אַ שקלאַפן. איך וויל זי געפינען און אָפקויפן, פאַר יעדן פּרײַז. און דו ביסט פּרײַ אויסצו־געבן וויפל נאָר מען וועט באַדאַרפן אַף אויסצוגעפינען זי.

— וואָס איז עס פאַר אַ מין פרוי? אַף צו וויסן זי אויסצוקלײַבן צווי־שן אַלע שקלאַפנס וואָס געפינען זיך אַפן מאַרק! נאָכדעם ווי עס איז פאַר־ענדיקט געוואָרן די שקלאַפן־מילכאָמע, איז דער מאַרק איבערפולט און נאָר אין אויסערגעוויינלעכע פאַלן קען מען שטעלן אַ פּרײַז. איך בין זיכער, אַז איך וועל קענען אויסגעפינען דעם טיפּ פרוי וואָס דו דאַרפסט, שוואַרצע, ווײַסע, געלע אָדער ברוינע, בסולעס אָדער צעהעפקערטע, אַלטע אָדער יונ־גע, שיינע אָדער מיִעסע, בלאָנדע, טונקעלע אָדער רויטהאָריקע... וועלכן עס איז טיפּ. וועלכן סאָרט ווילסטו?

— עס גייט ניט אינעם סאָרט, — האָט גראַקוס אים אויפגעקלערט,

— איך וויל איינע אַ באַשטימטע פרוי.

— אַ שקלאַפן?

— יאָ.

— ווער איז זי?

— מען רופט זי וואַריניע און זי איז ספּאַרטאַקוסעס פרוי.

— אַהאַ!

פלאַוויוס האָט פרעגנדיק אָנגעקוקט גראַקוסן. דערנאָך האָט ער אַ זופּ געטאָן פונעם בראָנפן און האָט ווידער גענומען קוקן אַף גראַקוסן.

— ווי־זשע איז זי? — האָט ער ווייך געפרעגט.

— דאָס ווייס איך ניט.

— אָבער דו קענסט זי?

— יאָ און ניין. איך האָב זי קיינמאָל ניט געזען.

— אַהאַ!

— גענוג דיר שוין אַהאַקען! ווי אַ פאַרשאָלטענער אָראַקול!

— איך זוך עפּעס אַ קלוגע זאַך דיר צו זאָגן.

— איך נעם דיך פאַר אַ שעליעך און ניט פאַר קיין באַליויעץ, — האָט גראַקוס אַ ברום געטאָן, — דו ווייסט שוין וואָס איך וויל פון דיר.

— דו ווילסט איך זאָל דיר אויסגעפינען אַ פרוי און ווייסט ניט ווו זי איז און דו האָסט זי קיינמאָל ניט געזען. האָסטו אַ פאַרשטעלונג וועגן דעם ווי זי זעט אויס?

— יאָ. זי איז היפּש הויך, שלאַנק, נאָר דין. אַ פולע און אויפגעשטעל־טע ברוסט. אַ גערמאַנישע. האָר פון דעם גערמאַנישן מין, שטרוי־קאָלירטע, און בלויע אויגן. קליינע אויערן און אַ הויכן שטערן; אַ גלײַכע נאָז, ניט גאָר קיין קליינע, טיפע אויגן און אַ ברייט מויל, די אונטערשטע ליפּ מעגלעך אַן אַרונטערגעלאָזטע. זי רעדט, מעגלעך, שלעכט לאַטײַן אָדער זי וויל מאַכן דעם אײַנדרוק אַז זי רעדט ניט קיין לאַטײַן. בעסער רעדט זי גריכיש, אַפן טראַצישן שטייגער. מיט צוויי כאַדאָשים צוריק האָט זי געבוירן אַ קינד, מעגלעך אָבער אַז דאָס קינד איז געשטאָרבן. נאָר אַפילו דאָס קינד זאָל האָבן געשטאָרבן, מוז זי נאָך האָבן מילך אין די ברוסטן, ניט אַזוי?

— עס איז ניט קיין מוז. ווי אַלט איז זי?

— איך בין דערין ניט זיכער. מינדסטנס דרײַ און צוואַנציק יאָר און מעגלעך פינף און צוואַנציק. איך בין ניט זיכער.

— מעגלעך זי זאָל האָבן געשטאָרבן.

— מעגלעך. אויב דאָס איז אַזוי, וויל איך דו זאָלסט זיך דאָס דערוויסן. איך וויל דו זאָלסט מיר ברענגען באַווײַזן, אַז זי איז געשטאָרבן. נאָר איך גלייב ניט זי זאָל האָבן געשטאָרבן. זי איז ניט פון די וואָס זאָלן זיך נעמען אַליין דאָס לעבן און איז אויך ניט פון די וואָס לאָזן זיך אַזוי שנעל אַוועקנעמען דאָס לעבן.

— ווי־אַזוי ווייסטו, אַז זי וואָלט זיך ניט גענומען דאָס לעבן?

— איך ווייס. איך קען עס דיר ניט דערקלערן, נאָר איך ווייס עס.

— נאָכדעם ווי ספּאַרטאַקוס איז צעקלאַפּט געוואָרן, — האָט פלאַוויוס געזאָגט, — האָט מען, דאַכט מיר, פאַרנומען זײַן לאַגער און געווען זיבנעך דאָרט אַן ערעך צען טויזנט פרויען און קינדער.

— געווען זיבנעך פינף און צוואַנציק טויזנט פרויען און קינדער. צוועלף טויזנט האָט מען איבערגעגעבן דעם מיליטער ווי זאַקרויב. דאָס איז דער אומאָנגענעמסטער סקאַנדאַל פון דעם מין וואָס מיר איז באַקאַנט. נאָר קראַסוס האָט דאָס פאַרטיידיקט און האָט זײַן אייגענעם כיילעק זאַקרויב אַוועקגעגעבן דעם מעלוכע-אויצער קעדיי אײַנצושטילן די פּראָטעסטן. קיין גרויסער זשעסט איז עס ניט געווען, וואָרעם זײַן כיילעק האָט קיין סאַך ניט די ווערט געהאַט. די גרייס פון זײַן זשעסט איז געווען דאָס וואָס ער איז מיט קיין איין שקלאַף ניט געבליבן. ער האָט געקענט די באַדינגונגען.

— און וואַריניע איז געווען צווישן די פרויען?

—מעגלעך אַז יאָ און מעגלעך אַז ניט. זי איז געווען די פרוי פונעם אָנפירער. מעגלעך מען זאָל געווען אָננעמען אייניקע ספּעציעלע שוץ־מיטלען. איך ווייס ניט. די שקלאַפן האָבן געהאַט דעם פעטיש פון גלײַכהייט.

גראַקוס האָט אויסגעטרונקען זײַן גלאָז בראָנפן און האָט געטײַטלט מיטן פינגער:

— נעמסט עס אונטער אָדער ניט? טו, וואָס דיר וועט אײַנפאַלן, פלאַוויוס. די אַרבעט איז אַ שווערע.

— איך ווייס אַז זי איז אַ שווערע. וויפל צײַט גיסטו מיר דערויף?

— דרײַ וואָכן.

— אָ! ניין... אָ! — האָט פלאַוויוס די הענט צענומען. גיסט מיר קיין צײַט אַף גאָרניט. מעגלעך זי זאָל גאָר אין רוים ניט זײַן. איכל מוזן שיקן מענטשן קיין קאַפּוּאַ, קיין סיראַקוזאַ, קיין סיציליע. עפּשער גאָר קיין שפּאַניע און אַפריקע. זײַ פאַרניפּטיק.

— איך בין אַזוי פאַרניפּטיק ווי מעגלעך. צום טײַוול מיט דעם אַלעמען; גיי דיר צו סעקסטוסן און נעם בײַ אים זײַן קיצווע!

— נו גוט, גראַקוס. דאַרפסט ניט זײַן אַזוי בייז. נאָר שטעל דיר פאָר, אַז איך וועל מוזן קויפן אייניקע פרויען. שטעלסטו דיר פאָר וויפל דײַטשע פרויען עס קענען אַרײַן דערין וואָס דו האָסט אָפּגעמאָלט?

— אַ סאַך זייערע, בין איך זיכער. איך וויל ניט אַזאַ וואָס זאָל אונ־טערקומען צום געמעל. איך וויל וואַריניען.

— וויפל־זשע דאַרף איך באַצאָלן פאַר איר, אויב איך וועל זי געפינען?

— וויפל מען וועט פאַר איר בעטן. איך גיב דיר מײַן וואָרט.

— גוט, מאַסקים, גראַקוס. ווילסט מיר געבן נאָך אַ גלאָז פון דער אויסגעצייכנטן בראָנפן?

מען האָט אים דערלאַנגט דעם בראָנפן. פלאַוויוס האָט זיך אָנגע־שפּאַרט אָף דער קאַנאַפּע און בעייסן טרינקען געקוקט אָף דעם מענטשן וואָס האָט אים פאַרגעבן די אַרבעט.

— איך האָב מיר מײַנע פעיִקייטן, ריכטיק, גראַקוס?

— כ'מיין אַזוי.

— און דאָך בין איך אַ קאַבצן, אַ דורכגעפאַלענער. גראַקוס, קען איך דיך עפּעס פרעגן, איידער איך פאַרענדיק? אויב דו ווילסט ניט, ענטפער ניט. נאָר זײַ ניט בייז.

— פרעג.

— אָף וואָס דאַרפסטו די דאָזיקע פרוי, גראַקוס?

— איך בין ניט בייז נאָר איך מיין, אַז פאַר אונדז ביידן איז שוין צײַט שלאָפן גיין. מיר זײַנען שוין ניט אַזוי יונג ווי אַמאָל.

III

אין יענער צײַט איז די וועלט ניט געווען אַזוי גרויס ווי הײַנט און אויך ניט אַזוי קאָמפּליצירט און אין נאָך ווייניקער ווי די אָפּגעמאַכטע דרײַ וואָכן האָט זיך פלאַוויוס אַרײַנגעשטעלט צו גראַקוסן אין שטוב און האָט אים צו וויסן געגעבן וועגן דעם דערפאָלגרײַכן סאָף פון זײַן מיסיע. געלט, ווי זאָגט מען עס, איז אַזאַ איידעלע מאַטעריע, אַז זי וואַשט די הענט וואָס גייען אַרום דעם. פלאַוויוס איז שוין אַן אַנדער מענטש. ער איז פײַן אָנגעטאָן, ריין אַרומגעראַזירט, זעלבסטזיכער און צופרידן מיט דער גע־לונגען דורכגעפירטער אַרבעט וואָס מען האָט אים פאַרגעבן. ער האָט זיך אָוועקגעזעצט מיט גראַקוסן פאַסמאַקעווען אַ גלאָז ווײַן און שפּילט זיך מיט דעם אַלעמען וואָס ער ווייס אין דער צײַט וואָס גראַקוס צוימט זײַן אומ־געדולד.

— אָנגעהויבן, — דערציילט פלאַוויוס, — האָב איך מיט אַן אויספאָר־שונג וועגן דעם ווו עס געפינען זיך די אָפּיצירן, וואָס האָבן באַקומען אַ טייל אינעם זאַקרויב. אויב וואַריניע איז אַ שיינע און אַ שטאַלטנע, האָב איך פאַרשטאַנען, האָט זי געמוזט אָנקומען צו איינעם פון דער גרופּע. נעמט מען אָבער אין אַכט, אַז דער גאַנצער איניען צוואַייגענען זיך די שקלאַפן איז ניט קיין געזעצלעכער און אַז באַטייליקט האָבן זיך דערין פון פינף ביז זעקס הונדערט אָפיצירן און גאָר ווייניק זייערע האָבן כיישעק צו ריידן, פאַרשטייסטו דאָך שוין, אַז דאָס איז ניט אַזוי גרינג געווען. נאָר דאָס מאָזל איז געווען אָף אונדזער זײַט. און די לײַט האָבן זיך גע־

נומען דערמאָנען. יאָ, וואַריניע האָט געהאַט דאָס קינד בעייס דער יעדיע, אַז די שקלאַפן זײַנען צעקלאַפּט געוואָרן. דערמאָנט האָבן זיי זיך אויך, אַז די פרוי האָט זיך ניט געוואָלט שיידן מיט איר ערשט געבוירן קינד. זיי האָבן נאָך ניט געוווּסט צי זי איז ספּאַרטאַקוסעס ווײַב און צו מען רופט זי וואַריניע. דו מוזט וויסן, אַז קראַסוס האָט אַרויסגעשיקט אַ ראָטע קאַוואַ־לעריע אָף דער שקלאַפן־שטאָט אָדער שקלאַפן־לאַגער, רוף עס ווי דו ווילסט, באַלד נאָך דער שלאַכט. די פרויען און קינדער, וואָס זײַנען דאָרט געווען — געווען זײַנען דאָרט יינגלעך צווישן דרײַצן און פערצן יאָר — האָבן קיין גרויסן ווידערשטאַנד ניט געשטעלט. זיי זײַנען געווען צעטומלט. זיי האָבן זיך ערשט געהאַט דערוווּסט, אַז די שקלאַפן־אַרמיי איז צעשמע־טערט. נאָר דו ווייסט דאָך וואָס זעלנער זײַנען נאָך אַ שלאַכט. און איך שטעל מיר פאָר, אַז שלאָגן זיך קעגן שקלאַפן איז ניט אָף אַ פּיקניק אַרויס־צוגיין. נו...

— איך דאַרף ניט זאָלסט מיר אויסדערציילן ווי די לעגיאָנערן האָבן זיך אויפגעפירט, — האָט גראַקוס זיך אָנגערופן — וואָלט ניט גלײַכער געווען דו זאָלסט גלײַך אַריבער צו די פאַקטן?

— איך בין נאָר אויסן דיר אָפּצומאָלן די סיטואַציע. איך וויל זאָגן, אַז באַלד פון אָנהייב האָט מען דורכגעפירט אַן אומזיניקע שכיטע, צוליב דעם וואָס אונדזערע זעלנער זײַנען געווען אויפגעבראַכט און האָבן זיך געפילט ווי אין סאַמע ברען פון דער שלאַכט. וואַריניע האָט ערשט געהאַט געבוירן דאָס קינד. אַ שקלאַפן־קינד, פאַרשטייסטו דאָך, וועגט מען ניט אָף גאָלד, און דעם שליסל צו וואַריניען האָט מיר געגעבן אַ זעלנער, וואָס האָט גענומען דאָס קינד אין זײַנע זעלנערישע הענט און האָט זיך פאַרמאָסטן דעם דאָס קעפּל צו צעקלאַפּן אָנעם סטויפּ פון אַ געצעלט. קראַסוס אַליין האָט אים אָפּגעהאַלטן. קראַסוס האָט אָפּגעראַטעוועט דאָס קינד און האָט מיט די אייגענע הענט גענומען שלאָגן דעם זעלנער אַ מינוט צום טויט. קיינער וואָלט זיך אָף אַזוינס ניט געריכט פון קראַסוסן. ווי מיינסטו?

— מיך אינטערעסירט ניט צי מען האָט זיך געריכט אָדער ניט געריכט אָף קראַסוסן. סאַראַ מין מענטש דו ביסט, פלאַוויוס! האָסט געפונען וואַ־ריניען? האָסט זי געקויפט?

— איך האָב זי ניט געקענט קויפן.

— פאַרוואָס? — האָט זיך פלוצעם גראַקוס צעשריגן און האָט זיך מיט אַזאַ כּעס, אומגעריכט און דראָענדיק, אויפגעהויבן און זיך געלאָזט גיין אָף פלאַוויוסן, אַז דער האָט זיך אײַנגעקאַרטשעט אָפן שטול. און גראַקוס האָט אים אָנגענומען פאַרן טוניק און האָט געשריגן: „פאַרוואָס? פאַרוואָס, דו לויזלעכדיקער זאַק מיט שמאַלץ? איז זי געשטאָרבן? איך שווער דיר, אַז אויב דו האָסט עפּעס געהאַט נוצן דערפון, וועסטו צוריק־גיין צו דיר אין רינשטאָק און ס'וועט דיר באַנג טאָן! עס וועט דיר באַנג טאָן!

— זי איז ניט געשטאָרבן...

— אך ! ווי אַנגעבלאָזן דו ביסט ! ביסט אַזוי אַנגעבלאָזן, אַז ווען דו רעדסט סאַפּעסטו. פאַרוואָס האָסטו זי ניט געקויפט ?

גראַקוס האָט אָפּגעלאָזט פלאַוויוסן, נאָר ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען פאַר אים.

— באַרויִק דיך, איך בעט דיך ! — האָט פלאַוויוס דאָס קאָל אויפגעהויבן, — האָסט מיר פאַרגעבן אַן אַרבעט און איך האָב זי דורכגעפירט. איך בין עפּשער ניט אַזוי רײַך ווי גראַקוס ; מײַן אָרט איז עפּשער אינעם רינשטאָק, נאָר דאָס גיט דיר נאָך קיין רעכט ניט זאָלסט אַזוי ריידן צו מיר. איך בין ניט דײַן שקלאַף. גענוג אַנגעגעם איז שוין דאָס וואָס איך געפין זיך אין אַזאַ צושטאַנד ווי איך געפין מיך, אַז דו זאָלסט מיך ניט אַרײַנוואַרפן אין אַן ערגערן.

— זײַ מיר מוחל.

— איך האָב זי ניט געקויפט, ווײַל זי איז ניט צום פאַרקויפן. דאָס איז עס אינגאַנצן.

— עס גייט אינעם פרײַז ?

— ניט אינעם פרײַז גייט עס. ס'איז קיין פרײַז נישטאָ. זי געהער צו קראַסוסן. זי וווינט באַ אים אין הויז. און איז ניט צום פאַרקויפן. שטעל דיר פאָר, אַז איך האָב עס געפּרוווט. קראַסוס איז געווען אין קאַפּואַ און אין דער צײַט וואָס ער איז ניט געווען, האָב איך געמאַכט דעם אָנבאָט זײַנע אַגענטן. אָ, ניין ! פון דער זײַט איז נישטאָ וואָס צו מאַכן. זיי האָבן אַפילו ניט געוואָלט אויסהערן וואָס איך בעט זיי אָן. און ווי נאָר עס איז צוריק געקומען וועגן דער שקלאַפן, האָבן זיי זיך אין זיך אײַנגעשלאָסן ווי די אויסטערס. זיי האָבן גאָרניט געוווסט פון דער שקלאַפן. זיי האָבן נישט געוואָלט ריידן פון קיין פרײַז. ס'איז קיין אויפן ניט געווען באַ זיי אַ וואָרט אַרויסצוציִען.איך האָב זיי די הענט באַשמירט, נאָר גע־פויעלט האָב איך דערמיט גאָרניט. ווען איך דאַרף דעם שערער אָדער דעם קיכער אָדער די הויז־פרוי, וואָלט איך מיט זיי געקענט דורכקומען. זיי זײַנען אַפילו גרייט געווען שליסן מיט מיר אַ געשעפט וועגן אַ שיינער סיריִערן, וואָס קראַסוס האָט פאַראַיאָרן געקויפט, און דורכקומען מען זאָל זי מיר איבערגעבן. זיי זײַנען גרייט געווען דאָס צו טאָן פאַר מיר, נאָר וועגן וואַריניען האָט קיין רייד ניט געקענט זײַן.

— פון וואַנען ווייסטו, אַז דאָס איז וואַריניע און אַז זי איז דאָרטן ?

— די ידיעה האָב איך געקויפט באַ אַ שקלאַפן פונעם גאָרדעראָב. מיין נאָר ניט, אַז קראַסוסעס פאַמיליע איז זייער אַ גערעטענע און אַ גליקלעכע. ער האָט אַ זון, וואָס האָסט אים ביז די געדערים זײַנע און פרוי — וואָס ער איז צעשיידט מיט איר — וואָלט אים דעם גאָרגל אי־בערגעשניטן, און די אינטריגעס וואָס ווערן דאָרט פאַרקאָכט וואָלטן גע־מעגט אײַנשטיין אין סאַמע דאַמעסעק. געלונגען איז מיר ידיעס צו קויפן, נאָר ניט וואַריניען.

— האָסטו זיך דערוווסט פאַרוואָס ער האָט זי געקויפט ? פאַרוואָס ער האַלט זי באַ זיך ?

— אַוואַדע האָב איך מיך דערוווּסט, — האָט פלאַוויוס אַ קנאַק געטאָן מיט דער צונג, — קראַסוס איז פאַרליבט אין איר.

— וואָס ?

— יאָ. דער גרויסער קראַסוס האָט געפונען אַ ליבע.

גראַקוס האָט זיך דערויף אָנגערופן מיט בעקיוונדיקער געלאַסנקייט :

— זאָל דיך גאָט פאַרמישפּעטן, פלאַוויוס, אויב דו וועסט עפּעס ריידן דערפון. און אויב איך וועל הערן אַז דו האָסט עפּעס דערציילט, זאָל איך פאַרשאָלטן ווערן אויב איך וועל דיך ניט לאָזן קרייציקן !

— וואָס איז עס פאַר אַ מין ריידן ? דו ביסט נישט גאָט, גראַקוס.

— ניין, ניין, איך בין אַפילע ניט קיין ווייטער קאָרעוו עמעצן פון די געטער, ווי עס ווילן זיך אייַנריידן געוויסע נאַראָנים פון געבוירן. איך שטיי אָבער אַזוי נאָנט צו גאָט ווי קיינער איז נאָך אַזוי נאָנט ניט געשטאַנען אין דער רוימישער פּאָליטיק, און גענוג נאָנט, אַז איך זאָל דיך קענען טיף באַגראָבן, פלאַוויוס, און דיך אָפן קרייץ אַרויפציִען. און טאָמער דערוויס איך מיך עפּעס דערפון, שווער איך איר, אַז איך וועל עס טאָן. געדענק מייַנע ווערטער.

IV

אינעם נאָכמיטאָג פונעם צווייטן טאָג האָט גראַקוס זיך געגרייט גיין אין באָד — אַן אַקט פון פּאָליטישן אינטערעס, וואָס האָט זיך זייַנע נוצן. די בעדער האָבן פון טאָג צו טאָג באַקומען אַלץ מער באַדייַט ווי פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע צענטערן. אין באָד פלעגט מען מאַכן און אויסמאַכן סענאַטאָרן און ריכטער ; דאָ פלעגן איבערגיין פון האַנט צו האַנט מיליאָנען „סעסטערצן”. געווען זייַנען עס אייַנצייַטיק האַנדלס-בערזעס און קלובן, און זען עמעצן פון צייַט צו צייַט אין באָד איז געוואָרן אַ מין פליכט. דרייַ גרויסע גוט אייַנגעאָרדנטע באָדהייַזער זייַנען געווען אין רוים, וווּ גראַקוס איז געווען אַ קליִענט. דער „קלאַטום”, נאָך אַ מער ווייניקער נייַע באָד און די אַנדערע צוויי אַלטע, אָבער נאָך גאַנץ עלעגאַנטע. כאָטש ניט פאַר אַלע בירגער איז אָפן געווען דער אַרייַנגאַנג אין די הייַזער, איז די פּרייַז דאָ געווען אַ ביז גאָר באַשיידענע, צוטריטלעך אַפילע פאַר אָרעמע מענטשן. דאָך האָט מען אין זיי אָנגעהאַלטן אַ באַשטימטן סאָציאַלן ניוואָ, וואָס האָט געהאַלטן דעם פעבל דערווייַטערט פון די הייַזער.

באַ אַ גוט וועטער פלעגט גאַנץ רוים זיך אַרויסלאָזן אַף דער פרייַער לופט. אַפילע רוימישע אַרבעטער, וואָס ווייַטער אַלץ ווייניקער, פלעגן זיי ענדיקן די אַרבעט אַ שאָ נאָכמיטאָג ; לענגערע אַרבעט־שאָען האָבן גוירעם געווען זיי זאָלן גערנער לעבן פון נעדאָוועס איידער פון אַרבעט. דער נאָכמיטאָג איז געווען די צייַט פון די פרייַע מענטשן ; שקלאַפן האָבן געאַרבעט ; רוימישע בירגער האָבן גערוט.

פונדעסטוועגן, האָט גראַקוס קיין אינטערעס ניט געהאַט פאַר צירקפאַרשטעלונגען און זייער זעלטן פלעגט ער גיין צו די פערד־געיעגן. ער

האָט זיך אויסגעטיילט פון זײַנע קאָלעגן דערמיט וואָס ער האָט נישט געקענט צוזען די דראַמע פון צוויי נאַקעטע מענטשן מיט מעסערס אין די הענט, וואָס צעקראַדאַשען זיך איינער דעם צווייטן ביז בלוט. ער האָט אויך קיין פאַרגעניגן ניט געהאַט פון זען ווי אַ מענטש פּלאָנטערט זיך אײַן אין אַ פיש־נעץ און מען שטעכט אים אויס די אויגן אָדער מען לאָזט אים אַרויס די קישקעס מיט אַ פישער־גאָפּל. זעלטן אַז ער האָט פאַרגעניגן געהאַט פון אַ פערד־געיעג, נאָר דער געיעג פון די קוואָדריגעס, פון די פירפערדיקע געשפאַנען, וואָס ווערן דעגראַדירט צו אַ פערזענלעכן געוועט צווישן די אָנטרײַבער און דער אוילעם איז קיינמאָל ניט צופרידן אויב איינער קומט ניט אַרויס פון זיי מיט אַ צעבראָכענעם קאָפּ אָדער אַ צעריבענער אַף קאַשע, האָבן אים געלאַנגווײַליקט. און דאָס איז ניט דערפאַר וואָס ער האָט אַ בעסער האַרץ ווי אַנדערע, נאָר ווײַל ער האָט פײַנט טיפּשעס און די דאָזיקע ספּעקטאַקלען זײַנען פאַר אים הוילע טיפּשעס. טעאַטער פאַרשטייט ער ניט און גייט נאָר צו אַן ערשטער פאַרשטעלונג, ווו ער מוז זיך ווײַזן אַלס מעלוכע־מאַן.

זײַן גרויסער פאַרגעניגן איז אין די נאָכמיטאָגן גיין אין באָד דורך די אַן אַ שיר קרומע און קויטיקע געסלעך פון זײַן באַליבטער שטאָט. ער האָט שטענדיק ליב געהאַט רוים; רוים איז זײַן מוטער. ווי ער אַליין פלעגט זאָגן, איז זײַן מוטער אַ זוינע, און ער איז פון זײַן מוטערס בויך אַרויסגעקומען אַפן גאַסן־מיסט, נאָר ביז הײַנט האָט ער ליב זײַן מוטער, און זײַן מוטער האָט אים ליב. ווי וואָלט ער געקענט צו פאַרשטיין געבן ציצעראָנען וואָס ער האָט געמיינט מיט זײַן איבערדערציילטער לעגענדע? ציצעראָן וואָלט פריִער פון אַלץ באַדאַרפט ליב האָבן רוים און די ליבע וואָלט באַדאַרפט פאַרבונדן זײַן מיט קענען די שטאָט, ווי פאַרדאָרבן און ווי טײַוולאָניש זי איז.

גראַקוס האָט די טײַוולאָנישע און פאַרדאָרבענע סוויווע טויפעס געזען. „צו וואָס גיין אין טעאַטער?”, האָט ער איינמאָל געפרעגט זײַנעם אַ גוטן פרײַנט פון דער אינטעליגענץ. „קען מען אַרויפברענגען אַף דער בינע דאָס וואָס איך זע אין די גאַסן פון דער „אורבס” ?”.

דאָס איז ווערט צו זען. באַ אים איז עס שוין דעמאָלט געווען אַ צערעמאָניע. און ער אַליין פלעגט זיך פרעגן: „ווי אָפט וועל איך עס נאָך מוזן טאָן”.

פאַר אַלעמען דער מאַרק, ווו די שטעלן פאַרקויפן נאָך איין שאָ פאַרן שליסן זיך. ווײַל מען גיין איבער די דאָזיקע גאַסן, מוז מען זיך אַ וועג מאַכן צווישן די ווײַבער און זייערע קוויטשערײַען, נאָר ער שאַרט זיך דורך צווישן זיי געלאַסן, אַן אײַנגעהילטער אין זײַן ווײַסן טוניק און מיט זײַן ראַכוועס זעט ער אויס ווי אַ קריג־שיף וואָס ווערט געשטויסן פון אַ לײַכטן ווינט. פאַראַן איז דאָרט אַלץ וואָס רוים עסט: בערג מיט קעזן; קײַלעכדיקע, פירעקעכדיקע, שוואַרצע, רויטע, ווײַסע. עס הענגען געריי־כערטע פישן און גענדז, ערשט געקײַלטע כאַזיירים, האַלבע זײַטן רינדערנס און שאָפּנס; פעסער מיט געזאַלצענע וויונעס און הערינג, אײַנגעמאַריניר־

טע און שטאַרק געווירצטע. שיסלען בוימל פון די סאַבינער און פּיטשענער בערגלעך, טײַערע גאַלישע שינקען און אומעטום קרענצלעך מיט קישקעלעך און וועמפּלעך און פולע מולטערס מיט אײַנגעווײדן.

ער קומט צו צו די שטעלן מיט גרינצײַג. געווען אַ צײַט, ער געדענקט זי נאָך, ווען יעדער פּויער פון דרײַסיק קילאָמעטער אַרום האָט געהאַט זײַן אייגן פערד און וועגעלע און רוים האָט געגעסן די גרינסן וואָס זיי פלעגן אַרויספירן אפן מאַרק. נאָר די הײַנטיקע „לאַטיפונדיעס" אינטערעסירן זיך בלויז מיט רײַכן שניט, פון ווייץ אָדער גערשטן, און די פּרײַזן אף גריבצײַג זײַנען אַזוי הויך געשטיגן, אַז נאָר די העכערע קלאַסן קענען זיך דאָס פאַרגינען. מען זעט נאָך קופּעס רעטעכלעך און ריבן, פינף מינים לאַטיטש, לינדזן און בעבלעך און קרויטן, קירבעסן, מעלאָנען און שפּאַרגל, טרופּליעס און שוואָמען, אַ מאַסע פאַרשיידענע גרינסן און אויך פּרוכטן, קופּעס אַפריקאַנישע ציטרינען און גראַנאַטן, גרעלער געל און רויט, עפּל און באַרן און פײַגן, אַראַבישע טייטלען, ווײַנטרויבן און עגיפּטישע מעלאָנען.

„סאַראַ פאַרגעניגן דערויף צו קוקן!" — טראַכט ער זיך.

ער גייט ווײַטער און שפּאַנט פאַרבײַ דעם ראַנד פון דעם יידישן שטאָט־פערטל. צופעליק פלעגט ער זיך טרעפן מיט יידן, אַלס פּאָליטיקער. סאַראַ מאָדנע מענטשן דאָס זײַנען!... אַזוי לאַנג שוין ווי זיי וווינען אין רוים און זיי ריידן נאָך אַלץ זייער אייגענע שפּראַך. זיי טראָגן נאָך בערד און לאַנגע געשטרײַפטע טוניקס, ניט געקוקט אַפן וועטער. קיינמאָל זעט מען זיי ניט בײַ די שפּילן אָדער בײַ די פערד־געיעגן; מען זעט זיי קיינמאָל ניט אינעם געריכט. מען זעט זיי בּיכלאַל ווייניק אויסער זייער אייגענעם שטאָט־פערטל. פרײַנטלעכע, שטאָלצע, צעשטרײַטע... „ווען די געלעגנהייט וועט קומען וועט זיך דאָ גיסן מער בלוט ווי אין קאַרטאַגאָ", — טראַכט זיך אפּט גראַקוס ווען ער זעט זיי. ער לאָזט זיך גיין צו אַ הויפּט־גאַס און דאָ בלײַבט ער שטיין אף איינער פון די זײַטן גאַס, קעגנאיבער די געשעפטן. אַ שטאָטישע קאָהאָרטע האָט דורכגעמאַרשירט מיט פּויקן און פלייטן. ווי שטענדיק לויפן יינגלעך נאָך פון הינטן און אויך, ווי שטענדיק, זעט ער אַף דער צווייטער זײַט גאַס אַן אַראַבער, אַ סיריער, אַ סאַבאַנער קוקן אַף דער דעפּיליע.

ער גייט נאָך ווײַטער, ווו די הויכע שיינים־הײַזער טרעטן אַפּ זייער פּלאַץ די גערטענער און דער זון, די מאַרמערנע גאַלערייען, די קילע אַרקאַדעס און די ברייטע אַלייען. לעבן דעם פאָרום גייט שוין אַן דער ווערפל־שפּיל. שפּילן איז אין רוים אַזאַ מין קראַנקייט, און ווערפל־שפּיל איז די ערגסטע פאָרעם פון דער קראַנקייט. יעדן נאָכמיטאָג קען מען זען מאַכנעס ווערפל־שפּילערס איבערן גאַנצן פאָרום־פּלאַץ, ווי זיי וואַרפן די ווערפלעך, בעטן צו די ווערפלעך, ריידן צו די ווערפלעך. זיי האָבן אַן אייגענע שפּראַך. פוסטעפּאַסניקעס, זעלנער אַף אורלויב און פּערציק־פּופציק יעריקע מיידלעך, וואָס בלאָנקען אום איבער דער שטאָט אָן אַן אַרבעט. אויפגעהאָדעוועטע אין קליינע און שמוציקע הײַזלעך, און, ווי זייערע עלטערן, לעבן זיי פון נעדאָוועס, צוגעשמאָלצן מיט זאַרגלאָז פּראַקטיצירטער פּראָסטיטוציע.

מען זאָגט, אַז אַ סאַך פון די מיידלעך גייען מיט מענער פאַר אַ גלאָז ווײַן מיט אַ „קוואַדרענס“, די קלענסטע אומגאַנג־מאַטבייע. ער און נאָך אַנדערע האָבן זיך אַמאָל פאַרטראַכט אַז אַזאַ לאַגע איז שרעקלעך און מאָנסטערדיק. נאָר אין יענער צײַט, ווען עס איז גאָר קיין ביזאָיען ניט געווען, אַז אַ כאַשעווער כאַסענע געהאַטער מאַן זאָל האָבן אַ טוץ שקלאַפנס זיך צו נוצן מיט זיי אין בעט, איז אַ.אַ זאַך קיין איניען ניט זיך דערמיט צו באַשעפטיקן און צו דיסקוטירן.

„ביסלעכווײַז, — טראַכט זיך גראַקוס — גייט די גאַנצע וועלט צו איר סאָף און מיר הערן זיך אַלץ ניט אויף צו וווּנדערן וואָס דאָ געשעט אַזוינס און ווי אַנדערש זאָלן מיר זיך באַציִען? דאָס גייט זיך לאַנגזאַם און דעם מענטשנס לעבן איז קורץ“.

ער שטעלט זיך עטלעכע מאָל אָפּ קוקן אַף די ווערפל־שפּילער. ער דערמאָנט זיך ווי ער אַליין האָט געשפּילט אין ווערפלען ווען ער איז נאָך געווען אַ יינגל. אין יענער צײַט האָט מען מיט נעדאָוועס ניט געקענט דורכקומען און דערצו אויך די עטישע זײַט דערפון. אַ מענטש מיט אייגנווערדע וויל ניט לעבן פון נעדאָוועס ער זאָל אַפילע דאַרפן הונגערן.

צום סאָף לאָזט ער זיך גיין צו דער באָד. ער האָט דאָס פאַרזיכטיק אויסגעפּלאַנעוועט. פאַראַן זײַנען דרײַ מעגלעכקייטן קעגן איינער דאָרט אַנצוטרעפן קראַסוסן, וואָס גייט אין באָד אַרײַן אינעם אייגענעם טאָג און אין דער אייגענער שאָ. און, ווי עס איז זיך צו ריכטן געווען, האָט גראַקוס, ווי נאָר ער איז אַרײַנגעקומען אין דער „אַפּאָדיטעריאַ“, ווי מען האָט גערופן דעם גאַרדעראָב, דערזען קראַסוסן שוין אַן אויסגעטאָנענעם שטיין פאַר אַ הויכן שפּיגל און באַטראַכטן זײַן דינעם גוף. די צימערן זײַנען געווען פול. געווען איז דאָרט אַן אינטערעסאַנט שטיק שטאָטיש לעבן, אַ געמישטע פּאָליטישע פּאַטראָווע, מיט עטלעכע בלוי־בלוטיקע פּוסטעפּאַסניקעס, נאָר מיט גענוג פּאָליטישער מאַכט די שטאָט אויפצוטרייסלען ביז די פונדאַמענטן, באַנקירן און רײַכע כאָכרים, פּאָליטישע פירער, שקלאַפן־אימפּאָרטירער, שטימען־מאַניפּולאַטאָרס, אַ גאַנצע גאַלעריע ווינקל־פּאָליטיקער און באַנדע־אַנפירער, אַ באַדײַטנדיק סענאַטאָרן־געזינדל, אויך „לאַניסטן“ אַ פּאָר, דרײַ עקס־קאָנסולן, אַ הויכער ריכטער, אַ פּאָר אַקטיאָרן און אַ גאַנצער טוץ וויכטיקע מיליטערלײַט. אויסגעמישט מיט זיי זײַנען אַ היפּש ביסל נישט וויכטיקע פאַרשוינען, וואָס האָבן דער באָד צוגעגעבן דעם דעמאָקראַטישן כאַראַקטער, אַף וועלכן רוים איז אַזוי שטאָלץ געווען. די מעלאָכים און סאַטראַפּן פון די מיזרעך־לענדער האָבן בעשומויפן ניט געקענט באַנעמען דעם פאַקט וואָס די האַרן פון רוים — וואָס זיי זײַנען די האַרן פון דער וועלט — מישן זיך אַזוי לײַכט מיט געוויינלעכע שטאָט־מענטשן און דרייען זיך אום אַזוי זאָרגלאָז איבער די רוימישע גאַסן.

אין דער צײַט וואָס גראַקוס האָט געוואָרפן בליקן צו קראַסוסן, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אַף אַ באַנק און געלאָזן אַ שקלאַף זאָל אים די שטיוול אַראָפּציִען. ער האָט געענטפערט אַף באַגריסונגען, האָט גענייגט דעם קאָפּ, געשמייכלט און פון צײַט צו צײַט אַ וואָרט אויסגערעדט מיט דעם און מיט

יענעם. אַז מען האָט אים געבעטן, האָט ער געגעבן אַן אייצע, אַ קורצע און
אַ פּינקטלעכע. ער האָט קורץ און פּינקטלעך אַרויסגעזאָגט מיינונגען, ווען
מען האָט זיך געווענדעט צו אים, וועגן איניען שפּאַניע, וועגן דער לאַגע
אין אַפריקע, וועגן דער נייטיקייט פון דער עגיפּטישער נייטראַליטעט —
דער אייביקער קויש מיט ברויט פאַר דער שטאָט — און וואָס זאָל מען
טאָן מיט די אומאויפהערלעכע יידישע פּראָוואָקאַציעס אין פּאַלעסטינע. ער
האָט געטרייסט די שקלאַפן־הענדלער, אַז די נידעריקע פּרייזן וועלן אָב־
האַלטן ביז די גאַנצעווירטשאַפט וועט אומקומען, און האָט צו נישט גע־
מאַכט דעם קלאַנג אַז די גאַלישע אַרמיי פּלאַנעוועט אַ קאָמפּלאָט. נאָר די
גאַנצע צייט האָט ער אָבסערווירט קראַסוסן, ביז דער מיליאָנער, אַ נאַקע־
טער און גאָדל באַ זיך מיט זיין שלאַנקער געשטאַלט, איז צו אים צוגע־
קומען. קראַסוס האָט מער ניט געקענט איבערטראָגן דאָס פאַרגלייכן אים
צווישן אוילעם מיט דעם גראָבן פּאָליטיקער, בעיס גראַקוס האָט זיך אויס־
געטאָן. ווען די שקלאַפן האָבן פונעם פּאָליטיקער דעם טוניק אַדונטערגע־
נומען, האָט זיך באַוויזן דער איינדרוקספולער באַרג. ווען דער טוניק איז
אים נאָכגעגאַנגען, האָט דעם דאָזיקן מענטשנס דיקע פּאַטעטישע
ווירקלעכקייט נאָך אַן ערגערן איינדרוק געמאַכט ווי זיין פּאָשעטע נאַקעט־
קייט. גראַקוס האָט זיך קיינמאָל ניט געשעמט ווען ער האָט געקוקט אָף
זיין אייגענעם קערפּער.

ביידע זיינען זיי אַריינגעגאַנגען אינעם „טעפּעדאַריום", ווי מען האָט
גערופן דעם געשפּרעך־זאַל אין די בעדער. געשטאַנען זיינען דאָרט געבעטע
בענק ווו מען האָט זיך געקענט אויסציען און אויסרוען, נאָר געוויינטלעך
פלעגט מען דאָרט אומשפּאַנען פון איין זייט צו דער צווייטער, צווישן די
באַסיינען צום אונטערטוקן זיך. פון יענער ברייטער און עלעגאַנטער גאַ־
לעריי פלעגט מען קענען אַרויסגיין אָף דער פרייער לופט, ווו עס איז
געווען דער באַסיין מיט קאַלט וואַסער אָדער צו די באַסיינען מיט וואַרעם
וואַסער און צו די צימערן ווו מעז האָט גענומען אַ שוויץ־באָד, און דורך
דער שוויץ־באָד צו די צימערן פאַר גימנאַסטיק און מאַסאַזשן. דערנאָך
פלעגט מען, אין אַ ליילעך איינגעהילט, קענען אַריינגיין אין די גערטענער,
אין דער ביבליאָטעק — וואָס איז געווען אַ טייל פון דער באָד — צו די
אָפרו־צימערן און צו די „סאָלאַריומס". דער דאָזיקער רוטינערער פּראָצעס
איז באַשטימט געווען פאַר מענטשן וואָס האָבן די מעגלעכקייט צו פאַר־
ברענגען שאָען־לאַנג אין באָד. גראַקוס פלעגט זיך געוויינטלעך צופרידנ־
שטעלן מיט אונטערטוקן זיך אין קאַלט וואַסער, אָפּזיצן אַ האַלבע שאָ
אין דער שוויץ־באָד און דערנאָך נעמען אַ מאַסאַזש.

נאָר אין דעם מאָמענט האָט ער אָן אַ זייט אַוועקגעלייגט זיין סינע
צו קראַסוסן. די שטעכיקע ווערטער און די פיינטלעכע געפילן זיינען באַ־
שיימפּערלעך פאַרגעסן געוואָרן. אַ נאַקעטער, מיט זיין גאַנצער דיקער מאַסע,
האָט ער אומגעשפּאַנט זייט באַ זייט מיט דעם גענעראַל, אַן אויפמערקזאַ־
מער, אַ באַצויבערנדיקער... וואָס דערויף איז ער זייער פעיִק געווען.

„מען שפּרייט בריקן", — האָט דער אוילעם צווישן זיך גערעדט און

האָט זיך געפרעגט וואָס פאַר אַ מין פּאָליטישע אַליאַנץ מען פּלאַנעוועט, מאַכמעט קראַסוסן מיט גראַקוסן האָט מען געקענט ניט גראָד ווי מיינונגס־כאַוויירים. נאָר קראַסוס האָט געדולדיק געוואַרט. וואָס ער זאָל זיך באַ מיר ניט וועלן דערשלאָגן — האָט ער זיך געטראַכט — פאַרלירט ער אומזיסט צײַט". ער איז געוואָרן אַ ביסל אַגרעסיוו און האָט אַ פרעג געטאָן דעם פּאָליטיקער:

— פון ווען אָן זײַט איר עס אַן אויטאָריטעט אין עגיפּעט־פּראָבלעמען און אין נאָך אַזעלכע מינים פּראָבלעמען?

— איר באַציט אײַך דערויף וואָס איך האָב פריִער געזאָגט? נו, עט־לעכע פאַראָלגעמיינערונגען זײַנען גענוג אַ פולן זאַק אָנצושיטן. ס'איז אַ פראַגע פון רעפּוטאַציע.

דאָס האָט געוויזן אַ נײַעם גראַקוסן.

— די רעפּוטאַציע פון אַלץ וויסן?

גראַקוס האָט זיך צעלאַכט: „איר זײַט געווען אין עגיפּטן, ניט אַזוי?"

— ניין. און איך פּרעטענדיר אויך ניט צו האָבן דאָרט געווען.

— נו, גוט... זייער גוט... נאָר, ווייסער וואָס, קראַסוס. מיר גרײַפן זיך אָן און מיר שטעכן זיך איינער דעם צווייטן. מיר קענען דאָך זײַן גוטע פרײַנט. ווער עס איז פון אונדז ביידן איז אַ גוטער פרײַנט וואָס מען מעג אים האָבן.

— אַזוי, מיין איך. איך בין אויך אַ ציניקער. פרײַנטשאַפט האָט אַ פּרײַז.

— יאָ?

— יאָ, כ'מיין אַזוי. וואָס אַזוינס האָב איך, וואָס מאַכט מײַן פרײַנט־שאַפט אַזוי טײַער? געלט? איר האָט קימאַט אַזוי פיל געלט וויפל איך.

— מיך אינטערעסירט ניט קיין געלט.

— מיך יאָ. ווענן וואָס־זשע גייט עס, אויב אַזוי?

— איך וויל באַ אײַך קויפן אַ שקלאַפן, — האָט גראַקוס האַסטיק אַ זאָג געטאָן.

— מײַן קיכער, מיסטאָמע. ווען איר זאָלט ניט האָבן אַ נאַקעטן קאָפּ, וואָלט איך געזאָגט, אַז איר יאָגט זיך נאָך מײַן שערער, גראַקוס. אַ שטאָב בעטן־טרעגער? צי עפּשער גאָר אַ פרוי? איך האָב געהערט אַז איר האַלט בלויז פרויען באַ אײַך אין שטוב.

— גאָט מײַנער, איר ווייסט דאָך וואָס איך וויל! — האָט גראַקוס אויסגעשריגן, — וואַריניען וויל איך.

— וועמען?

— וואַריניען. לאָמיר זיך ניט שפּילן אין באַהעלטעניש.

— טײַערער גראַקוס, דאָס שפּילט א י ר דאָך. ווער האָט אײַך פאַר־קויפט אינפאָרמאַציעס?

— איך בין שטענדיק אינפאָרמירט.

דער דיקער מענטש איז שטיין געבליבן און האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַקעגן דעם צווייטן פּאָנעם על פּאָנעם.

— הערט אויס, קראסוס, לאמיר צוטרעטן גלייך צום איניען. נאר נישט געדונגען זיך. איך שטעל פאר אייך אוועק דעם איניען גאנץ אפן. איך וועל אייך געבן די העכסטע פרייז וואס מען האט ווען עס איז געצאלט אין רוים פאר א שקלאף. איך וועל אייך געבן א מיליאן „סעסטערצן". איך וועל זיי אייך אויסציילן אין מעזומען מיט גאלדענע מאטבייעס, דורכויס אין מעזומען, אויב איר גיט מיר אוועק וואריניען.

קראסוס האט זיך די הענט געריבן און האט גענומען שטיל פייפן.

— אלס פרייז איז עס ניט שלעכט. ס'איז א גוטע פרייז. מען וואלט געקענט לידער פארפאסן מיקויעך דער פרייז. אין דער צייט ווען א מענטש קען ארויסגיין אפן מארק און זיך איינהאנדלען א שיין מיידל מיט שטאר־צנדיקע ברוסטן פאר טויזנט „סעסטערצן", זייט איר גרייט צו צאלן טויזנט מאל אזוי פיל פאר א מאגער דייטשיש מיידל. דאס איז גארניט קיין גע־וויינלעכע זאך. ווי אזוי אבער גלייבט איר, אז איך קען בא אייך נעמען אזא סומע? וואס וועלן מענטשן זאגן? זיי וועלן זאגן, אז קראסוס איז דער עמעסער גאנעוו.

— הערט אויף שפאסן פון מיר!

— פון אייך שפאסן? מיין טייערער גראקוס, איר שפאסט דאך פון מיר! איך האב ניט קיין זאך וואס איר זאלט קענען קויפן.

— איך האב אייך געמאכט אן ערנסטן אנבאט.

— און איך האב אייך ערנסט געענטפערט.

— איך פארטאפל מיין אנבאט! — האט גראקוס א ווארטשע געטאן. צוויי מיליאן.

— איך האב מיר קיינמאל ניט פארגעשטעלט די פאליטיק זאל האבן אזוי פיל געלט.

— צוויי מיליאן. נעמט עס אדער ווארפט עס אפ.

— איר לאנגווייליקט מיך, — האט קראסוס געזאגט און איז פון אים אפגעטראטן.

V

— ווארינע, ווארינע, מיר דארפן דיך איצט אנטאן, ווארינע, ווא־רעם דער האר וועט קומען און דו וועסט דארפן זיצן מיט אים צום טיש. פארוואס פארשאפסטו אונדז אזוי פיל שוועריקייטן, ווארינע?

— איך וויל אייך ניט פארשאפן קיין שוועריקייטן.

— נאר דו טוסט עס. זעסט דאך וויפל שוועריקייטן דו פארשאפסט, ווארינע. דו זאגסט אונדז, אז דו ביסט א שקלאפן, אז דו ווילסט ניט פיר שקלאפנס זאלן ווארטן אף דיר. ניין, דו ביסט אזא שקלאפן פונקט ווי מיר. דו דערציילסט אונדז ווי אומגליקלעך דו ביסט. דו ווייסט וואס דאס הייסט זיין א שקלאפן. צי עפשער, ווען דו ביסט געווען מיט ספארטאקוסן און אים געהאלפן איינעמען די וועלט, האסטו פארגעסן וואס דאס הייסט א

שקלאַפן צו זײַן. דעמאָלט ביסטו געווען אַ קעניגן, עמעס. וואַריניע? אַזוי איז...

— טוט עס ניט מער! פאַרוואָס טוט איר עס? האָב איך מיך דען אַמאָל געפלײַסט צו זײַן אַנדערש פון אײַך?

— דו דאַרפסט עס ניט טאָן, וואַריניע. דער האַר וויל דיך מאַכן אַנדערש. מיר זײַנען בלויז עפּעס אַזוינס וואָס ער פאַרלאַנגט צו זיך אין בעט ווען אים איז לאַנגווײַליק. איינע, צוויי, דרײַ. נאָר דיך האָט ער ליב, וואַריניע, דערפאַר פאַרשאַפסטו אונדז שווערקייטן. אונדז שמײַסט מען ווען מיר טוען דיך ניט אָן אַזוי שיין. דיך שמײַסט מען ניט. אונדז יאָ.

— לאָזט אים ער זאָל מיך שמײַסן!

— לאָזט אים. נישט מער און נישט ווייניקער. מיר שטעלן זיך פאָר ווי ער שמײַסט דיך.

— נו, גוט, — זאָגט זי זיי, — איצט גיב איך צו זויגן דעם קינד. דערנאָך וועל איך מיך לאָזן אָנטאָן, איר, אַלנפאַלס. ווילט דאָך איך זאָל מיך לאָזן אָנטאָן, וועל איך אײַך קיין שווערקייטן ניט פאַרשאַפן. נאָר לאָזט מיך נאָזויגן דאָס קינד.

— ווי לאַנג וועט עס דויערן?

— ער זויגט ניט קיין סאַך. זעט, ער זויגט שוין פאַמעלעכער. אין אַ האַלבער שאָ אַרום וועל איך האָבן פאַרענדיקט. ער וועט שוין דעמאָלט זײַן אײַנגעשלאָפן. איך זאָג אײַך צו טאָן וואָס איר ווילט. איך וועל אָנטאָן וועלכע קליידער איר ווילט.

זיי האָבן זי אַ ווײַלע צו רו געלאָזט. דרײַ זייערע זײַנען געווען שפּאַניערנס. די פערטע איז געווען פונעם קעניגרײַך שוואַ, און ווי אַ קרעבס וואָלט זי געפרעסן דער געדאַנק, אַז איר אייגענע מוטער האָט זי פאַרקויפט פאַר אַ שקלאַפן, אָף צו באַצאָלן כויוועס. וואַריניע האָט דאָס ניט געקענט פאַרשטיין. דאָס איז שרעקלעך, אַז עלטערן פאַרקויפן זייערע קינדער, און דאָס פאַרביטערט נאָכמער דאָס לעבן. קינע, אייפערזוכט, ביטערניש... האָבן פול געמאַכט די שטוב מיט גיפט.

וואַריניע האָט געגעבן צו זויגן איר קינד און האָט אים געזונגען:

שלאָף מײַן זון, שלאָף מײַן טײַערער,
בעוויײַל דײַן טאַטע איז אין וואַלד אַוועק;
די ווידרע זוכט ער, די ווידרע שמעכט ער;
ער ברענגט די פעל, מוטערנאַכט ווייך
עס וועט קיינמאָל ניט די ווינטער־קעלט
מײַן קינד באַרירן, מײַן טײַערן...

דאָס קינד זויגט נאָך שטילער. ווען דאָס קינד איז הונגעריק געווען און האָט געזויגן שטאַרק און לאַנג, האָט זי געפילט אַ שוידער איבערן גאַנצן לײַב. נאָר וואָס פולער באַם קינד איז געוואָרן דאָס מעגעלע, אַלץ מער פאַרשווונדן איז דער אײַנדרוק. סאַראַ מאָדנע זאַך דאָס איז אַ זויגנדיק קינד!

זי האָט אים געגעבן די אַנדערע ברוסט, עפּשער וויל ער נאָך מילך, און האָט אים געגעבן אַ פּאָר פּעטשלעך אינעם בעקל אויפצוּוועקן בײַ אים דעם רעפלעקס פון זויגן. נאָר ער האָט מער נישט געוואָלט. ער האָט די אייגעלעך צוגעמאַכט און איז באַהערשט געווען פון דער אומענדלעכער זאָרגלאָזיקייט וואָס באַהערשט קינדער מיט אַ פולן מעגעלע. זי האָט אים אַ פּאָר מינוט צוגעוויגט בײַ אירע נאַקעטע וואַרעמע ברוסטן, האָט אים אײַן וויגל אַרײַנגעלייגט און האָט זיך פאַרשפּיליעט דאָס קלייד פון פאָרנט. זי האָט אַראָפּגעקוקט אַף אים און האָט זיך געטראַכט ווי שיין ער איז. אַ דיקינקער, אַ קײַלעכדיקער... סאָראַ שיין קינד! די האָר ווי שוואַרצער זײַד און די אויגן טיף בלוי. שפּעטער וועלן די אויגן ווערן טונקעלער, ווי בײַ זײַן פאָטער, נאָר וועגן די האָר קען מען גאָרנישט ניט וויסן. ווען עס וועלן אַוועק די שוואַרצע זײַדענע האָר מיט וועלכע ער איז געבוירן געוואָרן, קענען אַף זייער אָרט קומען טונקעלע געקרויזטע אָדער בלאָנדע און גלאַטע.

גיך און גרינג איז ער אײַנגעשלאָפן. זײַן וועלט איז אַ לײַכטע און אַ פּאַשעטע. זײַן וועלט איז די לעבנס־וועלט, וואָס ווערט רעגירט פון די פּאַשעטע לעבנס־געזעצן, אָן לאַסטן און אָן שוועריקייטן. זײַן וועלט איז די וועלט וואָס לעבט איבער אַלע וועלטן...

זי האָט אים געלאָזט שלאָפן און איז געגאַנגען אַהין וווּ מען האָט געוואַרט זי אָנצוטאָן. ווו עס האָבן געוואַרט די שקלאַפנס וואָס דאַרפן זי אָנטאָן, קעדיי זי זאָל זיך קענען זעצן צום טיש מיט דעם מענטשן וואָס איז איר באַזיצער. זי איז געזעסן אָן אונטערטעניקע בעייס מען האָט זי אויסגעטאָן און מיט דער שוואָם געפירט איבער איר נאַקעטן לײַב. איר קערפּער איז נאָך געווען שיין, מיט לאַנגע פיס, און נאָך שענער מיט אירע פולע ברוסטן. מען האָט זי צוגעדעקט מיט אַ האַנטעך און זי האָט זיך אויסגעצויגן אַף אַ סאָפע, אַזוי אַז די „אָרנאַטריקס" זאָל איר קענען צוגרייטן דאָס פּנים און די אָרעמס. צוערשט איז געקומען אַ שיכט שיטערע קרײַד אַף די אָרעמס און אַף דעם שטערן און די קרײַד איז זיך צעשווומען איבער די באַקן. דערנאָך די שמינקע, אַ צאַרט רויטע אַף די באַקן און אַ, שטאַרק רויטע, וואָס איז אַרײַנגעפאַלן אין ברוין, אַף די ליפּן. דערנאָך „פוליגאַ", אַ קויל־שוואַרצע פּאָמאַדע אַף אויסצוטיילן די ברעמען.

ווען מען איז פאַרטיק געוואָרן דערמיט, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט און האָט זיך געלאָזט פאַרקעמען. אירע בלאָנדע און עטוואָס גלאַטע האָר האָבן זיי אויסגעפורעמט אין אַן אומבאַוועגלעכער מאַסע קרויזן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אַ דאַנק דער פּאָמאַדע און מיט קליינע סטענגעלעך. דערנאָך די צירונג. געשטאַנען איז זי נאַקעט, אָן דעם האַנטעך, אַ געהאָרכזאַמע און אַ גלײַכגילטיקע, אין דער צײַט ווען מען האָט איר אָפּן קאָפּ צוגעפּעסטיקט אַ דיאַדעם. דערנאָך די גאָלדענע אוירינגען און אַ האַלדזבאַנד אויך פון גאָלד, מיט סאַפירן, וואָס מען האָט זיי גערופן „מאָנילע". אַף די קנעכלען און הענט־געלענקען האָט מען איר אויך אָנגעטאָן גאָלדענע קייטעלעך אינעם זעלביקן סטיל, און אַף די מינדסטע פינגער פון יעדער האַנט אַ רינגל

מיט דימענטן. מען האָט זי געקליידט גוט און פּרעכטיק, ווי די רײַכסטע לײַט אין רוים קליידן זייערע געליבטע, נאָר ניט זייערע ווײַבער. עס איז זיך נישט צו וווּנדערן דעריבער וואָס די אָרעמע פרויען, וואָס זײַנען אָנגעשטעלט געווען אַכטונג צו געבן אויף איר גאַרדעראָב, זאָלן צו איר קיין ראַכמאָנעס ניט פילן. זעט ווי זי טראָגט אויף זיך בלויז אין צירונג די רײַכקייט פון אַ גאַנצער אימפּעריע. גיי האָב ראַכמאָנעס אויף אַזאַ איינער!

צו יענער צײַט איז דער טײַערסטער שטאָף אין רוים געווען ניט קיין זײַדנס, נאָר אַ וווּנדערלעך איידל בײַוול־שטאָף, געוועבט אין אינדיע, מיט אַזאַ דעליקאַטן געוועב, אַז קיין שום זײַדנס האָט זיך דערצו נישט געקענט גלײַכן. איבערן קאָפּ האָט מען אויף זיך אַרויפגעצויגן אַ בײַוולנע „סטאָלאַ“. דאָס איז אַ זייער פּאַשעט געשניטן קלייד, אויפגעקליבן אין דער טאַליע מיט אַ גאַרטעלע, וואָס מען האָט גערופן „זאָנע“. די איינציקע באַפּוצעכץ וואָס דאָס קלייד האָט געהאַט, איז געווען אַ גאָלדן געפלעכט באַם זוים, און דאָס קלייד האָט מיט אַן עמעסן ניט באַדאַרפט קיין שום באַפּוצעכץ, אַזוי פּאַשעט און שיין איז עס געווען געשניטן. נאָר וואַריניע האָט ניט געקענט גלײַכגילטיק זײַן דערצו וואָס יעדע ליניע פונעם קערפּער האָט זיך דורך דעם אַרויסגעוויזן; דאָס איז געווען אַ מין נאַקעטקייט וואָס האָט באַטײַט אי שרעק און אי דעגראַדאַציע, און זי האָט זיך דערפילט גליקלעך וואָס בעייסן אויסלאָדן זיך האָבן אירע ברוסטן פאַרנעצט און פאַרפלעקט די פאָדערשטע זײַט קלייד.

איבער דעם אַלעמען איז געגאַנגען אַ ברייטער שאַל פון געלן זײַדנס, וואָס וואַריניע האָט אים געטראָגן ווי אַ טוניק. מיט דעם שאַל האָט זי פאַרדעקט דאָס קלייד, און יעדן מאָל ווי זי איז אַרײַנגעקומען צום נאַכטמאָל, פלעגט איר קראַסוס זאָגן:

טײַערע מײַנע, פאַרוואָס דעקסטו אַזוי צו דײַן שיינעם קערפּער? לאָז אַרונטערפאַלן דעם „סופּאַרום“. דאָס קלייד וואָס דו טראָגסט אונטער דעם קאָסט צען טויזנט „סעסטערצן“. איך האָב וויניקסטנס אַ רעכט צו קוקן דערויף, אויב דאָס טוט ניט אַ צווייטער.

און אין דער נאַכט, ווען וואַריניע איז אַרײַנגעקומען אינעם עס־צימער, האָט ער איר ווידער אַזוי געזאָגט און ווידער האָט וואַריניע געהאָרכזאַם געלאָזט אַרונטערפאַלן דעם שאַל...

— דו אינטריגירסט מיך, — האָט קראַסוס געזאָגט, — דו אינטריגירסט מיך שטאַרק, וואַריניע. מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב דיר שוין דערציילט, אַז איך האָב געהאַט דעם פאַרגעניגן — אָדער דעם פאַרדראָס — צו פאַרברענגען אַ נאַכט בײַ מיר אין לאַגער אין דער פאַר־אַלפּישער גאַליע, מיט דעם מאָנסטערדיקן „לאַניסט“ באַטשיאַטאָ. ער האָט דיך פאַר מיר אָפּגעמאָלט. ער האָט דיך אָפּגעמאָלט ווי אַ ווילדע קאַץ. אַ גאַנץ רעאַליסטיש געמעל פון אַ פרוי, וואָס איז שווער צו צוימען. נאָר איך זע דערפון קיין סימען ניט. ביסט געוויינטלעך אַ געהאָרכזאַמע און אַן אויספאָלגנדיקע.

— יאָ.

— איך פרעג מיך וואָס אַזוינס האָט דיך געענדערט. איך מיין, אַז דו האָסט קיין שום מענין נים מיר דאָס צו זאָגן.

— איך ווייס נים. איך שווער אײַך, אַז איך ווייס נים.

— איך גלייב אַז דו ווייסט, נאָר לאָמיר דאָס אָפּלאָזן. ביסט פרעכטיק הײַנטיקע נאַכט. גוט געשמינקט און גוט געקליידט... וואַריניע, ביז ווי לאַנג וועט עס אַזוי אָנהאַלטן? איך מיין, אַז איך בין צו דיר גוט געווען, עמעס? צאַר איז צאַר, נאָר פאַרגלײַך עס נים מיט די זאַלץ־מינען. איך וואָלט געקענט נעמען דײַן קינד און דאָס פאַרקויפן פאַר די דרײַ הונדערט „סעסטערצן" וואָס מען וואָלט מיר פאַר אים געגעבן און דיך אַוועקשיקן אין די זאַלץ־מינען. וואָלט עס דיר געפעלן געווען?

— עס וואָלט מיר נים געפעלן.

— איך האָב נים ליב אַזוי צו ריידן, — האָט קראַסוס געזאָגט.

— נו, גוט, איך קענט ריידן ווי אײַך ווילט זיך. איך זײַט מײַן האַר.

— איך וויל נים זײַן דײַן האַר, וואַריניע. אין דער עמעסן ביסטו מײַן פולשטענדיקע האַרנטע. איך וויל דו זאָלסט זײַן מײַנע אָף דעם אויפן ווי אַ מאַן באַזיצט אַ פרוי.

— איך קען אײַך נים שטערן דערין... ווי עס קען דאָס נים שטערן קיין איין שקלאַפן דאָ אין הויז.

— וואָס אַזוינס זאָגסטו?

— איך זאָג דען עפּעס שלעכטס? ריידן דען נים אין רוים אַלע אַזוי?

— איך וויל דיך נים פאַרגוואַלדיקן, וואַריניע. איך וויל דיך נים באַזיצן ווי איך באַזיץ אַ שקלאַפן. איך געדענק שוין נים מיט וויפל פרויען איך בין געשלאָפן. מיט פרויען און אויך מיט מענער. איך וויל מיט דיר קיין סוידעס נים האָבן. איך וויל דו זאָלסט מיך קענען אַזוי ווי איך בין. וואָרעם אויב דו וועסט מיך ליב האָבן, וועט זײַן אַנדערש. עפּעס נײַס און שיינס. גאָט מײַנער! ווייסטו דען נים, אַז מען רופט מיך דער רײַכסטער מענטש אין דער וועלט? מעגלעך אַז איך בין עס נים, נאָר איך מיט דיר וואָלטן מיר געקענט די וועלט אײַננעמען.

— איך וויל נים אײַננעמען די וועלט, — האָט וואַריניע געזאָגט שטיל און אָן אַ טאָן, מיט אַ טויטן קאָל, ווי זי פלעגט שטענדיק ריידן מיט קראַסוסן.

— מיינסטו נים, אַז איך וואָלט געוואָרן אַן אַנדערער ווען דו האָסט מיך ליב?

— איך ווייס נים און מיך אינטערעסירט עס אויך נים.

— וועט עס דיר אָבער אינטערעסירן, אויב דײַן קינד זאָל עפּעס געשען? פאַרוואָס נעמסטו נים פאַר אים אַן אַם? וואָרעם אָט אַזוי, ווי דו זעצט דיך אַוועק מיט די רינענדיקע ברוסטן...

— פאַרוואָס דראָעט איר מיך שטענדיק מיט מײַן קינד? דאָס קינד איז אײַערס ווי איך בין אײַערע. מיינט איר, אַז דערמיט וואָס איר דראָעט מיר מיט הארגענען מײַן קינד, וועל איך אײַך ליב באַקומען?

— איך האָב נים געדראָעט מיט האַרגענען דײַן קינד.

— איך . . .

— זײַ מיר מוחל, וואָרינגיע. אונדזער שמועס דרייט זיך שטענדיק אַרום דעם זעלביקן. עס, בעט איך דיך. איך טו וואָס איך קען. איך גרייט דיר אָזאַ נאַכטמאָל ווי דעם הײַנטיקן. זאָג ניט, אַז דאָס גייט דיר ניט אָן. איך וואָלט געקענט קויפן אַ גאַנצע ווילע פאַר דעם געלט וואָס מיך קאָסט דער הײַנטיקער נאַכטמאָל. עס כאַטש, נעם עפּעס אין מויל אַרײַן. הער אויס . . . איך וויל דיר דערציילן אַן אינטערעסאַנטע זאַך וואָס מיט מיר האָט הײַנט פּאַסירט. עס וועט דיר ווייניקסטנס אויסזען קאָמיש. און עס עפּעס.

— איך עס וויפל איך דאַרף עסן, — האָט וואָרינגיע געזאָגט.

אַ שקלאַף איז אַרײַנגעקומען און האָט דערלאַנגט קאַטשקע אַף אַ זילבערנעם פּאַלומיסעק. אַ צווייטער שקלאַף האָט זי צעשניטן. קראַסוס האָט געהאַט אַ קײַלעכדיקן טיש — וואָס איז דעמאָלט אַרײַן אין דער מאָדע, — מיט אַ באַנק אַרום דרײַ פּערטל טיש. די געסט זיצן בײַ אַזאַ טיש מיט די פיס אַף אַ קופּע זײַדענע קישנס.

— אָט די קאַטשקע, אַ שטייגער. זי איז צוגעברוינט, געפּילט מיט שוואָמען און געקאָכט מיט טאַטערישע פּערעשקעס און בראָנפן.

— זי איז זייער געשמאַק, — האָט וואָרינגיע געזאָגט.

— יאָ . . . איך האָב דיר ערשט געזאָגט, אַז מיט מיר האָט הײַנט געטראָפן זייער אַ קאָמישע זאַך. אין באָד איז צו מיר צוגעקומען גראַקוס. ער האָט מיך אַזוי גוואַלדיק פֿײַנט, אַז אים איז עס זייער שווער אויסצובאַהאַלטן. מאָדנע איז, וואָס איך האָב אים גאָרניט פֿײַנט. איך פאַרגעס . . . דו קענסט אים ניט. ער איז אַ סענאַטאָר און אַ גרויסע פּאָליטישע מאַכט אין רוים . . . אָדער געווען אַזאַ מאַכט. זײַן מאַכט וואַקלט זיך איצט. ער באַלאַנגט צו דער גרופּע אויפגעקומענע, וואָס זײַנען אַרויס פונעם רינדשטאָק און זײַנען רײַך געוואָרן פון וואָל־שווינדל און כאַבאַר. אַן עמעסער כאַזער. אַ מענטש וואָס האָט ניט קיין שטאָלץ . . . און ניט קיין געשטאַלט; ווי דאָס פּאַסירט שטענדיק. און אויך ניט קיין שפּירעוודיקייט. ער וועט זיצן אָפן טראָן ביז די פונדאַמענטן וועלן אײַנפאַלן. איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז עפּעס וויל ער פון מיר. ער האָט זיך אויסגעשטעלט מיט זײַן גאַנצן ריזיקן שמאַלץ־זאַק און האָט שפּאַצירט מיט מיר איבערן „טעפּידאַריום". צום סאַף איז ער אַרויסגעקומען מיט זײַנע קאַוואָנעס. ער וויל דיך קויפן. ער האָט אָנגעבאָטן אַ גענוג הויכן פּרײַז און ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז ניין, האָט ער דעם פּרײַז פאַרטאָפּלט. ער איז געווען זייער אַנטשלאָסן. איך האָב אים באַליידיקט. נאָר ער, גלײַך ווי איך וואָלט אים גאָרנישט ניט געזאָגט.

— פאַרוואָס־זשע האָסטו מיך ניט פאַרקויפט צו אים ? — האָט וואָרינגיע געפרעגט.

— אים ? טײַערע מײַנע, וואָלסט אים באַדאַרפט כאָטש איינמאָל אָנקוקן, ווי ער טראָגט די בערג מיט לײַב אַף זיך. צי דיר וואָלט עס ניט אויסגעמאַכט ?

— דאָס וואָלט מיר ניט אויסגעמאַכט, — האָט וואַריניע געזאָגט.

קראַסוס האָט פון זיך דעם טעלער אָפּגערוקט און איז געבליבן זיצן און קוקן אויף איר. ער האָט אויסגעטרונקען אַ גלאָז ווײַן און האָט זיך אָנגעגאָסן אַ צווייטע, נאָר מיטאַמאָל האָט ער געכאַפּט די גלאָז ווײַן און האָט זי אַ שלײַדער געטאָן איבערן צימער. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער גענומען ריידן און קאָנטראָלירן זײַנע ווערטער.

— פאַרוואָס האָסטו מיר אַזוי פײַנט?

— וואָס-זשע, איך מוז אײַך ליב האָבן, קראַסוס?

— יאָ. דערפאַר וואָס איך האָב דיר געגעבן אַ סאַך מער ווי דו האָסט ווען עס איז געהאַט בײַ ספּאַרטאַקוסן.

— ניין, בעשומויפן ניט, — האָט זי געזאָגט.

— פאַרוואָס? פאַרוואָס ניין? וואָס איז ער געווען? אַ גאָט?

— ער איז ניט געווען קיין גאָט, — האָט וואַריניע געזאָגט, — ער איז געווען אַ פּאָשעטער מענטש. אַ געוויינלעכער מענטש. אַ שקלאַף איז ער געווען. ווייסט איר וואָס דאָס מיינט? איר האָט אײַער לעבן פאַרבראַכט צווישן שקלאַפן.

— און ווען איך פיר דיך אַוועק אַפן לאַנד און גיב דיר אַוועק אַ ליאַדע פויער, וואָלסטו געקענט לעבן מיט אים און אים ליב האָבן?

— איך קען ליב האָבן נאָר ספּאַרטאַקוסן. איך האָב קיינמאָל ניט ליב געהאַט קיין אַנדער מאַן. און וועל קיינמאָל קיין אַנדער מאַן ניט ליב האָבן. נאָר איך וואָלט געקענט לעבן מיט אַ לאַנד־שקלאַף. ער וואָלט אין אַ געוויסן זין ענלעך געווען צו ספּאַרטאַקוסן, כאָטש ספּאַרטאַקוס איז געווען אַ מינען־שקלאַף און ניט קיין לאַנד־שקלאַף. דאָס און ניט מער איז ער געווען. איר האַלט מיך פאַר אַ פּאָשעטע פרוי, און דאָס בין איך. און אַ נאַר בין איך אויך. אָפט פאַרשטיי איך אַפילע ניט וואָס איר רעדט. נאָר ספּאַרטאַקוס איז געווען נאָך פּאָשעטער פון מיר. און אין פאַרגלײַך מיט אײַך איז ער געווען ווי אַ קינד. ריין איז ער געווען.

— וואָס מיינסטו דערמיט אַז ער איז געווען ריין? — האָט קראַסוס זיך באַהערשט, — איך האָב מיך שוין צו פיל צוגעהערט צו דײַנע נאַרעשקייטן! ספּאַרטאַקוס איז געווען אַ סוינע פון דער געזעלשאַפט, אַ מענטש אויסערן געזעץ. ער איז געווען אַ פּראָפעסיאָנעלער קאַצעוו, וואָס איז געוואָרן אַ מערדער, אַ סוינע פון אַלץ וואָס רוים האָט געשאַפן שיינס און אָנשטענדיקס. רוים האָט געבראַכט פרידן און ציוויליזאַציע דער גאַנצער וועלט, נאָר דער שמוציקער שקלאַף האָט עפּעס אַנדערש ניט געוווסט ווי נאָר ציגדן און צעשטערן. וויפל „ווילאַס” ליגן אין כורווע אַדאַנק דעם וואָס די שקלאַפן האָבן ניט געקענט און האָבן ניט פאַרשטאַנען די ציוויליזאַציע! פאַרוואָס האָבן זיי עס געטאָן? וואָס האָבן זיי אויפגעטאָן אין די פיר יאָר וואָס זיי האָבן געקעמפט קעגן רוים? וויפל טויזנטער זײַנען אומגעקומען דערפון וואָס די שקלאַפן זײַנען אויפגעשטאַנען אין רוים? וויפל בויטן און לײַדן האָט די וועלט איבערגעטראָגן דערפון וואָס דער מאָב האָט געכאָלעמט מיט פרײַהייט... פרײַהייט צו צעשטערן!

זי האָט געשוויגן, מיטן קאָפּ אַראָפּגעבויגן און מיט די אויגן פון אונטן קוקנדיק.

— איך ווייס ניט וויאַזוי צו ענטפערן, — האָט זי רויק געזאָגט, — איך ווייס ניט וואָס די אַלע זאַכן באַטייטן.

— איך האָב געדולדיק אויסגעהערט פון דיר זאַכן, וואָס איך וואָלט קיינעם אין דער וועלט ניט דערלויבט מיר צו זאָגן. פאַרוואָס ענטפערסטו מיר ניט ? וואָס האָסטו געמיינט דערמיט ווען דו האָסט געזאָגט, אַז ספּאַרטאַקוס איז געווען אַ ריינער ? בין איך ווייניקער ריין פון אים ?

— איך ווייס ניט, — האָט וואַריניע געזאָגט, — איך פאַרשטיי אייך ניט. איך פאַרשטיי ניט די רוימער. איך קען נאָר ספּאַרטאַקוסן.

— און מיט וואָס איז ער געווען ריין ?

— איך ווייס ניט. גלייבט איר ניט, אַז איך אַליין האָב עס מיר געפרעגט ? עפשער דערפאַר וואָס ער איז געווען אַ שקלאַף. עפשער דערפאַר וואָס ער האָט אַזוי פיל געליטן. וויאַזוי קענט איר פאַרשטיין ווי אַ שקלאַף ליידט ? איר זייט קיינמאָל ניט געווען קיין שקלאַף.

— אָבער ריין ; ריין האָסטו געזאָגט.

— פאַר מיר איז ער געווען ריין. ער האָט נישט געקענט טאָן קיין שלעכטע זאַכן.

— מיינסטו, אַז ס'איז געווען אַ גוטע זאַך אַרגאַניזירן אַן אויפשטאַנד און אונטערצינדן אַ האַלבע וועלט ?

— מיר האָבן ניט אונטערגעצינדן די וועלט. מיר האָבן נאָר געוואָלט אונדזער פרייהייט. מיר האָבן נאָר געוואָלט לעבן אין פרידן. איך קען ניט ריידן אַזוי ווי איר רעדט. איך האָב ניט קיין דערציִונג. איך בין אַפילו ניט פעיִק צו ריידן אייער שפּראַך. ווען איר רעדט צו מיר ווער איך צעטומלט. נאָר ווען ספּאַרטאַקוס האָט צו מיר גערעדט, האָט ער מיך ניט צעטומלט. איך האָב געוווּסט וואָס מיר ווילן. מיר ווילן זיין פריי.

— נאָר איר זייט דאָך געווען שקלאַפן ?

— יאָ. אָבער פאַרוואָס דאַרפן טייל זיין שקלאַפן און די אַנדערע פריי ?

קראַסוס האָט גערעדט צו איר שוין ווייכער : „דו, וואַריניע, האָסט איצט געלעבט אין רוים. איך האָב דיך אין מיין טראָגבעט געפירט איבער דער שטאָט. האָסט געזען די מאַכט פון רוים, די אומענדלעכע און גרענעצלאָזע מאַכט פון רוים. די רוימישע וועגן ציִען זיך איבער דער גאַנצער וועלט. די רוימישע לעגיאָנען האַלטן וואַך אַף די גרענעצן פון דער ציוויליזאַציע און האַלטן אָפּ די קויכעס פון דער פינצטערניש. די פעלקער ציטערן ווען זיי דערזעען דאָס שטעקל פונעם לעגאַט, און דאָרט ווו עס זיינען פאַראַן וואַסערן, באַהערשן די רוימישע שיפן די יאַמען. דו האָסט געזען ווי די שקלאַפן האָבן צעשמעטערט טייל פון אונדזערע לעגיאָנען, נאָר אין שטאָט האָט מען עס קוים אין אַכט גענומען. לאָגיש גערעדט, שטעלסטו דיר פאָר, אַז עטלעכע שקלאַפן זאָלן קענען איינברעכן די שרעקלעכסטע מאַכט וואָס די וועלט האָט ווען געקענט, אַ מאַכט וואָס אַלע פאַרצייטיקע אימפּעריעס קענען זיך צו איר ניט גלייכן ? פאַרשטייסט ? רוים איז אייביק.

די רוימישע סיסטעם איז די בעסטע סיסטעם וואָס די מענטשהייט האָט געקענט. און וועט דויערן אייביק. אַט דאָס וויל איך דו זאָלסט פאַרשטיין. ווייַן ניט אַף ספּאַרטאַקוסן. קיינער וועט קיינמאָל ניט וויינען אַף ספּאַרטאַ־קוסן. די געשיכטע האָט ליקווידירט ספּאַרטאַקוסן. דאַרפסט לעבן דיַין אייגן לעבן.

—איך וויין ניט אַף ספּאַרטאַקוסן. קיינער וועט קיינמאָל ניט וויינען אַף ספּאַרטאַקוסן. מען וועט אים אָבער אויך קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

— אָך! וואַריניע, וואַריניע... סאַראַ נאַר דו ביסט! ספּאַרטאַקוס איז שוין איצט ניט מער ווי אַ געשפּענסט און מאָרגן וועט דער ווינט דעם געשפּענסט פאַרטראָגן. אין צען יאָר אַרום וועט אים שוין קיינער ניט געדענקען. צו וואָס זאָל מען אים געדענקען? איז עפּעס פאַראַן געשיכטע אין דער שקלאַפן־מילכאָמע? ספּאַרטאַקוס האָט נישט געבויט; ער האָט בלויז צעשטערט. און די וועלט דערמאָנט נאָר די וואָס בויען.

— ער האָט געשאַפן האָפענונג.

— דו רעדסט אים נאָך ווי אַ קינד. ער האָט געשאַפן האָפענונג. פאַר וועמען האָפענונג? און ווו זיַינען די האָפענונגען איצט? דער ווינט האָט זיי פאַרטראָגן, ווי דאָס אַש, ווי דעם שטויב. זעסטו ניט, אַז עס איז נישטאָ און עס וועט נישט זיַין אַף דער וועלט קיין אַנדער מעטאָד ווי נאָר אַז די שטאַרקע זאָלן רעגירן די שוואַכע? וואַריניע, איך האָבן דיך ליב. ניט דער־פאַר וואָס דו ביסט אַ שקלאַפן, נאָר ניט געקוקט דערויף וואָס דו ביסט עס.

— יאָ...

— נאָר ספּאַרטאַקוס איז געווען אַ ריינער. — האָט ער איר ביטער אַ זאָג געטאָן.

— יאָ, ספּאַרטאַקוס איז געווען אַ ריינער.

— זאָג מיר, זאָג מיר מיט וואָס איז ער געווען אַ ריינער.

— איך קען עס ניט זאָגן. איך קען איַיך ניט זאָגן זאַכן, וואָס איר וועט ניט פאַרשטיין.

— איך וויל פאַרשטיין ספּאַרטאַקוסן. איך וויל אים באַקעמפן. איך האָב געקעמפט קעגן אים ווען ער האָט געלעבט און איך וועל קעמפן קעגן אים אויך איצט, ווען ער איז שוין טויט.

זי האָט געטרייסלט מיטן קאָפּ. „וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אַף מיר? פאַרוואָס פאַרקויפט איר מיך ניט צו אַ צווייטן? פאַרוואָס טוט איר ניט מיט מיר וואָס איַיך ווילט זיך? פאַרוואָס לאָזט איר מיך ניט צו רו?״

— איך בעט דיך זאָלסט מיר זאָגן איין פּאַשעטע זאַך, וואַריניע. האָט ספּאַרטאַקוס מיט אַן עמעצן געלעבט? פאַרוואָס קען מיר קיינער גאָרניט דערציילן וועגן אים?

— איך האָב איַיך געזאָגט...

וואַריניע האָט זיך פאַרהאַלטן און ער האָט ליבלעך איר געזאָגט:

— רייד, וואַריניע, רייד. איך וויל זיַין דיַין פריַינט. איך וויל ניט דו זאָלסט מוירע האָבן מיט מיר צו ריידן.

— איך האָב ניט קיין מוירע, זינט דעם ווי איך האָב מיך באַקענט

מיט ספּאַרטאַקוסן, האָב איך מער קיינמאָל קיין מוירע ניט געהאַט. נאָר ס'איז שווער צו ריידן וועגן אים. איר רופט אים מערדער און קאַצעוו. נאָר ער איז געווען דער בעסטער און דער איידלסטער פון די מענטשן.

— יאָ... נאָר דערציילט מיר. איך וויל דו זאָלסט איצט ריידן. איך וויל וויסן וואָס אַזוינס האָט ער געטאָן אַז דו זאָלסט אַזוי דענקען פון אים. עפּשער, ווען איך זאָל פאַרשטיין ספּאַרטאַקוסן, זאָל איך ווערן אַ.אַ ווי ער.

ער האָט די גאַנצע צײַט געטרונקען און קיין ביסן ניט גענומען אין מויל אַרײַן. פון זײַן איראָניע איז שוין קיין שפּור ניט געבליבן.

— עפּשער וועל איך קענען זײַן ווי ספּאַרטאַקוס.

— איר צווינגט מיך ריידן. נאָר וויאַזוי זאָל איך עס אײַך דערקלערן? צווישן שקלאַפן זײַנען מענער און פרויען ניט אַזוי ווי בײַ אײַך. אַ מאַן און אַ פרוי זײַנען צווישן שקלאַפן גלײַך. מיר אַרבעטן גלײַך; מען שמײַסט אונדז אויך גלײַך; מיר שטאַרבן גלײַך און אַלע גייען מיר אין אַלגעמיי־נעם גרוב. און פון אָנהייב האָבן מיר גענומען די שפּיזן און די שווערדן אין די הענט און מיר האָבן געקעמפט גלײַך מיט די מענער. ספּאַרטאַקוס איז געווען מײַן כאַווער. מיר זײַנען געווען ווי איין מענטש. מיר האָבן זיך פאַראייניקט איינער מיט דעם צווייטן. ווען ער האָט געהאַט אַ ווונד, איז גענוג געווען איך זאָל מיך צו איר צורירן און איך זאָל דערפילן דעם ווייטיק, ווי די ווונד וואָלט געווען מײַנע. און שטענדיק זײַנען מיר געווען גלײַך. ווען זײַן בעסטער פרײַנט קריקסוס איז געשטאָרבן, האָט ער זײַן קאָפּ אַוועקגעלייגט בײַ מיר אָפּן שויס און האָט געשריגן און געוויינט ווי אַ קינד. און ווען איך האָב געבוירן מײַן ערשטן זון, אַ טויטן, צו די זעקס כאַדאָשים, האָב איך אויך אַזוי געוויינט און ער האָט מיך אָפּגעהיט. זײַן גאַנץ לעבן האָט ער קיין אַנדער פרוי ניט געהאַט אַ כוץ מיר. און זאָל זײַן וואָס עס וועט זײַן, וועל איך קיין אַנדער מאַן ניט האָבן. דעם ערשטן מאָל וואָס ער האָט מיך געהאַלטן אין זײַנע אָרעמס, האָב איך מוירע געהאַט. באַלד האָט מיך באַהערשט אַ וווּנדערלעך געפיל. איך האָב מיך דערוווּסט אַז איך וועל קיינמאָל ניט שטאַרבן, אַז מײַן ליבע איז אומשטאַרביק. אַז קיינער וועט מיר מער קיין שלעכטס ניט טאָן. איך בין געוואָרן דאָס וואָס ער איז געווען און איך גלייב, אַז ער איז געוואָרן אַ ביסל דאָס וואָס איך בין. מיר האָבן צווישן זיך קיין סוידעס ניט געהאַט. פון אָנהייב האָב איך מוירע געהאַט ער זאָל דערזען די אומפּולקאָמענקייט פון מײַן לײַב. נאָר איך האָב מיך דערוווּסט, אַז די אומפּולקאָמענקייטן זײַנען אַזוי ריין ווי ריין עס איז דאָס לײַב. ער האָט מיך ליב געהאַט אַזאַ ווי איך בין. נאָר וואָס קען איך אײַך זאָגן וועגן אים? מען וויל אים פאַרשטעלן ווי אַ ריז, נאָר ער איז קיין ריז ניט געווען. ער איז געווען אַ געוויינלעכער מענטש. ער איז געווען ליב און גוט און פול מיט ליבע. ער האָט ליב געהאַט זײַנע כאַווערים. ווען זיי פלעגן זיך טרעפן, פלעגן זיי זיך קושן אין די ליפּן. צווישן אײַך, רוימער, האָבן איך קיינמאָל ניט געזען מענער זאָלן זיך אַרומ־נעמען און זיך קושן, און דאַך, לייגן זיך דאָ מענער מיט מענער אַזוי לײַכט ווי מיט פרויען. וואָס ספּאַרטאַקוס זאָל מיר ניט געווען זאָגן, האָב איך

אים פֿאַרשטאַנען. אײַך אָבער פֿאַרשטיי איך ניט. איך פֿאַרשטיי ניט די רוימער ווען זיי ריידן. ווען די שקלאַפֿן פֿלעגן זיך קריגן און דיסקוטירן, פֿלעגט זיי ספּאַרטאַקוס רופֿן און זיי האָבן גערעדט, דערנאָך האָט ער גע־רעדט צו זיי און זיי האָבן צוגעהערט. זיי האָבן געטאָן שלעכטע זאַכן, נאָר שטענדיק האָבן זיי געוואָלט זײַן בעסער. זיי זײַנען ניט געווען אַליין. זיי זײַנען געווען אַ טייל פֿון עפּעס; זיי זײַנען אויך געווען אַ טייל פֿון יעדן איינעם. פֿון אָנהייב האָבן זיי געהאַט די געוווינהייט אַראָפּצואַנוועגען אַ טייל פֿונעם זאַקרויב. ספּאַרטאַקוס האָט מיר געוויזן, אַז ער קען גאָרניט ניט העלפֿן קעגן דעם, ווײַל זיי קומען פֿון ערטער ווו מען גאַנוועט. נאָר דער געמיינשאַפֿטלעכער אויצער איז קיינמאָל ניט געווען פֿאַרשלאָסן אָדער באַוואַכט. און אַז זיי האָבן געזען מען קען האָבן וואָס מען באַדאַרף ניט געגאַנוועטערהייט, און אַז זיי קענען בעשומאויפֿן ניט געברויכן דאָס וואָס זיי גאַנוועגען, האָבן זיי אויפֿגעהערט גאַנוועגען. זיי האָבן אָנגעווירן די מוירע צו בלײַבן הונגעריק אָדער זײַן אָרעם. און ספּאַרטאַקוס האָט זיי גע־לערנט, אַז אַלע שלעכטע זאַכן וואָס מענטשן טוען, נעמען זיך דערפֿון וואָס זיי האָבן מוירע. ער האָט מיר געוויזן ווי מיר קענען זיך ענדערן און ווערן גוטע שיינע מענטשן אויב נאָר מיר ווועלן לעבן ברידערלעך און טיילן צווישן זיך אַלץ וואָס איינער האָט. איך האָב דאָס געזען. נאָר דער מאַן וואָס איך האָב געהאַט איז אין אַלע אויפֿאַנים געווען גוט און שיין. דערפֿאַר האָט ער זיי אַלעמען געקענט פֿירן. דערפֿאַר האָבן זיי אים געפֿאָלגט. זיי זײַנען ניט געווען קיין מערדער און ניט קיין קאַצאָווים. זיי זײַנען געווען עפּעס אַזוינס וואָס די וועלט האָט נאָך ניט געזען. זיי זײַנען געווען ווי מענטשן דאַרפֿן זײַן. דערפֿאַר קען איך מיך פֿון אײַך ניט פֿילן געטראָפֿן. דערפֿאַר קען איך אײַך ניט ליב האָבן.

אַוועק פֿון דאַנען! — האָט איר קראַסוס געזאָגט, — טרעט אָפּ פֿון מײַנע אויגן! פֿאַרשאָלטן זאָלסטו ווערן!

VI

גראַקוס האָט ווידער גערופֿן צו זיך פֿלאַוויוסן. ביידן האָט פֿאַראייניקט איין גורל. מער ווי ווען עס איז האָבן זיי איצט אויסגעזען ווי צוויי ברידער, די צוויי אַלטע דיקע לײַט. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט און האָבן זיך איינער דעם צווייטן אָנגעקוקט און פֿאַרשטאַנען. גראַקוס האָט פֿאַרשטאַנען פֿלאַ־וויוסעס טראַגעדיע. פֿלאַוויוס האָט קעסיידער געפּרוווט ווערן ווי די אַלע וואָס האָבן האַצלאָכע און אים איז ניט געגאַנגען. טנוע נאָך טנוע פֿלעגט ער זיי נאָכמאַכן און נאָך אַלעמען פֿלעגט דערפֿון אַרויסקומען ניט מער ווי אַ נאָכמאַכונג. אַפֿילע ניט קיין געניאַרונג. און פֿלאַוויוס קוקט אַף גראַ־קוסן און זעט בעכוש, אַז דער אַלטער האַלט שוין באַם סאָף; אַזוי ווײַט, אַז ער וועט שוין קיינמאָל מער ניט זײַן דאָס וואָס ער איז געווען. ער פֿאַר־דעכטיקט קוים וואָס פֿאַר אַ שרעקלעכע זאַך עס איז געשען אין גראַקוסעס

לעבן. ער האָט געפונען אַ שיצער און דער שיצער קען אים שוין ניט שיצן. און דאָס האָט געמוזט געשען!

— וואָס ווילסטו? — האָט פלאַוויוס געפרעגט, — קוק ניט אַזוי אַף מיר. ס׳איז וואַריניע. איך האָב דערויף אַ באַשטעטיקונג, אויב דו דאַרפסט. ספּאַרטאַקוסעס ווײַב. וואָס פאַרלאַנגסטו פון מיר איצט?

— וואָס שרעקסטו דיך? — האָט גראַקוס אים געזאָגט, — איך דריי מיך קיינמאָל ניט אום מיטן רוקן צו מענטשן וואָס האָבן מיר געהאָלפן. צו וועלכע טײַוואָלים שרעקסטו זיך?

— כ׳שרעק מיך פאַר דיר, — האָט ער קלאָגעדיק געענטפערט, — כ׳שרעק מיך פאַר דעם וואָס דו וועסט מיך איצט בעטן. קענסט רופן די שטאָטישע קאָהאָרטעס, אויב דו ווילסט. האָסט דײַנע אייגענע באַנדעס און דײַנע אייגענע שלעגערס און גאַנצע געגנטן פון דער שטאָט קענסטו נוצן צו דײַנע געשעפטן. פאַרוואָס-זשע טוסטו עס ניט? פאַרוואָס קומסטו אָן צו אַ ליאַדע וועמען, וואָרעם וואָס בין איך אומשטיינס געזאָגט, אַ געוועזענער צווייטראַנגיקער פאָליטיקאַנט. פאַרוואָס ווענדסטו דיך ניט צו דײַנע גוטע פרײַנט?

— איך קען ניט, — האָט גראַקוס געזאָגט — מיט אַזאַ איניען קען איך זיך צו קיין גוטע פרײַנט ניט ווענדן.

— פאַרוואָס?

— דו פאַרשטייסט ניט פאַרוואָס? איך וויל האָבן די פרוי. איך וויל האָבן וואַריניען. איך האָב זי געוואָלט קויפן. איך האָב אָנגעבאָטן קראַסוסן אַ מיליאָן „סעסטערצן”. דערנאָך האָב איך דעם פרײַז פאַרטאָפּלט. ער האָט מיך באַליידיקט און האָט מיר אין פּנים געלאַכט.

— אָ! ניין, ניין... צוויי מיליאָן!

באַ דעם בלויזן געדאַנק האָט פלאַוויוסן אַ ציטערניש אָנגעכאַפּט. ער האָט זיך באַלעקט און האָט די הענט געבראָכן.

— צוויי מיליאָן! דאָס איז דאָך די וועלט אין אַ זאַק! בלײַבסטו מיט דעם געלט, קענסטו די גאַנצע וועלט האָבן. און דו האָסט דאָס אָנגעבאָטן פאַר דער פרוי? גאָט מײַנער, גראַקוס... צו וואָס טויג דיר די פרוי? ניט ווײַל איך וויל אַרײַנקריכן אין דײַנע סוידעס. ווילסט איך זאָל עפּעס טאָן פאַר דיר, נאָר איך שווער דיר, אַז איך גיי די מינוט אַוועק, אויב דו זאָגסט מיר ניט. איך מוז וויסן צוליב וואָס דו ווילסט זי האָבן.

— איך האָב זי ליב — האָט גראַקוס טרויעריק געענטפערט.

— וואָס!

גראַקוס האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט זײַן גאַנצע כשיוועס פאַרלוירן. ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און די אויגן זײַנען אים געוואָרן רויט און פײַכט.

— איך פאַרשטיי ניט. ליבע? וואָס איז עס פאַר אַ טײַוול, די ליבע? דו האָסט ביז איצט ניט כאַסענע געהאַט. נישט געווען אַזאַ פרוי, וואָס זאָל אַף דיר אירע פינגער אַרויפלייגן. און איצט קומסטו און זאָגסט מיר, אַז דו האָסט ליב אַ שקלאַפן־מיידל, אַזוי ווײַט, אַז דו ביסט גרייט צו

באַצאָלן פאַר איר צוויי מיליאָן „סעסטערצן". איך קען דיך ניט פאַרשטיין.

— דו מוזט עס דען פאַרשטיין? — האָט דער פּאָליטיקער אַ מרוקע געטאָן, — ווייסט עס נישט פאַרשטיין. קוק מיך אָן ווי אַלט און דיק איך בין און דערצו נאָך האָסטו מיך שטענדיק געהאַלטן פאַר אַ סאַטיר. טראַכט דיר ווי דו ווילסט. איך האָב נאָך ביז הײַנט ניט געזען אַ פרוי וואָס זאָל זײַן אַ מענטשלעך וועזן; ווי אַזוי זײַנען אונדזערע מערסטע פרויען? איך האָב מיך פאַר זיי געשראָקן און זיי האָבן מיך פײַנט געהאַט. מעגלעך אַז מיר האָבן זיי פאַר אַזעלכע געמאַכט... איך ווייס ניט. איצט וויל איך אַף די קני קריכן פאַר דער פרוי. איך וויל זי זאָל כאָטש איין מאָל אַ קוק טאָן אַף מיר און מיר זאָגן, אַז עפּעס באַטײַט איך פאַר איר. איך ווייס ניט וואָס קראַסוס איז פאַר איר... נאָר איך פאַרשטיי, וואָס זי איז פאַר מיר. איך פאַרשטיי עס זייער גוט. נאָר וואָס קען ער פאַר איר באַטײַטן? ער איז דער מענטש וואָס האָט צעשמעטערט איר מאַן... דער מענטש וואָס האָט צעקלאַפּט ספּאַרטאַקוסן. ווי קען זי גאָר קוקן אַף אים אָן פאַראַכטונג און סינע?

— פרויען קענען, — האָט פלאַוויוס געשאָקלט מיטן קאָפּ, — קראַסוס קען העכערן דעם פרײַז אָן אַ סאָף. וועסט שטוינען.

— אָ! דו האָסט אַ גרויסן טאָעס, דו פאַרשאָלטענער גראָבער נאַר. טיפּעש!

— הייב ניט אָן ווידער מיט דער אייגענעם, גראַקוס.

— ריידזשע ניט ווי קיין אידיאָט. איך וויל די פרוי. דו ווייסט שוין מײַן פרײַז.

— דאָס הייסט, אַז דו ווילסט באַצאָלן...

— יאָ.

— פאַרשטייסטו וואָס דערפון קען אַרויסקומען? — האָט פלאַוויוס פאַרזיכטיק געזאָגט, — ניט פאַר מיר. אויב מיר וועט זיך אײַנגעבן, נעם איך דאָס געלט און פאָר אַוועק קיין עגיפּטן און קויף מיר דאָרט אַ ווילע מיט עטלעכע אַלעקסאַנדרינער שקלאַפן־מיידלעך און לעב מיר דאָרט אָפּ מײַן רעשט ביסל יאָרן. איך קען עס טאָן. דו ניט, גראַקוס. דו ביסט גראַקוס; ביסט אַ סענאַטאָר; אין דעם מאָמענט ביסטו די מעכטיקסטע קראַפט פון רוים. דו קענסט ניט אַנטלויפן. וואָס וועסטו טאָן מיט איר?

— דערווײַל טראַכט איך ניט דערפון.

— ניין? דו ווייסט וואָס קראַסוס וועט טאָן? קראַסוסן האָט נאָך קיינער ניט באַזיגט. קיינער האָט נאָך ביז הײַנט ניט אָנגערירט עפּעס וואָס געהער צו קראַסוסן. קענסטו קעמפן קעגן קראַסוסן? קענסטו קאָנקורירן מיט זײַן רײַכקייט? ער וועט דיך אײַנבריכן, גראַקוס. ער וועט דיך צום טויט פירן. ער וועט דיך רויִנירן און דערהאַרגענען.

— מיינסטו אַז ער איז גענוג גרויס דאָס אויסצופירן? — האָט גראַקוס מילד געפרעגט.

— ווילסט איך זאָל דיר זאָגן דעם עמעס? צוויי מיליאָן איז עפּעס

אַזוינס וואָס מיר האָט זיך אַפילו ניט געכאָלעמט, נאָר דער עמעס איז, אַז ער קען דאָס טאָן און וועט דאָס טאָן.

— איך וועל ריזיקירן, — האָט גראַקוס געזאָגט.

— וואָס־זשע וועט דיר אַרויסקומען דערפון וואָס דו וועסט ריזיקירן? צוויי מיליאָן איז אַ סאַך געלט. איך קען באַצאָלן מען זאָל זי באַ אים פון שטוב אַרויספירן און דיר זי ברענגען. דאָס וועט זײַן ניט שווער אויסצופירן. ווי־אַזוי אָבער ווייסטו, אַז זי וועט דיר אין פּאָנעם ניט אָנשפּײַען? און פאַר־וואָס זאָל זי דאָס ניט טאָן? קראַסוס האָט צעקלאַפּט ספּאַרטאַקוסן. ווער אָבער האָט ספּאַרטאַקוסן געבראַכט דערצו? ווער האָט מאַנעווּרירט דאָס זאָל אים געלינגען? ווער האָט אים די אַרמײ געגעבן און די אַרבעט אי־בערגעגעבן?

— דאָס האָב איך געטאָן, — האָט גראַקוס געזאָגט.

— דאָס אייגנטלעך מיין איך. וואָס־זשע וועסטו דערפון באַקומען?

— זי קען איך באַקומען...

— וואָס אַזוינס קענסטו איר געבן? שקלאַפן פאַרלאַנגען נאָר איין זאַך. קענסטו דאָס איר געבן?

— וואָס פאַר אַ זאַך?

— אָ! דו ווייסט אין וואָס עס גייט, — האָט פלאַוויוס געזאָגט, — פאַרוואָס נעמסטו ניט אויף די זאַכן פּאָנעם על פּאָנעם?

— מיינסט די פרײַהייט?

— ניט מיט דיר. איר פרײַהייט אָן דיר. דאָס הייסט, אויסער רוים. די פרײַהייט דאָרט ווו קראַסוסעס האַנט זאָל זי ניט קענען גרייכן.

— מיינסטו ניט אַז זי וואָלט מיר באַדאַרפט געבן כאָטש איין נאַכט פאַר איר פרײַהייט?

— איין נאַכט וואָס?

— ליבע... ניין, ניט ליבע. אַכטונג, רעספּעקט, אויפמערק. ניין... ניט דאָס איז עס. דאַנק. לאָז מיך איר אָנגעבן דאָס אין אַזאַ פאָרעם. אַ נאַכט פון דאַנק.

— סאַראַ נאַר דו ביסט! — האָט פלאַוויוס געזאָגט.

— איך בין טאָפּלט נאַר דערמיט וואָס איך זיץ דאָ און דערלאָז דו זאָלסט עס מיר זאָגן, — האָט גראַקוס צוגעשטימט — עפּשער בין איך עס... און עפּשער ניט. איך וועל ריזיקירן מיט קראַסוסן. דו מוזט איר איבערצײַגן, אַז איך בין אַ מענטש פון וואָרט, אַז איך האָב מײַן גאַנץ לעבן געהאַלטן וואָרט. רוים ווייס דאָס. נאָר דעריקער זאָלסטו זי דערין איבערצײַגן.

פלאַוויוס האָט דעם קאָפּ פאַרנייגט.

— וועסט מוזן אײַנאָרדענען אַזוי אַז זי זאָל טייקעף קענען אַוועק פון רוים. קענסטו עס טאָן?

פלאַוויוס האָט ווידער דעם קאָפּ פאַרנייגט.

— וווהין?

— צום ווינציקסטן ביז דער פאַר־אַלפּישער גאַליע. דאָרט וועט זי זײַן

אויסער סאַקאָנע. אין דאָרעם וועלן די טויערן זײַן באַוואַכט. איך מיין, אַז זי וועט זײַן אויסער סאַקאָנע אויב זי וועט זיך לאָזן אַף צאָפן, צו גאַליע. זי איז אַ גערמאַנישע, אויב זי וועט וועלן, קען זי קומען קיין גערמאַניע.

— וויַאזוי אָבער וועסטו זי אַרויספירן פון קראַסוסעס שטוב?

— דאָס איז קיין פּראָבלעם ניט. ער פאָרט אַרויס יעדע וואָך אַפן לאַנד. יעדע דרײַ טעג. אַביסל געלט, פאַרטיילט מיט סייכל, וועט שוין טאָן דאָס איבעריקע.

— אויב נאָר זי וועט צושטימען.

— איך פאַרשטיי, — האָט פלאַוויוס מאַסקים געווען.

— איך שטעל מיר פאָר, אַז זי וועט וועלן מיטנעמען איר קינד. מיך געפעלט דאָס. איך וועל זען, אַז דאָס קינד זאָל זיך דאָ פילן באַקוועם.

— יאָ.

— ווילסט איך זאָל דיר אײַנצאָלן די צוויי מיליאָן פאָרויס, ריכטיק?

— מיר דאַכט זיך, אַז ס'איז גלײַכער דאָס געלט נעמען פאָרויס, — האָט פלאַוויוס טרויעריק געזאָגט.

— איך קען עס דיר געבן שוין איצט. איך האָב עס מיט מיר. אויב דו ווילסט, קען איך עס דיר געבן מיט מעזומען, אַז ניט, קען איך דיר געבן אַן אָרדער צו מײַן באַנקיר אין אַלעקסאַנדריע.

— גלײַכער אין מעזומען,— האָט פלאַוויוס געזאָגט.

— יאָ... איך מיין, אַז דו ביסט גערעכט. טראַכט נאָר ניט פון אַנטלויפן. פלאַוויוס. איך וועל דיך אויסגעפינען ווו נאָר דו וועסט זיך באַהאַלטן.

— פאַרשאָלטן זאָלסטו ווערן, גראַקוס! מײַן וואָרט איז פונקט אַזאַ וואָרט ווי דײַנס.

— גוט אַזוי.

— איין זאַך נאָר, איך ווייס ניט צוליב וואָס דו טוטסט עס! איך שווער דיר בײַ אַלע געטער וואָס זײַנען אַמאָל געווען און וועלן אַמאָל זײַן, איך ווייס ניט וואָס דו טוסט! דו קענסט ניט קראַסוסן, אויב דו מיינסט, אַז ער וועט ניט מיט עפּעס ענטפערן דערויף.

— איך קען קראַסוסן.

— טאָ זאָל דיר גאָט העלפן, גראַקוס. איך וואָלט וועלן ניט זײַן אַזוי, פּעסימיסטיש, נאָר איך מוז דיר זאָגן דעם עמעס.

VII

וואַריניע האָט די נאַכט געזען אַ כאָלעם. עס האָט זיך איר געכאָלעמט, אַז זי שטייט פאַר אַן אויספאָרשונג אינעם האַנאָראַבלען סענאַט. דאָרט זיצן די מענטשן וואָס רעגירן די וועלט. אַלע זיצן זיי אַף גרויסע שטולן, אין ווײַסע טאָגעס אײַנגעהילט און יעדער איינער האָט קראַסוסעס לענגלעכן, עלעגאַנטן און האַרטן פּאָנעם. די גאַנצע מאַכט זייערע איז אויסגעדריקט אין אַלץ וואָס איז צו זיי שײַעך, אין דעם אויפן ווי זיי זיצן, אַף פאָרויס אָנגעבויגן, די באַקן אַף דער האַנט אָנגעשפּאַרט, אינעם אויסדרוק פון זייערע

פענעמער, אָנגעכמורעטע און אַרײַנגעטראַכטע, אין זייער פאַרטרוילעכקייט און זיכערקייט... זיי זײַנען די מאַכט און די פעסטונג און קיין זאַך אין דער וועלט קען זיך אַקעגן זיי ניט שטעלן. זיי זיצן אַף זייערע ווײַסע שטיי־נערנע זיץ־פּלעצער אינעם ברייטן קײַלעכדיקן זאַל און ס׳איז גענוג אַף זיי אַ קוק צו טאָן, אַז מען זאָל מוירע באַקומען.

וואַריניען האָט זיך געכאַלעמט, אַז זי שטייט פאַר זיי און דאַרף איידעס זאָגן קעגן ספּאַרטאַקוסן. זי שטייט פאַר זיי אין אַ דינעם בײַוולנעם קלייד און זי האָט דעם פולן פײַנלעכן באַוווסטזײַן, אַז די מילך וואָס רינט איר פון די ברוסטן פלעקט דאָס אויס. זיי נעמען איר שטעלן פראַגעס:

— וואָס איז געווען ספּאַרטאַקוס?

זי וויל ענטפערן, נאָר איידער זי באַווײַזט דאָס טאָן, שטעלט מען איר שוין אַ צווייטע פראַגע:

— פאַרוואָס האָט ער געוואָלט צעשטערן רוים?

ווידער פּרוווט זי ענטפערן און ווידער שטעלט מען איר אַן אַנדער פראַגע:

— פאַרוואָס האָט ער דערהאַרגעט יעדן איינעם וואָס איז אַרײַנגעפאַלן צו אים אין די הענט? האָט ער דען ניט געוווסט, אַז אונדזערע געזעצן פאַר־באָטן מאָרד?

זי פּרוווט לייקענען, נאָר איידער נאָך זי באַווײַזט אַרויסצוברענגען צוויי ווערטער פונעם מויל, איז שוין גרייט אַן אַנדער פראַגע:

— פאַרוואָס האָט ער געהאַסט אַלץ וואָס איז גוט און האָט ליב גע־האַט אַלץ וואָס איז שלעכט?

ווידער פּרוווט זי ריידן, נאָר איינער פון די סענאַטאָרן האָט זיך אויפ־געהויבן און האָט איר אָנגעוויזן אַף איר ברוסט:

— וואָס איז עס? — האָט ער געפרעגט.

— מילך.

באַ אַלעמען האָבן זיך דערמאָלט די פענעמער אָנגעצונדן מיט אַ שרעק־לעכן קאַס און זי האָט זיך דערפילט אַזוי דערשראָקן ווי זי איז נאָך קיינ־מאָל אַזוי ניט געווען. דערנאָך, איז אָן שום פאַרוואָס, אַלנפאַלס געדענקט זי עס ניט אין כאָלעם, די שרעק פאַרשוווגדן, אין כאָלעם טראַכט זי זיך:

— דאָס נעמט זיך נאָר דערפון, וואָס ספּאַרטאַקוס איז מיט מיר.

זי קוקט זיך אום און טאַקע שטייט ער לעבן איר. ער איז געקליידט ווי שטענדיק אין דער שלאַכט. ער טראָגט הויכע לעדערנע שטיוול, אַ גלאַטן גרויען טוניק און אַף זײַנע שוואַרצע קוטשערן טראָגט ער אַ קליין פלישן מיצל. קיין געווער טראָגט ער ניט, ער האָט אײַנגעפירט צו טראָגן געווער נאָר אַפן שלאַכטפעלד. ער טראָגט ניט קיין רינגלעך, קיין צירונגען, קיין בראַסלעטן. ער איז ריין אָפּגעראַזירט און דער געקרויזטער קאָפּ האָר איז אַרומגעשוירן.

ער זעט אויס אויסערגעוויינלעך רויִק און זיכער באַ זיך. זי דערמאָנט זיך — אין כאָלעם — אַז ער איז שטענדיק אַזוי געווען. ספּאַרטאַקוס פלעגט צוגיין צו אַ גרופּע שקלאַפן און אַלע האָבן זיי זיך דערפילט רויִק.

נאָר זי האָט אַנדערש געפּילט. ווי נאָר זי פּלעגט אים דערזען, פּלעגט זי דערפּילן אַ פרייד. ווי אַ קרײַז וואָלט זיך צעעפּנט און איז מיט אים גאַנץ געוואָרן און זיך געשלאָסן. איין מאָל איז זי געווען אין זײַן פּאַוויליאָן. געווען זײַנען דאָרט צום ווינציקסטן פופציק מענטשן און האָבן געוואַרט אָף ספּאַרטאַקוסן. ווען ער איז אַרײַנגעקומען, איז זי שטיין געבליבן אָן אַ זײַט אין דער צײַט ווען ער האָט אָפּגעפּאַרטיקט די מענטשן וואָס האָבן אָף אים געוואַרט. נאָר איר גליק איז געוואַקסן און יעדער וואָרט וואָס ער האָט אַרויסגערעדט און יעדע טנוע וואָס ער האָט געמאַכט, איז געווען אַ טייל פון אָט דער פריידיקער שטימונג אירער. ס׳איז געקומען צו אַ מאָמענט, ווען זי האָט מער ניט געקענט טראָגן אין זיך אַזוי פיל פרייד און זי איז פונעם פּאַוויליאָן אַרויסגעגאַנגען און האָט געזוכט אַ פּלאַץ ווו צו זײַן אַליין.

אין כּאַלעם האָט וואַריניע געהאָט דעם זעלביקן געפיל.

— וואָס טוסטו דאָ, טײַערע? — האָט ער זי געפרעגט.

— מען פרעגט מיך אויס.

— ווער,

— זיי, — און זי ווײַזט אָן אָף די האָנאָראַבלע סענאַטאָרן, — „זיי שרעקן מיך. און אין דעם מאָמענט באַמערקט זי, אַז די סענאַטאָרן רירן זיך ניט פונעם אָרט, ווי זיי וואָלטן פּאַרגליווערט געווען.

— זעסט דאָך ווי זיי זײַנען מער דערשראָקן פון דיר, — זאָגט איר ספּאַרטאַקוס, און דאָס איז אַזוי כּאַראַקטעריסטיש געווען בײַ אים. האָט ער עפּעס געזען, האָט ער עס פּראָסט און פּאָשעט דעפינירט. דערנאָך פּלעגט זי זיך וווּנדערן וואָס זי האָט עס געזען אַנדערש. אַוואַדע זײַנען זיי דערשראָקן.

— קום, וואַריניע,— שמייכלט צו איר ספּאַרטאַקוס. ער נעמט זי אַרום בײַ דער טאַליע און זי אים דאָס אייגענע. זיי גייען אַרויס פונעם סענאַט און לאָזן זיך גיין איבער די רוימישע גאַסן. זיי גייען און קיינער מערקט דאָס ניט און קיינער שטעלט זיי ניט אָפּ.

אין כּאַלעם זאָגט איר ספּאַרטאַקוס:

— שטענדיק ווען איך בין מיט דיר, פּאַסירט אַזוי. שטענדיק ווען איך בין מיט דיר, באַגער איך דיך. אָ, ווי איך באַגער דיך!

— ווען נאָר דו באַגערסט מיך, בין איך דײַנע.

— איך ווייס. נאָר ס׳איז זיך שווער צו דערמאָנען. איך שטעל מיר פאָר אַז דאָס וואָס מען קען באַקומען, וואָלט מען באַדאַרפט אויפהערן צו באַגערן. נאָר איך באַגער דיך שטענדיק. וואָס ווײַטער באַגער איך דיך אַלץ מער און מער. באַגערסטו מיך אויך אַזוי?

— יאָ, אַזוי.

— ווען נאָר דו זעסט מיך?

— יאָ.

— אָט דאָס פיל איך. ווען נאָר איך זע דיך.

זיי גייען נאָך אַביסל און ספּאַרטאַקוס רופט זיך אָן צו איר:

— איך מוז ערגעץ צוגיין. מיר מוזן ערגעץ צוגיין און זיך לייגן שלאָפן.

— איך ווייס פון אַן אָרט וווּ מיר קענען צוגיין, — זאָגט וואַריניע אין כּאַלעם.

— וווּ ?

— אין שטוב בײַ איינעם אַ מענטשן וואָס מען רופט אים קראַסוס ; איך ווייס דאָרטן.

ער איז שטיין געבליבן און האָט די האַנט אַוועקגענומען. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו איר און האָט געזוכט איר בליק. און זי האָט דערזען דעם פלעק פון מילך אויף איר קלייד.

— וואָס איז דאָס ? — האָט ער זי געפרעגט און האָט אָפּגענומען פאַר־געסן וואָס זי האָט אים געזאָגט וועגן קראַסוסן.

— די מילך וואָס איך גיב צו זויגן מײַן קינד.

— איך האָב נישט קיין קינד, — האָט ער געזאָגט. און פּלוצעם האָט ער מוירע באַקומען און האָט זיך דערשראָקן פאַר איר און האָט גענומען אַפּטרעטן און איז פאַרשווּונדן. דעמאָלט האָט זיך דער כּאַלעם פאַרענדיקט און וואַריניע האָט זיך אויפגעכאַפּט און אַרום איר איז געווען פינצטער.

VIII

אין אַ טאָג אַרום איז קראַסוס אַרויסגעפאָרן אויפן לאַנד און פאַרנאַכט האָט פלאַוויוס געבראַכט וואַריניען צו גראַקוסן אין שטוב, ווי זיי האָבן אָפּגעמאַכט. ווען זיי זײַנען אָנגעקומען איז גראַקוס געזעסן אַליין בײַם נאַכט־מאָל. אַ שקלאַפן האָט אים צו וויסן געגעבן, אַז צוויי פאַרשוינען וואַרטן אין דרויסן, פלאַוויוס מיט אַ פרוי, און די פרוי האַלט אַ קינד אויף די הענט.

— יאָ, — האָט גראַקוס געזאָגט, — יאָ, איך ווייס. פאַראַן אַן אָרט געמאַכט פאַרן קינד. הייס זיי אַרײַנגיין. — דערנאָך האָט ער צוגעגעבן : — ניין, איכל אַליין גיין.

ער איז קימאַט געלאָפן צו דער פאָדער־טיר און האָט זיי אַרײַנגעבעטן. ער האָט זיך געוויזן זייער ליבלעך און פאַרזיכטיק און האָט זיי אויפגענומען ווי מען נעמט אויף כּאַשעווע געסט.

די פרוי האָט געטראָגן אַ לאַנגן טוניק און אין דער טונקלקייט פונעם קאָרידאָר האָט מען ניט געקענט זען איר פּנים. ער האָט אַרײַנגעבאַגלייט די פרוי און האָט איר געזאָגט, אַז זי קען אים איבערגעבן דאָס קינד אָדער אַליין דאָס אַוועקטראָגן צו דער ניאַנקע. זי האָט צוגעוויגט דאָס קינד אויף די הענט און גראַקוס האָט מוירע געהאַט צו זאָגן אָדער אָנדײַטן עפּעס אַזוינס וואָס קען וועקן בײַ איר אומרו וואָס שײַעך זײַן זאָרג פאַרן קינד.

— איך האָב דאָ אַ געניטע ניאַנקע, וואָס קען זיך מיט אים אָפּגעבן.

— האָט ער געזאָגט. — איך האָב דאָ אַ וויגעלע און וואָס נאָר איר וועט פאַרלאַנגען. ער וועט זיך דאָ געפינען באַקוועם און אויסער יעדער סאַקאָנע.

— קיין סאַך דאַרף ער ניט, האָט וואַריניע געענטפערט.

גראַקוס האָט דעמאָלט צום ערשטן מאָל געהערט איר קאָל. אַ ווייך קאָל, נאָר פול מיט אינטאָנאַציעס און זייער אַ טיפס ; אַן אָנגענעם קאָל. זי

האט אפגעלייגט די קאפוצע פון איר טוניק און דעמאלט האט ער דערזען איר פנים. אירע לאנגע האר זיינען פארבונדן געווען אף הינטן, אפן נאקן. דאס פנים איז ניט געווען געשמינקט... און אירע דעליקאטע פנים־שטריכן האבן זיך דעריבער ארויסגעוויזן בוילעטער און שענער.

אין דער צייט וואס גראקוס האט זי באטראכט, איז פלאוויוס געשטאנען אן א זייט, א פאראינטערעסירטער, אן איינגעגעסענער און אויך א פאר־אינטריגירטער. ער האט זיך געפילט אומבאקוועם אף דעם פלאץ און ווי נאר ער האט באקומען די געלעגנהייט צו ריידן האט ער געזאגט:

— איך מוז איצט מאכן די וויכטערדיקע צוגרייטונגען, גראקוס. פאר־טאג וועל איך צוריקקומען. איך מיין אז דו וועסט זיין גרייט.

—איך וועל זיין גרייט, — האט גראקוס צוגעשטימט.

פלאוויוס איז אוועק און גראקוס האט אריינגעפירט ווארעניען אינעם צימער וואס איז באשטימט געווען פארן קינד. געזעסן איז דארט א שקלאפן און גראקוס האט אף איר אנגעוויזן און האט אויפגעקלערט:

— זי וועט דא זיין די גאנצע נאכט. זי וועט קיין אויג ניט אראפנעמען פונעם קינד. אזוי אז איר האט גארניט וואס מוירע צו האבן. טאמער וועט דאס קינד וויינען, וועט זי אייך טייקעף ארייננרופן. איר דארפט אייך ניט זארגן.

— דאס קינד וועט שלאפן, — האט ווארעניע געזאגט, — איר זייט זייער ליב, נאר דאס וועט שלאפן.

— נאר איר וועט אייך ניט דארפן צוהערן צי דאס קינד וויינט. ווי נאר דאס וועט וויינען, וועט זי אייך רופן. זייט איר ניט הונגעריק? האט איר געגעסן?

— ניין, איך האב נישט געגעסן, נאר איך בין נישט הונגעריק, — האט ווארעניע געענטפערט נאכדעם ווי זי האט אריינגעלייגט דאס קינד אינעם וויגל, — איך בין צופיל נערוועז אף צו זיין הונגעריק. מיר דאכט זיך אלץ ווי אין א חלום. פון אנהייב האב איך יענעם מענטשן נישט גע־קענט גלייבן, נאר איצט געטרוי איך אים. איך קען מיר ניט דערקלערן פארוואס איר טוט עס אלץ פאר מיר. איך טראכט איבער צי איז עס ניט א חלום און אז איך קען מיך א ליאדע מינוט אויפכאפן.

— זעצט אייך אוועק מיט מיר צום טיש ביז איך וועל אפעסן. עפשער וועט איר דערנאך וועלן עפעס עסן.

— יא, איך וועל אזוי טאן.

זיי זיינען צוריק אריינגעגאנגען אין עס־צימער און ווארעניע האט זיך אוועקגעזעצט אף דער קאנאפע, וואס איז געשטאנען באם טיש אין א גלייכן ווינקל מיט גראקוסעס. ער האט זיך נישט געקענט אנשפארן און איז געזעסן א שטייפער און האט קיין אויג נישט געקענט אראפנעמען פון ווארעניען. ער האט זיך געכידעשט וואס ער פילט ניט קיין שפור פון אומרו אדער כאראטע, נאר פארקערט א גרויס גליקזעליקייט, אזוינס וואס ער האט נאך אף זיין לעבן נישט געפילט. ער איז צופרידן. ער האט זיין גאנץ לעבן נישט געוווסט וואס דאס הייסט זיין צופרידן. אים האט זיך שטענדיק

געדאַכט, אַז אַלץ אין דער וועלט גייט ווי עס דאַרף זײַן. אַלע באַגאַנגענע אוולעס אין דער וועלט זײַנען פֿאַרשוווּנדן. ער פֿילט זיך בײַ זיך אין דער היים, אין זײַן הויז פֿון זײַן געבענטשטער שטאָט, אין זײַן וווּנדערלעכער „אורבס״, און פֿילט אַ גרויס ליבשאַפֿט צו דער פֿרוי וואָס זיצט קעגנאיבער אים. ער באַמיט זיך ניט אויסגעפֿינען דעם קאָמפּלעקס וואָס האָט גורעם געווען, אַז דער איינציקער טאָט פֿון ליבע אין זײַן לעבן איז אויסגעפֿאַלן אַף ספּאַרטאַקוסעס פֿרוי; ער האָט געטראַכט, אַז דאָס איז אים פֿאַרשטענדלעך, נאָר ער האָט נישט געהאַט דעם מינדסטן באַגער דאָס צו דעמאָנסטרירן און אַנאַליזירן.

ער האָט גענומען ריידן וועגן דעם עסן.

— איך האָב מוירע מײַן נאַכטמאָל זאָל אײַך אויסזען צו פּאַשעט אין פֿאַרגלײַך מיט קראַסוסעס טיש. איך עס פּרוכטן און פֿלייש און נישט געווירצטע פֿיש אַלס גרונט־עסן און דערנאָך עפּעס אַ ספּעציעלע זאַך. אַף הײַנט האָב איאַך געפֿילטע יאַם־ראַקלעך און גוטן ווײַסן ווײַן, וואָס איך טרינק מיט וואַסער געמישט...

זי האָט ניט געהערט וואָס ער רעדט, נאָר ער האָט מיט אַ ניט געוויינלעכער שפּירעוודיקייט זיך אָנגערופֿן:

— איר פֿאַרשטייט ניט ווען מיר, רוימער, ריידן פֿון עסן, ריכטיק?

— ניין, — האָט זי מאַסקים געווען.

— איך פֿאַרשטיי פֿאַרוואָס. מיר ריידן קיינמאָל ניט וועגן דעם ווי ליידיק עס זײַנען אונדזערע טעג. און דאָס איז דערפֿאַר וואָס מיר גיבן אָפּ אַזוי פֿיל צײַט אַף אויסצופֿילן אונדזערע טעג. פֿון די אַלע אַקטן וואָס זײַנען בײַ די באַרבאַרן נאַטירלעך, עסן און טרינקען, לעבן און לאַכן, פֿילן מיר קיינמאָל ניט קיין הונגער. מיר ריידן פֿון הונגער און מיר שפּירן אים קיינמאָל ניט. מיר ריידן פֿון דאָרשט, נאָר מיר זײַנען קיינמאָל ניט דאָרשטיק. מיר ריידן פֿון ליבע, נאָר מיר ליבן ניט און מיר זוכן אַן ערזאַץ פֿאַר דער ליבע אין אַלע אונדזערע פֿאַרדאָרבנקייטן און נײַע אײַנפֿירונגען. פֿאַרווײַלונג האָט בײַ אונדז פֿאַרנומען דעם אָרט פֿון גליק און ווען אַ פֿאַרווײַלונג הערט אויף צו פֿאַרווײַלן, מוזן מיר זוכן עפּעס מער פֿאַרווײַלנדיקערס, מער רייצנדיקערס... אַלץ מער און מער און מער. מיר זײַנען אַזוי ווײַט ברוטאַליזירט געוואָרן, אַז מיר זײַנען געוואָרן אומשפּירעוודיק צו דעם וואָס מיר טוען און די אומשפּירעוודיקייט ווערט אַלץ גרעסער. איר פֿאַרשטייט וואָס איך זאָג?

— עפּשער פֿאַרשטיי איך, — האָט וואַריניע געענטפֿערט.

— און איך מוז אײַך פֿאַרשטיין, וואַריניע. איך מוז פֿאַרשטיין פֿאַר וואָס האָט איר מוירע דאָס זאָל זײַן ניט מער ווי אַ כאַלעם. איר האָט אַ סאַך וואָס צו געווינען מיט קראַסוסן. איך דענק אַז ער וואָלט מיט אײַך אַפֿילע כאַסענע געהאַט, ווען איר וואָלט עס מיט אַן עמעסן פֿאַרגעשלאָגן. קראַסוס איז אַ גרויסער מענטש. ער איז איינער פֿון רוימס גרעסטע מענטשן. און זײַן מאַכט ווי זײַן ווירקונג זײַנען קימאַט אומגלויבלעכע. איר ווייסט וואָס דאָס הייסט אַן עגיפּטישער פּאַרע?

— יאָ, איך ווייס.

— נו, האָט קראַסוס אין איצטיקן מאָמענט מער מאַכט ווי אַן עגיפּטישער פּאַרע. און איר וואָלט געקענט זײַן גרעסער ווי אַן עגיפּטישע קעניגן. וואָלט ער אײַך פאַרשאַפן גליק ?

— מיט דעם מענטשן וואָס האָט דערהאַרגעט ספּאַרטאַקוסן ?

— אַך, נעמט אָבער אין אַכט... ניט ער פּערזענלעך האָט עס געטאָן. ניט ער האָט געקענט ספּאַרטאַקוסן און ניט ער האָט עפּעס געפילט אַ סינע צו אים. איך בין אַזוי שולדיק ווי ער. רוים האָט צעשלאָגן ספּאַרטאַקוסן. נאָר ספּאַרטאַקוס איז טויט און איר לעבט. באַגערט איר ניט דאָס וואָס קראַסוס קען אײַך געבן ?

— איך וויל עס ניט, — האָט וואַריניע געענטפערט.

— וואָס־זשע אַזוינס ווילט איר, מײַן טײַערע וואַריניע ?

— איך וויל זײַן פרײַ, — האָט זי געזאָגט, — איך וויל אַוועק פון רוים און דעם גאַנצן לעבן מער ניט צוריקקומען קיין רוים. און וויל זען מײַן זון אויסוואַקסן אין פרײַהייט.

— אַזוי פיל באַטײַט פרײַ זײַן ? — האָט גראַקוס געפרעגט אַ נאַיִוו פאַראינטריגירטער. צו וואָס פרײַ ? פרײַ צו שטאַרבן פון הונגער, געטייט צו ווערן, אַן אַ היים צו בלײַבן... פרײַ צו אַרבעטן אַף דער ערד ווי עס אַרבעטן די פּויערים ?

— איך ווייס ניט ווי־אַזוי דאָס אָנצורופן, — האָט וואַריניע דערקלערט, — איך האָב דאָס געפּרוּווט זאָגן קראַסוסן, נאָר איך האָב נישט געוווּסט ווי דאָס צו טאָן. איך ווייס אויך ניט ווי אײַך דאָס צו זאָגן.

— און איר האַסט רוים ? איך האָב ליב רוים, וואַריניע. רוים איז מײַן בלוט און מײַן לעבן, מײַן מוטער און מײַן פּאָטער. רוים איז אַ זוינע, נאָר איך וואָלט געשטאָרבן ווען איך מוז זי איבערלאָזן. אָט דאָס פיל איך. נאָר איר האַסט זי. איך פרעג מיך : פאַרוואָס ? האָט ספּאַרטאַקוס געהאַסט רוים ?

— ער איז געווען קעגן רוים און רוים איז געווען קעגן אים. איר ווייסט דאָס.

— וואָס אָבער האָט ער געוואָלט אויפבויען אָנשטאָט רוים ווען ער וואַרפט זי אײַן ?

— ער האָט געוואָלט אַ רוים אָן שקלאַפן און אָן האַרן, נאָר בלויז מענטשן, וואָס לעבן אין שאָלעם און אין ברידערלעכקייט. ער פלעגט זאָגן, אַז ער וועט נעמען בײַ רוים דאָס וואָס איז גוט און שיין. ער האָט געוואָלט אויפבויען שטעט אָן מויערן און אַלע מענטשן זאָלן לעבן ווי ברידער, און עס זאָלן ניט זײַן מער קיין מילכאָמעס, קיין נויט און קיין לײַדן.

גראַקוס איז געזעסן אַ ווײַלע שטיל און וואַריניע האָט אים נײַגעריק און אָן שרעק באַטראַכט. וואָרעם ניט געקוקט אַף זײַן אויסערלעכער פעטקייט און אַף זײַן ריזיקער מאַסע, איז ער געווען אַ מענטש, וועמען זי האָט געוואָלט געטרויען און האָט אים געהאַלטן פאַר גאָר אַן אַנדערן ווי די אַלע וואָס זי האָט ביז איצט געקענט. געהאַט האָט ער אין זיך אַ מאָדנע

דורכזיכטיקע אָרנטלעכקייט. געהאַט האָט ער אַן אייגנשאַפט וואָס האָט איר אַף אַ געוויסן אויפן דערמאָנט ספּאַרטאַקוסן. גיכער איז עס געווען אַ בײַשפּיל פון זײַן אויפן דענקען און, אין געוויסע מאָמענטן — בלויז אין געוויסע מאָמענטן — האָט ער געזאָגט אַזוינס וואָס ספּאַרטאַקוס וואָלט געקענט זאָגן.

ער איז אַ היפּשע צײַט געזעסן און געשוויגן און ווען ער האָט ווידער גענומען ריידן, איז עס געווען אַן אויסטײַטשונג פון דעם וואָס זי האָט פריִער געזאָגט, גלײַך עס וואָלט קיין שום צײַט ניט פאַרבײַ.

— איז דאָס, הייסט עס, געווען ספּאַרטאַקוסעס כאָלעם ? — האָט ער געזאָגט, — מאַכן אַ וועלט ווו עס זאָלן ניט זײַן מער קיין בײַטשן און ווער־מען צו שמײַסן... אַן פּאַלאַצן און ליימענע הײַזקעס. ווער ווייס ! וויאַזוי רעכנט איר אַ נאָמען צו געבן אײַער זון, וואַריניע ?

— ספּאַרטאַקוס. ווי אַנדערש קען איך אים רופן ?

— ספּאַרטאַקוס ווי אַן ערשטער נאָמען. נאַטירלעך. און ער וועט זײַן אַ הויכער, אַ שטאַלצער און אַ שטאַרקער. און איר וועט אים דערציילן וועגן זײַן פאָטער ?

— איך וועל אים דערציילן.

— וואָס וועט איר אים זאָגן ? וויאַזוי וועט איר עס אים דערקלערן ? ער וועט לעבן אין אַ וועלט ווו אַזעלכע מענטשן ווי ספּאַרטאַקוס זײַנען נישטאָ. וויאַזוי וועט איר דערקלערן וואָס אַזוינס האָט געמאַכט פון זײַן פאָטער אַ ריינעם און איידלען מענטשן ?

— פון וואַנען ווייסט איר, אַז ספּאַרטאַקוס איז געווען ריין און איידל ?

— האָט אים וואַריניע געפרעגט.

— אַזוי שווער איז עס צו וויסן ? — האָט גראַקוס געשטויגט.

— געוויסע מענטשן איז עס שווער צו פאַרשטיין. איר ווייסט וואָס איך וועל זאָגן מײַן זון ? איך גלייב אַז ער וועט מיך פאַרשטיין. איך וועל אים זאָגן זייער אַ פּאָשעטע זאַך. איך וועל אים אויפקלערן, אַז ספּאַרטאַקוס איז געווען ריין און איידל דערמיט וואָס ער האָט געשטעלט אַ ווידער־שטאַנד דעם שלעכטס. ער האָט זיך קעגנגעשטעלט דעם שלעכטס און האָט עס באַקעמפט... און אַז ער האָט אַף זײַן לעבן קיינמאָל ניט שאָלעם געמאַכט מיט אַזוינס וואָס איז שלעכט.

— און דאָס האָט אים געמאַכט אַ ריינעם ?

— איך בין ניט צו קלוג, נאָר איך גלייב, אַז דאָס קען ריין מאַכן יעדן איינעם, — האָט וואַריניע געזאָגט.

— וויאַזוי האָט ספּאַרטאַקוס געוווּסט וואָס איז רעכט און וואָס איז אומגערעכט ? — האָט גראַקוס געוואָלט וויסן.

— דאָס וואָס איז געווען גוט פאַר זײַנע מענטשן איז געווען גערעכט וואָס איז שעדלעך, איז געווען אומגערעכט.

— איך זע שוין, — האָט גראַקוס צוגעשטימט, — וואָס ספּאַרטאַקוס האָט געכאָלעמט און ווי ער האָט זיך געפּילט. איך בין צו אַלט צו כאָלע־מען, וואַריניע, ווען ניט, וואָלט איך צו פיל געכאָלעמט פון דעם וואָס איך

האָב אַף מײַן לעבן געטאָן, אַף דעם איינציקן לעבן וואָס אַ מענטשן ווערט געגעבן צו לעבן. אַ לעבן... און ווי קורץ דאָס זעט אויס, ווי זינלאָז ווי צוועקלאָז. ווי איין מאָמענט בלויז. דער מענטש ווערט געבוירן און ער שטאַרבט, אָן פּאָעזיע, אָן פאַרשטאַנד. און אָט זיץ איך דאָ מיט מײַן דיקן און מיִעסן גוף. איז ספּאַרטאַקוס געווען זייער אַ שיינער מענטש?

זי האָט אַ שמייכל געטאָן צום ערשטן מאָל פון זינט זי איז צו אים אין שטוב אַרײַנגעקומען. זי האָט זיך צעשמייכלט און האָט גענומען לאַכן און פונעם געלעכטער איז זי אַריבער צו טרערן און זי האָט איר פּאָנעם אָנ־געשפּאַרט אָנעם טיש און האָט געוויינט.

— וואַריניע, וואַריניע... וואָס אַזוינס האָב איך געזאָגט?

— גאָרניט, — זי האָט זיך אויסגעגלײַכט און האָט מיט דער סער־וועטקע די אויגן אויסגעווישט, — איך וויין נישט דערפון וואָס איר האָט געזאָגט. איך האָב אַזוי ליב געהאַט ספּאַרטאַקוסן. ער איז ניט געווען אַזאַ ווי איר, רוימער. ניט אַפילע ווי די מענטשן פון מײַן שייוועט. אַ טראַציער איז ער געווען, מיט אַ ברייטן פּלאַטשיקן פּאָנעם, און איינמאָל ווען אַן אויפזעער האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן, האָט ער אים די נאָז צעבראָכן. גע־זאָגט האָט מען, אַז דערפאַר האָט ער אַ שאָפּענעם פּאָנעם. נאָר פאַר מיר איז ער געווען אַזאַ ווי ער האָט באַדאַרפט זײַן דאָס איז אַלץ.

די צוימען זײַנען צווישן זיי פאַרשוואונדן. גראַקוס האָט זי באַ דער האַנט אָנגענומען. ער האָט זיך נאָך אַף זײַן לעבן ניט געפילט אַזוי נאָענט צו אַ פרוי און אַזוי פאַרטרויט אין איר.

— טײַערע, טײַערע, — האָט ער געזאָגט, — דו ווייסט וואָס איך אַליין האָב מיר געטראַכט? פון אָנהייב האָב איך געוואָלט אַ נאַכט פון ליבע מיט דיר. דערנאָך האָב איך עס אָפּגעוואָרפן. איך האָב נאָר געוואָלט אַ נאַכט פון אַכטונג און פאַרערונג. אויך דאָס האָב איך אָפּגעוואָרפן. דאָס איינציקע וואָס איך האָב פאַרלאַנגט איז געווען דאַנק. נאָר פאַראַן איז עפּעס וואָס איז מער ווי דאַנק, עמעס, וואַריניע?

— יאָ, פאַראַן — האָט זי אָפנהאַרציק געזאָגט.

און ער האָט פאַרשטאַנען אַז אין אירע רייד איז נישטאָ קיין טאָפּלט־קייט און קיין געקינסטלטקייט. זי קען אַנדערש ניט ריידן ווי נאָר דאָס וואָס זי דענקט. ער האָט אָנגענומען אירע הענט און האָט זיי געקושט און זי האָט זיי ניט צוריקגעצויגן.

— אָט דאָס וויל איך, — האָט ער געזאָגט, — איך וויל עס האָבן ביזן באַגינען. ווילט איר דאָ זיצן און ריידן מיט מיר און טרינקען אַביסל וויַן און עפּעס עסן? איך האָב אַזוי פיל וואָס אײַך צו זאָגן און אַזוי פיל וואָס איך וויל פון אײַך הערן. וועט איר זיצן מיט מיר ביזן באַגינען... און דעמאָלט וועט קומען פלאַוויוס מיט די פערד און איר וועט פאַרלאָזן רוים אַף אייביק. וועט איר דאָס טאָן פאַר מיר, וואַריניע?

— און אויך פאַר מיר, — האָט זי געזאָגט, — איך וויל עס טאָן.

— איך וועל ניט פּרוּוון אײַך דאַנקען, וואָרעם איך ווייס ניט ווי דאָס צו באַדאַנקען.

—איך דאַרף מיר גאָרניט דאַנקען, — האָט וואַריניע געזאָגט, — איר מאַכט מיך אַזוי גליקלעך, אַז איך שטעל מיר ניט פֿאָר איך זאָל נאָכאַמאָל קענען אַזוי גליקלעך זײַן. איך האָב מיר קיינמאָל ניט פֿאָרגע־שטעלט איך זאָל נאָך קענען שמייכלען נאָך ספּאַרטאַקוסעס טויט. איך האָב אַלץ געטראַכט אַז מײַן לעבן וועט זײַן ווי אַ מידבער. און ער פֿלעגט דאָך מיר שטענדיק זאָגן, אַז לעבן איז וויכטיקער ווי אַלץ. איך האָב עס קיינמאָל ניט אַזוי ניט פֿאַרשטאַנען ווי איצט. מיר ווילט זיך לאַכן. איך קען עס ניט פֿאַרשטיין, נאָר מיר ווילט זיך לאַכן.

IX

ווען פֿלאַוויוס איז צוריקגעקומען איז שוין געווען פֿאַרטאָג; די גרויסע שאָ פֿון איינזאַמקייט, ווען דאָס לעבן קומט צו צום ראַנד און זאַכן קומען צו צו זייער נידעריקסטן פּונקט איידער זיי הייבן אָן ווידער אויפֿקומען. אָן אַ וואָרט אויסצורייִדן האָט אים די הויז־פֿרוי אַרײַנגעפֿירט אין דעם צימער, וווּ גראַקוס מיט וואַריניען זײַנען געזעסן. גראַקוס איז געזעסן אַ צעוואָרפֿענער אין אַ שטול, אַ מידער, אַ בלייכער, נאָר אָן לײַד. וואַריניע אַף דער קאַנאַפּע האָט געגעבן דעם קינד די ברוסט. אויך זי האָט אויס־געזען פֿאַרמאַטערט, נאָר געווען איז זי שיין, מיט איר דיקלעכן און ראָז־לעכן קינד בײַ דער ברוסט. ווען גראַקוס האָט דערזען פֿלאַוויוסן, האָט ער צוגעלייגט אַ פֿינגער צו די ליפּן און דער אַרײַנגעקומענער איז שטיין גע־בליבן און האָט אויסגעוואַרט. ער האָט פֿונדעסטוועגן ניט געקענט אויס־מײַדן אַ הוסטל פֿון באַוווּנדערונג פֿאַר דער שיינקייט פֿון דער פֿרוי. אַזאַ ווי זי איז געווען, אין דער שײַן פֿונעם לאָמפּ, האָט זי אויסגעזען ווי אַרויסגענומען פֿון די געדעכעניש פֿון רוימס ווײַטע, זייער ווײַטע צײַטן.

ווען זי האָט פֿאַרענדיקט אָנזייגן דאָס קינד, האָט זי די ברוסט צוגע־דעקט, האָט אײַנגעוויקלט דאָס קינד און אים אַרײַנגעלייגט אין אַ קוישל. גראַקוס האָט זיך אויפֿגעשטעלט פֿאַר איר און וואַריניע האָט לאַנג געקוקט אַף אים.

— איך האָב מיך אַנטשלאָסן אַף אַ קאַרעטע, — האָט זיי פֿלאַוויוס געזאָגט, — אַזוי אַרום וועלן מיר פֿאָרן שנעלער און פֿון די ערשטע עט־לעכע קילאָמעטערס וואָס מיר וועלן אָפּפֿאָרן, וועלן מיר וויסן צי מיר וועלן אונדזער ציל דערגרייכן. אין איין קאַרעטע האָב איך אַרײַנגעלייגט גענוג קישנס און קאָלדרעס, עס זאָל אונדז גענוג באַקוועם זײַן... נאָר מיר מוזן די מינוט אָפּפֿאָרן. מיר האָבן זייער דין געשפּונען... צו דין.

זיי האָבן אים ווי ניט געהערט. זיי האָבן זיך אָנגעקוקט איינס דאָס צווייטע; ספּאַרטאַקוסעס שיינע פֿרוי און דער דיקער רוימישער פּאָליטי־קער. וואַריניע האָט זיך דעמאָלט געווענדעט צו דער הויז־פֿרוי און איר געזאָגט:

— איר ווילט אַ ווײַלע נעמען דאָס קינד?

די הויז־פֿרוי האָט גענומען דאָס קינד און וואַריניע האָט זיך אומגע־

דרייט צו גראַקוסן. זי האָט אים געגלעט באַ די אָרעמס, דערנאָך האָט זי די הענט אויפגעהויבן און האָט אים באַרירט דאָס פּאָנעם. ער האָט זיך פאַר איר אָנגעבויגן און זי האָט אים אַ קוש געטאָן.

— איצט מוז איך אײַך עפּעס זאָגן, — האָט וואַריניע זיך אויסגעדריקט, — איך דאַנק אײַך פאַר דער גוטסקייט וואָס איר האָט צו מיר אַרויסגעוויזן. ווען איר פאָרט מיט מיר, וואָלט איך מיך געפלײַסט צו זײַן גוט מיט אײַך. אַזוי גוט ווי איך קען זײַן צו יעדן איינעם.

— אַ דאַנק, טײַערע.

— איר קומט מיט מיר, גראַקוס ?

— אָ, טײַערע, איך דאַנק דיר און זײַ געבענטשט ! איך האָב דיך שטאַרק ליב. נאָר אויסער רוים טויג איך צו גאָרנישט. רוים איז מײַן מוטער. רוים איז אַ זוינע, נאָר אַכוץ דיר, איז זי די איינציקע פרוי וואָס איך האָב ליב. איך בין ניט אומלאָיאַל, איך בין אַן אָנגעפּרעסענער אַלטער. פלאַוויוס וואָלט געמוזט די גאַנצע שטאָט אויספאָרן ביז ער וואָלט פאַר מיר אַ קאַרעטע געפונען. גיי טײַערע.

— איך האָב אײַך שוין געזאָגט, אַז מיר האָבן גענוי אויסגערעכנט די צײַט, — האָט פלאַוויוס אומגעדולדיק געוואָרנט, — שוין איצט ווייסן פּופּציק מענטשן דערפון וואָס מיר טוען. מיינט איר אַז קיינער פון זיי וועט ניט ריידן ?

— היט זי גוט אָפּ, — האָט גראַקוס געזאָגט, — דו וועסט איצט זײַן אַ רײַכער מענטש, פלאַוויוס. וועסט דיר לעבן באַקוועם. אַזוי אַז טו דאָס לעצטע מאָל וואָס איך בעט דיך. היט זי און איר קינד. פיר זיי אָף צאָפן, ביז זיי וועלן צוקומען צו די רוקנס פון די אַלפּן־בערג. די גאַליִשע פויערים וואָס וווינען דאָרט אין די טאָלן זײַנען פּאַשעטע מענטשן, גוטע האָרעפּאַשנע מענטשן. זי וועט זיך געפינען אַן אָרט צווישן זיי. נאָר לאָז זי ניט איבער איידער דו וועסט דערזען די אַלפּן־בערג... שאַרף אויסגעטיילט אָפּן הימל. און אײַל דיך צו. שמײַס די פערד. האַרגע זיי אַוועק אויב ס'איז נייטיק און קויף אַנדערע נײַע, נאָר שטעל דיך אין ערגעץ ניט אָפּ אַן אַ נויט. וועסטו דאָס טאָן פאַר מיר, פלאַוויוס ?

— ביז הײַנט האָב איך נאָך קיינמאָל מײַן וואָרט ניט געבראָכן.

— עמעס, קיינמאָל ניט. אַדיע.

ער איז מיט זיי צוגעגאַנגען ביז דער טיר. זי האָט גענומען דאָס קינד אין די הענט. ער איז שטיין געבליבן אינעם קאָרעדאָר, אין דער גרויער פּאַרטאַגיקער שײַן, און האָט געקוקט ווי זיי זעצן זיך אַרײַן אין דער קאַרעטע. די פערד זײַנען געווען נערוועזיש און וואַך. זיי האָבן געקלאַפּט מיט די קאָפּיטעס אינעם ברוק.

— אַדיע, וואַריניע, — האָט ער איר נאָכגעשריגן.

זי האָט אים געגריסט מיט דער האַנט. די קאַרעטעס זײַנען אָפּגעפאָרן און מיט זייער גערויש איבער די פוסטע געסלעך צעוועקט די שטייניט...

גראַקוס איז אַרײַנגעגאַנגען צו זיך אינעם אַרבעטס־קאַבינעט. ער האָט זיך אַ פאַרמאַטערטער אַרײַנגעזעצט אין אַ גרויסן שטול און האָט אַ ווײַלע

געהאַלטן געשלאָסן די אויגן. ער איז אָבער ניט געשלאָפן. זײַן פרייד איז נאָך ניט געהאַט אַוועק פון אים. ער האָט די אויגן צוגעמאַכט און האָט געטראַכט וועגן אַ סך זאַכן. ער האָט געטראַכט וועגן זײַן פאָטער דעם אָרעמען שוסטער, אין יענער פאַרגאַנגענהייט וואָס איז דאַכט זיך אַף אייביק אַוועק, פון יענער צײַט ווען די רוימער האָבן געאַרבעט און זײַנען זייער שטאָלץ געווען אַף זייער אַרבעט. ער האָט זיך דערמאָנט זײַנע יאָרן פון פאָליטישער לער אין די גאַסן, די בלוטיקע שלאַכטן צווישן די באַנדעס. זײַן פראַקטיק אינעם ציניש האַנדל מיט שטימען, דעם אופן ווי ער פלעגט אויסנוצן די מאַסן און וויאַזוי ער איז געשטיגן פון פאָזיציע צו פאָזיציע אַפן וועג צו דער מאַכט. קיינמאָל ניט גענוג מעכטיקייט; קיינמאָל ניט גענוג געלט. געווען זײַנען נאָך אין יענער צײַט אָרנטלעכע רוימער, וואָס האָבן געקעמפט פאַר דער רעפובליק, וואָס האָבן געקעמפט פאַר די רעכט פונעם פאָלק, וואָס האָבן העלדיש געקעמפט אינעם פאָרום קעגן דער אומגערעכטער באַרויבונג פון די פויערים און קעגן דעם אײַנפיר פון גרויסע פלאַנטאַציעס מיט שקלאַפן. מען האָט אָנגעקלאָגט! מען האָט געדונערט! מען האָט זיך אַפן געשטעלט קעגן דער טיראַניי! גראַקוס האָט דאָס פאַרשטאַנען. דאָס איז געווען זײַן גרויסע מעלע, ער האָט געקענט פאַרשטיין די גערעכטיקייט פון זײַן זאַך. ער האָט אָבער אויך געוווּסט, אַז די זאַך איז אַ פאַרלוירענע. מען קען ניט צוריקדרוקן דעם ווײַזער אַפן זייגער פון דער געשיכטע; זי גייט פאָרויס, און ער האָט זיך אָנגעשלאָסן צו די וואָס האָבן זייערע האָפענונגען געלאָזט אַף דער שאַפונג פון אַן אימפּעריע. ער פלעגט שיקן זײַנע באַנדעס צעקלאַפּן די וואָס האָבן גערעדט וועגן די אַלטע פרײַהייטן. ער פלעגט מאָרדן די גערעכטע און פרינציפּ־טרײַע־מענטשן.

אָט וועגן דעם האָט ער געטראַכט, נאָר אָן לײַד און אָן קלאָג, און נאָר מיט דעם באַגער צו פאַרשטיין. פאַר די אַלטע פרײַהייטן האָבן זיי געקעמפט, די סאָנים פון זײַנע ערשטע יאָרן. צי דען אָבער זײַנען געווען אַלטע פרײַהייטן? אָט די פרוי וואָס איז ערשט פון זײַן שטוב אַרויס, אָט אין איר ברענט דער פלאַם פון פרײַהייט. איר זון רופט זי ספאַרטאַקוס און אויך ער וועט זײַן זון רופן ספאַרטאַקוס... און צי דען ווען שקלאַפן אַמאָל פויעלן באַ זיך צו זײַן שקלאַפן? ער האָט נישט געהאַט קיין ענטפער און קיין לייזונג צו אָט דער פראַגע זײַנער, אָבער אויך דערויף האָט ער זיך נישט געקלאָגט. ער האָט זײַן לעבן פול אויסגעלעבט און ער קלאָגט ניט דערויף. ער פאַרמאָגט אַ היסטאָרישן כוש, אַ כוש פאַרן שנעלן צײַטלויף, וואָס ער איז אים בלויז אַן אויגנבליק... און דאָס טרייסט אים. זײַן געליבטע שטאָט וועט ווײַטער לעבן. זי וועט לעבן אייביק. ווען ספאַרטאַקוס וועט אַמאָל צוריקקומען און וועט אײַנברעכן אירע מויערן, אַזוי אַז די מענטשן זאָלן קענען לעבן אָן מויערן, וועט מען פאַרשטיין, אַז געווען זײַנען אַזעלכע מענטשן ווי גראַקוס, וואָס האָבן זי ליב געהאַט, כאָטש זיי האָבן שאָלעם געמאַכט מיט אירע איבלען.

דערנאָך האָט ער געטראַכט פון ספאַרטאַקוסעס כאָלעם. וועט ער לעבן? וועט ער האָבן אַ קיעם? די אויסטערלישע זאַכן, וואָס וואַריניע האָט גערעדט

פֿון זיי, זײַנען געדרעכטע... מענטשן זאָלן ווערן ריין און אומאײַגננוציק אַ דאַנק זייער קאַמף קעגן דעם שלעכטס? ער האָט קיינמאָל ניט אָנגעטראָפֿן אַזעלכע מענטשן. ער האָט נישט געקענט ספּאַרטאַקוסן. ער קען אָבער וואַריניען. און איצט איז ספּאַרטאַקוס אַוועק. און אויך וואַריניע איז אַוועק. ווי אַ כאָלעם וואָלט עס געווען. ער האָט בלויז באַרירט די ראַנד פֿון זײַן קאַנטשאַפֿט מיט וואַריניען. נאָר פֿאַר אים עקזיסטירט זי ניט. פֿאַר אים קען זי ניט עקזיסטירן.

אַרײַנגעקומען איז די הויז־פֿרוי. ער האָט זי מאָדנע אָנגעקוקט.

— וואָס ווילסטו, אַלטע? — האָט ער זי ליב אַ פֿרעג געטאָן.

— די וואַנע פֿאַר אײַך איז שוין פֿאַרטיק, האַר.

— הײַנט וועל איך מיך ניט באָדן, — האָט ער איר געזאָגט און האָט זיך געוווּנדערט אַף איר איבעראַשונג און שטוינען, — הײַנט איז אַלץ אַנדערש, אַלטע. זע — האָט ער איר אָנגעוויזן, — אַף יענעם טיש ליגן אָנגעהויפֿנט בײַטלען. אין יעדן בײַטל איז פֿאַראַן אַ פֿרײַלאָזונג־שריפֿט פֿאַר יעדן איינעם פֿון מײַנע שקלאַפֿן. אין יעדן בײַטל איז פֿאַראַן צוואַנציק טויזנט „סעסטערצן”. איך וויל דו זאָלסט די בײַטלען איבערגעבן די שקלאַפֿן און זאָלסט זיי זאָגן זיי זאָלן זיך גיין. איך וויל דו זאָלסט עס שוין טאָן, אַלטע.

—איך פֿאַרשטיי ניט, — האָט זי געזאָגט.

— ניין? פֿאַרוואָס פֿאַרשטייסטו ניט? איך האָב גערעדט זייער קלאָר. איך וויל איר זאָלט אײַך אַלע גיין. איר זײַט פֿרײַ און איר האָט אַביסל געלט. האָב איך אײַך אַמאָל דערלויבט ניט אויסצופֿאָלגן מײַנע באַפֿעלן?

— ווער אָבער וועט אײַך מאַכן דאָס עסן? ווער וועט אײַך באַדינען?

— שטעל מיר ניט אַזוי פֿיל פֿראַגן, אַלטע. טו ווי איך האָב דיר געזאָגט.

אַן אייביקייט האָט עס געדויערט פֿאַר גראַקוסן ביז אַלע זײַנען אַוועק פֿון דער שטוב און עס האָט דאָרט געהערשט אַ טיפֿע שטילקייט, אַ מאָדנע און אַ נײַע שטילקייט. זון־אויפֿגאַנג. די גאַסן זײַנען פֿול מיט לעבן, מיט גערויש און מיט קלאַנגען, נאָר גראַקוסעס הויז איז שטיל.

ער איז אַרײַן צוריק אינעם קאַבינעט, איז צוגעגאַנגען צום שרײַבטיש און האָט אים געעפֿנט. אַרויסגענומען האָט ער פֿון דאָרט אַ שווערד, אַ קורצע שפּאַנישע שווערד, ווי עס טראָגן די זעלנער, נאָר אַ שיין אויסגעאַרבעטע און אין אַ פֿײַן־באַצירטער שייד. מען האָט זי אים דערלאַנגט מיט לאַנגע יאָרן צוריק בעייס עפּעס אַ צערעמאָניע, נאָר ער האָט שוין ניט געדענקט באַ וואָס פֿאַר אַ געלעגנהייט מען האָט זי אים געגעבן אַ מאַטאָנע. מאָדנע, ווי ער האָט פֿײַנט געהאַט געווער! ניט אַזוי מאָדנע ווערט עס ווען מען נעמט אין אַכט, אַז דאָס איינציקע געווער וואָס ער האָט גענוצט זײַן גאַנץ לעבן זײַנען געווען זײַנע אייגענע פֿויסטן.

ער האָט אַרויסגענומען די שווערד פֿון איר שייד און האָט אַ פּרווו געטאָן איר שאַרף און איר שפּיץ. דערנאָך איז ער צוריקגעגאַנגען צום שטול און האָט זיך אַוועקגעזעצט באַטראַכטן זײַן דיזיקן בויך. ער האָט גענומען לאַכן באַם געדאַנק וועגן זעלבסטמאָרד. נישטאָ די מינדסטע כשיוועס אין

אַזאַ אַקט. ס'איז ביז גאָר לעכערלעך. און ער האָט גאַנץ ערנסט געגומען צווייפלען צי ער וועט האָבן דעם נייטיקן קויעך אַרײַנצושטעכן זיך די שווערד... אַף דעם אַמאָליקן רוימישן שטייגער. ווי קען ער וויסן צי עס וועט אים קלעקן קויעך, צי וועט ער ניט בלויז אַרײַנשנײַדן זיך דאָס פעטס און דעמאָלט וועט ער אָנווערן דעם קוראַזש און, אַ באַגאָסענער מיט זײַן אייגן בלוט, וועט ער נעמען וויינען און שרײַען נאָך הילף? באַ אַזאַ עלטער זאָל אַ מענטש זיך גאָר נעמען צום מאָרדן! אַז ער האָט אַף זײַן לעבן קיינעם ניט געהאַרגעט... אַפילע ניט אַ הון.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'איז ניט קיין פראַגע פון נערוון. בלויז באַ אַ פּאָר געלעגנהייטן האָט ער מוירע געהאַט פאַרן טויט. פון קינדווײַז אָן האָט ער זיך אויסגעלאַכט פון די מאָדנע געשיכטעס וועגן די געטער. ווי אַ מענטש, האָט ער לײַכט אָנגענומען דעם שטאַנדפּונקט פון די געבילדעטע מענטשן פון זײַן קלאַס, אַז קיין געטער זײַנען נישטאָ און אַז נאָכן טויט איז קיין אַנדער לעבן נישטאָ. ער האָט באַשלאָסן וואָס ער האָט צו טאָן און זײַן אײנציקע זאָרג איז געווען ער זאָל עס טאָן אַף אַ ווירדיקן אופן. בעיסן טראַכטן וועגן דעם אַלעמען, איז ער קענטיק אײַנגעשלאָפן. אויפגעוועקט האָט אים עמעצער וואָס האָט געקלאַפּט אין דער גאַסן־טיר. ער האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, קעדיי גוט וואַך צו ווערן, און האָט זיך אײַנגעהערט.

— סאַראַ כאַראַקטער! — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — סאַראַ כאַראַקטער דו האָסט, קראַסוס! סאַראַ גערעכטע אויפגעבראַכטקייט! דער מעטורעפּדיקער טרעלבוד זאָל זיך פון דיר אַזוי אויסלאַכן און באַ דיר צונעמען דײַן גרעסטע מילכאָמע־דעראָבערונג! דו אָבער האָסט זי ניט ליב געהאַט, קראַסוס. האָסט געוואָלט ספּאַרטאַקוס זאָל הענגען אַפן קרייץ, און ווען דיר איז עס נישט געלונגען, האָסטו געוואָלט באַקומען זי. האָסט געוואָלט זי זאָל דיך ליב האָבן, זי זאָל דיר צו די פיס ליגן. אָ, קראַסוס, סאַראַ נאַר דו ביסט... סאַראַ טיפּעש. נאַרישער פּעדאַנט! און דאָך זײַנען אַזעלכע מענטשן ווי דו די מענטשן פון הײַנט. ס'איז גאָר קיין סאָפעק ניט".

ער האָט געזוכט די שווערד און האָט זי ניט געקענט געפינען. ער האָט זיך דעמאָלט אַראָפּגעלאָזט אַף די קני און האָט זי דערזען ליגן אונטערן שטול. אַף די קני שטייענדיק, האָט ער גענומען די שווערד אין דער האַנט און מיט דעם גאַנצן קויעך זיך אין דער ברוסט אַרײַנגעשטאָכן. דער ווייטיק איז אַזוי שאַרף געווען, אַז ער האָט ניט אויסגעהאַלטן און האָט אַ געשריי געטאָן. נאָר די שווערד איז געווען טיף אײַנגעשטאָכן און ער איז אַף איר געפאַלן אַזוי, אַז זי איז אים אַרײַן מיט דער גאַנצער לענג.

אין אָט דער פּאָזיציע איז ער געלעגן ווען קראַסוס האָט די טיר אײַנגעבראָכן און איר אַרײַן אינעווייניק. דער גענעראַל האָט געמוזט זײַן גאַנצן קויעך אָנווענדן אים איבערצוקערן. און דער גענעראַל האָט דעמאָלט דערזען דעם פּאָליטיקערס פּאָנעם אַ פאַרשטײַפטן מיט אַן אָנגעכמורעטער מינע...

נאָך דעם אַלעמען איז קראַסוס אַהיימגעקומען פול מיט האַס און צאָרן.

ער האָט קיינעם ניט געהאַט אַזוי געהאַסט ווי דעם טויטן גראַקוסן. נאָר גראַקוס איז שוין טויט און ער קען אים שוין גאָרנישט ניט טאָן.

ווען קראַסוס איז אַהיימגעקומען האָט ער זיך דערוווּסט, אַז ער האָט אַ גאַסט. דער יונגער קאַיוס האָט געוואַרט אַף אים. קאַיוס האָט ניט אָנגעהויבן וויסן וואָס עס איז געשען. ווי ער האָט באַלד דערציילט, איז ער ערשט צוריקגעקומען פון זיינע וואַקאַציעס אין קאַפּוּאַ און איז דירעקט געקומען זען זיך מיט זיין געליבטן קראַסוס. ער איז צוגעקומען צו קראַסוסן און האָט אים גענומען גלעטן די ברוסט. קראַסוס האָט אים דערויף אַ זעץ געטאָן מיט אַ פויסט און האָט אים אַף דער ערד אומגעוואָרפן.

קראַסוס איז אַריינגעלאָפן אין צווייטן צימער און איז צוריקגעקומען מיט אַ ביינטש. קאַיוס האָט גענומען אויפשטיין פון דער ערד מיט אַ צעבלוטיקטער נאָז; אַף זיין פּאָנעם איז געלעגן שטוינען, ווייטיק און באַליידיקונג. און קראַסוס האָט אים גענומען שמייסן.

קאַיוס האָט געשריגן. געשריגן אָן אויפהער. נאָר קראַסוס האָט ווייטער געשמיסן. זיינע אייגענע שקלאַפן האָבן אים געמוזט בינדן און קאַיוס איז אַ וואַקלדיקער אַרויס פון דער שטוב און האָט געוויינט ווי אַ צעווייטיקט אָפּגעשמיסן קינד.

אכטע טײל

ווי וואַריניע געפינט איר פרײַהייט

I

פלאַוויוס האָט געהאַלטן זײַן אָפּמאַך מיט גראַקוסן. באַזאָרגט מיט די בעסטע באַגלייבונגס בריוו, פון גראַקוסן גופא אונטערגעשריבן, האָבן זיך די קאַרעטעס געיאָגט צו צאָפן און דערנאָך צו מיזרעך. וואַריניע האָט ווייניק וואָס געדענקט פון דער רײַזע, מאַכמעס די גרעסטע טייל פונעם ערשטן טאָג איז זי געשלאָפן מיט דעם קינד אַף די הענט. די וויאַ קאַסיאַ איז געווען אַן אויסגעצייכנטער שאָסיי, אַ גלאַטער און אַ גוט געברוקירטער, און די קאַרעטעס האָבן זיך געטראָגן לײַכט און באַקוועם. דעם ערשטן האַלבן טאָג האָט דער אָנטרײַבער ניט געשוינט די פערד; מיטאָג־צײַט האָט ער די פערד געביטן און דעם רעשט טאָג איז ער געלאָפן שנעלטריט, קימאַט געיאָגט. ווען עס איז נאַכט געוואָרן זײַנען זיי שוין געווען הונדערט מיט אַכציק קילאָמעטער פון רוים. געווען איז שוין פינצטער ווען זיי האָבן ווידער געביטן די פערד און באַ דער לעוואָנע־שײַן האָבן די קאַרעטעס געשלונגען מײַלן.

מיליטערישע פּאַטרולן האָבן זיי אַ פּאָר מאָל פאַרהאַלטן, נאָר גראַקוסעס סענאַטאָרישער מאַנדאַט פלאַוויוסן איז שטענדיק גענוג געווען און האָט פאַר אים געעפנט דעם וועג. דורך דער נאַכט איז וואַריניע שאָען־לאַנג געזעסן אין דער טרייסלענדיקער קאַרעטע מיט דער פרידלעך אײַנגעשלאָפענעם קינד צופוסנס, אַן אײַנגעהילטער אין קאָלדרעס און אַ באַלייגטער מיט קישנס. פאַרבײַגעלאָפן זײַנען אין דער לעוואָנע-שײַן די לאַנדשאַפטן, די טײַכן און די שטראָמען בעיס זיי זײַנען געפאָרן איבער די פּרעכטיקע רוימישע בריגן. די וועלט איז געשלאָפן, נאָר זיי האָבן זיך געיאָגט אַלץ ווײַטער.

ווען די לעוואָנע האָט זיך באַהאַלטן אַ פּאָר שאָ פאַר באַגינען, זײַנען זיי שטיין געבליבן אַף אַ קליינער לאָנקע באַם זוים פונעם וועג, האָבן אויסגעשפּאַנט די פערד און זיי געפּענטעט, און נאָכדעם ווי זיי האָבן געגעסן אַ שטיקל ברויט און פאַרטרונקען מיט ווײַן, האָבן זיי זיך אויסגעצויגן אַף דער ערד, מיט אַ קאָלדרע אונטערגעשפּרייט, און האָבן אָפּגערוט. וואַריניען איז שווער געווען אײַנצושלאָפן, נאָר די אָנטרײַבער זײַנען טייקעף אײַנגעשלאָפן. וואַריניען האָט זיך געדאַכט, אַז ווי נאָר זי האָט די אויגן צוגעמאַכט, האָט זי פלאַוויוס שוין אויפגעוועקט. ווען די מענטשן האָבן זיך גענומען אויפפּענטען די פערד, האָט זי איר קינד די ברוסט געגעבן, און די מענטשן

האָבן גענומען אײַנשפּאַנען פּאַמעלעך און ניט גערן ווי נאָך אַן אויסמאַטערונג. דערנאָך איז מען אַרויף אַפּן וועג און ווידער געיאָגט צו צאָפן. בײַ זון־אויפגאַנג האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ וועג־סטאַנציע די פּיס אויסגלײַכן און די פערד בײַטן. שפּעטער אַביסל זײַנען זיי פאַרבײַגעפאָרן אַן אַרומגעמויערטע שטאָט און דעם גאַנצן פרימאָרגן האָבן די אָנטרײַבער געשמיסן די פערד. דאָס אומאויפהערלעכע טרייסלען פון די קאַרעטעס האָט געווירקט אַף וואַריניען. זי האָט עטלעכע מאָל געבראָכן און האָט מוירע געהאַט די מילך זאָל איר ניט אַנטרינען. נאָר פאַרנאַכט האָט פּלאַוויוס באַקומען בײַ אַ פּויער פרישע מילך און ציגן־קעז, — אַן עסן וואָס וואַריניע האָט געקענט פאַרטראָגן — און מאַכמעס דער הימל איז געווען פאַרוואָלקנט האָבן זיי גערוט קימאַט די גאַנצע נאַכט.

ווידער זײַנען זיי אויפגעשטאַנען פאַרטאָג און האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן און צו מיטאָג זײַנען זיי אָנגעקומען צו אַן אָרט, ווו אַ ברייטער וועג האָט איבערגעשניטן דעם טראַקט מיט וועלכן זיי זײַנען געפאָרן. איצט פאָרן זיי שוין צו צאָפן און צו מײַרעוו, און ווען די זון האָט זיך גענומען זעצן, האָט וואַריניע צום ערשטן מאָל פאַר זיך דערזען אין דער ווײַט די פאַרשנייטע אַלפּן־שפּיצן. די נאַכט האָט די לעוואָנע געשײַנט און זיי זײַנען ווײַטער געפאָרן ניט געאַכטנדיק אויף מידקייט. זיי האָבן זיך צום לעצטן מאָל אָפּגעשטעלט בײַטן די פערד און איידער עס איז טאָג געוואָרן זײַנען זיי אַראָפּ פונעם הויפּט־וועג און האָבן זיך פאַרנומען אַף אַן ערדענעם וועג צו מיזרעך צו. דער וועג האָט זיך געצויגן איבער אַ טאָל אַף אַראָפּ און ווען די זון איז אויפגעגאַנגען, האָט וואַריניע דערזען איבערן גאַנצן פאַרנעפּלטן טאָל זיך ציִען אַ טײַך וואָס האָט אים אינמיטן איבערגעשניטן און פון בײדע זײַטן דעם רוקן פון די בערג. זיי זײַנען שוין געווען נאָנט צו די אַלפּן־בערג.

פאָרן שנעל האָט מען ניט געקענט, מאַכמעס די קאַרעטעס האָבן זיך געוויגט פון איין זײַט אַף דער צווייטער איבער דעם געבראָכענעם ערדענעם וועג. וואַריניע איז געזעסן אַף די קישנס און האָט געהאַלטן דאָס קינד אַף די הענט. זיי זײַנען אַריבער דעם טײַך איבער אַ הילצערנער בריק און האָבן גענומען פּאַמעלעך שטײַגן אַף די בערג. דעם גאַנצן וועג האָבן די פערד זיך געראַנגלט מיט דעם באַרג אַרויף איבער דעם געדרייטן באַרג־וועג. די גאַלישע פּויערים, וואָס האָבן זיי דערזען, האָבן זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן דער אַרבעט קוקן אַף די גרויסע קאַרעטעס מיט די שיינע פערד און עס האָבן אויך נישט געפעלט רויטהאָריקע יינגלעך וואָס זײַנען געקומען צו לויפן און האָבן מיט ברייט צעעפנטע אויגן געקוקט אַף דעם זעלטענעם בילד.

פאַרנאַכט־צו, ווען פונעם ברייטן וועג איז געוואָרן אַ שמאָל שטעגל, זײַנען זיי צוגעקומען צום שפּיץ און האָבן פאַר זיך דערזען אַ ברייטן שיינעם טאָל צו זייערע פיס אויסגעשפּרייט. אַף דעם ברייטן טאָל האָט וואַריניע דערזען אַ דערפל ליגן צעוואָרפן, אַ טאַבון פערד און ווײַטער־צו בינטלעך דאָרפישע הײַזקעס. געשטאַנען זײַנען ברייטע פאַסן וואַלד, ריטשקעס וואַסער זײַנען געפלאָסן און אין דער ווײַט, קוים אָנצוזען, אַן אַרומגעמויערטע

שטאָט. די שטאָט איז געלעגן צו מײַרעוו. זיי זײַנען געפֿאָרן מיטן וועג אַראָפּצו און צו צאָפֿן.

געווען איז אַזוי שווער אַראָפּצולאָזן זיך ווי אַרויפֿצוקומען, און מען האָט געמוזט אײַנהאַלטן די פֿערד. דער וועג איז געווען אַ געבראָכענער און האָט געהאַט אַ סאַך אויסקרומונגען. עס איז שוין פֿינצטער געווען ווען זיי זײַנען אַראָפּ אין טאָל און דאָרט זײַנען זיי שטיין געבליבן אָפּרוען און וואַרטן די לעוואָנע זאָל אויפֿגיין. געפֿאָרן זײַנען זיי אַביסל אין דער נאַכט, בײַ דער לעוואָנע־שײַן און זײַנען ווידער שטיין געבליבן, קעדיי ווײַטער צו פֿאָרן ווען עס וועט נעמען טאָגן. די וועגן דאָרט זײַנען אַלע געווען שלעכטע. מען איז געפֿאָרן און געפֿאָרן... און צום סאָף איז מען צוגעקומען צו די ערשטע אַלפּן־טרעפּ.

דאָרט האָט פּלאַוויוס זיך געשיידט מיט וואַריניען. ער האָט זיך געזעגנט מיט איר אין פֿרימאָרגן, אין דער ערשטער מאָרגן־שאָ, אַף אַן אָרט, ווו עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ וועג, וואָס האָט זיך געצויגן צו דער ווײַט און מען האָט פֿאַר זיך געזען נאָר פֿעלדער און וועלדער.

— אַדיע, וואַריניע, — האָט ער איר געזאָגט, — איך האָב מעקײַעם געווען דאָס וואָס איך האָב צוגעזאָגט גראַקוסן צו טאָן, און איך מיין, אַז איך האָב טיילווײַז די ווערט דאָס געלט וואָס ער האָט מיר געגעבן. איך רעכן, אַז ניט איך און ניט דו וועלן מיר ווידער זען רוים, וואָרעם די שטאָט, מיין איך, וועט פֿון הײַנט און ווײַטער זײַן ניט געזונט פֿאַר אונדז ביידן. מיט דעם וועג אַרויפֿצו, אַ צוויי קילאָמעטערס פֿון דאַנען, איז פֿאַראַן אַ דערפֿל. גלײַכער מען זאָל דיך ניט זען אַרײַנקומען אין אַ קאַרעטע. דאָ האָסטו אַ בײַטל מיט טויזנט „סעסטערצן” און דערמיט וועסטו קענען באַצאָלן פֿאַר וווינונג און פֿאַר שפּײַז אַ יאָר צײַט אין דער געגנט. די פּויערים זײַנען פּאָשעטע מענטשן און אויב דו ווילסט אַריבער די בערג און אָנקומען צו דיר אין לאַנד, וועלן זיי דיר העלפֿן. פֿאַראַן אין די בערג מענטשן אומגעצוימטע, וואָס האָסן די פֿרעמדע. אַבוצדעם, וועסטו שוין דײַנע לײַט ניט טרעפֿן, וואַריניע. די גערמאַנישע שוואָטים וואַנדערן אין די וועלדער פֿון איין אָרט אַפֿן צווייטן און מען קען ניט וויסן ווו אַ שייוועט וועט זיך געפֿינען אין אַ יאָר אַרום. איך האָב אויך געהערט זאָגן, אַז די פֿינצטערע און אומגעזונטע וועלדער פֿון דער אַנדער זײַט אַלפּן־בערג טויגן ניט פֿאַר קינדער אויפֿציִען. איך וואָלט אויסגעקליבן אַן אָרט צום וווינען ערגעץ דאָ, אין דער געגנט, וואַריניע. איך בין זיך מודה, אַז מיר וואָלט דאָס נישט געפֿעלן, נאָר דאָס האָסטו דאָך געוואָלט. ניט אַזוי?

— יאָ, דאָס האָב איך געוואָלט, — האָט זי צוגעשטימט, — איך בין פֿול מיט דאַנק צו דיר, פּלאַוויוס.

און זיי האָבן פֿאַרקירעוועט די פֿערד און וואַריניע איז דאָרטן פֿאַרבליבן מיט דעם קינד אַף די הענט, ביז זיי זײַנען פֿאַרשוווּנדן אונטער אַ וואָלקן מיט שטויב, ביז די העכערע ערטער האָבן זיי פֿונעם אויג פֿאַרשטעלט.

דעמאָלט האָט זי זיך אַוועקגעזעצט באַם זוים פֿונעם וועג און האָט געגעבן צו זייגן איר קינד. דערנאָך האָט זי זיך געלאָזט גיין מיט דעם וועג.

געווען איז עס אַ קילער זומערדיקער פרימאָרגן. די זון האָט זיך געהויבן אַפן לויטערן בלויען הימל און די פייגל האָבן געזונגען און די בינען זײַנען אומגעפלויגן פון בלום צו בלום, האָבן געטרונקען נעקטאַר און פול געמאַכט די לופט מיט זייער געזאַנג.

וואַריניע האָט זיך געפילט גליקלעך. דאָס איז נישט געווען דאָס גליק וואָס זי האָט געפילט לעבן ספּאַרטאַקוסן, נאָר פון אים האָט זי באַקומען די קענטשאַפט און דעם רײַכן לוין פון לעבן. זי לעבט און איז פרײַ; זי איז בעענעס צופרידן און קוקט אין דער צוקונפט מיט האָפענונג און מיט אויסקוק אַף ווײַטער.

II

און ווײַטער איז מיט וואַריניען געשען אָט וואָס. אַ פרוי קען ניט לעבן אַליין, אינעם דאָרף ווו זי איז אָנגעקומען, אַ דאָרף מיט גאַלישע פויערים, האָט זי געפונען אַ היים באַ אַ מענטשן, וואָס זײַן פרוי איז געשטאָרבן באַם האָבן איר קינד. קען זײַן מען האָט געוווסט, אַז וואַריניע איז אַן אַנטלאָפע־נע שקלאַפן. ס'איז נישט וויכטיק. זי האָט פעסטע ברוסטן און האָט באַם לעבן דערהאַלטן איינס פון זײַנע קינדער. זי איז אַ ווילע פרוי און מען האָט זי ליב פאַר איר פעסטקייט און אָפנהאַרציקייט.

דער מענטש וואָס צו אים אין שטוב איז זי געגאַנגען וווינען, איז גע־ווען אַ פּאָשעטער מענטש וואָס האָט ניט געקענט לייענען און שרײַבן און דאָס איינציקע וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט איז געווען אַרבעטן. ער איז נישט געווען ספּאַרטאַקוס, ער האָט זיך אָבער ניט שטאַרק אונטערגע־שיידט פון ספּאַרטאַקוסן. ער האָט אויך געהאַט אַזאַ געדולד צום לעבן. אים איז אויך אַזוי שווער געווען בייז צו ווערן און ער האָט שטאַרק ליב געהאַט זײַנע קינדער, זײַנע אייגענע און אויך דעם וואָס וואַריניע האָט מיט זיך געבראַכט.

וואַריניען האָט ער פאַרגעטערט, ווײַל געקומען איז זי צו אים פון ווײַט און מיט איר איז צו אים געקומען אַ ווײַב. און מיט דער צײַט האָט זי אים גוט דערקענט און האָט צו אים אויך געהאַט אַזאַ געפיל. זי האָט זיך זייער גרינג אויסגעלערנט די נײַע שפּראַך, מיט אַ באַזע פון לאַטיין און אַ סאַך גאַלישע ווערטער; זי האָט זיך צוגעוווינט צו זייערע פירונגען, וואָס זײַנען ניט שטאַרק פאַרשיידן געווען פון די פירונגען פון איר שייוועט. זי האָט באַאַרבעט די ערד און האָט אַראָפּגענומען איר שניט. זיי האָבן אָפּגעגעבן אַ טייל פון דעם שניט די דאָרטיקע געטער און אַ צווייטע טייל אָפּגעגעבן צינז צו רוים. זיי האָבן געלעבט און זײַנען געשטאָרבן; זיי האָבן געטאַנצט און געזונגען און געוויינט און כאַסענע געהאַט, און זייער לעבן איז געפלאָסן מיט דעם געוויינלעכן לויף פון די טקופעס פון יאָר.

גרויסע ענדערונגען זײַנען פאָרגעקומען אין דער וועלט, נאָר צווישן זיי האָט מען די ענדערונגען געשפּירט אַזוי לאַנגזאַם, אַז אין דער עמעסן האָט זיך דאָרט גאָרניט געענדערט.

וואַריניע איז געווען אַ פּרוכטיקע. יעדן יאָר האָט זי געהאַט נאָך אַ קינד, און געבוירן האָט זי זיבן קינדער מיט דעם מענטשן וואָס זי האָט גענומען פֿאַר אַ מאַן, איידער זי האָט אויפֿגעהערט שוואַנגערן. דער יונגער ספּאַרטאַקוס איז געוואַקסן אינאיינעם מיט זיי, אַ הויכער, אַ שטאַרקער און אַ גלײַכער. און ווען ער איז אַלט געוואָרן זיבן יאָר, האָט זי אים צום ערשטן מאָל דערציילט ווער זײַן פֿאָטער איז געווען און די געשיכטע דערפֿון וואָס זײַן פֿאָטער האָט אויפֿגעטאָן. איר האָט געוווּנדערט וואָס ער פֿאַרשטייט דאָס זייער גוט. די וועלט איז אויפֿגעטרייסלט געווען פֿון גרויסע געשעענישן וואָס האָבן פֿאַרבײַגעלאָזט דאָס דאָרף. און ווען אירע אַנדערע קינדער, דרײַ פֿון זיי יינגלעך און די אַנדערע פֿיר מיידלעך, זײַנען אויפֿגעוואַקסן האָט זיי וואַריניע ווידער און אַ סאַך מאָל דערציילט די געשיכטע... ווי־אַזוי אַ פּאַשעטער מענטש, וואָס איז געווען אַ שקלאַף, האָט זיך אַקעגנגעשטעלט דער טיראַניי און דער אונטערדריקונג און ווי־אַזוי פֿיר יאָר צײַט האָט די מאַכט פֿון רוים געציטערט באַם בלויזן דערמאָנען זײַן נאָמען. זי האָט זיי דערציילט פֿון די שרעקלעכע מינעס ווו ספּאַרטאַקוס האָט געאַרבעט און ווי־אַזוי ער האָט זיך אָף דער צירק־אַרענע געשלאָגן מיט אַ קינזשאַל אין דער האַנט. זי האָט זיי דערציילט ווי ליב און גוט און צוגעלאָזן ער איז געווען און האָט אים קיינמאָל ניט אויסגעטיילט פֿון די פּאַשעטע מענטשן צווישן וועמען זי האָט געלעבט. נאָכמער, ווען זי האָט גערעדט וועגן ספּאַרטאַקוסעס כאַווירים, האָט זי געהאַט די געוווינהייט אָנצווײַזן אָף דעם אָדער יענעם פּויער פֿונעם דאָרף ווי אַ בײַשפּיל. און ווען זי פֿלעגט דערציילן די מײַסעס, פֿלעגט איר מאַן זיי אויסהערן מיט פֿאַרוווּנדערונג און קינאָה.

ניט קיין גרינג לעבן האָט וואַריניע געלעבט. זי האָט געאַרבעט פֿון זון־אויפֿגאַנג ביז זון־פֿאַרגאַנג, געזייעט, געגראָבן, גערייניקט, געשפּונען און געוועבט. איר ליכטיקער פּאָנעם איז פֿון דער זון פֿאַרברוינט געוואָרן און איר שיינקייט איז אַוועק; נאָר זי האָט זיך קיינמאָל ניט שטאַרק געקימערט וועגן איר שיינקייט. יעדן מאָל ווען זי פֿלעגט זיך פֿאַרטראַכטן און דערמאָנען איר פֿאַרגאַנגענהייט, האָט זי געפֿילט אַ דאַנק פֿאַר דעם וואָס איר לעבן האָט איר געגעבן. זי האָט שוין ניט געוויינט אָף ספּאַרטאַקוסן. איר לעבן מיט ספּאַרטאַקוסן איז פֿאַר איר געווען עפּעס אַזוינס ווי אַ כאָלעם.

ווען איר ערשטער זון איז אַלט געוואָרן צוואַנציק יאָר, האָט ער באַקומען אַ היציק שלאַפֿקייט און צו דרײַ טעג איז ער געשטאָרבן. זײַן טויט איז געווען אַ שנעלער און אָן גרויסע לײַדן, און ווי נאָר איר מאַן, אירע טעכטער און אירע זין האָבן אים באַוויינט, האָבן זיי אים אין טאַכריכים אײַנגעהילט און אין דער ערד אַרײַנגעלייגט.

און שוין נאָך איר טויט זײַנען פֿאָרגעקומען די גרויסע ענדערונגען אין יענעם אָרט. מען האָט געהעכערט די שטײַערן און די העכערונג איז געווען אָן אומויפֿהערלעכע. אין איינעם אַ זומער איז געווען אַ טריקעניש און דער גאַנצער שניט איז פֿאַרלוירן געגאַנגען און עס זײַנען אָנגעקומען רוימישע זעלנער. די מישפּאָכעס וואָס האָבן נישט געקענט באַצאָלן דעם שטײַער,

האָט מען פון די הײַזער אַרויסגעטריבן ווי בעהיימעס. פון זייער ערד אוועק־געריסן און, געשמידטע האַלדז צו האַלדז, האָט מען זיי געטריבן צו אַן אָרט, וווּ מען האָט זיי פאַרקויפט אָף צו באַצאַלן רוים.

נאָר ניט אַלע וואָס האָבן זייער שניט פאַרלוירן האָבן אונטערטעניק זיך אונטערגעוואָרפן זייער גורל. ספּאַרטאַקוס און זײַנע ברידער און שוועס־טער פון דעם דאָרף זײַנען אַנטלאָפן צו צאָפן אין די וועלדער, וואָס האָבן זיך געצויגן ביז די לאַפּן־שפּיצן. זיי האָבן דאָרט געלעבט אַ לעבן פון נויט און פון לײַדן, זיי האָבן זיך געשפּײַזט מיט וואָרצלען און ווילדע פּרוכטן און פון דעם קליין ביסל יאַגד. נאָר ווען אָף דער ערד וואָס איז געווען זייערע, האָט מען אויפגעשטעלט אַ נײַ דאָרף, זײַנען זיי אַראָפּ אונטן און האָבן דאָס אונטערגעצונדן און צוגענומען וואָס דאָרט איז געווען.

די זעלנער האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין די וועלדער און די פּויערים האָ־בן זיך פאַראייניקט מיט די באַרג־שוואַטים צו קעמפן קעגן די זעלנער און די מאַכט פון די אויפגעשטאַנענע איז טיילמאָל געווען אַזוי גרויס, אַז זיי פלעגן זיך אַראָפּלאָזן אין טאָל צינדן און רויבן.

אַזאַ לעבן האָט געלעבט ספּאַרטאַקוסעס זון און ווי זײַן פאָטער האָט ער געלעבט און איז געשטאָרבן... געשטאָרבן אין קאַמף און געשלעג. די מײַסעס וואָס ער האָט דערציילט זײַנע קינדער זײַנען ניט געווען אַזוי דײַט־לעך און געניי. פון די מײַסעס זײַנען געוואָרן לעגענדעס און פון די לע־גענדעס סימוואָלן, נאָר די מילכאָמע פון די אונטערדריקטע קעגן די אונ־טערדריקער האָט ווײַטער אָנגעהאַלטן. געווען איז עס אַן אָנגעצונדענער פלאַם וואָס האָט זיך געהויבן אַף אַרויף אָדער געפאַלן, נאָר האָט זיך קיינ־מאָל ניט אויסגעלאָשן... און דער נאָמען ספּאַרטאַקוס איז קיינמאָל ניט אַוועקיעקומען. געווען איז עס שוין ניט קיין בלוט-אָפּשטאַם, נאָר דער אָפּ־שטאַם פון אַ געמיינזאַמען קאַמף.

עס וועט קומען אַ צײַט ווען רוים וועט געבראָכן ווערן... שוין ניט בלויז דורך שקלאַפן, נאָר דורך שקלאַפן, קנעכט, פּויערים און פרײַע פרעמדלער, וואָס וועלן זיך צו זיי אָנשליסן.

און אַזוי לאַנג דער מענטש וועט אַרבעטן און אַנדערע מענטשן וועלן צוּנעמען און געברויכן די פּרוכט פון די וואָס אַרבעטן, וועט דער נאָמען ספּאַרטאַקוס דערמאָנט ווערן, טיילמאָל שטיל געפּליסטערט און אַן אַנדערש מאָל קלאָר און הויך אָפן קאָל אַרויסגערעדט.

Este libro se terminó de imprimir el 29 de noviembre de 1955, en los Talleres Gráficos de Simón Eidelman, México 2230, Buenos Aires.